STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05606

DI KENIGIN IZEBEL

Shmuel Izban

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Hilda Weissman Mintzes
in memory of
Jack Weissman, a hero to us all*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איזבאַן

די קעניגין איזבל

בוך

39

שמואל איזבאַן

די קעניגין איזבל

היסטאָרישער ראָמאַן

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „ידבוך"

ביי דער
„געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1960



די מגוכה פון ישראל

אינהאַלט:

בוך זעקס

דער וויינגאָרטן אין יזרעאל — — — — — — — 7

בוך זיבן

דער קרוינטרעגער און דער נביא — — — — — — 113

בוך אַכט

דער טויט פון מלכים — — — — — — — — — — 213

בוך נײַן

יהוא׳ס אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — 311

בוך זעקס

דער ווײַנגאָרטן אין יזרעאל

א

סוף ווינטער, ווען די שפעטע רעגנס זענען געווען איינגעזאַמלט אין די גריבער און די טייכן זענען געווען פול, איז נעמה, די וואָרזאָגערין פון בית־אל אָנגעקומען קיין שומרון צו משפּטן זיך מיט דעם עלטסטן כהן טלמון. זי איז אָנגעקומען אין אַ פרימאָרגן, און ווי נאָר דער רייטוואָגן איז אַריינגעפאָרן אין טויער פון די שופרות, האָט זי דעם אָנטרייבער געהייסן זיך אומקערן שטילער־הייט דורך דער אויבערשטער שטאָט, און אַליין איז זי אין געאייל אַריינגעגאַנגען אין מאַרק פון איידלשטיינער און געווירצן; דאָרט האָט זי אויפגעוועקט דעם ערשטן בעטלער, וואָס האָט געדרימלט הינטער אַ בויד, אָנגעשטאָפּט מיט קוישן צירונג. זי האָט אים געגעבן אַ געשאַנק — אַ נאָזרינג, וואָס זיין וואָג איז געווען ווי צוויי גאָלדשטיק, און געזאָגט:

— אַ פרעמדע בין איך אין שטאָט. פיר מיך צום הויז פון די ריכטער.

צום הויז פון די ריכטער האָט נעמה געוואָלט אָנקומען פרי, אַז דער שופט זאָל דער ערשטער משפּטן צווישן איר און דעם, וואָס רויבט־אויס דעם טעמפּל אַ גאַנץ יאָר, און אַצינד איז אים געוואָרן ווינציק דאָס גאָלד פון די פרידנאָפּ־פערס און ער האָט אויך אָנגעהויבן זי צו באַגזלענען און צונעמען איר געלט פון די נדרים, וואָס די אומגליקלעכע קומען קויפן אין טעמפּל. אַ גערעכטן שטרייט האָט זי געברענגט קיין שומרון. צוליב איר קומען די אָפּגענאַרטע אין הויז פון בעל נאָך באַשייד צו זייערע חלומות, ווייל זי ברענגט רו פאַר זייער האַרץ און מנוחה פאַר זייער נשמה; אָבער דאָס געלט פאַלט־אַריין אין בייטל פון פּעטן טלמון, וואָס האָט נישט מורא פאַר שטראָף אין זיין שטאָט. און ווי נעמה האָט אַזוי געאיילט צום הויז פון גערעכטיקייט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז נאָך איין באַגער טראָגט זי אין איר האַרץ ביים אָנקומען אין דער גרויסער שטאָט: געפינען אַ ווינקל אין איזבל׳ס פּאַלאַץ. נאָך תורתונא׳ס טויט איז געבליבן אָפן פאַר איר אַ קאַמער. איזבל׳ס בייטש איז געווען דער אָנזאָג פון תורתונא׳ס אונטערגאַנג. זי האָט דאָס געזען אין יענעם טאָג, מיט צוויי יאָר

פריער, ווען די קעניגין האָט איר געטרייע געשמיסן פאַרן מזבח אין בית־אל. אָבער נעמה האָט געלויערט שלוי, אַזוי ווי עס לויערט א פוקס נאָך דעם טאָג פון געווינס. אין דעם קעניגס הויז עפנט מען מער נישט דאָס טויער פאַר א קלוגער און שיינער פרוי; זי מוז זיך אריינרייסן ווי א שטורעמווינט, אָדער זיך שטעלן אויף דער שוועל ווי אַן אונטערטעניקע דינסט.

און נעמה איז גרייט געווען מיט איר קלוגשאַפט צו דינען די מלכה, און מיט איר שיינקייט צו וואַרעמען דאָס האַרץ פון דעם איינזאַמען קעניג. צו־מאָרגנס נאָך דער מלחמה, האָט איר פעטער פקחיהו, די רעכטע האַנט פון אחאב׳ן, געשריבן פאַרמעטענע בריוו, אַז זי זאָל קומען קיין שומרון, וואָרן דער קעניג איז טרויעריק פון דעם ריח פון בלוט; ער האָט פאַרוויסט בן הדד׳ס שטאָט, אָבער זיין האַרץ איז געבליבן פאַראומערט; זיין אָרעם איז שטאַרק, אָבער די מלכה שאַצט נישט אָפּ זיין גבורה. אין יענעם טאָג ווען ער האָט זיך אומגעקערט מיט נצחון, האָט א נזיר פון מדבר אים אָפּגעוואָרט מיט א פלוך אויף די ליפּן, וואָרום אחאב האָט לעבן געלאָזט דעם הערשער פון אַרם. ווי איינזאַם מוז זיין אַזא מלך, —האָט נעמה צו זיך גערעדט,— ער געווינט מלחמות, אָבער עס שפּעט אָפּ פון אים די מלכה; ער איז א גיבור אין שלאַכט, אָבער אונטערטעניק אין פּאַלאַץ. ווער איז דער קעניג פון ישראל? — א קריגספירער מיט א גרויזאַמער מלכה ביי זיין זייט! א פּחדן ביי זיינע איי־גענע פירשטן, א הערשער אָן א קעפּסווייב, וואָס זאָל זיך לייגן ביי זיינע פיס און טרייסטן זיין נשמה.

און נעמה האָט נישט געפאָלגט פקחיהו׳ן און זיך נישט באַזעצט אין שומ־רון, ווייל זי איז נאָך נישט רייף געווען צו טראָגן אויף זיך דעם האַס פון איזבל׳ן. פאַר אירע אויגן איז אָפּט אויפגעגאַנגען די זעאונג, ווי איזבל שטייט מיט דער בייטש אין טעמפּל און אירע שמיץ פאַלן אויף תורתונא׳ס לייב, און א שוידער האָט דורכגעשניטן איר האַרץ. און אויך ווען איתמר׳ן האָט זי געוואוסט, אַז איבער דעם טויט פון תורתונא׳ן האָט דער שלאַכטמאַן לאַנג געליטן פּיין. פאַר דער קעניגין האָט ער געשוויגן, אָבער צו פקחיהו׳ן האָט ער געזאָגט: פאַר מיר איז זי געווען אַזוי ווי א פעלז. דער שטורעמווינט האָט זי נישט געקאָנט צע־טרייסלען. אין דעם גרויסן אָפענעם הויף איז תורתונא געווען א ווילדע לוסט־פרוי, אין מיין קאַמער האָבן אירע ליפּן גערעדט נאָר רייד פון לויטערער ליבשאַפט.

און נאָך האָט נעמה געוואוסט, אַז שטאַרקע מענער טרויערן נישט לאַנג אויף טויטע פרויען. דער ים איז פול מיט פיש, דער גאָרטן מיט בלומען, און דעם קעניגס שטאָט איז פול מיט שפּילווייבער. אין יענעם טאָג, ווען נעמה וועט זיין גרייט צו ברענגען לוסט צו פירשטן און הויפּטלייט, וועט זי אויך

נישט פארבייגיין איתמר'ן. נעמה איז נאכגעגאנגען דעם בעטלער, וואס איז שוין פארביי דעם שטיינערנעם פלאץ פון די דריי ברונימער, און זיך געפרעגט: אפשר איז היינט נישט נאר דער טאג צו ברענגען איר משפט פאר די ריכטער, נאר אויך דער טאג צו זוכן איר ארט נעבן קעניג? אחאב האט געוואונען צוויי מלחמות און איזבל האט זיך נאך נישט געשטארקט נאך דער אויסשלאכטונג פון די ערשטע בהנים. נעמה אליין ווייסט דעם סוד, אז ווען דער געטלעכער מאן אליהו האט אויסגעהרגעט איזבל'ס נביאים ביים טייך קישון, האט אפילו בעל נישט אנגענומען איזבל'ס קרבן, און זי איז געבליבן פארשעמט אין די אויגן פון פאלק. אצינד איז זי, נעמה, אריינגעקומען אין דער העכסטער שטאט, און די גאסן וואס אויף זיי טרעט זי, זענען טרעפ צו מאכט.

די ריחות פון די גערטנער און דאס שארפע ליכט פון דער זון, וואס האט געפלייצט איבער די ווייסע הייזער, האט געשטארקט איר לוסט. זי האט אבער געהערט, אז אויפן וועג צום קעניגס שטול מוז א פרוי דורכגיין א קאמער הינ־טער א קאמער. עס וועלן אוועק לאנגע טעג און אומענדלעכע נעכט, און ווען זי וועט שוין זיצן הינטער דעם מלכ'ס וואנט מיט דינסטן און קנעכט, וועט מען ווייזן אויף איר מיט די פינגער:

— געקומען איז זי זיך משפטן מיט א כהן, אבער געוואונען האט זי פאר זיך די ריכטער.

און נאך וועט מען אויף איר טייטלען:

— געקומען איז זי פארפירן א שלאכטמאן, אבער געפאנגען האט זי דעם קעניג.

מיט דער לוסט זענען געקומען די באגערן, און נעמה האט אצינד איילנ־דיקער געשפרייזט איבער די העכערע גאסן, וואס זענען געווען אויסגעלייגט מיט ברייטע, פלאכע מירמלשטיין־טרעפ. זי איז פארבייגעגאנגען טויער־זיילן פון רויטע פעלזן; זי האט געהערט דאס געלעכטער פון קינדער, וואס שפילן זיך פאר די הייזער און פרייגעבע פרויען, וואס גייען צו די ברונימער אנפילן זייערע קרוגן. שומרון האט פארבלענדט די וועלט. זי האט געקוקט אויף דער שיינער שטאט, אבער פלוצים האט זיך פאר אירע אויגן געשטעלט א דינער נעפל און צוריקגעמישט אירע יארן. זי האט געזען די געשטאלט פון איר פע־טער פקחיהו, ווען ער האט זי אריינגענומען אלס קליין מיידעלע אין זיין הויז. נעמה איז געווען א יתומה. איר מוטער איז געשטארבן נאך דעם ווי זי האט נעמה'ן געבוירן, און איר פאטער עבן, דער קריגסמאן, איז געפאלן אין מלחמה. ווען די טעג פון טרויער זענען פארביי, האט זיין ברודער פקחיהו אויסגעווישט אירע טרערן און צו איר געזאגט: איך וועל דיך דערציען ווי א יונגפרוי פאר דעם פאלאץ!

ער האָט זי געבראַכט אין זיין הויז אין שומרון, און זי געפירט זען דעם טעמפּל אין דער צייט ווען די כהנים שלאַכטן די קרבנות. אָבער נעמה האָט געהאַסט די טענץ פון די קדשות; זי האָט ליב געהאַט שפּילערייען און געוואָלט וויסן די סודות הינטער דעם ליכט פון די שטערן. אין איר פעטערס הויז איז געווען א יונגער קנעכט, מנוח, אן עמוני, וואָס האָט נאָכן זונאונטערגאַנג גע־קאָנט פאָרויסזאָגן די גורלות פון מענטשן. מנוח דער קנעכט האָט געריי̇ניקט דעם שטויב פון די פיס ביי זיין האר, אָבער פאַר נעמה'ן איז ער געווען העכער פון די פּריסטער, ווייל ער האָט געוואוסט פון וואַנען עס קומט די גבורה פון דעם דונער און דאָס פייער פון דעם בליץ. אין די קילע באַגינענס האָט מנוח דערציילט פון דער קראַפט ביי די געטער, וואָס רעגירן מיט דעם באַשאַף. פקחיהו האָט זיך דערוואוסט פון זיינע לעסטערונגען און אים געוואָלט ארויס־טרייבן פון הויז, אָבער די קליינע נעמה האָט מיט געוויין אויסגעבעטן, אַז דער קנעכט זאָל בלייבן, ווייל ער איז צו איר ליבער פון א ברודער. ער איז געווען א שיינער, מיט שוואַרצע קרייזן האר, ווי פלעכטן, מיט גלוסטיקע ליפּן און אָנ־געצויגענע באַלענס אויף די אָרעמס.

ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים ליב. איר ליבע האָט זיך צעבליט, אָבער דער קנעכט האָט זיך געשראָקן צו באַרירן די הויט פון דער יונגפרוי, וואָס איז געווען טייער ווי דאָס אַפּל פון אויג ביי זיין האר. אויס פּחד האָט ער זיך דערווייטערט פון איר, אָבער נעמה איז אין דער שטיל אויסגעגאַנגען נאָך דעם איידעלן קנעכט; פאַר אירע אויגן איז ער שטענדיק געשטאַנען אין פלייש און אין בלוט מיט זיין ברוינעם שטאַרקן גוף און גלוס־טיקן מויל. איר האַרץ האָט געפּלאַטערט. אין אירע אויסדאַכטענישן ביינאַכט, האָבן אירע פינגער זיך געגליטשט איבער זיינע קנאַכיקע אַקסלען און אירע ליפּן האָבן געגרעדט אומפאַרשעמטע ווערטער, וואָס זענען א בושה פאַר א טאָכטער פון א קריגסמאַן אין ישראל. פקחיהו האָט נישט פאַרגעסן, אַז נעמה איז גע־בוירן געוואָרן אַזוי ווי ער, צו דינען אין קעניגס הויז, און ער האָט געוואָרט אויף דעם טאָג ווען ער וועט זי קאָנען צעשיידן פון דעם עמוני, דעם שקלאַף. איין מאָל האָט ער אים פאַלש חושד געווען אין גנבענען פינף גאָלדשטיקער פון זיין בראָנזענעם קרוג, און ער האָט געהייסן די ריכטער זאָלן אים שיקן צו דער שטיינער־וואַנט. פאַר דעם טויט פון דעם קנעכט האָט נעמה קיינמאָל פקחיהו'ן נישט פאַרגעבן. איר טרויער נאָך מנוח'ן איז געווען גרעסער ווי דער טרויער נאָך איר פאָטער, ווייל פון אים האָט זי געלערנט, אַז אין דעם ליכט פון די שטערן און אין דער טונקלקייט פון די חלומות ליגט דער באַשייד צו די ליידן און גליק פון די מענטשן.

צו זעכצן יאָר איז נעמה ארויס פון פקחיהו'ס הויז און געוואָרן א וואָרזאָ־

גערין אין דעם קליינעם טעמפל פון בית־אל. זי האָט פּאַרויסגעזאָגט לעבן און טויט ביי די זינדיקע, און געברענגט רו און טרייסט צו די דערשראָקענע. פּקחיהו האָט באַפוילן דעם עלטסטן כהן צו צאָלן איר דאָס געלט פון די נדרים, און צו נעמה׳ן האָט ער שפּעטער געשריבן בריוו, זי זאָל זיך אומקערן קיין שומרון. זי איז געבליבן אין בית־אל. פינף יאָר האָט זי געדינט מיט די כהנים, און קיין מאן האָט זי נאָך נישט דערקענט. אויפן זעקסטן יאָר האָט א יונגער פּריסטער, מיט גליענדיקע אויגן און א געזאָלבטער באָרד, אָנגעהויבן מיט איר צו לערנען שפּילן אויף א האַרפע און אויף א ציטרע. ער האָט גערעדט צו איר הייסע רייד און זי האָט אים נישט אָפּגעשטויסן. ער האָט געוואָלט טיילן איר געלעגער און זי האָט אים מיט חרפּה פאַרטריבן. אָבער צומאָרגנס איז ער צוריקגעקומען און זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן. אין יענע טעג האָט זי דערשפּירט איר איינזאַמקייט און געבענקט נאָך טרייסט פון איר גוטן פעטער פּקחיהו, וואָס האָט איר נאָכאַנאַנד גערופן צו זיך. אָבער נעמה האָט צו זיך געזאָגט: איך וועל פאַרלאָזן בית־אל ערשט דאַן, ווען בייז וועט מיר געשען.

און דאָס בייז איז געשען, ווען דער עלטסטער כהן טלמון האָט באַרויבט איר חלק אין טעמפּל. אין יענעם טאָג, איידער זי האָט פאַרלאָזט בית־אל, האָט זי זיך געשטעלט פאַר דעם קופּערנעם שפּיגל אויף דער וואַנט און דערזען איר שיינקייט, וואָס דינסטן וועלן פון היינט־אָן אויפּפרישן מיט שמעקעוודיקע זאַלבן און געווירצן. אַלע אָנגעזאַמלטע באַגערן פון א רייפער פרוי, וואָס האָט בלויז איין מאָל דערקענט א מאַן, האָבן ארויסגעקוואָלן פון נעמה׳ן. זי האָט אָנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד פון בלויען וואָל, און אויף איר האַלדז האָט זי ארומגעוויקלט א געפלאָכטענע פּערלשנור, וואָס עס טראָגן נאָר רייכע האַרינטעס. דערשטיקטע גלוסטונגען האָבן געשוימט פון איר לייב, און זי האָט אצינד געוואוסט אויף זיכער, אז צוויי כוחות האָבן זי גערופן אין דער העכסטער שטאָט פון ישראל: דאָס הויז פון דעם ריכטער און דעם קעניגס רעכטע האַנט — פּקחיהו. די דאָזיקע כוחות וועלן זיין פאַר איר ווי זיילן, און אויף די דאָזיקע זיילן וועט זי זיך אָנשפּאַרן.

ווען דער בעטלער האָט זי צוגעפירט צו א ווייסן בנין מיט פּאָרפיר־טרעפּ, וואו דער געלענדער איז געווען אונטערגעשפּאַרט פון רויטע, קינסטלעכע פעלזן, האָט נעמה אריינגעשטופּט אין זיין האַנט נאָך א גאָלדענע מטבע און אים אוועקגעשיקט. זי האָט זיך ארומגעקוקט. די זון האָט געפּלייצט איר ליכט אויף דער וועלט, די לופט האָט געציטערט אין דער בלויער לויטערקייט, און ווייסע טויבן זענען אָנגעפלויגן מיט א וואָרקעריי. עס זענען פאַר נעמה׳ן אָנגענעם געווען די דופּטיקע גערוכן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די טייטלביימער און האָניקבלומען, ווען זי איז געשטאַנען ביי די טרעפּ פון געריכטהויז.

ב

אין הויף הינטערן הויז פון די ריכטער, האָט געררוישט ווי נאָר דאָס פרי־מאָרגן־ליכט איז אויפגעגאַנגען איבער שומרון. פון דער אונטערשטער שטאָט זענען מענטשן אָנגעקומען: די רעכטספּאַרטיקע און די פאַלשע. ביים פאַר־מאכן טויער, צווישן די זיילן, האָבן זיך געשטופּט די אָנקלאָגער און די, וואָס זענען געווען אָנגעקלאָגט, ווארום יעדער איינער האָט וואָס־פריער זיך געוואָלט שטעלן פאַר דעם שופט בתואל, וואָס דער קעניג האָט אים ארויסגעהויבן פון פאָלק, ער זאָל אונטערשיידן צווישן רעכט און אומרעכט און משפטן צווישן שולד און אומשולד. אָבער דער, וועלכער איז געשטאַנען העכער פון המון און איינגעטיילט שטראָף און באַלוינונג, האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אין הויז פון די ריכטער; ער איז נישט געקומען פריער איידער ער האָט גענומען די פרי־מאָרגן־באָד, איידער די דינסט האָט געזאַלבט און געקרייזלט זיינע האָר, און איידער ער האָט געעפנט די ליפּן מיט א קורץ געבעט צום באַשעפער, אז ער זאָל אים געבן א ריין הארץ און א קלאָרן פארשטאַנד פאַר דעם טאָג פון משפטים.

און ווי דאָס געררויש אין הויף איז געוואָרן העכער און העכער, האָט דער נידעריקער שמש יותם, וויינציק אין מאָס און שוואַרץ ווי א כושי, זיך באַוויזן פאַרן טויער און גערופן די אָנקלאָגער צו די פּאַרמעט־שרייבער, אז זיי זאָלן אין פאָרויס פאַרשרייבן זייערע טענות — דער שופט טאָר נישט פאַרלירן צופיל צייט ביים אויסהערן א סך אייטעלע רייד. ער האָט איינגעשטעלט די פרויען, וואָס האָבן געיאָמערט ווי קלאָגווייבער און אָנגעשריגן אויף די יונגען, וואָס זענען אָנגעלאָפן באַצייטנס צו פאַרקויפן זייערע טייטלען, פייגן און ניס. דער הויף איז שוין געווען פול מיט אלמנות, יורשים און הענדלער. די וועכטער האָבן געהאַט שפּיזן אין פאַנצערס, אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן די שטרייטן און איינשטילן די רייד פון די אומצופרידענע, וואָס האָבן געמורמלט:

— די ריכטער אין שומרון! מען קאָן יעדן אָפּקויפן מיט א פעלעכל ווייַן!

— ביי די רייכע נעמען זיי גאָלדשטיקער און די אָרעמע שיקן זיי אין געפענגעניש!

— די, וואָס טיילן־אוים היינט גערעכטיקייט, זענען ערגער פון די שופטים אין די פרעמדע שטעט. זייערע ריכטער־בענק האָבן געמעגט שטיין אין צידון!

דער שמש יותם האָט אין געאייל אָנגעהויבן אויסשטעלן אין רייען דאָס געמיינע פאָלק און געגומען לערנען די פּראָסטע ווי צו ריידן צו דעם, וואָס איז געאכפּערט ביים קעניג און אָנגעזען ביי די כהנים.

ווען דאָס אייזערנע טויער האָט זיך געעפנט, האָט א האָרנבלאָזער אויפגעשאָלט דריי מאָל, און דער ריכטער בתואל איז דורכגעגאנגען דעם הויף; ער איז געווען הויך און אויסגעשטרעקט. דער ווייסער מאנטל מיט דעם גילדערנעם אויסגעשטריקטן קאָלנער איז לויז געהאנגען איבערן נאַקן און די בלויע מצנפת האָט העכער געמאכט זיין געשטאלט; זיינע אויגן האָבן נאָך געשלומערט און די באַקן ארום די ראמען באָרד זענען געווען פול מיט קאַרבן. דער שופט האָט, גייענדיק פאָרויס, אָפּגעטריבן די וואָס האָבן אין מיטן וועג פאר אים געוואָלט דערציילן זייערע שטרייטן, און ער האָט גערופן צו זיך דעם שמש. אויף זיינע ליפּן איז געווען צאָרן און שפּאָט, ווען ער האָט געקוקט אויפן המון.

— עס וועט זיין א גרויסער טאָג מיט קליינע משפטים, יותם — האָט ער געזאָגט.

אָבער יותם האָט הינטערליסטיק ארויפגעקוקט צום שופט און געשמייכלט:

— די קליינע משפטים זענען ווי צאַפּלדיקע פיש, וואָס מען קאָן אין איין נעץ אריינגעמען; אויף איין וואָגשאָל קאָן מען זיי אָפּוועגן. פאר די גרויסע שטרייטן, ריכטער בתואל, האָב איך מורא זיי זאָלן אוועקנעמען דיין רו.

— ווער וואַרט אויף מיר מיט גרויסע משפּטים?

דער שמש האָט דערציילט פון פיר אָנגעזעענע לייט, וואָס קומען בעטן גנאָד אין הויז פון די ריכטער: דער מינצנגיסער פון חמתן, א פּאָר כהנים פון קדש, א נגיד פון גרויסע לאַנד־גיטער אין בית־שאָן און א צינזהאַר וואָס איז ארויסגעטריבן געוואָרן פון פּאַלאַץ.

בתואל האָט גערעדט מיט א געבייזער:

— צי מוז איך דען זיצן און אויסהערן די, וואָס נאַרן־אָפּ די מלוכה? די רייכע און פעטע האָבן נישט מורא פאר דעם הויז פון גערעכטיקייט. איך משפּט זיי מיט א האַרבער שטראָף, אָבער די קעניגין אליין נעמט זיי אראָפּ פון די טרעפּ פון טויטן־הויז.

יותם, מיט א פּנים פון א תם, האָט זיך איינגעבויגן, ווי זיינע אויערן וואָלטן נישט פארנומען די ביטערע רייד, און ווייטער דערציילט:

— דער מינצנגיסער פון חמתן וויל אויסקויפן אלע פאלשע מטבעות, וואָס

ער האָט געמאַכט. די כהנים פון קדש פאַרדערן באַגנאַדיקונג פאַר די צוגענו־מענע צוויי הונדערט לעמער. דער נגיד פון די לאַנד־גיטער איז וויליק צו באַצאָלן די בארויבטע שניטער. דער צינזהאַר האָט נישט קיין לוסט צו גיין אין געפענגעניש.

בתואל איז אריין אין טויער און מיט א שטרענג קול אָנגעזאָגט דעם שמש:

— פיר אריין פריער די אלמנות און די יורשים. די רויביונגען און פעל־שער זאָלן וואַרטן.

— דעם קעניגס שליח אליין וועט היינט קומען זיך איינשטעלן פאַר זיי — האָט יותם שטיל געזאָגט.

— פקחיהו?

— ער וועט קומען ערשט נאָך די קליינע משפּטים.

דער ריכטער האָט א צערודערטער געשטעלט גיכערע טריט פאָרויס, אָבער ער איז באלד געבליבן שטיין מיט א פינגער אויף די פליישיקע ליפּן — א צייכן אַז דער מוח איז נישט ריין פון ספקות. די דינע קאָרבן האָבן ווי שנירלעך זיך געצויגן ביז צו די שלייפן, דער שטערן איז געווען פאַרוואָלקנט און ער האָט אוממעכטיק אויפגעהויבן די אייערן, ווי אַן אָנזאָג צום הימל, אַז אין שומרון בינדט מען די הענט פון דעם שופט.

אינעווייניק, צווישן די בלויע ווענט, האָבן געוואַרט די פאַרמעט־שרייבער מיט איינגעוויקלטע מגילות, און צוויי וועכטער האָבן געהיט די שוועל צווישן די זיילן. דער ריכטער האָט זיך געזעצט אין מיטן, אויף א הויכער טרעפּ אויס־געהאַקט פון רויטן פעלזנשטיין, אונטער דער חופּה פון פּורפּור־געוואַנטן; צו־קאָפּנס זענען געהאַנגען בראָנזענע לייכטערס און ביי זיין רעכטער האַנט איז געשטאַנען א פאָן מיט ווייַרויך; פאַר די פיס איז געווען אויסגעשפּרייט א פעל פון א לייב. מען האָט צוערשט אריינגעפירט א מאָגערן, ברוינעם מאַן מיט דעם אויבערשטן האַלבן גוף אָפּגעדעקט. די ביינער פון יינע אקסלען זענען געווען שפּיציק, דער האַלדז הויך און דאָס קאָפּ־שיידל נאַקעט, ווי ביי איינעם פון די חרטומים פון מצרים. אנטקעגן אים האָט זיך געשטעלט א קליין־געוויקסיקע פרוי; זי האָט געהאַט ווייכע אויגן און קליינע הענט ווי ביי א קינד, אָבער אָנגעטאָן איז זי געווען אין טייערע געוואַנטן, באַדעקט מיט גאָלדענע האַלדזשנורן און צירונג פון גאַרפינקל און אַניקל.

דער מאָגערער מאַן איז געווען דער אָנקלאָגער. ער האָט מיט היציקע רייד דערציילט, אַז ער באַלזאַמירט די ביינער אין הויז פון טויט און זיין וואוינאָרט איז אין מצרים, אָבער די רייכע אלמנה האָט נאָך אים געשיקט, ער זאָל איינבאַלזאַמירן איר מאַן דעם נגיד, וואָס האָט איר איבערגעלאָזט זיינע לאַנדגיטער. זי האָט געזאָגט: מיין מאַן האָט געוואוינט אין שומרון, אָבער

גנעדיק איז ער געווען ווי א פירשט פון מצרים. זע, אז ער זאָל ווייטער לעבן ערנהאַפטיק אין קבר! און דער מצרי האָט געטון צו אים זיין רעכט, אזוי ווי צו א פירשט וואָס אויף יענער זייט פון גרינעם טייך; ער האָט אויסגערייניקט זיינע געדערים און די נעגל פון זיינע פיס האָט ער איבערגעצויגן מיט גאָלד, און זיין מוח האָט ער ארויסגענומען דורך די נאָזלעכער אין אים געשיקט צום אייביקן לעבן. אָבער די רייכע אלמנה האָט אים נישט באצאָלט ביז צום היינ־טיקן טאָג, איז ער געקומען אין הויז פון גערעכטיקייט מאָנען זיין לוין.

דער ריכטער בתואל האָט אויפגעהויבן א פינגער צו דער אלמנה, און זי האָט זיך צעוויינט, אז דער מצרי נארט נישט בלויז די לעבעדיקע, נאָר אויך די טויטע. דאָס פלייש פון איר מאן איז געוואָרן ווי שטויב אויפן ווינט. ביים לעבן איז זיין גוף געווען ריין ווי א לאַם און שטאַרק ווי א לעמפּערט, אָבער אין אָרון זענען די ביינער, נאָכן ערשטן חודש, צעפאַלן פון פּײלעכץ. די אלמנה האָט געוואַשן איר פנים מיט טרערן, און דער מצרי האָט געשוואוירן ביי זיינע געטער, אז באַרויבט האָט זי אים, ווייל א פרעמדער איז ער אין לאַנד. בתואל האָט זיך געקווײנקלט צווישן דין און רחמנות. ער האָט געשלאָסן די אויגן און דערנאָך האָט ער צוגעזאָגט, אויף צומאָרגנס אליין צו קומען און עפענען דעם קבר און זען די צעפאַלענע ביינער פון דעם נגיד, און די פּאַרמעט־שרייבער האָבן עס פארשריבן און דער שמש יותם האָט די צדדים ארויסגעפירט.

עס איז ארײנגעלאָפן א טומלענדיקער ווײנהענדלער מיט צאָרנדיקע אויגן און מיט א בייזע צונג. הינטער אים איז געלאָפן נאָכגעגאַנגען א בעל־הבית מיט געמאָסטענע טריט, וואָס האָט געהאַלטן די ליפּן פארזיגלט. דער ווײנ־הענדלער האָט געטייטלט אויף דעם מאן און געשריגן, אז זיין בעל־חוב איז ער, וואָרן ער האָט אים געהייסן אויסקוועטשן פרישן ווײן פון טרויבן און פון פייגן פאר דער סעודה ביי זיין זונס ערשטן ברית־מילה. זיבעצן שקלים איז אים גע־קומען פאר דעם ווײן פון טרויבן און דרייצן שקלים פאר דעם זאַפט פון פייגן, ווייל פול מיט אורחים איז געווען דאָס הויז לכבוד דעם רך הנימול. אָבער ווען ער איז געקומען נאָך דער שמחה אויפמאָנען זיין חוב, האָט דער בעל־גאווה גע־זאָגט, אז דער ווײן איז געווען פארזויערט, און ער האָט אים ארויסגעטריבן מיט חרפה. וואָס איז געשען צו שומרון? — האָט דער אָנקלאָגער געפרעגט, — איז דען נישטאָ קיין דין און משפט אין דעם קעניגס שטאָט, און יעדער פארשווענ־דער מעג צאַפּן ווײן און בלוט פון דעם אָרעמען הענדלער? ווי דער ווײנהענד־לער האָט אזוי געשריגן און געמאָנט צדק, האָט דער שטאָלצער בעל־חוב צוויי מאָל זיך פארנייגט כדי וואויל צו געפעלן דעם ריכטער, און די ברייטע אַרבל פון זיין רייכן מאנטל האָבן זיך געוויגט ווי פליגלען. אָבער בתואל איז געוואָרן שטרענג און צוגערופן די פּאַרמעט־שרייבער און געלאָזט פאר זיי הערן, אז דער

קויפער מוזן באצאָלן דרייסיק שקלים מיט דריי גאָלדשטיקער עודף, וואָרום פאַר־שעמט האָט ער זיין בעל־טובה ווען זיין ווייַן האָט פריילעך געמאכט די הערצער פון די אורחים אין טאָג פון זיין זונס שמחה.

עס האָבן זיך געשטופּט פאָרויס אַן אָרעמע אַלמנה, וואָס די שניטער האָבן נאָך אין שפּעטזומער אַראָפּגעטריבן פון פעלד פאַר קלייבן לקט; א פישער, וואָס דער צינזהאַר האָט ביי אים צוגענומען די נעצן; א קוכער אין א גאסט־הויז, וואָס דער בעל־הבית האָט אים פאַלש חושד געווען אין א גנבה פון א קופּערנעם שפּרינגבעקן. אָבער דער שמש יותם האָט זיי אַלעמען פאַרהאַלטן אין טיר און געמאַכט א וועג פאַר א קיילעכדיקן זקן מיט א גרויער האַלדזבאָרד, איינגעהילט אין אַן אויסגעריבענעם סדין; זיין רוקן איז געווען געבויגן; ער האָט געהאַט א שפּיציקן קאָפּ מיט א מויל אָן ציין, און אונטערגעפירט האָבן אים זיינע צוויי זין, וואָס האָבן מיט שטומע פינגער־צייכנס אָנגעוויזן דעם ריכ־טער, אַז זייער פאָטער איז געריכט פון זינען. אָבער דער זקן האָט מיט וויל־דער פרייד אַרויסגענומען פון א לעדערנעם שייד א מגילה און זי אויפגעוויקלט. אין זיינע אויגן האָבן אופגעלויכטן פייערלעך פון וואַנזין, וואָס זענען שאַרפער פון די בליקן ביי די מיושבדיקע וואָס ווילן ירשענען זיין געלט. ער האָט זיך איינגעבויגן פאַר דעם ריכטער, און דער שמש האָט זיך געאיילט צו דערציילן בתואל'ן, אַז דער אָנקלאָגער האָט געלאָזט שרייבן א צוואה וואָס איז נישט וואוילגעפעלן זיין משפחה, און די זין מאָנען, ער זאָל זיין לעצטן ווילן איבער־שרייבן, איידער ער וועט אַראָפּגיין אין קבר.

דער ריכטער בתואל האָט צוגערופן דעם אַלטן מאַן.

— רעד! — האָט ער באַפוילן.

און דער זקן האָט זיך דערנענטערט צום שטול פון גערעכטיקייט און געזאָגט:

— אין די אויערן פון דעם ריכטער וועל איך רעדן מיינע רייד. ביז היינט האָב איך נישט געהאַט קיין ווערט ביי מיינע יורשים. איך בין געווען שוואַך ווי א מילב. אָבער אצינד, ביים ראַנד פון מיין קבר, וועל איך א לייב צו זיי ווערן; א לייב מיט ציין, און זיי וועלן זיך שרעקן פאַר מיר אין מיינע לעצטע טעג אויף דער ערד. נישט מיין קראַנקער גוף, נאָר מיין איינגעטיילטע ירושה האָט אויף זיי א פחד אָנגעוואָרפן. ריכטער בתואל, מעג איך אַרויסלייענען דאָס געשריפט פון מיין פאַרמעגט?

— זאָל דיין צונג זיך נישט שרעקן, לייען!

דער זקן האָט באַפרייט זיינע אָרעמס פון די צוויי זין און געבליבן שטיין שטאָלץ אין טראַציק אויפן אויסגעשפּרייטן פעל פונעם לייב. ער האָט מער

נישט געדאַרפט זייער אָנשפּאַר, זיין אָנלען איז געווען דער שופט אויף פעלזנשטיין און די שריפט אויפן פאַרמעט.

— פאַר די אויגן פון ריכטער, פאַר די אויגן פון די פאַרמעט־שרייבער, פאַר די אויגן פון די וועכטער, —האָט ער אַרויסגעלייענט,— דאָס איז די ירושה וואָס עס לאָזט איבער אוריה, דער זון פון עדיאל, דער וואוילפאַרמעגלעכער, איידער ער קומט צו גאָט. צו מיין צווייט ווייב קטורה, לאָז איך איבער איר פירשט, וואָס האָט פאַרשווענכט מיין הויז, און זאָל זי וויסן, אַז איך בין נישט געווען אַזאַ לאַם ווי זי האָט געמיינט. און צו מיין ערשטן זון ירובעל, לאָז איך איבער דאָס פאַרגעניגן צו אַרבעטן מיט דעם שוויס פון זיין פּנים אויף מיינע פעלדער. צוואַנציק יאָר האָט ער געמיינט אַז דאָס פאַרגעניגן איז מיינס. ער האָט פאַלש געמיינט. און צו מיין צווייטן זון אחימלך, לאָז איך איבער צוויי זילבערנע שקלים, און מיין באַגער איז, אַז ער זאָל פאַר איין שקל קויפן אַ גראָבע שטריק און זיך אויפהענגען פאַר דעם באַטרוג, נאָך דעם ווי ער האָט געגלוסט צו זיין ברודערס ווייב. און צו מיין קנעכט תמי, לאָז איך איבער די קליידער, וואָס ער פלעגט ביי מיר גנבענען אין ראש־חודש און אין די פייערטעג. קיינער טאָר נישט ירשענען מיינע פעלדער, מיינע שייערן און מיינע רינדער, אויסער די פאַרטריבענע נזירים אין מדבר, וואָס זייערע קני האָבן זיך נישט געבוקט צו אַ פאַלשן גאָט. פון מיין ווייץ, פון מיין פעטס און פון מיינע פליישן זאָלן די פאַרכטיקע עסן נאָכן צוריקקער פון וויסטן לאַנד אין טאָג פון אָפּרעכענונג. ביים סוף פון מיינע טעג לאָז איך איבער צו מיינע קרובים שמאַך, צו מיינע פריינט צאָרן און צו גאָט — מיין נשמה.

דעם זקנס קול איז פּלוצים אויסגעגאַנגען. און ער איז אַן אָנמעכטיקער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון זיינע זין, וואָס זענען ווידער געוואָרן זיין אָנשפּאַר. פון צעטומלטקייט האָט דער ריכטער בתואל אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיינע פליישיקע ליפּן און צוגעשלאָסן די אויגן, ווי עס איז געווען זיין שטייגער ווען דער מוח האָט געמוזט פונאַנדערשיידן צווישן גערעכטע און פאַלשע טענות. אָבער אין יענער רגע איז צוגעקומען דער שמש יותם און איז איינגערוימט, אַז אַ אָנקלאָגערין פון בית־אל וואַרט אויף אים אין טויער; אַ אָנקלאָגערין אַ יונגפרוי, וואָס צוליב איר מעגן אַלע קליינע משפּטים אָפּגעלייגט ווערן. בתואל האָט געטראָפן, אַז זי מוז קומען פון אַ הויז פון יחוס, און יותם האָט נישט פאַרשפּעטיקט צוצוגעבן, אַז זי איז נעמה, די קרובה פון פּקחיהו, דעם קעניגס רעכטע האַנט.

און בתואל האָט אין איילעניש זיך אויפגעהויבן פון דער הויכער טרעפּ און פאַררוכט זיין מצנפת און זיך געלאָזט גיין פאָרויס, צום טויער. יותם איז נאָכגעגאַנגען און אויסגעגלעט די פאַלדן פון זיין מאַנטל. אין זיינע אייגענע אויגן

ש. א י ז ב א ן

איז בתואל אצינד געווען העכער פון המון און דערהויבענער פון די שרים, וואָרן דער אויסדערוויילטער פון קעניג איז דער אויסדערוויילטער פון גאָט. נישט נאָר פון שומרון, אויך פון דער ווייטער שטאָט בית־אל קומען די אָנקלאָגער צו דעם, וואָס זיין הארץ איז ריין און זיין פארשטאנד איז קלאָר, און זיינע אויגן זענען אָפן צו די פיר ווינקלען פון דער ערד.

ג

נעמה האָט געוואַרט הינטערן טויער ביי די פּאָדערשטע צוויי זיילן, און בתואל האָט אוועקגעשיקט יותמ׳ן און איז איר אנטקעגנגעגאַנגען. ער האָט זי צוגעפירט צו דער מירמלשטיין־באנק וואָס הינטער די ציפּרעסן, און זי האָט דערציילט, אז אָן פּקחיהו׳ס וויסן איז זי געקומען פון בית־אל און זי האָט גערעדט בימערע רייד אויף טלמון, דעם עלטסטן כהן. אָבער בתואל האָט שטום געקוקט אויף דער פּערלשנור ארום איר האַלדז. זיין האַרץ איז געוואָרן פרייד ווען זיינע אויגן האָבן גערוט אויף איר שיינעם נאַקן. זי איז געווען פריש ווי א ליליע אין טאָל און דער דופט פון איר ראָזער הויט, דאָרט וואו עס שיידן זיך די בריסטן, איז געווען שטאַרקער פון א בינטל מירע. אויף איין מאָל האָט די אויסדערוויילטקייט פון שופט זיך אָפּגעטון און געבליבן איז די נידעריקע לוסט פון יעדן זכר. ער האָט לייכט ארויפגעלייגט די פינגער אויף דער געפלאָכטענער פּערלשנור און געזאָגט:

— פּערל זענען קאַלט, טאָכטער. אויף דיין האַלדז זאָלן הענגען רויטע רובינען, רויט ווי בלוט און גליענדיק ווי פייער.

און נעמה, וואָס האָט פארשטאַנען די טראַכטונגען פון עלטערע מענער, האָט אים געשאָנקען א שמייכל פון צויבער.

— פאַר דעם עלטסטן כהן פון בית־אל זענען מיינע פּערל אויך צופיל, — האָט זי געזאָגט,— און דעריבער בין איך געקומען זיך משפּטן מיט אים.

— דיין שטרייט קאָנסטו אויספעכטן אויף דער שוועל פון פּאַלאַץ, טאָכטער, —האָט בתואל געזאָגט,— צוליב וואָס ביזטו געקומען צו מיר?

— שטייט דען נישט אין שומרון דאָס העכסטע הויז פון גערעכטיקייט?

— פּקחיהו, די רעכטע האַנט פון קעניג, איז דיין אָנלען.

— איך בין נישט בעסער פון די פּראָסטע פון פאָלק. מיין שטרייט וויל איך געווינען אין הויז פון די ריכטער.

אין בתואל'ס אויגן איז געווען גדלות, אָבער זיין קול איז געווען ווייך.

— דו ביזט אזוי דרייסט ווי דו ביזט שיין — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געלאַכט און ער האָט ווידער געזאָגט:

— דיין צונג איז לויז און דו רעדסט געשווינד.

אירע רייד זענען געווען געשווינד, ווייל געוואָלט האָט זי, דער שופט זאָל וויסן אז זי, די וואָרזאָגערין פון בית־אל, וואָס טוט פאַרזאָגן גורלות פון מענטשן, קאָן אליין שטרייטן איר שטרייט און נישט בעטן גנאָד ביי די האַרן. אויף איין רגע האָט זי אראָפּגענומען די אויגן פון בתואל'ן און זיי אויפגעהויבן צו דער זון איבער די ציפּרעסן־בלומען. קעגנאיבער דער באַנק זענען געשטאַנען צוויי קעלבערנע פיגורן מיט ראָזע העלדזער און אומבאַוועגלעך געקוקט אויף איר. די בלעטער־צווייגן האָבן געשפּרייט זייער ווייכן גרינס. דער פּרימאָרגן איז געווען ליכטיק און די טרעפּ צום קעניגס הויז זענען געווען ווי אויסגעבעט מיט בלויע טעפּיכער. קאָן עס זיין, אז אויך דער שופט ווייס, אז אין דער דאָזיקער שטאָט וואַרט אויף איר מאַכט? די באַגערן פון איר האַרץ זענען אזוי ווי די מחשבות אין זיין מוח. דער ריכטער קוקט אויף איר גלוסטיק; ער האָט באַ־האַלטענע תאווה'ס, אָבער ער איז אַלט; ער רעדט הילכיק, אָבער נישט באַפעלעריש. ער איז שטאָלץ, אָבער א פרוי קאָן אים בייגן, און זי האָט זיך אליין געפרעגט: ווען זי וועט בלייבן אין שומרון, וועט זי אויך אַמאָל הערשן איבער דעם, וואָס טיילט־אויס גערעכטיקייט אין שטאָט?

און אזוי ווי זי האָט געטראַכט אירע טראַכטונגען פון די טעג וואָס וועלן קומען, האָט בתואל געקוקט אויף דער שטראַלנדיקער נעמה, וואָס צו איר האָט דער כהן פון בית־אל אָן אומרעכט געטון. צוליב וואָס זאָל מען שטעלן פאַרן שופט א דינער פון איזבל'ן? פאַרוואָס האָט זי אים אַרויסגערופן אין מיטן די משפּטים אזוי ווי די, וואָס קומען מיט שוחד? אזעלכע פּערל אויפן האַלדז טראָגן נאָר רייכע האַרינטעס! איז איר האַרץ אזוי ריין ווי אירע אויגן? און בתואל האָט פּלוצים זיך דערמאָנט אָן א ריכטער, וואָס האָט אַמאָל אין איזבל'ס טעמפּל געמישפּט א ציגנזהאַר א רוביונג, און אים פרייגעלאָזן; און ווען דער נידערטרעכטיקער האָט געפרעגט, וואָס פאַר א לוין ער פאַרלאַנגט, האָט דער ריכטער געענטפערט: פאַר מיין לוסט — די היפּטן פון א יונגפרוי, און פאַר מיין מאָלצייט — די ריפּן פון א לאַם.

בתואל האָט זיך אזוי דערשראָקן פאַר דער מחשבה, אז אין די אויערן זענען אויפגעגאַנגען אַלע שטרענגע אָנזאָגן: „זאָלסט נישט האָבן אין דיין בייטל צווייערליי וואָגשטיקער — א גרעסערן און א קלענערן... און דו זאָלסט נישט טון אן עוולה אין א משפּט... און דו זאָלסט נישט שוינען דאָס פּנים פון אן אָרעמאַן און נישט שאַנעווען דאָס פּנים פון א גרויסן מאַן...".

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעגלייכט אויף זיין זיצאָרט. די קאַרבן איבער די ראַמען באָרד זענען געוואָרן טיפער און זיין קול שטרענגער.

— אין געאייל ביזטו אַוועק פון בית־אל, —האָט ער געזאָגט,— דו וועסט זיך אומקערן אהין. אַ טעמפּל אָן אַ פרוי איז ווי אַ בוים אָן אַ פויגל און ווי אַ זינגער אָן אַ האַרפע.

— איך וועל זיך נישט אומקערן צום טעמפּל ביז איך וועל מיין שטרייט געווינען. אין בית־אל בין איך אַ וואַרזאָגערין, אין דיין הויף בין איך אַ אָנקלאָגערין.

— אַזוי ווי דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, אַזוי וועט אומרעכט באַשטראָפט ווערן אין הויז פון גערעכטיקייט, אָבער נישט פריער איידער איך וועל דעם כהן טלמון רופן. אויב שולדיק איז ער, וועל איך אים הייסן פון טעמפּל אַרויסטרייבן. נאָך היינט וועל איך רעדן מיט דיין פעטער פקחיהו.

— איך בין אָן זיין וויסן געקומען — האָט נעמה דעם ריכטער דערמאָנט.

— מיין שמש איז געגאַנגען אים רופן, און קוק, שוין שטייט ער אין טויער!

פקחיהו, קורץ און קיילעכדיק, איז אָנגעקומען אַ שטראַלנדיקער. ער האָט געשטעלט גיכע שפּרייזן און זיין דיקער גוף האָט זיך געוואַקלט אין גאַנג. ער האָט מיט פרייד אויסגעשטרעקט זיינע הענט:

— טאָכטער מיינע, ביזט געקומען!

ער האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס און געקוקט אויף איר מיט דער פרייד פון אַ פאָטער צו וועמען אַ פאַרלוירענע טאָכטער איז צוריקגעקומען פון אַ ווייט לאַנד. דער דופט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון איר לייב, איז געווען ווי דער ריח פון אַ צייטיקן פלאַנץ. צו־לאַנג איז זי געווען אָפּגעשיידט פון אים און צופיל איז ער געווען פאַרטון מיט זיינע אייגענע לוסטן, אַז ער זאָל געדענקען אָן דער פאַרלאָזענער יתומה. ער האָט געזאָגט:

— וואָלט איך געוואוסט פריער, נעמה, וואָלט איך אַצינד מיט מתנות דיר אַקעגנגעגאַנגען.

זי האָט געקוקט אויף אים פאַרשעמט, און פקחיהו האָט געזען אין אירע אויגן אַ פייכטקייט אַזוי פריש ווי די טראָפּנס טוי אין באַגינען. זיין פרייד איז מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן פון אַ פאַרדאַכט, און ער האָט געטראַכט: די יתומה מוז אוודאי ליידן אין בית־אל. וואָס האָבן די רויבעריונגען אונטער איזבל׳ס אויגן איר געטון?

— ווי שיין דו ביזט, טאָכטער נעמה, —האָט ער צערטלעך געזאָגט,— זאָג מיר, וויפל בייז האָבן די כהנים דיר געטון? און פאַרוואָס האָסטו געוואַרט ביז טלמון וועט דיך טרייבן אהער?

— ערשט היינט האָב איך געזען מיין פעלער, —האָט זי געזאָגט,— איך

בין געבוירן געוואָרן אין א פרעמדער שטאָט. מיין וויג האָט אין שומרון גע־דארפט שטיין.

אירע רייד זענען געווען פאַלשע. אָבער אין פקחיהו'ס הארץ איז אויפגע־גאַנגען א שטורעם. ער אליין וועט דעם כהן בינדן אין קייטן און אים אראָפ־שטעלן אויף די קני פארן קעניג. בתואל, וואָס איז געשטאַנען אין א זייט, האָט זיך געוואונדערט: פקחיהו דער גרויזאמער, וואָס הייסט פארשטיינען די געטרייע פון מלך, איז אצינד ווייך פון ליבשאפט. פקחיהו האָט געמאכט א שריט פאָרויס. אוים פאַרדאכט, אז דער שופט קאָן זיין מילד צו דעם, וואָס ווערט רייך פֿין קרבנות פאר איזבל'ס אָפּגעטער, האָט ער אויפגעהויבן א פאָר שטרענגע אויגן אויף בתואל'ן, אָבער געריידט האָט ער הילכיק צו נעמה'ן:

— די ריכטער אין שומרון זענען אזוי ערלעך ווי די שופטים וואָס מישפטן אין ירושלים, וואָס איז די ריינסטע צווישן שטעט. עס איז דאָ א משפט פאר די, וואָס גנבענען פון מזבח און ווערן פעט פון דעם רויב פון יתומות. נעמה מיין טאָכטער, דו, וואָס ביזט געבוירן צו זיין א פירשטין אין פאלאץ, וויים, אז אין שומרון וועסטו פון היינט־אָן בלייבן, און איך, פקחיהו, וועל דיין שוץ זיין. ביז צום קעניגס טרעפ וועט דער עלטסטער כהן קומען דיר אַפּצאָלן מיט גאָלדשטי־קער. קום, די דינסטן רייניקן שוין פאר דיר א קאמער.

בתואל האָט אים געוואָלט פארהאלטן און פרעגן אויף די נאָענטע אין פא־לאץ, וואָס ער שיקט צו אים מיט זייערע משפטים. ער האָט אים געוואָלט אָנ־זאָגן, ער זאָל הייסן רופן דעם כהן טלמון, אָבער פקחיהו מיט נעמה'ן זענען שוין געווען אויף יענער זייט טויער, און דער ריכטער האָט גערופן דעם שמש יותם, ער זאָל זיך מיט אים אומקערן אין הויז פון גערעכטיקייט.

איבערן וועג צום פאלאץ, האָט דער פארזאָרגטער פקחיהו באגערט צו וויסן אלץ וואָס ס'איז צו נעמה'ן געשען דורך די פארלוירענע זיבן יאָר. מיט הינטער־ליסטיקע רייד האָט ער זי געוואָלט אויספרעגן, צי זי איז נישט געוואָרן פאר־דאָרבן ווי איינע פון די קדשות אין טעמפל. אָבער זיינע ליפן זענען געבליבן שטום אוים ליבשאפט צו דער אָפּגעציטערטער, וואָס פון היינט־אָן וועט ער זי היטן ווי אן אייגענע טאָכטער. דעם קנעכט מנוח, וואָס זי האָט אמאָל געליבט, האָט ער פארשיקט צום טויט, אָבער זי איז געבליבן אין דער זינדיקער שטאָט בית־אל. אין זיינע טעג איז דאָס הויז פון די געצן דאָרט געווען ארומגערינגלט מיט זונזיילן און שטיינערנע אָפּבילדער פון חיות. דורכן ערשטן טויער האָבן די וועכטער ארייַנגעלאָזט יעדן לוסטיונג מיט א יונגפרוי; אָבער אויך עלטערע מענער מיט אָנגעשטאָפּטע בייטלען האָבן מיט געברענגט טענצערינס, טעכטער פון לוסט, און זיי האָבן מיט זיי געזינדיקט קעגנאיבער דעם בעל פאר די אויגן פון גאנצן המון, אזוי ווי אין לאַנד עמון. די זונות פון עמון האָט מען געאַכ־

פערט ווי הייליקע און זיי געהאלטן העכער פון די קדשות, און א סך פון זיי זענען געווען באליבטע פריסטערינס פון טעמפל — פארדארבן צו די זכרים און הייליק צו די אפגעטער. פקחיהו האט א קוק געטון אויף דער שיינער און צארטער נעמה און זיך דערשראקן ביי דער בלויזער דערמאנונג פון יענער שטאט, וואו ער האט זיי איבערגעלאזט, און ער האט געטראכט: איך פיר זי צו איזבל׳ן, אין הויז פון בייז. ברענג איך נישט א קרבן, אזוי ווי יפתח זיין טאכטער?

פקחיהו איז נאך נישט אפגעגאנגען א האלבן וועג, ווי אין זיין מוח איז ארויפגעשוואומען און אלטער, פארבארגענער באגער — אונטערצוטראגן נעמה׳ן צו דעם קעניג. אין דער, וואס ער האט אלע יארן געוואלט אפהיטן איר ריינקייט, אזוי האט אויך אין זיין הארץ געטליעט א פארלאנג צו דערלאנגען דאס מיידל ווי א רייפע פרוכט צו זיין הערשער. פקחיהו האט געציטערט איבער נעמה׳ן, אבער אויף זיין קעניג האט ער רחמנות געהאט. אחאב זיגט אין אלע שלאכטן, אבער איין נצחון איז נאך ווייט פון אים — די מלכה. זינט ער האט זיך אומגעקערט פון אפק, שטייט זי איבער אים ווי א טיגערין, וואס רייצט זיך מיט איר קרבן. עס איז ווייניק צו פארטרייבן דעם פיינט פון טויער, —האט איזבל געזאגט,— אן אומדערשראקענער קעניג גייט אריבער אין דעם שונא׳ס לאנד און בויט הויכע פעסטונגען ביי די נייע געמארקן, אז פארוועלן זאל זיך מער נישט ארם צו באלאגערן שומרון. שלאג היינט דעם פיינט אויף זיין ערד, און דו זאלסט מארגן קאנען הערשן דורך דיינע זין אין דיין לאנד! פאר אחאב׳ן איז געווען דער נצחון פון טאג, און איזבל האט געוואלט מאכט ביז צום סוף פון אלע צייטן. זי איז געווען באליידיקט פון זיינע שטענדיקע הינדערנישן. דאס איז געווען דערפאר, ווייל זי האט געגלויבט אין אלץ: אין כישוף, אין באשווערונגען, אין איבערערדישע כוחות, און ער האט געוואלט האבן בלויז איין גלויבן. פון אומזיכערקייט איז זי נישט געקומען מיט ליבשאפט צו אים; איר בעטער וויין האט נישט געקאנט שטארקן זיין הארץ און ווארעמען זיין בלוט.

און פקחיהו דער געטרייער, האט געהאט איין וואונטש: ווען נעמה וועט וואוינען אין פאלאץ, זאל זי שטיין ביי זיין צוקאפנס, און דעם קעניגס קאמער וועלן ארומרינגלען די הויפטלייט פון טויזנט און די הויפטלייט פון הונדערט. אין די נעכט וועט נעמה אונטערשפארן מיט א קישן אחאב׳ס מידן קאפ, און ער, פקחיהו, וועט וואכן אויף יענער זייט וואנט. און דער מלך פון ישראל וועט נישט פארגעסן די פרעמדע טאכטער, וואס איז צו אים געווארן נענטער ווי זיין מלכה.

פקחיהו האט געהאט אנגעקליבן פארזיכטיקע רייד אויף זיינע ליפן, אבער די צונג איז געבליבן צוגעקלעפט צום גומען און ער האט נישט געקאנט ארויסזאגן דעם פארבאטענעם פארלאנג. ער איז שוין געווען פארבייגעגאנגען די בלויע

הייזער פון די צינזהאָרן. פאַר די הייפן זענען געווען אויסגעבויט טעראַסן מיט הויכע אַרקאַדן. די זון האָט געפלייצט ליכט אויף די ברייטע געשניצטע טרעפ, און צוויי טויבן האָבן דאָרט מיט די שנאָבלען געפּיקט ברעקעלעך און זוימען און דערנאָך האָבן זיי זיך געפּאָרט. זעענדיק דאָס בילד, איז אין ,פּקחיהו׳ס זכרון אויפגעגאַנגען דאָס וואָס עובדיהו, דער הויף־שררה האָט אים דערציילט, אַז לאַנ־גע חדשים, נאָך דעם ווי די מלכה האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם קעניג, האָט ער איין מאָל בייַנאַכט דערהערט דעם רוף פון בלוט, און ער האָט זיך אַריינגע־ריסן אין איר קאַמער. דאָס געשריי פון לוסט און דער הונגער פון גוף האָט אים געטריבן צו איר געלעגער און ער האָט צעריסן אויף איר די קליידער; ער איז געקומען צו איר מיט שטורעם און צאָרן, אָבער אָן דעם פאַרגעניגן, וואָס עס קומט א רעכטפאַרטיקן הערשער.

פּקחיהו האָט שוין געהאַט הינטער זיך דאָס הויכע געשניצטע הויז פון דעם קעניגס שאַצמייסטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי א גרינער טירעם. א לייביקער געטראַנק־הענדלער איז אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די זיילן; ער איז געווען באַלאָדן מיט קרוגן, האָרנס און מעשענע טאַצן, און ער האָט אָנגעבאָטן פאַר די דורשטיקע דורכגייער זיינע זאַפטן פון טייטלען און מילגרוימען. דער־זעענדיק נעמה׳ן, האָט ער אויף א קול געלויבט דעם גוטן טעם פון זיינע געטראַנ־קען, אָבער דער שטרענגער פּקחיהו האָט אים אָפּגעטריבן. זיין מוח איז נאָך נישט געווען ריין פון די פאַרוואָלקנטע מחשבות. אויב ער זאָל צווינגען די, וואָס איז דאָס אַפּל פון זיין אויג, צו ווערן א קעפּסווייב פאַרן קעניג, וועט איזבל׳ס צאָרן זיך אויסגיסן אויף זיין קאָפּ. אָבער די קעניגין קאָן אויך שיכור ווערן פון אַנדערע נצחונות. זאָל נאָר אַחאָב פאָלגן אירע באַגערן און טיפער אַריינגיין אין דעם לאַנד פון אדום און שליסן א בונד מיט די פלישתים קעגן דעם ווילן פון מלך יהושפט, און זאָל ער אַפּשוואַכן מואָב איידער זי ווערט ווידער ווידערשפּעניק אין ישראל! א שטאַרקע מלוכה אין שומרון, באַצירט מיט די שיינקייטן פון צידון, וויל איזבל, און א מלך, וואָס פאַר אים זאָלן פעלקער פאָרכטן! הימל און ערד זענען עדות, אַז זי וויל רו אין איר שטאַרקן קעניגרייך, ווען אירע זין וועלן הערשן.

געשטאַרקט פון זיינע טראַכטונגען, האָט פּקחיהו געשטעלט פּעסטערע טריט איבער דעם שטיינערנעם וועג, וואָס האָט געפירט צום העכסטן הויז אין שומרון. פון דער ווייטנס האָבן זיך שוין אַרויסגעזען די פּאָדרשטע זיילן, באַ־גאָסן פון זונליכט, און וועכטער מיט קופּערנע קיווערס און שפּיזן האָבן גע־שפּרייזט פאַר די טרעפּ. ביי א טורעם־הויז, אַרומגערינגלט מיט א הויכן, שטיי־נערנעם צאַם זענען געשטאַנען צוויי יונגע מענער אין דופּטיקע מאַנטלען, מיט געזאַלבטע האָר, ווי עס איז דער שטייגער פון רייכע לוסטיונגען. איינער האָט געהאַט אויף זיין געלענק פלעכטאַרבעט פון ריינעם זילבער. דערזעענדיק

די קעניגין איזבל

אקעגנקומען נעמה'ן, ווי זי שטעלט לייכטע גאזעל־טריט און זי וויגט זיך אין גאנג, האָט דער ערשטער לוסטיונג פריילעך געזאָגט צום צווייטן:

— צו טאנצן מיט איר, איז ווי צו האלטן דעם ווינט אין די אָרעמס.

פקחיהו, אונטעררהערנדיק די רייד, האָט אויסגעשטרעקט א האנט פאָרויס און זיך אָנגערופן צו נעמה'ן:

— מיר ווען באלד ארייננקומען צו דעם מאן, וואָס פאר אים פאָרכטן פעלקער

— צו וועמען? — האָט זי לוסטיק געפרעגט.

און פקחיהו האָט אויפגעהויבן די העלע, שיטערע ברעמען, וואָס זענען גע־האנגען איבער זיין נאקעטן שטערן, און געלאכט:

— צום קעניג, דו שיינע צווישן טעכטער!

ד

דער קעניג אַחאָב איז אין פּאַלאַץ נישט געווען. ווי נאָר ער האָט אין פרימאָרגן אויסגעטרונקען צוויי בעכערס ווײַן פון טײַטלען, האָט ער געהייסן דעם קנעכט אײַנשפּאַנען דעם רײַטוואָגן. ער האָט נישט געפונען פקחיהו׳ן אין געשיקט עובדיהו׳ן אָנזאָגן זײַן זון אחזיהו, אַז ער זאָל זיך אָנטון ווי אַ מאַן פון יאַגד, וואָרום צום געפעכט פון די ציגנבעק וועט אים דער פאָטער, דער מלך, היינט פירן.

דער מלך פון ישראל, מיד פון צוזען דאָס פעכטן פון די פויסטנשלעגער אין זײַן הויף, האָט געוואָלט פרײַלעך מאַכן זײַן הארץ אויפן פעלד, וואו עס ראַנגלען זיך בהמות. ער האָט געוואָלט אין יענעם טאָג רעדן צו אחזיהו׳ן, ווי עס רעדט אַ קעניג צו זײַן ערשטן פּרינץ.

אחזיהו איז אַרײַנגעקומען אין אַ מאַנטל פון קעמלהאָר איבער זײַן יעגער־לײַבראָק. אַ קליינע שווערד האָט געשטעקט אין גאַרטל און אַ קופּערנער קי־ווער אויף דעם גרויסן קאָפּ, וואָס האָט גערוט אויף זײַן קורצן האַלדז. די רו־איקע אויגן האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געלויכטן. פאַר אַחאָב׳ן איז דער זון היינט געשטאַנען אויסגעוואַקסן און רײַף. ער האָט אַרויפגעקוקט צום פאָטער און געוואַרט אויף זײַן באַפעלערישער שטים, אַז ער זאָל קאָנען מיט ליבשאַפט מקיים זײַן די מצווה פון כיבוד־אָב. אַחאָב האָט זײַן באַגער פאַרשטאַנען און אים געהייסן ברענגען אַ פּוסבענקל, וואָס איטלעכער שוואַכער יינגל קאָן צו־טראָגן. ער האָט אַרויפגעשטעלט זײַן רעכטן פוס אויפן בענקל און געזאָגט:

— איך האָב דיך היינט גערופן אחזיהו, צו קומען זען דעם געפעכט פון די ציגנבעק, אַז דו זאָלסט שפּעטער קאָנען פאַרשטיין דאָס געפעכט פון פעלקער. אַ ציגנבאָק און אַן אָקס שטויסן איינער דעם אַנדערן מיט די אייגענע הערנער, אָבער דער הערשער מיט אַ קרוין טרײַבט זײַנע חיילות ווי קעלבער צום שלאַכט־הויז, זיי זאָלן מיט זייער בלוט פאַר אים אײַננעמען פעסטונגען. דאָס איז דאָס געזעץ פון גאָט, וואָס גייט־איבער פון מלכים צו זייערע זין, און נאָר אַ קריגס־

די קעניגין איזבל

מאן מיט א הארץ ווי א פעלז קאן צווינגען זיינע שלאכטמענער צו פארלענדן דאס פאלק פון דעם פיינט, ווען זיינע פעסטונגען ליגן אין שטויב. אצינד זאג מיר, זון מיינער, ביזטו גרייט צו דעם טאג, וואס וועט קומען אזוי ווי א באַרעמלאזער לייב, ארויסצופירן דיין חיל פאר דער שלאכט פון ישראל?

— איך וועל זיך שטארקן, פאטער מיינער! — האט אחזיהו אונטערטעניק געזאגט.

— אחזיהו, זון מיינער, מיין פאטער האט געבויט נייע שטעט און איך האב זיי מיט דער שווערד באשיצט. איך האב אויפגעשטעלט אייגענע טעמפּלען און די געצנהייזער פון די פיינט האב איך חרוב געמאכט. מיט מיינע געטרייע בין איך ארויס אין מלחמה און זייערע פעסטונגען האב איך פארוויסט, ווייל אנזאגן האב איך געמוזט די פעלקער, אז שומרון וועט בלייבן הערשן דורך מיר און דורך מיינע זין.

— דו האסט געשטארקט די מלוכה, מיין פאטער און מלך! — האט אחזיהו געזאגט און זיך איינגעבויגן.

— צוויי מאל האט בן הדד געלאגערט אויף שומרון, און איך האב אים געשלאגן מיט א גרויסן שלאק. מיינע קריגסמענער האבן איינגענומען זיין שטאט אפק און די פעסטונגען דארט זענען איינגעפאלן. אבער איך בין פון זיין לאנד נישט ארויס איידער איך האב זיין שטאט אויף אש פארברענט. פון זיין באהעלטעניש איז דער געשלאגענער בן הדד ארויס און פאר מיר געבעטלט: „איך וועל דיר געבן גאלד, אחאב, און פארלאז מיין לאנד. איך וועל לייגן צו דיינע פיס אזוי פיל גאלד, אז עס וועט באלייכטן די ערד ווי דאס ליכט פון דער זון. קום און נעם!" אבער מיין חיל איז נישט אפגעטראטן ביז די לעצטע מויער איז פארצערט געווארן ווי א שטרוי אין פייער. ווייסטו פארוואס? ווייל נקמה האב איך געוואלט נעמען פאר דעם האר פון מיינע חיילות, און בארעמלאז האב איך געוואלט זיין אין די אויגן פון דיין מוטער די מלכה, וואס באַגערט א גרויזאמען מלך, אז די פיינט זאלן ציטערן פאר זיין אָרעם.

אחאב האט געקוקט אויף אחזיהו. זיין קאפ איז געווען צו־גרויס פאר זיין קליינעם גוף, און זיינע אָרעמס צו־ווייך פאר א זון פון א קריגספירער. איז אחזיהו אן אפבילד פון אים? ביין פון זיין ביין, פלייש פון זיין פלייש? די עלטער איז ארויפגעשפרונגען אויף זיינע אכצן יאר. ער האט די נאז פון א שפארבער און דעם שטערן פון א גרייז. און פארוואס שטייט ער פאר אים געבויגן ווי א קנעכט? א שוואכלינג אין קליידער פון א פרינץ איז ער! צי דערפאר האט איזבל ליבער יהורמ'ן און זי צערטלט דעם יינגערן און פאראכט דעם בכור? איזבל די געשטראפטע! גיבורים האט זי געוואלט געבערן, אבער

אין איר טראַכט האָט זי אַ שוואַכן זכר אויסגעטראָגן. און אַחב האָט ווידער געערדט צו זיין זון:

— ווייסטו ווער עס זענען די אומגליקלעכסטע פרויען אונטער דער זון, אחזיהו? — די מוטערס פון מלכים; זיי טוען געבערן די זין, וואָס וועלן פירן די מלחמות פון מאָרגן. אחזיהו, בכור מיינער! זאָל גאָט געבן אַזויפיל און נאָך מער, און איך וועל ווידער ארויסגיין אין אַ דריטער מלחמה און צומאָל אין אַ פערטער מלחמה. אויב עס וועט זיין דער ווילן פון דעם האר פון דער וועלט, וועל איך צוריקקומען מיט נצחון, און אויב עס וועט זיין דער ווילן זיינער — וועל איך שטאַרבן אין מיין רייטוואָגן. אין יענעם טאָג וועט אויף דיין אַקסל פאַלן דער מאַנטל פון מיין הערשאַפט.

— אַזוי ווי דו זאָגסט, מיין פאָטער און קעניג!

דער מלך האָט געקוקט אויף דעם הכנעהדיקן זון מיט באַרעמהאַרציקייט.

— דערנענטער זיך, זון מיינער, —האָט ער געזאָגט,— דו ביזט מיין ער־שטער פרינץ. דו האָסט דעם מוח פון אַ מאַן, אָבער די לענדן פון אַ יינגל. אַ מלוכה וואַרט אויף דיר! און נאָך היינט זאָלסטו אָנהויבן שמידן דיין ווילן ווי אַ האַמער און דיין האַרץ ווי אַ פעלז.

אין אחזיהו׳ס אויגן זענען פלוצים אויפגעגאַנגען שטראַלן ליכט. זיין האַרץ האָט געשטורעמט און ער האָט אָנגעהויבן רעדן היציקע רייד:

— איך וועל זיך שטאַרקן, פאָטער מיינער. איך וועל רייטן אין פעלד און איך וועל ארויסגיין מיט אַן אָנגעשפּאַנטן בויגן און שיסן פייגל אונטערן הימל. איך וועל טרייבן די קנעכט און ברענגען שלאַכטאָפּפערס.

— און דו זאָלסט טרינקען ווייַן און נעמען פרויען פון הויף! —האָט אַחאָב לוסטיק געלאַכט און ארויפגעלייגט זיין האַנטפלאַך אויף זיין אַקסל.

ביי אחזיהו׳ן האָבן זיך די אויגן צעגליט

— אַזוי ווי דו זאָגסט, מיין פאָטער און קעניג! איך וועל טרינקען ווייַן פולע האָרנס און פרויען וועל איך נעמען אין הויף. איך וועל באַפעלן מיט די הויפּטלייט. איך וועל זיך אויפהייבן איבער די עלטסטע און ריכטער און איך וועל שאַרפן די שווערד אויף די אומגעטרייע. איך וועל אויסשטרעקן מיין אָרעם אויף די שוואַכע און איך וועל ווידערשפּעניקן אין די שטרענגע געזעצן, וואָס עס לערנט מיט מיר יצהר.

אַחאָב האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— גוט, זון מיינער. דו האָסט דאָס היציקע בלוט פון דיין מוטער און די גלוסטונגען פון דיין פאָטער, אָבער וואַרט, צומאָל ביז איך וועל שטאַרבן.

אין יענער רגע זענען אחזיהו׳ס ליפּן שטום געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע שטאַרקע רייד. זיינע שטראַלנדיקע אויגן זענען

ווידער געוואָרן אויסגעלאָשן, אַזוי ווי דער שטורעם אין זיין הארץ. א קנעכט איז אריינגעקומען אָנזאָגן, אז דעם קעניגס רייטוואָגן איז געשפּאַנט. אחאָב האָט געפירט דעם זון דורך די זיילן צו די טרעפּ און געזאָגט:

— אזוי ווי איינער פון דיינע טויער־וועכטער וועסטו מוזן שטיין אויפן טורעם פון דיין מלוכה, זון מיינער. דו זאָלסט זיך באוואָרענען פון די פיינט, וואָס לויערן פון דרויסן אויף דיין שטאָט, און דיין אָרעם זאָלסטו האַלטן אויפן נאַקן פון די הינטערליסטיקע אינעווייניק, אין דיין קאַמער. זאָלסט מיט בלוט פאַרזיגלען א בונד מיט די שטאַרקע פעלקער, און די שוואַכע, וואָס וועלן דיך באַפאַלן, זאָלסטו מיט דער שווערד פאַרלענדן — וועסטו דערפאַר זיין באַליבט ווי א זון ביים האַר פון די חיילות און געאַכפּערט ווי א גיבור ביי דיין מוטער, די מלכה.

אחזיהו האָט געשוויגן און אחאָב האָט אָנגעשעפּט אָטעם און גערעדט:

— געדענק, אחזיהו, פאַר דעם מלך פון ישראל איז ווינציק צו געווינען מלחמות — ער מוז זיך פאַרענטפערן פאַר גאָט און פאַר די נזירים.

און ווי אחאָב און זיין זון האָבן זיך אריינגעזעצט אין רייטוואָגן און דער אָנטרייבער האָט געשמיסן די פערד, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד ווי זיי וואָלטן אָדלער־פליגלען אָנגעטאָן, אזוי איז ביים קעניג אין זכרון אויפגעגאַנגען די באַגעגעניש מיט מכיהו'ן, דעם באַרוועסן נזיר פון מדבר. עס איז געווען נאָך דעם ווי אחאָב האָט געשלאָסן דעם בונד מיט בן הדד'ן, האָט מכיהו אויף אים געוואַרט ביים וועג, און ער איז געווען פאַרשטעלט מיט א קאָפּבאַנד איבער זיינע אויגן, און ווען דער קעניג איז אין זיין רייטוואָגן פאַרבייגעפאָרן, האָט מכיהו צו אים אויסגעשריגן: הער מיך אויס, מלך פון ישראל! דיין קנעכט איז ארויסגעגאַנגען אין מלחמה. ערשט איינער האָט אָפּגעטרעטן און געבראַכט צו מיר א געפאַנגענעם און געזאָגט: היט דעם דאָזיקן מאַן! אויב פאַרשווינדן וועט ער, זאָל דיין נפש זיין אָנשטאָט זיין נפש, אָדער א צענטער זילבער וועסטו באַצאָלן! און אזוי ווי דיין קנעכט האָט אין טומל זיך א קער געטון אַהין און אַהער, איז דער געפאַנגענער נעלם געוואָרן! איז אחאָב ארויס פון זיין רייטוואָגן און מיט פאַרדראָכט געקוקט אויף דעם פאַרשטעלטן מאַן און געזאָגט: דו אַליין האָסט דעם דין ארויסגעגעבן! האָט דער מאַן אויף גיך אַראָפּגענומען דעם קאָפּבאַנד פון זיינע אויגן און דער מלך פון ישראל האָט אים דערקענט, אז ער איז מכיהו, איינער פון די נביאים. און מכיהו האָט געעפנט די ליפּן און פון זיין מויל האָט זיך געגאָסן א פלוך, ווי א קנויל פייער: אזוי האָט גאָט געזאָגט: ווייל דו האָסט ארויסגעלאָזט פון דיין האַנט דעם געפאַנגענעם בן הדד פון מיין חרם, זאָל דיין נפש זיין אָנשטאָט זיין נפש, און דיין פאָלק אָנשטאָט זיין פאָלק!

און מכיהו איז אוועק. און אַחאָב האָט יענעם טאָג מער נישט געטרונ־קען קיין וויין לכבוד זיין נצחון; ער איז א דערשראָקענער צוריקגעקומען אין שומרון.

דער רייטוואָגן האָט שוין געהאַט הינטער זיך די אויבערשטע שטאָט און איז פאַרבייגעלאָפן די סעדער פון טייטלען, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין דער בלויער לופט. די פערד האָבן ארומגעקרייזט א הויכן, רויטן פעלז און פונעם שפיץ ארויס איז געפלאָסן א שטראָם פריש וואסער, וואָס האָט געריזלט אראָפּ, אין טאָל, צווישן אָפּגעשפּאָלטענע בערג פון גראניט. אויף איינעם אזא בארג האָט דער קעניג געזען ווי עס הייבט זיך ארויס א ריזיקער בעל־קאָפּ, אויסגע־האקט פון גרויען שטיין, און א וואָלקן טרויער האָט באדעקט זיין פּנים. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיין זון, אָבער אין יענער רגע איז א בלויע טייב מיט ווייסע פליגלען ארויסגעפלויגן פון דעם בעל׳ס אויער, און פאר אַחאָב׳ן איז דאָס געווען א צייכן, אז פרידן הערשט היינט צווישן אים און דעם געטלעכן מאַן. וואָס העכער דער רייטוואָגן האָט זיך אויפגעהויבן, אַלץ נידעריקער האָט זיך אראָפּגעלאָזט די ליכטיקע שטאָט צו זיינע פיס. דער פּאַלאַץ און די פעסטונ־גען, און דער טעמפּל מלך־קרתא זענען ווי וואַך־טורעמס געווען ביי זיין צו־צוקאָפּנס, אָבער דער קעניג האָט געטראַכט: עס איז נישט גוט צו ווייזן דעם, וואָס וועט טראָגן די קרוין נאָך אים, נאָר די שיינקייטן פון לעבן; איין שטור־רעמווינט קאָן אָפּווישן די שטאַרקע מויערן און איינשטילן דעם מורמל פון דעם שטראָם וואסער און שטום מאכן דעם פּליסטער פון די נידעריקע פּלאַנצן. נאָך מאָרגן וועט ער אחזיהו׳ן אראָפּשיקן אָנקוקן די נידעריקע שטאָט, ער זאָל אויך זען די גאסן פון די אומגליקלעכע און דערצאָרנטע. די אָרעמס פון דעם מלך, וואָס איז דער פאָטער פון פאָלק, מוזן זיין געננוג גרויס אריינצונעמען אויך די בייזע זין.

און ווען די אומעטיקע מחשבות זענען באפאלן אַחאָב׳ן, האָט אחזיהו פלו־צים ארומגעכאפּט זיין פאָטערס האלדז און אויסגערופן:

— פאָטער מיינער! איך וועל מער נישט זיין ווי די, מיט די ווייכע הער־צער צווישן אונדז. איך זאָג דיר צו, מלך און פאָטער, אז מיינע אויגן וועלן נישט קאָנען קוקן אויף אן אונטעריאָכטע ישראל, ווי לאַנג איך וועל ארומגיין אין מיין מלוכה.

די דאָזיקע רייד פון געטריישאפט האָבן אַחאָב׳ן גערירט. ער האָט ארומ־גענומען זיין זון, וואָס היינט איז ער א לאַם און מאָרגן קאָן ער א לייב ווערן, און געזאָגט:

— זיי שטארקער פון מיר, אחזיהו. דו וועסט באלד קוקן אויף די אויפ־

געדרייצטע בעק און אויף די יונגען פון עמון און אדום, וואָס טרייבן זיי צום געפּעכט. וועסט זען ווי זיי האָבן פּאַרגעניגן פון די צעבלוטיקטע קעפּ, און דו וועסט זיך לערנען ביי זיי אכזריות. זיי שטאַרק אַזוי ווי עס וויל דיין מוטער, די מלכה. אַז דו וועסט ווערן אַ הערשער, וועלן בייזע שטראָפער דיך אָפּוואַרטן אין אָוונט ביי דיין שוועל און מענער פון באַטרוג וועלן אין פרימאָרגן אויף דיר לויערן אין גאָרטן; אָבער דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון די, וואָס רופן באַרעמהאַרציקייט — אַן ערלעך האַרץ, און אויף פּחדנות זאָגן זיי — גבורה. מיין פאָטער איז געווען שטאַרקער פון מיר און דיר, זון מיינער, זאָל זיין באַשערט מער קראַפט ווי דיין פאָטער. נאָר אויף דער שאַרף פון דער שווערד האַלט דער הערשער זיין מאַכט, אַזוי דער גרויסער ווי דער קליינער מלך.

דער רייטוואָגן איז שטיין געבליבן ביי אַ הויכן טויער מיט אַ גזימס, באַצירט מיט אָפּבילדער פון אַלערליי חיות. פיר קנעכט האָבן אין גאַלאָפּ אַריינגעפירט דעם קעניג און דעם פּרינץ אינעווייניק, וואו מען האָט צוגעגרייט די האָריקע בעק צום געפּעכט. דאָס פעלד איז געווען אַרומגערינגלט מיט בענק, אויסגעהאַקטע ווי שטיינערנע טרעפּ, און אין מיטן האָט אַ ראָד פון געפלאָכטענע שטריק אָנגעצייכנט אַ קיילעכדיקע בימה. די ערד איז דאָרט נישט געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיין, נאָר באַוואַקסן מיט גראָז און רויטע מאָן־בלימעלעך. אין די פיר עקן זענען געווען אויפגעשטעלט קונציקע געשטעלן דורך די מייסטער פון צידון, אויף צו שיסן מיט פיילן און שלאָג־שטיינער אויף חיות, ווען זיי ווערן ווילד אין מיטן געפּעכט. אַ הויכע וואַנט, באַהאַנגען מיט מאַסקעס פון הירשן און ציגנבעק, האָט זיך אַרויסגעהויבן קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג. הינטער דער וואַנט זענען, אָנשטאָט זיילן, געשטאַנען געצעלטן און אין די עפענונגען זענען געווען פאַרזאַמלט פויסטנשלעגער און פעכטער, וואָס האָבן מיט פעטע איילן אויסגעשמירט די הערנער און רוקנס פון די חיות, כדי צו פאַריאָגן דעם שלעכטן ריח זייערן. דער המון, צווישן זיי הויפּטלייט, ריכטער און רייכע סוחרים, האָבן שטיל געטומלט און געפּאָדערט, אַז דאָס געפּעכט זאָל זיך שוין אָנהייבן.

ווען אַחאָב און אחזיהו האָבן זיך באַוויזן, האָט דער המון זיך געשטעלט אויף די פיס און מיט הילכיקע אויסגעשרייען באַגריסט דעם מלך. אַחאָב און זיין זון האָבן זיך געזעצט קעגנאיבער דער בימה, אויף דער העכסטער באַנק, אַרומגעצאַמט פון פיר זייטן מיט פּורפּור־פּאָרהאַנגען, ווי אויף אַ טראָגשטול; ער האָט נישט געזען די וועכטער הינטער זיך; זיינע אויגן האָבן געקוקט פּאָרויס, אויף די שטראַלנדיקע פּנימער פון פאָלק, וואָס פאַרגינט נישט דעם מלך אַליין צו שעפּן פּאַרגעניגן. אויף יענער זייט פעלד זענען פיר גאָלדענע פאַנצערס, ווי אַ צייכן פון שוץ, געהאַנגען אויף שטאַנגען צווישן לאָרבער־צווייגן,

און דער שטילער געליאַרעם פון המון איז געװען װי דאָס געררויש פון בינען. אָבער דער מלך איז געװאָרן פאַראומערט, װאָס דאָס שפּילפּעלד פאַר חיות איז אַזױ אָרעם און די בײדלעך זענען ערגער פון פערד־שטאַלן; נאָך הײנט װעט ער רופן דעם שטאַט־האַר אָמון, און אים הײסן אײַנװאָרפן די גרױע געצעלטן און אױפשטעלן אױף זײער אָרט געמױערטע שטיבער מיט געלענדערס, װי טורעמס. װאָס פאַר אַן אױפזעער פון שומרון איז אָמון? דאָס געפענגעניש אין שטאָט האָט ער אױסגעבױט װי אַ פעסטונג, אָבער די שפּילפּלעצער זענען געבליבן װי פאַרװיסטע שלאַכטערטער.

אַחאָב האָט געװאָלט אַרױסזאָגן זײַן פאַרדרוס צו זײַן זון, אָבער אין יענער רגע האָט ער דערזען װי צװישן די פּאָדערשטע בענק, װאו עס זענען געזעסן די מיוחסים, איז צוגעקומען דואג, איזבל׳ס קנעכט, און זיך דאָרט אװעקגעזעצט. ער איז געװען הױך און דאַר, מיט אַ פּאָר אױגן פון אַ פוקס און נעגל פון אַ לעמפּערט. ער איז געװען אָנגעטאָן נישט װי אַ קנעכט, נאָר װי אַ שררה, אין אַ מאַנטל פון בלױען װאָל מיט אַ זילבערנעם אַקסל־צודעק. װער האָט אים געשיקט אַהער? האָט די מלכּה באַפױלן איר קנעכט נאָכצוגײן דעם מלך, װען ער פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ? דער דאָזיקער חונף, װאָס איז געקומען נאָך חטיפאַ׳ס טױט, איז אַזאַ אָפּלאַכער און ליגנער װי עס איז געװען זײַן פאָטער עקוב. אַחאָב האָט געדענקט עקוב׳ן, דער אױסדערװײלטער צװישן קנעכט, װאָס איז געװאָרן דער אױפזעער איבער די װעכטער אין שטאָט־טױער; ער האָט באַגזלט די תבואה־ברענגער בײם נעמען מעשׂר, און די סוחרים — בײם אײַנמאָנען צינזן; ער האָט אָפּגענאַרט נישט נאָר די קעמל־הענדלער, נאָר אױך אָפּגעשפּעט פון די ריכטער, װען די באַרױבטע זענען געקומען זיך משפּטן. װען עקוב איז געלעגן אױפן טױטן בעט, איז ער שױן געװען זאַט אין יאָרן, און אײדער ער האָט אװעקגעגעבן זײַן נשמה, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט, װאָרום אַזױ איז געװען זײַן װאונטש: צו שטאַרבן מיט שפּאָט אױף דער װעלט, װאָס האָט זיך געלאָזט פון אים אָפּנאַרן. אַצינד איז זײַן זון דואג, געזעסן קעגנאיבער דעם קעניג, און אין האַרצן געלאַכט פון דער אָפּגענאַרטער װעלט. איזבל׳ס ערשטער קנעכט איז ער געװאָרן, אָבער ער איז געזעסן אומבאַװעגלעך, אַזױ װי אַ שפּין אין געװעב.

אַחאָב האָט זיך צוגעבױגן צום זון און אים געװאָלט אַרײַנרױמען: אַ שאַקאַל אין װײַנגאָרטן! אָבער פאַר דער בימה האָבן זיך באַװיזן די פײַקלער און געקלאַפּט אױף זײערע פּױקן, און באַלד האָבן פיר חיות־טרײַבער, אדום׳ער, אָנגעטאָן אין פּראָסטע לײַבער, אַרױסגעפירט פון באַזונדערע געצעלטן צװײ האָריקע בער, גרױסע װי אָקסן. אײן באָק איז געװען אַ װײַסער און אײנער אַ

שווארצער. דאָס גערויש פון די פויקן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם געשאַל פון די טרומייטן, און דער המון האָט פון אויפרעגונג זיך צונויפגעדריקט אזוי ווי איין גרויסער גוף און איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אזוי ווי איין גרויס הארץ.

דער ערשטער טרייבער, מיט א פּאָר ריזיקע אָרעמס, האָט אויפגעהויבן א ריזיקן שטאַנג מיט א גאָל טוך איבער די הערנער פון דעם ווייסן באָק, און די חיה, מיט א שיטערער באָרד, איז אויפגעשפּרונגען און אים אָנגעקוקט מיט צאָרן. פון הינטן האָט באַלד א צווייטער טרייבער א פּאָכע געטון מיט זיין געוואַנט, און דער באָק איז אים אנטקעגנגעלאָפן מיט אזא אימפּעט, ווי די גבורה פון בלוט וואָלט אים אריין אין די הערנער. ביידע חיות־טרייבער האָבן שפּילנדיק געוואָלט אָנצינדן זיין כעס. דער האָס האָט שוין געברענט ווי פייער אין דעם צערייצטן באָק און ער האָט געוואַרט אויף זיין שונא, וואָס זאָל אזוי ווי ער, מיט אויפגעקאָכטן בלוט שפּרינגען אים אנטקעגן.

אָבער די, וואָס האָבן געגרייט דאָס שפּיל פון בלוט, האָבן זיך נישט געאײַלט. אצינד איז דער ווייסער באָק געווען ארומגערינגלט פון פיר שלעגער, און ווי נאָר ער איז אונטערגעשפּרונגען, האָט דער ערשטער טרייבער זיך צוריקגעצויגן ביז צו דער וואַנט מיט מאַסקעס. א צווייטער טרייבער איז אונטערגעקומען מיט זיין גאָלן געוואַנט, און די חיה האָט אים אָפּגעשטויסן מיט די הערנער. דער דריטער האָט אויפגעהויבן דאָס טוך אָן א זייט און איז אנטלאָפן, אָבער דער באָק איז געשפּרונגען נאָך אים ביז צום לעצטן געצעלט. די לייוונטענע וואַנט האָט אים נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט זיך אריינגעגראָבן מיט די הערנער אין דער ערד און אונטערגעהויבן די שטאַנגען מיט שטריק און צעריסן דאָס געצעלט. קעגנאיבער איז געשטאַנען דער געוויקסיקער אויפזעער, אין א רויטן לויזן דעקטוך, ווי עס פּאַסט פאר אן איידלמאַן פון צידון, און געלאָסן נאָכגעקוקט דעם צעטומלטן באָק; ער האָט געוואוסט, אז די חיה איז שוין גרייט צום געפעכט.

פון המון האָבן זיך געטראָגן פריייד־געשרייען, און דאָס לוסטיקע גערויש איז געפאַלן אויף אחזיהו׳ס אויערן. ער האָט געזען אויף דעם אנדערן עק פעלד דאָס זעלבע שפּיל, אזוי ווי מיט דעם ערשטן ווייסן באָק, אזוי מיט דעם צווייטן שווארצן באָק. און געוואוסט האָט ער ווי אזוי דאָס שפּיל וועט זיך ענדיקן. ווי מוראדיק גרויס זענען די בעק, און ווי לאַנג זענען זייערע בערד! זיי האָבן געדרייטע הערנער, ווי די הירשן און פעטע בייכער, ווי די אָקסן. ווי הייס מוז זיין דאָס בלוט אונטער זייער הארטער פעל! ער האָט געוואוסט, אז אזעלכע בעק זענען נישטאָ אין די בערג פון מדבר; פון דעם צווייטן לאנד, אין מערב, האָבן די כושים זיי געברענגט צו שטארבן פאר די אויגן פון די געאכפּערטע מענער אין ישראל. זייערע לייבער זענען איינגעוויקלט אין געדיכטע האָר אזוי

ווי אין ווייכן וואָל, און אין זייערע בערד איז פאַראַן די גבורה פון געבונדענע ריזן. אחזיהו האָט געטראַכט: דער המון וויל זען ווי די ערד זאַפּט־איין דאָס בלוט פון די חיות. די בעק וועלן זיך שטויסן און זיך ראַנגלען, אָבער נישט מיט די הערנער וועלן זיי טויטן איינער דעם אַנדערן — די שפּיזן פון די טויטנשלע־גער פון עמון, אויף אַנלויפנדיקע פערד, וועלן זיי פאַרלענדן, און די דערשטאָ־כענע בעק וועלן דערנאָך ווי בראַנדאָפּפערס אויפגעברענגט ווערן פאַר דעם קעניג.

א טרומייט האָט אויפגעשאַלט און א קלאַפּעריי אויף פּייקעלעך האָט אָפּ־געענטפערט. דער שוואַרצער באָק איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ווייסן, און דאָס געפעכט האָט זיך אָנגעהויבן. די פיר טרייבער זענען אַרויס פון הינטער דער וואַנט מיט מאַסקעס און געלאָפן די בעק אַנטקעגן מיט אויפגעהויבענע קאָ־לירטע געוואַנטן. דער ווייסער ציגנבאָק, מיט א געבויגענעם קאָפּ, האָט א שפּרונג געטון פאַרויס; ער איז געווען אַזוי נאָענט, אַז זיין האָריקע הויט האָט אָנגערירט דעם לייבראָק פון דעם טרייבער, און זיינע הערנער־שפּיצן האָבן גע־קאָנט דורכשטעכן זיין אָרעם. אָבער דער שטאַרקער יונג פון אדום האָט מיט שפּאָט אויף די ליפּן זיך פאַרנייגט פאַר דעם המון, ווי עס וואָלט אים פרעמד געווען דער פחד פון די שטערבלעכע.

דער ציגנבאָק איז געווען צעטומלט און דער טרייבער איז שטיין געבליבן שטאָלץ, מיט נצחון. די גראָבע ביילן אויף זיין פּנים זענען געווען אָנגעשפּאַנט; ער האָט אומדערשראָקן געוויזן זיין רוקן צו דער צעררייצטער חיה, און די אויגן האָט ער אויפגעהויבן צום פאָלק, ווי ער וואָלט געזאָגט: אָן א פאַנצער און אָן א שפּיז קאָן איך בייקומען אַלע חיות. וואָס לויערן אויף מיר! געשרייען פון באַוואונדערונג און לוסט נאָך בלוט האָבן אָפּגעהילכט איבערן פעלד.

און ווען דאָס געפעכט פון די ציגנבעק איז געוואָרן היציקער, האָט דער גאַנצער המון איינגעהאַלטן דעם אָטעם. שטאָלצע און פלינקע האָבן די חיות זיך געשטויסן מיט די הערנער, וואָס האָבן ווי צווייגן זיך אַריינגעפלאָכטן איי־נע אין די אַנדערע — דער ווייסער באָק אַקעגן דעם שוואַרצן. די טרייבער זענען אָפּגעטראָטן, אָבער נישט אויף לאַנג; ווי נאָר די חיות האָבן זיך געבוי־קערט און זיך געשטאָכן אין די נאַקנס, איז אונטערגעלאָפן א טרייבער און זיי צעשיידט. פון צערודערונג האָט דער ווייסער באָק אָנגעהויבן לויפן אַרום און אַרום דעם צוים, וואָס האָט אָפּגעטיילט די שטיינערנע בענק פון דער בימה, און פּלוצים געבליבן שטיין א פאַרוואונדערטער, ווי מען וואָלט אים אַריינגעטריבן אין א פרעמד לאַנד. וואו איז ער, און פאַרוואָס האָט מען פון אים אָפּגעריסן דעם שונא? דער שונא איז צוריקגעקומען און דאָס געפעכט איז געוואָרן הי־ציקער ווי פריער. די שפּיצן־הערנער האָבן זיך אַצינד איינגעביסן איינס אין ס'אַנדערע און די נאַקנס, אַזוי ווי מיילער פון שלאַנגען וואָס לאָזן אַריין זייער

גיפט אין דעם פלייש פון קרבן, און באלד האָבן די ערשטע טראָפּנס בלוט אַרויסגעשפּריצט פון די קעפּ ביי די חיות. דערזעענדיק דאָס בלוט פון די פאַרוואונדעטע ציגנבעק, האָט דער המון זיך א הייב געגעבן פון די ערטער און אַרויסגעלאָזט א ברומעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן פעלד, ווי דאָס גערויש פון א מעכטיקער ים־כוואַליע. אַלע געאַכפּערטע מענער: די ריכטער, די פירשטן, די סוחרים האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט און געוואַרט אויפן אָנקום פון די טויטנשלעגער אויף זייערע פערד.

נאָר דער מלך אחאב אַליין האָט נישט געוואַרט אויף די טויטנשלעגער, ווייל ער האָט געהאַט פאַראַכטונג צו דער שטאַרקייט פון די, וואָס קאָנען בלויז דערשלאָגן די אָרעמע חיות. אָבער זייערע שווערדן זענען צו־קורץ אויסצושטרעקן זיי צום שונא אין מלחמה. די דאָזיקע רייטער, וואָס וועלן באַלד באַפאַלן די צעבלוטיקטע ציגנבעק, —האָט אחאב געפרעגט,— וויפל פון זיי קאָנען זיין שלאַכטמענער אויף יענער זייט טויער? און פאַרוואָס דינגט מען אין ישראל די גרויזאַמע מענער ביי פרעמדע פעלקער? א חרטה האָט געדריקט זיין האַרץ און ער האָט געהאַט א באַגער זיך אויפצוהייבן מיט זיין זון און פאַרלאָזן דאָס פעלד. אָבער מיט אַמאָל זענען זיינע בליקן געפאַלן אויף די עפענונגען פון די הינטערשטע געצעלטן, וואו די פויסטשלעגער און פעכטער זענען שוין געזעסן אַרום די פייער־שטאַנגען, וואָס אויף זיי האָבן זיך געבראָטן די ריפּן פון א לאַם. דער טעפּיך אונטער זייערע פיס איז געווען באַפלעקט מיט בלוט און וויין; עס האָבן זיך געוואַלגערט ביינער, אָנגעבראָכענע לאַבנס ברויט און אויסגעליידיקטע פעלעכלעך. די ייִנגען האָבן פרעך געלאַכט, און צווישן זיי איז געזעסן דואג. ווי פאַרדאָרבן זענען די געדונגענע, וואָס עסן ביים טיש פון איזבל׳ס כהנים, — האָט דער מלך געברומט,— אַזוי ווי אין מלחמה, אַזוי אין שפּילפעלד — זיי גרייטן דעם מאַלצייט נאָך פאַר דעם נצחון.

און ווידער האָט אחאב געוואָלט אַריינרוימען זיין זון דאָס, וואָס זיין האַרץ האָט גערעדט, אָבער דער שוואַכער אחזיהו איז געווען צעהיצט אַזוי ווי דער גאַנצער המון אויף די שטיינערנע בענק; ער האָט אָנגעשעפּט גבורה און דאָס בלוט האָט געזאָטן אין זיינע אָדערן, און ער האָט צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען דעם שטאָלץ פון די שטאַרקע איבער די אוממעכטיקע. זיינע אויגן האָט ער געהאַלטן אויף די פינף טויטנשלעגער וואָס זענען מיט שטורעם אַריינגעריטן אין טויער. אויף די בייכער פון די פערד זענען געווען צוגעקייטלט קופּערנע פּאַנצערס און אויף זייערע אויגן באַנדטיכער, אַז די צערייצטע בעק זאָלן מיט די הערנער נישט דורכשטעכן זייערע געדערים. די רייטער האָבן אויסגעשפּרייט זייערע קאָלירטע מאַנטלען כדי צו לאָקן צו זיך דעם ווייסן באָק, אַז זיי זאָלן קאָנען זייערע שפּיזן אַריינשטעכן אין זיין רוקן. אָבער דעם באָק איז

וואָילגעפעלן דאָס שפּיל; ער האָט איין רגע רואיק געקוקט אויף די צעפּעכער־טע געוואַנטן, דערנאָך ברייט געעפנט די נאָזלעכער און אַ שפּרונג געטון אקעגן אַ רייטער און אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ צו דער ערד. די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט בלוט; די הערנער האָבן זיך אויפגעהויבן, גרייט דורכצושטעכן דעם רייטער מיט זיין פערד. אָבער פּלוצים האָט ער אויפגעכאַפּט אויף די הערנער אַ קאַ־לירטן מאַנטל און זיך געיאָגט מיט אַזאַ שטורעם נאָך דעם דערשראָקענעם ריי־טער, אַז יענער איז אַנטלאָפן ביז צו דער וואַנט מיט מאַסקעס און אַריבערגע־שפּרונגען דעם צוים. דער המון האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ ברומערייַ, אָבער נישט פון פרייד, נאָר פון פאַרוואונדערונג. פונעם טויער האָט דער געוויקסי־קער אויפזעער געגעבן אַ צייכן, אַז די חיה איז מיד און גרייט דערטרונקען צו ווערן אין בלוט.

און ווי נאָר דער ווייסער באָק האָט פאַמעלעך זיך דערנענטערט צום ערשטן פערד און אים געוואָלט אַ הייב־אויף טון אויף זיינע הערנער, איז אונטערגע־שפּרונגען דער טויטנשלעגער און אַריינגעהאַקט די שפּיז אין זיין רוקן און גע־בויערט טיף אין דעם לייב, ווי ער וואָלט דאָרט דורכגעלעכערט זיין אינגעווייד. פון גרויס פּיין און צאָרן האָט דער באָק אונטערגעשטויסן די טלאָען פון פערד, וואָס איז אַנידערגעפאַלן. אָבער באַלד איז אָנגעריטן אַ צווייטער טויטנשלעגער און אַריינגעשטאָכן אין נאַקן אַ צווייטע שפּיז. די האָריקע, פאַרשוויצטע פעל האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און דאָס אומגעהויערע געשריי פון המון האָט זיך געטראָגן פון איין עק פעלד ביז צום צווייטן. דאָס ערשטע פערד איז געווען אויסגעצויגן און דער רייטער אונטערן פערד. מענטש און חיה האָבן זיך גע־קנוילט אין געראַנגל, ביז עס זענען אָנגעלאָפן די אַנדערע טויטנשלעגער און מיט זייערע געוואַנטן געוואָלט אָפּווענדן די בליקן פון דעם צערייצטן באָק. אָבער די חיה האָט נישט נאָכגעלאָזט און געקראַצט מיט די הערנער אַזוי ווי אַ טיגער מיט די נעגל אין דעם קופּערנעם פאַנצער פון דעם פערדס בויך; גע־קראַצט מיט גבורה און מיט נקמה אַזוי היים, ווי דאָס בלוט וואָס האָט גע־שפּריצט פון זיין לייב. אַ צווייטע שפּיז, אַ דריטע און אַ פערטע האָבן גע־בויערט אין דעם נאַקן פון דעם באָק. די האָריקע פעל האָט זיך געווייקט אין בלוט און די חיה איז געבליבן שטיין אוממעכטיק, ווי פאַרגליווערט, און גע־קוקט אויף די אָנגרייפער מיט גלעזערנע אויגן. דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע, דערנאָך האָט דער באָק זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצן פיס און אַ שפּרונג געטון אין דער הויך, ווי ער וואָלט אָנגעטאָן פליגלען.

אחזיהו האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס איז דער סוף, אָבער דער המון האָט געציילט די רגעס, ווייל דאָס געבריל פון נצחון האָט אויפגעציטערט אין דער לופטן. דער באָק איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט אַזוי ווי פריער, אָבער דער

צאָרן אין די אויגן איז געווען פאַרלאָשן, און עס האָט דאָרט אַרויסגעשטראַלט א געבעט נאָך רחמנות. די טויטנשלעגער האָבן אים אַרומגערינגלט. די עמונים מיט זייערע געוואַנטן, וואָס האָבן געפלאַטערט פאַר די אויגן פון יע־ שטאַרבנדיקער חיה, האָבן אויסגעזען ווי דורשטיקע פלעדערמייז, גרייטע אויס־ צוזייגן די לעצטע פליסונגען בלוט פון דעם קרבן. דערזעענדיק דאָס, האָט אחזיהו זיך א הייב געטון פון אָרט; אין זיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען א שטור־ רעם און ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן אין מיטן פעלד און העלפן אויפוועקן די חיה צום לעבן. דער באָק איז געווען אָן כּוחות, אָבער אויך אָן ווייטאָג, און פּלוּ־ צים איז ער מיט איין טרייסל, אָן צאַפּל און אָן אנגסט אנידערגעפאַלן ווי א ליימענער געץ.

ווען די טויטנשלעגער האָבן מיט אויפגעהויבענע שפּיזן געריטן רונד אַרום די שטיינערנע בענק און פריילעך זיך פאַרנייגט פאַר דעם המון, זענען פון יע־ נעם אָרט, וואו עס זענען געהאַנגען די גאָלדענע פאַנצערס און לאָרבער־צווייגן, אָנגעקומען די פיר טרייבער און געשלעפּט אויף שטאַנגען דעם צווייטן טויטן באָק, וואָס איז געווען שוואַכער אין געראַנגל און דעריבער איז ער פריער אומ־ געקומען דורך די שפּיזן. איבערן וועג האָט דאָס בלוט געראַנען פון דעם גע־ לעכערטן נאַקן און די ערד האָט איינגעזאַפּט דאָס בלוט. צוויי שטאַל־יונגען האָבן מיט שופלעס אויסגעגלייכט דאָס צעאַקערטע זאַמד. דער אויפזעער אי־ בער דעם געפעכט האָט אויפגעזוכט צווישן די פויסטנשלעגער און פעכטער־ דואגן, און איז מיט אים אריין אין א געצעלט. דערנאָך איז איזבל'ס קנעכט אַרויסגעקומען און צוגעטראָגן צום קעניג אויף א גאָלדענער פאַן די אָפּגעשני־ טענע אויערן און די עקן פון די ציגנבעק, אַז דער מלך זאָל באַווייקן די בראַנד־ אָפּפערס פון זיין כּבוד וועגן.

א גערויש האָט זיך געטראָגן פון איין עק פעלד ביזן צווייטן עק. דער המון איז געווען אויף די פיס און אויסגעשריגן לויב־ווערטער צו די טויטנשלע־ גער און בענטש־ווערטער צום קעניג. טרומייטן האָבן ווידער געבלאָזן און אחזיהו האָט שטום אַרויפגעקוקט צום פאָטער. ער איז אים געווען דאַנקבאַר, וואָרום דער קעניג האָט געלאָזט ענדיקן דאָס שפּיל מיטן נצחון פון די שטאַרקע איבער די אונטערטעניקע. אָבער אַחאָב האָט געהאַט פאַראַכטונג צו דער פרייד און צום טומל אַרום. א וואָלקן טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר די אויגן און אים אָפּגעשיידט פון פאָלק. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און גע־ רעדט צום זון:

— האָסט געזען ווי די חיות שטאַרבן? די, וואָס זענען באַשאַפן אין בלוט און פלייש, קאָנען אזוי לאַנג זיך נישט ראַנגלען מיט דעם טויט.

אחזיה איז געווען צערודערט פון דעם פּאַטערס רייד, אָבער אַחאָב האָט שוין געהאַלטן די האַנט אויף זיין אַקסל און אים געפירט צום טויער.

— אַלע זאַכן לערנט מען דעם מענטש, —האָט ער געזאָגט,— צו וואַרפן שפּיזן און צו שליידערן פיילן, אָבער נישט ווי אַזוי צו שטאַרבן. פאַרוואָס? ווייל נישט דער גיבור שטאַרבט. דער שטאַרקער ווי דער שוואַכער גייט־אויס אין יענער רגע ווען פּחד פילט־אָן זיין האַרץ. און אימה באַפאַלט יעדן בעל־חי איידער ער פאַרלאָזט די ערד.

און אַחאָב איז מיט גיכע שפּרייזן פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט פון די גאָלדענע פּאַנצערס כדי אויסצומיידן איזבל׳ס קנעכט, וואָס האָט אים אָקעגנגעטראָגן די גאָלדענע פאָן. אחזיהו האָט נאָכגעאיילט. ביים אַרויסגאַנג האָט געוואַרט דער אָנטרייבער פון רייטוואָגן, און שוין האָט הינטער אים זיך אַרויסגעהויבן פּקחיהו און אויך נעמה איז געווען ביי זיין זייט.

פּקחיהו האָט מיט אויפגעהויבענע ברעמען באַגריסט דעם מלך און אָנגעוויזן אויף נעמה׳ן, וואָס האָט זיך געבוקט פאַר אים מיט שטאָלץ און פורכט.

— נעמה, די איינציקע טאָכטער פון מיין געפאַלענעם ברודער עון; און זי איז היינט ביי מיר דאָס אַפּעל פון אויג.

אַחאָב האָט פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט.

— נעמה, די וואָרזאָגערין פון בית־אל?

— זי איז געקומען אין שומרון מיט אַ משפּט פאַר די ריכטער, אָבער אַ דינסט וועט זי בלייבן אין פּאַלאַץ.

אַחאָב האָט נאָך אַ רגע געהאַלטן זיינע אויגן אויף דער יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אַן אונטערטעניקע, מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ, און אירע בלויע אויגן זענען געווען קיל און לויטער ווי אַ פרישער שטראָם וואַסער. אחזיהו האָט זיך אַריינגעזעצט אין רייטוואָגן און דער מלך האָט צוגערופן פּקחיהו׳ן.

— די ווינטן זענען נאָך קאַלט אין שומרון, —האָט ער געזאָגט,— אָבער איך פאָר אין מיין ווינטערהויז אין יזרעאל. פערצן טעג וועל איך זיצן אין דעם וואַרעמען לאַנד, און אויך דו, פּקחיה, וועסט אַראָפּקומען אַהין.

און פּקחיהו האָט דאַנקבאַרקייט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרייליכע אויגן אויף דעם קעניג און דערנאָך אויף נעמה׳ן, און זי האָט געוואוסט, אַז אין דעם ווינטערהויז אין יזרעאל, ווייט פון איזבל׳ן, וועט זי זיין נאָענט צום הערשער, וואָס פאַר אים ציטערן היינט מלכים.

ה

אַחאָב האָט געעפנט די אויגן און זיך אויסגעשטרעקט אויף זיין געלעגער מיט די געלע געוואנטן. דעם קנעכט האָט ער ארויסגעשיקט נאָך איידער ער האָט איינגעשמירט זיין נאקן און זיינע אָרעמס מיט געווירצן. דער מלך האָט געוואָלט בלייבן אליין אין דעם לויטערן ליכט פון פרימאָרגן. וואָס האָט פאַרגאָסן די ווענט פון זיין שלאָפקאמער, און אליין האָט ער געוואָלט איבערקלייבן זיינע מחשבות. ער איז געקומען אין דעם ווארעמען לאנד נאָך רו, אָבער די פירשטן שיקן אהער צו אים לויפערס, אים צו דערמאָנען די זאָרגן פון דער מלוכה. צי איז ווידער נישטאָ קיין מנוחה הינטער דעם טראָנשטול? אַרם איז געשלאָגן, אָבער עס רודערן נאָך די פעלקער און עס רוישן די פיינט אין די ווייטע לענדער.

אַחאָב האָט צוגעשלאָסן די אויגן אויף איין רגע, צו פאַריאָגן דעם וואָלקן פון מורא. ער האָט אראָפּגעשאַרט דאָס אויבערשטע ליינענטוך פון זיין גוף און עס איז אָפּגעדעקט געוואָרן זיין האָריק האַרץ מיט די הויכע, ביינערנע אקסלען. ער איז געלעגן אויסגעצויגן און טיף געאָטעמט, ווי נאָך א קילער באָד. זיין הויט איז געוועזן ווייס, וואָרום דער ווינטער האָט אויסגעזויגן די זוניקע ברוינקייט פון זיין לייב און די געקרויזטע באָרד האָט ווי א בינטל צווייגן פאַרדעקט דעם הויכן האלדז. עס איז גוט געוועזן אין דעם שלומער, אָבער דער אומרו איז צוריקגעקומען. ווער איז דער פיינט, וואָס קריכט ארוים פון זיין איזעבעל און באלד וועט ער ברילן אזוי ווי א לייב הינטער זיינע טורעמס? מואָב איז איינגעשטילט, און די כושים פון מערב און די שבטים אראבער פון צפון זענען אונטערטעניק. אָבער איתמר, זיין שלאכטמאן מיט זיינע הויפּטלייט האָבן געוואָרנט, אז פון דעם ווייטן צפון־לאנד גייט־אויף די שטארקע מאכט פון אַשור, און זייער הערשער זאמלט זיין חייל. איז נאָך נישט די צייט צו רופן צו א ראט דעם מלך פון יהודה און דעם מלך פון אַרם, וואָס מיט זיי האָט ער א בונדגעשלאָסן?

דער ווילן איז געווען שטאַרקער ווי דער אומרו, און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער. דער קנעכט האָט געוואַרט הינטער דער וואַנט, אָבער אַחאָב איז ארויס אין הויף, וואָרן ער האָט אַליין געוואָלט אַנטקעגנגיין פּקחיהו'ן. די זון איז אויפגעגאַנגען אויפן מזרח־ראַנד פון הימל און דער טוי האָט נאָך געוואַשן די פלאַנצן. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס נידעריקע טויער פון גאָרטן. ער האָט איינגעאָטעמט די ערשטע ריחות פון פרימאָרגן און איז צוגעקומען צו די פלאַכע טרעפּ, אויסגעהאַקטע פון שפּיציקע, ברוינע שטיינער. וואָס העכער די געוויקסן האָבן זיך געהויבן, אַלץ טיפער האָבן זיי זיך געוויקלט אין קאָלירטע בלומען־פלעכטן. די שמאָלע וועגעלעך האָבן זיך געשלענגלט ווי בויגנס צווישן בייטן גרינס און עס האָבן זיך ארויסגעוויזן די ערשטע טאָפּאָלביימער הינטער די זאַמדיקע קלעטער־צאַמען.

דער מלך האָט ארויפגעקלעטערט אויפן העכסטן טרעפּ און אַראָפּגעקוקט אויף דעם ברייטן טאָל פון יזרעאל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דעם מאָרגנטוי. די אויגן האָבן גערוט אויף די טראָפּנס, וואָס האָבן געפינקלט אונטערן ערשטן גלי פון דער זון און דאָס האַרץ האָט אָנגעשעפּט פרייד און רו. די פייגנביימער האָבן ווידער געבליט. עס איז געווען פרוכט אויף די ווייַנשטאָקן און עס האָט געטריפט פעטס פון די אייַלבירטביימער און די שאָף איז נישט געווען אָפּגעשניטן פון געהעפט. ווי זאָט איז דאָס לאַנד נאָך דעם נצחון, — האָט אַחאָב געזאָגט, — צי וויל דאָס אַלץ אַצינד אַ פרעמדער הערשער פאַרצערן? אויף פּקחיהו'ס צונג ליגט דער ענטפער, און אַז אויך ער וועט אים היינט זאָגן, אַז גרויס איז די סכנה, וועט ער נישט אויסזיצן די פערצן טעג אין יזרעאל און זיך אומקערן אין שומרון און איינזאַמלען די ראַטגעבער.

ער האָט געוואָלט אַראָפּגיין צו פּקחיהו'ס הויז און וואָס גיכער רעדן מיט זיין געטרייען, אָבער אין יענער רגע איז זיין בליק געפאַלן אויף דעם ווייַנגאָרטן אַנטקעגן, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער און דאָס אייַזערנע טויער איז דאָרט געווען פאַרריגלט. די בענטשונג פון הימל איז געווען אויף די פרוכטן פון יענעם סאַד און מלאָכים האָבן אויסגעשפּרייט זייערע פליגלען איבער דער שפע. ווען אַחאָב האָט נעכטן דערזען פון זיין פענצטער דעם ווייַנגאָרטן, זענען די דופטן געבליבן אין זיינע נאָזלעכער און די צווייַגן מיט די ווייַנשטאָקן זענען געהאַנגען פאַר זיינע אויגן. דער קעניג האָט געפרעגט זיין באַדינער אוביל: ווער איז דער גליקלעכער מאַן פון דעם שיינעם ווייַנגאָרטן? איז דער באַדינער אַוועק אין שטאָט, וואָס הינטער דעם ווייַנגאָרטן, און ער איז צוריקגעקומען און דערציילט, אַז די באַוואוינער דאָרטן האָבן אים געזאָגט, אַז דער מאַן הייסט נבות, און ער היט דעם קאָרן פון זיין פעלד און די פרוכט פון זיין סאַד און ער איז פאַרכטיק צו גאָט.

די קעניגין איזבל

און אחאב האט אויסהערנדיק זיין באדינער, געזאגט: ער האט רו אין זיין הארץ און פורכט אין זיין זעל; ווי גליקלעך איז דער דאזיקער מאן! אבער די לוסט צו זיין וויינגארטן האט זיך פון דעם מלך נישט אפגעטון.

זיבן טעג איז אחאב געבליבן אליין אין זיין ווינטערהויז אין יזרעאל, וואס איז געווען ארומגערינגלט מיט אן אפגעשלאסענעם גארטן פון ציפרעסבלומען. נאר אוביאל האט אים באדינט, און פקחיהו איז געזעסן אין הויז ביים צווייטן עק גארטן און ער איז געקומען רעדן צו אים אין די אוונטן, ווען די לויפערס פון שומרון האבן זיך באוויזן מיט די פארמעט־בריוו פון איתמר'ן. דער מלך האט גערוט אין די קילע פרימארגנס. ווען די היץ איז אויפגעגאנגען אין האלבן טאג, איז ער ארויס און זיך געזעצט אין שאטן פון א פייגנבוים, און דער אלטער גערטנער תירוש, האט פאר אים געזונגען פריילעכע געזאנגען פון תבואה־שניט. אחאב האט געטרונקען וויין פון עפל און די טרוקענע טייטלען זענען פאר אים געווען א געשמאקער מאכל. אבער אויפן אכטן טאג, ביים זונאויפגאנג, האט דער גערטנער אים צוגעפירט צו דער הויכער וואנט פון ציפרעסן, וואס ער האט בארפלאנצט, און אים דארט איבערגעלאזט. און אחאב האט דערהערט ווי פון דעם נידעריקן הייזל דערנעבן, צווישן בייטן ליליעס, קומט א שטיל געזאנג פון א פרוי. די שטים האט אזוי פארבענקט געפליסטערט, ווי די ווייכע טענער פון א פיטערין, וואס גייט־נאך די טריט פון איר שאף. ער האט געוואלט פרעגן תירוש'ן, פון וואנען עס קומט דאס פרעמדע קול, און צי האט מען א דינסט אראפגעבראכט אין דעם איינזאמען הויז? אבער דער גערטנער איז שוין נעבן אים נישט געווען. דער מלך איז אפגעגאנגען הינטער די פייגנביימער, וואס האבן זיך געוויקלט צווישן שאטנס, און די לעצטע ליכט־פלעקן פון טאג און דאס שטילע געזאנג איז אים נאכגעגאנגען ווי די ווייטע קלאנגען פון א פלייט, ביז ער איז צוריקגעקומען אין זיין קאמער.

אין יענעם אוונט, ווען פקחיהו איז געקומען דערציילן וואס עס איז זיך פארלאפן דורכן טאג אין שומרון און אים דערלאנגט א פארמעט פון איתמר'ן, האט אחאב פלוצים געפרעגט: וואו איז אהינגעקומען נעמה, די טאכטער פון זיין ברודער, וואס ער היט זי היינט ווי דאס אפעל פון זיין אויג? פקחיהו האט געלאכט מיט פריילעכע אויגן און שוין געקליבן ווערטער אויף די ליפן, אבער אחאב האט אים געהייסן שווייגן. דער מלך און זיין געטרייער האבן זיך פארשטאנען אן איין ווארט ארויסצורעדן; ביידע האבן געוואוסט איינער דעם אנדערנס באגערן, אבער זיי האבן דאס נישט ארויסגעזאגט. ערשט, ווען אחאב האט דורכגעלייענט דעם פארמעט פון שומרון, האט ער געהייסן פקחיהו'ן אויס־זאגן אלץ וואס ער ווייס פון זיין ברודערס טאכטער נעמה, וואס זי האט פאר־

לאָזט בית־אל צו ווערן א דינסט אין פּאַלאַץ, אָבער נאָכגעקומען איז זי ביז יזרעאל און זיך באַהאַלטן אין זיין ווינטערהויז.

און פּקחיהו, וואָס איז געווען גליקלעך צו באַדינען דעם, וואָס איז דער האַר איבער זיין לעבן, האָט געזאָגט, אַז נישט קיין בייז האָט ער געטון וואָס ער האָט אין זיין געטריישאַפט מיטגענומען נעמה׳ן און זי באַהאַלטן הינטער דער וואַנט פון ציפּרעסן. איינזאַם איז די יתומה און ביטער איז איר הארץ. זי האָט געדינט אין דעם געצנהויז, אָבער זי איז געווען ווייט פון די מענער, וואָס זענען געקומען אהינצו נאָך לוסט. איר לעבן אין בית־אל איז געווען ווי אין געפענגעניש, ווייל באַרויבט האָבן איר די כהנים, דעריבער איז זי געקומען אין שומרון צו געווינען א משפּט ביי די ריכטער און צו זיצן צופוסנס ביים מלך פון ישראל. נעמה איז יונג און פול מיט באַגערן ווי א מילגרוים. די ביטערע יאָרן האָבן נישט אויסגעלאָשן איר לוסט פריילעך צו מאַכן דאָס הארץ פון איר קעניג. ווען דען דער מלך אַרויסטרייבן די, וואָס קאָן מיט איר געזאַנג פאַריאָגן דעם טרויער און מיט איר שיינקייט אָנשיכורן זיין בלוט?

און פּקחיהו האָט דערציילט מער ווי דער קעניג האָט געוואָלט וויסן פון נעמה׳ן. און ער איז נישט געווען אָפּגעהיט מיט זיין צונג צווישן אמת און פאַלשקייט. וואָס עס האָט אים געלוינט — האָט ער אַרויסגעגעבן, און וואָס עס האָט געקאָנט ברענגען שאָדן — האָט ער פון אים פאַרהוילן. אַחאָב האָט גוט געהאָרכט און אין זיין מוח האָט אויפגעלויכטן די געשטאַלט פון נעמה׳ן, וואָס לויערט אויף אים הינטער דער וואַנט. זי איז יונג, פריילעך און לויטער, ווייל זי האָט זיך פון זכרים דערווייטערט, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין זיין איינזאַמקייט מעג דער מלך איינזאַפּן איר לויטערקייט, אַזוי ווי מען זאַפּט־איין דאָס ליכט פון דער זון.

צומאָרגנס אין האַלבן טאָג, ווען אַחאָב איז געלעגן אויף זיין הענגבעט, אין שאָטן פון פייגנבוים און די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט פון מידקייט, האָט ער געהייסן דעם גערטנער תירוש ברענגען נעמה׳ן, זי זאָל פאַר אים זינגען. זי איז אָנגעקומען איינגעהילט אין גרינע שלייערן. פון איר לייב האָבן געבלאָזן שאַרפע דופטן און אויף איר האַלדז איז געהאַנגען איר דיקע פּערלשנור. לאַנג איז זי געשטאַנען א דערשראָקענע, איידער זי האָט זיך פאַר אים געבוקט און געזאָגט:

— דיין דינסט נעמה, מיין קעניג.

ער האָט זי אָנגעקוקט. דאָס ליכט פון דער זון איז געווען אויף איר ווייסן שטערן. הינטער די שלייערן האָט איר קערפּער געציטערט ווי א פלאַנץ אין ווינט, אָבער דער קעניג האָט נישט געהאַט פאַר איר קיין ווייכע רייד. ער האָט שטרענג געפרעגט:

— וואָס איז געשען צו דיר, נעמה, אין דיינע רייפע יאָרן, וואָס דו האָסט מורא פאר מענער?

און ווי ער האָט געוואַרט אויף איר ענטפער, האָט ער דערזען פּחד אין אירע אויגן, און זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף אירע קני און געזאָגט:

— איך האָב פיינט אַלע מענער אויסער דיך, מיין האַר, וואָס דו האָסט מיך געלאָזט אריינקומען אין דיין הויז. איך האָב אויך געהאַסט מיין פעטער פּקחיהו, וואָס האָט מיך אריינגעגעבן אין דעם טעמפּל פון בית־אל.

— צו־שטיל איז דאָס לעבן פאר דיר אין דעם דאָזיקן הויז, נעמה. ווער האָט דיך געשיקט צו מיר?

ער האָט נישט געהערט קיין ענטפער און געזאָגט:

— ווייסטו דען נישט, אז דער קעניג האָט אזוינע באַגערן ווי יעדער איי־נער צווישן פאָלק? ער זוכט נישט דאָס גליק, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון דער מלוכה; ער פארלאַנגט גאָרנישט וואָס אַנדערע מענער פארלאַנגען נישט און ער וויל אַלץ וואָס זיי באַגערן.

— צופיל גערויש האָב איך געהאַט אין מיינע טעג אין בית־אל, און איך וויל אצינד וואוינען אין רו.

אַחאָב האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין הענגבעט און מיט אַמאָל זיך צעלאַכט:

— איך בין צו אַלט, נעמה. פון מיין פייער איז אַש געבליבן.

— דו ביזט גנעדיק צו מיר, קעניג, און מער פארלאַנג איך נישט פון קיין מאַן אויף דער ערד.

ער האָט געלאַכט און זיין געלעכטער איז געווען דאָס געלעכטער פון גליק; דאָס געלעכטער פון א מאַכטהאָבער, וואָס האָרכט מער נישט די באַפעלן פון זיין מלוכה. נעמה איז געוואָרן דרייסטער:

— מיינע אויערן זענען געווען טויב פון טומל ווען איך בין א קינד געווען, —האָט זי געזאָגט.— מיין פאָטער איז נישט געווען קיין באַזויפענער לוסטיונג, נאָר א שטרענגער שלאַכטמאַן. מיין מוטער איז נישט געווען דאָס וואָס מענער האָבן געמיינט, אז זי איז. די ביטערע טעג אין בית־אל זענען הינטער מיר, און דאָ, אין דעם פארשלאָסענעם גאָרטן, וויל איך ווידער זיין לוסטיק ווי א פויגל. צי האָט מיין קעניג מיך גערופן, איך זאָל זינגען פאר אים?

און זי האָט זיך געזעצט צופוסנס אים און געוואָלט זינגען, אָבער זי האָט געזען ווי זיין קאָפּ איז אראָפּגעפאַלן אויפן בלויען קישן און ער האָט באַגערט שלאָף. זי האָט געשוויגן און פאַרכטיק געקוקט אויף אים, און ביים קעניג האָבן זיך ווידער געקלעפּט די אויגן און ער האָט מער נישט געוואָלט פרעגן די

סודות פון איר לעבן, ווייל איבער אלץ האָט ער געוואָלט שטילקייט און רו ביז צום סוף פון טאָג.

אָבער אחאָב'ן איז נישט באשערט געווען קיין רו. יענעם אָוונט האָט ער נישט געוואָלט זען פקחיהו'ן און געשיקט דעם גערטנער רופן נעמה'ן אין זיין קאמער. זי איז דאָס מאָל געקומען צו אים נישט ווי א דערשראָקענע באדינע־רין. ווי נאָר זי איז אריבער די שוועל, האָט ער געזען, אז זי איז אָנגעטון אנ־דערש פון אלע קאמערמיידלעך. זי האָט אראָפּגענומען דעם פורפל־מאנטל און געבליבן שטיין פאר אים אין א קלייד, אויסגעפלאָכטן פון בלויע טולן, וואָס האָבן ווייך איינגעוויקלט אירע אקסלען און ביי די אָרעמס איז דאָס געוואנט געווען אויסגעניית מיט העקעלעך פון גאָלד און ביי די לענדן באצירט מיט רייפנבענדלעך פון זילבער. זי האָט געהאלטן די פערלשנור אין איר האנט. אָבער אחאָב האָט געהאלטן די אויגן אויף דעם גאָלדענעם באנד אין אירע האָר.

נעמה האָט געזען די פארוואונדערונג אין די אויגן פון קעניג, און זי האָט אים אקעגנגעטראָגן א שמייכל פון אונטערטעניקייט.

— נעמה די געהאָרכזאמע, —האָט זי זיך געבוקט.— דער קעניג האָט מיך גערופן?

און אחאָב האָט פון גרוים פארגעניגן זיך ווידער צעלאכט. א ייִנגלשער לוסט, וואָס צינדט־אָן דאָס בלוט, האָט אים דורכגענומען. ער האָט זי א צי געטון ביי די לענדן צו זיך.

— נעמה די געהאָרכזאמע, נעמה די אונטערטעניקע, —האָט ער געזאָגט, — נישט ווינציקער ווי ביי דער קרוין פון ישראל וויל זי זיצן.

ער האָט געלאָזט, אז זי זאָל זיך לייכט ארויסגליטשן פון זיינע הענט, און זי איז געשטאנען קעגנאיבער אים א צעטומלטע. טאָג נאָך טאָג, זינט זי איז געקומען אין שומרון, האָט זי געהערט פון אים און זיינע טואונגען; פון זיין אומווילן און שוואכקייט, און אָט שטייט ער פאר איר, דער קעניג, הויך ווי א צעדער אין הארט ווי א פעלז, און אונטער דער שיין פון דער איינציקן קופּער־נעם איילאָמפּ האָט זיך איר אויסגעדאכט, אז אויף זיינע ליפּן רוט די תאווה פון א רויבפויגל. צוליב וואָס האָט ער זי דען גערופן, אויב נישט צו שטילן א פארבאָטענעם באגער? ווי געפערלעך איז דאָס שפּיל! אין וויפל לוסט ווערט דערשטיקט אין הארץ פון דעם דאָזיקן מאן! אָבער עס איז איר גוט געווען צו שטיין און פלאַטערן פאר דעם דאָזיקן רויבפויגל. די מזלית פון אלע שטערן זענען איר נאָכגעגאנגען ווען זי האָט פארלאָזן בית־אל. ווי געשווינד זי געווינט אָנזען אין שומרון, און ווי גיך עס בייטן זיך די באגערן פון קעניג: אָט שפּאַסן זיינע אויגן ווי ביי א לוסטיק ייִנגל, און אָט ווערן זיי טרויעריק און שטרענג.

אחאָב האָט זי אָנגענומען פאר אן אקסל און זי געפירט טיפער אין קאמער.

עס זענען נישט אַנגעצונדן געוואָרן די פאַקלען איבער דער טיר לכבוד דעם גאַסט. ער האָט לייכט געדריקט צו זיך איר אַקסל און דער אויבערשטער דורכ־זיכטיקער טול האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעשאַרט. ער האָט איינגעאָטעמט אירע דופטן און געזאָגט:

— דער ריח אויף דיין נאַקן איז פון די שאַרפסטע געווירצן אין יזרעאל.

אירע אויגן זענען געווען אַנגעטרונקען מיט פרייד. זיי זענען צוגעקומען צו א שטענדער מיט פרוכטן און א קרוג וויין. איבערן שטענדער האָט זיך גע־רויכערט א פאַן מיט ווייררויך. אויף אַחאַב׳ס צייכן האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם טעפּיך פון וואָל. אליין איז ער געבליבן שטיין איבער איר א קילער און שטרענגער.

— די ביזט אריינגעקומען אין דעם קעניגרייך אזוי פריי ווי יעדער שלאַכט־מאַן, —האָט ער געזאָגט.— דו ביזט יונג און דרייסט, נעמה. דיין לייב איז צאַרט, אָבער דיין ווילן איז האַרט. אויב א צוזאָג ווילסטו פון מיר, וועל איך דיר דעם צוזאָג געבן, אָבער צוערשט האָב איך צו דיר א פאַרלאַנג.

— דיין געהאָרכזאַמע דינסט איז נעמה, קעניג מיינער.

— יעדער הערשער האָט זיינע געטרייע און פאַלשע קנעכט, —האָט אַחאַב ווידער געזאָגט.— איינער פון די פאַלשע איז דואג, דער באַדינער פון דער מלכה. גיי און זע אים, נעמה. ער איז א פוקס, אָבער דו ביזט שלויער פון אים. די מלכה צאָלט אים, ער זאָל נאָכשפּירן מיינע שלאַבטמענער, אָבער די קאָנסט אים איבערקויפן, ער זאָל ברענגען די סודות צום מלך. פון מיינע גע־טרייע הער איך, אז אין פּאַלאַץ רודערן די נייע כהנים פון צידון. מאָרגן וועסטו אריינפאָרן אין שומרון.

— איז ער געפערלעך, דער קנעכט דואג?

— אזוי ווי א טיגער וואָס לויערט אויף דעם ווייכן לאַם. ער איז קויטיק, אָבער ער איז נישט אליין. וועער עס שטייט הינטער אים, האָט נאָך קויטיקערע הענט. וואָס א מענטש טאָר נישט אָנרירן.

נעמה האָט ארויפגעלייגט אירע פינגער אויף אירע ליפּן.

— די קעניגין! — האָט זי מיט שרעק אויסגערופן און חרטה געהאַט.

— ניין. איר כהן צדקיה בן כנענה איז דואג׳ס באַפעלער. ער איז א צויבערשפּרעכער. ווי אַן אָקס איז ער איינגעשפּאַרט. ווען ער ברענגט עצות צו דער מלכה, טוט ער אַן אייזערנע הערנער אויף זיין שטערן.

איך וועל פריער גיין צו דעם צויבערשפּרעכער מיט די אייזערנע הערנער, — האָט נעמה געזאָגט.

— דו זאָלסט זיך איילן, נעמה, אָבער לאָז זיך נישט טרייבן פון דיין היציק בלוט. צו צדקיהו וועלן דיך די וועכטער נישט אריינלאָזן. א נייע ביזטו אין

שומרון, , אָבער צו דואג׳ן קאָנסטו רעדן ווי א גלייכע צו א גלייכן. מאָרגן וועסטו פאָרן זען דעם קנעכט. א בייטל געלט ווי די וואָג פון הונדערט גאָלד־שטיקער וועט זיין דער פרייז פאר די סודות פון פאלאץ. איך וויל אלע סודות, זינט די טעג וואָס איך זיץ דאָ, אין יזרעאל.

— איך וועל טון אזוי ווי דו הייסט, מיין קעניג. אָ, ווי גרויס וועט זיין דער פארגעניגן פאר דיין דינסט צו טרייבן די פאלשע מענער אהין און אהער; זיי צו שטאַרקן און זיי אומצואוואַרפן, וואָרום באַטריגן ווילן זיי דיך, מיין האר קעניג.

און די געהאָרכזאמע נעמה איז גרייט געווען צו טון אלץ, אפילו באַטרוג פאר דעם הערשער, וואָס האָט זי ארייַנגעלאָזט אין די פיר ווינקלען פון זיין וועלט. א גרויס הארץ פארמאָגט דער קעניג, —האָט זי געזאָגט,— אָבער זיינע פיינט האָבן פון זיין הארץ א זאַק מיט טרויער געמאַכט. האָבן דען נישט די שטערן אין הימל זי באַפוילן צו קומען אהער און אים שטאַרקן?

אַחאָב האָט אראָפּגענומען פון שטענדער די קרוג וויין און אָנגעפילט צוויי בעכערס: א פולן בעכער פאר זיך און א האַלבן פאר איר. זיצנדיק אויפן טע־פּיך האָט נעמה געזופט דעם וויין און מיט בעטנדיקע אויגן געקוקט ארויף, צו אים, און איז גרייט געווען צו פארגינען אים אלע ווייבלעכע צערטלעכקייטן וואָס עס באַגערט א לוסטיקער מאַן. אַחאָב האָט זי אָנגענומען ביי די הענט, און פּלוצים האָט זיך א געשריי ארויסגעריסן פון זיין האַלדז:

— פאַרוואָס טרויערט דער מלך, ווען א לוסטיקע יונגפרוי זיצט ביי זיין צופוסנס?

זי האָט זיך אונטערטעניק אויפגעהויבן פונעם טעפּיך. ער איז געשטאַנען קעגנאיבער איר און געשוויגן. דאָס איינזאַמע ווינטערהויז איז געווען פול מיט ריחות פון לוסט און די דופּטן זענען אריין אין זיין בלוט. ער האָט זי געצויגן ביי די לענדן, אָבער באַלד האָט ער זי דערווייטערט פון זיך. עס איז געבליבן צווישן אים און איר גענוג אָרט אַפּצושיידן א קעניג פון זיין דינערין. ער איז ארייַנגעפאַלן אין א שלומער, וואָס איז געוואָרן איינס מיט דעם טונקעלן ליכט אונטער דעם אייל־לאָמפּ.

ו

נעמה איז צומאָרגנס אוועק קיין שומרון, און אַחאָב האָט אין האַלבן טאָג גערופן פקחיהו'ן אין זיין גאָרטן. ער איז אָנגעקומען אין געאייל, ווייל עס איז נישט געווען דער שטייגער פון דעם מלך אים צו רופן ווען די זון איז הויך. אַחאָב האָט מיטן רעכטן אויג אָפּגעמאָסטן די ווערט פון זיין ערשטן ראטגעבער, און מיטן לינקן אויג האָט ער אריינגעקוקט אין דעם גליענדיקן הימל. פקחיהו האָט צוערשט געוואָלט פרעגן, ווען נעמה איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון ווינטערהויז, אָבער זיין צונג איז געבליבן שטום, וואָרום רייד וועגן דער מלוכה האָט דער קעניג אים גערופן צו הערן. ווי גיך נעמה האָט זיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן סודות אין איר הארץ! ערשט טעג זענען פארביי ווי ער האָט זי אריינגעפירט אין פאלאץ, און שוין היינט, נאָך זונאויפגאנג, איז זי אוועק קיין שומרון און נישט אויסגעזאָגט, אז אין שליחות פון דעם מלך איז זי געפאָרן.

און ווי פקחיהו'ס הארץ האָט געציטערט פאר נעמה'ן, האָט אַחאָב געזאָגט צו דעם ערשטן פון די געטרייע:

— פקחיהו, אין פאלאץ האָט מען פארגעסן, אז נאָר דער מלך פון ישראל קאָן שיקן זיין חייל אין מלחמה. וויפל טעג זיץ איך דאָ אין דעם ווינטערהויז?

— זיבן טעג, אָבער זיי טרייבן מיך ווידער צוריק קיין שומרון. די מלכה אליין וויל אָנהייבן א קריג מיט די פעלקער אין דרום.

פקחיהו האָט געוואוסט, אז א לויפער פון שומרון האָט די נייעס געבראַנגט צום מלך. ער האָט פון הינדערניש פארפלאָכטן די דיקע פינגער פון ביידע הענט; ער האָט געפרעגט:

— פון אָרם זענען די פיינט צוויי מאָל געקומען באלאגערן שומרון, פארוואָס וויל די מלכה א מלחמה אין דרום?

— זי וויל ארומגיין דאָס לאנד ביז פלשת און איינגעמען דאָס פלאַכלאנד, און זי וויל אָפּנעמען די שטעט פון יהודה. זאָל מיר גאָט העלפן אזויפיל און

נאָך מער! אזוי ווי איך, אזוי דו, פּקחיהו, ווייסן מיר אז די געפאַר ליערט אין צפון. א נייע מאכט אין אשור שטארקט זיך קעגן אונדז.

— אזוי ווי דו זאָגסט, מלך, די געפאַר לויערט פון צפון.

— צוויי פעלקער וועלן קאָנען שלאָגן דעם פיינט איידער ער זאמלט־אָן כוחות; צוויי פעלקער, וואָס זענען שכנים אין פרידן.

פּקחיהו האָט צענומען די פארפלאָכטענע הענט און פון זיין רעכטן געלענק איז אראָפּגעהאנגען א קייט מיט גרויסע גאָלדענע רינגען אזוי ווי פּערל, בעת אין זיין מוח האָט ער שוין געהאט אויסגעשטעלט די צוויי פעלקער, וואָס וועלן אינאיינעם מיט ישראל שלאָגן דעם פיינט. אחאָב האָט פּלוצים אויסגערופן:

— בן הדד, דער הערשער פון אַרם! וואָס ווייסטו פון אים? האָט ער אן ערלעך הארץ? וויפל קאָן דער מלך פון ישראל געטרויען דעם געשלאָגע־נעם אַרמי? א בונד פון שלום האָב איך אים געגעבן, און דער שונא פון הויכן און פון דעם נידעריקן לאנד אין צפון זאמלט היינט זיין חייל קעגן אונדז ביידן. איז בן הדד אן אומדערשראָקענער שלאכטמאַן? האָט ער רחמנות אויף זיין פאָלק?

— די הערשער פון אַרם זענען נישט אזוי ווי די מלכים פון ישראל, וואָס טרייסטן זייער פאָלק און אויף זייערע אָרעמע טוען זיי זיך דערבארעמען.

— איז ער א גיבור אין פעלד? קאָן ער אויפהיטן דעם כוח פון זיין חייל?

— ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער די לוסט פון מלחמה, אָבער ער האָט גאָרנישט געלערנט פון דער פארוויסטונג אין אַפק.

— אלע געדענקען, אז זיין פאָטער איז געווען אן אדומי און זיין פאָטערס פאָטער אן אנטלאָפענער פון געפאנגענשאפט. וויפל ווייסטו, פּקחיהו, פון זיין פאָטער און פון זיין פאָטערס פאָטער?

— זיין פאָטערס פאָטער, הדד דער אדומי, איז געווען פון קעניגלעכן אָפּ־שטאם; ער האָט זיך געבאָדן אין דעם בלוט פון זיינע לאנדפירשטן, און די גע־טרייע, וואָס זענען געפאלן פון זיין שווערד פאר זיין טויט, זענען געווען מער ווי די וואָס ער האָט געטויט ביי זיין לעבן.

— און זיין מלוכה? פון וועמען האָט ער זי געירשנט?

פּקחיהו האָט לאנג געשוויגן א פארטראכטער, דערנאָך האָט ער דערציילט פאר זיין קעניג די געשעענישן פון הדד, אזוי ווי ער וואָלט זיי ארויסגעלייענט פון א פארמעט־שריפט:

— עס איז געווען אין די טעג ווען קעניג דוד איז אריין אין אדום, און יואב, זיין חייל־פירער, האָט אויס נקמה פארשניטן יעטווידן מאנספּארשוין אין לאנד. דעמאָלט איז הדד אנטלאָפן, ער, און נאָך עטלעכע אדומים פון זיין פאָ־טערס קנעכט. זיי זענען אויפגעשטאנען פון מדין און זענען דורכגעגאנגען דעם

מדבר פּאָרן, און פון דאָרט האָבן זיי מיטגענומען מענטשן און אריינגעקומען אין מצרים, צו פּרעה דעם קעניג. הדד האָט געפונען חן אין די אויגן פון פּרעה, וואָרום ער האָט אים געשאָנקען א הויז און לאַנדגיטער, און אים געגעבן פאַר א ווייב די שוועסטער פון זיין מלכה, תחפּנים. ווען זי האָט אים געבוירן א זון, גנובת, האָט זי אים אנטוויינט אין פּרעה׳ס הויז און ער איז געוואָרן א פירשט צווישן די קינדער פון פּרעה׳ן. דערנאָך, ווען הדד האָט געהערט אין מצרים, אז קעניג דוד האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און אז יואָב דער חייל־פירער איז טויט, האָט ער געזאָגט צו פּרעה׳ן: לאָז מיך אוועק און איך וועל צוריקגיין אין מיין לאַנד. האָט פּרעה אים געפרעגט: וואָס פעלט דיר ביי מיר, אז אוועקגיין ווילסטו אין דיין לאַנד? האָט הדד געזאָגט: גאָרנישט פעלט מיר, אָבער א מלוכה וואַרט אויף מיר. און ער איז אוועק אין זיין לאַנד און אָנגעטון די קרוין.

אחאָב האָט אויסגעהערט פקחיהו׳ן, און ער האָט אָפּגעוואויגן די רייד ווי וואָגשטיקער, צו שאַצן די ווערט פון דעם היינטיקן הערשער פון אָרם. נישט דעם יחוס פון פרעמדע מלכים דאַרף היינט ישראל. דער גרעסטער צווישן די אכזרים קאָן זיין דער שטאַרקסטער צווישן די שלאַכטמענער; און דער וואָס קומט דריקן ישראל, זאָלן די גרויזאַמע אים פאַרטיליקן. ווי גוט פקחיהו געדענקט די געשעענישן אין די הויפן פון פרעמדע מלכים; זיין זכרון איז אזוי ווי א באַשריבענער פּאַרמעט. אין אחאָב האָט זיך דערמאָנט, אז נאָך א לאַנד שטייט ווי א צאַם אויפן וועג צו אַשור — דאָס איז דער אָפענער מדבר פון די אַראַבער. נישט זייערע רויביונגען און נישט זייערע קעמלען פאַר מלחמה וויל די מלוכה אין שומרון, נאָר בלויז דורכגיין די וועגן זייערע. אחאָב האָט געפרעגט:

— די שבטים פון די אַראַבער אין צפון, זענען זיי קריגער?

— זיי זענען אַלע טעג געווען רואיק און פרידלעך, אזוי ווי עס זענען די וואַנדערער פון די חתים און פון די צידונים. נאָך היינט זענען זיי אונטערטעניק צו די מלכים, אָבער אויף די וועגן באַרויבן זיי די רייכע הענדלער און די אַרומפאָרער פון געמישטע פעלקער.

— זייער לאַנד שפּרייט זיך אויס ביז צו די טאָלן און באַרגפעסטונגען פון אַשור, און זייערע וואַסערן ריזלען דורך מעכה און בית־רחוב, —האָט אחאָב געזאָגט.— ווי נאָר איך וועל זיך אומקערן אין שומרון, וועל איך צו זיי שיקן שליחים.

די אַראַבער אין מדבר אכפּערן שטאַרקע קריגסלייט, —האָט פקחיהו דערמאָנט דעם קעניג,— און פאַר דער שפּיז און פאַנצער פאַלן זיי אויף די קני.

— איך וועל צו זיי שיקן שליחים מיט ווערטער פון שלום, זיי זאָלן מיינע

חיילות לאָזן דורכגיין זייער לאַנד. איך וועל זיי זאָגן, אַז נאָר איבער די וועגן וועלן מיר גיין; מיר וועלן זיך נישט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס. עסנוואַרג וועלן זיי אונדז פאַר געלט פאַרקויפן און וואַסער וועלן זיי אונדז פאַר זילבער געבן. מיר וועלן בלויז דורכגיין מיט אונדזערע פיס, פערד און רייטוועגענער, און זאָלן זיי אַזוי טון צו מיר ווי עס האָבן געטון מיט מיינע עלטערן די קינדער פון אדום, וואָס זיצן אין שעיר.

ביי פּקחיהו׳ן זענען די אויגן געוואָרן אָפענער און די אויערן וואַכער, און אַחאָב האָט געזאָגט:

— שלמנסאר איז די געפאַר פאַר די פעלקער פון מזרח. ישראל און אַרם זענען גענוג שטאַרק ארויסצוגיין און פאַרהאַלטן אַשור, איידער ער וועט קומען לאַגערן ביי אונדזערע פעסטונגען.

דער ערשטער פון די געטרייע האָט געוואוסט, אַז נישט נאָר צו האָרבן האָט דער קעניג אים גערופן, אויך אויף זיין עצה וואַרט ער, און ער האָט גע־וואָלט וואוילגעפעלן זיין האַר און טרעפן די מחשבות פון זיין האַרץ.

— צו־פרי רודערן די הויפּטלייט אין שומרון, —האָט פּקחיהו געזאָגט.— פאַרוואָס טומלען היינט די כהנים אין הויף? האָבן זיי פאַרגעסן דעם אָנזאָג: דער פּאַלאַץ פאַר די פירשטן, דער טעמפּל פאַר די כהנים?

— אַזוי איז שטענדיק געווען ביי די מלכים פון ישראל — האָט אַחאָב שטיל געזאָגט.

— איז נישטאָ קיינער אין שומרון צו דערמאָנען, אַז כהנים ציילן די קעל־בער פאַר די מזבחות און די הויפּטלייט ציילן דאָס פאָלק פאַר מלחמה?

אַחאָב האָט זיך געשטאַרקט פון פּקחיהו׳ס רייד און געזאָגט:

— אויב אין מלחמה וועט ישראל מוזן ארויסגיין, וועל איך און מיינע הויפּטלייט אָנרופן דעם טאָג פון שלאַכט; און אין יענעם טאָג וועלן צדקיהו און דואג, און די, וואָס העצן הינטער זיי, אין געפענגעניש גיין.

דעם קעניגס שטים איז געוואָרן העכער, און פּקחיהו האָט געזען ווי זיין פּנים איז פאַרלאָפן מיט גרימצאָרן און זיינע אויגן גליען.

— איך רעד צו דיר ווערטער, וואָס אַ מלך רעדט נישט צומאָל צו זיין ערשטן פּרינץ, —האָט אַחאָב געזאָגט,— בלויז צווישן די ווענט פון מיין קאַמער זאָלן די רייד בלייבן. אויב די מלכה האָט געוואָלט העלפן איר ערשטן כהן, צדקיהו בן כנענה, וועט דאָס אים אומברענגען; און אויב וויי טון האָט זי מיר געוואָלט — האָט זי קיין בעסערע צייט נישט געקאָנט אויסקלייבן ווי אַצינד.

— די צייט וועט די רוסט אין יזרעאל, מיין קעניג — האָט פּקחיהו דער־זאָגט די רייד פון זיין מלכ׳ס האַרץ.

די קעניגין איזבל

— דאָס הויז פון קעניג איז דאָס הויז פון משפט! —האָט אחאָב א געשריי געטון.— נאָר דער הערשער פון ישראל איז דער האר פון פרידן און מלחמה אין זיין לאנד.

— איין הויז, איין האר! — האָט פּקחיהו אונטערטעניק זיך איינגעבויגן.

— אזוי ווי עס לעבט יהוה, דער גאָט פון ישראל! ער זאָל היינט זיין א צוהערער צווישן אונדז, אז איך וועל טון די דאָזיקע זאך!

אחאָב איז אָפּגעגאנגען, און פאר פּקחיהו׳ן איז עס געווען א צייכן, אז אלע רייד זענען אויסגעשעפּט. ער האָט זיך דערווייטערט, צו לאָזן דעם מלך אין רו, און זיך פארנומען צו זיין הויז. אָבער אחאָב האָט אים צוריקגערופן. פון זיין פּנים איז אראָפּ דער גרימצאָרן און די אויגן האָבן געשטראלט. ער האָט געזאָגט:

— קום, איך וועל דיר ווייזן א וויינגאָרטן.

אויף פּקחיהו׳ס רוף איז דער קנעכט אוביל געגאנגען פאָרויס פאר זיי, ביז זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון דעם וויינגאָרטן פון נבות.

ז

נבות האָט ארויסגעלייגט דעם צווייגמעסער פון דער האנט און זיך געלאָזט גיין צו די בייטן גרינס, וואָס זענען געווען באגאָסן מיט דעם ליכט פון דער זון. אין האלבן טאָג האָט ער געהאט ארומגעשוירן די וויינשטאָקן און אָפּגערייניקט די טאַפּאַל־ביימער אין זיין וויינגאָרטן, און ער איז גרייט געווען צו לויבן דעם האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אָנגעטרונקען די ערד און אָפּגעשטעלט די מלחמה אין לאנד און זאט געמאכט די באוואוינער. הינטער א הויכן געפלעכט מיט פלאנצן האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט מיטן פּנים צו דער ערד און תפילה געטון:

— גאָט פון ישראל, דו, וואָס גיסט אונדז דאָס פרישע ברויט און די רו אין די פרימאָרגנס! גאָט, דו וואָס רעדסט צו יענע, וואָס זענען ווערט דיך צו הערן — זיי בארעמהארציק צו די הונגעריקע קינדער, וואָס זייערע פאָטערס זענען געפאלן אין מלחמה און צו די אלמנות, וואָס זייערע מענער זענען אומגעקומען פון שווערד און מגיפות. באשיץ זיי פון ווינט און קעלט! באשירעם די, וואָס דו האָסט באשאפן אין דיין פורעם, אז זייערע הערצער זאָלן פריילעך זיין און אז זיי זאָלן היינט עסן אָן מורא און זיי זאָלן זיך קליידן מאָרגן מיט שטאָלץ.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געקוקט קעגן לויטערן הימל, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט איבער זיין וויינגאָרטן און איבערן פעלד פון קאָרן. נבות איז געווען ברייט אין וואוקס. אין זיינע אָרעמס איז געווען די קראפט פון די וואָרצלען אונטער ביימער. די העלע באָרד האָט גערוט אויף דעם לייבגארטל. אין די אויגן איז ארומגעשוואומען א פארוואָלקנטע גרינקייט, אזוי ווי אין די וואסערן פון כנרת און חשוון. דער קאָפּ, באדעקט מיט האָר ווי געדיכטע גראָזן, איז געווען אויסגעשטרעקט צו דער זון, און ער האָט געשפּירט ווי ער וואָלט געווען אָפּגעגאָסן מיט א ליכט, וואָס פלייצט פון די העכסטע הויכקייטן. זיינע אויערן האָבן פארנומען דעם ווייטן געמורמל פון דעם וואַ־

סערשטראַם, וואָס האָט געריזלט צווישן די פעלזן, און דאָס טרעלן פון די פייגל אונטער די צווייגן. אין יענער רגע איז אין זיין הארץ געווען בלויז אָרט פאַר ליב און ערפורכט פאַר דעם שטיק לאַנד אונטער זיינע פיס.

פון זיינע אָבות האָט נבות די נחלה איבערגענומען. זיינע דריי ברידער זענען אוועק אין ווייטע שטעט פירן האנדל און טרייבן קאַראַוואַנען אין מדבר. צוויי זענען רייך געוואָרן, און דער עלטערער האָט זיך באַזעצט אין שומרון און געפירט א לעבן פון א קריגסמאַן. אָבער נבות איז דאָ געבליבן און אריינגעשטעקט זיינע פינגער אין דער ערד, אַזוי ווי די ציין פון א גראָבאייזן. זיין ווייב איז אים געשטאָרבן, אָבער זיינע צוויי זין זענען אים נאָכגעגאַנגען מיט דעם אַקעראייזן ביים סוף יאָר און מיט דעם שניטמעסער אין זומער. דער פאָטער אין הימל איז צו איב געווען גנעדיק. אין ערשטן יאָר פון הונגער איז זיין לאַנד געבליבן זאַט און זיין שייער פול. ווען די טורטלטויבן ברומען, זינגט זיין הארץ, און ווען די גראָזן שפּראָצן — לאַכט זיין געמיט. ווי גליקלעך איז דער מאַן, וואָס דער הימל איז פאַר אים א דאַך און די ערד — א געלעגער.

אין יענעם האַלבטאָג, ווען די גרינע ערדפלאַך האָט זיך געשפּרייט פאַר זיינע פיס ווי אַן אומענדלעכער טעפּיך, האָט נבות מער קיין זאַך נישט פאַרלאַנגט ביים באַשעפער פון דער וועלט. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס שמאָלע וועגעלע צווישן די מאַנדלביימער און צוגעקומען צום ברונים, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט א שטיין, און א קאָלירטער פויגל מיט א לאַנגן שנאָבל האָט דאָרט געפּיקט די קערנער אין די שפּאַלטן. פּלוצים האָט נבות דערהערט א קלאַפּעריי אין טויער; און ווען ער איז צוגעגאַנגען עפענען, האָט דעם קעניגס קנעכט, אוביל, זיך באַוויזן. ער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די, וואָס זענען געקומען נאָך אים. דער ערשטער איז אריין אין טויער פקחיהו; ער איז געווען צאָרנדיק. ער האָט געהאַלטן אויף זיין האַנט די גאָלדענע קייט מיט רינגען און געשטעלט איילנדיקע טריט. דער צעטומלטער נבות האָט קוים צייט געהאַט זיך צו פאַרנייגן, ווען ער האָט דערזען דעם קעניג פון ישראל אין זיין ווייגאָרטן. פון ערפורכט און פרייד איז דער מורמל אויף זיינע ליפּן געוואָרן פאַרגליווערט.

פקחיהו האָט געשטעלט האַסטיקע שפּרייזן פאָרויס, און מיט דער שטים פון א האַר, וואָס קאָן מאָנען ביי זיין קנעכט, האָט ער געזאָגט:

— דיין ווייגאָרטן, נבות. ער איז וואויגעפעלן אין די אויגן פון קעניג.

נבות האָט זיך געבוקט:

— מיין ווייגאָרטן איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון דעם האַר פון דער וועלט. ווי גוט איז דעם מאַן, וואָס זיין ערד איז ליב נישט בלויז פאַר דעם מלך פון מלכים, נאָר אויך פאַר דעם מלך פון ישראל.

— נבות, דו ביזט אַ פּראָסטער מאַן און דער מלך פון ישראל איז דיין שכן. די ריחות פון דיינע פלאַנצן זענען אָנגענעם אין זיינע נאָזלעכער.

— ווי דער ריח פון פרידנסאָפּפער, וואָס גייט אויף פון מזבח, אַזוי שמעקן די דופטן פון מיינע פלאַנצן פאַר דעם באַשעפער פון הימל און ערד.

און פּקחיהו, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער אומגעהאָרכזאַמער מאַן שטעלט־אָן אַ פּנים פון אַ שאַף, האָט גערעדט שטרענגער:

— דעם קעניגס ווינטערהויז שטייט הינטער דיין ווייַנגאָרטן, נבות! דיין טויער קאָן ווערן זיין טיר, און דער וועג צווישן דיינע וויינשטאָקן קאָן זיין אַ דורכגאַנג פאַר אים. זאָג, וויפל זילבער ווילסטו פאַר דיין ווייַנגאָרטן?

— ווער בין איך, דיין קנעכט, אַז מיין אָרעמער גאָרטן זאָל פאַר דעם געוויכט פון זילבער ווערן אַ דורכגאַנג צום קעניגס ווינטערהויז?

— נבות, דו ביזט אַ פּאָרכטיקער מאַן און דו ווייסט די געזעצן פון שומרון. דער ווילן פון קעניג איז אַ באַפעל צו זיינע קנעכט.

דער איינגעבויגענער נבות האָט זיך גלייכגעשטעלט. די רו איז פון אים אַוועק און די לייכטע מורא, ווי ווען מען הערט אַ קלינגעריי פון קייטן, איז אים פּלוצים באַפאַלן. די ליפּן, וואָס האָבן תמיד גערעדט געלאַסענע רייד, האָבן איצינד אָנגעקליבן ווערטער פון ווידערשטאַנד.

— איך וועל נישט פאַרקויפן די נחלה פון מיינע עלטערן, — האָט ער אַ געשטאַרקטער געזאָגט. — איך האָב ליב מיין ווייַנגאָרטן, ווי מען האָט ליב אַ מאַמען. פון מיין פאָטער האָב איך די וויינשטאָקן געקראָגן אַ ירושה, און מיין מוטער האָט מיט אירע הענט די בלומען אויסגעבאָוועט. די גרינע ערד איז מיר אייגן, ווי מיין לייב. אַז אַ שטורעמווינט הייבט־אָן בלאָזן אויף די צווייגן און רייסט די פרוכטן פאַר דער צייט, פיל איך דעם ווייטאָג, אַזוי ווי דעם פּיין אויף מיין אייגענעם גוף; און אַז אַ טריקעניש פאַרברענט די הויט פון די גרינסן, פיל איך ווי טרוקן עס ווערט מיין גומען; און ווען אַ רעגן פאַרפלייצט די ערד, פלייצן מיינע אויגן מיט טרערן. ווי די וואונדן פון אַ קראַנק קינד וואַש איך די ווילדע געוויקסן אין מיין גאָרטן.

אָבער דער דערצאָרנטער פּקחיהו האָט אָפּגעשטעלט די רייד פון דעם מאַן, וואָס דאַרף זיין נידעריקער ווי אַ שקלאַף, אָבער ריידן רעדט ער שטאָלץ ווי אַ פירשט. ער האָט אַ געשריי געטון:

— גענוג! דו, אונטערטעניקער צו דער ערד און ווידערשפּעניקער צום מלך!

און ער האָט פאַרלאָזן דעם ווייַנגאָרטן, און הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען דער קנעכט אוביל, און ביידע האָבן באַגלייט דעם קעניג צוריק ביז צו זיין ווינטערהויז.

אין יענעם אָוונט האָט זיך פּקחיהו א צווייטן מאָל באַוויזן אין טויער, אָן דעם קעניג און אָן דעם קנעכט. ער האָט געטראָפן שטיין נבות'ן אין מיטן וויינגאָרטן. זיין פּנים איז געווען געווענדעט צום הימל און זיין הארץ איז געווען דורכגענומען מיט פּחד און אונטערטעניקייט צו דעם, וואָס רעגירט מיט דער וועלט. די נאכט איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבערן טאָל פון יזרעאל. די שטערן האָבן געפינקלט ווי גליענדיקע קוילן, פון איין ראנד הימל ביזן צווייטן, און אין מיטן ארויף, ביז אין די טיפסטע הויכקייטן אריין. קעגנאיבער, אויף יענער זייט שטיינערנער צוים, האָט זיך ארויסגעהויבן דאָס העכסטע הויז — דעם קעניגס ווינטערהויז. אלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן אינעווייניק, און צווישן די ווענט איז געזעסן דער אומרואיקער קעניג פון שומרון. ער, וואָס שטייט העכער פון פאָלק מיט דעם כוח פון זיין ליבשאפט און גבורה, און וואָס אלע ווילן זיך שיצן אונטער זיין מאנטל; ער, דער מאכטהאָבער פון ישראל, איז היינט געקומען בעטלען ביי נבות'ן, זיין קנעכט, א וויינגאָרטן. אָבער נבות איז געווען פריי פון אנגסט; א זיכערקייט איז אין אים אויפגעגאנגען — די זיכערקייט, אז דער העכסטער שופט, וואָס שוינט נישט דעם רייכן און שאַנעוועט נישט דעם אָרעמאַן, וועט זיך שטעלן צווישן אים און דעם מלך און וועט נישט צולאָזן צונעמען די נחלה פון זיינע עלטערן.

און אזוי ווי נבות איז געשטאנען פארזונקען אין זיינע מחשבות, האָט זיך פּקחיה דערנענטערט צו אים. זיין קאָפּ איז געווען איינגעהילט אין דעם קאַפּטער פון דעם לויזן מאנטל, די אויגן האָבן געבליצט אין דער טונקלקייט און זיינע פינגער האָבן געציטערט אויף דער שייד פון זיין שווערד. ער האָט שארף געזאָגט:

— ווידער אמאָל קום איך היינט צו דיר פון דעם העכסטן הויז, און אזוי האָט אחאָב דער קעניג פון ישראל געזאָגט: זאָל נבות מיר געבן זיין וויינגאָרטן, אז ער זאָל מיר זיין פאר א גאָרטן פון גרינס, ווייל ער איז נאָענט צו מיין הויז.

נבות האָט זיך געשטאַרקט.

— א מלוכה ליגט אויסגעשפּרייט פאר די פיס פון דעם קעניג פון ישראל, — האָט ער געזאָגט, — איז עס רעכט פון אים צו פארלאנגען דעם גאָרטן פון איינעם פון פאָלק?

— די רייד פון קעניג ברענג איך צו דיר, נבות. און ער האָט דורך מיר געזאָגט: איך וועל נבות'ן געבן אָנשטאָט זיין וויינגאָרטן א בעסערן גאָרטן, אָבער אויב אין זיינע אויגן איז וואוילגעפעלן, וועל איך אים געבן געלט ווי א פּרייז פאר דעם.

ש. איזבאַן

— יזרעאל איז באדעקט מיט וויינשטאָקן און פרוכטן, און מיין שטאָט איז פול מיט רייכערע וויינגערטנער פון מיינעם. פאַרוואָס פאַרלאַנגט דער מלך דאָס, וואָס איז מיר אייגן ווי מיין לייב?

— דעם באַגער פון קעניג ברענג איך צו דיר, נבות!

— באַהיט מיך גאָט איך זאָל אָפּגעבן צו אים די נחלה פון מיינע עלטערן!

און פּקחיהו איז אוועק דערצאָרנט און פאַרשעמט איבער דעם וואָרט, וואָס דער גערטנער, דער יזרעאלי, האָט צו אים געזאָגט.

אין פרימאָרגן האָט נבות זיך געפעדערט, און ער איז אַרויס אין זיין קאָרנפעלד און אַרויסגעריסן א פּאָר גרינע זאַנגען און דערנאָך איז ער אַריין אין וויינגאָרטן און אָפּגעריסן א צווייגל פון א וויינשטאָק און ער איז אוועק אויף דעם ליידיקן שטיק לאַנד הינטער א בערגל, וואו עס זענען געווען די קברים פון זיינע עלטערן און פון זיינע עלטער־עלטערן און דער קבר פון זיין ווייב, און ער איז דאָרט געשטאַנען ביזן האַלבן טאָג מיט א געבעט אין זיין האַרץ. אויפן אָרט פון זיכערקייט איז געקומען צווייפל. א פּחד איז אים באַפאַלן, ווי דער פּחד ביי א הירש, וואָס דערזעט ווי רויבער־יונגען לויפן־אָן פון מדבר צו צעטרייבן זיין שאָף. יאָרן איז ער געזעסן אויף דער דאָזיקער זאַטער ערד און געמיינט, אַז די מנוחה וועט נישט אוועק ביז צום סוף פון זיינע טעג. אָבער אין מיטן נאַכט איז געקומען דער אומרו און זיך געשטעלט אויף זיין שוועל ווי א הונגעריקער שאַקאַל.

א ווינט האָט זיך אויפגעהויבן פון פעלד, און אויף יענער זייט באַרג האָבן זיך צעוויגט די צווייגן פון די שוואַרצע ביימער, און נבות'ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די נשמות פון אַלע, וואָס ליגן דאָ אין די קברים, וויגן זיך אין ווינט, צוזאַמען מיט די פלאַנצן. ווען זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן, האָט די ערד דאָ זיי צוגענומען, און ווען זיין ווייב איז גערופן געוואָרן צו גאָט, האָט ער פאַר איר דאָ א קבר געגראָבן. א לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען פאַר די מצבות, אויסגעהאַקטע פון ווייסן, שפּיציקן שטיין; דערנאָך איז ער אַראָפּ אין דעם ערד־אויסהויל, וואָס נעבן דעם קבר פון זיין פאָטער. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער טיפעניש און געוואוסט, אַז דאָ וועלן אים די זין אַריינלייגן. פּלוצים האָט ער דערזען ביים ראַנד פון גרוב אַרויסשפּראָצן א ווייסע אַנעמאָנע־בלום, און ער האָט אויפגעציטערט, וואָרום אין טאָל פון יזרעאל, האָבן די באַוואוינער געוואוסט, וואַקסן די דאָזיקע ווייסע בלימלעך נישט ווייט פון יענע ערטער, וואו דעם קעניגס וועכטער קומט פאַרגיסן דאָס בלוט פון די ערלעכע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד־אויסהויל. דער אַנגסט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, אָבער דער ווילן איז געווען האַרט ווי א פעלז, וואָרום ער האָט

די קעניגין איזבל

צו זיך געזאָגט: נישט דער מלך און נישט זיין קנעכט קאָנען ביי מיר צונעמען דאָס, וואָס דער שטורעמווינט קאָן נישט ארויסרייסן! און אויף זיינע ליפן איז געווען איין געבעט: פאָטער אין הימל! באשעפער פון אלדאָס! לעבעדיקע! זע, אז אין דער דאָזיקער ערד זאָל איך צוריק ארייגגיין, וואָרום פון דער דאָזיקער ערד בין איך געקומען.

און ער איז אוועק אין זיין הויז דערציילן זיינע זין קיש און ישמעאל, אז ער האָט אָנגעוואוירן די אונטערטעניקייט צום מלך פון ישראל.

ח

אחאָב האָט זיך צוריקגעקערט קיין שומרון, און ער איז געווען צערודערט און פארבייזערט איבער דעם, וואָס נבות האָט אים נישט געוואָלט אָפּגעבן די נחלה פון זיינע עלטערן. ער איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ און אָפּגעטריבן פון זיך די וועכטער. ער האָט זיך פארמאכט אין זיין רו־קאמער און נישט צוגע־לאָזט די קנעכט. ווען ער האָט זיך געלייגט אויף זיין ביינערנעם בעט, האָט די דינסט אריינגעברענגט שפּייז און וויין, אָבער ער האָט נישט פארזוכט פון די געשמאקע מאכלים און נישט געטרונקען פון דעם שטארקן וויין.

ער איז געלעגן אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואנט. זיין הארץ איז געווען פאראומערט און זיינע ליפּן שטום. אין יזרעאל איז דער ווילן פון קע־ניג געוואָרן צו שפּאָט און זיין לוסט פארשעמט. ער האָט געשלאָגן פרעמדע מלכים, אָבער קעגן אייגענעם פאָלק איז ער געבליבן אוממעכטיק. אויפן שלאכטפעלד — א נצחון, און הינטער זיין גאָרטן — א מפּלה. דער דאָזיקער מאַן נבות, איז אומבאזיגבאר; ער האָט א גראָבאייזן אָנשטאָט א שווערד, אָבער ער איז שטארקער פון א שלכטמאן. צי אזוי דארף מען אכפּערן אחאָב'ן, דעם באליבטן אין ישראל, וואָס איז היינט אָנגענומען ביי גאָט און צוגעלאָזן צום פאָלק? ער האָט אָפּגעשטעלט דעם הונגער אין לאנד, פארוויסט דעם שונאס שטעט און ער גייט באפעסטיקן די טורעמס קעגן א נייעם פיינט. דער נביא אליין האָט אָפּגעשטעלט דעם שטרייט מיט אים, אָבער איין פּראָסטער מאַן האָט ווידערשפּעניקט קעגן אים. איז דאָס צופיל פאר א הערשער צו מאַ־נען א וויינגאָרטן, וואָס זיין הארץ גלוסט, ביי זיין שכן פאר דעם געוויכט פון זילבער?

און אחאָב האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָס פאָלק האָט ליב געהאַט זיין פאָ־טער עמרי און געאכפּערט די פירשטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער מלוכה. ער, אחאָב, קאָן זיין א גרעסערער מאכטהאָבער; ער האָט געברענגט פרידן און דערנענטערט יהודה צו ישראל און געשלאָסן א בונד מיט די ארמים. אזא מלך

די קעניגין איזבל

ווערט געטראָגן אויף די הענט פון פאָלק און זיין נאָמען ווערט א בענטש־וואָרט אויף די ליפּן און א געבעט־וואָרט אין הארצן פון די ערלעכע. אחאָב, דער אויסלייזער און באפרייער! ער, וואָס פירט פאָרויס די חיילות פון יהודה! ער, וואָס איז א דערבארעמדיקער צו די סופרים און א וועכטער צי די כהנים! — ווי קאָן איינער פון המון אָפּזאָגן זיין באגער? און עס איז דעם מלך איינגעפאַלן, אז נבות איז ווידערשפּעניק אין זיין וויינגאָרטן, ווייל די פירשטן אין פּאַלאַץ זענען נישט אונטערטעניק. שטיי־אויף, אחאָב, און ווייז זיי דיין מאכט! אין אויב די, וואָס זייערע אויגן זענען בלינד און זייערע אויערן זענען טויב, ווייסן נישט פון דיין כוח, — וועסטו זיי לאָזן וויסן; דו וועסט עפענען זייערע אויגן און זייערע אויערן וועטו מאכן הערכן, ביז זיי וועלן ווידער ווערן אונטערטעניק און פארשטיין, אז דאָס הארץ פון מלך איז דאָס הארץ פון פאָלק, און זיין ווילן מוז זיין דער ווילן פון המון!

און וואָס שטארקער עס האָט זיך געריסן אין אים דער כוח צו געוועלטיקן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער שטורעם אין זיין געמיט, און אַלץ הייסער האָט געזאָטן דאָס בלוט אין זיינע אָדערן. אָבער קעגן זונאונטערגאנג איז ער ווידער געווען דערשלאָגן, און ער האָט איינגעזען, אז דעמאָלט, ווען עס הייבט זיך אויף זיין גבורה, באפאלט אויף אים א שוואכקייט, און ער איז געבליבן ליגן א שלאָפער און זיך נישט גערירט אויף זיין געלעגער, און ער האָט ווייטער נישט געגעסן פון דעם שפּייז און נישט געטרונקען פון דעם וויין. ביים סוף פון טאָג איז אָנגעקומען פקחיהו, וואָרום ער האָט געמיינט, אז די רו איז ווידער אין דעם קעניגס הארץ; אָבער ער האָט אים געטראָפן א פארשמאכטן, און ער איז אוועק אָנזאָגן דער מלכה, אז דער מלך ליגט אין זיין רו־קאמער מיט א צעטראָגן געמיט.

איזבל איז נאָר־וואָס ארויסגעקומען נאָך דער באָד פון בלויען קוואַל, וואָס געפינט זיך אין איר בלומענגאָרטן; איר לייב איז געווען פריש און אירע אויגן — וואכזאַם איבער אַלע ווינקלען — האָבן געקוואָלן פון פרייד, ווען זי האָט געהערט, אז דער קעניג רופט זי ווידער אין זיין איינזאַמקייט. די דינסטן האָבן זי איינגעהילט אין וואָלענע געוואנטן און זי איז דורכגעגאנגען די זיבן זיילן, ביז צו דער הינטערטיר פון אחאָב׳ס קאמער. זי האָט אים געטראָפן ליגן אומגעדרייט צו דער וואנט און געפרעגט:

— פארוואָס איז דיין געמיט צעטראָגן און דו פארזוכסט נישט דאָס שפּייז? צי דערפאר האָב איך אזוי לאנג געוואַרט, אז דו זאָלסט צוריקקומען פון יזרעאל, וואו דו ביזט געגאנגען רו אָנשעפּן? צי דערפאר, אז איך זאָל דיך היינט טרעפן דאָ פאראומערט און שלאַף?

און אחאָב האָט פאר איר דערציילט אַלץ וואָס עס איז געשען צווישן אים

און נבות'ן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס איזבל וועט אים עצהנען, וועט זיין שלעכט אין די אויגן פון גאָט. אָבער ער איז געווען אַזוי ציטערדיק ווי אַ זייגלינג מיט אַן אָפּגעדעקט לייב, וואָס קאָרטשעט זיך פון קעלט און עס זיכט שוץ און וואַרעמקייט ביי דער מוטער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ער איז אַצינד איינער אַליין, אָפּגעזונדערט און אָפּגעשיידט פון דער וועלט. צווישן אים און דעם פאָלק איז שפּאַט אָדער נצחון, און ביי זיין צוקאָפּנס שטייט די מלכה, וואָס גיט אכטונג אויף דעם כבוד פון פּאַלאַץ. אַ דערשלאָגע־נער האָט ער געפרעגט:

— צי קאָן איך דען נישט טון צו די גיטער פון מיינע אונטערטעניקע אַזוי ווי דער מלך מעג טון צו די געהאָרכזאַמע פון פאָלק? וואָס וואָלט אַן אונטער־טעניקער פון דעם הערשער אין צידון געטון, ווען זיין קעניג בעט ביי אים זיין פעלד אָדער זיין ווייגאָרטן אין אויסטויש פאַר אַן אַנדער לאַנדשטיק, אָדער פאַר דעם געוויכט פון זילבער?

ביי איזבל'ן האָבן די גרינע אויגן אויפגעפלאַקערט פון נצחון. ווידער איז אַחאָב געקומען צו איר דערשלאָגן און אוממעכטיק. שוואַך איז זיין ווילן און אַן אַ פאַנצער איז זיין האַרץ, און ער איז צוגעבונדן צו איר ווי מיט שטריק. זי האָט געטראָגן אַ צאָרן אויף אים צוליב די טעג, וואָס נעמה איז געזעסן מיט אים אין ווינטערהויז אין יזרעאל. דואג, איר קנעכט, איז ווי אַ שפּאַרבער, און קיין זאַך איז פון אים נישט פאַרהוילן. די אויסגעלאַסענע וואָרזאָגערין האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ אַזוי ווי אַמאָל תורתינא, אָבער זי איז חוצפּהדיקער, ווייל פּקחיהו איז איר אַנשפּאַר. די מלכה האָט געוואוסט, אַז נישט אַצינד איז די צייט צו רעדן ביטערע רייד צו אַחאָב'ן, נאָר אים צו שטאַרקן. זי האָט זיך געשטעלט צוקאָפּנס זיין געלעגער און געזאָגט:

— דו ביזט אַ מלך, אַחאָב, און דיין נאָמען איז פאַרשריבן אין דעם בוך פון לעבן. הערשער זיגן אָדער זיי פאַלן. שטיי־אויף און נעם וואָס דו גלוסט, ווייל דער וואָס ווידערשפּעניקט דיין לוסט, איז אַ לעסטערער צו גאָט און צום קעניג!

אָבער איזבל'ס רייד זענען געווען ווינציק אים צו שטאַרקן.

— דער, וואָס לעסטערט דעם קעניג, איז אָפּט באַליבט ביי גאָט, —האָט אַחאָב געזאָגט.— צי האָט דען אליהו, דער מאַן פון גלעד, אַזוי נישט געלערנט דאָס פאָלק?

— דער מאַן פון גלעד! ווי לאַנג וועט ער זיין אַ בייטש אויף דיר, אַחאָב? זיין געביין איז פאַרשוואונדן ווי דער שטויב אין מדבר, אָבער זיין ברענענדיקע צונג בייסט ווי אַ האָרנשלאַנג דיינע פיאַטעס. צי האָסטו נאָך אַלץ פאַר דיינע אויגן זיין שאָטן?

די קעניגין איזבל

— איך האָב מורא פאַר אים.

— דו האָסט מורא פאַר א נזיר, וואָס פירט בלינד דאָס פאָלק, און דו האָסט פחד פאַר א פּראָסטן מאַן, וואָס פאַרדינט טויט פאַרן לעסטערן די מלוכה. איך שווער ביי דער קרוין פון שומרון! וואָס איז דען דאָס נפש פון נבות? אז ער וועט שטאַרבן אליין קעגן דער זון פון טאָג, אָדער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, וועט נישט זיין קיין מענטש אויף דער גאַנצער ערד, וואָס וועט וויסן, אז די וועלט האָט עפּעס פאַרלוירן.

ביי אַחאָב׳ן האָבן אויפגעציטערט די קינבאַקן, און די שפּיצן פון דער באָרד זענען פאַרגליווערט געוואָרן. זיין אומרו איז געווען אַזוי גרויס, אז דאָס בלוט איז אָפּגערונען פון די אָדערן. א געוואַלדטאַט וויל איזבל אָפּטון. דאָס, וואָס איז נישט אַראָפּגעקומען פון אירע ליפּן, איז געבליבן אין אירע אויגן, וואָס זענען געווען שאַרף ווי פייַלן. זי האָט געוואָרנט:

— דו האָסט פּחד פאַר די, וואָס דו מעגסט משפּטן, און דו האָסט רחמנות אויף די, וואָס דו מעגסט אין געפאַנגענשאַפט נעמען; דעריבער זענען דיינע פיינט געקומען פון צווישן די געפאַנגענע, וואָס דו האָסט אמאָל פון רחמנות באַפרייט.

— איך געדענק מיינע פיינט דורך זייערע שווערדן, און נישט דורך זייערע קייטן.

— פון די קייטן רייסן זיך אָפּ די געפאַנגענע, ווען זיי זענען זאַט און אויסגערוט, און זיי הויבן זיך אויף ווי לייבן קעגן דעם קרוינטרעגער פון ישראל. צי האָבן אַזוי נישט געטון די אַרמים נאָכן הונגער אין לאַנד? און צי זענען געווען אַנדערש די פאַרטריבענע נזירים?

אין זיין הכנעה האָט אַחאָב אַרויפגעקוקט אויף אירע גרימצאָרנדיקע ליפּן, און ער האָט געזען, ווי אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן נקמה און אין אירע נאָזלעכער איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון א פאַרצערנדיק פייער. איזבל האָט נאָך העכער גערעדט:

— עס איז נישטאָ קיין געזעץ און קיין פאַרבאָט קעגן די לוסטן פון א קעניג, און עס איז נישטאָ אַזא ריכטער וואָס זאָל משפּטן דעם מלך פון ישראל. צי פירסטו אַצינד די מלוכה, אַחאָב? טו וואָס עס איז רעכט אין דיינע אויגן! שטיי־אויף, עס און טרינק! און זאָל דיין האַרץ פריילעך זיין!

און איזבל האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אליין צוגעטראָגן צו אים דעם בעקן מיט שפּייז און די קרוג מיט וויין, און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן א שטראַל פרייד. איידער זי איז אַרויס פון דער קאַמער, האָט זי א לוסטיקע זיך פאַרהאַלטן ביי דער שוועל און געזאָגט:

— איך וועל דיר געבן דעם וויינגאָרטן פון נבות, דעם יזרעאלי!

ט

דואג האָט, ווי זיין שטייגער, זיך געבוקט נידעריקער ווי אַלע אנדערע קנעכט פאר דער קעניגין. אויך אצינד, ביים זונפארגאנג, ווען ער איז געשטאַנען פאר איזבל׳ן, איז ער געווען דער אונטערטעניקסטער צווישן די געהאָרכזאַמע. זיין בייניק פנים מיט דער דינער ראָם באָרד האָט פארלוירן די לעצטע דרייסטקייט. די מלכה האָט אים אריינגערופן אין דעם אויבערשטיבל הינטער דעם לינקן טורעם־פליגל. זי איז געזעסן אויף די קישנס פון איר אָרעמשטול, אין א לויזן, ווייכן טוניק, פארשלייפט ארום די היפטן און ארומגעזוימט מיט גאָלד. די פיס האָבן האלב געשטעקט אין די אָפענע סאנדאלן. דער בראָנזענער לאָמפּ, מיט זיבן רערן, האָט נאָך נישט געברענט ביי איר צוקאָפּנס. א בעקן מיט וויינטרויבן און פרישע פייגן איז געשטאנען אויף א ביינערנעם שטענדער.

איזבל׳ס קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף דער האנט, און זי האָט געוואוסט, אז דואג׳ס צונג איז שווער, אָבער זי איז נישט גרייט געווען אויסצוהערן זיינע מסירות, נישט אויף נעמה׳ן און נישט אויף פקחיהו׳ן. דעם קעניגס נאָמען און דער כבוד פון שומרון זענען פארשעמט געוואָרן, און דואג וועט זיין איר שליח צו די עלטסטע און אדללייט פון דער שטאָט יזרעאל, וואו נבות היט זיין ווייגאָרטן. זי האָט לאנג אים געלאָזט שטיין אן איינגעבויגענעם און דערנאָך מיט שפּאָט געזאָגט:

— די וועכטער רופן דיך „דואג דער מכשף”, און דעם נאָמען פארדינסטו. דו קאָנסט זיין א טרעפער און א צויבערשפּרעכער, און אויך א באטריגער צו דיין האַרינטע. שוויג, דואג! ענטפער מיר נישט! איך ווייס, אז די אומגעטרייע האָבן נישט גענוג גאָלד דיך אָפּצוקויפן, און דו וועסט נישט איינשטעלן דיין קאָפּ פאר די געשאנקען פון דער קעניגינס פיינט.

זי האָט שארף געקוקט אויף אים מיט אירע גרין־גרויע אויגן. ער איז געווען הויך און אויסגעדארט, מיט די בליקן פון א פוקס און מיט נעגל פון א

לעמפערט; זיין געשטאלט איז געווען צו־שטאלץ פאר א קנעכט, אָבער זיינע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט ווי ביי א בעטלער; זיינע נאָלעכער זענען ווי ביי א שפיר־הונט און די אויגן ווי פיילן; ער איז קליגער פון א כהן און וואכזאמער פון א טורעם־אויפזעער. אז ער וויל, קאָן ער אויפהויבן די אייגן צום הימל און מורמלען א געבעט, ווען די בייטש אין זיין האנט קאָן שמייסן די ריפּן פון זיין קרבן.

דואג האָט זיך אויסגעגלייכט. זיין מויל איז געווען לויז, אָבער די מלכה האָט מיט א האנט־צייכן אים באפוילן צו שווייגן:

— האלט די צונג! דו וועסט הערן אלץ, וואָס איך וועל זאָגן און ארויס־געבן וועסטו גאָרנישט צום קעניג און צו פּקחיהו'ן, סיידן לויט מיין באפעל.

ביי דואג'ן זענען די ליפּן געבליבן פארזיגלט און איזבל האָט גערעדט:

— פאראן א מאן אין יזרעאל, ווידערשפּעניק צום קעניג. נבות איז זיין נאָמען.

— דער, וואָס איז ווידערשפּעניק צום קעניג, איז א לעסטערער צו גאָט — האָט דואג געוואלט וואוילגעפעלן אין די אויגן פון זיין הארינטע.

— אזייפיל און נאָך מער האָט נבות געטון! — האָט זי א דערצאָרנטע אויסגעשריגן. — ער האָט געבראכט חרפּה אויף דער קרוין פון שומרון און איך האָב געקאָנט הייסן אים פארשטיינען פאר די טרעפּ פון פּאלאץ, אָבער משפּטן וועלן אים די ריכטער פון זיין שטאָט!

— יעדע שטאָט האָט איר שטיינער־וואנט — האָט דואג אונטערטעניק געזאָגט.

— דואג, דו וועסט ארייניייטן אין יזרעאל און אָנזאָגן צו די עלטסטע און אדללייט, אז זיי זאָלן זיך פארזאמלען און משפּטן נבות'ן. אליין טאָרסטו נישט ארויספירן דעם זינדיקן מאן איסערן שטאָט; דער אויפזעער פון געפענג־נעניש וועט דאָס טון. אָבער די געמיינע לייט, וואָס וועלן זיך אָננעמען פאר אים און לעסטערן מיין נאָמען — זיי זאָלסטו ווי געפאנגענע אויסזעצן אין מיטן מארק, אָבער דו טאָרסט נישט זיין קיין אכזר צו זיי, וואָרן זיי אליין וועלן שפּע־טער שרייען: זאָל נבות באצאָלן מיט זיין קאָפּ! זיין שולד איז באוויזן!

ביי דואג'ן האָבן די שארפע אויגן אויפגעלויכטן און זיין שפּיציק פּנים איז, לויטן ווילן פון זיין הארנטע, געוואָרן מילד ווי ביי א מילכלעמעלע אין די הענט פון א כהן. זיינע שלייפן האָבן געציטערט, אָבער עס איז געווען דער ציטער פון ווילדער פרייד, וואָס די מלכה פארטרויט אים א סוד און שיקט אים אין א פארבאָרגענער שליחות. פון גרויס גליק האָט ער פארגעסן דעם אָנזאָג צו הארכן און שווייגן, און ער האָט אויסגערופן:

— מיין נצחון וועט אייך זיין דער נצחון פון די געפאנגענע אין יזרעאל!

און זאָל נישט מיינען מיין קעניגין, אַז דואג וועט זיין גרויזאַם צו די, וואָס ער וועט באַזיגן. ווי נאָר די ריכטער וועלן פאַרמשפּטן דעם לעסטערער, וועל איך אַרויסלאָזן פריי זיינע פריינט און יענע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים, וועלן טאַנצן אין מיטן מאַרק. און איך וועל רופן יהורם, דיין באַליבטן פּרינץ, ער זאָל אויסקלייבן די אַלע מיט די פלינקע פיס, אַז זיי זאָלן זיך דרייען אין אַ ראָד. איך ווייס, דאָס וועט זיין פאַר אים אַ פאַרגעניגן.

דער רוף פון בלוט אין דער באַגער צו טויטן אַ פאַרזינדיקטן מאַן האָט דואג'ן אַרויסגעשטויסן פון דער רו. איזבל האָט נישט אַראָפּגענומען פון אים די אויגן. ער איז מער נישט געווען דער אונטערטעניקער קנעכט, נאָר אַ שטור־רעמדיקער קריגסמאַן. אַזוי איז ער, דער, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ פירשט, אָבער געביירן געוואָרן איז ער אַ קנעכט. ער טראַכט שטענדיק וועגן זיך און קיינמאָל נישט וועגן דער געפאַר. ווי שטאַרק וואָלט ער געווען אין די קליידער פון אַ שלאַכטמאַן!

פון דואג'ן איז נישט אַוועק די באַגייסטערונג, וואָרום ער האָט געהאַט די אָפענע אויערן פון דער קעניגין און ער האָט גערעדט מיט היציקן אָטעם:

— פאַרשטיינען דעם לעסטערער איז אַ לייכטער טויט; דאָס איז פאַר די שוואַכע, מיין קעניגין. איך וועל אים רופן צום געפעכט פון שווערדן, און איי־דער איך וועל ברענגען זיין קאָפּ אין שומרון, וועסטו, קעניגין, אַרויסקומען אין יענער שטאָט יזרעאל און וועסט מיך אַריינפירן אין זיין הויז און וועסט אויס־קלייבן פאַר מיר עפּעס פון דעם רויב, וואָס מיין האַרץ גלוסט — אַ באַלוינונג פאַר דואג'ן, דעם געטרייען.

זיינע אויגן האָבן אַצינד געפלאַקערט און זיין בלוט האָט באַגערט מאַכט, און דאָס איז געווען מער וויפיל עס מעג קריגן אַ שליח פון דער מלכה. מיט איר שטרענגן בליק האָט אים איזבל געצוימט; זי האָט אים געהייסן דערלאַנ־גען דעם בעקן מיט טרויבן און פייגן פון דעם ביינערנעם שטענדער. זי האָט איינציקווייז אַריינגעלייגט די טרויבן אין איר מויל און צעקוועטשט דעם זאַפט צווישן די ציין.

— האָסט פאַרגעסן פאַר וועמען דו שטייסט, דואג, —האָט זי שטרענג גע־רעדט,— דיין צונג איז לויז און דיין בלוט איז הייס. איך האָב דיך גערופן צו האָרכן און צו שווייגן. קיינמאָל טאָר אַ קנעכט נישט פאַרגעסן, אַז ער איז נישט דער זון פון די געטער און די וועלט איז נישט זיין קעניגרייך.

פון אונטערטעניקייט האָט זיך דואָג איינגעבויגן און געהאַלטן דעם קאָפּ צו דער ערד.

— ווי גערעכט איז מיין מלכה, —האָט ער געזאָגט,— פון די קנעכט קו־מען אָפט אַרויס פיינט צו דער מלוכה.

דואג איז אנטשוויגן געוואָרן און איזבל האָט אצינד גערעדט:

— אין דיינע הענט האָב איך היינט איבערגעגעבן דעם לעסטערער. גיי ארויס און פאָרש דאָס הויז פון נבות, ווי גרויס איז זיין לאנדשטיק און ווער זענען זיינע יורשים. אָבער משפטן זאָלן אים די עלטסטע פון יזרעאל, און דו — בלויז א צוקוקער זאָלסטו זיין, און דו טאָרסט נישט פארגעסן צו זאָגן צו די עלטסטע, אז אין זיינע אָדערן רינט דאָס שווארצע בלוט פון די פאלשע אין מדבר.

ביי דואג'ן האָבן זיך די אקסלען איינגעקאָרטשעט און ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט.

— מיין מלכה איז אזוי ווי א לייביכע, וואָס הייבט זיך ארויס מיט א געבריל פון איר נאָרע, —האָט ער געזאָגט,— און ווי א לייביכע שניפּט זי אין דער לופט, צו וויסן וואָס דער ווינט וועט ברענגען.

איזבל האָט שטיל געלאכט און דואג האָט געזאָגט:

— אין מיינע הענט האָסטו איבערגעגעבן דעם לעבעדיקן נבות, קעניגין מיינע, און איך שווער ביי מיין קאָפּ, אז מיין האנט וועט פריער נישט אריינלייגן די שווערד אין שייד, ביז דער פיינט פון מלך וועט נישט באשטראָפט ווערן.

די רייד זענען געווען גענוג פאר איזבל'ן. אָט דער קנעכט מיט די פיס פון א הירש קאָן איר ברענגען נייעס גיכער פון אלע לויפערס און קעמל-טרייבערס. ווי קופערנע רינגען אין א קייט קאָן ער אויספלעכטן די געשעענישן פון טאָג ווען מען שיקט אים אין א פרעמדער שטאָט. אָבער נאָך איינס מוז ער וויסן: ער וועט אריינקומען אין יזרעאל נישט ווי א שליח פון א פאלאץ, נאָר ווי א הענדלער פון צפון.

— דו וועסט אריינפאָרן אין יזרעאל אין קליידער פון א געאכפערטן מאן, —האָט זי געזאָגט,— און עס וועלן דיר נאָכרייטן יונגען אויף קעמלען און אייזלען, באלאָדן מיט געשאָכטענע שעפּסן, מיט לאָגלען וויין און קאסטנס מיט איידלשטיינער פון אָנגעזעענע הענדלערס, וואָס גייען דורך א פרעמדע שטאָט. פון דיין אָנקומען זאָלן וויסן אלע באוואוינער, אָבער דיין בלייבן דאָרט זאָל זיין א סוד.

ער האָט זיך פארנייגט און איזבל האָט נאָכגעזאָגט:

— א סוד פאר דעם קעניג און פאר דער וועלט!

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, גרייט ארויסצוגיין און טון איר באפעל, אָבער די מלכה האָט נאָך צוגעגעבן:

— א סוד פאר איתמר און פאר פקחיהו און פאר דעם ריכטער בתואל. זיי טאָרן נישט פארלאָזן שומרון אין יענעם טאָג.

זי האָט אויף איין רגע אויפגעהויבן די אויגן צום הויכן פענצטער, וואָס

אונטערן גזימס פון באלקן. דער זונפארגאנג האָט געפלאַקערט אויף דער ברייטער שויב. אויף דואג'ס פנים איז געפאלן דער לעצטער שיין פון טאָג, און די קעניגין האָט געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט געשאצט זיין געטריישאפט. זייַנע געדיכטע קרייזלען שווארצע האָר זענען געווען אונטערגעשוירן. די דינע ראם באָרד, שארף ביי די עקן, און די פולע ליפּן זענען געווען צעשיידט און א שמייכל, וואָס האָט אויפגעדעקט שטארקע, גלוסטיקע ציין. א באגייסטערונג האָט ארויסגעבליצט פון זיינע ברוינע אויגן. ווען ער איז שוין געווען א פּאָר טריט פון דער טיר, האָט איזבל פלוצים אים א רוף געטון:

— וואַרט!

ער איז שטיין געבליבן. זי איז צוגעגאנגען צו אים און געפליסטערט:

— וואַרט, איך וועל לאָזן ארויסשיקן בריוו פון דעם קעניג צו די עלטסטע אין יזרעאל. ביז מאָרגן אין האלבן טאָג וואַרט, וואָרום בריוו מיט דעם זיגל פון מלך מוזן די ריכטער פון שטאָט צוערשט קריגן.

דואג האָט נאָך נישט געהאט אריבערגעשפרייזט די שוועל, אָבער פון אים האָט זיך שוין געטראָגן דער ריח פון א טויטן גוף.

ו

ווען די עלטסטע אין דער שטאָט יזרעאל האָבן זיך איינגעזאמלט אין טורעם־הויז צו לייענען דעם בריוו מיט דעם זיגל פון קעניג, איז צווישן זיי געוואָרן א גרויס גערודער, ווייל זיי האָבן זייערע אויערן נישט געגלויבט, אז דער ערלעכער נבות, וואָס איז פּאָרכטיק צו גאָט און אָנגענומען ביי מענטשן, האָט געלעסטערט דעם מלך. דער פרימאָרגן איז געווען קיל און פריש, אָבער זייערע הערצער זענען געווען ווי אַש אין זייערע הענט איבער דעם טרויער וואָס די בייזע בשורה האָט אָנגעיאָגט.

אין די בריוו, וואָס איזבל האָט געשריבן אין אחאָב׳ס נאָמען און פארזיגלט מיט זיין זיגל, איז געשטאַנען:

„פון דעם קעניג פון ישראל דאָס וואָרט צו די עלטסטע און אדלליט אין יזרעאל: פירט־ארויס דעם נידערטרעכטיקן מאן נבות. דעם באוואוינער אין אייער שטאָט, וואָס האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך. רופט־אויס א תענית און זעצט אים אוועק אויבן־אָן פון פאָלק און משפט אים! און אויב ער פארדינט דעם טויט, זאָל דער טויט צו אים נישט קומען ווי דער שלאָף צו די מידע, וואָרן אין מיין מלוכה האָט נבות געקראָגן אלע פארגעניגנס פון לעבן און דאָס רייכטום פון פירשטן, אָבער דעם קעניגס נאָמען האָט ער פארשוועכט. הרגעט אים מיט דעם טויט פון די אָפּטריניקע!”

און ווייטער איז אין דעם בריוו געשטאַנען:

„אין טויער פון שטאָט זאָלט איר אים זעצן און צוויי מענטשן, אומדערשראָקענע עדות, זאָלט איר אקעגן אים אוועקזעצן, זיי זאָלן עדות זאָגן אויף אים: דו האָסט געלעסטערט גאָט און דעם מלך! און איר זאָלט אים ארויספירן הינטער דער שטאָט און אים פארשטיינען און ער זאָל שטארבן!”

די עלטסטע אין יזרעאל זענען געווען צעטומלט און די אדלליט דערשראָקן, און זיי האָבן געוואָלט אויסבאהאלטן די בשורה פאר דעם המון. ביז דער שטאָט־אויפזעער וועט ארייננזעצן נבות׳ן אין געפענגעניש, און צוויי גע־

אכפּערטע לייט וועלן ארויפגיין אין שומרון און אויסבעטן ביים מלך דאָס לעבן פון דעם פּאַרכטיקן מאַן. אָבער דער עלטסטער כהן יזיז, האָט באַלד אויסגערופן א תענית פאַרן פאָלק, און וועגן דעם קעניגס בריוו האָבן זיך דערוואוסט די ערלעכע אזוי ווי די נידערטרעכטיקע. ווי א פייערפלאַקער האָט זיך די בשורה פאַרשפּרייט איבער די גאַסן און מערק און אָנגעצונדן דעם צאָרן פון די באוואוינער און זיי ארויסגעטריבן פון די הייזער און וויינגערטנער. דער תענית איז ארויסגערופן געוואָרן פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג. די, וואָס זענען אויפגעוועקט געוואָרן אין באַגינען דורך דער שאַלונג פון די חצוצרות, זענען די ערשטע געלאָפן צום טורעם־הויז; די וואָס אין די סעדער, האָבן אוועקגעוואָרפן די צווייגמעסערס און די וואָס אויף די פעלדער, האָבן געלאָזט ליגן די אַקערס און גראָבאייזנס. די הענדלער האָבן פאַרשלאָסן זייערע בוידן און די פּאַסטוכער האָבן איינגעזאַמלט די שאָף, און אלע האָבן געשטראָמט צום אויבערשטן טויער פון שטאָט.

פאָרויס פאַרן פאָלק זענען געגאַנגען געמיינע מענער, דורשטיקע נאָך בלוט. אויף זייערע פּנימער איז נישט געווען קיין צייכן פון פּחד. זיי זענען געווען הויכע, שטאַרקע זכרים, און הינטער זייערע קליידער זענען געווען פאַרשטעקט מעסערס און בייטלען מיט שטיינער. אין האַלבן טאָג האָט א געדיכטער המון אָנגעפּילט דעם פּלאַץ פאַרן שטאָט־טורעם. די מויער איז געווען באַלאַגערט פון די דערצאָרנטע און לוסטיקע, וואָס זענען געקומען זען דאָס בלוט פון דעם פאַרמשפּטן. וועכטער האָבן ארומגערינגלט די שייערן און די רייכע הייזער, אז די אויפגעהעצטע זאָלן פון ווילדער פרייד נישט פּלינדערן די פרעמדע פאַרמעגנס און נישט אָנצינדן שריפות אין שטאָט.

אין דער אויבערשטוב פון טורעם זענען די עלטסטע און אדללייט געווען אויסגעזעצט אויף א שטיינערנער באַנק אין א האַלבן קרייז און געוואַרט אויף דעם שטאָט־ריכטער עוזיהו, וואָס האַלט די וואָג פון רעכט און אומרעכט אין זיינע הענט. ער איז אָנגעקומען אינאיינעם מיט דעם כהן יזיז און מיט דעם שטאָט־אויפזעער בעל חנן. ער איז געווען א הויכער מאָגערער מאַן מיט א רויט, קנאָכיקן פּנים. ער האָט געטראָגן א ווייסן, דופּטיקן סדין מיט א בלויען גאַרטל פאַרשלייפט ביים בויך. זיין שוואַרצע באָרד איז געווען געקרויזט און גערעדלט אזוי ווי ביי א שיף־טרייבער פון צור. ער איז געווען געהאָרכזאַם צו דער מלוכה, און דעריבער האָט ער גערעדט ווי א בעל־דעה א תקיף. ביים אריבערגיין די שוועל זענען זיינע אויגן געווען שטרענג און די איינגעזאַמלטע האָבן פאַרשטאַנען, אז ער וועט נישט ווידערשפּעניקן אין דעם באַפעל פון פּאַלאַץ. דער ריכטער האָט אָנגעקוקט די צעטומלטע אדללייט און געזאָגט:

— אין שומרון האָבן זיי נבות'ן פארמשפּט; אין יזרעאל הייסן זיי אים טויטן.

זיינע רייד זענען געווען קאַלט און שארף. די נכבדים, וואָס האָבן א גאַנץ יאָר געמיינט אז זיי רעגירן אין שטאָט, האָבן געשוויגן. דאָס וואָרט פון שופט איז דאָס וואָרט פון דין, אָבער פון דער באַנק האָט זיך אויפגעשטעלט א גרויער, נידעריקער מאַן מיט א לויזער ווייס־געפלעקטער באָרד — אפרת דער וויינ־הענדלער. פון זיינע וויינסעדער איז ער רייך געוואָרן און ער האָט געצאָלט א סך צינזן צום מלך. ער איז געווען א מאַן פון פאָרכט צו גאָט און פון ווי־דערשטאַנד צו מענטשן, און ער האָט גערעדט:

— טויטן א מאַן אָן א משפּט איז רציחה. ווער פון אונדז וועט דאָס בלוט קאָנען אָפּוואַשן?

— ער וועט געמשפּט ווערן פאר די אויגן פון פאָלק! — האָט עוזיהו א געשריי געטון, און עס איז געווען א לייכטער ציטער אין זיין שטים.

— האָסטו דען נישט געזאָגט, אז אין שומרון האָט מען נבות'ן פארמשפּט?

— פון קעניג קומט דער באַפעל. און ווער זענען מיר, זיינע קנעכט, צו צווייפלען איבער זיין גערעכטיקייט?

א מורמל איז דורכגעגאַנגען צווישן די איינגעזאַמלטע, אָבער באַלד איז ווידער געוואָרן שטיל. אפרת האָט געקוקט אויף די שווייגנדיקע נכבדים און געזען, אז פארבלענדט זענען זייערע אויגן און פארטויבט זענען זייערע אויערן, און אין דער פארבלענדעניש און טויבקייט וועט געשענדט ווערן גערעכטיקייט. ווי לייכט עס גיט זיך אונטער דער, וואָס האַלט דעם מעסטשטאָק פון דין אין זיינע הענט, —האָט ער געטראַכט,— און ווי געהאָרכזאַם זענען די גאַכפּערטע, וואָס האָבן א דעה איבער דעם לעבן און טויט פון נבות'ן. אפרת האָט גערעדט מיט א קול, אָנגעלאָדן מיט פּיין:

— אז איבערגעבן וועלן מיר נבות'ן צו די שטיינוואַרפער, וועלן אונדזערע אייגענע גופים בלייבן גאַנץ, אָבער אונדזערע נשמות וועלן חרוב ווערן. עלט־סטע פון יזרעאל, לאָמיר היינט מאַכן אונדזערע הערצער פאר שופטים! עס איז פאראַן אַזא געזעץ, וואָס איז העכער פון דעם מלך און שטאַרקער פון דער שפּיז. דער האַר פון הימל אַליין האָט דאָס געזעץ אויפגעשריבן. דורך דריי יאָר איז דאָס לאַנד אַמאָל געווען פארוויסט און דאָס פאָלק באַשטראָפט פאר די זינד פון פּאַלאַץ. ווער פון אונדז וויל ווידער אויפוועקן דעם צאָרן פון אַלמעכטיקן איבער א פאַלשן משפּט?

— עס איז נישטאָ אַזא געזעץ צו משפּטן דעם קעניג! —האָט עוזיהו אויסגערופן.— נבות איז פארדאָרבן. ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך.

אפרת האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו די עלטסטע פון יזרעאל:

— צי וועט קיינער צווישן אונדז נישט געפינען א זכות אויף דעם מאַן, וואָס זיין שולד איז נישט באַוויזן? איז נישטאָ קיין איין גוטע מידה אין נבות'ן אונדזער שכן, וואָס מיר מוזן געדענקען אין טאָג פון זיין אומגליק?

ביים ריכטער עוזיהו איז דאָס קול געוואָרן מילדער.

— אין יעדן מענטש איז דאָ א גוטע מידה, אויך ביי דעם נידערטרעכטיקן יונג און ביי דעם איידעלן מאַן, ביי דער שקלאַפין און ביי דער מלכה.

— ביי דער מלכה?

— די מלכה איזבל האָט א מידה אנטקעגנצוטאנצן חתן־כלה ווען מען פירט זיי צו דער חופה, און זי העלפט באַקלאָגן א מת וואָס מען פירט פאַרביי אין אירע גאַסן, און ביי אירע מאַלצייטן טיילט זי צו אלמנות גאָלדשטיינער, אַניקלעך און רובינען, און זי מאכט נישט קיין אונטערשייד צווישן רייכע און אָרעמע. די, וואָס געדענקען איר גרויזאמקייט, טאָרן נישט פארגעסן איר רחמ־נות. און יענע, וואָס דערמאָנען איר שווערד, מעגן וויסן פון איר דערבאַרעמדיקייט. הערט. היינט הייסט איר מאַן, דער מלך, א לעסטערער משפּטן. עלטסטע פון יזרעאל, לאָמיר נישט מינערן דעם כבוד פון פּאַלאַץ!

אפרת האָט נישט געהערט דעם ריכטערס שטאָלצע רייד וועגן דער מלכה, ער האָט אָנגעשעפּט אָטעם און געזאָגט:

— עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין ישראל, אז ווען א פרעמדער האַלט זיך אויף אין אייער לאנד, אין אייער שטאָט, זאָלט איר אים נישט קריוודען; ווי אן איינגעבוירענער זאָל ער ביי אייך זיין, און איר זאָלט דעם פרעמדן ליב האָבן ווי זיך אליין. נבות איז אן איינגעבוירענער אין יזרעאל, פון אונדזער ערד איז ער ארויסגעוואקסן. וואָס האָט ער אונדז געטון? זיין פעלד היט ער און גאָט פאָרכט ער!

דער שטאָט־איפּזועער בעל חנן, האָט א בייזער אויסגערופן:

— אין טורעם פון שטאָט זיצן מיר אצינד, אפרת, און נישט אין א געבעט־הויז, און דאָס פאָלק וואַרט אויף דעם משפּט.

אָבער דער שטרענגער מאַן איז נישט אנטשוויגן געוואָרן:

— עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן: „איר זאָלט נישט טון אן עוולה אין א משפּט. א ריכטיקע וואָגשאָל, ריכטיקע וואָגשטיינער, א ריכטיקע איפה און א ריכטיקע הין זאָל ביי אייך זיין!

דער כהן יזיז איז א דערשראָקענער אויפגעשטאַנען.

— דאָס פאָלק וואַרט אויפן משפּט! —האָט ער הויך געזאָגט.— הערסטו נישט די קולות אין גאַס? דער המון איז אָפּגעשוואכט פון דעם תענית און די נאכט קומט אָן.

אפרת, וואָס איז געווען ווייט פון דעם פּחד פאַר מענטשלעכע וואָרענונגען, האָט העכער גערעדט:

— און נאָך איז ישראל אָנגעזאָגט געוואָרן: „יעטוועדער מאַן, וואָס וועט געבן פון זיינע קינדער צום מולך, זאָל טייטן געטויט ווערן און דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער". עלטסטע פון מיין שטאָט! צי זעט איר נישט, אַז יזרעאל גייט היינט ברענגען איר קינד צום מולך?

ביי די רייד האָט דער ריכטער עוזיהו א ציטער געטון. זיינע נאָזפליגלען האָבן זיך צעבלאָזן און אויף זיינע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט ווערטער. דער אומגעדולדיקער שטאָט־אויפזעער איז אריינגעלאָפן אין א צווייטער קאַמער און איז צוריקגעקומען מיט א קנעכט, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם ערשטן פאַקל, וואָרום אין טורעם איז שוין געוואָרן טונקל און שאָטנס האָבן באַדעקט די ווענט. דער כהן יזיז האָט פון אויפרעקונג ארומגעשפּרייזט די שטיינערנע באַנק, וואו עס זענען געזעסן די עלטסטע און מיט די אויגן געמאָנט, זיי זאָלן רעדן האַרבע רייד צו אפרת'ן. אָבער זייערע ליפּן האָבן זיך נישט געעפנט, און דער כהן האָט זיך אריינגעזעצט אין דעם הויכן שטול מיט ביינערנע אָנלענען אונטער דער ווייררויך־פאַן. און מיט אמאָל איז פון האַלבן קרייז אויפגעשפרונגען עזרא, וואָס האָט געהאַלטן זיין שערהויז פון וואָל אין עק שטאָט. אַלע האָבן אים גע־קענט פאַר א געהאַרכזאַמען מאַן, א שווייגער. אָבער אין דער שעה פון אומ־רעכט איז דאָס האַרץ און די צונג ביי אים געווען איינס. ער האָט אויפגעהויבן דעם דוימען פון זיין רעכטער האַנט און מיט ביטערניש געפרעגט:

— צי האָבן מיר זיך דאָ היינט איינגעזאַמלט אָפּצושטרייטן די גזירה פון שומרון, אָדער האָט מען אונדז גערופן צו בענטשן די רציחה? דער כהן, דער ריכטער, דער שטאָט־אויפזעער האָבן אונדז געטריבן אהער אין טורעם און אצינד שניידט מען אונדזער פלייש. אונדזערע הערצער זענען פול מיט פּחד, אונדזער ווילן איז שוואַך און מיר רעדן פאַלשע רייד. פאַרוואָס וואַרטן מיר? לאָמיר ארויסגיין צום פאָלק און ארויסטראָגן פאַר זיי דעם טויטן גוף פון נבות!

מיט ברענענדיקע אויגן האָט ער זיך דערנענטערט צו די עלטסטע אין האַלבן קרייז, אָבער דער ריכטער עוזיהו האָט זיי פאַרשטעלט פאַר אים. ער האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרוואורף און פאַרוואונדערונג, ווי אויף א לאָם, וואָס האָט פּלוצים געקראָגן א מענטשלעך קול. בלויז איין רגע האָט געדויערט, ווי פון דעם פאַרוואורף איז געוואָרן א וואָרענונג.

— דיין צונג בריט ווי פייער, עזרא, — האָט ער געזאָגט, — דו רעדסט שטאַרקע רייד און דו האָסט אומדערשראָקענע מחשבות!

— לערן מיך, עוזיהו, רעדן לויטערע רייד, — האָט עזרא געשריגן, — וואָרום אין מיין האַרץ איז אצינד נישטאָ קיין אָרט פאַר רו; ווי א קנויל פייער קאָכט

אין מיר דאָס בלוט. באַלד וועלן מיר זיצן אויף דער העכסטער באַנק אין טויער און איך וועל זיין ווייס. אַז ווען מען וועט נבות׳ן מיט שטיינער פּאַרוואַרפן, וועט פון מיינע פינגער רינען בלוט; אַז מען וועט זיין לייב שמייסן, וועט מיין שטערן באַדעקט ווערן מיט וואונדן. פריש־אָפּ מיינע ליפּן, עוזיהו, לערן מיך די רייד פון די פאַרשטענדיקע!

— אַז דיין האַרץ וועט זיין ניכטער און דיין פאַרשטאַנד קלאָר, וועסטו קומען צו מיר נאָך אַ ראָט.

און עוזיהו האָט געמיינט, אַז ער האָט איינגעשטילט דעם ווייכהאַרציקן עזרא, אָבער דער, וואָס די צונג איז ביי אים געוואָרן ווידערשפּעניק, האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו די עלטסטע און ווידער געשריגן:

— גאָט פון ישראל איז אַן עדות, אַז מיר זיצן דאָ אין אַ שטייג און נישט אין דעם טורעם פון גערעכטיקייט. ווי חיות אין געפאַנגענשאַפט האָרכן מיר דעם באַפעל פון דעם, וואָס האַלט איבער אונדז די אייזערנע רוט. קומט אַרויס און לאָמיר זאָגן צום פאָלק: פאַלש איז נבות, גערעכט איז דער קעניג! נעמט דעם קרבן און פאַרטיליקט אים אַקעגן ליכט פון דער זון!

פון דער שטול מיט די ביינערנע אָנלענען האָט זיך אַרויסגעהויבן יויז, דער עלטסטער כהן. ער האָט די גאַנצע צייט געוואָלט שווייגן, ווי עס איז דער שטייגער פון אַן אויסדערוויילטן, וואָס שוינען מוז ער די פאַרכטיקע צו גאָט. אָבער פון עזרא׳ס געשריי האָט זיין האַרץ אויפגעשטורעמט. ווען ער איז געזעסן מיט דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף די האַנטפלאַכן, האָבן זיינע שלייפן געברענט און זיינע קני האָבן געציטערט, ווי ער וואָלט געווען אָנגעשיכורט מיט פיין, דעריבער זענען מיט העזה אַצינד געווען זיינע רייד:

— אַזוינע ווי דו, עזרא, טאָרן נישט זיצן צווישן ריכטער. גיי צוריק צום בוזים פון דיין מוטער; אַ זייגלינג ביי אירע בריסטן ביזטו!

עזרא׳ס אויגן האָבן געוואַנדערט אויף די צוועלף געאַכפּערטע מענער פון יזרעאל און זיינע בליקן זענען פאַר זיי געווען ווי שפּיזן, און וואָס נידעריקער עס איז געוואָרן זייער הכנעה, אַלץ העכער זענען געשטיגן זיינע תרעומות. ער האָט זיך אַליין געפרעגט: זענען זיי ווייכהאַרציקע? האָבן זיי מורא? און צי זענען זיי גענוג אין צאָל צו פאַרמשפּטן אַ מאַן פון ישראל צו סקילה? היינט ווערט זייער גבורה געשטעלט אין אַ פּרואוו פאַר גאָט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל און שטיל תפילה געטון:

— האַר פון דער וועלט, דו, וואָס זיצט אין די הויכקייטן, לייג־צו דיין אויער אין הער! עפן, גאָט, דיינע אויגן און זע! האָרך די רייד פון די, וואָס זענען געקומען לעסטערן דיין גערעכטיקייט. לייטער זייערע הערצער, וואָרום זיי זענען געפאַנגענע. לאָז זיי נישט פאַלן, וואָרום זייערע פיס זענען אויסגע־

גליטשט. פּאַטער אין הימל, שטרעק־אויס דיין רעכטן אָרעם צו נבות׳ן און שיץ אים פון די אָנפּאַלער, וואָרום זיין בלוט באַגערן זיי.

ביים שטאָט־אויפוועער האָט געפלאַמט דאָס פּנים פון פאַרדאַכט. ער האָט געפרעגט מיט דער שטים פון א מאַנער:

— וואָס האָסטו גערעדט?

— מיין קול האָסטו נישט געקאָנט הערן, בעל חנן.

— ווערטער זענען געפאַלן פון דיינע ליפּן. רעד, פאַר וועמען האָסטו מורא?

אָבער עזרא האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א קילן בליק, וואָס האָט געקאָנט אויסלעשן דאָס פייער פון העכסטן צאָרן. ווען די עלטסטע און אדלליַיט זענען געבליבן זיצן שווייגעוודיקע, האָט עוזיהו דער ריכטער געוואוסט, אז דער ווידערשטאַנד איז געבראָכן, און ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיי ווי א שטאַרקער און שטרענגער און אויסגערופן:

— פון דעם טורעם־הויז אין יזרעאל שיקן די עלטסטע אַצינד אַרויס ווער־טער צו ברענגען נבות׳ן. זאָלן זיי אים ברענגען אין טויער פון שטאָט א ווי־ליקן צי א ווידערשפּעניקן, וואָרום דאָס איז דאָס וואָרט פון מלך, און קיינער טאָר אים נישט פאַרהאַלטן אין וועג אַרויסצורייסן אים פון די הענט פון די שליחים. קומען זאָל ער קומען, וואָרום א משפט וואַרט אויף אים!

ווען די וועכטער אויף פערד זענען אָנגעקומען צום וויינגאָרטן פון נבות, האָבן זיי געטראָפן דעם טויער פאַרשלאָסן. אויך דאָס קליינע הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט א צוים און באַדעקט מיט געדיכטע קריך־פלאַנצן, איז געווען פאַרמאַכט. דער שטאַל איז געווען פאַרריגלט און אויפן שייער איז געהאַנגען א שלאָס. א שטילקייט האָט געהיערט איבער דעם לאַנגן הויף, וואָס איז געווען באַגאָסן פון דעם שפּעטן טאָגליכט. דאָס האַרץ ביי נבות׳ן איז גע־וואָרן טרויעריק ווען די שטאָט האָט אויסגערופן א תענית. און ער האָט גע־וואוסט אז די עלטסטע וועלן שיקן נאָך אים ווען דער טאָג וועט אויסגיין. ער האָט דעריבער אַרויסגערופן זיינע זין קיש און ישמעאל צום ברונים. ער האָט אָנגעלעגט זיינע הענט אָן דעם שטיינערנעם צודעק און צו זיי געזאָגט:

— זין מיינע, איך וויל רעדן צו אייך.

— רעד, פּאָטער, —האָבן זיי געענטפערט,— מיר זענען דאָ.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף זיי, גרייט צו זאָגן ביטערע רייד, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָנטון צער דעם יינגערן זון ישמעאל. זינט ער איז אנטוויינט געוואָרן פון דער מוטערס ברוסט, איז ער געווען שוואַך און דער־שראָקן, און נבות האָט אים געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג; ווי א מאַמע האָט ער אים באַשיצט פון אַלדאָס בייז און ווי א פּאָטער האָט ער אים באַ־

וואָרנט קעגן שלעכטע פירונגען און פאַרדאָרבענע חברים. דאָס האַרץ האָט ביי נבות'ן אַצינד געוויינט ווען ער האָט געקוקט אויף דעם צאַרטן ישמעאל.

— צו מיין בכור וויל איך רעדן — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

און ישמעאל איז א געהאַרכזאַמער אוועק און געבליבן איז קיש, דער על־טערער. ער איז געשטאַנען א באַרוועסער מיט א גאַרטל אַרום די לענדן. זיינע אָרעמס זענען געווען קנאָכיקע און איבערן קין האָבן אַרויסגעשפּראָצט העלע קרויזן האָר. א רגע האָט דער פאָטער געצעגערט, ווי איינער וואָס גייט אויפ־דעקן א סוד, דערנאָך האָט ער רואיק געזאָגט:

— אז די וועכטער וועלן קומען נאָך מיר, וועל איך מיט זיי גיין; אז זיי וועלן מיר אָנטאָן קייטן, וועל איך זיך נישט ווערן, וואָרן איך האָב אָקעגנגע־רעדט דעם קעניג.

— דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט אוועקצוגעבן דיין נחלה, פאָטער, אָבער דעם מלך האָסטו נישט געלעסטערט.

נבות האָט געקוקט אויף זיין בכור און מיט שטומע ליפּן געדאַנקט פאַר זיין טרייסט. דער זון איז געווען העכער פון אים. זיין קאָפּ אקעגן דער זון איז געווען ווי א באַגילדטע בלעטער־קרוין פון א בוים און זיינע פיס אַזוי ווי זיינע אייגענע וואָרצלען, איינגעשטעקט אין דער ערד. שטאַרק וועט זיין יורש מוזן זיין, אָבער היינט איז זיין געמיט דערשלאָגן. ער האָט מיט ביטער־קייט געזאָגט:

— א תענית פאַרן פאָלק און א משפּט פאַר נבות'ן האָבן די עלטסטע היינט אויסגערופן.

האָט דער בכור קיש געשוויגן און נבות האָט גערעדט:

— אין טויער פון שטאָט זיצן די ריכטער, און צווישן זיי זענען אויך דאָ ערלעכע לייט. אויב פריי וועלן זיי מיך אַרויסלאָזן, וועל איך צוריקקומען אין מיין גאָרטן און איך וועל זיך זעצן נאָך יעדן זונאויפגאַנג הינטער דעם לעצטן טאַפּאָלבוים און וואַרעמען מיין גוף אויף דער זון און איך וועל איינאָטעמען די פרישע ריחות פון די פּרוכטן און פלאַנצן, וואָרום מער וועל איך גאָרנישט פאַרלאַנגען פון גאָט ביז צום סוף פון מיינע טעג.

האָט קיש צו זיין פאָטער געזאָגט:

— פריי וועלן זיי דיך אַרויסלאָזן, פאָטער מיינער, אויב די ריכטער וועלן זיין ערלעך און די עדות וועלן נישט זאָגן קיין פאַלשקייט.

אָבער נבות האָט מער נישט געהערט די טרייסטנדיקע ווערטער פון זיין זון און ווייטער גערעדט:

— אין מיין פאָטערס טעג איז געווען רואיק אין לאַנד: נישט קיין שטרייט צווישן דעם געטלעכן מאַן און דעם מלך, און נישט קיין הונגער אין

ישראל. ווען ער איז געוואָרן זאַט אין יאָרן, איז ער ארויסגעגאנגען יעדן פרי־מאָרגן אין זיין וויינגאָרטן, אזוי ווי זיין פאָטער און פאָטערס פאָטער פאר אים, און ער איז געשלאָפן א גליקזעליקן שלאָף מיטן פנים אקעגן באשאָף, און ער האָט צו זיך אליין געזאָגט: מיין לעבן איז הינטער מיר, וואָרום איך האָב גע־פונען רו פאר מיין נשמה.

אין יענער רגע האָט קיש אָפּגעקערט זיין קאָפּ, וויל א שווארצער פויגל מיט א שארפן שנאָבל, ווי ביי א ראָב, איז פארביי־געפלויגן. ביי נבות'ן האָבן די קינבאקן אויפגעציטערט. איז דאָס א צייכן פון אומגליק? —האָט ער גע־פרעגט.— אָבער ער האָט זיך געשטארקט, וואָרום זיין גוף און נשמה זענען פריער ביי־געשטאנען אלע נסיונות.

— קיש, זון מיינער, —האָט ער געזאָגט,— אויב איך גיי היינט צום טויט, וועל איך שטארבן יינגער פון מיין פאָטער, און דו זאָלסט מיך לייגן נעבן די קברים פון מיינע אָבות. אָבער די נחלה זאָלסטו נישט פארקויפן — צו דיר און צו דיין ברודער, און צו אייערע קינדער נאָך אייך זאָל דאָס געהערן. דער סוף פון דעם הויז פון נבות וועט דאָס זיין, אויב די נחלה וועט פארקויפט ווערן. פון דער ערד זענען מיר געקומען און צו דער ערד מוזן מיר צוריקגיין, און דו זאָלסט נישט פארגעסן מיין זון, אז דיין פאָטער איז געווען שטארק; ער האָט נישט אָפּגעגעבן זיין וויינגאָרטן צום מלך פון ישראל.

אין טויער האָבן אָנגעקלאַפּט די וועכטער. א צעטומלטער איז אָנגעלאָפן ישמעאל און נאָך אים איז ארויסגעקומען פון פערד־שטאל דער יונג דגן, און הינטער זיי די דינסט רפה, און מיט שרעק אין די אויגן האָבן זיי געוואַרט וואָס דער האַר וועט זיי באפעלן. נבות האָט זיך אומגעקוקט: ער איז געווען ארומ־גערינגלט פון זיינע געטרייע. ער האָט אָנגעהויבן שפרייזן פאָרויס, צום טויער, און זיי זענען אים נאָכגעגאנגען. די קלעפּ אין טויער זענען געוואָרן שטארקער. בייזע קולות האָבן זיך געטראָגן פון יענער זייט וואנט. און נבות האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג און זיין מוח האָט זיך געקווענקלט. דאָס האָט בלויז א רגע געדויערט. מיט אמאָל זענען די ספקות זיך צעגאנגען. זיין הארץ איז געווען פול מיט געבעט, טראָץ וואָס זיינע ליפּן האָבן זיך נישט באוועגט. אלע שוואכקייטן זענען פון אים אוועק און די כוחות פון ווילן האָבן זיך אומ־געקערט. ער האָט געוואוסט: דער חסד פון הימל רוט אויף די גערעכטע, און א צעשטראָלטער האָט ער געזאָגט צו זיין יונג דגן:

— עפן דאָס טויער.

און ווי דאָס טויער האָט אויפגעפראלט, האָבן פיר רייטער זיך אריינגעריסן אין גאָרטן. זיי זענען אראָפּגעשפרונגען פון די פערד און זייערע שפּיזן זענען געווען אויסגעשטרעקט צום לייב פון נבות'ן. דער ערשטער איז געווען עדילום,

דער אויפזעער פון געפענגעניש אין דער שטאָט יזרעאל, און ער האָט א געשריי געטון:

— צום טויער פון שטאָט, נבות!

און ווי די דריי וועכטער הינטער אים האָבן אָנגעטאָן די קייטן אויף זיינע הענט, האָט די דינסט ארויסגעלאָזט א געיאָמער אויפן קול און דער יונג דגן, וואָס האָט אים באדינט, האָט פארבראָכן די הענט פון בושה און געזיפצט, און עס האָט נישט געקאָנט רעדן דער יינגערער זון ישמעאל, און עס איז פארשטומט געוואָרן די צונג פון דעם עלטערן זון קיש. פארשטיינט, אזוי ווי א פעלז, איז ער געשטאנען און געקוקט אויף דעם געפאנגענעם פאָטער. זיינע פויסטן זענען געווען געביילט, דאָס בלוט האָט געברענט אָבער די הענט זענען געווען אָנמעכטיק. פאָטער מיינער, —האָבן די ליפן שפעטער געמורמלט,— אויב מען פירט דיך אין קייטן צום טויער, האָבן די פאלשע שוין דיך פארמשפט. דיין בלוט אויף זייערע קעפ וועט נישט אָפוואשן די זינד פון די הערשער אין שומרון, און די געטרייע, וואָס פאָרכטן פאר דעם האר פון דער וועלט, וואו זענען זיי? וויל דען דער מלך פון ישראל דיך פאר א קרבן און מיך פאר א יתום?

ער איז אויפגעשפרונגען און זיך א ריס געגעבן צום געפאנגענעם, אָבער דער ערשטער רייטער איז אויסגעוואקסן ווי א פעסטונג קעגנאיבער אים. אין יענער רגע איז דאָס יאָמערלעכע געוויין געוואָרן העכער. די דינסט האָט געזען טויט אין די אויגן פון איר האר און זי איז געלאָפן פאָרויס. דער רייטער האָט איר פארשפארט דעם וועג, אָבער זי האָט אים מיט די נעגל צעקראצט זיין פנים ביז בלוט איז פון זיין באַק גערונען, דערנאָך איז זי האסטיק צוגעפאלן צו די פיס פון נבות'ן און זי האָט ארייַנגענומען אין אירע אָרעמס די קייטן פון זיינע הענט און זיי געקושט.

יא

איידער די עלטסטע און אדלליים האָבן זיך געזעצט אין טויער פון שטאָט, האָבן זיי צום צווייטן מאָל ארויסגעשיקט שליחים צו ברענגען עדות וואָס האָבן געהערט, אז נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג. אָבער דואג, דער קנעכט פון איזבל'ן, האָט שוין געהאט גרייט צוויי נידערטרעכטיקע יונגען פון דער הינטערשטער גאַס. ער איז אריינגעפאָרן אין יזרעאל אין די קליידער פון א געאכפערטן מאן, אזוי ווי די מלכה האָט באפוילן, און עס זענען אים נאָכגעריטן יונגען אויף קעמלען און אייזלען, באלאָדן מיט געשאָכטענע שעפּסן, מיט לאָגלען וויין און קאסטנס מיט אזוינע איידלשטיינער ווי אגאטן, גארפינקל, יאשפיזן און דימענטן — א געשאַנק צום אויפזעער פון שטאָט. ער האָט דאָס אלץ געברענגט לויטן שטייגער פון די הענדלער, וואָס גייען דורך א פרעמדע שטאָט, און ער האָט געפאָלגט דעם ווילן פון דער קעניגין, אז פון זיין אנקומען זאָלן די באוואוינער וויסן, אָבער זיין בלייבן דאָרט זאָל זיין א סוד.

דואג האָט זיך געיאָגט אריינצוגייען אין טויער פון שטאָט איידער די ריגלען ווערן אראָפּגעלאָזט. פון אלע שרעקן איז דער גרעסטער פּחד זיינער תמיד געווען נישט צו פארשפעטיקן דעם לעצטן טרומייטן־שאָל פון די וועכטער. ער האָט פאר קיין זאך נישט אזוי מורא געהאט, ווי פאר דעם געשלאָסענעם טויער פון א שטאָט.

ער איז אָנגעקומען אין פארנאכט, און די צוויי נידערטרעכטיקע יונגען, וואָס דער שטאָט־אויפזעער האָט אויפגעזוכט, האָבן זיך אראָפּגעלאָזט פאר אים אויף די קני. איינער האָט געהייסן שפן; ער איז געווען דער קערער פון א טרונקהייז און ער האָט באגנבעט די רייכע לוסטיונגען, וואָס האָבן געטרונקען פון זיין הארם וויין; און דער נאָמען פון דעם צווייטן איז געווען נבל, און ער האָט געמאכט זיין ווייב פאר א זונה הינטערן טויער פון שטאָט. דואג האָט זיי געברענגט געלט און נייע קליידער און א וואָרענונג פון טויט, אז זיי זאָלן עדות זאָגן אויף נבות'ן דעם פארדאָרבענעם מאן. זיי האָבן צוגענומען דאָס

געלט און אָנגעטאָן די קליידער און זיך געזעצט. ווי מ׳ען האָט זיי געהייסן, קעגנאיבער די ריכטער און אויבנאָן פון פאָלק.

עס איז געווען ביים סוף פון טאָג ווען דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן. די זון האָט שוין געפלאַכערט אין מערב און די עלטסטע און אדליים האָבן זיך געאיילט. עס האָט זיך אויך געאיילט דער ריכטער עוזיהו און עס האָט קיין צייט נישט געהאט דער עלטסטער כהן יזיז. די הויט האָט אויף אים געציטערט, ווארום די זון האָט שוין גענידערט און פארגאָסן דעם הימל־אויסשפרייט ווי א פייערדיקן טייך, און ער, געהאָרכזאם צו די באפעלן פון שומרון, האָט געוואָלט אז נבות זאָל געמשפט ווערן פארן סוף פון תענית, איידער דער טאָג גייט־אוים. אויף זיין צייכן האָבן וועכטער מיט שפיזן און ברוסטשילדן ארומגערינגלט די אויבערשטע באנק פון די שופטים. א קנעכט האָט געבראַכט אין א קרוג ריי־נעם, געשלאָגענעם בוימאייל און ער האָט דאָס אריינגעגאָסן אין די בעקנס וואָס אונטער די בראָנזענע לאָמפּן. דערנאָך האָט ער צוגעריכט די לייכטער און זיי אָנגעצונדן.

און ווי די רייטער האָבן אין קייטן ארויסגעפירט נבות׳ן איבער דעם אָפענעם וועג, האָט א צאָרנדיקער המון אים באגלייט צום טויער. עס זענען נאָכגעגאַנגען די אָרעמע אין פראָסטע קליידער און עס האָבן נאָכגעצויגן רייכע לייט איינגעהילט אין לייענטיכער און געוואנטן פון ציגנהאָר און בלויען וואָל און פורפּור. דער אויבערשטער טייל פון שטאָט מיט וויינגערטנער און סעדער איז שוין געווען הינטער אים, און נבות איז אָנגעקומען צווישן די נידעריקע ענגע מויערן. דער געדיכטער שטויב און די היץ האָבן געשטיקט זיין אָטעם; דער שוויים פון די באַקן איז אראָפּגערונען איבער דער העלער באָרד, און ער איז געווען געפאנגען ביי די רייטער ווי א דערשעפטע חיה. ער האָט געהערט פון די דעכער דאָס געשאָל פון די חצוצרות און דאָס קלאַפּן אין די צימבאַלן אין די ווילדע געשרייען הינטער אים; און דאָס גערויש, פאָרויס, פון די לוסטיקע קולות נאָך בלוט האָט זיך אויסגעמישט אין זיין הארץ מיט א גרוים געיאָמער. אן אוממעכטיקער איז ער צוגעשלעפט געוואָרן ביזן טויער פון שטאָט, און מען האָט אים צוגעבונדן צו א קלאָץ קעגנאיבער די, וואָס זענען געקומען אים משפטן.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעשטעלט עוזיהו, דער ריכטער פון שטאָט. דער ווייסער, לויזער סדין, באזוימט מיט גאָלדענע פעדים, און די בלויע מצנפת האָבן העכער געמאכט זיין געשטאלט. די געקרויזטע שוואַרצע באָרד האָט צוגעגעבן קראַפט זיין שטרענג פנים. ער האָט זיך ארויסגעהויבן צווישן די, וואָס ביי זיין רעכטער זייט און די, וואָס ביי זיין לינקער זייט, און מיט זיין שטאָלצן בליק איז ער געשטאנען אזוי ווי אויף א טורעם. צופוסנס אים האָט געוואָרט א המון, וואָס האָט זיך געבויגן פאר מאכט. דער ווילן פון פאָלק איז שטענדיק

איינס מיט דעם ווילן פון די שופטים. די פייקלער זענען שטיל געוואָרן און די חצוצרות האָבן מער נישט געבלאָזן. אין דער אויבערשטער טייל שטאָט האָט נבות דערנידעריקט די קרוין פון ישראל, און דאָ, אין טויער וועט ער באַצאָלן מיט זיין לעבן. נאָך איין מאָל האָט ער א קוק געטון אייף די, וואָס וואַרטן אויף זיין ערשטן וואָרט און אויסגערופן:

— ריכטער פון יזרעאל! איך גיב אייך דעם פאַרבעכנעם מאן נבות, וואָס האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך. משפט אים!

א געמורמל האָט זיך אויפגעהויבן צווישן המון אזוי ווי דאָס גערויש פון א פעלד מיט זאנגען, צעבלאָזן פונעם ווינט. די וועכטער זענען גרייט געווען אריינצורייטן צווישן די, וואָס האָבן געטומלט, אָבער פּליצים האָט זיך דער־הערט א הילכיקער אויסגעשריי. עס איז געווען דאָס צאַרנדיקע קול פון דעם וויינהענדלער אפרת.

— איז דען פון יזרעאל א טויטן־הויז געוואָרן? און צי זענען די עלטסטע פון שטאָט אזוי ווי די ריכטער פון סדום?

אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט. דאָס געבריל פון המון איז גע־וואָרן העכער. אויף נבות'ן זענען געהאנגען קייטן און אויף די מיילער פון די עלטסטע און אדלליט — שלעסער. עוזיהו האָט אין געאייל א צייכן געגעבן צום עלטסטן כהן, און יזיז האָט מיט א פּאַרכטיק פּנים ארויסגערופן דעם ערשטן עדות, שפן. ער איז געווען געוויקסיק און שטארק ווי אן אָקס; ער האָט געהאט א האָריק פּנים, הארט ווי א פעלז, אָבער פאר דעם כהן איז ער געשטאנען אונטערטעניק.

— שפן, ווער האָט דיך גערופן עדות צו זאָגן אויף נבות'ן? — האָט יזיז געפרעגט.

— עס האָבן מיך גערופן די געאכפּערטע פון שטאָט — האָט שפן גע־ענטפערט.

— פארוואָס האָבן אויסגעקליבן די געאכפּערטע פון שטאָט דיך פון אלע אַנדערע מענער אין יזרעאל?

— ווייל איך האָב געהערט זיינע רייד פון לעסטערונג אויף גאָט און אויף דעם קעניג.

— די רייד פון לעסטערונג, זוי פאלש זענען זיי געווען?

אין יענער רגע האָט דער הארטער שפן געקראָגן א פּנים פון א תם. זיינע גרויע אויגן האָבן געוואנדערט אין דער ווייטקייט, צו דעם פלאקער פון דער אייסגייענדיקער זון, און ער האָט געענטפערט:

— נבות האָט געזאָגט, אז גאָט דער אומדערבארעמדיקער, האָט דריי יאָר

נישט געלאָזט שפּראָצן די געוויקסן פון דער ערד און ער האָט אויסגעטריקנט די טייכן און קוואַלן פאַר א שטראָף אויף דעם העכסטן הויז אין שומרון. און נאָך האָט נבות געזאָגט, אז דער מלך האָט אויסגעהונגערט דאָס לאַנד און פאַר־טיליקט א העלפט פון פאָלק איבער זיין צאָרן אויף גאָט.

דעם כהנ׳ס קול איז געוואָרן שטרענגער:

— צו וועמען האָט ער די בייזע רייד גערעדט? צו זיך אליין אין דער שטיל, צי צום הימל אין דער הויך? דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט וואוילזיין און רייכטום געקראָגן אין דעם געבענטשטן לאַנד, צו וועמען האָט ער די ווער־טער געזאָגט?

— צו זיינע זין האָט ער עס געזאָגט און צו זיין קנעכט און צו זיין דינסט. און א פייער האָט געברענט אין זיין האַרץ ווען ער האָט די רייד גערעדט, און די שכנים פון די פעלדער און סעדער אַרום האָבן דאָס געהערט און נישט גע־גלויבט.

דער כהן האָט אוועקגעשיקט דעם ערשטן עדות שפן, און אַרויסגערופן דעם צווייטן עדות, נבל. ער איז געווען נידעריק אין וואוקס און פעט אויפן לייב, און אויך ער האָט אונטערטעניק זיך געשטעלט פאַר דעם כהן יזיז.

— נבל, קענסטו דעם פאַרדאָרבענעם מאַן נבות?

— א מאַן פון נקמה איז נבות — האָט נבל געענטפערט.

— וואָס האָט ער אויס נקמה געטון, אז דו ביזט געקומען עדות זאָגן אויף אים?

— פון נקמה האָט נבות געלעסטערט דעם האַר פון הימל און ערד, און פאַרשוועכט דעם כבוד פון דעם קעניג פון ישראל. זיין האַרץ איז געווען ביטער און זיין צונג גיפטיק, וואָרום אין די יאָרן פון הונגער איז קיין טוי און קיין רעגן אויף זיין ערד נישט געפאַלן.

— און וואָס האָסטו געהערט, נבל?

— איך האָב געהערט ווי א פלוך האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל אויף דעם קעניג אין פאַלאַץ און אויף גאָט אין הימל.

ביי די רייד האָט נבות פלוצים זיך א ריס געטון פון קלאָץ, ווי ער וואָלט אָנגעשעפּט כוחות צו צערייסן די קייטן. אָבער א רייטער אויף א פערד איז צוגעשפּרונגען און מיט זיין פוס אים א שטויס געגעבן איבערן קאָפּ. דער גע־פאַנגענער איז געפאַלן אָן אָנמעכטיקער צו דער ערד. צוויי וועכטער האָבן פון א בעקן געגאָסן וואַסער אויף אים און אים אויפגעזעצט אייפן קלאָץ, ווייל צו־שוואַך איז ער געווען צו שטיין אויף די פיס. זיי האָבן אַראָפּגעריסן פון זיין

ליב דאָס לײַנענטוך און װידער געגאָסן װאַסער אױף אים, און זײַן גוף הױל, אין בלױזן גאַרטל, איז געװיזן געװאָרן פאַרן המון, װאָס האָט װילד געברילט.

פון הינטערן טויער האָט שטיל אַרומגעשפּרייזט דואג. ער האָט אַלעמען געזען און אַליין איז ער פון קיינעם נישט געזען געוואָרן. ער האָט געשטעלט הינטערליסטיקע טריט ווי אַ פוקס, וואָס גייט פאַרצוקן דעם רויב. ער איז געווען אַזוי נאָענט צו די ריכטער און אַזוי ווייט פון המון. ווי ער איז געווען נאָענט צו פאַלשקייט און ווייט פון אמת. זיינע ליפּן זענען געווען גלוסטיק און זיינע אויערן האָבן אַלץ איינגעזאַפּט. ווי גוט די עדות האָבן אויסגעלערנט די רייד פון באַטרוג. געזיגט האָט די מלכה און לויבן וועט זי מאָרגן דואג׳ן, איר קנעכט. מיט אַ גרויסער בשורה וועט ער צו איר אַריינרייטן אין פּאַלאַץ: דעם קאָפּ פון נבות׳ן ברענג איך דיר, קעניגין מיינע!

דאָס פלאַקערנדיקע ליכט פון דער זון האָט אָנגעצונדן די געלענדערס אויף די מויערן אַרום און דעם גזימס איבערן טויער. די עלטסטע פון יזרעאל זענען געזעסן אויף דער אויבערשטער באַנק און אונטן נידעריק, אויפן קלאָץ, האָט געררוט נבות. ער איז געזעסן אַ געליימטער, אָבער ער איז געווען העכער פון די, וואָס האָבן געריטן אויף די פערד און פון די, וואָס זענען געזעסן אויבנאָן פון פאָלק און געוואָרפן פיילן אין זיין האַרץ. אַ נעפּל האָט איינגעהילט זיין אַנטבלויזטן גוף און אים אַרויסגעשיילט פון די ריכטער, פון די עדות און פון המון. ער האָט נישט געוואוסט, אַז די אויגן פון זיינע זין קוקן אויף אים הינטערווייעלעכץ מיט אומגעצוימטער ליבשאַפט, מיט רחמנות און מיט געוויין אין די הערצער. הינטערן המון זענען זיי אַציינד געשטאַנען. איבערן גאַנצן וועג, דורך וואַנען מען האָט דעם פאָטער ווי אַ געבונדענעם שקלאַף געפירט צום טויער, זענען זיי נאָכגעלאָפן נאָכן פאָלק. זייערע באַקן זענען געווען פאַרגאָסן מיט הייסע טרערן און זיי האָבן דערשטיקט אין זיך די געשרייען פון צאָרן. אָבער נבות האָט זיי נישט געזען; זיינע אויגן האָבן געקוקט פאָרויס, אויף דעם אויפגייענדיקן ליכט פון טאָג, און ער האָט פּלוצים דערבליקט אַ פאַרוויסט לאַנד און ער האָט דערשמעקט ווי די בליציים פון פייגנבוים איז פאַרביי און עס פעלט די פּרוכט אויף די וויינשטאָקן. פאַרשפּעטיקט האָבן די רייפע איילבירטן אַרויסצוגיסן דעם זאַפט און די פעלדער גיבן מער נישט קיין שפּייז. מען ציילט נישט קיין רינדער אין די שטאַלן און פאַרשניטן פון געהעפט איז די שאָף, און אַ נישט-דערהערטע תפילה איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע ליפּן: אָ, גאָט, זע אַז די קייטן זאָלן אַראָפּ פון מיינע הענט און די ערד זאָל איינזינקען הינטער מיר; מיינע פיס זאָלן ווערן ווי די הינדן, און דו, פאָטער אין הימל, וועסט אין די הויכקייטן מיך מאַכן טרעטן.

— הרגעט נישט דעם ערלעכן מאַן!

ווי א דונער, וואָס שפּאַלט דעם הימל איז דאָס געשריי געפאַלן צווישן פאָלק און צעריסן די מוראדיקע שטילקייט. עס איז געווען דאָס קול פון אפרת׳ן. דער נידעריקער מאַן האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דעם בויכגאַרטל און צעפּראַלט דאָס שטיק געוואַנט ביים האַלדז, ווי עס וואָלט אים אָטעם אויסגעפעלט. די לויזע, ווייס־געפּלעקטע באָרד האָט געציטערט, די אויגן האָבן געברענט און ער האָט אויסגעזען אין זיין פאַרכט און צאָרן ווי א געטלעכער שליח, וואָס איז אַראָפּגעקומען צו די זינדיקע מיט דער לעצטער וואָרענונג פון הימל.

— טויט נישט נבות׳ן! — האָט ער ווידער געשריגן. — שוינט דעם אומבאשיצטן מאַן, וואָרום צעטראָטן איז ער שוין געוואָרן פאַר אייערע אויגן!

און הינטער אפרת׳ן איז האסטיק ארויסגעקומען עזרא. ער האָט אויפגעהויבן צוויי ציטערדיקע פויסטן צום המון. זיינע קלוגע, שאַרפע אויגן זענען געגען אָנגעשטעלט אויף די פּלייצעס פון די עלטסטע און אדלליים נעבן אים, און אזוי ווי ביי אפרת׳ן, אזוי האָט זיין בלוט געברענט אינאיינעם מיט דעם פּיין אין זיין האַרץ.

— די אונטערטעניקייט צו שומרון האָט אייך בלינד געמאַכט! — האָט ער אויסגערופן, — איר, מיט די פּחדנותדיקע הערצער. דער שטויב פון דעם טויטן גוף פון נבות איז שוין איר אייערע אויגן!

אויף איין רגע איז דער צער בייגעקומען די פאַראַכטונג צו די זאַטע און רויִקע, און אָנשטאָט מיט האַס, איז זיין שטים געווען אָנגעזאָפּט מיט תחנונים, ווען ער האָט זיך שטיל געבעטן:

— אזויפיל יאָרן ווישן מיר דעם שטויב פון דער מלוכה און מיר פּוצן די זיילן פון פּאַלאַץ, לאָמיר היינט ווידערשפּעניקן אין דעם באַפעל פון רציחה.

און די צוויי רעכטפאַרטיקע מענער אפרת און עזרא, האָבן אין געאייל פאַרלאָזן די באַנק פון די ריכטער און זענען אריין צווישן פאָלק. און הינטער זיי האָבן זיך באַלד אויפגעכאַפּט די אַנדערע אדלליים. אומרויִקע און צעטומלטע זענען זיי געשטאַנען צווישן די ריכטער און דעם כהן, אָבער עוזיהו האָט געהאַלטן זיינע אויגן אויפן המון און געוואוסט אויף וואָס די אומגעדולדיקע אין שטאָט וואַרטן. ער איז געווען שטאַרקער פון די ווייכהאַרציקע און געטרייער פון די ווידערשפּעניקע. ער האָט ארויסגענומען פון דער זילבערנער שייד א שמאָלע מגילה און זי אויפגעוויקלט פאַר די אויגן פון די עלטסטע. און די רייד, וואָס ער האָט פון דאָרט ארויסגעלייענט, זענען געווען אן אורטייל אין די אויערן פון פאָלק און א באַפעל צו די וועכטער:

— טויט צו נבות׳ן! פירט אים ארויס הינטערן טויער און פאַרשטיינט

אים איידער די זון גייט אונטער! שטארבן זאָל ער, וואָרן ער האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך.

— טויט צו נבות'ן! — האָבן אויסגעבראָכן קולות, און דער המון האָט זיך געוויגט אהין און אהער ווי א שטורעמדיקער ים.

— פארשטיינט אים! — זענען די געשרייען געוואָרן הילכיקער, און עס איז געוואָרן א גרויס געלאָף צווישן דעם אויפגערעגטן פאָלק.

די פייקלעך האָבן ווידער געקלאַפּט אין די צימבאלן און די חצוצרות האָבן אויפגעבלאָזן דעם אָנזאָג פון טויט. דער ערשטער איז צוגעלאָפן צום פארמשפטן דער שטאָט־אויפזעער בעל חנן. צוויי וועכטער האָבן אין געאייל אים אראָפגע־נומען פון קלאָץ; זיי האָבן אים אויך אָנגעטאָן קייטן אויף די פיס און אראָפגע־לאָזן א טונקעלן קאפטער איבער זיינע אויגן. דערנאָך האָבן זיי אראָפגעפליקט פון זיין לייב די לעצטע ליינענשטיקער, און נבות איז געבליבן שטיין אין גאנצן א נאקעטער, ווי אָדם נאָך דער ערשטער בושה. וואָרום אויך פון דעם גארטל ארום זיינע לענדן זענען צעריסענע שטיקער אראָפגעהאנגען. זיין ברייטער, וואוקסי־קער גוף איז פלוצים געוואָרן מאָגער און קנאָכיק. א שטאָלצן און ווידערשפּע־ניקן האָט מען אים ארויסגעפירט פון זיין הויז און א געבראָכענעם זקן האָט מען אצינד געגרייט צום טויט. די ווילדע אויסרופן פון דעם המון האָבן זיך נישט איינגעשטילט און די צימבאלן האָבן געשלאָגן אָן אויפהער. מיט זיינע עלנבויגנס האָט דער אָפּגעשוואַכטער אפרת זיך געראַמט א וועג צו נבות'ן, אָבער הענט, פּלייצעס און קעפּ האָבן אים נישט באפרייט פון דער ענגשאפט; ער איז געבליבן הענגען אין געדרענג מיט אויסגעשפרייטע הענט און אריבערגעשריגן:

— נבות, מיין ברודער! איך שעם זיך פאר דיר. איך קאָן דיך נישט לער־נען צו זיין א גיבור, וואָרן איך אליין בין געבליבן א קנעכט צו די פארדאָרבענע!

דער פארמשפּטער נבות איז געגאנגען פאָרויס, א דואיקער, אונטער דער משׂא פון די קייטן. די טראָפּנס שווייס זענען געראונען פון זיין שטערן און זיך אראָפּגעקייקלט ווי הייסע טרערן אויף די טרוקענע ליפּן און זענען איינגעזאפּט געוואָרן אין דער באָרד. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ העכער און זיין פּנים איז געוואָרן לויטערער און קלוגער, און פלוצים זענען זיינע פארוואָלקנטע אויגן אָנגעפילט געוואָרן מיט אזא העל ליכט, וואָס מען זעט נאָר ביי די גערעכטע ווען זיי גייען צום טויט, און אין זייערע הערצער בלייבט בלויז אָרט פאר גליק־זעליקייט.

די פּאקלען האָבן שוין געברענט אויפן געלענדער פון טורעם־הויז, אָבער די לעצטע זונשטראלן האָבן זיך נאָך אָפּגעשלאָגן איבערן הויכן טויער פונעם גרונטפעסט ביז ארויף, צום גזימס. אויסערן שטאָט האָט מען צוגעשטעלט

נבות'ן מיטן פּנים צו דער שוואַרצער וואַנט און אַראָפּגעריסן דעם קאַפּטער פון קאָפּ. זיבן וועכטער ביי דער רעכטער זייט און זיבן וועכטער ביי דער לינקער זייט, און הינטער אים איז געשטאַנען דער המון אַרום אַ הויכן הויפן שטיינער. קיינער פון די עלטסטע און אדללייט איז נישט געקומען אַהער, אויסער דער שטאָט־אויפזעער בעל חנן, און ער האָט זיך געשטעלט פאָרויס פון די וועכטער, קעגנאיבער דעם שטאַרבנדיקן מאַן. ער האָט נישט געוואוסט, אַז צווישן די לעצטע פונעם אָנלויף איז געווען דואג, איזבל'ס קנעכט. וואָס האָט אַזוי ווי ער, געוואָלט מיט די אייגענע אויגן זען ווי דאָס בלוט פון דעם פאַרמשפּטן שפּריצט אויף דער וואַנט. און ווי בעל חנן האָט מיט זיין שפּיז אָנגערירט דעם הויפן, איז דאָס געווען אַ צייכן פאַרן המון צו פאַרוואַרפן נבות'ן מיט שטיינער. דער ערשטער האָגל שטיינער האָט אים אָנידערגעשליידערט. עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם, אָבער דער מוח איז געווען אָפן און דער פאַרשטאַנד קלאָר, און ער איז נישט אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אַ געבעט: גאָט מיין באַשעפער, מיין גוף איז געבונדן און פון די וואונדן רינט בלוט; אויב עס איז באַשערט, אַז דער טויט זאָל מיך אָפּשיידן פון מיין נחלה, זע, אַז די ערד זאָל בלייבן ביי מיינע זין, גאָט, מיין באַשעפער!

די שטיינער אין די הענט פון המון זענען געשליידערט געוואָרן מיט מער רציחה. יעדער שטיין — אַ פייל פאַרן האַרץ; יעדער שטיין — אַ שפּיז פאַר דעם לייב. די שטיינער זענען געפאַלן, באַגלייט מיט אויסגעשרייען פון ווילדער פרייד. אין דער מהומה איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען קיש, דער ערשטער זון פון נבות'ן, מיט אַ געיאָמער: פאָטער מיינער, וואָס האָבן זיי צו דיר געטון? ער האָט זיך געשטופּט אין גערדרענג פאָרויס, מיט אַ באַגער זיך אַראָפּצולאָזן צום שטאַרבנדיקן מאַן און וואַשן דאָס בלוט פון זיינע וואונדן, אָבער די וועכטער האָבן אים צוריקגעטריבן. מיט ווייכע, זאַטע שפּרייזן האָט זיך גערוקט פאָרויס דואג. אונטערן ליכט פון צאַנקענדיקן טאָג האָט ער געקוקט אויף דעם נאַקעטן, פאַרבלוטיקטן גוף אויף דער ערד, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ערשט אַצינד האָט דער שליח פון פּאַלאַץ געזען ווי אַ געהיימע קראַפט שטעקט אין דעם דאָזיקן ווידערשפּעניקן מאַן, וואָס איז אַזוי ביטער פאַרהאַסט ביי זיין מלכה. זיין לייב האָט שוין געווייקט אין בלוט, אָבער דער טויט האָט זיך נישט געאיילט צו קומען.

דאָס ליכט פון טאָג איז אויסגעגאַנגען און אַראָפּגענידערט האָט די נאַכט. אַ וועכטער מיט אַ ברענענדיקן פאַקל איז צוגעקומען זען, צי דער פאַרמשפּטער איז טויט. נבות איז געלעגן אַ פאַרגליווערטער. אַ טראָפּן וואַרעם בלוט איז געשטאַנען אין מיטן שטערן, און דער טראָפּן האָט געגליט אַזוי ווי דער פאַרשפּעטיקטער זונשטראַל אויפן גזימס פון דער שטיינער־וואַנט; דאָס איינגע־

שרומפּענע, צעריסענע פּנים איז געווען אויסגעלאָשן, אָבער אין די אויגן האָט נאָך געטליעט לעבן, ווי די פונקען ביי נישט דערלאָשענע קוילן. זיינע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט, וואָרום עס האָט אויף זיי געררוט דאָס לעצטע געבעט: זין מיינע, באַהיט אייך גאָט אָפּצוגעבן די נחלה פון די אָבות, וואָרום דער סוף פון הויז נבות וועט דאָס זיין. געדענקט, פון דער דאָזיקער ערד זענען מיר געקומען און צו דער דאָזיקער ערד מוזן מיר צוריקגיין.

זיינע אויגן זענען געווען צוגעשלאָסן, און באַלד דערנאָך האָט ער אַ לייכטן זיפץ געטון און ער איז אויסגעגאַנגען.

יב

די שליחים וואָס זענען געקומען אין פּאַלאַץ אָנזאָגן, אַז נבות איז טויט, האָבן געמוזט בלייבן הינטער יענער זייט טויער, וואָרום די קעניגין איזבל האָט געוואַרט אויף דעם וואָרט פון איר קנעכט דואג. אָבער דואג האָט זיך פאַרזאַמט אין יזרעאל ביז האַלבער נאַכט. ווען דער שטאָט־אויפזעער בעל חנן האָט באַפוילן די רייטער אַריינצוטרייבן דעם המון אין שטאָט, און די באַגרעבער — אַוועקצוטראָגן דעם צעריסענעם גוף, וואָס די הינט האָבן געלעקט זיין בלוט, איז דואג געבליבן לויערן הינטער דער שטיינער־וואַנט, ביז די טריט פון דעם לעצטן וועכטער זענען איינגעזונקען געוואָרן אין דער טונקעלער שטילקייט; דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם פאַרבלוטיקטן גאַרטל פון דעם פאַרשטיינערטן נבות און איז דורך אַ הינטערוועג אַוועק צום טייך אויסערן שטאָט. ער האָט דאָס צעפליקטע שטיק פעל איינגעוויקלט אין אַ קנויל און אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און פון זיינע הענט האָט ער אָפּגעוואַשן דאָס בלוט און איז צוריקגעריטן קיין שומרון.

צו די טרעפּ פון פּאַלאַץ איז ער אָנגעקומען באַגינען, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. יענע נאַכט איז איזבל נישט געשלאָפן; זי האָט געוואַרט אויף אים פאַר דער טיר פון איר קאַמער. ווען די וואַך ביי די זיילן האָט אים דורכגעלאָזט, האָט דואג פאַרשטאַנען, אַז צווישן די ווענט פונעם קעניגס הויז האָט מען שוין צעטראָגן די נייעס. ער האָט געשפּרייזט פּאָרויס און באַדאַכט זיך אַרומגעקוקט. בלויז אין פיר ווינקלען האָבן געברענט די פאַקלען. ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די פלאַכע טרעפּ פון מירמלשטיין ביז צום אַריינגאַנג פון גרויסן טרקלין; דאָרט איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען די מלכה, און דואג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און דערציילט פאַר איר אַלץ וואָס האָט געטראָפן אין יענעם טאָג אין דער שטאָט יזרעאל, און ווי ער האָט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער דאָס לעצטע איבערבלייב פון נבות'ן. איזבל האָט אים געהייסן זיך שטעלן אויף די פיס.

— דאָס וואָס דו האָסט היינט דערטרונקען אין וואסער, --האָט זי שטרענג געזאָגט,— זאָל זיין באַגראָבן אין דיין הארץ.

און דואג האָט ווידער אמאָל זיך געבוקט פאר זיין האַרינטע און גערעדט:

— א קבר איז מיין הארץ פאר אלע סודות פון מיין מלכה.

ער איז שוין געווען גרייט ארויסצוגיין, ווייל ער האָט געזען, אז די קעני־גין איז מיד און אירע אויגן גאָרן נאָך שלאָף. אָבער איזבל האָט מיט איר ערשטן באַפעל נישט געקאָנט קילן איר פלאַמענדיקע צונג, אזוי ווי דער ווינט קאָן נישט אָפּקילן א ברענענדיקן בארג, און זי האָט געפרעגט:

— איז געווען איינער וואָס האָט פארגאָסן טרערן אויף זיין טויט?

— צוויי זענען געווען גרייט צו באַוויינען דעם לעסטערער; צוויי אָנגע־זעענע הענדלער צווישן די עלטסטע פון שטאָט, אָבער דער ריכטער איז געווען שטארקער פון זיי.

אין איזבל׳ס הארץ איז אויפגעגאנגען א שטורעם, אָבער איר קול האָט דער קנעכט נישט געקאָנט הערן.

— פון היינט־אָן וועלן דיינע ליפּן רעדן שטיל און דיינע טריט וועלן שלייכן לאנגזאמער —האָט זי געפליסטערט.— דו זאָלסט נישט ענטפערן די פירשטן אין דעם הויז פון יאָ ביז ניין, ביז דער מלך וועט אראָפּגיין אין זיין נייעם ווייַנגאָרטן. אצינד גיי אין דיין קאמער, דואג. פארנאכט, נאָכן שלאָף, זאָלסטו אריינרייטן אין בית־אל און דאָרט וועסטו בלייבן פארבאָרגן ביז איך וועל נאָך דיר שיקן. די מתנות פון פאלאץ וועסטו געפינען אויף דיין קעמל.

אין יענער רגע איז דואג געבליבן צעמישט, ווי ער וואָלט פּלוצים פארלוירן די זיכערקייט צווישן די הויכע זיילן פון דעם הויז. דער שטויב פון וועג איז נאָך אויף זיינע פיס, אָבער די קעניגין שיקט אים ווידער ארויס פון שטאָט. זיין גוף האָט געצויגן נאָך רו, אָבער די מידע מלכה איז פּלוצים געוואָרן וואך, ווי נאָך א שליק ווייַן. פון דעם אויבערשטן פענצטער אנטקעגן דעם טרקלין האָט זיך אריינגעבראָכן דער ערשטער שטרייף ליכט און בלאַסער געמאכט דאָס פייער פון די פאקלען. די העלקייט איז געפאלן אויף איזבל׳ס פּנים מיט אַן אויסטערלישער מנוחה. איז נישט געשען היינט אין יזרעאל אזוינס, וואָס קאָן אויפוידן דאָס בלוט פון א מלכה? ווי שטארק מוז זיין די הערשערין, וואָס איר נשמה בלייבט אָן פּחד נאָך א גוואלדטאַט פון בלוט? דואג האָט זיך דער־שראָקן פאר דער אייגענער שוואכקייט און אַן אונטערטעניקער זיך געבוקט. איזבל האָט מיט אַן אויפגעהויבענער האנט אים געשיקט צום ארויסגאנג.

די קעניגין איז אָפּגעשלאָפן א גאנצן טאָג, און ווי די זון האָט זיך געזעצט, איז זי אריינגעפאלן אין אַחאָב׳ס קאמער ווי א שטורעמווינט און א געשריי געטון:

— שטיי־אויף, אַחאָב, און ירשע דעם וויינגאָרטן פֿין נבות דעם יזרעאלי!

איינגעהילט אין זיין פורפור־מאנטל איז אַחאָב געשטאַנען פאר דעם קו־פערנעם שפיגל און געזען זיין אָפּבילד אינעם רויטן אָפּגלאַנץ. עס איז געווען אַנטקעגן אָוונט און ער האָט זיך געגרייט אריינצוגיין צו זיינע ראטגעבער. א קנעכט האָט אים אָנגעטאָן דעם אקסלבאנד, דורכגעוועבט מיט די גאָלדענע פעדים. דער קעניג האָט געקוקט אויף זיין מלכה און דערזען אין אירע אויגן א צאָרן, וואָס האָט פארטיליקט. אויף זיין וואונק איז דער קנעכט ארויסגע־לאָפן. שטייענדיק נאָענט נעבן איר האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער אָטעמט איין דעם ווייטן ריח פון בלוט.

— לעבט ער? — האָט ער פלוצים א פרעג געטון.

— נבות איז פארשטיינערט געוואָרן און ער איז טויט.

אַחאָב האָט געפילט ווי די בושה ברענט אין זיין האריץ און דאָס פנים פלאקערט, אָבער זיין קול איז געקומען מיט א שטילן זיפץ:

— ער האָט געפאָרכט גאָט.

— ער איז געווען ווידערשפעניק צו זיין קעניג, און די ריכטער אין יזרעאל האָבן אים געמשפט.

— ער איז צו־פרי געשטאָרבן, די שטראָף פון געפעננעניש איז געווען גע־נוג פאר אים.

— וואָס באדויערסטו, און פארוואָס ווערט דיין האריץ אויפגעגעסן פון רחמנות, אַחאָב? גיי אראָפּ און נעם־צו דעם וויינגאָרטן, וואָס ער האָט דיך נישט געוואָלט געבן פאר געלט. ער איז געווען דיין אָרעמער שכן, אָבער דיך, דעם מלך פון ישראל, האָט ער אָפּגעשטעלט ביי זיין טויער ווי א בעטלער. אצינד וועט זיין ירושה פוילן. גיי אראָפּ אין יזרעאל און נעם וואָס איז דיין! אויב שרעקן וועסטו זיך שרעקן היינט, וועלן מלכים פון דיר לאכן. א לעסטע־רער איז דורך דיר געטויט געוואָרן, נישט א געטרייער פון דיין הויף.

— ער איז געווען אָנגעזען אין זיין שטאָט און א קנעכט צו גאָט.

איזבל האָט געלאכט. ווידער שטייט פאר איר דער מלך דערשראָקן ווען ער דארף זיין שטארק. ווי אומגעלומפערט איז א הערשער, וואָס ציטערט פאר זיין אייגענער מאכט. שלאכטן פון בלוט פירט ער, אָבער ייינע ליפּן האלט ער טייער און זיינע פינגער ריין, און יעדעס וואָרט זיינס וויל זיין א תפילה. א צערייצטע האָט זי א געשריי געטון:

— ווער איז דער קנעכט און ווער איז דער מלך? קוק זיך אָן אין דעם קופערנעם שפיגל, מלך פון ישראל. דיין באָרד איז געזאלבט, אָבער דיין פנים פלאמט פון בושה. צי הערסטו נישט דאָס געלעכטער פון די ריכטער אין יזרע־אל, אָדער אפשר הערסטו די טריט פון דעם טויטן נבות? פארוואָס דער־

שטיקסטו דעם באגער פון דיין הארץ? צי האָסטו נישט געוואָלט דעם וויינ־גאָרטן פון נבות, און צי האָב איך דיר דאָס נישט געגעבן דורך א משפט פון די עלטסטע אין שטאָט? די מלוכה פון ישראל וועט בלייבן פעסט אויב דער קרוינטרעגער וועט זי האלטן אויף זיינע שטארקע הענט. און ווידער אמאָל וועל איך דיך היינט דערמאָנען, אחאָב: עס קומען טעג ווען מיר מוזן שטארקן אונדזער נקמה צו ווידערשפעניקע, און אונדזער ליבשאפט צום פּאלאץ און אונ־דזער רחמנות צו אונדזערע זין נאָך אונדז.

אחאָב איז געשטאנען א פארשולדיקטער און עס האָט זיך אים אויסגע־דאכט, אז זי איז גערעכט אין איר האָס, וואָרום פאר דער קרוין האָט זי זיך אָנ־גענומען. אָבער וואָס פאר א פרוי איז איזבל, וואָס איז אזוי רייך אין לוסט און אזוי אָרעם אין בארעמהארציקייט? האָט דען דער אלמעכטיקער זי באשאפן, אז אלע בייזע תאווה׳ס זאָלן דורכגיין דורך איר? דער טרויער, וואָס האָט אים גערדיקט, האָט אצינד געשטארקט זיין פּחד.

— אליהו, דער מאן פון גלעד, וועט מיך ווידער נישט אויסמיידן — האָט ער געזאָגט.

— ביידע האָבן מיר פארלוירן דעם מאן פון פלוך. דו האָסט אים אָנגע־וואוירן ווען ער איז אוועק זוכן זיין גאָט, און איך — ווען ער האָט געפונען א באהעלטעניש אין א הייל. אָבער, צי מוזטו דען וואָרטן ביז א נזיר זאָל זיך באווייזן און דיך בייקומען? א פּראָסטער ווידערשפעניקער מאן האָט דיך דאָס מאָל באזיגט. דער פוס פון א טויטן קנעכט ליגט אויף דעם נאקן פון דיין קעניגרייך!

מער האָט אחאָב נישט געוואָלט הערן. אָבער ווער האָט געקאָנט קילן איזבל׳ס פלאמענדיקע ליפּן? ער האָט געוואוסט, אז די שטראָף וואָרט אויף יענער זייט טויער, ווען די מלכה איז געקומען צו אים מיט שפּאָט־רייד אָנשטאָט מיט טרייסט. אזוי איז שטענדיק אין פּאלאץ — די שטראָף לויפט פאָרויס פאר דער זינד. אין דער צווייטער קאמער וואָרטן פירשטן מיט ענינים פון מלוכה, און איזבל הייסט, ער זאָל זיך פרייען אויפן טויט פון נבות. פּלוצים האָט אן אומגעריכטער כוח זיך געוועקט אין אים; דאָס בלוט האָט אויפגע־ריזלט און א פויסט האָט זיך געביילט. ער איז אָבער געבליבן שטיין אומבאַ־וועגלעך קעגנאיבער איר שטארקייט. איזבל׳ס אָטעם, וואָס האָט געבלאָזן אויף אים, איז געוועזן שטורעמדיקער פון דעם הייסן ווינט אין מדבר.

— רחמנות איז א ליגן און בושה איז פאלש, ווען די קרוין איז געלעס־טערט, —האָט זי אויסגערופן.— איז דען ווינציק וואָס הונגעריקע לייבן לויערן ביי דיין צוקאָפּנס, אז אויך ציטערדיקע לעמער זאָלן היינט מאכן שפּאָט פון דעם מלך אין ישראל? יזרעאל וועט נישט פארוויסט ווערן אַז דעם ווידער־

שפּעניקן נבות. קיין אָרעם איז נישט גענוג לאַנג אָפּצושטעלן דעם באַגער פון קעניג. דו האָסט אים געוואָלט געבן די צאָלונג אין געלט, אָבער ער האָט נישט אָנגענומען דעם קעניגס פּרייז, האָבן די ריכטער פון זיין שטאָט אים פאַרמשפּט פאַר די אויגן פון גאָט. איצינד שטייסטו העכער איבערן פאָלק. ווער איז דער מלך פון ישראל, אויב נישט דער פאָטער צו זיינע זין, בארעמהארציק צו זיינע געטרייע און גרויזאַם צו די ווידערשפּעניקע? פון היינט־אָן וועל איך באַפּעסטיקן די ווענט פון פּאַלאַץ, אַז קיין פייל זאָל זיי נישט דורכלעכערן, און די אומגעבעטענע און הינטערליסטיקע, א מאַן צי א פרוי, וועל איך פאַרטרייבן, אַז זיי זאָלן דיר מער נישט נאָכגיין אין דיין רו־גאָרטן.

זי האָט לאַנג געוואַרט און געשוויגן, ווי זי וואָלט זיך איינגעהאָרכט צום קלאַפּן פון זיין האַרץ. ווען דער קעניג האָט אָנגעהויבן ווישן פון שטערן דעם קאַלטן שווייס, האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און שאַרף אים אָנגעקוקט.

— אין בית־אל איז נעמה געווען א וואָרזאָגערין ביי די כהנים, א דינסט אין טעמפּל, —האָט זי געפּליסטערט,— ווער האָט זי אַרויסגעפירט פון דאָרט, אַז זי זאָל זיך זעצן ביי דיין צופוסנס? אָבער צי בין איך דען איצינד געקומען צו דיר שטרייטן איבער א דינסט? גיי אַראָפּ אין יזרעאל, אַחאָב, איידער דער טאָג וועט אויפגיין, און ירשע דעם וויינגאָרטן פון נבות!

א קנעכט האָט אין געאייל אַריינגעפירט פּקחיהו׳ן. זיין פּנים האָט געשטראַלט און זיין מאַנטל האָט געגלאַנצט, און ער איז געווען גרייט צו באַגלייטן זיין האַר צו דער קאַמער פון די ראַטגעבערס. דערזעענדיק די מלכה, איז די רו פון אים אַוועק, אָבער אין זיינע בליקן איז געווען א צוזאָג: ווי לאַנג זיין צונג וועט זיין נאַס און עס וועט זיין שטויב אויף דער ערד, וועט ער רייניקן דעם וועג פאַר דעם קעניגס פיס. ער האָט זיך אָנגערופן:

— די ראַטגעבערס זענען איינגעזאַמלט, מיין קעניג.

איזבל איז אים אַקעגנגעגאַנגען מיט האַסטיקע טריט און זיך צעלאַכט:

— פיר די ראַטגעבערס צום טיש מיט וויין. דער קעניג האָט היינט נאָך א נצחון געוואונען!

אַחאָב איז אויפגעשטאַנען אַראָפּצונידערן אין דעם וויינגאָרטן פון נבות, כדי אים צו ירשענען.

ער האָט באַפוילן עובדיהו׳ן איינצושפּאַנען זיין רייטוואָגן. פון הויף־שטאַל האָט א קנעכט אַרויסגעפירט צוויי שמאַרקע מדבר־פערד. עובדיהו האָט אויפן רייטוואָגן אַרויפגעוואָרפן א בלויען דעקטוך און קעגן דער שייד מיט פיילן האָט ער אוועקגעשטעלט א בויגן מיט צוויי שווערדן און שילדן, וואָרום געוואוסט האָט ער, אַז דער קעניג איז היינט טרויעריק און ער מוז אים באַגלייטן. אָבער אַחאָב האָט געוואָלט זיין אַליין. אין געאייל האָט ער באַפוילן דעם אָנטרייבער אַריינ־

צופאָרן אין יזרעאל. נאָך האַלבן טאָג איז ער אַראָפּגעקומען צו די פּעלדער פון דעם זאַטן לאַנד און אַזוי ווי ער האָט געאַנט, אַזוי איז געשען: דער צאָרנדי־קער מאַן, אליהו דער תשבי האָט אויף אים געלויערט ביים אַריינפאָר פון יזרעאל און ער איז אים אַקעגנגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשריי: האָסט געהרגעט און ווילסט אויך ירשענען?

איז דער איבערגעשראָקענער אַחאָב אַראָפּ פונעם רייטוואָגן און געפרעגט: דו, שונא מיינער! האָסט מיך געכאַפּט אויך אַצינד און האָסט זיך אַרויפגע־וואָרפן אויף מיר ווי אַ חיה וואָס וויל פאַרצוקן. צי נאָך ווינציק האָבן מיר גע־ליטן איבער דיינע פלוכן? האָט דער מאַן פון גלעד געענטפערט: כאַפּן האָב איך דיך געכאַפּט, ווייל דו קאָנסט נישט אָפּטרעטן פון איזבל׳ס אומריינע וועגן און דו האָסט זיך אָפּגעגעבן צו טון, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט! און זע, ווי גרויס עס איז דיין זינד, אַזוי מוראַדיק וועט זיין דיין שטראָף. איך ברענג אַן אומגליק אויף דיר און איך וועל דיך אויסראַמען און איך וועל פאַרשניידן פון דיין געזינדל יעדן מאַנספּאַרשוין און קינד און קייט צווישן ישראל, און איך וועל מאַכן דיין הויז אַזוי ווי דאָס הויז פון ירבעם, דעם זון פון נבט; ווי דאָס הויז פון בעשא, דעם זון פון אחיה, פאַר דעם וואָס דו האָסט דערצאָרנט גאָט און געמאַכט זינדיקן ישראל!

און אליהו דער תשבי, וואָס צאָרן און גערעכטיקייט האָט ווי אַ פלאַמפייער געברענט אין זיין האַרץ, האָט נאָך געלאָזט הערן: און אויך אויף איזבל׳ן האָט גאָט פון ישראל געזאָגט: די הינט וועלן עסן איזבל׳ן אין דעם פעסטונג־גראָבן פון יזרעאל. דער, וואָס שטאַרבט פון אַחאָב׳ן אין שטאָט, אים וועלן די הינט אויפעסן, און דער וואָס שטאַרבט אין פעלד, אים וועלן די פייגל פון הימל פאַר־צערן. וואָרום עס איז נאָך נישט געווען אַזאַ קעניג אין ישראל ווי אַחאָב, וואָס האָט געטון אַלדאָס שלעכטס אין די אויגן פון גאָט, דערפאַר ווייל אָנגערעדט האָט אים זיין ווייב איזבל. ער האָט זיך געפירט אומווירדיק און איז געגאַנ־גען נאָך די אָפּגעטער און געטון אַלץ ווי עס האָבן געטון די אמורים, וואָס זיי האָט גאָט פאַרטריבן פאַר די קינדער פון ישראל!

און ווי אַחאָב האָט דאָס געהערט, האָט ער צעריסן זיינע קליידער און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געוואַרט אויף ווערטער פון טרייסט פון דעם גרויזאַמען שטראָפער. אָבער אין האַרץ פון דעם אייפערדיקן מאַן איז נישט געווען קיין אָרט פאַר רחמנות צו דעם זינדיקן קעניג. דער הערשער פון ישראל איז אַריין אין רייטוואָגן און באַפוילן דעם אָנטרייבער אים צוריקצוברענגען אין שומרון.

ביים סוף פון טאָג איז ער אָנגעקומען אין פּאַלאַץ. איזבל האָט אים אָפּ־געוואַרט ביים טויער פון איר גאָרטן, אָבער ער איז דורך אַ הינטערטיר אַריין

אין זיין שלאָפקאמער און אָנגעטון א זאקקלייד אויף זיין לייב און געפּאַסט יענעם אָוונט און אויך אויף צומאָרגנס. ער איז ארומגעלאָפן ווי א חיה אין א שטייג. וואַנזין איז געווען אין זיינע אויגן און פּחד אין זיין קול, ווען ער האָט געיאָמערט אויף דעם טויט פון נבות און אויף דער קללה פון דעם מאן פון גלעד.

— דיינע הענט זענען איינגעטונקען אין בלוט, —האָט ער צו זיך גערעדט,

— און דיינע פינגער זענען באפלעקט מיט דעם מארך פון דעם פארשטיינטן מאַן.

זיין שרעק פאר דער שטראָף און די חרטה פאר דעם פארברעכן איז פון אים נישט אוועק, ביז דאָס ליכט פון דער וועלט איז אויסגעגאנגען. דערנאָך האָט ער גערופן א וועכטער, וואָס האָט ארויסבאגלייט דואג׳ן פון שטאָט, ער זאָל אים דערציילן ווי אזוי נבות איז געשטאָרבן. אויסהערנדיק אים האָט דער קעניג דערשפּירט א קנאה צו דעם גערעכטן גערטנער, וואָס האָט זיך נישט גע־שראָקן פארן טויט.

— ווי פרייליך ער האָט געלעבט און ווי רואיק ער איז געשטאָרבן, — האָט אחאָב געזאָגט.— איך האָב געהאַט די תאווה פון א רויב־חיה, אָבער ער האָט זיך פאר מיר נישט געשראָקן, דער דאָזיקער קלוגער מאן מיט דעם לויטערן פארשטאנד! דאָס, וואָס פאר מיר איז געווען צעטומלט, איז פאר אים געווען קלאָר. ווען איך האָב געבלאָנדזשעט, איז ער געגאנגען אויף דעם גלייכן וועג.

און פּלוצים האָט א בליץ דורכגעשניטן זיין זכרון און עס איז אויפגעגאנ־גען אין זיין געדעכעניש א חלום פון יאָרן פריער, וואָס האָט אים געוויזן ווי א היישעריק פרעסט אויף אלע פעלדער פון ישראל ביזן לעצטן זאנג, אָבער דאָס פעלד פון דעם מלכ׳ס שכן, דעם גליקלעכן גערטנער, רירט דער היישעריק נישט אָן. דאָס בלוט איז אין אחאָב׳ן פארפרוירן געוואָרן און ער איז געפאלן מיטן פּנים צו דער ערד און א דערשראָקענער זיך געפרעגט: האָבן זיי דערהרגעט דעם גליקלעכן גערטנער, וואָס דער היישעריק האָט זיין פעלד נישט אָנגערירט און די וואָרזאָגערין האָט ווענן אים מיך געוואָרנט, אז ווען איך וועל אים זען אין בלוט און פלייש אין מיין טויער, זאָל איך אים נישט טויטן? שווינען האָבן זיי אים באדאַרפט אז א האָר פון זיין קאָפּ זאָל נישט פאלן, וואָרום ווי לאנג ער וועט לעבן וועט מיין קרוין זיין באשירעמט!

א דערשעפּטער איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, ביז ער איז אנטשלאָפן געוואָרן. אין מיטן נאכט האָט ער זיך אויפגעוועקט און גערופן דעם געטרייען עובדיהו׳ן, ער זאָל אים ארויספירן הינטער דער שטאָט, צום אָרט פון די קברים פון די גאָטפאַרכטיקע נזירים, וואָס זענען אומגעקומען פון איזבל׳ס שווערד נאָך פאר דעם הונגער אין לאנד.

איינגעהילט אין גרויע דעקטיכער האָבן זיך ביידע אַרויסגעשלייכט. אין דער פינצטער פון שטאָט און זיי זענען צוגעקומען צו די חורבות פון אַ טעמפּל, וואָס די געצנדינער פון צידון האָבן אויסגעבויט און די יונגע נביאים האָבן אים צעשטערט. הינטער אָפּגעבראָכענע טורעמס און זוילן האָבן געגרויט די ביי־נער פון די, וואָס זענען געשטאָרבן פאַר דעם נאָמען פון יהוה. דער געטרייער הויף־שררה האָט אונטערגעהאַלטן זיין קעניג, וואָס איז געגאַנגען מיט אונטער־טעניקע טריט, אָבער אין זיין שטאָלצן וואוקס איז געווען די קראַפט פון אַ שלאַכטמאַן. זיין ברוינע באָרד איז נישט געווען געקרייזלט, אָבער די אויגן האָבן געבליצט ווי ביי אַן אָדלער. ער האָט געקוקט אויף די קברים, אין די ליימענע טאָוולען און געקליבן אויף זיינע ליפּן רייד פון געבעט.

עובדיהו האָט געטראַכט: מיין קעניג האָט חרטה אויף דעם פאַרברעכן; ער איז זיך נישט מיאש אין אַלמעכטיקן, דעריבער וועט די רו צו אים צוריק־קומען. אָבער אַחאָב האָט מורא געהאַט פאַר פאַרלענדונג.

— גאָט פון ישראל, פאָטער פון באַשאַף, —האָט ער געזאָגט,— העלף מיר איידער דו וועסט מיך אומברענגען. איך האָב נישט אָפּגעגעבן מיין נשמה צו די אָפּגעטער, אָבער אַ געפאַנגענער בין איך געבליבן ביי איזבל'ן. מיין פאַ־לאַץ איז ווידער פול מיט אירע כהנים. פון שטענדיקן בוקן זיך צום בעל זענען זייערע שטערנס האַרט געוואָרן ווי די הערנער פון אָקסן. אויב איך האָב זיך דערצאָרנט און נישט פאַרטריבן די לעסטערער פון הויז פון ישראל — שטראָף מיך נישט דאָס איינע מאָל, גאָט! זאָל דאָס בלוט פון נבות נישט פאַלן אויף מיין קאָפּ, וואָרום אַנדערע הענט האָבן עס פאַרגאָסן. שוין מיך, דו גאָט פון מיינע חיילות, אַז ישראל זאָל געשטאַרקט זיין! וואַש מיך פון פרעמדע זינד, אַז מיין האַרץ זאָל זיין לויטער ווי דער טוי אין לאַנד אפרים!

ער האָט באַפוילן עובדיהו'ן צו וואַרטן אונטער אַ שטיין פון אַ געצנזייל און אַליין איז ער צוגעקומען צו אַ בערגל, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ טורעם פון אַ גרינעם ערד־אויסהויל; דאָרט האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ און זיך אומגעקוקט: אַ פאַרלאָזענע שטאָט האָט זיך געשפּרייט אויף הויכע ערדוואַלן אַרום, און צופוסנס דער שטאָט זענען געווען קברים; די עפּע־נונגען זענען געווען איינגעבראָכן און אין דער פינצטער האָבן געפינקלט, אַזוי ווי גרינע פלאַמען, די אויגן פון שלאַנגען און שאַקאַלן, וואָס האָבן נאָך געזויגן די טויטע גופים. עס איז געווען ווייט צום אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן. די וועלט איז געווען פאַרזונקען אין אייביקן שלאָף, אַזוי ווי די געשטאָרבענע אין די גריבער, און דער דערשעפּטער קעניג, מיט אַ ברענענדיקן באַגער נאָך פאַר־געבונג, האָט ווידער געבעטן:

— גאָט פון ישראל, אויב איך בין געקומען אַהער אין מיטן נאַכט אויס־

צוגיסן מיין הארץ פאר דיר — קער זיך נישט אָפּ פון דיין קנעכט; פאַרגיב מיר פאר מיין שוואַכן ווילן. א קעניג בין איך אין מיין טורעם, אָבער א קנעכט אין מיין הארץ. שטראָף מיך נישט, גאָט, פאר די אומווירדיקייטן פון איזבל. וויש אָפּ די פלוך, וואָס דער מאן פון חורב האָט אויף מיר היינט געברענגט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון איר גוף, זאָל מיך איר ווילן מער נישט מאַטערן.

זיין קול איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל דאָס געיאָמער פון א פאַרבלאָנדזשעטער פעלד־חיה האָט דורכגעשניטן די לופט. אַחאָב האָט זיך געוואָלט שטארקן אין זיין איינזאמקייט. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט אנטקעגן הימל און גערופן:

— רינגל מיך ארום מיט געטרייע, גאָט פון ישראל! גיב מיר מאכט אין מיין אָרעם און כוח אין מיין צונג, וועל איך די אלע, וואָס האָבן ליגן געזאָגט, פארשעלטן פאר דיר, גאָט, אז עס זאָל נישט אויפגיין קיין תבואה אויף זייערע פעלדער און קיין באפרוכפּערונג אין דעם איינגעווייד פון זייערע פרויען. באַפעסטיק מיין הויז און באַוואַך מיינע קריגסלייט, און מיך אליין שטארק פאר די שלאכטן וואָס וועלן קומען, ווייל פעלקער לויערן אויף מיר. גיב מיר מער מאכט, אָ, גאָט, פאר דער שוץ פון ישראל!

ער איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל, ביז זיי זענען געוואָרן הארט ווי קיזלשטיינער. דער גוף האָט געבענקט נאָך רו, אָבער ער האָט זיך נישט אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ווען דאָס ליכט פון מזרח איז אויפגעגאנגען, איז עובדיהו אָנגעקומען און אונטערגעשטעלט זיין אָרעם פאר דעם מידן קעניג און ער האָט אים צוריקגעפירט אין שטאָט אריין.

י״ג

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט דער טרויער זיך אָפּגעטון פון דעם מלך פון ישראל; ער איז געוועזן פריי פון פּחד און פון חרטה. שליחים זענען אָנגעקומען אין שומרון מיט דער בשורה, אַז די יונגע נביאים, וואָס היטן די טריט פון אליהו, דעם מאַן פון גלעד, האָבן אין טויער דערציילט, אַז דער האַר פון הימל און ערד האָט פאַרגעבן די זינד פון אַחאָב'ן, ווייל ער איז געוואָרן אונטערטעניק. דער גאָט פון ישראל, וואָס קאָן צאָרענען אויף די האַרטנעקיקע, באַלוינט אויך די אונטערטעניקע, און דעריבער וועט ער דאָס בייז נישט ברענגען אין אַחאָב'ס טעג. אָבער אין איינזאַמע נעכט האָט אַחאָב אויף זיין געלעגער געהערט דאָס זיפצן פון דעם טויטן נבות, וואָרום דערציילט האָט מען אים, אַז אויךביידע זין זיינע — קיש און ישמעאל, האָבן די וועכטער אין דער פינצטער דערהרגעט, אַז עס זאָל נישט זיין קיין איבערבלייב פונעם הויז פון דעם יזרעאלי, וואָס האָט ווידערשפּעניקט דעם מלך. נבות'ן און זיינע קינדער האָבן זיי אומגעבראַכט, אָבער דאָס געשריי פון זייער בלוט האָבן זיי נישט געקאָנט איינשטילן, וואָרום דאָס בלוט האָט געשריגן פון דער ערד.

און ווען אַחאָב האָט זיך געשטאַרקט, האָט ער געוואָלט דערפילן די צוויי הבטחות, וואָס ער האָט זיך געגעבן אין טאָג פון זיין יאוש: מינערן די מאַכט פון די צידונים אין פּאַלאַץ און פאַריאָגן די געפאַר פון אשור, וואָס זאַמלט דאָס חייל הינטער אַרם. אַחאָב האָט באַגערט מער געטריישאַפט ביי זיינע פירשטן און הויפּטלייט, און אויף דער עצה פון פּקחיהו'ן, האָט ער פאַר זיי געמאַכט פריילעכע מאָלצייטן. צוויי מאָל אין חודש האָט ער אָנגעטאָן און אויסגעטאָן די גאָלדענע קליידער. די מלכה האָט איינגעשטילט אירע געדונגענע אויפשטענדלער און פאַריאָגט פון איר הויז צדקיהו בן כנענה'ן, און אַחאָב האָט אויס דאַנקבאַרקייט געלאָזט קומען צו זיין טיש די צויבערלייט, די העלזעער און די גייסטבאַשווערער. ער האָט גערופן צו די מאָלצייטן די פעכטער פון די חתים, די קדשות און די שפּילווייבער. אַז זיינע שלאַכטמענער זאָלן נישט באַרויבט ווערן פון לוסט און פאַרגעניגן.

ווען די מאַלצייטן האָבן אים מיד געמאַכט, האָט ער געשיקט רופן איתמר׳ן אין זיין טראַנקאַמער און אים געפּרעגט וועגן דער קראַפט פון די קריגסמענער, פון די פוסגייער און וועגן דער צאָל רייטוועגענער אין פערד וואָס אין מגידו. דער מלך האָט געוואָלט, אַז צוגרייטן דאָס חייל קעגן אשור זאָל דער, וואָס האָט אים ביז היינט נצחונות געבראַכט. אַזוי ווי דער מאַן פון גלעד איז געשיקט געוואָרן אַראָפּצוברענגען די קללה אין לאַנד, אַזוי איז איתמר געקומען צו ברענגען נצחון און רום אין שומרון.

אָבער איתמר בן צוער האָט אין יענע טעג געהאַט איין גרויסן באַגער: ברענגען דעם געבונדענעם אָסף בן עודד צו די פיס פון מלך. ער האָט געשוואוירן נישט צו רוען ביז ער וועט דעם שונא פאַנגען. אַלע הענט זענען געווען געגנוג ריין אָנצוטאָן קייטן אויף דעם פאַרלענדער פון ישראל, און די ריינסטע הענט זענען געווען ביי נעמה׳ן. ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן פאַר אים צום ערשטן מאָל אין פּאַלאַץ און געזאָגט, אַז זי וויל דינען אין קעניגס הויז, האָט איתמר צו איר גערעדט: עס לעבט א שונא אויסער שומרון, וואָס אַזוינער איז נאָך נישט געווען אין קיין אנדער אָרט. פאַנג אים א לעבעדיקן!

נעמה איז געווען גליקלעך, וואָס דער ערשטער שלאַכטמאַן קומט מיט א פאַרלאַנג פון איר. נישט אַלע פאַרלאַנגען פון דעם קעניג האָט זי געקאָנט טון: דואג׳ן, דעם קנעכט פון דער מלכה, האָט זי נישט פאַרנאַרט, און צו זיין באַפעלער צדקיהו בן כנענה, האָט מען זי נישט צוגעלאָזט. א גאַנצן ווינטער האָט זי זיך געיאָגט נאָך זיי, און ווען דער זומער איז געקומען האָט זי געוואונען דעם משפּט איבער דעם כהן טלמון פון בית־אל ביים ריכטער בתואל. אין יענער צייט האָט אחאָב זיך איבערגעבעטן מיט איזבל׳ן, און ווייל נעמה האָט געוואוסט די ווערט פון איר שיינקייט, האָט זי ארויסגעקראָגן פאַר דעם קעניג די סודות פון די פירשטן פון צידון. איזבל, וואָס איז נאָכן טויט פון נבות׳ן געוואָרן ווייך צו אחאָב׳ן, האָט פאַרדעכטיק נאָכגעקוקט זיין געטרייע היטערין און זיך געפּרעגט: וואָס איז געשען מיט דער געהאַרכזאַמער וואָרזאָגערין, אַז זי האָט געהאַט דעם כוח צו פאַרטרייבן מיין כהן פון בית־אל? די מלכה האָט געוואָרט אויף נעמה׳ס ערשטן פאַלשן טריט. אויף תורתונא׳ן האָט זי געמעגט הייבן א בייטש, אָבער איבער נעמה׳ס קאָפּ האָט דער קעניג אַליין זיין גאָלדענעם צעפּטער געהאַלטן, וואָרום די טאָכטער פון פקחיהו׳ס ברודער איז זי.

נעמה האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין איר קאַמער אויף א טאָג און א נאַכט און זיך באַשוואוירן, אַז זי וועט פאַנגען פאַר איתמר׳ן זיין שונא א לעבעדיקן. דאָס וואָס זי האָט פאַרלוירן אין געיעג נאָך דואג׳ן, וועט זי געווינען אין געלויף נאָך אָסף בן עודד — אויף יעדער פרוי אין פּאַלאַץ וואַרט א נצחון. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז נאָך בן הדד׳ס פאַרלוירענער מלחמה איז אָסף אנטלאָפן פון אפק

און זיך אויסבאהאלטן אין די ווייטע שטעט פון יהודה. אהינצו האָט זי גע־וואָלט אָנקומען כאָפּן דעם פּאַראומגליקער פון ישראל. יעדן טאָג האָט אשבעל, איתמר׳ס קנעכט, איר דערציילט מער וועגן אָספּ׳ס פאַרדאַרבענע פּירונגען: א גרויזאַמער מאַן איז ער, וואָס האָט ליב בלוט אין די שלאַכטן; ער לעבט נאָך ווײַן פון א לאָגל, נאָך צויבערשפּיל פון מכשפים, אָבער צום פלאַמענדיקן לייב פון א פרוי איז ער קאַלט ווי א פעלז; תורתונא׳ן האָט ער דערהרגעט פון א טורעם, ווען זי, זיין געפאַנגענע האָט אים געקאָנט ברענגען פאַרגעניגן, און זיינע אייגענע קריגער האָט ער מיט א בייטש געשמיסן, אונטער די שווערדן פון דעם שונאס רייטער. אָספּ׳ס גרויזאַמקייטן האָבן נעמה׳ן נישט געשראָקן. דריי מאָל האָט א טאָכטער פון פלישתים געבונדן און איינגעשלעפּערט דעם ריז שמשון. ביז זי האָט אים געפאַנגען. זי וועט זיין שטאַרקער פון דלילה׳ן, די פרוי פון טאָל שורק, ווייל אין היז פון מלכים וואוינט זי.

גאַנצע דרייסיק טעג האָט זי אַרויסגעשיקט אויסשפּירער ביז עדולם, אשקלון און עקרון און זייערע טעכטערשטעט צו זוכן דאָס אָרט פון אָספּ׳ס באַהעלטעניש. אָבער די יונגען זענען צוריקגעקומען פון אַלע וועגן און געזאָגט: אין די היילן, ווי א נזיר פון גאָט, איז ער פאַרשוואונדן! נעמה האָט געבעטן ביי איתמר׳ן א פּאָר קעמלען מיט שפּייז און וואַסער און פיר רייטער מיט קייטן. איתמר האָט געוואָלט נאָכשיקן זיין קנעכט אשבעל, אָבער נעמה האָט געזאָגט: עס איז אומגערעכט, אז א קנעכט זאָל נעמען געפאַנגען א שלאַכטמאַן! און אשבעל איז געבליבן אין שומרון, און זי האָט זיך איבערגעטאָן אין קליידער פון א וואַנדערנדיקער פרוי און זיך אַרויסגעלאָזט אין ווייטן וועג, צו געפינען דעם אכזר.

זי איז דורכגעריטן טויערן פון שטעט און אָפענע מדבריות אָן צאַמען, ביז זי איז פאַרביי דאָס לאַנד ישראל, צום אָרט וואו עס הייבט זיך אָן דאָס לאַנד יהודה, און זי איז אָנגעקומען צו די חורבות פון א געצנהויז, וואָס רויביונגען האָבן פאַרברענט און אויסגעפּלינדערט. די אָפּגעקראַכענע ווענט זענען נאָך געווען באַדעקט מיט כישוף־צייכנס און בהמהשע קעפּ. פון א באַרג ברוכוואַרג האָט זיך אַרויסגעהויבן א געשפּאָלטענער זייל מיט אויסגעקאַרבטע פייגל און בלומען, ווי א זכר פון א געביי וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. עס האָט זיך אויסגעדאַכט די וואַנדערער, אז אין יענעם הייסן מדבר איז מער נישטאָ קיין אָטעם פון לעבן, און דער קאַראַוואַן האָט ווייטער געצויגן. אָבער אין יענער רגע האָט נעמה דערזען הינטער דעם זייל אָן עפענונג, וואָס פירט צו אָן אויסהויל אין דער ערד, און זי האָט פאַרשטאַנען, אז א געיאָגטער מענטש מוז דאָרט האָבן זיין וואוינאָרט. זי האָט אָפּגעוואַרט ביז צום סוף פון טאָג. אירע קעמלרייטער האָט זי געהייסן זיך באַהאַלטן הינטער די געדיכטע דערנער־

געוויקסן און אליין איז זי אַראָפּ דורך די זאמדיקע טרעפּ, ביז זי איז צוגעקומען צו א גרוב, וואָס איז געווען צו־גרויס פאר א קבר און צו־ענג פאר א מענטשנס וואוינאָרט.

אקעגן איר איז געקומען א שטארקער, באוואקסענער מאַן, אין א לייב־גארטל, מיט ביילן אויף די אָרעמס. צום ערשטן מאָל האָט זי אים דערזען דעם מאַן, וואָס האָט פריער געפירט די חיילות פון ישראל און היינט אנטלויפט ער פאר זייער צאָרן. זיינע אויגן האָבן געגליט און זיין באָרד איז געווען איינגע־וואקסן אין נאקן. דער גוף איז געווען ווי אַן אָפּגעברענטער קופּער, און ער האָט אויסגעזען ווי שמשון ביי די וויינגערטנער פון תמנה. ווען דער יונגער לייב איז אים אקעגנגעגאנגען מיט א געבריל. נעמה האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיין צאָרנדיקן פּנים און אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד.

— א דינסט, וואָס וואנדערט צווישן די שטעט בין איך, — האָט זי געזאָגט. — די נאכט איז צוגעפאלן און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי דיין טיר.

אָבער אָסף, וואָס האָט נישט געגלייבט די פאַרפירערישע צינגער פון וואנ־דערנדיקע מכשפות, האָט א געשריי געטון:

— וואָס פארלאנגט א דינסט אין דער הייל פון א פרעמדן מאַן?

— א געלעגער צו נעכטיקן בעט איך. ווען די זון וועט אויפגיין, וועל איך מיר גיין מיין וועג.

— אין א פארלאָזענער גרוב מיט א מאַן שטייסטו, דו אומפארשעמטע צווישן פרויען! — האָט זיין קול געברילט. — ביזטו פון יענע, וואָס פאר א ביסן ברויט און א בעכער וויין קומען זיי ליגן מיט די רויביונגען? אנטלויף, איי־דער איך וועל אויסקערן מיט דיינע האָר דעם שטויב אין מיין הייל!

און אָסף האָט אויפגעהויבן א פויסט צו שלאָגן די אומגעבעטענע, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין זיין באהעלטעניש. אָבער נעמה איז געווען ווייט פון יענער שרעק, וואָס מאכט אנטלויפן די שוואכע; זי איז טיפער אריין אין דער הייל. זי האָט אָנגעטרעטן אויף א בינטל צווייגן, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און געשטעלט א טריט נענטער צו אים און געפרעגט:

— פארוואָס צאָרנסטו, שטארקער מאַן? בין איך פון די, וואָס ווארפן־אָן א פּחד אויף דיר? דו ביזט איינזאַם און דיין הארץ איז ביטער. בלויז ביזן זונאויפגאנג לאָז מיך בלייבן און דערנאָך וועל איך מיר גיין אין מיין וועג.

— עס האָבן דאָ געוואָלט בלייבן קליגערע מכשפות פון דיר, און איך האָב זיי פארטריבן מיט חרפה.

און ער האָט זי א ריס געטון ביי דער האַנט און צוגעפירט צו דער עפע־נונג פון דער הייל און אריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן. דער שיין פון דער אויסגייענדיקער זון־פלאַמען איז געפאלן אויף אירע באַקן, וואָס זענען געווען

באַנעצט פון טרערן, און אַ רחמנות האָט פּלוצים ווייך געמאַכט דאָס שטיינער־נע האַרץ פון דעם גרויזאַמען מאַן. ער האָט אַ צעטומלטער זי אַ טרייסל געגעבן:

— ווער ביזטו, און ווי אַזוי האָסטו געפונען דעם וועג אַהער?

—אַ דינסט צו דיינע פיס בין איך היינט, נעמה הייס איך, און מער זאָלסטו מיך גאָרנישט פרעגן.

ער האָט געשוויגן און זיך אַרומגעקוקט מיט צערודערטע בליקן, ווי אַ־מ־געזעענע הענט וואָלטן אים פּלוצים אַריינגעשטעלט אין אַ שטייג, און אין נעמה'ן איז אויפגעגאַנגען די העזה פון שוואַכע, וואָס הייבן־אָן צו געוועלטיקן איבער שטאַרקע. זי האָט געפרעגט:

— און ווער ביזטו, געהיימער מאַן, דו, וואָס האָסט אויסגעקליבן אַ הייל פון עקדישן אָנשטאָט אַ הויז מיט ברענענדיקע פאַקלען? ווער ביזטו — אַ פּירשט, צי אַ קנעכט?

— איך בין אַן עמוני פון געבורט, אַ ישראלי פון גלויבן און אַ זיגער דורך גבורות — האָט ער געברומט.

— אַ קריגסמאַן?

— דו ווייסט ווער איך בין! —האָט ער אַ געשריי געטון.— אָסף בן עודד, דער פאַרהאַסטער ביים מלך פון ישראל און דער אַנטלאָפענער פאַרן קעניג פון אַרם! אַצינד זאָג, ווער האָט דיך געשיקט צו מיר?

— די נאַכט האָט מיך געבראַכט אַהער און דער זונאויפגאַנג וועט מיך אַרויספירן פון דאַנען.

— דו ביזט געקומען צו־שפּעט. איך האָב פאַרלוירן מיינע לעצטע קריגער און פאַרלאָזן בין איך אין מיין איינזאַמקייט.

— איז דען פאַרלאָזנקייט אַ צו־גרויסער פּרייז פאַר די נצחונות פון אַמאָל?

ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט פאַרטוישט זיין פּויסט אויף לויזע רייד. זי ווייס דעם סוד, און ער שטייט פאַר איר אָן ווידערשטאַנד. ווי אַזוי האָט אים אַזוי געשווינד שוואַך געמאַכט אַ יונגע מכשפה וואָס וואַנדערט אין מדבר? ער האָט זי אָנגעשראָקן, אָבער זי איז פריי פון פּחד. איז ער אַזוי אַלט געוואָרן, אַז זיין ווילן איז מער נישט אַזוי ווי אַ פעלז, ווי לאַנג וועט זי קאָנען אויס־האַלטן דעם צאָרן אין זיינע אויגן? ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען:

— דיין צונג רעדט פאַלשע רייד, אָבער איך וועל דיך נישט אַרויסטרייבן פון דער הייל. מיך אַליין האָט מען פאַרטריבן פון הייזער פון מלכים. די ווייסט ווער איך בין און דעריבער וועסטו מער נישט פאַרלאָזן די הייל — אַ געפאַנגענע ביי אָסף'ן וועסטו בלייבן; אַ געטרייע דינסט ביי אַ פאַרשטויסענעם קריגסמאַן. וואָרט מכשפה, דו וועסט וואַשן מיינע פיס!

ער איז אַריין טיפער אין הייל אַנצוצינדן דעם איינציקן פאַקל אין ווינקל;

און נעמה, וואָס האָט געהאַט איר ערשטן נצחון איבער דעם מאַן וואָס האָט פֿריִער באַגערט אַלע נצחונות פֿאַר זיך, האָט פֿון גליקזעליקייט זיך אַרויסגע־וויקלט פֿון אירע גרויע געוואַנטן און זי איז געבליבן שטיין אין דינע בלויע טולן, אַזוי בלוי ווי אירע אויגן. זיין וואָרענונג, אַז זי בלייבט זיין געפֿאַנגענע, האָט איר נישט געשראָקן. הינטער דער הייל, צווישן די דערנער־געוויקסן וואַרטן די קעמלטרייבער מיט קייטן. דער שוואַכער שיין פֿון דעם אַנגעצונדע־נעם פֿאַקל איז געפֿאַלן איבער איר ווייסן נאַקן ווי אַ צאַנקענדיקער שטראַל; אירע העלע בריסטן האָבן געבלענדט דורך די דינע געוועבן, און די רונדע היפֿטן האָבן אַרויסגעשפּאַרט פֿון די ענגע טולן מיט יענע פֿאַרבאַטענע פֿאַר־לאַנגען, וואָס פֿאַר זיי אַנטלויפֿט דער נזיר און דער שלאַכטמאַן. זי האָט גע־וואַרט אַז ער זאָל צוקומען און זען די, וואָס איז דורך אַ צויבער פֿון אַ מיאוסער דינסט אַ לוסטפֿרוי געוואָרן.

ער איז געשטאַנען פֿאַר איר און געקוקט ווי אויף אַ רעטעניש, וואָס צווי־בערלייט קאָנען נישט פֿאַרענטפֿערן. זיין האַרץ, וואָס האָט נאָך אַלע וואַנדע־רונגען געלעכצט נאָך רו, האָט אויפֿגעציטערט. די בייזע אויגן האָבן ווידער געגליט. אַלע באַגערן פֿון תאווה און זינד, פֿון ווייטאָג און טויט האָבן אויפֿ־געוואַכט. דאָס פֿייער פֿון פֿאַקל האָט אַצינד העלער באַלויכטן זיין ווילדע באָרד. ער האָט געקוקט איבער איר. דער בליק האָט זיך געהויבן העכער, הע־כער צו יענעם ווינקל, וואו ער האָט דערזען אַ נעץ פֿון טויזנט אויסגעשפּרייטע שפּינוועבסן. ער האָט געוואָלט רעדן, אָבער זיין צונג איז געווען שטום; ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן די הענט, אָבער זיינע פֿינגער זענען געווען געליימט.

נעמה, וואָס איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האָט דערזען ביי אָספּ׳ס גע־לעגער אַ געשאָכטענעם לאַם און אַ לאָגל וויין, און זי האָט געזאָגט:

— אַ מאָלצייט, זע איך, וואַרט אויף דיר. זעץ זיך אָספּ, און איך וועל וואַשן דיינע פֿיס.

און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני נעבן זיי געלעגער און אים לייכט געצויגן צו זיך; און ווי ער האָט דערשפּירט אויף זיין פֿלייש אירע ברי־ענדיקע פֿינגער, האָט דאָס בלוט אין אים אויפֿגעזאָטן, אַזוי ווי דאָס בלוט זידט אין די אָדערן פֿון די אָפּגעשיידטע, וואָס ווייסן נישט פֿון דעם ביישלאָף מיט אַ פֿרוי.

נעמה איז אַוועק ברענגען אַ קרוג וואַסער, און פֿאַר אָספּ׳ן איז געווען צו־לאַנג צו וואַרטן ביז זי וועט צוריקקומען. די צונג איז געווען דורשטיק נאָך וויין, אָבער דער הונגער נאָך איר לייב האָט אַרויסגעשריגן פֿון זיין בלוט. זיי־נע אויגן האָבן געוואַנדערט אַרום; די פֿאַרברענטע ליפּן האָבן געפּליסטערט אומפֿאַרשטענדלעכע רייד. נעמה איז איינגעשלונגען געוואָרן אין דער טונקל־

קייט, וואָס איז געוואָרן טיפער און גערדיכטער. צי איז זי געקומען אים אויס־לייזן, אָדער ברענגען זיין קאָפּ קיין שומרון? ווער איז היינט אזוי שטארק אין פּאַלאַץ צו פאַרלאַנגען נקמה אין אים? נישט איזבל וויל זיין בלוט, און דער קעניג איז אונטערטעניק צום ווילן פון דער מלכה. איתמר בן צוער! —האָט ער פּלוצים א ברום געטון,— זיין שונא פון שווערד! איתמר דער לייבנעק פון יהודה! צי האָט ער נאָך איין זונה צו אים געשיקט? די ערשטע האָט ער אראָפּגעשליידערט פון א טורעם, די צווייטע וועט ער דערשטיקן אויף זיין גע־לעגער נאָכן ביישלאָף מיט איר.

ער האָט זיך געוואָלט א הייב־טון פון געלעגער, אָבער דער מידער גוף האָט צוריק געצויגן צום געוואַנט; א שלאַפקייט האָט זיך אויסגעגאָסן איבער די ביינער, אויף די אויגן איז געפאַלן א דרימל, ווי ביי א יעגער וואָס קערט זיך אום צום סוף פון טאָג מיט א פולן פאַנג; די הענט און די פיס זענען געווען אין א שלימער. ווען נעמה איז צוריקגעקומען מיט דעם קרוג און געוואשן זיי־נע פיס, האָט ער דערפילט יענע זיסע דערשעפטקייט, אזוי ווי אירע פינגער וואָלטן מיט טייערע זאלבן געשמירט די אלטע וואונדן אויף זיין לייב. אלע לוסטן האָבן ווידער אויפגעוואכט, אָבער ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט מיט דעם באגער זי אריינצונעמען אין זיינע אָרעמס, האָט זי אים געהייסן אָנצינדן א פייער פון בראנדהעלצער און אָפּבראָטן דעם שעפּס. פון א בעטלערין ביי זיין טיר, איז זי געוואָרן א הארינטע וואָס באַפעלט, און דער אונטערטעניקער אָסף האָט די באַפעלן געהאָרכט.

זיי האָבן געגעסן דאָס פלייש און געטרונקען דעם וויין. ווען דער זאטער אָסף האָט אריינגענומען דעם לאָגל צווישן זיינע כּנִי, האָט זיין מויל גערעדט אומווירדיקע רייד.

פּלוצים איז ער ווי א אָפּגעבריטער אויפגעשפּרונגען און מיט די פיס גע־שטויסן אלץ וואָס איז אים געלעגן אין וועג און אָנגעהויבן לויפן איבער דער הייל אין א ראָד און געלאכט מיט א מוראדיקן געלעכטער, און דאָס געלעכטער איז געוואָרן העכער און העכער און געקלונגען אזוי ווי דער אויפשאַל פון א כּרומייט אין טויער פון שטאָט.

נעמה האָט זיך איינגעבויגן פון שרעק אויפן אָנבליק פון דעם ווילד־געוואָ־רענעם מאַן. די ביילן אויף זיינע ברוינע אָרעמס און אקסלען זענען געוואָרן אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן; זיין בויך האָט זיך אָנגעבלאָזן; די פלעכטן באָרד האָבן זיך געטרייסלט און די שווארצע אויגן אונטער די הארטע ברעמען האָבן געבליצט, ווען ער האָט ארויסגעכאַפּט פון לייבגאַרטל א לעדערנעם זעקל און דערמיט געטרייסלט איבער נעמה׳ס קאָפּ.

— נעם דאָס זילבער! —האָט ער געשריגן.— נעם עס, זונה פון שומרון!

הונדערט זילבערנע שקלים זענען דיינע, און דאָס איז מער ווי פֿיל עס קאָן באַצאָלן א וועכטער אין פאַלאַץ פאַרן קאָפּ פון א קריגער, וואָס האָט פאַרפירט מלכים. נאָך א וואָלף האָבן זיי דיך געשיקט און קיין לאָם וועסטו זיי צומאָל נישט ברענגען. נעם דאָס זילבער, זונה! וואָרום נישט דו, נאָר איך האָב היינט א פאַנג געגומען!

און זיין געלעכטער האָט נישט אויפגעהערט צו שאַלן, ווען ער האָט זי אריינגעכאַפּט אין זיינע הענט ווי אין א צוואַנג און ער האָט זי אויפגעהויבן אויף זיין געלעגער און אָראָפּגעריסן פון איר לייב די דינע געוואַנטן און געגאָסן אויף אירע פיס שענקלען וויין פון לאָגל, ביז נעמה האָט זיך באַפרייט פון צווישן זיינע האַרטע פינגער און א געשטאַרקטע מיט דעם כוח, וואָס באַפאַלט א געשלאָגענע אין דער לעצטער רגע פון סכנה, האָט זי זיך איינגעביסן אין די אָדערן פון זיין רעכטן געלענק. ער האָט ארויסגעלאָזט אַן אומגעהויערן געבריל און א דערשעפּטער אנידערגעפאַלן אויפן געוואַנט.

ער האָט דערנאָך גערוט און זי געהאַלטן אויף זיינע הענט ווי מען האַלט א ווארעמע פלאַטערנדיקע טויב.

— דיין קערפּער ציטערט, —האָט ער געברומט,— פאַר וועמען שרעקסטו זיך?

— זיבן טעג וואַנדערן צווישן שטעט פאַרטרייבן די רו פון א פרוי. איך האָב געזוכט טרייסט אין די אָרעמס פון א מאַן און דער ערשטער, וואָס איך האָב געפונען, האָט מיך געוואָלט פאַרשטויסן. ווי גוט איז מיר אצינד אין דיין שוים.

ער האָט זיך אריבערגעבויגן איבער איר און אריינגעלאָזט זיינע שטאַרקע ציין אין איר נאַקן. זי האָט געלאַכט מיט גליקזעליקייט און אויסגעשטרעקט צו זיינע ליפּן אירע ווייסע, ווארעמע פינגער.

— מיינע הענט זענען איידל, —האָט זי געפליסטערט,— זיי האָבן נאָך קיין מאָן קיין בייז נישט געטון.

ער האָט ביטער געלאַכט. אלע פאַרבאָרגענע פאַרדאַכטן האָבן אויפגעוואַכט, ווען ער האָט דערזען דעם לוסטיקן גלימער אין אירע אויגן, און ער האָט געזאָגט:

— מיט די איידעלע הענט וועסטו מאָרגן צומאַכן מיינע אויגן, און דערנאָך וועסטו רופן דיינע יונגען פון שומרון, זיי זאָלן מיך בינדן אין קייטן. אָבער מאָרגן וועל איך אויפשטיין ווי אַלייב. היט זיך, מכשפה!

אַנשטאָט זיך צו דערווייטערן פון אים אוים שרעק, האָט זי אָנגעשפּאַרט איר שטערן אויף זיין האָריק האַרץ. זיין האַלדז איז געווען פול מיט ברומעניש און אירע ליפּן האָבן לוסטיק געפליסטערט:

— בין איך דען אין דיינע אויגן איינע פון די פאלשע, וואס דו רעדסט צו מיר אזוינע רייד? און פארוואס ציטערסטו פאר דעם הויפטמאן פון פא־לאץ? ווי לאנג וועסטו זיך שרעקן פאר א פיינט, וואס האט דיך פארלוירן אין געיעג?

ער איז געווען מיד און זי האט געהאט זיינע שלעפערדיקע אויגן אויף זיך און געוואוסט, אז פון דעם שטארקן גוף זענען אויסגערונען אלע כוחות; איר געפאנגענער איז ער! דלילה האט אי׳ ריז געמוזט דריי מאל בינדן, און זי, נעמה, האט איר גיבור בייגעקומען אן שטריק. די היץ פון זיינע ארעמס האט נאך געברענט אויף איר האלב־אנטבלויזטן לייב, אבער דאס איז געווען דער גלי פון לעצטן פייער וואס האלט ביים אויסגיין. נאך א רגע און ער וועט זיין אוממעכטיק, אזוי ווי שמשון אן די פלעכטן האר.

זי האט זיך נישט ארויסגעריסן פון זיינע קנאכיקע הענט, נאר געגאסן פון דעם לאגל ווייך אויף זיינע ליפן. ער האט דעם וויין מער נישט געשלונגען, און זי האט אויפגעהערט צו גיסן, ביז ער איז געבליבן ליגן פאר איר ווי א געשאכ־טענער לאם, און זי איז אוועקגעלאפן צו די דערנער־געוויקסן רופן די קעמל־טרייבער מיט די קייטן.

יד

דער ערשטער וואָס האָט אריינגעשלעפּט דעם געבונדענעם אָסף אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ, איז געווען אשבעל. די תאווה נאָך נקמה פאַר זיין האָר האָט געברענט אין זיין בלוט, און דער העכסטער פון אלע זיינע באַגערן איז געווען צו ברענגען אָסף'ס קאָפּ אַנשטאָט דעם גאַנצן גוף. עס איז געווען נאַכט. די שטערן זענען נאָך געזעסן טיף אין הימל און דער קנעכט האָט געצויגן אָסף'ן ארויף ביים קאָפּ, ווי א פאַרוואונדעטע חיה. ביי יעדן קלונג פון די קייטן האָט זיין האַרץ האַסטיקער געקלאַפּט און די אָרעמס זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט מער קראַפט. נעמה, האָט נאָכן אָפּגעבן דעם פאַנג, זיך מער נישט באַוויזן. די קעמלטרייבער זענען אוועקגעריטן און ער איז געבליבן אליין מיט דעם נידער־טרעכטיקן, וואָס וועט באַלד לעקן דעם שטויב פון איתמר'ס פיס. אָבער ווי נאָר ער איז שטיין געבליבן אויף דער אויבערשטער טרעפּ, איז פון טויער ארויסגעקומען עובדיהו, דער שרה פון פּאַלאַץ און באַפוילן אין געאייל אריינ־צופירן דעם געבונדענעם אין א פערד־שטאַל וואָס אין הינטער־הויף, איידער די מלכה וועט זיך אויפוועקן און ארויסקומען אים שענקען דעם לעבן.

אין שטאַל האָט געוואַרט איתמר. ער איז אריין אין הויף דורכן לעצטן פאָדערהויז, אויסצומיידן דעם קעניגס וועכטער. די פערד האָט א קנעכט ארויסגעפירט, און פקחיהו, באַגלייט פון צוויי וועכטער, איז אָנגעקומען אָנ־זאָגן, אז דער מלך וועט זיך נישט פאַרזאַמען אין זיין שלאָפקאַמער, ווייל א געשווינדן משפט וועט ער ארויסגעבן אויף דעם פאַראומגליקער פון ישראל.

אָסף האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון די, וואָס זענען געשטאַנען איבער אים ווי בייזע תלינים. זייערע פּנימער זענען געווען פעלזן און זייערע הענט — אויסגעשטרעקטע שפּיזן. די וועכטער וואָס האָבן מיט פאַקלען באַ־לויכטן די שטאַל, און ער האָט געזען אין פקחיהו'ס אויגן די לוסט נאָך זיין בלוט. עובדיהו, דער באַרעמהאַרציקער ווי תמיד, האָט זיך געשטעלט הינטער א זייל, אָבער אין איתמר'ס האַרץ האָט געברענט א שנאָה, וואָס וועט אים דער־

טרינקען. אלע סכנות איז ער ביז היינט איבערגעקומען: ער איז אנטלאָפן פון בן הדד'ס שווערד און אריבערגעשפרונגען די געמארקן פון שומרון, אָבער די וועלט איז געווען צו־קליין ער זאָל זיך קאָנען אויסבאהאלטן פאר איתמר'ן; די אָרעמס פון זיין זונה האָבן אים געפאנגען.

איתמר האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף דעם געבונדענעם ווי אויף א קרעציקן. דער קנעכט איז געשטאנען הינטער זיין האָר און געוואוסט ווי גרויס עס איז זיין ווידערווילן צום געפאנגענעם. אין שווייגעניש זאָל דער נידערטרעכטיקער אומקומען —איז געווען איתמר'ס פארלאנג— און דער שטאָל איז צו־שיין צו ווערן זיין קבר. אלע פלוכן זענען שוין געוואָרפן אויף זיין קאָפּ, און דעם משפט פון טויט האָט ער אליין אויף זיך ארויסגעטראָגן, ווען ער איז געשטאנען אויף בן הדד'ס טורעם. איז דען פאראן איינער אין פאלאץ, וואָס וועט אוועקשטעלן דעם אומריינעם פאר געאכפערטע ריכטער? די שטיינער פון שומרון זענען צו־ריין מען זאָל זיי ווארפן אויף אים, און די הינט וועלן זיין געוונג דורשטיק צו לעקן זיין בלוט; א שטילן טויט אויפן מיסט פון די פערד וועט ער קריגן. און איתמר האָט מיט אומגעדולד געוואָרט אויף דעם קעניג.

דער קעניג איז אריינגעקומען מיט דעם גאנג פון א הערשער, וואָס האלט פרעמדע מלוכות ביי זיינע פיס. דער טונקעלער מאנטל האָט איינגעוויקלט זיין הויכע געשטאלט ווי אן ענגער פאנצער, און די רעכטע האנט האָט ער געהאלטן אויף זיין קורצער שווערד. צוויי וועכטער זענען פאָרויסגעלאָפן מיט אָנגעצונדענע פאקלען, און ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן צום ווינקל אויף דעם געבונדענעם קריגער, וואָס האָט אמאָל געפירט זיינע חיילות צום נצחון. ווי געשווינד פון אן אָדלער קאָן ווערן א ראָב, —האָט אחאָב געטראַכט—, און ער האָט מיט עקל געקוקט אויף דעם איינגעקנוילטן גוף.

אָסף האָט אויפגעהויבן די אויגן צום קעניג און געזען, אז דער מילדער אחאָב האָט נישט איבערגעלאָזט פאר אים קיין רחמנות אין זיין הארץ. דעם שונא פון זיין מלוכה, בן הדד'ן, האָט ער געשאָנקען דאָס לעבן, אָבער אים וועט ער דורכלעכערן מיט זיין אייגענעם שווערד. דער וויטאָג און די חרפה פון א פארמשפטן האָבן געברענט זיין גוף, אָבער זיין פנים איז געבליבן הארט ווי א קיזלשטיין. אויף מיינע הענט און פיס הענגען קייטן, —האָט ער געטראַכט, — אָבער מיין צונג האָבן זיי נישט אויסגעשניטן. א קלוגער צונג קאָן זיין שארפער פון א שווערד. א צעפלאמטער פון דער האָפענונג האָט ער געקלאפט זיין שטערן אין דער ערד און שטיל געזאָגט:

— ווי נידעריק זעט אויס דער הונט ביי דיינע פיס, קעניג.

— פארוואָס א הונט? א וואָרעם ביזטו! —האָט אחאָב אויסגערופן.

מיין שוואכסטער קנעכט, וועט נישט זיין גענוג שטאָלץ דיך צו צעטרעטן! באהאלט נישט דיין פּנים, אומריינער! פון מיין טיש האָסטו געגעסן און פון מיין בעכער האָסטו געטרונקען, און די מלכה האָט אויף דיר א קעניגלעכן פּאַנצער אָנגעטאָן!

— מיט דעם קעניגלעכן פּאַנצער האָב איך נצחונות געברענגט פאַר ישראל.

— האָט אָסף אונטערטעניק גערעדט.

— דו האָסט פאַרראַטן ישראל, וואָרום דו האָסט געמיינט, אז מיין מלוכה איז שוואַך געוואָרן!

— דעם פאַררעטער גערעדנקט מען און דעם זיגער פאַרגעסט מען. צי איז נישט פאַראַן קיין רחמנות אין פּאַלאַץ אויף א הויפּטמאַן, וואָס האָט אַמאָל שטויב געמאַכט פון דעם פיינטס פעסטונגען?

אַחאָב האָט זיך דערנענטערט צום געבונדענעם, אָבער איתמר האָט פריער געשטעלט א שריט פאָרויס און געזאָגט:

— עס איז געווען די חרפּה פון ישראל אָנצוטאָן א פּאַנצער אויף דיין האַרץ, דו, עמוני! באַטרוג איז אין דיין בלוט און א לעסטערער ביזטו אַרויס פון דיין מוטערס אינגעווייד! ווי ביליק פרעמדע מלכים האָבן געקאָנט דינגען דיין שווערד. שטעל דיך אויף די פיס, אומריינער, ווען דו בעטלסט ביים קעניג אויף דיין לעבן; אויף די פיס, אויב די קייטן האָבן דיר איבערגעלאָזט כוחות!

דער איינגעקנוילטער אָסף האָט זיך אונטערגעהויבן, אָבער א שטאַרקער שטויס פון איתמר'ס פוס האָט צוריקגעשליידערט דעם איינגעקאַרטשעטן גוף צו דער ערד. אשבעל, וואָס האָט מיט געטריישאַפט אויפגעקוקט אין זיין האַרס אויגן, האָט ווי אויף א שטומען באַפעל אים א צווייטן שטויס געטון מיט זיין פוס. די אויגן פון דעם געפאַנגענעם זענען פאַרלאָפן מיט בלוט; א שנאה האָט אין אים געפלאַקערט, אָבער די שנאה איז נישט געווען גענוג שטאַרק צו צעררייסן די קייטן און באַפרייען די הענט, וואָס האָבן באַגערט צו דערשטיקן איתמר'ן. אין זיין מוח האָט ווידער אויפגעבליצט: אויב מיין צונג זאָל נאָר קאָנען שלאָגן בעסער פון דער שווערד! און ער האָט גערעדט צום קעניג:

— איך קאָן ווידער דינען ישראל. אַרם ברענט נאָך מיט נקמה. אין אַפק איז נישט געווען די לעצטע מלחמה.

— דאָס ווייס יעדער ועכטער אויף מיין טורעם —האָט אַחאָב געזאָגט.

— די שטעט פון אַרם ליגן נישט אין שטויב, און בן הדד איז נאָך נישט געשלאָגן.

מיט חרפּה ביזטו אַנטלאָפן פון זיין שווערד.

די קעניגין איזבל

אסף האט זיך אצינד אויסגעצויגן אין שטויב, און א פארפלאמטער זיך געבעטן:

— איך האב ליב מיין קעניג, איך האב דיר ליב מער ווי זיך אליין. צו־ליב דיר, שטארקער מלך, האב איך געטריבן מיינע קריגער מיט דער בייטש, און איך בין געווארן דער אכזר איבער ישראל׳ס חיל, ווייל שטארקע שלאכט־מענער האב איך פון זיי געוואלט מאכן; און צוליב דיר, מלך, האב איך זיך געלאזט פאנגען דורך איינע פון דיינע דינסטן. געדענקסטו מיין נצחון אין עדולם, און ביי אשקלון? די שלאכטן, ווען איך האב דערשלאגן פלישתים און אויך מיינע ברידער, די שבטים פון עמון? פאר דיר, מיין קעניג, און פאר ישראל האב איך דאס געטון. פאר מיין הערשער האבן מיינע פיס געטרעטן איבער שלאנגען און עקדישן, און פאר דיר האב איך געפירט מיין חיל איבער הייסע זאמדן, וואו עס פרוכפערן זיך וואמפירן. איך בין געווען א קנעכט צו דער קרוין, אבער אן אנדערער, וואס איז געקומען אימווארפן די מלוכה, האט מיך פארשטויסן פון פאלאץ און געוואונטן דיין גנאד. און אט שטייט ער אי־בער מיר ווי א דערצארנטער אקס און ווי א הונגעריקער טיגער, גרייט צו טרינ־קען מיין בלוט. וואס איז געשען צום העכסטן הויז אין שומרון, אז מען גע־דענקט דארט מער נישט די גיבורים און מען רופט אהין די אומגעטרייע? אזוי ווי איך ליג אצינד אן אוממעכטיקער פאר דיר, אזוי וויל איך בלייבן נישט מער ווי א געשלאגענער דינער ביי דיינע פיס. באפריי מיך, קעניג, פון די קייטן און איך וועל אויסגעבן אלע סודות פון בן הדד׳ס הויף, און איך וועל דיך פירן אין די פעסטונגשטעט, וואו די פירשטן פון אשור זאמלען זייערע פערד, שווערדן און שילדן. און אויב דו געטרויעסט מיר נישט, מיין קעניג, ווייל איך זיין נישט מער ווי אן אויפזעער איבער דיינע אייזלקעלערן, אדער א יונג איבער דיינע פערדשטאלן, נאר היים אפבינדן די קייטן, מיין האר קעניג!

אחאב האט געשוויגן און איתמר האט זיך איינגעבויגן צו אים. אין זיינע אויגן איז געווען שפאט און פאראכטונג.

— זענען די אלע צוזאגן געגוג אויסצוקויפן דיין אומריין לעבן? — האט ער געפרעגט. — דו ביזט מיאוסער פון די הינט, וואס ווארטן ביי דער שטיינער־וואנט צו לעקן דאס בלוט פון די פגרים. דיין אטעם איז שרעקלעכער ווי דער ריח פון די שאקאלן. האסט זיך פארקויפט צו דעם, וואס שארפט אייביק די שווערד אויף ישראל, און דו ווערסט געטריבן פון אן אייביקן הונגער. אמאל ביזטו הונגעריק געווען נאך רום און נאך טויטע לייבער פון דיינע קריגער; — נאך וואס ביזטו היינט הונגעריק? נאך שפייז? נאך ווייז? נאך לויב? ניין. עס ברענגט אין דיר אזא הונגער, וואס דו וועסט מער נישט קאנען שטילן.

— דער הונגער נאך רחמנות.

און אָסף, וועלכער איז געלעגן א געשלאָגענער ביי די פיס פון קעניג, האָט נישט געקאָנט ווערן אונטערטעניק צו דעם, וואָס האָט אים געברענגט צום סוף פון זיין לעבן. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

— איך האָב ליב שפּייז, —האָט ער געריידט מיט א פארקרימט מויל,— איך האָב ליב וויין און לויב, אָבער איך בענק נישט נאָך רחמנות פון די פאַלשע, וואָס זענען געקומען הינטער מיר.

איתמר האָט געלאכט מיט א שטילן געלעכטער, ער האָט זיך טיפער אראָפּ־געבויגן צום געבונדענעם און געפרעגט:

— צו ביזטו אזוי שוואַך, אז דו קאָנסט נישט אויסטראָגן דעם ווייטאָג פון יאוש?

— איך קאָן אויסטראָגן אלע ווייטאָגן.

— און די חרפּה פון אָנמאכט?

— איך בין נישט געבליבן אָן כוחות.

— און דער פּחד פארן טויט?

ער האָט שארף געקוקט אויף דעם שווייגנדיקן אָסף. אויף זיינע ליפּן האָט געגליט א שפּאָט, אָבער דאָס הארץ איז געווען פול מיט ביטערקייט. דער געפאנגענער האָט זיך אונטערגעהויבן און אויסגעשטרעקט די געבונדענע הענט ווי ער וואָלט זיי וועלן אויסציען צו איתמר'ס לינקן קני און ארויסרייסן זיין שווערד און אין זיין לעצטער רגע זיך נוקם זיין פאר דער בושה, וואָס איז מורא־דיקער פון אלע ווייטאָגן פון גוף. אָבער עס איז אונטערגעלאָפן אשבעל און אים ווידער א שטויס געטון מיטן פוס איבערן פּנים, און זיין פּנים איז געזונקען צו דער ערד.

אין יענער רגע האָט דער קעניג זיך א קער געטון צו פּקחיהו'ן, וואָס האָט אים איינגערוימט צאַרנדיקע רייד און אויסגעשטרעקט זיינע קורצע, דיקע הענט אין דער לופט. עובדיהו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, א ציינן אז דער ראט־געבער איז גערעכט, און אחאָב האָט צוגערופן אשבעל'ן און די צוויי וועכטער.

— פירט אים ארויס צום טויט! —האָט ער באפוילן.— הרגעט אים מיט דער שווערד און באגראָבט אים הינטערן שטאָט!

אָבער פון יענער זייט וואנט האָט פּלוצים זיך געטראָגן דאָס גערויש פון איילנדיקע טריט. די טיר האָט אויפגעפּראלט און איזבל, איינגעהילט אין א שווארצן דעקטוך האָט זיך באוויזן. הינטער איר איז נאָכגעקומען א קיילעכ־דיקער, באוואקסענער מאַן. אָנשטאָט פארויסצולויפן פאר דער קעניגין, איז ער א געלאסענער איר נאָכגעגאנגען. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און פארלייגט די פיס אונטער זיך און אוועקגעשטעלט א קעסטל פון צעדערהאָלץ.

ביי דער מלכּה זענען די האָר געווען אָן דעם גאָלדענעם שטערנבאנד; אירע

אויגן האָבן געברענט ווי שטורקאַצן. נאָר צו איין מאן האָט זי אצינד געוואָלט רעדן רייד פון פאָרוואורף, אָבער דערנענטערט האָט זי זיך צו אַלעמען.

— נישט שוינען זיין לעבן בין איך געקומען, נאָר אים הרגענען, — האָט זי געזאָגט. — פארגעסן האָט מען מיך צו רופן צום טויט פון דעם, וואָס איז געווען א שילד פאר מיין קאָפּ און א בייטש פאר מיינע שקלאַפן. איך בין אליין געקומען. שיקט אים נישט צו דער שטיינער־וואנט און הרגעט אים נישט מיט דער שווערד — אזא טויט איז פאר די שוואכע. איך האָב א טרעגער פון סם געברענגט.

און זי האָט א ווינק געטון צו דעם באוואקסענעם מאן, וואָס האָט דריי מאָל זיך געבוקט פאר איר. ער איז געווען פעט, מיט קופּערנע רינגען אויף זיינע שיטערע אָרעמס. אויפן קאָפּ האָט ער געהאט א קראנץ מיט שטעכיקע גרינע בלעטער. זיין קורצע באָרד איז געווען איינגעקנוילט ארום האלדז. ער האָט לאנגזאם ארויפגעלייגט די הענט אויפן קעסטל פון צעדערהאָלץ און געקוקט צו דער מלכה.

— עפן! — האָט זי באַפוילן.

זי האָט געהאלטן אירע בליקן אויף דעם געהאָרכזאמען צויבערמאן. נאָר איין קנעכט וואָרט אצינד שטום אויף מיין באפעל, — האָט זי צו זיך גערעדט, — און דעם באפעל וועט ער טון פאר אלעמען אין די אויגן. אין א שטייג פון חרפּה קריכט דער געפאנגענער אויף אלע פיר, און אזא שטראָף פארדינט איטלעכער מאן, וואָס לייגט זיין שווערד צום בעט פון דעם קעניגס דינסט. דער שיין פון די פאקלען אין די הענט פון די וועכטער האָט באלויכטן איזבל'ס מיד פּנים און זי האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון דעם געבונדענעם, וואָס האָט געוואָרט זי זאָל קומען אויסקויפן זיין לעבן, אָבער טייטן וועט זי אים טויטן, וואָרן ער קאָן מער נישט דינען דער מלוכה אין שומרון. אָבער נישט קיין גרויזאם טויט זאָל ער האָבן, נאָר א טויט אָן פּיין, אָן בלוט. ער האָט זיך דאָך פריער געשלאָגן ווי א קריגסמאן און געשפּרייזט ווי א פירשט. דער שיינער, שטארקער קערפּער פון א שלאכטמאן טאָר קיינמאָל נישט אויסגעקרימט ווערן פון יסורים איידער ער גייט אראָפּ אין קבר, — האָט איזבל געזאָגט. — דעם בעסטן צויבערמאן פון די חיתים האָט זי נעכטן אריינגערופן אין איר קאמער, און ער האָט פריער געטויט פאר אירע אויגן דריי קנעכט מיט דריי פארשידענע שלאנגען. דער ערשטער איז געשטאָרבן אין אנגסטן, דער צווייטער האָט נישט געהאט קיין ווייטאָגן פון דעם ביס, אָבער ער האָט נאָך געלעבט ביז זונאונטערגאנג; די דריטע שלאנג איז געקומען ווי אן אויסלייזערין — פון איר ביס איז דער קנעכט איינגעשלאָפן און אויף זיין פּנים איז אויפגעגאנגען א גליקזעליקע רו. די געבענטשטע שלאנג ליגט אצינד אין דעם קעסטל.

און איזבל האָט געוואַרט ביז דער צויבערמאַן האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל. פונעם קעסטל איז ארויסגעשפּרונגען א קליינער שווארצער קאָפּ פון א שלאַנג. דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן העכער און העכער, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנשעפּן לופט אָדער געזוכט דאָס פלייש פון דעם קרבן. און דערנאָך האָט זיך נאָכגעצויגן דער גוף, וואָס איז געווען ברוין און געפלעקט מיט גרינע פינטעלעך. די שלאַנג האָט זיך שוין געהאַט ארויסגעוויקלט ביז צו דער העלפט, ווען דער צויבערמאַן האָט צוגערוקט דאָס קעסטל נענטער צום געבונדענעם. דאָס געשריי פון אָספּ'ן האָט ווי א כאָרכל פון א געשאָכטענעם אָקס אויפגעציטערט איבערן שטאָל, אָבער נישט דערוויטערט אים אויף איין שפּאַן פון טויט. דער פּאַרכטיקער עובדיהו האָט זיך אָפּגערוקט און פארשטעלט זיין פּנים, אָבער אין פּקחיהו'ס אויגן האָט געגליט לוסט און נצחון: אַזוי זאָלן זיי פארלוירן גיין! איתמר האָט זיך איבערגעקוקט מיט אחאָב'ן און זיינע ליפּן האָבן געפרעגט: פארוואָס איז דער מלך געצוואונגען צו זען די גסיסה פון דעם פאלשן?

די שלאַנג האָט העכער אויסגעצויגן דעם קאָפּ ווי דאָס הונגעריקע מויל פון א פארשטיקטער חיה; דער גוף האָט זיך געוויקלט און גערעדלט; די שפּיציקע אויגן האָבן געברענט מיט א גרינעם פייער. דער הייסער סם האָט געצישעט אויף דער צונג און פון דער צונג האָט דער סם ווי א שטראָם זיך געטראָגן צו אָספּ'ן, ביז די קלויע האָט זיך ווי א שפּיז איינגעביסן אין זיין נאַקן.

דער פארמשפּטער האָט אריינגענומען דעם סם אין זיין בלוט און ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן; און די הויט פון זיין פּנים האָט זיך איינגעצויגן נישט מיט יסורים, נאָר מיט א גליקזעליקער רו. אלץ איז פארביי. דער טויט האָט אויסגעלאָשן דעם לעצטן האס און די מלכה האָט געהאַט איר נצחון. בלויז ביים קנעכט אשבעל איז נאָך נישט שטום געווען די לעצטע קללה.

דער קעניג מיט איתמר'ן האָבן זיך געלאָזט גיין צום הינטער־הויף, און פּקחיהו איז אין געאייל זיי נאָכגעגאַנגען. אָבער דאָס געשריי פון איזבל'ן האָט זיי פארהאַלטן ביי דער שוועל.

— באַגראָבט אים הינטערן שטאָט, — האָט זי באַפוילן די קנעכט, — און לייגט אים מיט די פּיס צו שומרון!

ב ו ך ז י ב ן

דער קרוינטרעגער און דער נביא

א

שלמנאסר האט צעטראטן די קליינע מלכים אין צפון און זיך געריימט א וועג צו ארם, דורכצוגיין דאס לאנד ישראל און באזעצן אירע שטעט אין דער נידער און ביים ים־באך. דעמאלט האט אחאב געשיקט שליחים קיין קיר־דמשק און קיין צור און צידון, אז זייערע הערשער זאלן אינאיינעם מיט שומרון ארויס־גיין און צעשלאגן אונטערוועגס די חיילות פון אשור, וואס ווילן ברענגען א מבול פון פייער און בלוט, און די שוואכע קעניגרייכן פון צפון ליגן שוין ווי סטויגן היי פאר זייערע פיס.

עס איז פארביי דער ווינטער און עס האט זיך באוויזן דער פרילינג, און עס איז געקומען דער ווייצנשניט און די צייט פון שערן די וואל, אבער דער הערשער פון ארם האט מורא געהאט צו שליסן א נייעם בונד מיט ישראל און זיך נישט געאיילט צו זאמלען זיין חייל קעגן אשור. און אויך צור און צידון האבן נישט געזען די געפאר, וואס שפרייט זיך אויס ווי א שווארצער שאטן אויף זייערע ים־שטעט, ביז צום לאנד פון אמורו. און עס איז פארביי א צווייט יאר, און אחאב האט באפעסטיקט זיינע טורעמס און זיינע וואלמויערן, און ארום די גרענעץ־שטעט האט ער דורך די בעסטע מייסטערס אויסגעבויט נייע שוצוועגט און אויפגעהאנגען אויף זיי די פאנצערס און פיילן פון זיין פאטער עמרי, וואס האט אונטערטעניק געמאכט פרעמדע לענדער. עמרי׳ס וואפן האט געווארנט דעם הערשער פון אשור, ער זאל נישט טרייבן זיינע קריגסלייט צום לאנד פון ישראל, וואס איז באוואכט אין צפון און איז געשטארקט אין דרום. פיר יאר האט דער טוי און רעגן באפרוכפערט די פעלדער און רייף גע־מאכט די סעדער און ווייגשטאקן. די רו פון דער וועלט איז געווען אויסגע־גאסן אויף שומרון, ביז עס זענען באפאלן געווארן די ערשטע שטעט פון ארם, און דער דערשראקענער בן הדד האט אריינגעשיקט שליחים קיין שומרון אנזאגן, אז די שווערד פון אשור הענגט שוין איבער זיין טויער. אזוי ארום האבן די טעג פון רו זיך געענדיקט און עס האבן זיך אנגעהויבן די טעג פון מלחמה.

איידער אַחאָב האָט באַפוילן אַרויסצופירן זיינע קריגער אַנטקעגן שלמנאַסר, האָט ער גערופן די ראַטגעבער און געשיקט נאָך די אויסשפּירער זיך צו דער־וויסן, ווער עס איז דער נייער הערשער פון אשור, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ווי א שוואַרצע ראָב פון די ברעגן פון פרת און חדקל, און ער וויל צונעמען דאָס גאַנצע טרוקענע לאַנד און די ימים פאַר זיין קעניגרייך. אין דער קאַמער פון מגילות האָבן זיך איינגעזאַמלט די ראַטגעבער און שלאַכטמענער. עס איז גע־ווען אָוונט און דער שיין פון די קופּערנע איילאַמפּן איז געפאַלן אויף די קעפּ פון דעם קעניגס געטרייע. איינער פון די אויסשפּירער, וואָס האָט אויסגעוואַנ־דערט אין די מדבריות הינטער דעם ירדן, האָט מיט שרעק דערציילט, אַז שלמנאַסר פאַרטיליקט אַלץ אויף זיין וועג: די שוואַכע צעטרעט ער און די שטאַרקע מעקט ער אָפּ, און די, וואָס בלייבן לעבן פון זיין שווערד, באַהאַלטן זיך ווי די קראָטן און פלעדערמייז אונטער דער ערד. א צווייטער אויסשפּירער, וואָס האָט געקענט די יעוונוכן אין די הויפן פון פרעמדע מלכים, האָט גענעבן מער צייט ביי די ראַטגעבער. לאָזט זיך מיך דערוויסן ווי גרויס עס איז די צאָל פון זיינע קעמפסווייבער, — האָט ער געזאָגט, — און איך וועל אייך זאָגן ווי שטאַרק עס איז זיין אָרעם. א דריטער אויסשפּירער, מיט פלאַקערנדיקע אויגן און מיט איילבירטן־בלעטער אויף זיין קאָפּ, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א מכשף אויף די מערק פון אשור, האָט געזאָגט: שלמנאַסר איז שטאַרק, ווייל ער שלאָגט נישט צוויי פעלקער אויף איין מאָל. צו זיינע קריגספירער באַ־פעלט ער: צעשיידט די מלכים, שלאָגט איטלעכן באַזונדער, און זיי וועלן זיך שטעלן פאַר מיר ווי געבונדענע לעמער!

די רייד פון דעם דריטן אויסשפּירער האָבן געשטאַרקט דאָס האַרץ פון אַחאָב׳ן. א בונד מיט מלכים וועל איך שליסן! — האָט ער אויסגערופן, — און די קריגער פון שלמנאַסר וועלן אַליין ווערן די קראָטן און די פלעדערמייז וואָס אַנטלויפן פאַר דעם ליכט פון טאָג!

און ער האָט אַרויסגעשיקט אַלע ראַטגעבער. איבערגעלאָזט האָט ער נאָר איתמר׳ן און דעם דריטן אויסשפּירער מיט די פלאַקערנדיקע אויגן, אַז ער זאָל אים דערציילן אַלץ וואָס ער ווייס וועגן די פירונגען פון שלמנאַסר אין זיין פּאַ־לאַץ; די צייט פון זיין ליבשאַפט און שנאה, די צייט פון זיין פאַרברעכן און חרטה, די צייט פון זיין גבורה און פחד. דער אויסשפּירער האָט גערעדט לאַנג און היציק, און דער מלך פון ישראל האָט דערקענט דעם הערשער פון אשור דורך די רייד פון זיין בריענדיקער צונג.

שלמנאַסר, דער זון פון אשורנאַסירפּאַל, איז געווען שטאַרק און גלוסטיק; ער האָט ווייטער געפירט די מלחמות וואָס זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן, מיט א נצחון ביי פּדן־אַרם. ווען זיינע חיילות האָבן געצוט צווישן די שלאַכטן,

די קעניגין איזבל

האָט ער ליב געהאַט צו זען דעם געראַנגל פון די פויסטנשלעגער און די אָפּגע־האַקטע קעפּ פון פרויען. ער האָט גענומען צו זיך טעכטער פון געפאַנגענע מלכים און זיי פאַרשוועכט ווי שקלאַפינס. נישט צוליב דער לוסט פון אַ זכר האָט ער זיי געבראַנגט אין זיינע קאַמערן, נאָר צוליב מאַכט און גאווה. צוליב גאווה האָט ער גענומען פאַר קעבסווייבער די פרויען פון זיינע פיינט, וואָס זייערע שטעט האָט ער פאַרוויסט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געלייגט זיין שווערד צו זייער בעט. ער האָט גענומען מיט כבוד דאָס, וואָס עס קומט אַ קע־ניג אַ זיגער. ער האָט געשווינד זיך געזעטיקט מיט די פרויען און זיי אָפּגע־שיקט צו די תלינים, אַז זיי זאָלן צוריקברענגען זייערע קעפּ אויף גאָלדענע טעלערס.

ווען זיינע נצחונות זענען געוואָרן פיל, האָבן אַלע אונטערטעניקע מלכים צו אים געשיקט זייערע פרויען ווי אַ צינז, אַז ער זאָל זיי שענקען דאָס לעבן, אויסער איינער, חצרמות, אַ מדבר־הערשער ביי די אַראַבער הינטער חמת. דער הערשער מיט זיינע שבטים האָבן זיך געשלאָגן ווי לייבן, אָבער זיי זענען אריינ־געפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. האָט חצרמות געזאָגט צו זיינע מדבר־רייטער: מיין לאַנד האָט ער גענומען, מיינע הענט האָט ער געבונדן אין קייטן, אָבער אויף מיינע פרויען וועט ער קיין שמאַך נישט ברענגען! ווען מען האָט די ווי־דערשפּעניקע רייד געבראַנגט צו שלמנאסר'ן, האָט ער אין צאָרן אויסגערופן: צום ערשטן מאָל ווערט אַ הערשער אויף מיין וועג נישט אונטערטעניק צו מיר. איך וועל אים לאָזן לעבן, אָבער ער וועט מוזן צוזען ווי די שענסטע פון זיינע פרויען וועט וואַשן מיינע פיס ווי אַן אָרעמע דינסט, וואָרום אַ באַרימער איז ער פאַר מיר!

און ער האָט באַפוילן צו זיינע קנעכט: ברענגט זי אויף די קני, די שענס־טע פון זיינע קעבסווייבער, וואָרום איר קאָפּ טאָר קיינמאָל נישט גרייכן העכער פון מיין ריפּ! די קנעכט זענען אוועקגעריטן אין הויז פון דעם מדבר־הערשער, אָבער זיי האָבן דאָרט די שענסטע פרוי נישט געפונען, און אויך דער געפאַנגע־נער חצרמות מיט די שטאַרקסטע רייטער פון זיין שבט זענען אַנטרונען; זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די קייטן און זענען אריין טיפער אין וויסטן לאַנד, צו זאַמלען אַ נייע מחנה פון בונט. ער איז דער אָדלער פון מדבר, —האָבן די נאָכ־יאָגער דערציילט שלמנאסר'ן,— ער רייט אויף אַ כישוף־פערד. אין פרימאָרגן עסט ער זיינע טייטלען אין ארנב און אין אָוונט עסט ער זיין מאָלצייט אין קיר־דמשק.

אין יענעם טאָג האָט שלמנאסר אָפּגעשטעלט זיין חייל ביי דעם פרייען לאַנד הינטער קרקר און געהייסן אויפשלאָגן די געצעלטן, און צו זיינע פירשטן האָט ער געזאָגט: איך וועל וואַרטן אויף אים. יעדער מדבר־הערשער קומט

צוריק צום לאַנד אָן צוימען. ער גענוועלטיקט אין דער דאָזיקער וויסטעניש. מיט אים וועל איך איינגעמען אָן בלוט דאָס לאַנד פֿון באַרג און דאָס לאַנד פֿון טאָל!

און דער דריטער אויסשפּירער האָט דערציילט דעם מלך פֿון ישראל, אַז שוין אַ לאַנגע צייט ווי שלמנאַסר׳ס קריגסלייט לאַגערן בײַם גרויסן מדבר הינ־טער קרקר.

און ווען אַחאָב האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס דער אויסשפּירער האָט דער־ציילט וועגן שלמנאַסר׳ן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן צו איתמר׳ן: ביי קרקר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ מדבר־הערשער, און ביי קרקר וועט ער פאַרלירן די מלחמה! און אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין דעם קעניגס אויגן, וואָרום ער האָט געוואוסט: מיט צוויי מלכים וועט ער שליסן אַ נייעם בונד און דער, וואָס זיצט אין די הויכקייטן, וועט אים פירן איבערן לאַנגן מדבר, ער זאָל בײַקומען דעם גרויזאַמען פיינט, וואָס וויל איינגעמען דאָס לאַנד פון באַרג און דאָס לאַנד פון טאָל.

ב

אויפן צווייטן טאָג האָט אַחאָב באַנייט דעם בונד מיט צור און צידון, און אויפן דריטן טאָג איז דער קעניג פון אַרם אַרויסגעריטן פון אַפק און געוואַרט הינטערן שטאָט אויף דעם הערשער פון ישראל. אָבער אַחאָב האָט פאַרויס געשיקט זיין פעלדהאַר אלקנה השמעי, אַזוי ווי עס טוט איין קעניג, וואָס גע־טרויט נישט א צווייטן קעניג.

בן הדד האָט באַגעגנט אלקנה השמעי אויפן וועג וואו זיינע קריגער האָבן געלאַגערט. ער איז א פרייליכער אַראָפּ פון זיין פערד און צו אים געזאָגט: דיין מלך טאָר מער נישט הייבן זיין שווערד אויף מיר און אויף מיינע פאַר־בינדעטע!

ער האָט אים אַרומגענומען און אים אַריינגעפירט אין זיין געצעלט, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס א באַרג. ווען דער קעניג פון ישראל מיט זיינע רייטער זענען אָנגעקומען, האָבן ביידע מלכים אין געאייל געשלאָסן דעם בונד מיט געשאָכטענע ווידערס. בן הדד׳ס קנעכט האָבן אויסגעשפּרייט אין זאַמד גע־שטיקטע געוואַנטן אין פאַרהאַנגען, געדרייטע פון ליינענטוך, און געברענגט געבראָטענע פליישן. אָבער אַחאָב איז צוריק אַריין אין זיין רייטוואָגן און גע־האַלטן די נאַקעטע שווערד מיט דעם שפּיץ, איינגעטונקענע אין בלוט פון די ווידערס. ער האָט געטון א לעצטן קוק אויף דעם הינטערליסטיקן קעניג פון אַרם, וואָס זיין לעבן האָט ער אים פריער געשאָנקען פאַר פאַלשע צוזאָגן, און צו זיך גערעדט: אויב ווידער וועט ער פאַרראַטן, וועל איך מיט דער דאָזיקער שווערד פאַרלענדן זיין חייל. בן הדד האָט נישט געהערט דאָס קול פון אַחאַב׳ס האַרץ, אָבער אויף זיין גליענדיקער צונג האָט געברענט אן ענטפער: עס וועלן שטענדיק זיין קריגער צו טראָגן וואָפן און עס וועלן שטענדיק זיין מלחמות צו געווינען!

נאָכן זונאונטערגאַנג איז אַחאָב אָנגעקומען אין דער שטאָט קדש, ביים נ־

דעריקן אויסגוס פֿון ירדן, דאָרט וואו עס ליפֿט דער וועג צו חצור און מרום. דאָס פֿייער פֿון שקיעה האָט נאָך געברענט אין מערב. דער אָפּשיין פֿון די פּלאַ־מען האָט באַלויכטן דעם גרינעם ערד־אויסשיט, וואָס האָט זיך געקאָלערט באַרג־אַראָפּ. פֿונעם רייטוואָגן האָט אחאָב געקוקט אויף דעם גרויסן ברייטן שטראָם, וואָס צעטיילט דאָס לאַנד, און אויף זיינע ליפּן איז געווען א געבעט: גאָט פֿון ישראל, טייל אָפּ דאָס דאַזיקע וואַסער פֿאַר מיינע חיילות, אַזוי ווי דו האָסט געטון פֿאַר משה'ן ביים ים־סוף. מאַך א טריקעניש פֿאַר זיי דורכצוגיין, און פֿאַר אונדזערע פֿיינט זאָלסטו פֿאַרשפּאַרן דעם וועג מיט פֿייער! דאָס געבעט אויף נצחון איז געווען נישט נאָר אין דעם מלכ'ס האַרץ, נאָר אויך אין די הערצער פֿון גאַנצן פֿאָלק. עס האָט געבעטן דער שלאַכטמאַן פֿאַר רום און די מאַמע — פֿאַר דעם לעבן פֿון איר זין, ווייל ישראל איז דאָס מאָל פֿאַרויס־געגאַנגען שלאָגן דעם שונא, איידער ער לאָזט זיך אַראָפּ ווי א הייזשעריק אי־בערן לאַנד. דעם גרעסטן פּחד האָט געהאַט דער שניטער אין פֿעלד און אין סאַד, וואָרום זיין ריינע תּפֿילה צו גאָט איז געווען: זאָלסט שוינען מיין הויז, אַלמעכטיקער, און זאָלסט היטן דאָס אָרט, וואו די ערד איז מיין און די גע־וויקסן זענען מיינע!

יצהר בן רעואל, וואָס האָט געלערנט אין פּאַלאַץ מיט די פּרינצן פֿון שומ־רון, האָט געהאַט אין זיין האַרץ די זעלבע תּפֿילה ווי דער אַלמער לערער אלישמע און זיינע סופֿרים, וואָרום ער האָט געבעטן ביים אַלמעכטיקן: שטאַרק ישראל נאָך אין דער איינער מלחמה, גאָט, און דערנאָך גיב דיין פּחד אויף אַלע דיינע ווערק און דיין אימה אויף אַלץ וואָס דו האָסט באַשאַפֿן, אַז די קריגער זאָלן נישט חרובֿ מאַכן דיין וועלט, אַלמעכטיקער. צווינג די הערשער צו טון דיין ווילן, וואָרום דעם בונד פֿון פֿעלקער היטן נישט די מלכים, אָבער דיין בונד זאָלן זיי פֿאַרקניפּן אויף אייביק!

יענע נאַכט איז דער קעניג פֿון ישראל ווינציק געשלאָפֿן אין זיין געצעלט, און ביים ערשטן ליכט פֿון טאָג איז ער אינאיינעם מיט פּקחיהו'ן אַרויסגעריטן צו דער לעצטער פֿעסטונג הינטער חצור, צו זען ווי זיין באַליבטער בוימייסטער פֿון צידון לייגט־אַרויף די העכסטע טורעם־שטיינער אויף דער פֿאָדערשטער וואַלמויער. פּקחיהו איז געבליבן אונטן מיט די פֿערד און אחאָב איז אַרייף ביז צו דער העכסטער שווינדלטרעפּ. ער האָט געטראָפֿן דעם בוימייסטער ימשי שטיין אויף א לייטער ביים גזימס און מאָלן אן אָפּבילד. דער בוימייסטער איז געווען פֿעט און קורץ, איינגעהילט אין א רויט־געשטרייפֿטן קיטל, ווי נאָך א באָד, און דער פּרימאָרגן־ווינט האָט צעבלאָזן זיינע פֿאַלדן. אויפֿן האַלדז האָט ער געטראָגן א שנור מיט העקעלעך פֿון גאָלד. זיין שפּיציקער קאָפּ איז געווען אָן איין האָר, נאָר די געלע באָרד איז געווען געלאָקט און גערעדלט, ווי ביי

איינעם פון קעניגס צינזהארן. ימשי האט באצירט די שטעט פון ישראל אין ליב געהאט צו רעדן מיט דעם קעניג וועגן ענינים פון מלוכה און וועגן בוי פון דענקמעלער. ער האט זיך שטארק געוואונדערט וואס דער מלך איז געקומען צו אים א פארזארגטער אין פרימארגן.

— די שטאט שטייט אין אפענעם לאנד, אבער זי איז איינגעוויקלט אין טויזנט פאנצערס, —האט ימשי געוואלט רעדן ווערטער פון טרייסט צום קעניג,— חצור איז דער פעלז פון ישראל!

אבער אחאב'ן איז נישט וואוילגעפעלן דאס וואס איז געווען גוט אין די אויגן פון זיין בוימייסטער; ער האט געפרעגט:

— איז דאס א טעמפל צי א פארשלאסענער טויער צו מיין שטאט? פאר־וואס מאלסטו אן אפבילד אויף דעם גזימס פון א וואנט, וואס שיצן דארף זי אונדז פון דעם פיינטס פיילן?

ימשי איז אראפ פון לייטער. זיינע ליפן האבן מיט שפאט זיך געבלעזלט און זיינע אויגן האבן געלאכט. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט, פאר־שמירט פון ליים, צו דער אונטערשטער מויער.

— זעסט די גלייכע וואנט, קעניג? —האט ער געפרעגט.— דאס איז א קאלטער שטיין, אן זאמען פון לעבן. צי האט דער קעניג מיך אהער גערופן פון מיין לאנד צו ווערן דא א מויערער פון שטרויציגל? מיין מלכ'ס פעסטונגען אין צידון זענען ווי טעמפלען און זיינע שוצמויערן — ווי דענקמעלער.

אחאב האט זיך אפגעקערט און איז צוגעגאנגען צו די צוויי זיילן ביים אנבויג אין אראפגעקוקט פון דער מויער אויף דער שטאט. די וועלט האט זיך געוועקט און דער ליכטיקער טאג איז אויפגעגאנגען. אין טאל וואס הינטער די הויכע פעסטונגען, איז געווען אויסגעשפרייט דער לאגער פון דעם חייל; אויף די בערגלעך, באדעקטע מיט געוויקסן, האט זיך שוין געהערט דאס גערויש פון בוי־ארבעט. עס זענען אנגעקומען ציגלקנעטער און שמידן, האלצהעקער און שטריקציער. איבער אן אפגרונט איז אריבערגעווארפן געווארן א בריק פון האלץ און שטיין. קנעכט האבן אנגעשלאגן געצעלטן און אויפגעשטעלט שטאלן פאר רייטער און פערד, וואס האבן געצויגן פון בית־חורון, עפרה און תענך. ווער וועט פארטיליקן אזא שטאט? —האט אחאב א הייטערער זיך אליין גע־פרעגט. דאס גערודער אין טאל האט אים געמונטערט אין ער האט זיך ווידער אויסגעדרייט צום בוימייסטער. ער האט לאנג געקוקט אויף די ארומגעשניצטע שטיינער אונטערן גזימס, וואו עס זענען געווען אויסגעקריצט פיגורן פון פייגל און קעפ פון בהמות. פון צידון האב איך פארלאנגט בוייער פון שטארקע טור־רעמס, אבער געשיקט האבן זיי מיר געווערק־מייסטערס מיט איידעלע הענט — האט אחאב געטראכט. ער האט נאך נישט געהאט געעפנט די ליפן, ווי ימשי

האָט זיך געשטעלט הינטער זיין אַקסל און געוויזן מיט דער האַנט אויף די אויסקריצונגען.

— דאָס איז א געזאַנג אין לויב — האָט ער איינגערוימט אַחאָב'ן. אַחאָב האָט זיך צעלאַכט.

— א געזאַנג פון לויב האָסטו געזאָגט? זע, אז דאָס געזאַנג זאָל זיין אין די העלדזער פון מיינע קריגסלייט נאָך דער שלאַכט.

די זון אין מזרח האָט צעריסן די שיטערע גרויע וואָלקענדלעך, דאָס ליכט אין הימל איז געוואָרן העלער און עס איז געווען די צייט פאַר ימשי'ן צו פאַר־בייסן דעם ערשטן מאָלצייט. ער האָט אוועקגעלייגט דאָס קריצמעסער און די ביינערנע שאָל מיט ליים און געוואַשן די הענט, דערנאָך האָט ער אונטערגע־שטעלט צוויי פוסגעשטעלן, פאַר זיך און פאַרן קעניג. ער האָט געטרונקען פון ווייַן און אָפּגעשיילט די געלבלעך־גאָלדענע הויט פון דער פרוכט, און געלאָסן געזאָגט:

— אין אַלץ איז דאָ דער פורעם פון גאָט, קעניג. זעסט די גערעדלטע שאָל פון דעם גאָלדענעם עפּל? דאָס איז אזוי ווי דאָס איינגעוויקלטע לייב פון א קינד, וואָס איז נאָך נישט ארויס פון דער מוטערס אינגעווייד.

און ימשי האָט אין הארצן געלאַכט פון די, וואָס הערן נישט דעם אָטעם פון שטיין, דעם ווייטאָג פון א צעשניטענער פרוכט און די שיינע שפּראַך פון אן אָפּבילד.

ווען אַחאָב האָט גערעדט מיט דעם בוימייסטער, האָט איתמר זיך געטראָגן אויף זיין פערד צו דער פעסטונג. ער איז שוין דורכגעריטן דאָס באַרגיקע לאַנד פון קדש און איז אראָפּגעקומען אין טאָל. פון דער ווייטנס האָט ער געזען די ברעגן פון ירדן און די געדיכטע וואַסער־פּלאַנצן פון הינטן. די זון אין מזרח האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם קילן טייך און געוואַרעמט די שפּיצן פון די פעלזן. ער האָט דערקענט די קופּערנע קיווערס און שפּיזן פון זיינע רייטער, וואָס האָבן געצויגן שורהוויז הינטער דעם לאַגער פון די געצעלטן; און אלקנה השמעי, וואָס איז דערהויבן געוואָרן ווי אן עלטסטער איבער די רייטוועגענער, האָט געציילט זייערע הויפּטלייט. איתמר'ס פערד איז געפלויגן איבער דעם פלאַכלאַנד און מחשבות האָבן אים נאָכגעפּלאָטערט ווי פייגל; דער מוח איז געווען קלאָר, אָבער אין הארץ איז נישט געווען קיין רו. פון די דריי פעלקער, וואָס גייען אינאיינעם ארויס אין מלחמה אויף אשור, איז אַרם פול מיט שמאַך. אָבער צי זענען דען די הענט פון מלך פון ישראל ריין? אין פּאַלאַץ איז רואיק, אָבער עס זאַמלט זיך א גרויסע מחנה ווידערשפּעניקע הינטער דעם נזיר יונדב בן רכב. אַלע, וואָס זייערע הערצער זענען שטאַרק און זייער ווילן אָן פּחד, קומען צו יונדב'ן, און זייער קאָפּ איז אבשלום, א קרוב פון נבות'ן, וואָס איז

געקומען פון מחנים און געשוואוירן אויסצולייזן דאָס פאַרגאָסענע בלוט אין יזרעאל. אַלע באַרויבטע און שוואַכע ווערן היינט שטאַרק ווי לייבן. מיט דריי טעג פריער, ביים זונאונטערגאַנג, האָט אבשלום אים אָפּגעוואָרט פאַרן טויער פון פּאַלאַץ. ער איז געווען באַוואַקסן ווי אַ מאַן פון אַ הייל; זיין גוף איז געווען אויסגעצערט, אָבער ער האָט ווי אַ לייב געשריגן: דו האָסט געזען די רציחה פון מיין פעטער נבות דעם יזרעאלי און דו האָסט געשוויגן, איתמר בן צוער! ביזטו דען נישט אַליין געקומען אין שומרון צו נעמען נקמה פאַר דעם בלוט פון די גערעכטע? דו האָסט נישט גענוצט דיין גבורה און דיין ליבשאַפט ביים מלך, כדי צו פאַרמיידן זיין טויט! וויינטן האָט אַחאָב פאַרזייט און שטורעם וועט ער שניידן!

און ווען איתמר האָט געהערט די דאָזיקע רייד, איז זיין פּנים באַדעקט געוואָרן מיט בושה. און אַשבעל, וואָס האָט אונטערגעהערט, האָט געפרעגט, צי ער מעג אומברענגען דעם מאַן, וואָס רעדט אַזוי צו זיין האַר. אָבער איתמר האָט מיט צאָרן געוואָרנט: אויב געשען וועט אַן אומגליק צו אים, וועסטו אים נישט איבערלעבן אַ טאָג מיט אַ נאַכט! און עס האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ פאַרלאַנג אַוועקצורייטן צום קעניג, איידער דאָס חייל גייט אַרויס, און אים דערציילן אַלץ וועגן דעם לעבעדיקן קרוב פון נבות, וואָס האָט געשטאַרקט די מחנה פון יונדב בן רכב. איין טרייסט איז דאָ פאַר די פאַרביטערטע און פאַרטריבענע — זיי זאָלן היינט שליסן שלום מיט דעם מלך און אַרויסגיין שלאָגן אשור. די ליבשאַפט צו ישראל וועט ביי זיי אָפּמעקן די שנאה צום פּאַלאַץ. איתמר׳ס פערד איז שוין אַריבערגעשפּרונגען אַלע היגלען און זיך דערנענטערט צו די פעסטונגען פון חצור.

נאָך איין זאָרג האָט דער שלאַכטמאַן געהאַט: צו היטן דאָס חייל פון בן הדד׳ן. ישראל׳ס קריגער וועלן מוזן שטיין הינטערן רוקן פון די אַרמים. וועלן זיי פון פּחד אַנטלויפן — וועט אשור זיי פאַרטיליקן; וועלן זיי ברעכן דעם בונד און אויפהייבן זייערע שווערדן אויף שומרון — וועט ישראל׳ס חייל זיי אָפּמעקן. נישט באַגלויבט זענען די אַרמים, פון דעם מלך אויפן טורעם ביז צום וועכטער אין אונטערשטן טויער. אַפק איז חרוב געוואָרן, אָבער די שוועלן פון קיר־דמשק זענען באַגאָסן מיט בלוט. פאָטערס האָבן אויסגעהרגעט זייערע זין, ברידער האָבן פאַרלענדט שוועסטער און פירשטן האָבן פאַרטיליקט זייערע פעלדהאַרן צוליב מאַכט און רויב. איין געזעץ איז גילטיק אין הויז פון אַרם׳ס מלכים: ווער עס דערטרינקט נישט יענעם אין בלוט, ווערט אַליין דערטרונקען.

דער קעניג האָט אויפגענומען איתמר׳ן אויפן טורעם. ער האָט געזעצן טרויער אין זיינע אויגן, און איז אַ מונטערער אים אַקעגנגעגאַנגען.

— אויף דער העכסטער פעסטונג אין חצור שטייסטו, איתמר! — האָט ער געזאָגט — און חצור איז היינט דער פעלז פון ישראל. זענען אַלע הינטער מיר?

— דאָס גאַנצע פאָלק אויסער די מענער פון יונדב בן רכב.

פון אחאָב׳ס פּנים איז אַראָפּ די פרייד און אַ וואָלקן פון זאָרג האָט אַרויס־געקוקט פון די אויגן. ער האָט אַ פאַרטראַכטער אַראָפּגעקוקט צו דער שטאָט צופוסנס, און אַ געשריי געטון:

— די מענער פון יונדב בן רכב! אויב הינטערן שטאָט זענען זיי, אין געפאַנגענשאַפט זאָלסטו זיי נעמען! אויב אין שומרון לויערן זיי — גיב זיי איבער צו אמון, דעם תפיסה־האַר, ביז איך וועל צוריקקומען און אויפהענגען די קעפּ פון די פירשטן פון אשור אויף דעם דאָזיקן מויער!

איתמר האָט געהאַט אַן אָנגעלאָדן האַרץ, אָבער אחאָב איז נישט גרייט געווען צו הערן היינט וועגן די ווידערשפּעניקע; ער האָט הויך געלאַכט, דער־נאָך אַרויפגעלייגט דעם אָרעם אויפן אַקסל פון דעם בוימייסטער און געזאָגט צו זיין שלאַכטמאַן:

— נישט אַלע ווילדע מאָלן זייערע פּנימער מיט פעדערן פון אַן אָדלער. דאָס חייל וואַרט אויף דיר, איתמר!

איתמר איז אַראָפּ פון טורעם, און די מונטערקייט האָט זיך אָפּגעטון פון מלך, וואָרום אין דעם טאָג פון זיין זיכערקייט האָט מען אים דערמאָנט, אַז נאָך איין מחנה מיט ווידערשפּעניקע איז געבליבן אין לאַנד. פּלוצים האָט ער דער־הערט אַ געשאַל אונטן, אין שטאָט. דער אויפשאַל פון די טרומייטן האָט זיך אויפגעהויבן ביז צום טורעם און אַראָפּגעטריבן דעם מלך צוויי טרעפּ נידעריי־קער. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער באַפעסטיקטער שטאָט און געוואוסט צוליב וואָס דאָס גערויש איז געקומען. די אַרמיס שלאָגן דאָס חייל פון אשור און איתמר רופט שוין הינטער זיך זיינע מחנות. אחאָב האָט געזוכט פּקחיהו׳ן. זיין ערשטער געטרייער האָט שוין געהאַט גרייט פאַר דעם קעניג דאָס פערד מיט אַ קנעכט.

ווען אחאָב איז געריטן פאָרויס, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די הויכע פעסטונגען, דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פּקחיהו׳ן און געזאָגט מיט אַ הילכיק קול:

— אַליין וועל איך היינט אַרויסגיין זען ווי שלמנאסר׳ס רייטוועגנער ווערן פאַרלענדט ביי מיינע פעסטונגען. אַ מלחמה האָט ער אויף מיר אַרויפ־געצוואונגען און עס וועט זיין נצחון פאַר ישראל און אומקום פאַר אשור! אַליין וועל איך היינט אַרויסגיין הערן די זיפצן פון זיינע געפאַנגענע און ציילן פּגרים פון זיינע טויטע!

ג

די שלאכטן האָבן אויסגעבראָכן פריער ווי שלמנאסר האָט זיך געריכט, און דער ערשטער נצחון פון די אַרמים איז געווען גרעסער ווי בן הדד האָט געשאצט. חזאל, דער הויפּטמאַן פון אַרם, האָט אַריינגעשיקט זיינע פוסגייער און רייטער אין מדבר, וואָס צווישן דעם בארגשפּיץ שניר און לבנון, און די אַרמים האָט ארומגערינגלט דריי הונדערט רייטוועגענער וואָס האָבן באוואכט דאָס וויסטע לאנד. איתמר בן צוער האָט געלאַגערט מיט א העלפט פון זיין חייל ביים לינקן איינבויג פון ירדן, וואָרום ווייט איז נאָך געווען דער שונא פון זיין לאנד, און די צורים און צידונים זענען אויך ארויפגעקומען פון די ים־שטעט.

עס איז געווען נאָך שניטצייט, און די וואסערן פון ירדן האָבן זיך אריבערגעגאָסן פון ביידע ברעגן. אין דער פינצטערניש פון דער נאכט האָבן די אַרמים אויסגעגראָבן לאנגע, טיפע גראָבנס הינטער די רייטוועגענער פון אַשור, אז די קריגער פון פיינט זאָלן דאָרט אריינפאלן ווי אין קברים. צומאָרגנס, ווען די זון איז אויפגעגאנגען, האָבן די אַשורים געזען, אז אין א שטייג זענען זיי אריינגעכאפּט געוואָרן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שעכטן זייערע פערד און צעברעכן זייערע רייטוועגענער. אָבער חזאל איז אריין אין גרויס גרימצאָרן, ווייל ער האָט געוואָלט פאנגען פאר זיך גאנצע רייטוועגענער מיט לעבעדיקע, שיינע פערד; ער האָט געלאָזט אויפשאַלן די טרומייטן און זיין צעשפּרייט חייל איז אָנגעלאָפן פון דרום און פון מזרח. די מדבר־קריגער פון אַרם האָבן נאָכגעיאָגט די אַשורים, וואָס זענען אנטלאָפן צופוס איבער די הייסע זאמדן, און חזאל האָט צוגענומען צוויי הונדערט גאנצע רייטוועגענער און דריי הונדערט שטארקע פערד. אָבער דער נצחון איז געווען גרעסער ווי דער מלחמה־רויב, וואָרום געוואוסט האָט מען אין דער מחנה, אז אַשור די שטארקע, קאָן געשלאָגן ווערן.

מיט די געפאנגענע רייטוועגענער און פערד האָט חזאל געטריבן פאָרויס זיינע קריגסלייט צו די שטרעקעס, וואָס שפּרייטן זיך הינטער דעם בארגשפּיץ אמנה, און ער האָט פארלענדט די קליינע מחנות אין וועג און צוגענומען זייערע

לאַגלען וואַסער; ער איז אַרויפגעגאַנגען צום הויכן לאַנד און איז אַראָפּ אין נידעריקן לאַנד און געשלאָגן מיט דער שווערד די דערשראָקענע וועכטער, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין ערד־אויסהוילן ווי געיאָגטע חיות. שלמנאַסר׳ס קריגער זענען געווען ווייט פון זייערע טייכן, און חזאל האָט מיט פרייד צע־שניטן די טויזנטער לאַגלען וואַסער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין מדבר־גריבער. די דורשטיקע חיות און געשפּאַנטע אָקסן, די קעמלען און אייזלען זענען געפאַלן אין דעם אַנגריף. די רייטוועגענער פּאַרוים, האָבן אויפגעהויבן זיילן שטויב און זייערע רעדער האָבן זיך געדרייט אַזוי ווי אַ ווירבלווינט. שלמנאַסר׳ס שווערע חיילות האָבן ערשט געוואַרט אין נינוה, און חזאל האָט זיך געאײַלט צו פאַרשניידן אַשור׳ס לאַגער אין מדבר. אין די נעכט האָבן אָנ־געצונדענע פאַקלען אויף די באַרגשפּיצן גערופן די באַהאַלטענע אַרמים פון די לעכער אַרויס, פון די אויסהוילן — זיי זאָלן אומברענגען דעם פיינטס בויגנ־שיסער אין צונעמען זייערע פיילן און שפּיזן. נאָך פינף טעג ביטערע שלאַכטן האָט מען אין קיר־דמשק דערציילט, אַז חזאל טראָגט זיך איבער דעם גרויסן מדבר אַזוי ווי אַ וואָלקן רויך בייטאָג, און ווי אַ וואָלקן פייער ביינאַכט.

די איבערגעבליבענע אַשורים, ווי פאַרלוירענע סטאַדעס הינטער די שטעט פון אַרם, האָבן אומזיסט געוואַרט אויף דעם שטאַרקן אָרעם פון זייער קעניג. שלמנאַסר האָט נישט געוואָלט אַרויסשיקן זיינע קריגער פון נינוה, איידער ער וועט וויסן אַז ער קאָן אָפּווישן די באַפעסטיקטע אַרמים. ער איז געווען באַ־זאָרגט: דריי מלוכות אינאיינעם זענען אַרויסגעגאַנגען שלאָגן זיין חייל; זיי האָבן אַריינגענומען דאָס טרוקענע לאַנד ווי אין אַ צוואַנג, און חצרמות, דער הערשער פון די מדבר־שבטים, האָט נאָך געלויערט הינטער זיין רוקן. דערנאָך האָט דער קעניג פון אַשור געלאַכט פון די קליינע רויבער און בלוטפאַרגיסער, און געזאַמלט שלאַכטמענער פאַר די טעג פון געפאַר. ער האָט געזען דעם רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון זיינע פאַרברענטע לאַגערן אין מדבר, און ער האָט צו זיך געזאָגט: דאָס איז אַזוי ווי דער רויך פון בראַנדאָפּפערס, וואָס אַ קעניג אין מלחמה מוז ברענגען איבערצובעטן די געטער.

זיבן טעג האָבן די אַרמים זיך געטראָגן מיט פייער און שווערד אין די וויל־דענישן. ווען די קליינע מחנות פון אַשור זענען געווען איסגערויכערט, האָבן חזאל׳ס קריגער געציילט די טויטע פון פיינט, און צו אָוונט־צו האָבן זיי גע־ברענגט די אייגענע פאַרוואונדעטע אין די געצעלטן וואָס אין דעם לאַגער הינ־טער חמת. די נאַכט, וואָס ברענגט קעלט אין מדבר נאָך דעם ברענענדיקן טאָג, האָט אָנגעיאָגט אַ פיבער אויף די קראַנקע. די היילער האָבן געוואַשן די וואונדן פון די שוואַכע, וואָס זענען באַרוועסע געלאָפן אין די ברייענדיקע זאַמדן און אי־בער די שטעכיקע פלאַנצן, אָן שלאָף און אָן שפּייז. אָבער פון אַ באַרג הינטער

דעם וויסטן לאנד איז אויפגעגאנגען א זייל פייער, און אלע האבן געוואוסט, אז דארט ווארט חזאל מיט א ווארענונג, אז זיינע מידע קריגער זאלן זיך נישט שיצן אין געצעלטן, נאר פארשניידן מער נפשות ביים פיינט, ווייל נישט אלע זייערע אויסהוילן זענען אויסגערויכערט און נישט אלע ערדוואלן אויפגעגראבן. ביים זונאויפגאנג איז ער אליין געקומען צורייטן א דערצארנטער. זיין שפיז איז געווען באדעקט מיט בלוט און שטויב. ער האט מיט פאראכטונג געקוקט אויף די קראנקע, וואס האבן געברענט פון פיבער און די הויט פון זייערע גופים האט זיך געשיילט, און ער האט געשריגן:

— פארוואס ליגט איר דא, פוילע ווערים? אייערע לייבער זענען גע־ווען צו־פעט, דעריבער טראגן אייך אצינד נישט אייערע פיס. צי ווילט איר פאראכטן די שבועה און פארשטערן דעם בונד, וואס אייער קעניג האט געגעבן צו פרעמדע מלכים? איך שעם זיך פאר דעם געשטאנק פון שוויים און קויט אויף אייערע גופים. איר קריכט דא ווי שילדקרעטן, ווען פון מיינע בעסטע לויפערס אין מדבר רינט בלוט און מיינע שטארקסטע פערד פאלן אין וועג ארויס פון דער באהעלטעניש! צי האב איך פאר מיינע קריגער א נעסט פון טויבן צוגעגרייט? אויב איר קאנט זיך נישט שלאגן מיט דער שווערד, גייט אויסרויבן די שטעט, וואס דער פיינט האט פריער געפלינדערט. שוינט נישט פון א זקן ביז א קינד, ווייל געטרייע קנעכט צו אשור זענען דארט די באוואוי־נער געווארן.

ווען די ארמים האבן דארט אויסגערויבט די הייזער, אויסגעהרגעט די באוואוינער און פארברענט די שטעט, האט דער רויך פון דער מוראדיקער שריפה זיך געטראגן ביז צו ישראל'ס לאגער. אלקנה השמעי, וואס האט מיט זיינע רייטוועגענער געהיט דעם רעכטן איינבויג פון ירדן, איז אוועקגעריטן צו איתמר בן צוער.

— די מלחמה איז ווי א שלאכטהויז פאר די ארמים געווארן, —האט ער געזאגט,— זיי רויבן און הרגענען אויך אין יענע שטעט, וואס בן הדד וועט מוזן אומקערן צו ישראל. זיי וועלן דערנאך אפוואשן זייערע הענט פון בלוט און זאגן: שומרון איז באגאנגען די רציחה איבער די אומשולדיקע. דעריבער, איתמר, לאמיר ווערן אזוי גרויזאם ווי די ארמים!

איתמר האט געזאגט:

— אין טאג פון אפרעכענונג וועלן די ארמים אפגעבן די שטעט און אפ־צאלן פאר יעדן לעבן, וואס זיי האבן געטויט און פאר איטלעכן הויז וואס זיי האבן פארברענט. היינט האט בן הדד א בונד מיט ישראל, זאל ער פארלענדן אלע אין זיין וועג, ווארום די געפאר פון אשור איז גרעסער פאר ישראל, איידער דער מלך דער אפקערער.

איתמר'ס פאַרלאַנג איז געווען, צו האַלטן גאַנץ זיין חייל אָין נישט פאַר־לירן קיין איינעם פון די קריגער, ווי לאַנג די אַרמיס האָבן נישט אריינגעלאָזט שלמנאסר'ן טיפער אין לאַנד. פאַרהיטן די כוחות פון גבורה פאַר דער שלאַכט פון מאָרגן, איז געווען זיין באַגער. טאָג נאָך טאָג האָבן די חיילות געשטראָמט פון די פעסטונגשטעט צו לאַגערן ארום ירדן. איתמר האָט אויסגעשטעלט די עלטסטע און לאַנדפירשטן ביי די מחנות, און אויך פאַר זיינע געטרייע — תרשי און אחיעזר — האָט ער געגעבן ערטער פון כבוד. דער קעניג האָט באַ־פוילן ארויסצופירן צען טויזנט מאַן און צוויי טויזנט רייטוועגענער, און צווישן זיי — די געדונגענע פוסגייער אין רייטער פון אדום און מואָב. די פוסגייער האָבן געגראָבן גראָבנס, אויפגעשטעלט ערדוואַלן און געפלאָכטן שטריק־לייטערס צו שטורעמען דעם שונאס מויערן. ווען איתמר'ס קריגער ביים רעכטן איינבויג פון טייך, און אלקנה השמעי'ס רייטער ביים לינקן איינבויג האָבן זיך באַפעסטיקט, האָט דער גרויזאַמער חזאל געטריבן זיינע דערשעפטע לויפערס פאַרויס צום בארגלאַנד, וואו עס האָבן געלאַגערט די אשורים. חזאל האָט גע־וואָלט געשווינדע נצחונות, איידער ישראל און צידון וועלן ארויסשיקן זייערע שפיזנוואַרפערס, אז זאָגן זאָל מען אין קיר־דמשק: חזאל אליין האָט געשלאָגן דעם היישעריק פון צפון!

אָבער אויפן זיבעטן באַגינען, ווען די רייטוועגענער פון אלקנה השמעי האָבן זיך אריינגעלאָזט ווי שילדקרעטן אין די גראָבנס איז די קלעטערער האָבן אויפגעשטעלט ערדוואַלן, זענען ווי א שטורעמווינט אָנגעלאָפן א מחנה אשורים. קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען די קריגער זענען אראָפגעפאַלן. היני־טער א וואָלקן שטויב זענען זיי אָנגעקומען מיט זייערע פערד און רייטוועגענער און באַפאַלן די פעסטגרונטן, וואס די אדומים און מואָבים האָבן אויפגעבויט.

דער מאָרגן האָט געררוישט מיט די דונערן פון די רעדער, מיט די זיפצן פון די טויטע, מיט א פייפעריי פון די פיילן און מיט דעם קלינגען פון די שפיזן. אלקנה השמעי איז געווען אזוי איבערגעשראָקן, אז ער האָט אויפגעוועקט די מידע נאַכט־לויפערס, וואָס זענען ערשט אנטשלאָפן געוואָרן אין די היילן און גערופן: שטייט־אויף און שמירט אייערע פיס מיט פרישן אייל, ווייל לויפן וועט איר אצינד מוזן איבער דעם לאַנגן מדבר!

תרשי האָט געהאַלטן גרייט זיינע בויגנציער, און אחיעזר האָט ביים זונ־אויפגאַנג אריינגעפירט זיינע רייטער טיפער אין מדבר. די היילער אין דער מחנה האָבן געברענגט וואַרעמע זאַלבן איינצורייבן די נאַקנס פון די פיילנשי־סער, אָבער אלקנה השמעי האָט זיי נישט צוגעלאָזט, און געשריגן:

— ברענגט ווין פאַר די בויגנציער! אָנשטאָט איטלעכער שאָל מיט

זאלבּ, ברענגט א פּעלעכל מיט ווײַן! פאַרשטויסן מוזן מיר די אַשורים אָן חזאל'ן, און נאָר בויגנציער, באַרוישטע פון ווײַן, קאָנען גוט צילן אין שונא!

דער רואיקער הויפּטמאַן, וואָס איז אַלע טעג געווען געהאַרכזאַם צו זײַנע עלטסטע, איז נישט דערקענט געוואָרן דורך זײַנע קריגער, ווײַל ער אַליין איז געוואָרן אן אומדערבאַרעמדיקער באַפעלער. ער האָט געכאַפּט דאָס ערשטע פּע־לעכל ווײַן צו זײַנע ליפּן און אויסגעטרונקען ביז צו דער העלפט, דערנאָך האָט ער דערלאַנגט דאָס געטראַנק פון מויל צו מויל, געקלאַפּט יעדן איינעם אין נאַקן און ווי א באַזויפענער געשריגן:

— טרינקט נידערטרעכטיקע יונגען, און זאָל אײַער בלוט אויפקאָכן אַזוי ווי מײַן בלוט האָט אויפגעזאָטן פון דעם טונקעלן געטראַנק. טרינקט, וואָרום א מעכטיקן שונא מוזט איר פאַרלענדן!

די קריגער האָבן זיך געשלאָגן ווי גיבורים. די נאַכט איז אַוועק אין דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען ווי א העלער גײַסט פון מדבר. פאַר די ערדוואַלן זענען געלעגן טויטע פערד און איבערגעקערטע רײַטוועגענער, און די רויבפייגל האָבן אויסגעשטאָכן די אויגן פון די פאַרלענדטע אַשורים דאָרט. פּלוצים האָבן האָרנס אויפגעבלאָזן, און איתמר, וואָס איז געווען פאַרהוילן פון דער מחנה צוויי טעג און צוויי נעכט, האָט זיך באַוויזן אויף זײַן פערד. צוועלף רײַטער זענען געריטן פאָרויס פאַר אים. ער האָט זיך געשטעלט פאַר דער מחנה מיט דעם פאַנצער אין דער רעכטער האַנט און גערעדט:

— קוקט פאָרויס און איר וועט זען א גרויסן וואונדער. די זיבערע האָבן פאַרלוירן דעם וועג, און פון זייערע שטאַרקע רײַטוועגענער איז געוואָרן ברוכ־וואַרג פאַר אײַערע פיס. אָבער די פוסגייער פון דעם פײַנט זענען נאָך גע־בליבן אין עק פון מדבר, ווײַל עס פעלט זיי וואַסער. זייערע פערד זענען שוין דורשטיק און זייערע בהמות שטאַרבן פון הונגער, ווײַל איך האָב דאָרט פאַר־ברענט זייערע שפּייכלערס און אויפגעשטאָכן די אָנגעזאַמלטע לאָגלען איבערן גאַנצן וועג ביז חמת. שלמנאַסר'ס חייל וועט בלײַבן געליימט, אָן וואַסער און אָן שפּייז. זיי וועלן נישט דורכברעכן אונדזערע גרונדפעסטן, אָבער זיי וועלן זיך אויך נישט אומקערן צום טײַך פּרת, נאָר ווײַטער לויערן בײַ די גרונדפעסטן, און אויב יאָ אַנפאַלן וועלן זיי — וועלן זייערע פערד מיט די קעפּ זיך פאַרוויק־לען אין אונדזערע שטריק, אַזוי ווי די הערנער פון הירשן אין די ביימער־צווײַגן, און זייערע רײַטער וועלן שפּאַלטן זייערע פאַנצערס אָן די פעלזן און צעשלאָגן ווערן, און זיי וועלן געפינען זייערע קברים אין די גראָבנס, וואָס איר האָט אויס־געגראָבן, און מיר אַליין וועלן צעברעכן דעם נאַקן פון אַשור!

אלקנה השמעי, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זײַן האַרץ דעם אייפער פון

איתמר׳ן און די אכזריות פון די אַרמים, האָט זיך ארויסגעשטעלט הינטער אים און געזאָגט מיט היציקן אָטעם:

— איך שרעק זיך, אז איך האָב ווייבע מענער אין מיין חייל און זיי וועלן פון רחמנות דורכלאָזן די גרוויזאמע אַשורים. אין דער הייגטיקער מלחמה זאָלט איר זיין ווייט פון בארעמהארציקייט און אייערע הערצער זאָלן זיין פריי פון פארגעבונג. דעריבער זאָג איך צו די לויפערס: די ריטער וואָס איר האלט אין אייערע הענט, זענען די שפּיזן דורכצושטעכן די ביינער פון זייערע רייטער! צו די בויגנציער זאָג איך: צילט נישט אין זייערע אויגן, נאָר שליידערט די פיילן גלייך אין זייערע פערד, וועט איר קאָנען פארלענדן די קריגער וואָס רייטן אויף זיי. וואָלט איך געווען ווי אמאָל אָסף בן עודה, דער עמוני, מיט מיין אייגענער בייטש וואָלט איך געשמיסן יעדן איינעם וואָס פארלירט א פייל. און איר, שפּיזנוואָרפער, הארכט: ווען די פערד וועלן זיך דערנענטערן, שטעכט אריין די קופערנע שפּיזן אין זייערע בייכער, וועט איר פארמיידן די געפאר פון טויט, און איר זאָלט אָפּשפרינגען אין א זייט איידער די חיה פאלט ארויף אויף אייך, ווארום נאָר אזוי וועלן אייך די רעדער פון די רייטוועגענער נישט צערייבן. דאָס איז אייער שלאכט, פוקסן פון מדבר!

זיינע אויגן זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט האס, וואָס מען זעט ביי א שלאכטמאן פאר דער שעה פון אונטערגאנג, און ער האָט ווידער גערעדט:

— צו וואָס זאָל מיין צונג ווערן טרוקן דורך הארטע רייד צו אייך? איך האָב מורא, אז ווען איר וועט א צווייט מאָל הערן דעם שאַלרוף פון אַשור און די דונערן פון זייערע רייטוועגענער, וועט איר יאָמערן און באהאלטן אייערע קעפּ אין זאמד. פארשעלטן וועל איך אייך, אויב דער פיינט וועט זיך דורכברעכן א וועג צו אונדזערע וואסער־לאָגלען! אומקומען וועט יעדער איינער, אז ער וועט איבערלאָזן די פעסטונגען וואָס דער קעניג האָט געבויט. אַשור׳ס רייטוועגענער וועלן אייך צעשפּרייטן ווי היי אין דעם ווינט, און דאָס לאנד וועט פול ווערן מיט זיי ווי מיט שווארצע ווערים, ווייל זיי זענען אזוי־פיל ווי דער זאמד אין מדבר. נישט די אַרמים וועלן אייך שיצן און נישט די צידונים וועלן אייך שוינען — אליין זאָלט איר דעם נצחון פאר ישראל ברענגען!

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף איתמר בן צוער, וואָס האָט זיך געוואונדערט: ווער האָט אָנגעגאָסן אזוי־פיל צאָרן און אכזריות אין דעם בלוט פון מיין הויפּטמאן? און אלקנה האָט צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן א לאָגל וואסער און ווידער גערופן:

— א שלאכט פאר לעבן איז דאָס היינט פאר אייך! אויב פאלן פאר דעם פיינט ווילט איר — האקט פריער אויס אייערע קברים אין די פעלזן, ווייל מיט

אָפּגעדעקטע הינטערלייבער האָט שלמנאסר צוגעזאָגט צו פירן די געפאנגענע פון ישראל קיין נינוה.

און דאָס פארשעמטע חייל האָט געבויגן די קעפּ פאר דעם הויפּטמאן נישט ווי גיבורים, וואָס האָבן געשלאָגן און געזיגט אין דער ערשטער שלאכט, נאָר ווי געפאנגענע, וואָס דער שונא האָט שוין געבונדן אין קייטן.

איתמר האָט זיך ארויסגערוקט מיט זיין פערד פאָרויס. זיין הארץ איז געווען פול, אָבער אויף די ליפּן האָבן געפעלט רייד. אין א מלחמה פאר לעבן, —האָט ער געטראכט,— איז יעדע רציחה אזוי ווי א טראָפּן בלוט אין א לאָגל וויין. אָבער דער אלמעכטיקער אליין, דער האר פון אלע מלחמות, האָט דעם מענטש אויסגעפורעמט אין געשטאלט פון א קריגער און הערשער, אז רעגירן זאָל ער איבער די אונטערטעניקע. האָט דען דער קעמל פון אָנהייב געבויגן זיין האָרב פאר דער לאַסט? און דער אָקס, צי האָט ער זיך געלאָזט איינשפּאַנען צום אַקעראייזן? ער האָט געוואָלט זאָגן, וואָס דאָס הארץ האָט באגערט: גאָט אליין האָט געמאכט די געזעצן פון מלחמה און דער שלאכטמאן מוז זיי אָפּהיטן! בן הדד, דער אָפּקערער פון נעכטן, איז היינט געטריי אין דער שלאכט מיט אַשור, נישט ווייל היטן וויל ער דעם בונד מיט ישראל, נאָר ווייל שלמנאסר איז צוגעקומען ביז צום לאנד פון אמורו און האָט באזעצט די שטעט פון פדן־ארם. גייט ארוים און שטארקט זיך! —האָט דאָס צאָרנדיקע קול זיך געריסן צו זיינע קריגסלייט.— הארכט די רייד פון אלקנה השמעי, ווייל רעכטפארטיק איז זיין האַס! גייט ארוים און ווישט־אָפּ דאָס חייל פון שלמנאסר!

פאר שלמנאסר'ן זענען געווען אלע מלחמות גלייך און אלע שלאכטן עגאל. די ברענענדיקע שטעט און די אויסגערויבטע הייזער און דאָס פארטיליקטע חייל זענען געווען דער פייערזייל, וואָס האָט באלויכטן זיין וועג צו הערשאפט אויף דער יבשה און אויפן ים. די שוואכע מלוכות האָט ער איינגענומען, און די מלכים, וואָס האָבן געהויבן די שווערדן אויף אים, האָט ער פארלענדט און זייערע לענדער פארוויסט. נאָך איידער חצרמות האָט ווידערשפעניקט, האָט ער פארכאפּט די וואוינערטער פון די הערשער און אויסגערויבט די צעדערביימער פון די וועלדער אין לבנון, און די ערשטע שטעט אין צור און צידון האָבן אליין געברענגט א צינז צום זיגער, אז ער זאָל זיך נישט דערנענטערן צו זייערע געמארקן.

נאָכן בונט פון דעם אנטלאָפענעם מדבר־הערשער חצרמות, האָט שלמנאסר געפירט זיינע חיילות ארום די הינטערשטעט פון חמת. ער האָט אראָפּגעריסן די שטיינער־בערג ביי די טויערן פון בעל־גד און ליש און געלאָזט זיינע קריגסלייט אויספּלינדערן דערפער און שענדן פרויען, וואָרום געזאָגט האָט ער צו זיי: דאָס איז דער ערשטער בים פון נצחון! ווען אלע שטרויכלוועגן זענען געווען

אפגערייניקט, האט ער איינגעזאמלט די בעסטע רייטוועגענער און פוסגייער און איז דורכגעגאנגען דעם לאנגן מדבר, ביז ער איז צוגעקומען צו קרקר. אבער דארט, הינטער די ערדוואלן, האט געווארט דאס חייל פון די ארמים, און הינ־טער זיי — די קריגסלייט פון ישראל, און הינטער זיי — די קריגער פון צור און צידון, כדי אפצושניידן דעם פיינט און אים פארלענדן אויף דער ערד, וואס איז ווייט פון אשור־לאנד.

שלמנאסר האט געוואלט א געשווינדן נצחון, אבער די שלאכטן האבן זיך פארצויגן. דער ווינטער איז געקומען, און שלמנאסר האט געמוזט קויפן פאר זיינע פערד פאשע פון די הענדלער פון די חיתים. אבער איידער די צווייטע שלאכט האט זיך אנגעהויבן, זענען די פערד קראנק געווארן, זייערע כוחות זע־נען אויסגעגאנגען, און צוויי טויזנט פון די שלעפ־חיות זענען געפאלן טויט. און חזאל האט אצינד געהאט א מלחמה פון פוסגייער קעגן פוסגייער, ווארום זייערע רייטוועגענער האט ער נאך פריער צעבראכן. די דערשראקענע אשורים זענען געפאלן ווי פליגן אין דעם פרעמדן לאנד. די, וואס די שפיזנווארפער האבן נישט דערשלאגן, האבן די בויגנציער פארלענדט. די הרוגים זענען גע־ווען אזויפיל, אז דאס ארט פון שלאכט האבן די קריגער שפעטער גערופן: דער טאל פון ביינער. די פאשע פאר די פערד האבן די הענדלער פון די חיתים פריער געמישט מיט פארסמטע הערבן, און דאס, וואס איז געבליבן אין די שטאלן, האבן די לויפערס מיט די בראנדהעלצער אונטערגעצונדן.

חזאל מיט זיין חייל זענען ארומגעגאנגען דעם מדבר, און איתמר איז ארי־בער מיט זיינע צען טויזנט פוסגייער דעם ירדן און דורכגעגאנגען די שטעט אין גלעד, אדמה און סוכות, פנואל און מחניים, אבער דארט זענען די שלאכטן געווען ביטערע און עס זענען געפאלן א סך רייטער פון ארם און ישראל, און צווישן די טויטע פון שומרון האט איתמר אויך באוויינט זיין געטרייען אחיעזר.

ביידע מחנות זענען אנגעקומען ביז בעל־גד, וואס נעבן בארג חרמון, די שטאט פון בן הדד, וואס שלמנאסר האט געפאנגען ביי ארם. דער צוריקטריט פון די אשורים איז געווען אין אזא געאייל, אז ס'איז זיי נישט געבליבן קיין צייט זיך צו באפעסטיקן אין די בארג־שטעט ארום. ווען ישראל'ס רייטוועגע־נער האבן די אנטלאפענע צעשפרייט ווי שפענדלעך אין א שטורעמווינט, האבן די צידונים און צורים פון הינטערלאנד ארויסגעטריבן דעם פיינט פון זייערע ים־שטעט חוסה און אכזיב. די אויסשלאכטונג איז געווען אזוי מוראדיק, אז דאס בלוט פון נצחון האט רויט געמאכט די לויטערע וואסערן פון דעם גרויסן ים.

ביים זונאונטערגאנג האט איתמר אריינגעפירט זיינע קריגער אין בעל־גד. אויף די מויערן זענען געהאנגען די קעפ פון אשור'ס לאנדפירשטן און די רויב־

פייגל האָבן אויסגעפּיקט זייערע אויגן פון די לעבער. די ווענט פון די הייזער האָבן זיך נאָך געררויכערט און פאַרברענטע ביינער פון די שלעפּ־חיות האָבן זיך געוואַלגערט אויף מיסטהויפנס פון די חרובע גאַסן. יעדער ברונים איז געווען אויסגעטריקנט און איטלעכער פרישער קוואַל — פאַרסמט.

אין יענעם טאָג האָט חזאל געברענגט א יונגן הויפּטמאַן פון ארם — נעמן איז געווען זיין נאָמען, און ער איז געוואָרן דער האַר פון דער באַפרייטער שטאָט. זיין לייב איז געווען אומריין, באַדעקט מיט בלאָטערס, אָבער ער איז געווען אַן אומדערשראָקענער קריגסמאַן. ער איז געווען גרויזאַמער פון חזאל׳ן, ווייל ווען דער ערשטער שלאַכטמאַן איז א שטאָלצער אריינגעריטן אין אריינפאָר פון דער חרובער שטאָט און באַלוינט מיט גאָלדענע נאַזבענדער די אָרמים, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך דער באַלאַגערונג, און געוואָלט אויך אָנהענגען א גאָלדענע קייט אויף זיין האַלדז, האָט נעמן אַראָפּגעריסן די העקעלעך פון דער שנור אין זיי צעשאָטן אויף דער ערד.

— צי בין איך א קעמל, וואָס דו טוסט־אָן א גלאָק מיט א קייט פון פאַלש גאָלד אויף מיין נאַקן? —האָט ער געפרעגט.— ריין גאָלד פון דמשק פאַר די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם פיינט! און ריינע שטרוי פאַר די פערד, וואָס האָבן געפירט די קריגסלייט צום נצחון! דו ביזט מיין האַר, חזאל! שמיים מיך מיט דיין בייטש, אָבער איך וועל נאָך היינט הייסן פאַרברענען די שטאָט איבער דעם געשטאַנק פון די טויטע, און איבערלאָזן וועל איך בלויז דעם טור־רעם, אז איך זאָל קאָנען אַראָפּקוקן און זען ווי די לעצטע אשורים שטאַרבן־אויס אין מדבר!

חזאל איז געזעסן אויפן פערד מיט דער שפּיז אויסגעשטרעקט. זיין גע־קאָרבט פּנים איז געווען אזוי ווי דער קופּער פון זיין קיווער, אָבער ער איז נישט געווען דערצאָרנט פון נעמנ׳ס רייד. אַרום די גראָבע ליפּן האָט זיך צעגאָסן א שמייכל, וואָרום וואוילגעפעלן זענען אים תמיד שטאַרקע רייד פון א יונגן קריגסמאַן.

נעמן האָט זיך געשטעלט פאָרויס פאַר חזאל׳ס פערד און מיט שפּאָט גע־רעדט צו די מידע רייטער:

— פאַר נאָך א פאַרברעכן וועל איך פאַרברענען די שטאָט: אַן אָפּקע־רער פון דער פרעמד, א רויביונג איז דאָ באַהאַלטן צווישן אונדז. איך וועל צענעמען די שטאָט שטיין נאָך שטיין, ביז איך וועל אים געפינען. ער האָט אויסגערויבט דאָס גאָלד ביי דעם צינזהאַר פון בעל־גד, איידער די שטאָט איז פאַרוויסט געוואָרן. ברענגט אים! זיין קאָפּ פאַר אייערן!

חזאל׳ס האַרץ איז געוואָרן פריילעך וואָס נעמן וועט אומברענגען דעם לעצטן פאַלשן יונג אין דער חרובער שטאָט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון

פערד און צוגעגאַנגען צו איתמר בן צוער.ביידע קריגסמענער האָבן זיך אָנ־געקוקט מיט באַוואָרעניש. דער הויפּטמאַן פון אָרם האָט געזאָגט צום שלאַכט־מאַן פון ישראל:

— אויב נעמן וועט אָנצינדן די שטאָט, זאָלן די מלכים ווידער זיך טרעפן ביי די ברענענדיקע ווענט און באַפעסטיקן דעם בונד מיט דעם בלוט פון די גע־שאָכטענע טויבן, ווייל פון דאַנען, פון דעם באַרג אש, וועלן מיר אַרויסגיין דער־שלאָגן דעם פיינט ביז איינעם! נאָך היינט קאָנסטו צוריק אַריבערגיין דעם טייך ירדן מיט דיין חייל צו די פעסטונגען פון חצור, וואָרום אַצינד וועט אָרם זיין דער פאַנצער פון ישראל.

ווען נעמנ׳ס רייטער זענען אַוועק זוכן דעם אויסשפּירער צווישן די איינ־געפאַלענע ווענט, האָט איתמר גערופן אלקנה השמעי׳ן און געפרעגט: ווער איז דער רויבערריונג? קומט ער פון אונדזער מחנה? אלקנה השמעי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט: וואָלט ער נישט געווען באַליבט אין פּאַ־לאַץ, וואָלט איך אַליין אים אויפגעהאַנגען אויף דער ערשטער וואַנט! און ער האָט שווייגעוודיק אַוועקגעפירט איתמר׳ן אין עק שטאָט, צו דער אַלטער גע־פענגעניש, וואָס איז נישט פאַרברענט געוואָרן פון דעם פייער און פון די פיילן. דאָרט זענען געווען פאַרשפּאַרט אַלע פאַרדאָרבענע; זייערע פאַרפוילטע גופים זענען געווען צוגעבונדן מיט קייטן צו דער וואַנט. דער וועכטער איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט אויסגעלאָשענע אויגן. אלקנה השמעי האָט אים געהייסן אַרויספירן דעם געפאַנגענעם, וואָס האָט באַרויבט דעם צינזהאַר פון זיין גאָלד, אָבער דער וועכטער האָט זיך געשוואוירן, אַז ער איז אומגעקומען פון אַ פייל, ווען ער האָט געוואָלט אַנטרינען פון דער תפיסה. האָט אלקנה השמעי אויפ־געבראָכן דאָס טויער און דער וועכטער איז געפאַלן מיטן פנים צו דער ערד און געיאָמערט:

— איך בעט דיך, מיין האַר, שוינען מוזטו מיין לעבן. דורך אַלע טעג האָב איך באַשיצט די אומשולדיקע און געפּייניקט האָב איך די רויבער צווישן זיי, אָבער דער דאָזיקער געפאַנגענער איז אַ צויבערמאַן; זיין צונג איז פייער און זיין פלוך ברענגט טויט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך ווידער געזאָגט:

— איך האָב מורא געהאַט פאַר אים, און ער איז געקומען זיך טיילן מיט זיין רויב, אַז איך זאָל אים געבן שפּייז און אים אויסבאַהאַלטן אין געפענגע־ניש, ביז די וועכטער פון ישראל וועלן אים באַפרייען. אָבער דו ביזט נישט קיין וועכטער, מיין האַר, נאָר אַ פירשט און דיין באַגלייטער זעט אויס ווי דעם קעניגס הויפּטמאַן. ביזטו געקומען נאָך זיין קאָפּ, אָדער ווילסטו אָפּבינדן זיי־נע קייטן? זאָלן מיינע האָרן מיר גלויבן! פון פּחד האָב איך אים אויסבאַ־

האלטן. ער האָט געזאָגט, אַז די קעניגין פון שומרון אַליין וועט נאָך אים שיקן א רייטוואָגן, ווען דער פיינט וועט אַנטלויפן, און זי וועט אים באַלוינען מיט גאָלדענע קייטן, ווייל א מאַן פון ערע איז ער! איך האָב אים געשיצט, ווייל ער האָט א צונג ווי א פייל און אויגן פון א ראָב! קומט הינטער מיר, איר וועט אים זען אין זיין שמאַך!

וויינענדיק, מיט א געבעט צו זיינע געטער, האָט דער אַלטער וועכטער אָנגעצונדן א פאַקל און אַראָפּגעפירט די שלאַכטמענער דורך א קעלער צו א הייל, וואו די עפענונג איז געווען פאַרשטאָפּט מיט א פעלזנשטיין. און ווי איתמר האָט אַרויסגענומען דעם פאַקל פון דעם וועכטערס האַנט און אַריינגעלויכטן אינעווייניק, האָט ער דערזען, ווי צוגעבונדן צו א שוואַרצער וואַנט איז געלעגן א מאַן אין א צעריסענעם דעקטוך. זיין רויטער נאַקן איז געווען אָפּגעשיילט, די הויט אויף זיין שפּיציק פּנים איז לויז נאָכגעהאַנגען און די שמאָלע באָרד אַרום די קינבאַקן איז געווען א ווילד געפלעכט. נאָר די שאַרפע אויגן האָבן געברענט מיט האַס און אַן מורא אַקעגן דעם שיין פון פאַקל.

— דואג, דער קנעכט פון דער מלכּה! — האָט איתמר אויסגערופן.

דואג, וואָס האָט זיך תּמיד געבוקט נידעריקער פון אַלע אַנדערע קנעכט פאַר שטאַרקע, האָט אַצינד זיך געוואָלט א הייב־טון אויף די פיס, אָבער די קייטן האָבן אים געהאַלטן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ער איז געבליבן אויף די קני און געזאָגט:

— דאָס ביזטו, מיין האַר, איתמר בן צוער! געבענטשט איז די שעה פון דיין קומען, דיינע טריט זענען פון אַן אויסלייזער. נעם מיך אַרויס פון דעם הויז פון נסיסה. איך ווייס, אַז די אַרמים זוכן מיך אין דער פאַרוויסטער שטאָט. אָבער צי קומט מיר א שטראָף ווייל איך האָב צוגענומען דאָס אָנגערויבטע גאָלד פון דעם ציגזהאַר, אייעדער ער האָט עס צו די שליחים פון שלמנאסר געשאָנקען? ביי מיין קאָפּ! פאַר שומרון האָב איך דאָס געטון! ישראל און אַרם, ברידער צו מלחמה, ברידער צום רויבזאַק!

ער האָט נאָך נידעריקער געבויגן זיין קאָפּ צו דער ערד ווי עס טוען פאַרמשפּטע, וואָס שטייען שוין ביים הויז פון טויט. אָבער זיין צונג, וואָס איז געווען אונטערטעניק צו דער מלכּה, איז געווען דריסט צום קעניגס שלאַכטמאַן:

— און אַצינד, מיין האַר, רוף דעם שמיד פון געפענגעניש צו צעברעכן מיינע קייטן, און זאָל דער וועכטער מיר ברענגען פון די בעסטע זאַלבן, אַז איך זאָל שמירן מיינע פיס און מיין נאַקן, וואָס זענען צעשטאָכן פון די שטיינער אין דער וואַנט. ער האָט גענומען געגנוג גאָלד און ער מעג ברענגען פאַר מיר א לאָגל ווין און צוויי מיידלעך פון טעמפּל, אַז איך זאָל פאַרגעסן מיינע ווייטאָגן דורך זיי. היים צעברעכן די קייטן, מיין האַר, ווי עס קומט דעם קנעכט

פון דער מלכה, און רוף דעם אלטן וועכטער. דער דאַזיקער לעסטערער וועט דיר ווייזן דעם רויבזאַק, וואָס איך וועל אַריינפירן אין שומרון.

דער וועכטער האָט א געבויגענער זיי געפירט פאָרויס מיט דעם פאַקל אין האַנט, און איתמר בן צוער מיט אלקנה השמעי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אין א טיפן קעלער. פאַר די פעלזן־טרעפּ זענען זיי פאַרביי א וואַנט, וואו צוויי טויטע לייבער פון געפאַנגענע זענען נאָך געווען צוגעבונדן מיט קייטן צו דער וואַנט. און איתמר האָט געטראַכט: דואג איז ווי אן עקדיש, אויב ער האָט געקאָנט איבערלעבן אין הויז פון טויט יענע, וואָס זענען געווען ערלעכער ביי זייער לעבן פון אים. אונטן, אין שטיינערנעם אויסהויל פון דער ערד, זענען געלעגן זעק און קאָרבן אָנגעשטאָפּטע מיט טייערע כלים פון גאָלד, קופער און זילבער. אלץ, וואָס די הענט פון א ווערקמייסטער האָבן געקאָנט אויסאַרבעטן, האָט דער צינזהאַר פון בעל־גד צוגענומען ביי די פאַרשולדיקטע איינוואוינער: צירונג־קעסטלעך מיט סאַפירן און יאשפיזן, שופלען און שפּרינגבעקנס געגאָסענע פון ריינעם גאָלד, געקאַרבטע ענגלייכטער און בראָנזענע לאָמפּן, גאָפּלען און פּיי־ערפאַנען פון זילבער און טיש־פיגורן פון געצן און חיות אויסגעשניצטע פון עלפאַנטביין און פורפיר. דער צינזהאַר האָט דאָס רויב אָנגעקליבן אין קישן און אין זעק, און דער פלינקער דואג האָט דעם אוצר צוגענומען ביים רויבער און אים פאַרשטעקט אין דעם ערד־אויסהויל.

דער אלטער וועכטער האָט זיך פאַרענטפערט:

— נאָר איין קאָרב מיט נאָזרינגען און אָרעמבענדער האָב איך פון אים געקראָגן, און דאָס איז דער לוין פאַר אלע מיינע ליידן. דער הערשער פון בעל־גד קומט מיר אזוי פיל און נאָך מער פאַר פייניקן די פאַרמשפּטע ביז צום טאָג פון זייער טויט. אָבער די וואָס פאַרלירן מלחמות, צאָלן נישט קיין חובות צום וועכטער פון געפענגעניש.

אלקנה השמעי האָט אריינגעשטעקט די הענט אין א קאָרב מיט גאָלדענע כלים, כדי צו שאַצן זייער געוויכט, אָבער איתמר האָט געגעבן א צייכן, אז דער וועכטער זאָל אים צוריקפירן צו דואג'ס קאַמער. איזבל'ס קנעכט האָט זיך דערפרייט ווען ער האָט זיי דערזען.

— וואָס האָב איך זיי געטון, אז איך מוז פאַר זייער צאָרן ליגן דאָ, פאַר־שטעקט צווישן די פגרים? —האָט ער געפרעגט.— אין טאָג פון לוין פאַר די זיגער וועלן די אָרמים זיך דערמאָנען אין דואג'ן, און די קריגסלייט וועלן דער־ציילן א גרויסן סוד. ווער האָט געהייסן די הענדלער פון די חיתים אריינטון פאַרסמטע הערבן אין דער פּאַשע פאַר פערד? ווער האָט געפירט ביינאַכט די יונגען מיט די בראַנדהעלצער צו די שייערן? ווער האָט אויפגעריסן די טירן

פון הייזער, וואו די פירשטן פון אַשור האָבן זיך באהאַלטן? — דואג דער געטרייער, וואָס שעצט די געאַכפּערטע און שפּעט אָפּ פון די אומווירדיקע!

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דעם מאַן, וואָס זיין גנאָד האָט ער אַצינד געבעטן. דער פאַקל אין דעם וועכטערס האַנט האָט געפלאַקערט אַקעגן דער וואַנט און דער שיין פון פייער איז געפאַלן אויף זיין שטערן. זיינע קרויזן האָבן געווען צעקנאָדערט; די באָרד האָט שוין וואָכן נישט געהאַט קיין שער, אָבער פון די געעפנטע ליפּן האָבן ווידער אַרויסגעקוקט זיינע שטאַרקע גלוסטיקע ציין. איתמר האָט מיט זיין בליק געשאַצט דעם קנעכטס ווערט. ווי געפערלעך איז אַ לעבעדיקער דואג, און ווי נוצלעך קאָן ווערן זיין טויט היינט פאַר שומרון!

— ווי קומסטו אהער? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— צי בין איך דען נישט דאָס אויג און דאָס אויער פון דער מלכה? — האָט דואג געהאַט אַ שמייכל אויף די ציין.

— צי האָט שוין געשיקט אַ מלכה איר קנעכט רויבן הינטער דעם רוקן פון אירע קריגסלייט? די לוסט נאָך גאָלד האָט דיך געטריבן אהער, דואג! איך האָב אַצינד דיך געקאָנט אַרויסגעבן צום המון פון די אַרמים, אַז זיי זאָלן אויפהענגען דיין קאָפּ אויף דער מויער צוגלייך מיט די פירשטן פון אַשור. אָבער איך וועל שוינען דיין לעבן נישט פאַר שומרון, נאָר אַז די מלכה זאָל נישט פאַרלירן איר קנעכט. אַנטלויף צו מיין לאַגער! לאָז איבער דאָס רויב און אַנטלויף. מיינע וועכטער וועלן דיך באַגלייטן. פון דאָרט וועסטו צוריקרייטן ביז שומרון ,און קיין וואָרט פון גוטס אָדער בייז, וואָס איך האָב צו דיר געטון זאָלסטו אין פּאַלאַץ נישט דערציילן.

איידער איתמר איז צוריקגעקומען אין מאַרק אָנזאָגן דעם הויפּטמאַן נעמן, אַז דאָס גאָלד פון צינזהאַר איז געפונען געוואָרן, איז אלקנה השמעי אַוועקגעריטן אין לאַגער און אַרויסגעשיקט וועכטער מיט ריינע קליידער צו דער תפיסה. דואג איז אַנטלאָפן, און איתמר בן צוער האָט געוואוסט: געראַטעוועט האָט ער דעם קנעכט היינט, אַז ער זאָל קאָנען זיין געשעפט לעבן האַלטן ווי אַ ביימש אויף זיינע נידערטרעכטיקייטן פון מאָרגן.

ד

ווען נעמנ'ס וועכטער האָבן געגרייט די בראַנדהעלצער אָנצוצינדן די שטאָט בעל־גד, איידער די טויטע פגרים וועלן ברענגען א מגיפה אויפן חייל, האָבן חזאל'ס יונגען ארויסגעשלעפט פון באהעלטעניש דעם האר פון שטאָט, וואָס שלמנאסר האט ארויפגעזעצט נאָך זיין נצחון. דאָס איז געווען אירחולו, א רייכער הענדלער פון צידון, אַן אלטער באוואוינער אין בעל־גד. ער האָט זיך פארקויפט צום פיינט נישט פאר זילבער, נאָר ווייל ער האָט אָפּגעגעבן כבוד די שטארקע און באגערט פרידן. אין מיטן מארק האָבן די וועכטער אים ארויס־געפירט. א ווילדער המון האט געוואַרט פאר דעם שטיינערנעם קלאָץ, אין שאָטן פון א זונזייל. נעמן האָט גערופן איתמר'ן מיט זיינע רייטער, צוצוזען ווי מען פארפייניקט צום טויט א צידוני, וואָס האָט אָפּגענארט דעם קעניג פון ארם און פארראטן זיין אייגענע מלוכה.

אירחולו האָט געשפרייזט פאַרויס א שטאָלצער. א מאנטל פון א פרינץ איז געהאנגען אויף זיינע אקסלען; זיין לייב איז געווען פול און רונדיק פון עסן פעטע פליישן און טרינקען שטארקן וויין. אויפן וועג צום טויט האָט ער געלאכט פון די וועכטער און געשאָלטן די קריגסלייט. זיינע האר זענען געווען אויסגעקעמט און דאָס פנים האָט געגלאנצט פון פרישן אייל. גייענדיק האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איבער די שפּיזן פון די וועכטער האָט ער גע־רופן צו נעמנ'ען:

— קום נענטער אהער, גרויזאמער שלאכטמאן. איך האָב איבערגענומען די שטאָט פון פרידן אָן בלוט און דו וועסט זי איבערלאָזן א בארג מיט אַש. קום נענטער, וואָרום איך בין דער געפאנגענער, און א קריגסמאן זאָל נישט מורא האָבן פאר איינעם וואָס גייט אָן שרעק צום טויט. קום נענטער, איך וויל אָפּ־ווישן דעם לעצטן שטויב פון מיינע פיס אָן דיין פאנצער, וואָרום אָנקומען וויל איך צו דעם גנעדיקן בעל מיט ריינע פיס.

די רו האָט זיך פלוצים אָפּגעטון פון נעמנ'ען, ווען ער האָט געקוקט אויף

דעם פארמשפטן, וואס האט נישט מורא פאר זיין אונטערגאנג. אבער צוליב דער ערע פון ארם האט ער באהאלטן זיין צארן פון די וועכטער.

— דו ביזט דרייסט און דיין הארץ איז פריי פון פחד פארן טויט, אירחו־לי, — האט ער געזאגט. — אבער איך קאן זיך נישט דערנענטערן צו דיר, ווייל הינטער דעם מאנטל פון א פרינץ שלאגט דער שלעכטער ריח פון דיין פעט לייב. דו ביזט אליין מיט דיין אייגענעם ווילן געווארן א קנעכט צו אשיר. אבער איך וועל דיר געבן א טויט אן יסורים, און דיין ווייב און דיינע זין וועל איך לאזן לעבן, ווארום דיין קעניג האט א בונד מיט מיין קעניג, צו שלאגן דעם גרויסן פיינט.

ער האט געשיקט זיין אייגענעם לייב־וועכטער צו באגלייטן דעם פארמש־פטן ביז צום שטיינערנעם קלאץ, און פארבאטן דעם המון צו ווארפן אויף אים הויפנס מיסט. אירחולו איז אנגעקומען צום ארט פון זיין טויט. די צוועלף וועכטער מיט שפיזן, וואס האבן אים ארומגערינגלט אין א ראד, האבן זיך גע־וואונדערט אויף זיין דרייסטקייט. דערנאך האבן די וועכטער געברענגט זיין ווייב שוענה און זיינע דריי זין. שוענה האט געטראגן א סך צירונג אויף איר האלדז און ארעמס, און די זין האבן געשפרייזט אזוי שטאלץ ווי זייער אומ־דערשראקענער פאטער.

ווען אירחולו האט דערזען זיין ווייב, האט ער זיך צעוויינט און געזאגט:

— שוענה, שוענה, דו אפל פון מיין אויג, פארוואס ווילסטו מיטגיין אין דעם לאנד פון טויט ווען די גרויזאמע האבן דיר געשאנקען דיין לעבן? בלייב לעבן ווי א הארינטע פון צידון און גיי צוריק אין מיין ים־שטאט אכזיב.

אבער שוענה האט געענטפערט:

— זיי נישט פארשעמט מיט מיר, אירחולו, מיין געטרייער מאן. איך גיי דיר נאך, ווייל מיין הארץ האט אזוי באגערט. דו ביזט שיין און שטארק פאר דיין אונטערגאנג. דורך אלע טעג פון דיינע יארן האב איך פארטריבן פון דיר די פרויען און דיך צוגעבונדן צו מיר. ווי וועל איך אצינד לאזן א צווייטן מאן קומען צו מיר? איך וואלט זיך דערשטיקט מיט די פלעכטן פון מיינע אייגע־נע האר, אויב איך וועל בלייבן אליין אויף דער וועלט. א שקלאפין בין איך געווען, אבער דו האסט מיר געגעבן דעם שטאלץ פון א קעניגין, און דריי שיינע זין האב איך דיר געבוירן.

אירחולו׳ס הארץ איז געווארן ווייך פון אירע רייד, און ער האט גערעדט צו זיינע זין:

— זין מיינע, איר זייט געקומען אויף דער וועלט ווי מענער פון פרידן, שטארבט אויך אין פרידן, אן ווידערשטאנד, אז שעמען זאל איך זיך נישט פאר־שעמען מיט דער טראכט פון אייער מוטער. א טויטער איז נישט ערגער ווי

און אָפּגעריסענע בלום: דער לויטערער דופט און די פרישע פאַרב בלייבט אויף אים. קוקט דרייסט אויף דער האַק פון די גרויזאַמע, זין מיינע!

אויפן צייכן פון דעם הענקער, האָט ער אנידערגעקניט פאַר דעם שטיינערנעם קלאָץ, און צום לעצטן מאָל א קוק געטון אויף דעם שיינעם, איידעלן נאַקן פון זיין ווייב. דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן, און דער הענקער האָט אויפגעהויבן זיין גרויסע שווערד און מיט איין פּאַך אראָפּגעהאַקט אירוזולו'ס קאָפּ פון זיינע אקסלען. דער קאָפּ איז געפאַלן צו שוענה'ס פיס און דאָס בלוט איז געפלאָסן ווי א הייסער שטראָם פון דעם פעטן גוף און אָנגעוואָרפן א גרויסן פחד אויף די דריי זין. אָבער שוענה האָט אויפגעהויבן דעם טויטן קאָפּ און געקושט די געשוואָלענע ליפּן, און מיט א געיאָמער גערופן: איילט זיך, זין מיינע און נייט־צו צו אייער פאָטער, ווייל אייער מוטער וואַרט אייך נאָכצוגיין.

און די געהאַרכזאַמע זין האָבן אנידערגעקניט, און דער הענקער האָט אראָפּגעהאַקט זייערע קעפּ און אויך דעם קאָפּ פון זייער מוטער; און אלע האָבן געקראָגן א טויט אָן יסורים, ווי עס האָט צוגעזאָגט נעכן. אָבער אויף חזאל'ס באַפעל, האָט מען די לייבער זייערע אריינגעוואָרפן אין אן אָפענער גרוב, אז זיי זאָלן זיין א שפּייז פאַר די קראָען.

נעמז האָט פארברענט די שטאָט בעל־גד, און איתמר בן צוער האָט גענומען א העלפט פון זיין חייל — די פוסגייער און די רייטוועגענער, און זיך אריינגעלאָזט טיפער אין לאַנד חמת, ווייל ער האָט געוואָלט אָנקומען אין קרקר פריער פון די אַרמים אין דער ערשטער שלאָגן דעם שונא א גרויסן שלאָק, אז ער זאָל וואָר מאכן דעם קעניגס רייד: „אין קרקר האָט שלמנאסר זיך אָפּגעשטעלט, אין קרקר וועט ער די מלחמה פארלירן!" איתמר האָט איינגענומען די פארלאָזענע שטעט און אין יעדן אריינפאָר־טויער האָט ער גערופן די עלטסטע און געזאָגט, אז ער איז געקומען זיי באפרייען און נישט אונטעריאָכן, און אז אין איטלעכער שטאָט וועט ווידער רעגירן אן אייגענער הערשער. דערווינטער איז געקומען צום סוף און עס זענען אָנגעלאָפן שטורעמווינטן און עס איז געפאַלן דער שפּעטער רעגן אין יענעם יאָר ווי א מבול, וואָס האָט פארפליצט שטעט און איינגעווייקט מדבריות. אָבער אלקנה השמעי'ס רייטוועגענער האָבן דורכגעשניטן די ווייכע זאמדן ווי מיט פייערדיקע רעדער. תרשי איז געבליבן מיט צוויי טויזנט בויגנציער אין הינטערשטן לאַנד, און חנינא האָט געזאַמלט די געפאַנגענע אין די לאַגערן, איידער די אַרמים האָבן זיי פארלענדט. דריי מאָל האָבן נייע, שווערע רייטוועגענער פון אשור ארומגערינגלט איתמר'ס פוסגייער און זיי געשטויסן צוריק הינטער די טויערן פון די חרובע שטעט, אָבער די אשורים זענען שפּעטער אליין אריינגעכאַפּט געוואָרן אין א צוואַנג דורך דעם חייל פון צידון, וואָס איז ארויסגעלאָפן פון די ים־שטעט. דער

ים פון ארוד ביז צו בארות איז ווידער געווען אָפן און די לאַסטשיפן און פי־שער־שיפן פון צור זענען פריי געשוואומען פון צרפת ביז אכזיב. די שטעט אויפן טרוקענעם לאַנד זענען געלעגן חרוב, און די אַנטלאָפענע קריגער האָבן פאַרברענט די פרוכטן אויף די ביימער און די זאַנגען אין די פעלדער, און דאָס פייער האָבן פאַרצערט די ביימער און די זאַנגען אין די פעלדער, און דאָס פייער האָט פאַרצערט ישובים אַזוי ווי דער פלאַקער צעשמעלצט וואַקס, אָבער די בוימייסטערס פון צידון האָבן רואיק צוגעזען די שריפות און געוואַרט אויף דעם טאָג פון פרידן, ווייל זיי זענען געווען גרייט צו בויען נייע שטעט און נייע טעמפּלען. איבער דעם גאַנצן לאַנד חמת איז נישט געווען קיין שטאָט און קיין וואוינאָרט, וואָס האָט נישט פאַרלוירן מענער און זין אין דער מלחמה קעגן פיינט.

ווען ארפד איז איינגענומען געוואָרן, האָט איתמר אַריינגעשיקט זיינע בעסטע רייטער צו שוינען די שטאָט. אָבער חזאל׳ס בויגנציער זענען נאָכגע־קומען אין געאייל, נקמה צו נעמען אין די אָפּקערער וואָס האָבן פאַר שוחד גע־האָלפן דעם פיינט. די קריגער פון ישראל האָבן געזען וואָס עס איז געוואָרן פון דער רייכער שטאָט אין די הענט פון די פאַרשיכורטע זיגער. טראָץ דעם וואָס די מוטיקע צווישן די באַוואוינער זענען אויפגעשטאַנען קעגן די אשורים איידער איתמר האָט געשטורעמט די שטאָט, האָט חזאל נישט געלאָזט שענקען דאָס לעבן פון די עלטסטע און נכבדים, ווייל דאָס אָרט איז געווען באַזעצט פון רייכע סוחרים פון אשור. צען טעג האָבן זיינע קריגסלייט גערויבט די הייזער, געטייט די מענער און זיך געפּאָרט מיט זייערע פרויען. די קריגער פון ישראל, דורשטיקע נאָך ווײַן און הונגעריקע נאָך יונגפרויען, האָבן נאָכגעטון די אַרמים. די פירשטן האָבן אָנגעזאַמלט רייכטימער, ווייל זייערע קנעכט האָבן פאַר זיי אָנגעלאָדנט אויף קעמלען גאָלדענע כלים, טעפּיכער און טייערע דענקמעלער פון קופּער און פּאָרפיר. דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויספירן, האָבן זיי איינגעטוישט פאַר זילבער און ווײַן. די שענסטע פרויען אין ארפד, די אַרנטלעכע אַזוי ווי די אויסגעלאַסענע, האָבן פאַרקויפט זייערע לייבער פאַר אַ פּאָר זילבערנע קני־גלעקעלעך, פאַר אַ האָרן ווײַן און אַ מעסטל ווייץ.

ביים זונאונטערגאַנג האָבן די אַרמים, פון פאַרגעניגן וועגן, אונטערגעצונדן די הייזער, כדי ביינאַכט זאָלן זיי קאָנען אויסרויבן די ווינקעלער און שענדן די פרויען און פייניקן די הענדלער, וואָס האָבן באַגראָבן אוצרות אין דער ערד, און דאָס וואָס איז פריער געשען אין בעל־גד איז געווען אַ לוסטשפּיל קעגן דעם וואָס איז געשען אין ארפד. איתמר האָט צוגעזען די שריפות פון הייזער און די רציחות פון די אומשולדיקע, און זיין האַרץ איז געוואָרן שווער פאַר דעם רויב און פאַרברעכן, וואָס האָט פול געמאַכט די שטאָט. חזאל האָט זיינע קריי־גער געגעבן פרייע הענט, זיי זאָלן זיך שלאָגן ווי לייבן אין די מלחמות פון

מאָרגן. די אַנדערע שטעט האָבן געוואָלט פאַרמיידן דעם סוף פון אַרפּד, און זיי האָבן ארויסגעטריבן די אשורים איידער דאָס חייל פון אַרם האָט געשטור־רעמט זייערע טויערן.

דער נצחון איבער אשור האָט געשטאַרקט דאָס האַרץ פון אחאָב'ן. די געשווינדע שריט פון זיין חייל און דאָס געלויף פון זיינע רייטוועגענער האָבן הילכיקער געמאַכט די שטים פון זיין בלוט. ער האָט געוואָלט רייטן פאַרויס פאַר זיין מחנה און זיין דער ערשטער אין די טויערן פון די איינגענומענע שטעט, אָבער איתמר האָט נישט צוגעלאָזט דעם קעניג צו די ערטער פון געפאַר, ווי לאַנג בן הדד איז געבליבן אין קיר־דמשק, וואָרום דער הערשער פון אַרם איז דאָרט געבליבן ווייל ער האָט נישט געטרויעט צו שטיין מיט זיין רוקן צום חייל פון אַ מלך, וואָס זיין בונד האָט ער פריער פאַרבראָכן. איתמר האָט געשיקט זיינע לויפערס אריבער דעם ירדן, אַנצוזאָגן אחאָב'ן וויפל עס איז געפאַלן פון אשור'ס חייל און וויפל שטעט ער האָט באַפרייט. דער שלאַכטמאַן האָט געבעטן דעם קעניג פון ישראל צו בלייבן אויף דער פעסטונג אין חצור, און פון דער ווייטנס זאָל ער הערן דעם אויפשאַל פון די טרומייטן אין מדבר.

דורך די לאַנגע חדשים פון מלחמה האָט דער שקלאַפן־הענדלער מלכיאל בן רם זיך אויסבאַהאַלטן. ער איז נישט ארויסגעגאַנגען אין לאַגער פון ישראל און נישט אין דער מחנה פון די אַרמים. ערשט ביים סוף פון די שלאַכטן, ווען אַרפּד איז געפאַלן, איז ער, וואָס האָט אקעגנגערעדט מלכים, אָנגעקומען איג־איינעם מיט נאָך פיר רייכע הענדלער, מיט קייטן און שטריק, און זיי האָבן אָנגעהויבן ציילן די געפאַנגענע.

צו איזבל'ן זענען אָנגעקומען די בשורות פון נצחון, און יעדן טאָג האָט זי באַפוילן די וועכטער אויפצושאַלן אין טרומייטערן אין דער אויבערשטער שטאָט. די ערשטע צייט איז די מלכה געווען פאַרוואונדערט: ווי אזוי האָבן דערשראָקענע מלכים געקאָנט אָפּשטעלן דעם שטאַרקן הערשער, וואָס פאַר אים זענען צוריקגעשפּרונגען בערג און היגלען זענען איינגעשרומפּן געוואָרן? און אפשר האָבן נאָר ליגנערישע ציינגער אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די שוואַכע פעלקער, אז אשור איז דער היישעריק פון צפון? אַלע פריידן פון לעבן וואָלט איזבל אוועקגעגעבן צו קאָנען זען ווי אחאָב, איר מאַן, פאַרלענדט דאָס חייל פון שלמנאסר, אָבער דאָס אָרט פון דער קעניגין איז געווען אין שומרון ווען דער קעניג איז ארויס אין מלחמה. צו די פעסטונגען פון חצור האָט אחאָב'ן שטענדיק געצויגן, אין צייטן פון נצחונות און מפּלות. צופוסנס יענע וועגט ליינן אוועק די שווערדן די גרויזאַמסטע שלאַכטמענער. איין מאָל, אין דער שעה פון ליבע צו די געטער, זענען אָנגעקומען אירע אייטשפּירער און דערציילט, אז אין די אונטעריאָכטע לענדער זאַמלען זיך אויפשטענדלער קעגן אשור, און איזבל האָט שוין

געוואוסט, אז פון דעם הערשער שלמנאסר איז געווארן א באהערשטער, ווייל געשלאגן געווארן פון קלענערע פון אים איז ער. אן מאכט און אן א גאט איז ער געבליבן. די ווילדערניש איז זיין טעמפל, די שפיזן זענען זיינע פאקלען, און אזא פחדן האט מורא צו שינדן מיט מעסערס זיין גוף פאר די געטער, ווארום זיין גייסט איז ווייק, אבער זיין פלייש איז שוואך.

פון לאנד חמת האבן אפגעצויגן די לעצטע אשורים, און איתמר און חזאל האבן געלאגערט מיט זייער חייל הינטער קרקר אין צוויי מחנות. אין יענעם טאג האבן די פירשטן פון ישראל אנגעטאן קליידער פון די בעסטע געוועבן און געגעסן שפייז פון די בעסטע געריכטן. דער הויפטמאן פון ארם האט געהייסן אויסבעטן פאר די לאגערן דריי געצעלטן מיט טייערע טעפיכער און אויפהענגען פארהאנגען פון געדרייטן ליינענטוך. דערנאך האט ער זיך דערנענטערט צו איתמר בן צוער און געזאגט:

— אויף דעם ארט פון וואנען דער דערשראקענער מדבר־רויבער איז אנטלאפן, ווען שטארקע מלכים זיך באגעגענען.

איתמר האט פארשטאנען די רייד פון חזאל. עס איז געווען דער טאג, ווען דער איבערבלייב פון שלמנאסר׳ס חייל איז צוריקגעלאפן ביז נינוה. די מלחמה איז אפגעשטעלט געווארן אויף יענעם ארט, און עס איז געווען דער שטייגער פון מלכים זיך צו טרעפן נאכן נצחון. אויפן דריטן טאג זענען די ערשטע אנגעקומען פון קיר־דמשק די רייטער פון בן הדד. אבער אתבעל, דער הערשער פון צידון, האט נישט ארויסגעשיקט זיינע שליחים, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט פרייען איידער דער לעצטער נצחון איז אין טויער. דערנאך זענען אנגעקומען די שליחים פון אחאב׳ן פון שומרון. הינטער זיי זענען נאכגעפארן די ראטגעבער און סופרים מיט פארמעטן אין גאלדענע שיידן, גרייטע אויפצושרייבן פאר די הערשער א נייע שבועה פון בונד און געטריישאפט. אין נאמען פון גאט פון די אבות, וואס פירט אלע מלחמות און וואס שיצט די ערדעבע, האבן די מלכים געזאלט שווערן, אז זיי וועלן נישט אויפהייבן קיין שווערד איינער אויפן אנדערן און נישט אנרירן די געמארקן און נישט צובינדן זיך צו די פיינט, און די שבועה וועט פארזיגלט ווערן מיט דעם בלוט פון די געשאכטענע טויבן.

צופוסנס א פעלזנבארג האבן די שפיזנטרעגער זיך אויסגעשטעלט אין א ראד. חזאל האט באפוילן צו ברענגען א גרויסן קופערנעם שפרינגבעקן מיט צוויי לויטערע טויבן.ביידע קריגספירער: איתמר און חזאל, אין קיווערס און מיט פאנצערס, האבן אויסגעצויגן די שווערדן. די שלאכטמענער האבן געגאפט און די קנעכט זענען געלאפן פארויס, אויף צוויי באזונדערע וועגן, צו באגעגענען די מלכים אויף זייערע פערד. ווען עס איז שוין געווען דער סוף פון

טאָג, האָט דער מלך פון קיר־דמשק געוואַרט פאַר זיין געצעלט און ער האָט געקוקט אהין און אהער, אָבער דער מלך פון ישראל האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען.

מיט א פריילעך הארץ האָט אחאָב פאַרלאָזט חצור, ווען איתמר'ס שליחים זענען נאָך אים געקומען. ער איז אריבער דעם ירדן און הינטער אים איז געריטן פקחיהו, און זיינע קאַפּיטער האָבן זיך געטראָגן פאָרויס אויף זייערע פערד. די זון האָט זיך געלאָשן אין דעם לאַנד חמת; די שקיעה־פלאַמען זענען אויסגערונען אין די שפּאַלטן פון די פעלזן הינטער די בערג; די ווענט האָבן געטרייסלט די נאַקעטע געוויקסן אין מדבר. צו בן הדד'ן, זיין גרעסטער שונא, איז אחאָב היינט געריטן ווידער איינצוזומענקען מיט אים די שווערד אין בלוט פון בונד. אָבער וואָס איז דער זיגל פון בלוט פאַר א הערשער, וואָס איז געבוירן צו באַטרוג? ווען בן הדד איז א געפאַנגענער, ציט ער זיך אויס אין שטויב, אָבער ווען דער זיגער לאָזט אים פריי — שאַרפט ער די שווערד אויף דעם, וואָס האָט אים געשאַנקען דאָס לעבן. אויף די ליפּן א שבועה, אין הארצן — פאַרראַט. דאָס איז בן הדד! אזוי איז אחאָב אצינד געריטן צו באַגעגענען זיין שונא און דעם שונא פון זיין פאָטער. א חוב איז בן הדד אים שולדיק. דעם פּרייז פון דעם לעצטן נצחון איבער ארם האָט ער נישט באַצאָלט; די פאַרנומענע שטעט פון ישראל האָט ער נישט צוריקגעגעבן, און רמות־גלעד, די פעסטונגשטאָט פון זיין פאָטער עמרי, איז נאָך נישט אויסגעלייזט.

און ווי אחאָב האָט אין מיטן רייטן געצעגערט: זאָל ער צוליב דעם וואויל־זיין פון ישראל ווידער זיך טרעפן מיט דעם ארמי? האָט פקחיהו, זיין קלוגער, זיין געטרייער, צו אים געזאָגט: מיט דעם דאָזיקן שוואכן שונא האָסטו געשלאָגן א שטאַרקן שונא. נעם־צו זיין שבועה, אָבער לייג נישט אריין דיין שווערד אין שייד! און דער מלך פון ישראל האָט געהאָרכט די עצה פון פקחיהו'ן און געטראַכט: די מלכים אין ישראל שטאַרבן יונג. דאָס מאָל וועל איך טיילן מיט אים דעם נצחון. מיין צייט איז קורץ און וויפל נצחונות קאָן איך נאָך געווינען?

די נאַכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער די לאַגערן, און פאַר די געצעלטן האָבן געברענט די פאַקלען ווען דער קעניג פון ישראל האָט זיך געטראָפן מיט זיין ערשטן שלאַכטמאַן. איתמר האָט צוגעפירט אחאָב'ן צום אריינגאַנג פון געצעלט, וואו צוויי קנעכט האָבן געהאַלטן אויסגעשטרעקט די פאַקלען.

פקחיהו האָט זיך געשטעלט הינטערן קעניג. זיינע אויגן זענען געווען לוסטיק און זיינע נאָזלעכער האָבן געשניפט פון ווינט. אָבער ווי נאָר אחאָב האָט דערזען אנטקעגן דאָס גרייסע חייל פון ארם, זייערע שפּיזנטרעגערס און פיילנוואַרפערס און רייטער מיט אויסגעשטרעקטע פאַנצערס און קיווערס, האָט

א צאָרן אין אים אויפגעפלאַמט. עס איז נישט וואוילגעפעלן דעם קעניג פון ישראל וואָס אין טאָג פון פרידן האָט בן הדד זיך אויסגעשטעלט ווי צום טאָג פון מלחמה. ער האָט געזאָגט:

— א טעות איז געווען צו קומען אויף דעם דאָזיקן אָרט.

— א טעות, וואָס וועט דערהויבן דעם כבוד פון מלך פון ישראל, — האָט איתמר געפליסטערט.

— שעכטן טויבן איז דער אַרמי געקומען אהער! —האָט אחאָב א געשריי געטון.— און אליין לויערט ער אויף מיר ווי א טיגער אויף א ווייכן לאַם.

— א טיגער מיט אָפגעשוירענע נעגל איז ער! —האָט פקחיהו אונטער־געזאָגט דעם קעניג.

זיינע לוסטיקע אויגן האָבן נאָך אלץ געלאַכט, ווען ער האָט אָנגעקליבן אויף די ליפּן נאָך ווערטער:

— און צי איז ער דען איינער? א גאַנץ געזעמל פון פעלקער לויערט אויף ישראל זינט די טעג פון דעם ערשטן קרוינטרעגער שאול.

— פאר דעם לעצטן פון אַרמ'ס מלכים האָב איך אים געקאָנט מאכן! — האָט אחאָב געזאָגט.

— קוק נישט אויף זייער גרויסער צאָל, קעניג, —האָט פקחיהו גערעדט, — בן הדד, דער באַרימער, האָט זיין גאַנץ חייל היינט ארויסגעפירט צו לאַ־גערן דאָ, ביי זיין געצעלט, ווי עס טוען די אומזיכערע.

— האָט ער זיך געשטאַרקט? — האָט אחאָב אריבערגעפירט זיינע אויגן פון דעם ראטגעבער אויף זיין שלאַכטמאַן.

— זיין באגער איז גרעסער פון זיין גבורה. קוק אויף די אַרמים, קעניג! זיי האָבן געוואָלט אריבערגיין די געמאַרקן פון שומרון, אָבער דעם שונא פון זייער לאַנד האָבן זיי אליין, אָן דיר, נישט געקאָנט ארויסשטויסן.

אחאָב האָט נאָך איין קוק געטון פון דער ווייטנס אויף דעם מאַן, וואָס באהאלט אונטער די קעניגלעכע קליידער א גוף פון א לוסטיונג. אָנשטאָט א ווארעמע הויט, האָט ער די פעל פון א חיה, און אויפן אָרט פון א הארץ — האָט ער א קופּערנעם פאנצער. ער האָט א געשריי געטון:

— די שווערד! און זאָל בן הדד שוין זיך דערנענטערן!

און ווען בן הדד'ס שאַרפע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט אחאָב'ס וואונטש, האָט ער געלאָזט הינטער זיך די רייטער מיט די שפּיזן און איז אנטקעגנגעגאַנ־גען דעם מלך פון ישראל. זיין קיילעכדיקער גוף האָט זיך געוויגט ביי יעדן

שפּרייז; זיינע אויגן האָבן געגליט און זיין צונג האָט געשפּעט. ער איז גע־גאַנגען אָן א פּאַנצער און אָן א שווערד, אזוי ווי מיט יאָרן פריער, ווען ער האָט זיך אויסגעצויגן אין שטויב פאַר אַחאָב'ן. דעמאָלט האָט ער געבעטן אויף זיין נאַקעט לעבן, היינט שפּרייזט ער ווי א זיגער, א גלייכער צו א גלייכן, און נאָך מער: ער שפּרייזט ווי דער רעטער פון לאַנד ישראל. אויף די חורבות פון זיין קעניגרייך חמת איז שומרון געשווינט געוואָרן. צי וועט דאָס דער שטאָלצער קעניג געדענקען און נישט מאָנען מער זיינע שטעט און נישט שעלטן זיין געביין, ווייל ער האָט פאַרבראָכן דעם בונד? זיין גאַנץ חייל, די קרי־גער פון פדן־ארם, פון חמת און פון קיר־דמשק זענען אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגן. אויף דעם קופּער פון זייערע קיווערס און שפּיזן לעשן זיך די לעצטע פלאַמען פון דער זון. און ווער אזוי ווי שומרון ווייס ווי צו שאַצן די רעכט פון די שטאַרקע? האָט דען נישט די מלכה איזבל אליין אויפגעשריבן אויף איר טויער: „די שטאַרקע זענען די גערעכטע"?

און ווען בן הדד'ס טריט זענען געוואָרן געשווינדער, איז אַחאָב אים אנט־קעגנגעגאַנגען אין האַלבן וועג. מיט די בליקן האָט ער געקאָנט צוימען זיינע האַסטיקע שפּרייזן. אין מיטן גאַנג איז אויף אַחאָב'ס ליפּן אויפגעגאַנגען אזא גרימצאָרן, וואָס האָט ווי א שטורעמווינט געקאָנט פאַרלעשן אלע פינצטערע באַגערן אין הארץ פון דעם אַרמי. חמת איז היינט אויך זיין, ווייל די ערד האָט דאָ געטרונקען דאָס בלוט פון די קריגער פון ישראל. אַחאָב האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן אויף אים: א מלך ווי א הענדלער, א קריגער ווי א פאַ־ררעטער. זאָל מיר גאָט פון ישראל אזוי געבן און נאָך מער, אז אויב דאָס מוז זיין פאַר דער שטאַרקייט פון שומרון, וועל איך באַפעלן איתמר'ן נישט ארויס־צוגיין פון דעם דאָזיקן לאַנד!

ביי דעם קופּערנעם שפּרענגבעקן זענען ביידע מלכים שטיין געבליבן. די קנעכט האָבן העכער אויפגעהויבן די פאַקלען. חזאל און איתמר האָבן גע־האַלטן גרייט די טויבן צו שעכטן, און אַחאָב און בן הדד האָבן געהאַט אויף די ליפּן די שבועה אין נאָמען פון גאָט און פון זייערע אָבות. אָבער אין יענער רגע איז פון הינטער די שפּיציקע פעלזן האַסטיק אַנגעלאָפן א רייטער אויף א פערד. א שליח פון פּאַלאַץ איז אין געאייל אָנגעקומען. איתמר האָט דערזען דעם דערשראָקענעם אשבעל און זיך שטאַרק געוואונדערט.

אשבעל איז אראָפּגעשפּרונגען פון פערד און געפאַלן אויף די קני מיטן שטערן צו דער ערד.

— פון דער קעניגין צום קעניג ברענג איך דאָס וואָרט, — האָט ער אין איין אָטעם געזאָגט, — יהורם, איר באַליבטער פּרינץ, איז שלאַף געוואָרן, און זאָל דער קעניג שוין קומען צום בעט פון זיין זון.

די קעניגין איזבל

אחאב האָט אויפגעהויבן די אויגן צום קנעכט, און דער כוח פון פּחד האָט אין איין אויגנבליק פאַרטריבן פון אים דעם כוח פון שנאה און דעם כוח פון לוסט. ער האָט איבערגעלאָזט די שווערד אין דעם שפּרענגבעקן און די טויב, און איז געגאַנגען צוריק צו זיין פערד. איתמר האָט געהייסן ברענגען א רייט־וואָגן, אָבער אחאָב איז שוין געזעסן אין זאָטל. אשבעל האָט זיך געטראָגן אויף זיין פערד פאָרויס, און פּקחיהו מיט די רייטער — פון הינטן. דער מלך פון ישראל איז אין גרויס געאייל צוריקגעריטן קיין שומרון צו שווינען דעם פּרינץ אין פּאַלאַץ אָנשטאָט צו היטן דעם פיינט אויפן שלאַכטפעלד.

ה

אחאב איז אנגעקומען אין פּאלאץ אין מיטן נאכט און א קנעכט האָט אים ארויפגעפירט אויפן אויבערשטן שטאָק, צו יהורמ׳ס שלאָפקאמער. איבער די טרעפּ איז געווען פינצטער, צווישן די זיילן האָבן נישט געברענט די אייללאָמפּן, ווי דער גאנצער פּאלאטין וואָלט פּלוצים איינגעהילט געווען אין טרויער. צוקאָפּנס פון דעם קראנקנס בעט איז געהאנגען א קליינער, בראָנזענער הענגלייכטער, געדרייט ווי א הירשנהאָרן. דער שוואכער שיין האָט באלויכטן דאָס בלייכע פּנים פון יהורמ׳ען, און די זילבערנע געפעסן מיט זאלבן און פלאנצן — ביי זיין פוסגעשטעל.

איזבל איז געזעסן אויף א געשטיקטן געוואנט, און הינטער איר איז געשטאנען די איבערגעשראָקענע נעמה. די קעניגין איז געווען איינגעהילט אין מאנטל פון געשנירלטן גאָלדגעוועב. עס האָט געשמעקט פון אירע שטאָפן מיט מירע און אלעאָן, און פון קאניילען זענען געווען די קליידער פון די, וועלכע איז געשטאנען הינטער איר. צום ערשטן מאָל זינט דער אויסשלאכטונג פון אירע כהנים, האָט זיך די קעניגין דערשפּירט אזוי אָנמעכטיק. זי האָט זיך אריבערגעבויגן איבער איר קראנקן זון. צו אלע געטער האָט זי פריער אָפּגעזאָגט אירע תפילות, און אצינד, אין דער רגע פון גרויסן פּחד, האָבן אירע ליפּן געפּליסטערט אויך א געבעט צום גאָט, וואָס איז ביי אחאָב׳ן דער מלך איבער מלכים און דער אלמעכטיקער איבער פעלקער.

— אויב דו האָסט אים געגעבן א קורץ לעבן, יהוה, באשעפער פון הימל און ערד, — האָט זי געבעטן, — זע, אז ער זאָל אָפּהאלטן אלע נצחונות איידער דו וועסט אים צונעמען פון מיר.

זי האָט דערזען אריינקומען אחאָב׳ן, איר זיגער, אָבער ער האָט נישט מיטגעברענגט פון דער שלאכט די רו און די זיכערקייט פאר זיין קראנקן זון. דאָס ליכט פון טאָג פאריאָגט אלע שרעקן פון פּאלאץ, אָבער איזבל׳ן איז אצינד לייכטער געווען מיט די שאָטנס פון דער נאכט אין דער קאמער און מיט דער

שטילקייט, וואָס הויערט פון די ווינקלען. פון אָנהייב האָט זי גערופן אירע רופאים, די צידונים, אָבער די וואָס קאָנען שמירן מיט איילן א געזונטן גוף, זענען שוואכער פון די פּלישתים און מצריים אין גראַנגל מיט די בייזע כוחות. דערנאָך האָט זי געשיקט נאָך דעם עלטסטן היילער פון עקרון. יהורם האָט געקראָגן יסורים אין קאָפּ, און דער היילער האָט געשפּייזט דעם קראַנקן מיט ביטערע פלאַנצן, וואָס פּאַרקרימען די ליפּן און ברענגען פּיין אין די געדערים. אויף איזבל׳ס פאַרלאַנג, האָט עובדיהו נישט געטאָרט רופן די היילער פון מלך, און זי אַליין איז נישט אָפּגעטראָטן פון בעט, ווייל זי האָט צו זיך געזאָגט: ווי גרינג עס קאָנען אירע פיינט אונטערשיקן א היילער מיט כישוף־וואַסערן צו טויטן איר באַליבטן זון. אויס מורא האָט זי אויך נישט צוגעלאָזט צום בעט אירע שטערנזעער פון בית־אל. בלויז נעמה׳ן, די געטרייע צום קעניג, האָט זי אריינגערופן אויפן אָרט פון אירע דינסטן.

אחאָב איז צוגעקומען צום בעט, אָבער אויף די ליפּן האָבן געפעלט ווער־טער פון טרייסט. איזבל האָט אים לאַנג אָנגעקוקט, אָבער אָן דער שטומער שטרענגקייט פון א באַפעלערין. דעם קעניגס אויגן זענען געווען אויף דעם שלאָפן פּרינץ, און ווי שטענדיק, ווען אחאָב׳ס האַרץ איז געווען פול מיט מורא, האָט ער געבעטן צום גאָט פון ישראל:

— אויב א מגפה איז היינט צווישן אונדז געפאַלן, הייל באַלד אַלעמען פון דער קראַנקהייט, גאָט פון ישראל! ווייל די שטאַרקע און די שוואַכע וועלן שפּעטער אויסגיין פון שמאַך. די שטראָף הייבט זיך אָן אין קעניגס הויז. אויב יסורים דאַרף זיין די שטראָף — ברענג נישט קיין ווייטאָגן אויף מיין חייל, ווייל קעגן א שטאַרקן שונא האָב איך זיי אַרויסגעפירט. אויב הונגער און דאָרשט דאַרף זיין דער לוין — טריקן־אויס מיין באַך און ליידיק־אויס מיין שפּייכלער, אָבער די מאַכט פון די קריגער פון ישראל נעם נישט אַוועק. טו שוינען דאָס פאָלק אין טאָג פון מלחמה, גאָט פון ישראל!

יהורם איז געלעגן איינגעוויקלט אין וואָלענע געוואַנטן. זיין אָטעם איז געווען שווער, אָבער פון זיין גוף זענען אויסגערונען אַלע ווייטאָגן. דער מוח איז געווען אָפן און דער בליק קלאָר. פון דעם דינעם נעפּל האָט זיך אַרויסגע־שיילט די געשטאַלט פון נעמה׳ן, א ליטערע און העלע, מיט לוסטיקע בלויע אויגן און הייסע ליפּן, אָבער יהורם האָט אין אָנהייב זי נישט דערקענט. אין זיין שלומער האָט דער פּרינץ געפרעגט: ווער איז זי, וואָס איר מויל איז אזוי פּריש ווי אָן אויפגעשניטענער מילגרוים? ער האָט נישט באַדויערט וואָס ער האָט פאַרטריבן דעם היילער פון זיין בעט. פון עקרון איז דער רופא געקומען אים אָנטרינקען מיט די זאַפטן פון פלאַנצן, וואָס זענען ביטערער פון סם. טרינק —האָט ער צו אים געזאָגט— אז די קראַפט פון די שלאַנגען, וואָס גליען

אין דעם פייער פון דער זון זאָל זיך אריינגיסן אין דיינע ביינער און שטאַרקן דיין בלוט. א פּרינץ צו א פּראָסטער מאַן — קיינער קאָן נישט בייקומען די קללה פון פארלענדונג אָן דעם ביטערן געטראַנק און אָן דער בענטשונג פון די געטער!

דעם פאַטערס אומרו און דער מוטערס פּחד האָט יהורמ'ען פארוואונדערט. פון זונאויפגאנג ביז זונאונטערגאנג איז ער דערנאָך אָפּגעשלאָפן, און ווי ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען זיין מוטער, די מלכה, שטיין איינגעבויגן ביים געלעגער און טרויערן. לעבט ער? אָדער איז דאָס דער לעצטער טאָג פארן טויט? דער היילער, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין בעט, איז פון די בעסטע רופאים אין שטאָט פון די פּלישתים, זיין צונג איז קלוג, פון זיין באָרד קאָן מען פלעכטן שטריק, אָבער זיין מוח איז ווילד, ווייל ער רעדט נישט מיט כבוד צום קעניגס זון. ער האָט ביים אָנקומען אריינגעשטאָכן א דין מעסערל אין זיין הויט און צו אים געזאָגט: פון דער דאָזיקער קרענק האָט געליטן דיין זיידע עמרי, און מיך האָט מען גערופן צו זיין בעט. אפשר האָסטו א געוויקס אין מאַרך און פּילייכט א וואָרעם אין בלוט. פאַר אַלטע לייט איז דאָס א גע־פאַר און אויף יינגלעך האָבן די געטער רחמנות. אָבער וויסן זאָלסטו: דיין פאָטערס פאָטער איז אויסגעגאנגען פון דער דאָזיקער שלאָפקייט! דער היי־לער האָט איבערגעלאָזט רפואות אין זילבערנע שיסעלעך, אָבער יהורם האָט נאָר איין מאָל די ליפּן באַנעצט אין זיי. די מוטער האָט געהייסן רופן דעם רופא פון מצרים, וואָס קאָן פאַרטרייבן א פּלאָג מיט בלויזע שפּרוכן, אָבער אין יענער רגע האָבן די ווייטאָגן זיך אָפּגעטון פון אים. קיינמאָל פריער האָט ער נישט געזען אזוי פיל הכנעה ביי זיין מוטער, די שטאָלצע קעניגין. ער האָט אצינד געקוקט מיט ליבשאַפט אין די אויגן פון זיין צעטומלטן פאָטער, דעם מלך. א מידער שמייכל האָט גערוט אויף די ליפּן און ער האָט געפרעגט:

— ווער בעט היינט פאַר דעם געזונט פון דיין פּרינץ?

— דאָס גאנצע פאָלק, מיין זון, —האָט אחאב געזאָגט,— די פּאַרכטיקע און די לעסטערער בעטן פאַר דיין גוף און פאַר דיין נשמה. איך האָב איבער־געלאָזט די שלאַכט און געקומען צו דיר, זון מיינער, ווייל פלייש פון מיין פלייש און ביין פון מיין ביין ביזטו, פּרינץ פון שומרון.

איזבל האָט צוגעשטעלט אירע ליפּן צום יינגלס אויערן און געפליסטערט:

— דיין פאָטער, דער קעניג, קאָן אָפּשטעלן די מלחמה און הייסן דאָס גאנ־צע חייל בעטן פאַר דיין געזונט, יהורם. די ליבשאַפט פון פאָלק צום פּרינץ איז אזוי ווי די ליבשאַפט צום מלך אליין. מיין זון, אויסדערוויילט ביי די גע־טער ביזטו און די וועלט איז דיין קעניגרייך.

און נעמה, וואָס האָט זיך אצינד געשטעלט ביי זיין צוקאָפּנס, האָט אויך געהאַט פאַר אים פלאַמענדיקע ווערטער:

— אין הויז פון בעל זינגען די פּלייטנשפּילער און עס פּייקלען די פּייקלער; עס שעכטן קרבנות די כהנים און מיידלעך טאַנצן פאַרן מזבח. און ווייסטו, אז נאָך היינט וועלן איבערלאָזן די הענדלער די מערק און די שניטער וועלן אוועק פון די פעלדער און זיי וועלן קומען אין שטאָט אריין אויסגיסן זייערע הערצער צו גאָט פאַר דעם קעניגס יינגסטן זון?

יהורם האָט אויפגעהויבן צו איר די אויגן, און א ווארעמער שטראָם האָט געריזלט אין זיין בלוט. ווידער האָט ער געקוקט אויף דער, וואָס אירע אויגן גליען און אירע ליפּן רופן. נענטער פון אלעמען אין דעם הויז איז צו אים די מוטער, אָבער די ערשטע ביי זיין צוקאָפּנס שטייט די פרעמדע. אירע פינגער האָבן ארומגענומען זיין קאָפּ און איידל איינגעריבן זיינע שליפן. יהורם האָט געוואָלט אריבערקוקן דעם אייגענעם שטערן, און דערזען ווי פונעם אויבערשטן געוואַנט פון איר דופּטיק קלייד הייבט זיך ארויס איר ווארעמער נאַקן און לאָזט זיך אראָפּ איבער אים נידעריקער און נידעריקער. פון זיינע קראַנקע גלידער האָבן פּלוצים ארויסגעשפּאַרט דערשטיקטע כוחות. אויפן אָרט פון דער שלאַפּקייט האָט אויפגעוואַכט א קראַפט. נישט קיין קראַנק יינגל איז געלעגן אין דער טונקעלער קאַמער, נאָר א רייפער, גלוסטיקער מאַן. דער ריח פון אלעאָן, וואָס האָט געשלאָגן פון איר הויט, האָט אים אָנגעטרונקען ווי מיט שטאַרקן וויין. ער האָט פּלוצים אויפגעהויבן זיינע הענט און הינטערווייליקע ארומגענומען איר האַלדז און א ריס געטון איר קלייד, וואָס איז געווען אויסגעשטיקט פון קאַניילן. דאָס איידעלע געוואַנט איז זיך צעפּאַלן ווי שפּינוועבס; איר אויבערשטער טייל לייב איז געבליבן אָפּגעדעקט, די אָרעמס מוטער־הויל, און פון אירע אנטבלויזטע בריסטן האָט געבלענדט מיט יענער ווייסקייט, וואָס איז פאַרווערט פאַר די אויגן פון א פּראָסטן מאַן און איז רעכט פאַר דעם פּרינץ.

נעמה האָט צוגעדעקט איר פאַרשעמטקייט מיט די הענט, און די קעניגין האָט אין איין אויגנבליק זי איינגעהילט אין דעם צעפּאַלענעם געוואַנט. דערנאָך האָט זי אראָפּגענומען איר אייגענעם מאַנטל און אים ארויפגעוואָרפן אויף נעמה'ס אקסלען און זי אָפּגעפירט צו דער טיר. אין יענער רגע האָט זיך אין אריינגאַנג באַוויזן אָהליאָב מיט שטראַלנדיקע אויגן און רו אויף די ליפּן. פאַר דעם מאַן, וואָס האָט געקאָנט איינשטילן אויפשטענדלער און זיך פרייען מיט דעם פרידן אין לאַנד, זענען נישט געווען קיין שלעסער אויף דעם קעניגס טירן, און ער איז געקומען ווי נאָר ער האָט געהערט, אז דער פּרינץ איז שלאַף געוואָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו אחאַב'ן און פריילעך אויסגערופן:

— נישטאָ מער קײן געפאַר אין קעניגס הויז. איך האָב ערשט אין טויער פון שטאָט געזען דעם הײלער פון עקרון.

אָבער איזבל האָט אָנגעװיזן מיט א פינגער אויף דעם געלעגער און גע־זיפצט:

— מײן זון איז קראַנק. דער, װאָס איז געבוירן צו טראָגן די קרױן, איז שלאַף. אויב אמת האָט געזאָגט דער הײלער, אז א געװיקס איז אין זײן מוח, איז גרויס די געפאַר אויף זײן קאָפּ.

אויף אָהליאָב׳ס זאַטע ליפּן איז געװען שפּאָט.

— די, װאָס קניען הײנט און בעטן פאַר דעם געזונט פון זײן לײב, —האָט ער געזאָגט,— פאַרװאָס פרײען זײ זיך נישט מיט דעם גוף אין טעג פון גליק? איך בין געקומען שטאַרקן דאָס הארץ פון יהורם, װײל איך גלויב אין דעם כוח פון בלוט און פלײש, װאָס איז שטאַרקער פון דער מחשבה. האָרכט נישט די רײד פון די הײלער און שטערנזעער. און צום קעניג, װאָס איך האָב די װערט זײן פרײנט צו זײן, זאָג איך אצינד: זינק נישט אײן װי אן אָבל אין די שאָטנס פון דער נאכט, אין טאָג פון דײן נצחון!

אָהליאָב איז אויף אײן רגע אנטשװיגן געװאָרן און דערנאָך האָט ער װי־דער געזאָגט:

— מיר קאָנען בלאָנדזשען אין אונדזערע געדאנקען, אָבער דאָס קול פון בלוט איז אײביק װאָר. די מחשבה בליצט־אויף אין אונדזער מוח װי אן אויגנ־בליק און זי באַפעלט אונדז װאָס צו טון. דעריבער איז זי א צאָם אזױ װי דאָס געשפּאַן אויפן האלדז פון אן אָקס. האָט נישט קײן פּחד איבער דעם מידן פּרינץ, מלכה. װי לאַנג דאָס בלוט פליסט אונטער זײן הויט איז זײן גוף אָנ־געגאָסן מיט דער קראַפט פון לעבן.

— איז נישט דאָס בלוט קראַנק װען דער מוח איז שלאַף? —האָט אחאָב געפרעגט.— און װאָס איז די װערט פון דעם גוף אָן געזונט בלוט?

— דער גוף איז װי א ברענענדיק ליכט, —האָט אָהליאָב געענטפערט,— און פליסיק װי א לויטערער טײך. אָבער דער מוח איז נאָר אן אָפּשײן, װאָס פאַלט ארום אונדז. אלע, דער הערשער און דער שקלאַף, זענען אזױ פאַרטון מיט טראַכטונגען װעגן געזעץ, משפּט און מלחמה, אז פאַרגעסן האָבן זײ װעגן דעם װערט פון אונדזער פלײש און בלוט. טאָג און נאכט לויבן מיר דעם באַ־שאַף ארום אונדז און מיר זעען נישט װי דער פלאַם אין אונדזער בלוט װערט אויסגעברענט. פאַרװאָס שרײען מיר נישט אויס יעדן פרימאָרגן אזױ װי דער פויגל, װאָס פלאַטערט איבער די צװײַגן און װי דער פראָש, װאָס שפּרינגט אין דעם זומפּ: גאָט, דו װאָס האָסט אונדז באַשאַפן, בענטש אונדזער דאַזײן, װײל מיר זענען װאָרעם און רײן אזױ װי די לוסט אין אונדזער בלוט!

און אֲהליאָב האָט זיך א קער געטון צו דער קעניגין און פרײלעך געזאָגט:

— אײדער די זון װעט אויפגײן, װעט יהורם װידער עסן דאָס פעטס פון א לאַם און ער װעט טרינקען װײַן פון טרויבנבלוט.

יהורמ׳ס אויערן האָבן אײַנגעזאַפּט אֲהליאָב׳ס רײד. זײַן געהער איז געװען שאַרף און זײַן מוח אָפן, און ער האָט געטראַכט: מײַן מחשבה איז גרעסער פון די טראַכטונגען פון דעם רײַכן הענדלער, װײַל זי איז אײביק װי דער הימל. אָבער אֲהליאָב׳ס ליפּן זענען רײן פון זיפצן װען ער קומט אין א פרעמד הויז. װי אנדערש איז ער פון דעם לערער יצהר בן רעואל. װאָס לערנט, אז דער פאַרגעניגן פון גוף איז א פײַן פאַר דער נשמה.

די רו איז װידער אװעק, און א װײטאָג אין די ריפּן האָט אים געשטאָכן, װי מען װאָלט אַרײַנגעלאָזט הײסע נאָדלען אין דער הויט. ער האָט געזיפצט און זיך געװאָלט אויפהײבן, אָבער די שלײפן האָבן געברענט און פאַר די אויגן איז געשװאָומען א נעפּל, װאָס איז לאַנגזאַם צעקראָכן װי רויך. ער האָט געגעבן א צײכן מיט דער האַנט, אז נעמה זאָל זיך דערנענטערן. אויף אירע שטערן בליקן האָט די קעניגין מיט א קאָפּ־שאָקל איר געהײסן פאָלגן. נעמה איז צוגעקומען צום בעט און יהורם האָט אָנגעהאַנגען אויף איר זײַנע מידע אויגן. די בלױע קאָלנער־פאַלדן פון קלײד, װאָס זי האָט איבערגעטאָן, האָבן צוגעדעקט איר נאַקן און אירע אָרעמס, װאָס ער האָט פריער אַנטבלױזט. אירע געװיקלטע קנױלן האָר ביז אַראָפּ צום האַלדז זענען געװען אײַנגענומען מיט א זילבערנעם קאַם. און װי נעמה װאָלט דערהערט זײַן באַגער, האָט זי זיך איבערגעבױגן איבער אים. אין אירע אויגן איז נישט געװען קײן צאָרן איבער דער פאַרשעמונג, נאָר א שפּאָט, געמישט מיט רײץ, האָט אין זײ געברענט. אירע ליפּן זענען געװען גלוסטיק, גרײט אײַנצוזױמען אין זײַן אױער דעם לעצטן סוד פון דער װעלט. ער איז נישט מיד געװען צו קוקן אויף איר. הינטערן בלױען געװאַנט אויף איר לײַב, האָט איר בוזים זיך געהױבן האַסטיק אזױ װי שטורעמװײען; איר מויל איז געװען אָנגעגאָסן מיט זאַפט, װי דער ניפּל פון אן אָנגעקװאָלענער װאַרעמער ברוסט. א קלײנער שליסל עפנט גרױסע טירן, — האָט יהורם געטראַכט. און דורך דעם װינקל פון לינקן אויג האָט ער דערזען איר שײַנע געשטאַלט. אזױ װי א פלאַם, װאָס באַלױכט די װעלט, איז זי פאַר אים געשטאַנען. פאַרװאָס האָט ער ביז הײַנט נישט געזען הינטער זײַן קאַמער די, װאָס װאַרט שטענדיק הינטער קאַמערן פון פּרינצן?

דער װײטאָג פון די ריפּן האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לײַב און באַלד אויסגערונען. די הענט זענען אים נאָכגעהאַנגען װי א שװערע משׂא; די פּיס זענען געװען אָפּגעשטאָרבן און אויפן שטערן האָט אַרױסגעשלאָגן א קאַלטער שװײס. פּלוצים האָט ער דערשפּירט װי א װײכע האַנט באַנעצט זײַנע ליפּן

און ווארעמע פינגער פּאַטשן אים איבער די שלייפן. לאָזט ער זיך ווידער אראָפּ אין א טיפן שלומער? פארוואס וועקט מען אים צום לעבן? טראכטונגען קומען און גייען; איינפאלן בליצן־אויף. אין זיין הייסן מוח פלאטערן מחשבות ווי ווילדע פייגל, און הינטער די מחשבות גייט קיינמאל נישט אוים דאָס לעבן.

און ווי איזבל האָט א קוק געטון אויף איר זון אין זיין אָנמאכט, האָט זי אריינגעכאפּט זיין קאָפּ אין אירע הענט און אים געדריקט צום הארצן. פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן די ערשטע טרערן. אין פארלוירנקייט האָט זי געקוקט אויף אָהליאָב'ן, וואָס איז פריער אריינגעקומען מיט טרייסט אויף די ליפּן, און אצינד איז ער שטום ווי א פיש. זי האָט געמאָנט הילף ביי אלע פארבאָרגענע כוחות. אליין איז זי גרייט געווען ארויסצולויפן און ברענגען דעם פארהאסטן צויבערמאן פון מצרים, אויב די געטלעכע מענער פון ישראל וואַרטן אויפן טויט פון דער מלכה'ס זון. קיין חכם איז נישט צו־שטאָלן און קיין היילער צו־טייער, אז ער זאָל זיך היינט אָפּזאָגן צו קומען צו יהורם'ס בעט.

— פאר ישראל וועל איך אים ראטעווען! — האָט זי א געשריי געטון און איז ווידער צוגעלאָפן צום קראנקן זון.

און באלד האָט זי זיך אראָפּגעלאָזן פאר אים אויף די קני. דער געלאסע־נער אָהליאָב האָט פון דער ווייטנס געקוקט אויף דער צעטומלטער מלכה און נישט א ריר געטון מיט אן אויג, ווי איינער וואָס וואַרט אז די שטורעמווינטן זאָלן פארביי. נעמה האָט שטום געוואַרט, אז דער קעניג זאָל מיט איר באפעלן. אָבער אחאָב איז געשטאנען הינטער דער מלכה, און איזבל האָט געפּליסטערט א תפילה.

— בעל, פאָטער פון הימל און ערד! עשתורת, געטין פון לעבן! אויב איר האָט אים געגעבן א קורץ לעבן, זאָל ער היינט נאָך א מאָל אויפשטיין פון בעט און ארויסגיין צו זיין ערשטן נצחון, ווייל אויך ביי די שוואכע אנטפּלעקס־טו מאכט אין די ווינציקע טעג פון זייערע יאָרן.

אחאָב האָט געהאט זיין אייגן געבעט:

— דער פרינץ פון ישראל איז ער! שטארק אים, גאָט, און שטעל אים ביי מיין רעכטער זייט! איך וועל אים מיטנעמען אין דער מלחמה און ער וועט נישט רייטן הינטער דער מחנה, נאָר טראָגן וועט ער זיך אין ערשטן רייט־וואָגן פאָרויס און זיין שווערד וועט ווערן זיין פאָן!

ווען דער מלך מיט דער מלכה האָבן אָפּגעזאָגט זייערע געבעטן, איז יהורם שוין געווען פארזונקען אין שלאָף. אָהליאָב האָט זיך דערנענטערט צום בעט און באטראכט דעם אָפּגעצערטן פרינץ, וואָס איז נישט העכער פון א קליין וועזן אין דעם ווייטן אויסגעשטרעקטן אין־סוף. ער האָט געזאָגט:

— לאָזט שלאָפן דעם פרינץ. זיין הארץ פּליסט רואיק ווי א קילער טייך,

אָבער ווי א הייסער שטראָם וועט ער זיך אויפכאַפּן און פליִיצן ווען ער וועט ווידער עפענען די אויגן. אצינד האָב איך א בשורה פאר אייך. לאָמיר ארויס־גיין באגעגענען די פּרינצעסין פון ירושלים.

איזבל האָט אויסגעשריגן:

— עתליה אין שטאָט?

— איך בין אין איר רייטוואָגן געפאָרן ביז צום פאלאץ, —האָט אָהליאָב געשמייכלט,— אָבער זי איז געבליבן אין דער קעניגינס קאמער. די דינסטן קעמען אירע האָר און בייטן איבער אירע קליידער. עס איז נישט גוט אריינ־צופירן א גאסט צום בעט פון א קראנקן.

איזבל איז שוין געווען אויף די פיס, און איר הארץ איז פלוצים איינגע־שטילט געוואָרן ווען זי האָט געקוקט אויף דעם שלאָפנדיקן זון. מלאָכים וועלן וואכן איבער אים ביז זי וועט צוריקקומען, און בעל־שמים אליין וועט אויסקושן זיין צארט פּנים. אויב וואָר איז, אז איר יינגסטער זון איז פארהאסט ביי גאָט פון ישראל, מוז אויך זיין אמת, אז נאָר די וואָס דער הימל האָט זיי ליב, שטארבן יונג. זי האָט אָנגענומען אחאָב'ס אָרעם און אין געאייל געגאנגען צו דער טיר און געזאָגט:

— ווי גרוים מוז זיין דאָס געדודער אין יהושפט'ס הויז, אז עתליה האָט פארלאָזט ירושלים אָן א פארמעט־בריוו און אָן א שליח פאָרויס.

ו

צומאַרגנס ווי עתליה איז אָנגעקומען אין פּאַלאַץ, איז יהורם ארויס פון זיין שלומער, ווי פון ירושלים וואָלט די שוועסטער געברענגט היילונג פאַר דעם קראַנקן ברודער. נאָכן זונאויפגאַנג איז נעמה געבליבן ביי זיין בעט, און ער האָט מיט לוסט געטרונקען ווייִן פון איר בעכער. אַלע ווייטאָגן פון גוף זענען אוועק און דאָס בלוט האָט אויפגעוואַכט מיט פרישער תאווה צום לעבן. דער פרידלעכער אַהליאַב איז געווען גערעכט, און דער פּחד, וואָס דער היילער פון עקרון האָט אריינגעטראָגן אין פּאַלאַץ, איז אויסגערונען אינאיינעם מיט די שאָטנס פון דער נאַכט. ווען איזבל האָט אויף דער שוועל זיך צעקושט מיט דער טאָכטער, האָט זי ארויסגעלאָזט א שטילן זיפץ. אין דעם זיפץ איז געווען דער געוואַלד־געשריי פון א האַרץ, וואָס עפנט זיך מיט דעם ערשטן פּיין. אָבער אין פרימאָרגן, נאָכן מאָלצייט, ווען אַהליאַב האָט פאַרלאָזט דעם קעניגס הויז און אחאָב איז ווידער אריינגעגאַנגען צו יהורמ'ען, האָט איזבל א פרייליכע זיך אָפּגעשלאָסן אין דער טורעם־קאַמער מיט איר טאָכטער, וואָס האָט געברענגט אַנזען צו יהודה. זי האָט געקוקט אויף איר קאָפּ, וואָס איז אויסגעפורעמט מיט שיינקייט און קראַפט און אויף אירע ליכטיקע אויגן, וואָס זענען ווי אָפענע פענצטער צו דער וועלט. איר פּנים איז געשניצט ווי עלפאַנטביין, — האָט איזבל געטראַכט, — פאַר די געטער שטייט זי מיט ווירדע און מאַכט. אומגע־ריכט איז זי געקומען און אומגעריכט האָט זי געברענגט היילונג צו יהורמ'ען.

אָבער איזבל'ס פרייד האָט זיך געלאָשן אזוי גיך ווי זי האָט געהערט אַלץ וואָס איז געשען אין ירושלים. נישט ווי א שטאָלצע פּרינצעסין, נאָר ווי א פאַרשעמטע פּרינצעסין וואָס לויפט זוכן טרייסט ביי איר מוטער, איז עתליה געקומען. ווי אזוי האָט זי, איזבל, ביז היינט נישט געוואוסט, אז ווי א שטיפ־טאָכטער איז איר קינד אין הויז פון מלכים? זי איז היים געליבט און שטאַרק געהאסט. איר מאַן, יורם, ווישט דעם שטויב פאַר אירע פיס, אָבער די פירשטן און כהנים זייען דערנער אויף איר וועג. און נאָך א סוד האָט זיך איזבל דער־

וואוסט, א סוד וואס קאן זיין א בענטשונג אין הויז פון יעדן קעניג: עתליה טראגט א צווייט קינד אין איר טראכט. מיט שרעק האבן די פירשטן אין ירו־שלים אנגעזאגט איינער דעם אנדערן, אז די פרינצעסין גייט געבוירן א צווייטן זון, איידער יהושפט׳ס יורש טוט אן די קרוין פון יהודה. ביי א פריילעכן מאלצייט האט דער שטאלצער יהושפט אויסגעזאגט דעם סוד פון איר טראכט פאר זיינע ראטגעבער, אבער די פעלדהארן האבן אויפגענומען די בשורה פון געבורט אזוי ווי די בשורה פון טויט. דאס צווייטע קינד פון עתליה, — האבן זיי געזאגט, — איז אזוי ווי דאס ערשטע, דאס אייניקל פון איזבל, די פאר־שטויסענע פון יהוה און פאראומגליקערין פון ישראל. אויב איר ערשטער זון אחזיהו וועט נישט רייף זיין פאר דער קרוין, קאן דאך דער צווייטער געבוירע־נער זיצן אויפן טראנשטול. ביז צום צענטן דור וועט דאס בלוט פון איזבל פליסן אין די אדערן פון אירע קינדס־קינדער, און ווער קאן ערב זיין, אז די מלוכה פון יהודה וועט נישט ווערן אזוי ווי די מלוכה פון שומרון?

אויס צארן צום פאלשן פחד פון די פירשטן אין ירושלים, אויס נקמה וואס זיי וועלן זי שפעטער דינען ווי א פרעמדע מלכה און איר זון ווי א פארהאסטן פרינץ, האט אין עתליה׳ן אויפגעוואכט א באגער שטארקער צו מאכן די מלוכה פון איר פאטער און מוטער. צי האט דען די קליינע יהודה נישט שטענדיק געווארט אויף הילף פון דער גרויסער ישראל? קעגן די ביינט פון די פליש־תים אין דרום האט שומרון פארהיטן ירושלים, און אין די מלחמות פון ארם אין צפון איז שומרון געווארן א פאנצער פאר יהושפט׳ס מלוכה. וויפל שלאכטן מוזן די מלכים אין ירושלים נאך פארלירן, און וויפיל גאלד פון די אוצרות אין בית־המקדש מוזן זיי נאך אוועקטראגן פאר צינזן צו די פרעמדע זיגער, אז זיי זאלן אנהייבן אכטן די מאכט פון שומרון?

ביזן האלבן טאג האט עתליה אלץ ארויסדערציילט פאר איר מוטער, די מלכה פון איר ליבשאפט און האס, פון אירע באגערן און ווידערווילנס. ווען דאס בלוט האט אין איר אויפגעזאטן, האט זי גערעדט ווערטער פון ווארענונג:

— באפעסטיק שומרון, מוטער, און שטארק דיינע שטעט. דיין טאכטער וועט אמאל קומען זיך שיצן אין דיינע פעסטונגען.

ווען איזבל האט דאס דערהערט, איז א גרויסע זארג זי באפאלן. אירע טריט ברענגען זיי אין ירושלים, — האט זי געטראכט, — זיי ווילן עתליה׳ן דער־נידעריקן דארט, וואו זי איז פאר א הארינטע אויסדערוויילט! טויזנט מאל פריער האט איזבל געמאנט א טאג פון אפרעכענונג מיט ירושלים, אז זי און דער קעניג זאלן זיך זעצן מיט דעם מלך און די פירשטן פון יהודה און אפנעמען די לאנדשטיקער וואס ירושלים איז שולדיק געבליבן שומרון נאך אין די טעג פון בעשא. רמה איז די אפענע טיר צו מיין קעניגרייך און א צאם פאר אדום

און פּלשת, —האָט א שטים אין איר געשריגן,— און אויף רמה וועל איך שיקן די ערשטע קריגער, זיי זאָלן די טיר פארשליסן!

אין הארצן האָט איזבל שוין איבערגעציילט אלע שטעט, וואָס וועלן ווידער אריינפאלן צו שומרון ווי רייפע פרוכט אין א קאָרב; און נאָר אין יענעם טאָג וועלן די הערשער, וואָס געניסן פונעם גנאָד פון ישראל, אכפערן די טאָכטער פון שומרון אין זייער קרוינשטאָט. איזבל האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן אויף עתליה'ן, און אויף איין רגע איז פארלאָשן געוואָרן די נקמה און אויפגע־לויכטן האָט די ליבשאפט אין איר מוטערלעך הארץ. ווי איינזאם איז מיין קינד אונטער דער שוץ פון א פרעמדער קרוין, —האָט זי גערעדט,— אירע אויגן זענען ווי ווארעמע ליכט, און אויפן מויל א שמייכל, וואָס קאָן איינגעמען הערצער פון גרויזאמע. ווען עתליה איז נאָך געווען א קינד, האָט זי אלעמען גע־זאָגט אירע שטארקע באגערן. איר גאנג צווישן די קופּערנע שפּיגלען אין שפּא־ציר־זאל איז געווען ווי זי וואָלט פליגלען געטראָגן אויף די אקסלען. בלויז איין פעלער האָט די קליינע פּרינצעסין געהאט ווען זי האָט זיך באוויזן ביי א מאָל־צייט פון קעניג: זי האָט זיך נישט פארנייגט מיט כבוד פאר געאכפערטע געסט, ווייל זי האָט נישט געשאָנקען קיין אָנזען צו די, וואָס זייער ערלעכקייט האָט זי נישט געקענט. כבוד צו די אָנגעזעענע און פאראכט צו די הינטער־ליסטיקע! — דאָס איז געווען דער רוף אין אחאב'ס הויז, וואָס די יונגע עתליה האָט געפאָלגט. און איזבל האָט אצינד דערזען, אז די טאָכטער איז דאָס אָפּ־בילד פון איר אליין.

דער ערשטער פארלאנג איז ביי איזבל'ן געווען רייף: זי וועט רופן יהושפט'ן קיין שומרון, אים צו דערמאָנען זיין ווערט, און דערנאָך וועט זי פאָ־דערן צוריק איר חוב פון יהודה. ביים זונאויפגאנג, ווען די מידע עתליה איז אויפגעשטאנען פון שלאָף נאָך א נאכט פאָרן אין איר רייטוואָגן, האָט די מלכה אריינגערופן אין דער קאמער פון מגילות איר ראטגעבער חירם, דעם בעסטן לאנד קענער פון דרום. דער מלך האָט זיך געגרייט צוריקצורייטן נאָך בעל־גד, אָבער איזבל האָט אים פארהאלטן, און ער האָט זיך געזעצט נעבן עתליה'ן. חירם האָט געטראָגן א לאנגן שווארצן מאנטל מיט א גאָלדענעם קאָפּבאנד צו־געפּעסטיקט צום שיידל. פון זיין ברוינעם נאקן האָט געבלאָזן דער ריח פון מור. דער צידוני, מיט א באָרד ווי א צאָפּ, האָט פארשטאנען, אז גרויסע טעג קומען אויב די מלכה האָט אים גערופן צו הערן דעם סוד צווישן איר און דער, וואָס וועט ווערן די קעניגין פון ירושלים. און כדי צו ווייזן פאר איר ראטגעבער איר זאָרג פאר דער מלוכה, האָט איזבל נישט געהייסן ברענגען קיין ווין און קיין שפּייזן. זי האָט צו אים געזאָגט:

— איך האָב דיך היינט גערופן צו הערן זאכן, וואָס זענען פארווערט פאר

די אויערן פון פרידלעכע ראטגעבער, נאר שלאכטמענער מעגן דאס וויסן, ווייל א סוד אין קעניגס הויז גיי איך פאר דיר אויפדעקן.

חירם האט זיך פארנויגט:

— צי ווייס איך דען דאס נישט, מיין קעניגין? ביים אריבערגיין די שוועל האב איך צו זיך געזאגט: די מלכה מוז טראגן א גרויס געהיימניש אין איר הארץ, אז זי רופט מיך צו זיצן צוזאמען מיט דעם קעניג און מיט דער פרינצעסין פון ירושלים.

איזבל האט אים געשאנקען אן אייליקן בליק פון א מאכטהאבערין, וואס האט נישט קיין צייט פאר רייד פון אונטערקויף. זי האט געפרעגט:

— פון רמה ביז אשקלון, ווי גרויס זענען די שטרעקעס לאנד? וויפל פעסטונגען זענען דארט אויסגעשטעלט, און ווי שטארק איז דער נציב אין יענעם ארט?

— ווי א מדבר, אזוי גרויס ציט זיך דאס טרוקענע לאנד דארט אין דרום, —האט חירם געענטפערט.— די שטעט זענען געפאנצערטע מויערן, וואס טיילן אפ יהודה פון ישראל. אין גת און אין אשקלון האט נאך פריער דער קעניג אסא אויפגעשטעלט פעסטונגען, אבער די פלישתים לייערן הינטער זיי, ווי אין די טעג פון שמשון.

איזבל׳ס שטים איז געווארן העכער:

— נישט די פלישתים זענען היינט א געפאר. איך האב געפרעגט: ווי שטארק איז דער נציב פון רמה? מיט וועמען האלט ער א בונד? וואס האט ער ליב און וואס האט ער פיינט?

חירם האט א רגע געשוויגן און זיך פארטראכט, אז די צונג זאל קאנען ענטפערן לויט א סדר, אזוי ווי עס האט ליב די שטרענגע מלכה. דערנאך האט ער געזאגט:

— זיין מאכט איז גרעסער ווי ביי די נציבים אין מזרח. ער איז גרויזאם צו די ווידערשפעניקע פון די פרעמדע פעלקער, וואס וואוינען אין דרום-לאנד. די כושים און די אראבער רופן אים: קינן דער אכזר! ער פארזוכט נישט קיין ווייַן און איז אפגעשיידט פון פרויען. מיט דעם קעניג אליין האלט ער א בונד, דעריבער איז זיין ארעם שטארק.

— אין הארץ פון יעדן אכזר איז דא ארט פאר פיינטשאפט און ליבשאפט. וויפל דערפון פארמאגט קינן?

— ער האט פיינט די לעבעדיקע כהנים פון צידון און ער האט ליב זיינע טויטע שונאים. איין גרויסער פחד יאגט אים נאך: ער שרעקט זיך פארן שווערדן-געפעכט. דעריבער טרעטן נישט אפ די קאפיטער פון זיין געלעגער ביינאכט.

— איז נישטאָ קיין איינציקע זאַך, פון וואָס דער מאַן אין רמה האָט פאַר־גניגן? — האָט די מלכה געפרעגט.

— יאָ, דער פאַרגעניגן פון אייגענעם גוף,— האָט חירם געהאַט א שמייכל אויף די שלויע ליפּן,— ער האָט ליב מען זאָל יעדן אָוונט איינרייבן זיינע ביי־נער מיט לויטערן אייל. ער לאָזט נישט צו דעם קנעכט צו זיך. די הענט פון זיין רופא מוזן קנעטן זיין לייב. און דער רופא האָט מאַכט איבער דעם שטאַרקן קינג, און הייסט אים טון זאַכן לויט זיין באַגער. ווען זיין הויט ווערט ווארעם, ווערט זיין ווילן ווייך און דער רופא, דער איילשמירער, לייזט־אויס די אַנגע־זעענע לייט, וואָס קינג וויל אומברענגען אין געפענגעניש. קינג אליין זאָגט וועגן זיין איילשמירער: ביי יעדן רייב אויף מיין לייב נעמט ער ארויס א גע־פאַנגענעם פון מיינע הענט.

איזבל האָט אויסגעהערט חירם׳ען און אריבערגעטראָגן איר בליק אויף דעם נידעריקן עלפאַנטביין־בעט, וואו עס איז געווען אָנגעלענט עתליה, לויטער און פריש אזוי ווי דער טוי אין פרימאָרגן. דאָס בעט איז געווען איבערגעדעקט מיט א פעל פון א לעמפּערט און די קישנס זענען געווען אָנגעפילט מיט פע־דערן פון קאָלירטע פייגל, וואָס זענען באַליבט ביי עשתורת, — די געטין פון פּרוכטבאַרקייט. אייך עתליה איז דער ליבלינג ביי די געטער, — האָט איזבל געטראַכט. פון די פאַנען אין די פיר ווינקלען האָבן זיך געטראָגן ריחות פון נאַרד, צימערינג און מור, וואָס האָבן געבלאָזן ווי מילדע ווינטעלעך אויף דער דערצאָרנטער מלכה. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען נאָענט צו חירם׳ען.

— איז נאָך דאָ איינער אויסער קינג, וואָס היט רמה? —האָט זי געפרעגט.

— ער אליין רעגירט איבער דער שטאָט, וואָס איז אמאָל געווען דאָס פרידלעכע געבוירנשטאָט פון א נביא און היינט איז דאָס א פעסטונג מיט וואָפן פאַר ירושלים.

איזבל האָט איינגעאָטעמט די שמעקעוודיקע ריחות אזוי ווי שטויב, וואָס וועפט־אויס אין ווינט, און געטראַכט, אז ווי שטויב וועט צעפאַלן רמה אָן איר נציב. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן, און פאַר חירם׳ען איז דאָס געווען א צייכן, אז די מלכה האָט אויף אירע ליפּן א באַפעל.

— דער נציב פון רמה, —האָט זי האַסטיק גערעדט,— אין דריי טעג זאָל ער דער געפאַנגענער פון שומרון זיין! נאָך מאָרגן, אין מיטן נאַכט, וועסטו אהין שיקן הונדערט פון דעם קעניגס רייטער. איך וויל, אז א פרידלעכער ראַט־געבער זאָל נעמען געפאַנגען א גרויזאַמען הערשער. און געדענק, חירם! אלץ וואָס דו האָסט דאָ געהערט, זאָל זיין באַגראָבן אין דיין האַרץ!

דער קעניגינס באפעל איז געווען העכער פון אלע געבאָטן, אָבער הירם האָט א צעטומלטער זיך פארנייגט.

— זיין הויז שטייט אָפגעשלאָסן אויף א בארג, —האָט ער געזאָגט,— דאָס מייער ווערט געהיט אזוי ווי די העכסטע קאַמער פון קעניגס טורעם.

— נעמה, דעם קעניגס דינסט, וועט עפענען די טיר פון זיין טורעם.

און זי האָט שארף א קוק געטון אויף אחאב'ן, וואָס איז געזעסן מיט פאר־זיגלטע ליפן און געוואַרט ביז זיין מלכה האָט אויפגעדעקט דעם סוד פון איר הארץ. דערהערנדיק, אז זי איז גרייט ארויפצוציען מיט שטורעם אויף רמה, ווען דאָס פייער פון דער מלחמה מיט שלמנאסר איז נאָך נישט פארלאָשן, האָט אחאב אויפגעציטערט. פון אומרו האָבן די קינבאקן איבער דער ראָם באָרד זיך פארשפיצט, אויפן שטערן איז ארויסגעשוואומען א וואָלקן פון מורא.

— צי וועט עתליה פארראטן די שטאָט פון איר מלוכה? — האָט ער געפרעגט און זיך דערנענטערט צו זיין טאָכטער.

— רמה איז די שטאָט פון שומרון! מיט דיין חסד זיצט יהושפט אין איר! -- האָט איזבל אויסגערופן.

-- יהושפט איז ווי א ברודער צו שומרון אין ווי א פאָטער איז ער צו עתליה'ן. זיינע קריגער זענען מיינע און זיינע פערד זענען מיינע. אין א נויט וועט ער מיין אָנשפאר זיין! א מלחמה אויף רמות־גלעד וואַרט אויף אונדז!

איזבל'ס אויגן האָבן אויפגעפלאַמט מיט שפאָט. ווער איז אחאב? א וועכטער פון זיין מלוכה, אָדער א געפאנגענער ביים שונא? מיט איין שפרייז איז זי געשטאַנען נעבן איר טאָכטער.

— לאָמיר פרעגן די, וואָס קומט פון דער מלוכה פון דיין ברודער יהושפט, —האָט זי געזאָגט.— רייד עתליה דאָס, וואָס דיין פאָטער דער מלך וויל הערן.

א שקלאפין מיט א בעקן גליענדיקע קוילן אויפן קאָפ איז אריינגעקומען אויפצורודערן די פאנען ווייראיך, אָבער אויפן צייכן פון דער מלכה איז די שקלאפין אין געאייל ארויס. עתליה האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן אזוי ווי א קינד, וואָס מען וויל אויספרואוון ביי אים די קלוגשאפט, אָבער איר קול איז געווען שטארק.

— דער ווילן פון מיין מוטער, די קעניגין, איז אזוי ווי מיין ווילן, —האָט זי הילכיק געזאָגט,— אויף אירע קני בין איך געוואקסן און זי האָט מיר א פרינץ פאר א מאן געגעבן. ווען מענטשן האָבן מיך פארשעמט, האָט זי מיינע טרערן אויסגעווישט; ווען א פחד האָט אויף מיר געלויערט, האָט זי מיך אויף איר שויס געהאלטן. אין אלע טעג פון געפאר האָט זי מיך געשיצט. היינט, פאָטער, בין איך ווידער געקומען בעטן איר שוץ.

מיט אַן אויסגעשריי פון נצחון איז איזבל צוגעלאָפן צו אחאָב'ן.

— צי הערסטו, מלך פון ישראל? דער ווייטאָג פון אַ מוטער וואָס גייט געבוירן אַ נייעם פרינץ פאַר ירושלים שרייט צו דיר. זי איז געקקומען נאָך שוץ, זאָל איך זיך אָפּקערן פון איר?

— שוץ קעגן וועמען? — האָט אחאָב געקוקט אויף דער טאָכטער.

אָבער איזבל האָט נישט געלאָזן עתליה'ן ענטפערן. אליין האָט זי גע־וואָלט זיין איר צונג און איר וועכטערין.

— שוץ קעגן די מענער אין הויף פון קעניג פאַרלאַנגט זי, און ביז שומרון איז זי געקומען זוכן אַ באַהעלטעניש. זי, די שטאָלצע טאָכטער פון אחאב! אַ, צי האָב איך דען געבוירן אַ פרינצעסין פאַר ירושלים, אַז די געאַכפּערטע זאָלן אויף איר קוקן ווי אויף אַן אומגעבעטענער אין הויז פון מלכים? די קליינע אומווירדיקייטן אין יהודה טוען די נידערטרעכטיקע יונגען, אָבער אויף דעם גרויסן פאַרברעכן ליגט די האַנט פון דעם מאַכטהאָבער אין דעם גאָלדענעם מאַנטל.

אחאָב האָט געוואָלט פרעגן פראַגן, אָבער איזבל האָט מורא געהאַט, אַז זיינע ווייכע רייד וועלן ברענגען עתליה'ן צו טרערן. נישט צו פאַרשעמען דאָס הויז פון קעניג, האָט זי געהייסן חירמ'ען ארויסגיין. דערנאָך איז זי מיט דער פרייד פון נקמה גרייט געווען צו דערמאָנען אַלע פאַרברעכנס פון די הערשער אין ירושלים.

— אָסאַ, דער פאָטער פון דיין ברודער יהושפט, —האָט זי רואיק גע־פרעגט,— צי האָט ער דען נישט ארויסגענומען גאָלד און זילבער פון די אוצרות פון בית־המקדש אין ירושלים און דאָס געשיקט אונטערצוקויפן דעם קעניג פון דמשק, דעם וואָס האָט פאַרפירט **מלחמות מיט ישראל?**

— אָסאַ איז געווען באַלאַגערט פון צוויי פעלקער. דער מזרח איז געווען פאַרשטעלט און דער וועג פון האנדל צום צפון — אָפּגעשניטן. ווי אין אַ שטייג האָבן זיי אים אריינגענומען.

אויף איזבל'ס ליפּן איז געווען ביטערער שפּאָט.

— האָט ער דען נישט געזאָגט צו דעם מאַן פון באַטרוג, בן הדד: זאָל זיין אַ בונד צווישן מיר און דיר ווי ס'איז געווען צווישן מיין פאָטער און דיי־נעם. צעשטער דיין אָפּמאַך מיט בעשא, דעם מלך פון ישראל, און זאָל ער מיך לאָזן צורו?

— יעדער קעניג אין אַ שטייג וואָלט אזוי געזאָגט.

— און ער, אָסאַ, דער פאָטער פון דיין ברודער יהושפט, —איז איזבל'ס שטים געוואָרן הילכיקער,— צי האָט ער נישט אריינגעזעצט דעם פאַרכטיקן

מאן חנני אין געפענגעניש, אַן שפייז און אָן וואסער, ווייל געוואָרנט האָט ער דעם קעניג פאר דעם רויב אין בית־המקדש?

אחאָב האָט געשוויגן, אָדער אין איזבל'ס הארץ האָבן אויפגעשטורעמט ווייען.

— מיש אויף דאָס בוך פון די מלכים, אחאָב! אויף די פארמעטן אין דיין אייגן הויז איז דאָך באשריבן ווי די הערשערס פון דמשק, דער מאן מיט דער פאלשער צונג, האָט אָסאָ'ס מתנות צוגענומען און איז אריבער צו יהודה. ער האָט פארגעסן דעם בונד מיט שומרון און די הייליקע צוזאָגן האָט ער מער נישט געדענקט. דערנאָך האָט ער חרוב געמאכט ישראל'ס לאנד אין צפון, ביים שבט דן און ביים שבט נפתלי, און בעשא איז ארויס פון רמה און אוועק־געפירט זיין חייל צו באפעסטיקן די פארלענדטע שטעט.

— אן אָפּווער־מלחמה איז דאָס געווען.

איזבל האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון איר מאן, און איר בליק האָט געפרעגט: ווי שוואך קאָן א מלך זיין אין טאָג פון זיין זיג? אָבער אין יע־נער רגע האָט זיך אומגעריכט אויפגעהויבן פון איר אָרט עתליה. זי איז צוגע־גאַנגען נאָענט צום פאָטער. איר הארץ האָט געפלאטערט, אָבער איר צונג איז געווען ווידערשפעניק.

— אן אָפּווער פאר אָסאָ'ן און אן אומגליק פאר ישראל! —האָט זי אראָפּ־גענומען די ביטערע רייד פון איר מוטערס ליפּן.— פארוואָס נעמט מיין פאָטער דער מלך אונטער זיין ברוסטשילד די, וואָס האָבן געוואָלט פארשניידן שומרון? צי מעג א קעניג פארגעסן דעם שונא פון זיין פאָטערס הויז? אין ירושלים רימען זיך די פירשטן, אז בעשא האָט אויסגעבויט פעסטונגען ארום רמה, אָבער דער הערשער פון יהודה האָט זיי איינגעוואָרפן און פון די שטיינער און פּילזן האָט ער באפוילן אויפצוריכטן נייע פעסטונגען אין גבע און אין מצפה פאר זיינע שווערדן־לאגערן. קעגן וועמען? קעגן דער מלוכה פון מיין פאָטער און מיין מוטער?

א צעטומלטער האָט אחאָב געקוקט אויף עתליה'ן. די אומזיכערקייט האָט געדרויערט בלויז איין רגע.

— פון יענע פעסטונגען, —האָט ער געזאָגט,— האָט דער קעניג פון ירושלים אָפּגעשלאָגן די פעלקער פון מדבר — די כושים און די אראבער. נישט קעגן מיין פאָטער האָט אָסאָ ארויסגעפירט די חיילות, נאָר קעגן די קריגע־וואָס האָבן געלויערט פון דרום.

— דער קריג קעגן בעשא איז געווען דער קריג קעגן דיין פאָטער! —האָט איזבל אָפּגעשטריטן.— צי האָט מיין קעניג פארגעסן, אז הינטער בעשא און אלה און הינטער זמרי און תבני בן גינת איז אָנגעקומען דער שלאכטמאן עמרי,

וואָס האָט אָנגעטאָן די קרוין און אויפגעשטעלט שומרון און באַפעסטיקט דאָס קעניגרייך? און דו, אחאָב, היטן באַדאַרפסטו זיין כבוד און שטאַרקן די מלוכה, וואָס ער האָט דיר איבערגעגעבן, אַז דו זאָלסט זי קאָנען איבערלאָזן צו דיינע קינדער.

און ווי אחאָב און איזבל האָבן ווייטער גערעדט די רייד פון שטרייטיקייט, איז עתליה מער נישט געווען איינזאַם. איר קאָפּ איז געווען באַרוישט און איר האַרץ האָט געפלאַטערט. אין ירושלים שטייט זי פאַר די הייליקייטן פון בית־המקדש און אין שומרון וואַרטן אויף איר די זונזיילן און די אָפּבילדער פון די געטער. צי וויל נישט דער הימל אַליין שליסן אַ בונד צווישן די צוויי געטלעכע כוחות: די מאַכט פון אייפער און גלויבן מיט דער מאַכט פון שיינקייט און לוסט? אין ירושלים שטייט דער טעמפּל פון דעם איינציקן גערעכטן און צאָרנדיקן גאָט, און אין שומרון, די שטאָט פון זינד און לעסטערונג, האַלטן די קריגער אָפּ נצחונות איבער שטאַרקע פיינט. זי האָט געוואוסט, אַז אין ירושלים וועט זי ביטער געהאַסט און אין איר מוטערס שטאָט איז זי שטאַרק געליבט. פאַרוואָס נישט בלייבן אין שומרון? איר הינדערניש האָט געדויערט בלויז איין רגע. דער האַרטער ווילן פון איר מוטער האָט נישט געלאָזט אָפּשוואַכן די הייסע באַגערן. צו זיין די מלכה אין ירושלים איז זי געבוירן; צו ברענגען אַ מלך אין דוד'ס שטאָט האָט איר מוטער זי געשיקט אַהין, און זי וועט פון דער דאָזיקער בענטשונג נישט אַנטלויפן!

איזבל איז נישט אָפּגעטראָטן פון אחאָב'ן, וואָס איז אַצינד געשטאַנען אַ שווייגעוודיקער. זי האָט געטראַכט: ווי אַלע מאָל, האָט ער אויך היינט פאַר־לוירן די שלאַכט פון ווערטער! פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי אויסגעפורעמט דעם, וואָס איז באַשטימט צו זיין דער שיצער פון ישראל? אַן אָרעם ווי פון אַ פעלז און אַ האַרץ ווי פון וואַקס. אַ טאָן פון באַרעמהאַרציקייט, וואָס עס קאָנען זיך פאַרגינען נאָר זיגער, איז געווען אין אירע געלאַסענע רייד צו אים:

— די שטאַרקע טרויערן נישט, מלך פון ישראל, זיי נעמען וואָס איז רעכט אין זייערע אויגן.

— קיין מלך איז נישט פריי פון פחד ווען אַ שלאַכט דאַרף משפּטן צווישן אים און דעם שונא, — האָט אחאָב געזאָגט, — און איך בין נישט אַנדערש פון אַלע מלכים. אין טאָג איידער איך בין אַרויס אין מלחמה אויף אַשור, האָב איך גערופן מיינע שלאַכטמענער און צו זיי געזאָגט: איר שטייט היינט פאַר צוויי שרעקן — די שרעק פון פאַרלענדונג און די שרעק פאַר שלאָגן אַ פיינט. וואָס איז גרעסער און שטאַרקער פון אייך. וואָס וועט איר אויסקלייבן? און צוליב זייער פחד, וואָס איז אויך מיין פחד, האָבן זיי אויסגעקליבן די צווייטע שרעק, וואָס איז דער וועג צו נצחון. נישט די לוסט נאָך בלוט האָט זיי געטריבן, נאָר

דער פחד פאר אומקום. און ווער עס האט געזען ווי מיין חייל שטראמט אריין אין דעם ברייטן וויסטן לאנד ביי ארם און פארטיליקט די קריגער פון אשור און צעברעכט דעם יאך פון שלמנאסר, און די מענער פון ישראל אין ווייטן לאנד ווארטן מער נישט אויף קיינעמס גנאד און זיי קומען און נעמען אפ וואס ס'איז זייערס, ווער עס האט דאס געזען, האט געפרעגט: וואס נאך קאן דער קעניג פארלאנגען?

זיינע אייגענע רייד האבן אחאב'ן געמונטערט. דאס זודיקע בלוט האט גע־שטארקט זיין צונג.

— און וואס נאך קאן פארלאנגען א קעניג, וועלכער האט זוכה געווען צו פארבינדן זיין פאלק מיט יענע טיילן לאנד, וואס זענען געווען אפגעריסן אין אלע טעג פון מיין הערשאפט און עס האט געדראט די סכנה, אז די ערד וועט בלייבן אפגעריסן ביזן סוף פון די טעג? ווער עס האט געזען אין די פארנו־מענע שטעט ווי דער המון האט געקושט די פיס פון מיינע קריגסלייט, און ווער עס האט געהערט פון די ליפן ביי די באפרייטע די ציטערדיקע ווערטער: אונ־דזערע אויסלייזער זייט איר! און ווער עס האט מער נישט פארנומען דאס זיפצן פון די אונטערדריקטע און דאס קול פון געיאמער, ער קאן זאגן: ווי וואויל איז דעם קעניג וואס נישט צוליב לוסט נאך בלוט און רויב, נאר צוליב דער שרעק פאר פארלענדונג איז ער געגאנגען אין מלחמה און געזיגט!

א שמייכל פון גליקזעליקייט איז אויפגעגאנגען אויף איזבל'ס פנים ווען זי האט אצינד דערהערט זיינע שטארקע רייד. אין זיינע אויגן האט געברענט די גבירה פון מאכט. זי האט זיך דערנענטערט צו אים און ווידער דערמאנט:

— די שטארקע טרויערן נישט אין טאג פון זייער זיג, קעניג פון ישראל! די אומדערשראקענע נעמען וואס עס קומט זיי. לויט מיין ווילן האסטו ביז היינט גענומען וואס איז רעכט, און לויט דיינע מעשים האסטו באשטימט ווי גרויס עס איז דיין מאכט און ווי שלאגפארטיק איז דיין ארעם. —און איזבל האט הילכיקער גערעדט— אן דעם נציב קינן וועט רמה בלייבן אן שוץ, דו וועסט די שטאט נעמען אן בלוט. אין טאג פון דיין נצחון, אחאב, זאג איך צו דיר: שטיין נישט אויף די קני ווי א געפאנגענער, א גרויסע פעסטונגשטאט ווארט אויף איר באפרייער!

און זי האט ווידער אריינגערופן איר ראטגעבער חירם. ער האט זיך גע־שטעלט פאר איר א געהארכזאמער און זי האט אים באפוילן:

— אויף רמה! הונדערט פון דעם קעניגס בעסטע רייטער זאלסטו ארויס־פירן מארגן אין מיטן נאכט. דער מלך אליין וועט זיי באגלייטן!

ז

ביים אָונטשיין האָט איזבל גערופן א געזעמל געסט צו א מאָלצייט אין דעם אויבערשטן טורעם־זאַל. אחאָב איז צוריק אוועק אין קרקר, דאָרט וואו די מלחמה פון שלמנאָסר האָט זיך אָפגעשטעלט, און די מלכה האָט פארבעטן נאָר אירע ראטגעבער, די צידונים. שפּעטער האָט זי געשיקט נאָך נעמה'ן און זי געזעצט ביי איר לינקער האנט, קעגנאיבער עתליה'ן, א צייכן אז אָנגעזעען איז זי היינט ביי דער קעניגין. איידער די געסט האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע בעכערס וויין, האָט זיך אין פּאלאץ אומגעריכט באוויזן א שליח פון ירושלים, יכין. ער איז אָנגעקומען אין א רייטוואָגן, אָן א פארמעט און אָן א שווערד, אָבער שוין אויף דער שוועל האָט ער געוואָרנט עובדיהו'ן, אז שומרון טאָר נישט ברעכן דעם בונד מיט יהודה.

דער שׂרה פון פּאלאץ האָט אים אריינגעפירט צו דער מלכה. איזבל האָט אין אים דערקענט א פיינט און אים געגעבן דעם נידעריקסטן פּלאץ ביים טיש. דערנאָך האָט זי, פון איר שטול אויבן־אָן, געפרעגט: ווער האָט אים געשיקט קיין שומרון און וואָס פארלאנגט ער? דער אומגעריכטער גאסט האָט געצע־גערט. ווען די מלכה האָט צום צווייטן מאָל הילכיקער פארלאנגט אן ענטפער, האָט ער דרייסט געזאָגט, אז אזוי זאָל גאָט געבן און נאָך מער, ווי עס וועט זיין בעסער פאר שומרון אויב עתליה וועט זיך באלד אומקערן אין ירושלים, נאָך דעם ווי זי האָט זיך ווי א שקלאפין אין דער פינצטערניש פון דער נאכט ארויס־געגנבעט פון קעניגס הויז. ביי די ווערטער האָט חירם, איר געטרייער, א קלאַפּ געטון מיט די פויסטן אין טיש, אז זיין בעכער וויין האָט זיך אזש איבערגע־קערט, אָבער די קעניגין האָט איינגעהאלטן זיין צאָרן און געזאָגט:

— דו האָסט גוט געטון יכין, זיך מודה צו זיין איידער איך האָב דיך אי־בערגעגעבן אין די הענט פון א פייניקער.

יכין איז געבליבן א געפאנגענער ביים רייכן טיש. ער האָט געמוזט עסן דאָס פעטע פלייש און טרינקען דעם טונקעלן וויין. און ווען דער אויפגערעגטער

די קעניגין איזבל

חירם האָט אין געאײל געהייסן פאַרענדיקן דעם מאָלצייט, האָבן די ראַטגעבער שוין געוואוסט פון דער מלכה, אַז עתליה'ס אָנקום איז אַ צייכן אָפּצונעמען די צוגערויבטע שטעט פאַר ישׂראל, און אַלע האָבן אויפגעהויבן די בעכערס וויין פאַרן כבוד פון דער פּרינצעסין. אויף חירמ'ס וואונק האָבן צוויי קנעכט ארויסגעפירט יכינ'ען אין קייטן און אים פאַרשפּאַרט אין דער טיפסטער קעלערשטוב. עס איז אָנגעקומען אַ צויבערמאַן פרייליך צו מאַכן די הערצער פון די געסט. עס האָבן זיך באַוויזן די שטערנזעער אויסצוזאָגן די גורלות פון די געאַכפּערטע לייט ביים טיש, אָבער איזבל האָט זיי ארויסגעטריבן. דער אָנגעצונדענער צאָרן, וואָס זי אַליין האָט פאַרלאָשן אין יענער רגע ווען זי האָט אריבערגערעדט איבער אַלעמענס קעפּ צו יכינ'ען, האָט אַצינד ווידער אויפגעפלאַמט. אַ מאַן אָן אָנזען האָט ירושלים געשיקט ארויסצונעמען עתליה'ן פון איר מוטערס הויז. נישט וואָרענען איז ער געקומען, נאָר ארויסגנבענען די פּרינצעסין. וואָס מיינען זיי אין יהושפט'ס הויף? צי האָט איזבל געבוירן קרוינטרעגער פאַר ביידע הייזער פון מלכים, אַז מען זאָל אויף איר ברענגען שמאַך? יכינ'ס ליבּ וועט פוילן אין געפענגעניש און די פּרינצעסין וועט בלייבן אין שומרון ווי לאַנג זי וועט גלוסטן, און קעניג יהושפט אַליין מיט זיין פּרינץ יורם וועלן איר דערנאָך אַנטקעגנגיין און זי אריינפירן אויף אַ הייבשטול אין פּאַלאַץ.

שפּעטער, ווען די האַלבע לבנה איז ארויסגעשוואומען אין מיטן הימל און געבליבן הענגען איבער דער אויבערשטער שטאָט ווי אַ גאָלדענע רייף, זענען די ראַטגעבער אריין אין דעם גרויסן טעמפּל מלך־קרתא, צו זען דאָס דינסט פון די כהנים לכבוד עתליה'ן. די מלכה האָט איבערגעגעבן די טאָכטער צי די דינסטן, זיי זאָלן זי איבערטאָן אין טייערע קליידער און אַליין האָט זי ארויסגעפירט נעמה'ן פון דעם טורעם־זאַל און מיט איר ארויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ פון עלפאַנטביין, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביזן רונדיקן פענצטער אונטערן הימל. פון דאָרט האָט זי אראָפּגעקוקט צו דעם אונטערשטן דאַך פון פּאַלאַץ און אויף די גלעזערנע קופּאָלן פון טעמפּל, וואָס זענען געווען באַלויכטן ווי מיט דעם שיין פון עסמעראַלדן. דאָס ליכט איבער שומרון האָט אַזוי געגליט ווי דאָס בלוט אין איר לייב. דאָס גערויש פון טאָג איז שוין געווען פאַרזונקען. די באַוואוינער האָבן גערוט אין די הייזער. אויסגעשפּאַנטע רייטוועגנער זענען געשטאַנען פאַר די טויערן. קעמלען האָבן געקניט פאַר שטיינערנע טעראַסן. אין די אויבערשטע גאַסן האָט דער ווינט צעבלאָזן די קעפּ פון די ציפּרעסן־ביימער און ווייטע ריחות זענען אויפגעגאַנגען אין די נעפּלען פון אָוונט. פון די נידעריקע קוימענס האָט געשפּאַרט דער רויך פון די לעצטע קרבנות. נאָך דעם ווי איזבל האָט אריינגענומען אין זיך דאָס ליכט און דעם דופט פון דער נאַכט, איז זי אָפּגעטראָטן פון דעם אָפענעם הימל־פענצטער.

זי האָט ארומגענומען נעמה'ן ווי א שוועסטער און איר דערציילט אלץ וואָס איז געשען דורכן טאָג און דורך דער נאכט. און ווי עתליה איז געפלויגן אהער ווי א פארוואָגלטער פויגל פון א צעבראָכענעם נעסט, אָבער ווי אן אָדלער וועט זי צוריקפלאַטערן צו דער קרוינשטאָט פון יהודה. און די קעניגין האָט איר אויך פארטרויט דעם סוד פון די הונדערט רייטער, וואָס וועלן פאנגען דעם נציב פון רמה, אָבער זי, נעמה, וועט מוזן זיין די נעץ פאר דעם פאנג. זי האָט געזאָגט:

— מאָרגן ביים זונפארגאנג, וועלן ביים טויער פון די שופרות וואַרטן אויף דיר צוויי פון קעניגס רייטער מיט א יונגן לויפפערד. דו וועסט קומען אהינצו אין דיינע שענסטע קליידער, אָבער איבערדעקן די קליידער זאָלסטו מיט א שווארצן מאנטל, און דו זאָלסט טראָגן פראָסטע שיך און אויפן קאָפּ א קופער־נעם קיווער.

נעמה איז מיט פרייד גרייט געווען צו פאָלגן דעם באפעל, אָבער פאר איזבל'ן האָט זי ארויסגעוויזן אומווילן.

— בין איך דען גענוג שטארק צו זיין א נעץ פאר א מאן מיט אָרעמס ווי פעלזן? — האָט זי געפרעגט.

— דו האָסט פריער געפאנגען א שטארקן מאן — אָסף בן עודד. ער איז געווען א לעבעדיקער לייב, און דער הערשער פון רמה איז א ציטערדיקער לאָם.

— דער באגער פון מיין קעניגין איז מיר טייער, אָבער מיט ווייטאָג אין מיין הארץ וועל איך גיין פאנגען דעם פרעמדן מאן.

— דיין ווייטאָג וועט פארשווינדן אין די אָרעמס פון יעדן מאן.

און איזבל האָט זיך אָפּגעקערט פון איר און זיך געלאָזט אראָפּ מיט די טרעפּ צום אונטערשטן שטאָק. אין מיטן גאנג האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער, וואָס האָט איר אמאָל אונטערטעניק געדינט אין בית־אל און היינט האָט זי אן אָנשפּאַר אין קעניגס הויז. אין איר שטים איז געווען א וואָרענונג:

— מאָרגן ביים טויער פון די שופרות און היינט אין הויז פון די געטער, נעמה! טו אָן די קליידער פון א קדשה לכבוד עתליה, מיין גאסט. איך וועל וואַרטן אויף דיר אנטקעגן דעם גאָלדענעם בויגנטויער.

און די מלכה האָט פארטריבן דעם אומרו פון איר טאָכטער אין יענער רגע, ווען עתליה איז דורכגעגאנגען די דריי טירן פון טעמפל. דער אָנגעזעענסטער שליח וועט זי מער נישט קאָנען צוריקברענגען אין ירושלים אָן איר ווילן. — האָט א זיכערע שטים אין עתליה'ן גערעדט.— אויך ביי די פּאַרכטיקע אין ירו־שלים זענען די ציינגער פאלש. ווער עס האָט שטענדיק גאָט אויף די ליפּן האָט אים נישט שטענדיק אין הארצן. א לויטערער דופט, ווי דער אָטעם פון ערשטן באשאַף האָט אָנגעפילט איר הארץ און א הייסער באגער צו זען היינט די לוסט

אין דעם הויז פון די געטער, האָט זי באהערשט. די דינסטן האָבן זי אָנגעטאָן אין זיידענע געוואנטן, דורכגעוויקלט מיט ראָזע שלייערן. אירע אויגן און דער באַנד עסמעראלדן ארום האלדז האָבן געגליט מיט די זעלבע קרישטאָל־ריינע קאָלירן. איר שטערנרינג מיט די רובינען און סאפירן האָבן געברענט מיט רויטע און בלויע פייערן, אָבער איר הארץ איז געבליבן קיל ווי דאָס פרישע וואסער אין די גאָלדענע בעקנס צווישן די זיילן. זי האָט געשפרייזט פאָרויס, געלאָסן און זיכער, ווייל זי איז געווען באגלייט פון איר מוטער, די קעניגין, און הינטער זיי איז נאָכגעגאנגען חירם.

אונטער דעם גליענדיקן ליכט פון די בראָנזענע לאָמפּן איז עתליה ארויפ־געגאנגען די טרעפּ וואָס איבער דער ערשטער בימה. פיר פאָנען ווייערן זענען דאָרט געשטאנען און זי האָט אריינגענומען אין איר בלוט די ריחות, וואָס פאַר־שיכורן ניכטערע און גלוסטיקע. קעגנאיבער א וואנט האָבן זיך ארויסגעהויבן צוויי פארשפּיצטע זונזיילן, באמאָלן מיט קעפּ פון פייגל און קעלבער און צווישן זיי איז שטאָלץ געזעסן, אויף א גאָלדענעם שטול, א קליינער בעל מיט א פאַר־שווירענער באָרד און געהאלטןביידע הענט אויף די קעפּ פון צוויי שעפּסן. עתליה האָט זיך געוואָלט פארהאלטן, אָבער איר מוטער האָט זי נישט געלאָזט בלייבן שטיין פאַר דעם גאָלדענעם געץ.

— עס איז די נאכט פון דער לבנה, —האָט זי איר איינגערוימט,— צוליב עשתורת, וואָס באָדט זיך היינט אין איר ליכט, זענען מיר געקומען.

און עתליה האָט געשפּרייזט פאָרויס און אויפגעהויבן די אויגן צו דעם באלקן, אויסגעוועלבט ווי א הימל אין באַזעצט מיט בליציקע איידלשטיינער ווי פייערדיקע שטערן. זי האָט געקוקט אויף די דיקע פארריסענע זיילן, וואָס האָבן געקאָנט אונטערשפּאַרן פעסטונגען. וואָס וויל דען איר מוטער, די קעני־גין? —האָט זי געפרעגט— א מעכטיקע מלכה אין שומרון, באצירט מיט די שיינקייטן פון צידון, און אחאב'ן, איר פאָטער, וויל זי זען ווי א מלך, וואָס פאַר אים זאָלן פעלקער פאַרכטן. הימל און ערד זענען עדות, אז די מוטער וויל האָבן גרייט א שטאַרק קעניגרייך פאַר יענע טעג ווען אירע קינדער וועלן הערשן. פון באוואונדערונג און ליבשאפט צו דער דאָזיקער שטאָט, האָבן עתליה'ס ליפּן געמורמלט א געבעט: אָ, אלמעכטיקע געטער פון ירושלים און פון שומרון! גיט מיר די קראַפט און דעם פארשטאַנד פון מיין מוטער, אז איך זאָל קאָנען ווי זי, הערשן און משפּטן אין טאָג פון מאכט!

נישט מער ווי איין רגע איז זי פריער געבליבן שטיין אין דרויסן, ביים טויער פון טעמפּל. די טורעמס און דעכער האָבן זיך ארויסגעהויבן איבער דעם העכסטן בארג. דאָס געביי איז געווען ארומגערינגלט מיט הויכע ציפּרעסן; די היץ פון די פאָדערשטע ווענט, וואָס די זון בייטאָג האָט אנגעגליט, האָט נאָך

שקיעה אויסגעוועפּט און דער שאַרפער ווינט האָט צעשויבערט די צווייגן און געוויקסן ווי בערד ביי גזאַכפּערטע מענער. די וואַסערן פון די באַכן און פאָנ-טאַנען זענען געווען אַזוי בלוי, ווי די שטיקער הימל צווישן די שטערן. אין די בראָנזענע באַדעקנס איבער די טורעמס האָט זיך געשפּיגלט די קילע לבנה, וואָס אין איר ליכט באָדט זיך היינט עשתורת.

חירם, וואָס האָט זיך געהויבן אויף די טרעפּ הינטער דער קעניגין, האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון עתליה'ן. ער האָט שוין פריער באַגעגנט פרויען אין אַנדערע שטעט און לענדער; ער האָט געטראָפן פּרינצעסינס און שקלאַפינס, פון שיינעם אויסזען און פון מיאוסן אויסזען, אָבער אַ יונגע פרוי מיט אַזוי פיל שטאָלץ און שיינקייט און מיט אַזאַ גאַנג ווי די, וואָס ער האָט אַרויסבאַגלייט פון פּאַלאַץ, האָט ער באַגעגנט צום ערשטן מאָל. אַצינד, ווען זי האָט גייענדיק העכער אָנגעשפּאַרט אירע צאַרטע הענט אויפן טרעפּ-אָנלען, איז דאָס ליכט פון די בראָנזענע לאָמפּן געפאַלן ווי אַ קופּערנער שיין אויף אירע טונקעלע האָר. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון איר, אַזוי צוגע-שמידט איז ער געוואָרן. זיין רעכטע האַנט אויף דער שווערד, האָט ער גע-האַלטן פאַר איר שוץ; אָבער די לוסט אין זיינע אויגן האָט אַזוי געברענט ווי זיין גאָלדענער קאָפּבאַנד. זיינע ציין, צעשניידט אין אַ שמייכל, האָבן געבליאַס-קעט איבער דעם צאָפּ באָרד, די הויט האָט זיך געריזלט און פאַרגעניגן. קוק נישט אויף איר ווי אויף אַ קדשה! —האָט ער פּלוצים דערהערט איזבל'ס שטי-מע וואָרענונג ווען זי האָט אויסגעדרייט צו אים איר קאָפּ, — זי איז די קעניגין פון מאָרגן אין ירושלים!

זיי זענען צוגעקומען צו די געשטעלן מיט די צימבאַלן, האַרפּעס, פלייטן און לירעס, וואָס איבער זיי האָבן זיך געהויבן באַדעקנס פון ווערמיל. די קנעכט, וואָס האָבן געפּוצט די פינקלענדיקע שפּיל-כלים, זענען צעטומלטע אָפּ-געטראָטן פאַר דער מלכה און זיך געלאָזט לויפן צו דער גאַלעריע מיט די הינ-טערטירן. עתליה האָט מיט אַ ציטער אָנגענומען איר מוטער פאַרן אָרעם, ווייל אַ שאַרף ליכט האָט פאַרבלענדט אירע אויגן. אויך איזבל און חירם האָבן אַראָפּגעלאָזט די בליקן אונטער דעם פלייצנדיקן שיין. זיי זענען געשטאַנען פאַר אַ וואַנט פון מירמלשטיין מיט אויסטערלישע אָפּבילדער, וואָס עס האָבן אויסגעקריצט די געוועקמייסטער, די צידונים און כנענים. פון דער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט עלעפאַנטן מיט פליגלען און קראָקאָדילן מיט הערנער, שלאַנ-גען, וואָס זענען געגאַנגען אויף די פיס, אַזוי ווי אין די טעג איידער גאָט האָט דאָס מין פאַרשאָלטן, און אָדלערס, וואָס זענען געקראָכן ווי שילדקרעטן. אין די אויגן פון די באַשעפענישן האָבן געפלאַמט פייערן ווי ברענענדיקע סטויגן היי און באַלויכטן דאָס מעכטיקע בילד פון עשתורת, אַנטקעגן. די געטין פון

פרוכטבארקייט האָט זיך ארויסגעהויבן פון אן אויסגעשניצטן שטיין; אויפן קאָפּ האָט זי געהאט קי־הערנער, באזעצטע מיט פּערלמוטער; אויף די פולע בריסטן האָבן גערוט פייגל און בלומען; די היפטן פון איר רייף לייב זענען געווען ארומגענומען מיט א גאָלדענעם גלאָקנבאנד. קיין בלאט האָט נישט צוגעדעקט די שאנדע, וואָס עס האָט פארהוילן אין טאָג פון דערקענטעניש די מוטער פון אלדאָס לעבעדיקע. ביז אראָפּ צו אירע קני זענען נאָכגעהאנגען שווערע רינגען און שאָלן פון יאשפּיזן און אָניקלשטיינער. עתליה האָט מיט פאָרכט ארויפגעקוקט אויף דעם שטארקן לייב פון עשתורת, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער די זיילן פון טעמפּל ווי א מעכטיקער בארג, אָבער די געטין, וואָס האָט ארייַנגענומען אין זיך דאָס ליכט פון דער לבנה, איז ווי א בארעמהארציקע מוטער גרייט געווען אויסצושטרעקן אירע אָרעמס צו אלע קינדער פון דער וועלט.

איזבל׳ס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט צום גאָלדענעם בויגנטויער, דורך וואנען נעמה האָט געזאָלט אָנקומען, אָבער זי איז דאָרט נאָך נישט געווען. די קעניגין האָט אויסגעמיטן צו קוקן צו די זיילן, באצירטע מיט צווייגן, וואָס הינטער זיי איז געשטאנען די אשרה, דער הייליקער בוים וואָס ברענגט אויך פרוכטבארקייט צו די פיר עקן פון דער ערד. פונעם אונטערשטן שטאָק איז אויפגעגאנגען א גערויש. יענע פון פאָלק, וואָס זענען נאָכגעגאנגען די פּריסטער, האָבן זיך איינגעזאמלט הינטער דער גרויסער בימה, וואו דער בעל־שמים האָט מיט לוסטיקע ליפּן געווארט אויף גוטע ריחות פון די פעטע קרבנות. ער איז געווען מעכטיקער פון עשתורת, די געטין פון פרוכטבארקייט, און פריידלעכער פון בעל־פעור, דעם גאָט פון די הייליקע בערג, און ערלעכער פון בעל־זבוב, דעם גאָט פון שווינדל און כישוף.

פאר די פאָדערשטע זיילן זענען געשטאנען די דורכפאָרער פון צידון, הענדלער פון פּורפּור־געוואנטן און סוחרים פון פיש, פירשטן און צינזהארן, וואָס זענען געוואָרן אומדערשראָקן ווען דער קעניג איז נישט געווען אין שטאָט. הינטער זיי זענען געלעגן אויף די קני פארשמאכטע מענער און פרויען אין קליידער, וואָס זיי טראָגן נאָר אין פייערטעג; זייערע קעפּ זענען געווען אויפגעהויבן צו דער בימה פון דער געטין פון פרוכטבארקייט, דאָרט וואו די מלכה און די פּרינצעסין זענען געשטאנען אין ערפורכט. די קליידער פון די קניענדיקע זענען געווען אזוי באשווערט מיט אקסלבענדער, גלאָקנרימענס, קופּערנע גארטלען און רינגען, אז זייערע לייבער זענען געווען ווי צוגעשמידט צו דער ערד. אומבאוועגלעך זענען זיי געלעגן און זייערע הערצער האָבן געאָטעמט שווער, ווי אין מיטן שלאָף. דער המון־עם, וואָס צו זיי האָבן איזבל׳ס כהנים נאָך אויף יענער זייט טויער אויסגעטיילט געשאנקען, זענען איצינד גרייט געווען אלץ צו פאַרגן. נישט אין אלע טעג פון יאָר האָט מען זיי גערופן צו זען דאָס

גאָלד און דאָס זילבער און די גבורה פֿון די העכערע כוחות, וואָס געוועלטיקן אין דעם הויז פֿון פּראַכט.

און ווען איזבל האָט פֿון אויבערשטן שטאָק געזען, אַז זי האָט דאָס פֿאָלק ביי אירע פֿיס, איז זי גרייט געווען צו רופֿן פֿון אַלע האַרן פֿון פּאַלאַץ און זאָגן אין זייערע אויער; דאָס, וואָס איז געווען אין איר האַרץ: איך האָב דעם המון געגעבן פֿייערטעג צו זייערע וואָכנטעג, פֿרייד צו זייערע זאָרגן, זיכערקייט צו זייער פּחד און אַ פֿרידלעכן טעמפּל האָט מיין קעניג אויפֿגעבויט קעגנאיבער אַ פּאַלאַץ, וואָס רוישט שטענדיק מיט קריגער. ווער עס איז אַ שונא פֿון דער לוסט ביים פֿאָלק, איז אַ שונא פֿון דער קרוין. אָ, בעל־שמים, דו וואָס ביזט געקומען פֿון דער אויסשפּרייטונג מיט זון, מיט ווינטן און מיט וואָלקנס; דו, הערשער פֿון דעם הויז פֿון טרייסט, וואָס ברענגט געבורט אָנשטאָט טויט, זאַט־קייט אָנשטאָט הונגער, פּרוכטבאַרע ערד אָנשטאָט וויסטעניש, אָ, בעל, דער־נענטער צו מיר דאָס ווידערשפּעניקע פֿאָלק, וואָס דערצאָרנט מיך אַלע טעג.

און דערנאָך האָט זי אויפֿגעהויבן די אויגן צו עשתורת, וואָס צוליב איר איז זי היינט געקומען, און די ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— ברענג מיר נצחון דורך רו, נאָכדעם ווי מיין קעניג האָט געזיגט דורך מלחמה. גיס אויף מיר טראָפּנס פֿון דיין מור און פֿון דיין נאַרד, אַזוי ווי דער הימל גיסט אַראָפּ דעם פֿרישן טוי. אָ, עשתורת, דו ברענגסט זאָמען אין טראַכט פֿון דער מוטער און קערנער אין בויך פֿון דער ערד; פֿרויען הייבן אויס דיין נאָמען אין זייערע ווייען און וויינשטאָקן בליען ווען דו בלאָזט אויף זיי דיין אָטעם. ווי אַ הירטין צו דער צעשאָטענער סטאַדע, אַזוי ביזטו צו דעם צעלאָ־זענעם פֿאָלק. היט די הערשערין פֿון שומרון און באַשירעם אירע קינדער, וואָס וועלן אַרבן טראָנען. שטאַרק מיין מאַכט אין מיין לאַנד און באַשיץ מיט לייט־זעליקייט מיין טאָכטער, וואָס איך האָב פֿאַר אַ קרוינען־טרעגערין געבוירן פֿאַר דעם העכסטן הויז אין איר שטאָט.

די לעצטע ווערטער זענען נאָך נישט אַראָפּ פֿון אירע ליפּן, ווי חירם הינ־טער איר, האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום בויגנטויער, דאָרט, וואו נעמה איז געשטאַנען. די קעניגין און עתליה האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער, וואָס איז געקומען זאָגן דאָס געבעט פֿאַר זיי.

נעמה האָט געשפּרייזט פֿאָרויס. מיט זאַכטע טריט איז זי פֿאַרביי־געגאַנ־גען זיבן זונשטיינער פֿון גאָלד און פֿון קופּער און זיך גערוקט דורך די זיילן. דאָרט זענען געשטאַנען די פֿעטע פּריסטער אין קאָלירטע געוואַנטן, מיט באַמאָ־לענע פּנימער און געוואַרט אויף אַן אָפּצייכן צוצוגיין צום גרויסן מזבח. נעמה האָט שוין געהאַט הינטער זיך די אָפּבילדער פֿון די געטער תמוז, כבירי און עשמון, און איז צוגעקומען צו אם־רבת, די לבנה־געטין. ווען זי איז דאָרט

שטיין געבליבן, איז דער עלטסטער כהן ארפכשד, אראָפּגעקומען פון דריי ברייטע פּאָרפיר־טרעפּ און איר אקעגנגעגאנגען. ער איז געווען אנדערש פון אלע טעמפּל־דינערס: הויך און דאַר, און די גרויע אויגן זענען געווען טיף און טונקל ווי שווארצע אויסהוילן אין דער ערד. זיין דינער גוף איז ווי אויפגעלייזט געוואָרן אונטער די גאָלדענע קליידער, באהאנגענע מיט שווערע גלעקער און רינגען ארום די אקסלען און לענדן. ער האָט געהאַט א ברייטן קאַפּשיידל, שפּיציקע קינבאקן און אין זיינע בליקן איז געווען דער אָפּשיין פון טויט. דערזעענדיק נעמה'ן, וואָס די מלכה האָט צו אים געשיקט, האָט זיין אויסגעלאָשענע הויט פּלוצים אויפגעפלאַמט מיט לעבן.

נעמה איז געווען אָנגעטאָן אזוי ווי עס קליידט זיך די ערשטע קדשה אין דער ערשטער עשתורת־נאכט. פון די פּיסקנעכלען ביז ארויף, צו די היפּטן, זענען אירע קני און שענקלען געווען געוויקלט אין רימענס, באזעצטע מיט פּערל־מוטער־שטיינדלעך. אירע לענדן זענען געווען איינגעצויגן אין אן ענגן בלויען גארטל, וואָס האָט ארויסגעהויבן אירע בריסטן פונעם זילבערנעם טוניק ביז צו די ניפּלען. אָבער די עפענונגען צו די קוואלן פון מוטערשאפט זענען געווען צוגעדעקט מיט קליינע זילבערנע שאָלן. זי האָט געטראָגן א קאַפּבאנד פון פעדערן, באשטעקט מיט איידלשטיינער. אין די אויערן האָבן זיך געוויגט אלאבאסטער־רינגען ווי האלבע לבנות. א ווייסער לייזער מאנטל ווי א צעבלאָזענער זעגל איז געפאלן פון די אקסלען.

נעמה האָט זיך דערנענטערט צו א וואנט מיט צוויי בראָנזענע הענגלאָמפּן, אויסגעהאמערט ווי תליות; פון די רערן האָבן ארויסגעשיינט בלויע קנויטן ליכט. דאָס דורכזיכטיקע באדעקנס פון אויבן האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי א שויב, פארזייט מיט טאפּאזן. דאָ איז געשטאנען א קלענערער אָפּבילד פון עשתורת, גרוים ווי דער גוף פון א פרוי. אָבער נעמה'ס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער מעכטיקער געטין פון פּרוכטבארקייט אויבן, אנטקעגן דער וואנט פון מירמלשטיין, דאָרט וואו די מלכה האָט ערשט אויסגעגאָסן איר הארץ. זי האָט נאָך איין קוק געטון אויף דעם עלטסטן כהן ארפכשד, און דערנאָך זיך געלאָזט גיין ארויף, צו דער אויבערשטער גאלעריע.

זי איז שוין געשטאנען ביי דער מלכה, א גלייכע צו א גלייכע, אָנגענומען ביי די געטער און געאכפּערט ביים המון. איזבל איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר ווען זי האָט אויסגעשפּרייט אירע הענט און זיך איינגעבויגן, גרייט צום דינסט. דאָס גערויש אונטן האָט זיך געהויבן העכער און העכער און דאָס געזעמל איז געוואָרן גרעסער. עס זענען אָנגעקומען דרייסטע נציבים, הויפּטלייט און נגידים, וואָס שעמען זיך אריבערצוגיין די שוועלן פון טעמפּל אלע טעג פון יאָר. דורכן בויגנטויער האָט זיך געשטופּט א המון־עם, אָבער די וועכ־

טער האָבן זיי מיט שפּיזן צוריקגעשטויסן. דער שאָרך פון די קאָלירטע קליידער און דאָס קלינגעריי פון גלעקער און רינגען האָט געווימלט ווי דאָס קנאַלעריי אויף צימבאַלן.

מיט אמאָל האָט איבערן קאָפּ פון עשתורת א באַדעקנס זיך געעפנט, און די האַלבע לבנה ווי אן איבערגעקערטע שיף, האָט אריינגעפלייצט איר ליכט פון א טונקל אויסגעשטערנטן הימל. נעמה האָט אנידערגעקניט. אירע אויגן זענען געווען געווענדט צום קאָפּ פון דער געטין, וואָס האָט געהאַט אויף זיך דאָס ווייסע ליכט. אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט רייד, וואָס זי האָט נאָך געלערנט ביי די כהנים אין בית־אל און וואָס זענען וואוילגעפעלן אין די אויערן פון דער מלכה.

— אין דער היינטיקער נאכט, אָ, מעכטיקע געטין, האָבן דיינע קוואַלן אָפּגעשטעלט די ווינטן און פאַרטריבן די שטורעמס. דו צעוויגסט די אויבערפלאַך פון ים און באַשאַפסט די פיש אין וואַסער און די פּערל אויפן גרונט טוסטו אליין פורעמען. דו בענטשסט אלע באַשעפענישן און געוויקסן, ווייל פרעמד איז דיר די פלוך פון די דערצאָרנטע. פון דיין שטילקייט גייט־אויף לעבן און פון דיינע טיפקייטן פליסן ארויס די געשמאַקע דופטן אויף דער ערד. ווי א צאַרטע גאזעל שוועבסטו צווישן די שטערן און דרייסט זיך אין קרייזן און דו בייטסט דיין געשטאַלט דורך די נעכט פון חודש, און אלע וואָס גערייען אויף דער ערד, באָדן זיך אין דיין לויטערקייט אזוי ווי אין שפּיגל פון הימל. אָ, ווייסער פלאַם! דו ביזט איינס מיט דער געטין, וואָס טונקט איר לייב אין דיין ליכטיקער פליסיקייט.

און נעמה, וואָס האָט שוין געזען די פרייד אין די אויגן פון דער קעניגין, איז נישט אָפּגעטראָטן פון דער באַרעמהאַרציקער עשתורת און ווידער געבעטן:

— דו, וואָס נעמסט אריין אין דיינע אָרעמס אלע אונטערטעניקע, אָ, האַרינגטע, נעם אונדז היינט ארויס פון די נעפּלען פון דער נאכט און היל אונדז איין אין דיין אָטעם, וואָס איז קיל ווי דער טייך און הייס ווי דער שטורעם. דיין אָטעם קאָן אראָפּבלאָזן בערג און אויפהייבן טאָלן און פאַרוואַנדלען דעם ים אין א טרוקענעם לאַנד. הייב אונדז אויף אזוי ווי ריינע שטראַלן צו זיך און דערפיל היינט אלע געבעטן וואָס גליען אין האַרץ פון מיין קעניגין, ווייל דיין ערשטע געטרייע איז זי. נישט אָפּקערן זאָל זיך פון דיר די איינגעזאַמלטע אין דעם הויז, ווייל דו קאָנסט אויך זיין א גרויזאַמע האַרינטע צו יענע, וואָס ווערן ווידערשפּעניק. אין דער רגע פון צאָרן קאָנסטו פאַרגיסן די טייכן מיט בלוט און די פלוסן קאָנסטו פאַרוואַנדלען אין סם. דו קאָנסט איבערגעבן די ערד צו די פראָשן און די פעלדער צום היישעריק און דו האָסט די מאכט אומצוברענגען מיט האָגל די ווײַנשטאָקן און די פייגנביימער קאָנסטו פאַרדעקן מיט פראָסט

און די ווייסע לעמער קאַנסטו פאַרברענען דורך בליצן. אַ, האַרינטע, שטאַרק אין אונדז די גלוסטונג אין דער היינטיקער נאַכט! זע, אַז עס זאָל אויפזידן דאָס בלוט פון די כהנים און קדשות אַזוי ווי שוימיקער וויין און זיי זאָלן דיך דינען מיט געטריישאַפט.

און נעמה האָט זיך אויפגעשטעלט און שטום געוואַרט אויף אַן אָפּצייכן פון דער קעניגין. איזבל מיט עתליה'ן זענען שווייגנדיק אַראָפּגעגאַנגען איבער די טרעפּ און חירם מיט נעמה'ן זענען געבליבן הינטער זיי. אונטן זענען די מלכה און איר טאָכטער צוגעקומען צו צוויי טראָגנען אויסגעהאַקטע פון שילד־קרעטן־שאָלן. די אויסגעהוילטע שטולן, אונטערגעהייבן אויף פיר קורצע ביי־נערנע זיילן, זענען געשטאַנען אַנטקעגן דעם מזבח. און ווי זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט, האָבן זיי געקאָנט זען די רייען כהנים אין ווייסע געוואַנטן און אין רויטע געוואַנטן, וואָס האָבן געוואַרט אָנצוצינדן דאָס פייער פאַר דעם בעל־שמים. הינטערן געץ, אויף א וואַנט, זענען געהאַנגען הערנער און צווייגן פון טונקעלן גאָלד, אונטערגעבעט מיט פעלן פון קראָקאָדילן. עס זענען געהאַנגען קעסטלעך פון צעדער און שיסלען פון ביין. אויף זילבערנע קייטן האָבן זיך געוויגט האָרנס און גלאָקן צו וועקן די באַרוישטע, וואָס שלאָפן־איין אין מיטן דינסט פון צופיל וויין. אין די פיר ווינקלען אַרום מזבח זענען געשטאַנען וואַ־סער־קרוגן צו קילן די פייער־צינגער, וואָס פלאַקערן אַרויס ווען דער קרבן בראָט זיך אין פלאַמען.

נעמה האָט זיך דערווייטערט פון חירם'ען און זיך געשטעלט ביי די הינ־טערשטע זיילן. אירע ליפּן האָבן אָפּגעזאָגט א געבעט, וואָס איז געווען אין א פּרעמד האַרץ. איזבל האָט פאַרלאַנגט פון איר א תפילה, אָבער צום טאַנץ פאַרן מזבח האָט זי איר נישט גערופן. צופוסנס דעם בעל האָבן געברענט צע־דער־ביימער און לאָרבער־קרענץ. די פלאַמען האָבן געלעקט די פינגער פון דעם בעל'ס הענט און דער נאַרד און צימערינג, וואָס איז געווען אָנגעשמירט אויף זיין קופּערנעם לייב, איז אַראָפּגערונען ווי שווייס פון זיינע געלענקען און עלנבויגנס. אין געאייל האָבן די כהנים זיך געשטויסן פאָרויס. די פּריסטער אין די וואָלענע מאַנטלען האָבן זיך געשטעלט מיט די פּנימער צו מזרח, און די אין ליינענע געוואַנטן — צו מערב, און די אין די פּורפּור דעקטיכער — צו צפון, און די אין לעדערנע גאַרטלען — צו דרום, און יענע האַלב־נאַקעטע מיט די טאַטואירטע הענט און אויערינגען און האַלדזבענדער האָבן זיך געשטעלט פאַרן ברענענדיקן שייטער — אַזוי אַרום האָבן די דינער פון בעל געשיצט די פיר ווינקלען פון דער ערד. פּלוצים האָבן נעמה'ס נאָזלעכער איינגעאָטעמט דעם בראַנד־ריח פון פייער. פון די שפּרינגבעקנס זענען אויפגעגאַנגען די גע־שמאַקע גערוכן און פון אַלע ווענט האָט געפלייצט אַזוי פיל ליכט ווי די העל־

קייט וואָס אין דעם אויסשפּרייט ביים אָנהייב פון באַשאַף. הינטער די רייען כהנים זענען אָנגעלאָפן יונגע אַנטבלויזטע קדשות מיט רויטע פלאַמענדיקע שלייערן איבער די בייכער.

ווען צוועלף שוואַרצע קנעכט האָבן אויף שטאַנגען אַריינגעטראָגן די בראַנדאָפּפערס, צוויי געשאָכטענע בעק, איז פון אויבערשטן שטאָק אויפגעגאַנגען א געזאַנג פון הייזעריקע העלדזער; צימבאַלן האָבן געפּויקט און לירעס האָבן געשפּילט און האַרפעס האָבן געציטערט, און אַלע איינגעזאַמלטע האָבן געוויגט מיט זייערע לייבער פאַמעלעך, און דערנאָך געשווינדער. און ווי הויך עס איז געשטיגן דאָס געזאַנג — אַזוי האַסטיק איז געוואָרן דער ציטער פון זייערע גלידער, ווי איין גוף וואָלט צוזאַמענגעהאַלטן דעם גאַנצן המון און איין קול וואָלט אַרויסגעשריגן פון אַלעמענס בלוט. אין יענער רגע האָט דער הויכער דאַרער מאַן, אַרפכשד, אין גאָלדענע קליידער, געשפּריצט צוריק פון מזבח מיט צענומענע הענט האָט ער זיך געריימט א וועג צווישן די כהנים. ער, דער פּריסטער פון תנית, די מלכה פון הימל, איז געגאַנגען אָנזאָגן עשתורת'ן, אַז א העלפט דערפון וואָס דער בעל וועט פאַרצערן — איין באָק, וועט זיין אָנגענעמער אָפּפער פאַר איר.

אין געאייל איז אָנגעקומען א פּריסטער מיט א מעכטיקן גוף פון א פּעכטער וואָס ראַנגלט זיך מיט חיות. ער האָט זיך געשטעלט פאַר דעם פלאַקער, צופוסנס דעם בעל. ער האָט אויפגעוויקלט די ברייטע אַרבל און אויפגעהויבן די נאַקעטע אָרעמס מיט אָדערן ווי צווייגן. שוויים איז אַראָפּגערונען פון די שטאַרקע ביילן און פון האַרטן נאַקן און די גליענדיקע היץ האָט שווערער געמאַכט זיין אָטעם אונטער דעם בראָנזענעם גאַרטל מיט די רימענס, וואָס האָט צוזאַמענגעצויגן זיינע ריפּן. א יונגער פּריסטער האָט אויף די הענט אים צוגעטראָגן א נאַקעטן קינד מיט א וואַרעם לייב. דער מעכטיקער פּריסטער איז אָפּגעטראָטן ביז צום שפּרענגבעקן און איינגעטונקען דאָס קינד אין וואַסער און געריבן זיין הויט מיט רויטער ערד, אַזוי ווי עס טוען די שקלאַפן־הענדלער אויפן מאַרק. דערנאָך האָט ער אַרומגעוויקלט צוויי שמאָלע בענדער פון ליינענטוך אויף די צאַרטע אַקסלען און פאַרקניפּט אין א שלייף. ער האָט אָנגעהאַנגען א דינע האַלדזשנור אַרום נאַקן און געגאָסן אויפן קאָפּ מירע און אויסגעשמירט מיט אייל די קליינע סאַנדאַלן.

און פירנדיק צוריק דאָס קינד צום מזבח, האָט ער פּעסט עס געהאַלטן ביי זיין אָרעם, אויס מורא נישט צו פאַרלירן דעם טייערן אָפּפער פאַר דעם מלך־קרתא. אָבער אין יענער רגע האָט ער דערהערט א געשריי:

— נישט קיין לעבעדיקן אָפּפער! דאָס פליייש און דאָס בלוט פון די בעק וועט פאַרצערן דער בעל!

די קעניגין איזבל

די וואָרענונג איז געקומען פון אויבן, פון העכסטן שטול. ער האָט ארויפגעקוקט צו דער צאָרנדיקער קעניגין, און ביי דעם מעכטיקן פריסטער האָבן פון צעטומלטקייט די קני אָנגעהויבן ציטערן. פארוואָס האָט אַרפּכשד נישט אָנגעזאָגט פריער, אז די מלכה וויל היינט איבערבעטן ביידע געטער, יהוה און בעל? ער האָט דאָס קינד אָפּגעלאָזט און באלד איז ווידער אָנגעלאָפן דער יונגער פריסטער און אראָפּגעריסן פונעם קינד די ליינענבענדער און די האלדזשנורן און עס ארויסגעפירט דורך די זיילן, ביז אראָפּ צו דער נידעריקער טיר. דאָרט איז געשטאנען א דארער מאן מיט א געפייניקט פנים און א געשמיסענעם קערפּער. דערזעענדיק דאָס באפרייטע קינד, האָט ער עס ארייננגעכאפּט אין זיינע אָרעמס און זיך אויסגעצויגן אין שטויב. אויף איין רגע האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום געץ און באלד דערנאָך געדריקט דאָס ווארעמע קערפּערל צום הארצן און געיאָמערט:

— זון מיינער! היינט ביזטו ווידער געבוירן געוואָרן. אָ, גוטער בעל, מיין בכור האָסטו מיר צוריקגעגעבן!

דאָס געזאנג פון די פּריסטער ארום מזבח איז אויפגעגאנגען צוזאמען מיט די קלאנגען פון לירעס, צימבאלן און הארפעס, אמאָל העכער און אמאָל נידעריקער. די קדשות האָבן געטאנצט מיט אָפּגעדעקטע לייבער, ווי זינדיקע מלאָכים, איינגעוויקלט אין פייער. יונגע, באגייסטערטע כהנים האָבן אין מיטן געדריי ארום דעם פלאקער זיך איינגעשניטן מיט די שפּיצן שווערדן אין די אָרעמס און נאקנס, און דאָס בלוט האָט געטריפט ווי הייסער וויין אויף די מירמלשטיינער. פון צווישן די פירשטן און ציגזהאָרן זענען ארויסגעלאָפן היציקע לוסטיונגען און געגאָסן פון זייערע האָרנס דעם וויין אויף די בריסטן און שענקלען פון די טאנצנדיקע יונגפרויען.

ביי די הינטערשטע זיילן איז נעמה אצינד געשטאנען עלנט פאר גאָט און דערוויטערט פון דער מלכה. זי האָט געקוקט אויף די עלטערע כהנים, אָנגעטאָן אין קליידער ווי מלכים, געשפּייזט מיט פעטס פון רינדער. די ייִנגערע פריסטער, מיט די קורצע שווערדן, זענען היציקער געשפּרונגען ארום דעם מזבח, און בלייכע יעוונוכן, אָן ברעמען, מיט נאקעטע קאָפּשיידלען האָבן געשמירט מיט מירע די אָרעמס און העלדזער פון די קדשות, וואָס האָבן זיך איינגעוויקלט און אויסגעוויקלט פון זייערע רויטע שלייערן, און זיי האָבן אויסגעזען נישט אנדערש ווי די פרויען אין דעם הויז פון פארגעניגן, גרייטע זיך אָפּצוגעבן איטלעכן גלוסטיקן מאן. פון דעם גליענדיקן בעל האָבן נאָך געדונען די געווירצן ווי טריפנדיקער שמאלץ. דער מעכטיקער געץ האָט אומגעדולדיק באגערט צו פארצערן זיינע זינדאָפּפערס און זיינע דינער האָבן געשטארקט זיין לוסט מיט זייערע הילכיקע געזאנגען.

די בעק זענען געלעגן אין פייער. דאָס קנאַקן פון די צעדרערהעלצער אין לאַרבער־קרענץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די זינגענדיקע קולות, און דער הייסער בראַנד־ריח האָט איינגעשלונגען די דופטן פון נאַרד, פון מירע און פון אַלעאָן. נעמה איז אָפּגעטראָטן פון די הינטערשטע זײַלן און צוגעקומען צו די טרעפּ, וואו עס האָט מיט מידע טריט זיך אויפגעהויבן דער אַלטער אַרפּכשד. צוזאַמען מיט אים האָט זי געוואָלט אַרויפגיין צום טורעם, ווייל נאָך איין גע־בעט צו דער געטין פון ליכט האָט אויף איר געוואַרט. אָבער פּלוצים האָט זי דערהערט הינטער זיך געשווינדע טריט, און א שטאַרקע האַנט האָט באַרירט איר אָרעם. ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט, האָט זי דערזען הירם׳ען.

— בלייב שטיין! — האָט ער א רוף געטון דרייסט, און די אָדערן אויף זיין דיקן האַלדז זענען געוואָרן אָנגעשוואָלן.

נעמה האָט א צעטומלטע געקוקט אויף אים. דער קעניגינס ראַטגעבער האָט געפּלאַמט, דער שפּיץ באָרד האָט געציטערט און די נאָזלעכער האָבן גע־צוקט ווי ביי א זכר, וואָס האָט מיט אַמאָל אויפגעוועקט אין זיך אַלע פאַרבאָ־טענע באַגערן. ער האָט געהאַט א פאַרלאַנג זי אויסצואַוויקלען פון אַלע גע־וואַנטן און זי אַרויסנעמען פון דעם דאָזיקן הויז. אָבער איר קילער בליק האָט אים אָפּגעשיידט פון איר. זיינע ציין האָבן זיך געטרייסלט.

זי איז שיין און גלוסטיק, —האָט ער געטראַכט,— אָבער זי איז די טאָכ־טער פון פּקחיהו׳ס ברודער. היינט איז זי אין טעמפּל אָן שוץ, אָבער מאָרגן קאָן דער קעניג זיין איר פאַנצער. נעמה האָט זיך אָפּגעקערט, אָבער הירם איז איר נאָכגעגאַנגען.

— לאָז איבער די פייערן און די בעק פאַר די כהנים און קום צוריק אין פּאַלאַץ — האָט ער געפּליסטערט.

— פאַר דעם כבוד פון דער פּרינצעסין פון ירושלים האָט די קעניגין מיך פאַרבעטן אהער — האָט זי שטיל געזאָגט.

— די קעניגין האָט אונדז ביידן נאָך איין פאַנג געשיקט. געדענקסט נעמה? דעם נציב פון רמה מוזן מיר ברענגען.

— די נאַכט פון פאַנג איז מאָרגן. אזוי האָט די קעניגין באַפוילן.

— א ראַטגעבער רעדט היינט פון די געשעענישן פון מאָרגן.

זי האָט מיט שפּאָט געקוקט אויף זיינע בריענדיקע ליפּן. וויפל פאַרכט ער טראָגט ווען ער שטייט פאַר דער קעניגין, און וויפל לעסטערונג אין הויז פון די געטער! —האָט זי געזאָגט צו זיך.— ער איז קלוג, אָבער שוואַך ווי אַלע זכרים. ער האָט קיינמאָל פריער אירע שפּיצן פינגער נישט אָנגערירט. צי וויל ער היינט איר ליבע? פאַרוואָס נעמט נישט דער מאַן פון מאַכט, דאָס וואָס אים קומט, יעדע קדשה וועט מיט פרייד גיסן וויין אויף זיין שויס.

חירם איז געשטאנען א פארשטאַרטער. זיינע הונגעריקע אויגן האָבן גע־וואַנדערט איבער אירע שענקלען, וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין רימענס און גאַרטלען, ווי אין קייטן. ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט שטאַרק אין דעם הויז, נעמה, אָנגעזען ביי דער מלכה און באַ־ליבט ביי דעם קעניג. דו האָסט היינט געטרייסט דעם קראַנקן פּרינץ ווי א מוטער, אָבער ווי א לוסטפּרוי האָט ער דיך צו זיך געצויגן.

— יהורם איז א יינגל, נאָך נישט אַנטוויינט פון זיין מוטער.

— זיינע באַגערן זענען ווי ביי א רייפן מאַן, באַרוישט פון וויין.

— דאָס וואָס עס מעגן פּרינצן, איז פאַרווערט פאַר ראַטגעבער. היט זיך אַצינד פאַר מיינע צאָרנדיקע ליפּן. די קעניגין הערט אַלע הינטערליסטיקע רייד פון אירע געטרייע.

און זי האָט מיך פאַראַכטונג זיך אויסגעדרייט און אַרויפגעשטעלט א פוס אויף דער ערשטער טרעפּ. די אַלבאַסטער אויערינגען האָבן זיך צעוויגט און אַזוי האָבן זיך געוויגט די איידלשטיינער אויף אירע אָרעמרייפן. חירמ׳ס נאָז־לעכער האָבן איינגעאָטעמט די שמעקנדיקע ריחות, וואָס האָבן געבלאָזן פון אירע האָר אונטערן קאָפּבאַנד; אָבער ער האָט זיך געשראָקן אויסצושטרעקן זיינע פינגער און באַרירן איר הויט. איך גיי אַרום אין דעם גאָרטן פון דער קעניגין, —האָט ער צו זיך געזאָגט,— אָבער איך טאָר נישט אָנרירן איר שענ־סטע פּרוכט. נאָך איין מאָל האָט ער געוואָלט זאָגן רייד, וואָס טאָרן נישט געהערט ווערן אין הויז פון געבעט.

— קום, נעמה, מיר וועלן טון אַזוי ווי עס הייסט די געטין תנית טון די אויסדערוויילטע ביים פאָלק. קום אַרויס אין גאָרטן איידער דער מאָרגנטוי וועט אָפּוואַשן די שאָטנס פון דער נאַכט.

דערהערנדיק זיינע רייד פון געבעט, האָט ביי נעמה׳ן זיך געוועקט א נייד־גער. אירע אויגן האָבן שטיפעריש אים אָנגעזאָגט:

— איך האָב געמיינט, אַז נאָר די וואונטשן פון דער קעניגין זענען די זאָרג פון דעם ראַטגעבער אין פּאַלאַץ.

— די וואונטשן פון דער קעניגין וועלן וואַרטן, נעמה. לאָמיר נישט פאַרבלענדט ווערן פון די פייערן און גענים פון די פאַרגעניגנס, וואָס די גע־טער האָבן היינט פאַר אונדז אָנגעגרייט.

און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָבער זי האָט אים אָפּגעשטויסן מיט כעס. חירם האָט דערשטיקט זיין צאָרן, אָבער די פאַרבאָטענע לוסטן זע־נען אין אים נאָך נישט געווען פאַרלאָשן, און ער האָט געטראַכט: אין זינד איז זי געבוירן געוואָרן און אין חטא האָט זי איר מוטער אַנטפאַנגען, אָבער זי איז היינט שטאַרקער פון מיר.

איר פּאַראַכטונג צו אים איז נישט אַוועק. פּלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אין איתמר׳ן, און אויס באַוואָרעניש אויפגעהויבן אירע אויגן צום אָפּבילד פון עשתורת און צום שטיק הימל, וואו די האַלבע לבנה איז געשוואומען, און נעמה האָט געבעטן: רייניק מיך, געטין פון ליכט, מיט שמעקנדיקע גראָזן, אַז איך זאָל לויטער ווערן. וואַש מיך, אַז מיין ליב זאָל ווייסער ווערן פון שניי, ווייל דער קריגסמאַן וואָס מיין האַרץ האָט ליב, קומט צוריק פון מלחמה.

און זי האָט אַ שטאָלצע זיך געלאָזט גיין געשווינד אַרויף, צו דער אויבערשטער בימה. חירם איז איר נאָכגעגאַנגען אויף די ערשטע דריי טרעפּ און אויסגערופן:

— האָסט אָפּגעשטויסן דעם, וואָס זיין שווערד וועסטו אַמאָל קומען זוכן.

די רייד האָבן זי מער נישט דערצאָרנט, אָבער זי איז געבליבן שטיין. חירם האָט שטיל געזאָגט:

— די קעניגין האָט געהאַט אַ טיגערין אין פּאַלאַץ, האָט זי געלאָזט זי אומברענגען דורך אַן אַנטלאָפענעם קריגסמאַן! היינט האָט זי אַ צאַרטע לאַם אין איר קאַמער, וועט זי אַליין דערשטיקן איר ווייכן האַלדז.

חירם איז פאַרשוואונדן הינטער אַ פּורפּור־פאָרהאַנג, אויסגעהעקלט פון גאָלדענע צווייגן, און נעמה איז אַרויף צו דער העכסטער טרעפּ. זי האָט דערהערט פון דער אויבערשטער בימה דאָס קול פון דעם עלטסטן כהן ארפּכשד, דאָס קול פון תּפילה, וואָס האָט געקלונגען ווי דאָס קול פון אַ שבועה:

— ביי די פייערן, וואָס פלאַקערן אין דעם הויז און ביי די ריחות פון די בראַנדאָפּפערס, וואָס גייען אַרויף צו דיינע איידעלע נאָזלעכער, אָ, האַרינטע, דו וואָסט מאַכסט דורשטיק דעם מדבר און דעם ים מאַכסטו געזאַלצן; דו, וואָס צינדסט־אָן די שטערן און ברענגסט דעם געוויטער דורך די וואָלקנס, און דעם שטורעם ציסטו אַרויס פון די ערד־אויסהוילן און דאָס גליענדיקע אַש גראָבסטו פון דער אונטערשטער וועלט. אָ, דו העררשערין פון הימל און רעגירערין פון דער ערד! נעם נישט אַוועק פון אונדז דיין ליכטיקייט אין דער היינטיקער נאַכט, ווייל פון אַ האָר ביז אַ קנעכט און פון אַ פירשט ביז אַ נידעריקן מאַן האָבן זיי זיך איינגעזאַמלט היינט אין דעם דאָזיקן הויז און זיי זענען געקומען דיך דינען פאַר די אויגן פון דער קעניגין און די פּרינצעסין. אַזוי ווי דאָס בלוט און דאָס פלייש פון אָפּפער וואָס בראָט זיך אין פלאַקער, אַזוי ווערן צעשמאָלצן אַלע אונדזערע וואונטשן פאַר דיין באַגער!

אַרפּכשד האָט געקניט מיט געשלאָסענע אויגן. ער האָט נישט געקוקט צו יענעם אָרט, וואו בלוט האָט זיך געמישט מיט וויין און תּפילה מיט אכזריות, און ווייטער געבעטן:

— פאַרהיט אונדז, מעכטיקע געטין, פון דעם פּחד, און שיינען זאָלסטו

אונדז, אז פון די פלוכן פון יהוה'ס דינער זאָלן ווערן פאַלשע צוזאָגן, און אז די קעניגין זאָל נישט פאַרלירן אירע רייטוועגענער און פערד, אירע הענגבעטן און די קנעכט, וואָס באָדן אירע פיס. פאַרהיט אונדז, אז שאַקאַלן זאָלן נישט אַריינקומען אין פּאַלאַץ און קראָקאָדילן זאָלן נישט אַרויסשלייכן פון וואַסער, און די פּלאָג זאָל נישט טויטן די צאַרטע פרויען, וואָס ברענגען לעבן צו די זאָמען פון געזונטע מענער. פון היינט־אָן, אַ, ליכט פון דער וועלט, זאָלן נאָר אָדלערס און נישט קיין ראָבן פלאַטערן איבער דעם הויז!

דער כהן האָט נאָך תפילה געטון. זיין גאָרגלדיקע שטים איז אַרויפגעגאַנגען אין די העכסטע הויכקייטן, אָבער נעמה האָט אים מער נישט געהערט. קולות, הילכיקערע פון אַרפכשד'ס שטים, האָבן זיך געטראָגן פון הינטער דער וואַנט; קולות פון אויפשטענדלער, וואָס קענען זיי האָט דער עלטסטער כהן ערשט געבעטן שוץ, האָבן זיך אַריינגעריסן. נעמה'ס פּנים איז געוואָרן בלייך ווי די פּערל אויף אירע אָרעמרייפן, און פון פּחד האָבן אירע פינגערנעגל געציטערט. פון דער העכסטער טרעפּ, וואו זי איז געשטאַנען, האָבן די לאָמפּן, הענגלייכטער און פאַקלען אויסגעזען ווי אַ קרייז פייער, וואָס האָט בלינד געמאַכט די אויגן פון די איינגעזאַמלטע און אויסגעברענט זייערע נשמות. אַ שוואַרצער רויך איז מיט אַמאָל אויפגעגאַנגען פון די ריינע פלאַמען, און די קדושות האָבן אָפּגעשטעלט דעם טאַנץ.

ווי אַ געוויטער, וואָס פאַלט־אַראָפּ אומגעריכט פון די הויכקייטן, אַזוי איז דער רעש געפאַלן אויף די ווענט פון טעמפּל. אין דער בהלה זענען וועכטער מיט בראָנדשילדן אָפּגעטראָטן פון די שוועלן; די קדושות האָבן מיט געשרייען געזוכט אַ באַהעלטעניש הינטער די בימות; די כהנים האָבן, לויפנדיק פון מזבח, זיך אויסגעמישט מיט די דערשראָקענע מענער און פרויען, און דער המון־עם איז געבליבן ליגן אויף די קני, ווי אין מיטן אַ פאַרגליווערטן טאַנץ. דאָס קול פון אַרפכשד איז שטום געוואָרן. שטיינער זענען געפאַלן ווי דונער־קלעפּ אויף דעם גאָלדענעם בויגנטויער, און באַלד איז אַריינגעלאָפן אַ וועכטער מיט אַ פאַרבלוטיקטן שטערן און דערציילט, אז מענער פון בונט, מיט ברענענדיקע פאַקלען, זענען אָנגעלאָפן ביז צו די טרעפּ פון טעמפּל און ווילן אונטערצינדן די ווענט. מיט אַ האָגל שטיינער באַוואַרפן די לעסטערער דעם געלענדער, זיי זענען שוין ביינגעקומען די ערשטע וועכטער, און איינער צווישן זיי, אַ באַוואַקסענער נזיר, שרייט, אז די נקמה פאַר דעם בלוט פון נבות דעם יזרעאלי איז ער געקומען נעמען.

די מלכה איז געווען אויף די פיס, ווידער צאָרנדיק און שטאַרק. איבער דעם פּחד פון די פּריסטער איז אַצינד אויפגעגאַנגען אין איר אַ האַס. ווי אַזוי האָבן די נזירים זיך נישט געשראָקן צוצוקומען צום טויער פון איר הייליקטום?

מיין פעסטונג זענען זיי באפאלן, —האט א געשריי זיך געריסן פון איר האריץ,
— זיי זענען געקומען מיט פייער ווען דעם קעניגס קריגער זענען ארויס אין
מלחמה! ווער האט געשטארקט די מענער פון יונדב בן רכב? און דער, וואס
פארלאנגט נקמה פארן בלוט פון נבות, איז ער נישט דער פארבליבענער פונעם
הויז פון דעם יזרעאלי? דער גערטנער פון יזרעאל איז טויט, אבער געבליבן
איז נאך א יורש, וואס ביז צום הויז פון בעל איז ער היינט געקומען מיט א
ברענענדיקן פאקל.

— באטרוג! — האט זי א געשריי געטון, און זיך געלאזט לויפן צום
בויגנטויער, און צוויי שפיזנטרעגער מיט קופערנע שילדן זענען פאר איר פאר־
רויסגעלאפן.

זי האט זיך באלד אומגעקערט און ארומגענומען איר טאכטער עתליה און
זי געדריקט צו זיך. די פרינצעסין האט געפלאטערט ווי א דערשראקענער
פויגל אין אירע ארעמס. איזבל האט אויפגעהויבן די אויגן צו דער געטין פון
ליכט און פרוכטבארקייט און געבעטן:

— עשתורת, זיי א שילד פאר מיין קאפ, און פאר די לעסטערער זאלסטו
היינט א האק זיין!

דער רעש הינטער די ווענט איז נאך געווען הילכיק, אבער דער האגל פון
שטיינער איז איינגעשטילט געווארן, און דער מלכה האט זיך אויסגעדאכט, אז
אן אומגעזעענע קראפט האט אפגעשטעלט די הענט פון די שטיינער־ווארפער.
איין רגע נאר האבן אירע אויערן אויפגעכאפט די געשרייען, וואס זענען געווען
מעכטיקער פון די דונערן אין הימל. עס האבן זיך געטראגן קולות:

— דאס הויז פון די אומריינע איז נאך נישט פארברענט!

— אבער פארצערט וועלן זיי ווערן אין זייער אייגענעם פייער!

— קומט קיין גלגל!

— לאמיר לויפן ארויף, ביז דן!

— און לאמיר מאכן שטויב פון דעם געצנהויז אין קדש!

— זעט, די אומווירדיקע טרינקען זיך ווי ווערים אין וויין און אין בלוט!

און נאך העכער זענען געווארן די קולות:

— ווי לאנג וועלן זיי אויסקויפן די זינד מיט קרבנות און די פארברעכנס
מיט דער שווערד?

— איר, אומדערשראקענע און פארכטיקע, קומט ארויס פון הויז פון טויט!

— ווער צו גאט, הינטער אונדז!

— קומען וועלן מיר צוריקקומען אין טאג פון רעכנשאפט!

און די קולות האבן זיך איינגעשטילט.

די ווידערשפעניקע האבן נישט א קלאפ געטון אין די זיילנשפיצן פון גע־

צנהויז, אזוי ווי די אייפערדיקע נביאים האָבן באפוילן, און זיי האָבן נישט צע־בראָכן די שוועלן, און די ווענט זענען נישט איינגעפאלן איבער די קעפּ פון די קניענדיקע אין טעמפּל, אָבער זייערע קולות זענען געבליבן הענגען ווי שווערדן איבער די אויערן פון דער מלכה. איזבל האָט זיך אויפגעכאפּט פון דער צע־טומלטקייט און גערופן צו אירע באוואָפנטע וועכטער, וואָס האָבן זיך באוויזן פון הינטער די זיילן:

— טויט זיי! קיינער זאָל נישט בלייבן לעבן!

דורך אלע טירן זענען ארויסגעלאָפן די וועכטער מיט די שפּיזן און שילדן, און דאָס קלינגעריי פון זייער כלי־זין איז געווען דער איינציקער גערודער אין דעם גרויסן הויז, וואָס האָט פּלוצים איינגעזונקען אין שטילקייט. די מלכה האָט געשריגן:

— דעריאָגט זיי! פארלענדט זיי!

— קיין איינער זאָל נישט אנטרינען, און זייערע קעפּ זאָלט איר מיר אין א קאָרב ברענגען!

עתליה, וואָס האָט זיך באפרייט פון איזבל׳ס אָרעמס, האָט זיך אויסגע־גלייכט נעבן איר מוטער די מלכה, ווי א גלייכע צו א גלייכער. איר בליק איז געווען הארט ווי א פעלז און אויף אירע ליפּן איז געווען עקשנות פון א הער־שערין, וואָס קאָן ארויסנעמען די מאכט פון די הענט פון די אָפּגעשוואכטע. דערזעענדיק דעם אויפגעוואכטן כוח אין אירע אויגן, האָט איזבל געוואָלט אויס־רופן: עתליה, פּרינצעסין מיינע! דו ביזט מיין אזוי ווי יהורם איז מיין! אין דער רגע פון פארשעמונג האָסטו נישט פארלוירן דיין שטאָלץ!

אָבער עתליה האָט געקוקט איבער די פיר ווינקלען פון טעמפּל, וואָס איי־אצינד געווען אויסגעליידיקט פון אלע וועכטער און פּוסט פון די כהנים, און געפרעגט:

— מוטער מיינע, ווי גרויס איז די צאָל פון דיינע אומגעטרייע?

און איזבל, וואָס האָט פארשטאנען עתליה׳ס זאָרג, האָט א געשטארקטע געענטפערט:

— זיי וועלן אלע אומקומען אין דער היינטיקער נאכט! די, וואָס זענען דערלאָפן ביז צו מיין שוועל און יענע, וואָס האָבן זיך באהאלטן ווי שילדקרעטן אין דער ערד!

און ווען זי האָט אנגענומען עתליה׳ן און זי געפירט צום ארויסגאנג, איז אנגעקומען חירם. זיין פּנים איז געווען בלייך, די באָרד אויסגעשמירט און דער מאנטל צעקנייטשט. ער איז געשטאנען א דערשלאָגענער, מיט די ליפּן גרייט צו רעדן רייד פון פארענטפערונג. די קעניגין האָט אויף אים געקוקט מיט שפּאָט.

— דעריאָג זיי ! —האָט זי געשריגן.— כאַפּ זיי ביז איינעם, און פאַר־לענדן זאָלסטו היימן יענע, וואָס קאָנען האַלטן שווערדן.

אָבער חירם האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט:

— פאַר א ראטגעבער האָט די קעניגין איר קנעכט אויסגעקליבן.

— א ראטגעבער אין פרידן, א קריגער אין מלחמה!

חירם האָט זיך טיפער איינגעבויגן און זיין שטים האָט געציטערט:

— אַלע זענען אנטרונען אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

— דו, מיט די אויגן פון א וויזלטיר, וועסט זיי געפינען אין די טיפסטע אויסהוילן! — האָט זי א געשריי געטון.

זי האָט אים ווידער אָנגעקוקט שטרענג, צאָרנדיק. איר בליק איז געווען קאַלט ווי די שאַרף פון א האַק. חירם האָט אוים פּחד זיך אויסגעצויגן ווי א קנעכט אין דעם שטויב פון אירע פיס, און די מלכה האָט אריבערגעטרעטן אי־בער זיין לייב.

ביי די אָפענע שוועלן איז זי שטיין געבליבן און ארויסגעקוקט צום טונ־קעלן הימל, וואו די שטערן זענען געוואָרן שיטערער און די לבנה בלייכער. די זיילן פוןביידע זייטן טויער זענען געשטאַנען שטאָלצע ווי די געצן. פון מזבח האָבן אויפגעהעלט גרויע וואָלקנדלעך, ווי א ווייטער אָנזאָג פון אן אויפגייענ־דיקן טאָג. הינטער די מויערן האָבן קרענץ פון צווייגנבלעטער און אויסגעלאָ־שענע פאַקלען זיך געוואַלגערט, און אין דער לופט איז שוין אויפגעגאַנגען דער פרישער אָטעם פון טוי. איזבל האָט זיך אויסגעדרייט צו עתליה'ן און געזאָגט:

— ביז צו די ווענט זענען די נידערטרעכטיקע דערלאָפן, אָבער זיי זענען געווען צו־שוואַך דעם ערשטן שטיין צו צעברעכן.

ח

דער קעניג איז צוריקגעקומען מיט נצחון, און יהורם איז געזונט געוואָרן. די צוויי בשורות האָבן ארויסגעזאָגט דאָס פאָלק פון דער אויבערשטער שטאָט און פון דער אונטערשטער שטאָט אויף די גאסן, און די עלטסטע האָבן אויסגע־רופן פארן המון־עם דריי פייערטעג, מיט וויין און קרבנות. דאָס חייל פון ישראל איז אָנגעקומען דורכן טויער פון די שופרות, און די גערונגענע זעלנער — די פון מואב און אשדוד — האָבן נאָכגעצויגן מיט קעמלען און פערד, באלאָדן מיט שווערן מלחמה־רויב. פארן כבוד פון קעניג, האָט דאָס פאָלק געשאָלט, אין פאר זיין ערשטן קריגספירער, איתמר בן צוער, האָבן די פירשטן געגאָסן וויין פון די האָרנס. יונגע פרויען האָבן געוואשן דעם שטויב פון די פיס ביי די קרי־גער, און קנעכט האָבן ארייננעזעצט די הויפטלייט אין טראָגשטולן. איזים חרפה האָט איזבל נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם מלך וועגן די אָנגעלאָפענע נזירים פון מדבר, אָבער אחאב האָט אין אריינפאָר פון טויער געהערט פון זייערע קנעכט וועגן די מורדים, וואָס האָבן באוואָרפן מיט שטיינער דעם טעמפל. פון איר העכסטן טורעם־פענצטער האָט די מלכה געזען ווי איתמר, דער זיגער, פאָרט דורך די שטאָט אין זיין רייטוואָגן און פופציק מאָן לויפן פאָרויס פאר אים, און זי האָט זיך געשראָקן, אז ער גנבעט דאָס הארץ פון די מענער פון ישראל.

דריי טעג האָבן די שקלאַפן־הענדלער אויף די מערק זיך איינגעטיילט מיט די געפאנגענע. דער גרעסטער אויפקויפער איז געווען דער רייבער מלכיאל בן רם, ווייל ער האָט געצאָלט דעם קעניג מיט צענטנערס גאָלד. נאָך איין בשורה האָט אחאב געהערט ווען ער איז אריינגעקומען אין פאלאץ: דער קעניג יהושפט אליין האָט איבערגעבעטן עתליה׳ן, און דאָס הארץ ביים מלך פון ישראל איז געוואָרן נאָך פרייליכער.

איידער נעמה און חירם זענען מיט די רייטער ארויס פאנגען דעם נציב פון רמה, האָט עתליה זיך שוין אומגעקערט קיין ירושלים, ווייל אויפן צווייטן

טאָג נאָך איר אָנקומען אין שומרון, האָבן ווידער צוויי שליחים זיך באוויזן — דאָס מאָל מיט א פאַרמעט־בריוו צום מלך פון ישראל. מיין טאָכטער איז זי! —האָט דער קעניג יהושפט געלאָזט שרייבן.— ברענגט זי צוריק צו מיר! מיין טיש וועט זי אצינד פירן און די בעכערס וויין וועט זי אליין אויסטיילן צו די פירשטן. דער ערשטער זון, וואָס זי האָט געבוירן, וועט אָנטאָן די קרוין אין יענעם טאָג ווען זיין פאָטער יורם וועט זיך לייגן מיט זיינע אָבות. איך וועל פארשטומען די בייזע צינגער, און די וואָס האָבן פארגעסן צו בענטשן איר טראכט — וועל איך פאַריאָגן פון מיין הויז, ווייל אזוי איז דאָס וואָרט פון יהושפט: ווער וועט פון היינט־אָן אָפּשפּעטן פון דער האַרינטע, וואָס פון אירע לענדן גייט ארויס א יורש פון דער קרוין אין ירושלים?

די רייד אין בריוו האָבן געשטאַרקט עתליה'ן און שטאָלץ געמאַכט איזבל'ן, וואָס האָט געזאָגט: צוויי נצחונות אין איין טאָג האָבן די געטער געבראכט — איינעם איבער אשור און איינעם איבער יהודה. עס איז ווערט געווען, אז מיין טאָכטער זאָל א פארשעמטע אין מיטן דער נאכט אנטלויפן פון ירושלים, כדי דער קעניג אליין זאָל אן אונטערטעניקער זי צוריקרופן! און דאָס זיכערע האַרץ האָט געשטאַרקט איר פעסטן באגער: אויך רמה וועט יהושפט אָפּגעבן, און ארויסגיין וועט ער פון די פאַרנומענע שטעט.

צום סוף פון דריטן טאָג, ווען די שאַלונג פון פאָלק האָט זיך נאָך געטראָגן אין דער אויבערשטער שטאָט, איז דער קעניג אחאָב אריין נעמען א באָד. זיין לייב האָט זיך געוויקט אין דעם טיפן בעקן, אָנגעפולט מיט שמעקנדיקע איילן און צימערינג. נעבן אים איז געשטאַנען דער צידונישער רופא מררי, אין א לאַנגן ברוינעם סדין און אונטערגעלענט דאָס האַרץ פון מלך מיט פרוכטן איינ־געטונקען אין האָניק. ער האָט אכטונג געטון, אז די פליסיקייט אין באָד־בעקן זאָל זיך נישט אָפּקילן. צוויי יינגלעך זענען געלעגן אויף די קני און איינגעריבן די קנעכלעך פון קעניגס פיס. פון דעם פאַרגעניגן פון גוף זענען די חושים געוואָרן שאַרפער, דער מוח איז געווען קלאָר און אין האַרצן איז געווען אָרט נאָר פאַר פרייד. ער האָט דעריבער געשיקט נאָך פקחיהו'ן, ער זאָל רופן די שרייבער שרביה און אלנתן, מיט ליימענע טאָוולען. זיי זאָלן הערן פון זיין נצחון און די רייד זאָלן אריינגעשריבן ווערן אין דעם בוך פון צייטגעשעענישן.

פקחיהו האָט זיך געשטעלט צווישן דעם רופא און די שרייבער. ער האָט געטראָגן א ברוינעם מאַנטל מיט ווייסע אקסלבענדער און ארום האַלדז א האַלדז־שנור מיט יאשפיזן און אגאַטן. א שותף צום קעניגס נצחון און א שותף צו זיין שטאָלץ איז ער געווען, און אָנגענעמער ווי אין אלע אנדערע טעג זענען פאַר פקחיהו'ן געווען די רייד וואָס דער מלך האָט היינט גערעדט פאַר זיינע שרייבער.

„אויף מיין דריטער מלחמה אין די צפון־לענדער, בין איך, אחאָב, דער

מלך פון ישראל, ארויסגעגאנגען שלאָגן א שטארקן שונא — שלמנאסר פון אשור, וועלכער איז דורך בערג און טאָלן געקומען פארלענדן מיין לאנד. און ווי עס לעבט יהוה דער גאָט פון ישראל, דער גאָט פון מיינע חיילות, אז דאָס איז אן אָפּוועהר־מלחמה געווען! דעריבער האָב איך מיט מיין אלטן פיינט בן הדד, געשלאָסן א בונד און מיט אתבעל, דעם הערשער פון די צידונים, האָב איך באנייט דאָס וואָרט פון פרידן און אינאיינעם זענען מיר אקעגנגעגאנגען דעם גרויזאמען שונא ביז קרקר. איך האָב נישט געהאַט קיין פּחד פאר אשור׳ס שטארקן חייל און פאר דעם באטרוג פון די ארמים האָבן מיינע הויפּטלייט זיך נישט אָפּגעשראָקן. איך בין נישט אנטלאָפן צו די ווייטע אינדזלען אין מיטן ים, ווי עס האָבן געטון די קליינע מלכים, וואָס זייערע לענדער האָט ער צע־טראָטן״.

„ביים אנהייב פון לעצטן חודש, אויפן אכצענטן יאָר פון מיין מלוכה אין שומרון, האָב איך איינגענומען די באפעסטיקטע שטעט, וואָס אשור האָט צוגע־רויבט ביי ארם. מיין חייל איז ארויסגעגאנגען פון חצור און איז אריבער דעם ירדן. די ארמים זענען ארויפגעלאָפן ביזן בארג שניר און דעם בארג אמנה, און דאָס פאָלק פון צידון — דאָס לאנד און די שטאָט צידון, וואָס זענען מיינע ברידער, האָבן איבערגעלאָזט זייערע שיפן אין אכזיב און אין צרפת און זענען ארויפגעגאנגען צום הויכן לאנד אָפּצושטעלן אשור ביי זייערע געמארקן. איך האָב נישט געזוכט הינטער זיך, נישט די הערשער פון מואב און נישט פון אשדוד, נאָר זייערע פוסגייער האָב איך געדונגען. די גרויזאמע ארמים פון דמשק און פון חמת האָבן פארלענדט די אונטערגעקויפטע צו אשור און זייערע קעפ האָבן זיי אויפגעהאנגען אויף די מויערן פון די שטעט. אָבער איך, אחאָב, דער מלך פון חסד, אנגענומען ביי יהוה און באליבט ביים פאָלק, האָב גענומען געפאנגען די אונטערטעניקע און זייערע שטעט האָב איך נישט פארברענט און זייערע פארמעגנס נישט אויסגערויבט. בלויז אין בעל־גד איז מיין חייל נאָכ־געגאנגען די ארמים און אויסגערויבט די הייזער און פארטיליקט די מענער, און זייערע פרויען האָבן זיי צוגענומען פאר דינסטן און לוסטווייבער״.

אחאָב איז אנטשוויגן געוואָרן, ווי זיינע ליפּן וואָלטן געווען אויסגעשעפּט. ער האָט טיפער אונטערגעטונקען זיין האלדז אין באָד און אָפּגעאָטעמט לייכ־טער. דערנאָך איז זיין קול ווידער געווען קלאָר און הילכיק:

„א פּחד איז באפאלן די באוואוינער אין די שטעט ביי קרקר, ווען זיי האָבן געזען אז איך האָב געלאָזט זייערע ווידערשפּעניקע מלכים אין קייטן ביגדן. און געהייסן זיי פארטרייבן אויף יענער זייט מדבר. די פירשטן און די עלטסטע זענען געקומען מיך איבערבעטן מיט מתנות און מיינע פיס האָבן זיי געקושט; און די שבטים פון די אראבער, וואָס האָבן געלאגערט אקעגן מיר מיט וואָרף־

שפּיזן און שליידער־שטיינער, האָב איך צעשפּרייט ווי שטויב אויפן ווינט; זיירע ווילדע רייטער מיט זייערע פערד האָב איך פּאַרטיליקט. און די, וואָס זענען אַנטרונען פון דער שווערד, האָב איך נאָכגעיאָגט צום וויסטן לאַנד, ביז אַשקלון, און זיי פאַרשניטן ביז איינעם".

פון פרייד פון אייגענעם נצחון, האָבן ביים קעניג די קינבאַקן אויפגע־פלאַמט, די פריש־געזאַלבטע באָרד האָט זיך פאַרשפּיצט, די אויגן האָבן גע־שטראַלט. דערשפּירנדיק דעם גליענדיקן אָטעם, וואָס האָט באַגלייט אַחאָב'ס קול, האָט דער רופא מררי זיך געשראָקן, אַז דער מלך וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, און אין געאייל האָט ער אים צוגעטראָגן אַ בעכער מיט האָניק־ווײַן.

— טרינק, מלך, —האָט ער געזאָגט,— איידער דיין בלוט וועט זיך אָפּ־קילן און די כוחות וועלן דיר אויסגיין פון צופיל רייד.

אָבער אַחאָב האָט אָפּגעשטופּט דעם היילערס אויסגעשטרעקטע האַנט און ווידער געדעדט צו זיינע שרייבער:

„זיבן און דרייסיק גרונטפעסטן האָט מיין חייל באַלאַגערט, און צוועלף טויזנט נפשות, קליין און גרויס, מענער און פרויען האָב איך אין געפאַנגענ־שאַפט גענומען, ביז אשור האָט ביי קרקר די מלחמה פאַרלוירן; און מיינע שטאַרקע רייטוועגענער און אומדערשראָקענע לויפערס מיט בראַנדהעלצער האָבן אַריינגעטריבן אין מיין לאַנד פיל פערד, מוילאייזלען, קעמלען, שאָף און רינ־דער אָן אַ צאָל. דער גרויסער מדבר איז אויסגערייניקט געוואָרן פון פרעמדן חייל ווי אַ פעלד פון היישעריק, און שלמנאסר, דעם שטאָלצן הערשער, האָב איך פאַריאָגט צוריק ביז הינטער פרת, און ער איז געבליבן פאַרשלאָסן אין זיין פּאַלאַץ ווי אַ פויגל אין שטייג, וואָרום ווידערשפּעניקע פירשטן האָבן דאָרט גע־וואָרט אַראָפּצונעמען פון זיין קאָפּ די קרוין. און ווייל מיין אַנלען איז געווען גאָט פון צבאות, וואָס האָט געפירט מיינע חיילות איבער דעם טרוקענעם לאַנד און איבער די וואַסערן, וועל איך צוריק אָפּגעבן די שטעט, וואָס איך האָב פאַר־נומען, צו די הערשער וואָס האָבן אָן ווידערשטאַנד זיך געלייגט צו מיינע פיס".

און ווען אַחאָב איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ קנעכט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון באַדקאַמער און געפּליסטערט שטילע רייד אין די אויערן פון פּקחיהו'ן. דעם קעניגס ראַטגעבער האָט זיך צעלאַכט און איבערגעגעבן די נייעס צום מלך:

— מלכיאל בן רם וואַרט הינטערן פאָרהאַנג. ער וויל אָפּקויפן דעם קע־ניגס הונדערט געפאַנגענע אשורים, וואָס אָמון האַלט אין שטאָט־געפענגעניש.

— דער רייכסטער הענדלער פון קנעכט! —האָט אַחאָב אויסגערופן.— אָבער פאַר אים איז דער גאַנצער לעבעדיקער פאַנג פון מלחמה צו־ווייניק! זאָג מלכיאל'ן, אַז זיין בייטל איז צו־קליין אָפּצוקויפן דעם קעניגס משכנות.

שלמנאַסר האָט זיי אין שלאַכט געשיקט, אָבער זיי זענען גוטע באַרג־בויער פון גרונטפעסטן, און זיי וועלן אַצינד אויפשטעלן נייע טורעמס און ערדוואַלן הינ־טער רמות־גלעד.

פקחיהו האָט שוין אַרויסגעשיקט דעם קנעכט אַנצוזאָגן דעם שקלאַפן־הענדלער, אַז דער קעניג וויל אים נישט זען, אָבער אחאָב האָט אים צוריק־גערופן.

— ברענג אַריין מלכיאל'ן און דריי געפאַנגענע אשורים מיט אים.

פון הינטערן פאָרהאַנג, איינגעהילט אין אַ וואָלקן קטורת, איז אָנגעקומען מלכיאל מיט זאַכטע שפּרייזן. אַ שטאָלצער, וואָס זיינע קייטן האָבן געבונדן די געפאַנגענע פון צוויי מלכים, איז ער גרייט געווען אָנצובאָטן דעם קעניג פאַר די הונדערט משכנות אַ הויכן פּרייז, אָבער אחאָב האָט זיך אַרויסגעהויבן פון דעם באָד־בעקן ביז צום האַלבן גוף און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די דריי אשורים, וואָס זענען געגאַנגען הינטער מלכיאל'ן. זיי האָבן געטראָגן צע־ריסענע גאַרטלען און קיין שווערדן זענען נישט געווען ביי זייערע לענדן. דער מלך האָט מיט שפּאָט געקוקט אויף זיי און געזאָגט:

— די, וואָס האָבן געדינט דעם שטאַרקן לייב פון צפון, ווי נידעריק זיי שטייען אַצינד פאַר דעם מלך פון ישראל!

די שרייבער מיט די ליימענע טאָוולען זענען אַרויס, און פקחיהו האָט גע־שיקט בליקן פון פאַראַכטונג צו די געפאַנגענע. די דריי דערנידעריקטע האָבן געהאַט וואונדן אויף די פּיס און אויף די אָרעמס. רויטע שטרייפן זענען גע־ווען איינגעשניטן אויף זייערע העלדזער פון די שטריק, וואָס די זיגער האָבן אויף זיי אַרויפגעוואָרפן; די קייטן פון די הענט האָבן אַראָפּגעהאַנגען צו דער ערד. פקחיהו האָט אַ געשריי געטון:

— אויף די קני, איר אומווירדיקע! איר זייט נישט ווערט צו קושן דעם שטויב פון די פּיס ביים קעניגס קנעכט. ווערים און עקדישן פון פרת, וואָס נאָכגעקראָכן זענט איר שלמנאַסר'ן דעם שטאַרקן, פאַרוואָס שווייגט איר? האָט דען ווער געלייגט אָנגעגליטן קופער אויף אייערע צינגער?

און מלכיאל, גרייט וואוילצוגעפעלן די הערשער און ווייזן באַרעמהאַרצי־קייט צו די באַזיגטע, האָט מיט אַ קאַלטן שמייכל זיך אָנגערופן:

— שטום זענען זייערע צינגער געוואָרן. וואָס קאָנען דען זאָגן די גע־שלאָגענע ווען זיי קניען ביי די פּיס פון דעם זיגער?

פקחיהו האָט געמאַכט איין שפּרייז פאָרויס און פאַרשטעלט דעם רופא מרדי, וואָס האָט געהאַלטן אין אַריינלאָזן דורך דינע רערן אין דעם באָד־בעקן פרישן מור און צימערינג. זיינע ליפּן האָבן זיך פון כעס געבלאָזן.

— שטום זענען זייערע צינגער געוואָרן? — האָט ער געפרעגט, און צאָרנ־

דיק געקוקט אויף מלכיאל'ן.— ערשט נעכטן האָבן זיי געשריגן נאָך די פערד, נאָך די פרויען און נאָך די הייזער פון לאַנד. אָ, קעניג, לאָז מיך זיי באַשטראָפן און איך וועל זיי געבן א קברים־לאַנד, וואָס זיי וועלן עס קיינמאָל נישט פאַר־לאָזן. הערשן אויפן הויכן בארג האָבן זיי געוואָלט? איך וועל זיי אַרויפשיקן צו די הויבקייטן אונטער די וואָלקנס, וואו פלעדערמייז אַנשטאָט אָדלערס וועלן איבער זיי פלאַטערן.

מיט אויפגעהויבענע פויסטן האָט ער געדראָט איבער די קעפּ פון די אַשור־רים. די פעטע בייטעלעך אונטער זיינע אויגן זענען אויפגעלאָפן און די הויט ביי די מויל־ווינקלען האָט זיך געבלאָזן. אָבער דער קעניג האָט מיט א האַנט־הייב איינגעשטילט זיין כעס.

— איך האָב גענומען געפאַנגען די גיבורים פון אַשור, —האָט ער געלאַכט.
— און בן הדד וועט נעמען צינזן פון די פאַרנומענע שטעט. ווער איז רייכער?

— רייכער איז דער, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם שונאס קריגער און אַרויסגעשלאָגן די שפּיזן פון זייערע הענט — האָט מלכיאל זיך געאיילט צו ענטפערן.

א שטיל גערויש ווי א ריזלדיק וואַסער איז געקומען פון די קוימענס. און פרישע זיילן רויך מיט דופטן זענען אויפגעגאַנגען פון די קופערנע פאַנען. די יינגלעך, וואָס האָבן איינגעריבן דעם קעניגס קני, האָבן זיך געטונקען איז שוויים און אין רויכן. אחאב האָט דערשפּירט א דאָרשט און דער רופא האָט אים צוגעטראָגן א גאָלדענעם בעכער מיט רויטן זאַפט. עס איז געווען די צייט אַרויסצוגיין פון באָד, און דער קעניג אַליין האָט זיך איינגעוויקלט אין זיין וואַ־לענעם געוואַנט. די הויט האָט ביי אים געלויכטן, די אויגן זענען געווען וואַ־רעם. אַלע קאַרבן אויפן שטערן זענען געווען אָפּגעווישט און אויף דער ברוי־נער גלאַנציקער באָרד האָבן געציטערט לויטערע, גרינע טראָפּנס, און אויף צו ווייזן די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, אז זיין שטאַרקער גוף איז געזונט ווי א ריפּער בוים, האָט ער זיך געהייסן ברענגען געבראָטענע פיש מיט ביינער און א ריפּ פון א רויטן קאַלב. די פיש האָט אחאב אויפגעגעסן, אָבער דאָס רויטע פלייש האָט דער רופא אים נישט געלאָזט פאַרזוכן. אחאב האָט ווידער אָנגעקוקט די דריי געפאַנגענע, און די געשעעניש פון דער שלאַכט הינ־טער בעל־גד זענען אויפגעגאַנגען אין זיין זכרון. וויפל פּחד און ווייטאָגן האָבן אָט די קריגער געברענגט אויף זיין חייל! דעם טויט פון א הונט האָבן זיי פאַרדינט! און זייער פלייש דאַרף זיין א מאכל פאַר די פייגל פון הימל! אָבער ער וועט זיי צווינגען מיט זייערע אייגענע הענט צו בויען פאַר אים גרונט־פעסטן. אחאב האָט צוגערופן מלכיאל בן רמ'ען:

— די הונדערט אַשורים, פאַרוואָס ווילסטו זיי? אז שלמנאסר זאָל די

בויערס אויסלייזן פון דיינע הענט? און די שטארקייט פון מיין מלוכה, איז דאס ביי דיר נישט טייערער פון א פאר צענטנער גאלד?

דער שקלאפן־הענדלער האט געלאסן געענטפערט:

— אין אלע טעג פון יאר האט מלכיאל זיך נישט געמישט אין ענינים פון פאלאץ, אבער דער טאג פון קעניגס נצחון, איז דער טאג פון האנדל ביים סוחר פון קנעכט. שוואך און פארשעמט שטייען היינט פאר דיר דיינע הונדערט געפאנגענע, קעניג. אבער צי האסטו געטראכט, אז ווי מוראשקעס קאנען זיי מארגן אונטערגראבן די זיילן פון דיין קעניגרייך, אויב איבערלאזן וועסטו זיי אין דיין שטאט? עס איז פאראן אזא גבורה ביי געשלאגענע, וואס קאן אויפרייסן פעסטונגען און אויפטרייסלען די פיינט פון דער קרוין. שיק ארויס די, וואס היינט זענען זיי ציטערדיקע לעמער און מארגן קאנען זיי צישענדיקע שלאנגען ווערן.

מלכיאל האט צוריק אנגענומען די חשיבות, ווי זיין שטייגער ווען ער האט גערעדט שטארקע רייד צו געאכפערטע לייט, און שטום אנגעקוקט דעם קעניג אחאב האט דערקאנט, אז ער האט פארבאטענע ווערטער אויף די ליפן און געפרעגט:

— וואס האסטו געברענגט?

— נייעס פון אשור.

— פון שלמנאסר׳ם חייל?

— דער קעניג האט געטראפן. מלכיאל בן רם שיקט קיינמאל נישט קיין אויסשפירער; אליין גייט ער אויסקוקן אין די לאגערן פון די מלכים וואס באגערן צו וויסן ווער עס וועט ארוים דער זיגער.

אויפן קעניגס וואונק האט פקחיהו ארויסגעשיקט די געפאנגענע און אליין אויך פארלאזט, צוזאמען מיט דעם רופא, די באד־קאמער. די קנעכט האבן אהאב׳ן אין א הייבשטול ארייגעטראגן אין דער צווייטער קאמער, פול מיט טעפיכער און ווייכע פעלן פון חיות. מלכיאל איז אים נאכגעגאנגען. דורך די פענצטער האט ער געזען די הויכע ציפרעסן, וואס האבן פארשטעלט דעם שיין פון הימל. אויף יענער זייט וואנט האבן געשפרייזט טריט פון וועכטער. פון אויבערשטן גארטן האבן געמורמלט די וואסערן פון די שפריץ־פאנטאנען און פון דער ווייט, פון הינטערן טויער פון אונטערשטן גארטן האט זיך געטראגן דאס געקלינגערי פון גלעקער אויף די העלדזער פון לאסט־חיות, אויסגעמישט מיט קולות פון די טרייבערס. מלכיאל׳ס צונג איז געווען לויז. דער קעניג האט געפרעגט:

— האסט געזען שלמנאסר׳ן?

— איך האב אים געזען רייטן פאר דער מחנה און ציילן זיינע הייפטלייט

און פּירשטן. ער האָט אויסגעזען מעכטיקער פון א געץ. זיינע הענט זענען געווען ווי שאַרפע העק און זיינע אויגן ווי פיילן. ער האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אויף זיין פערד מיט זיין שפּיז און ברוסטשילד, און דער קופּערנער קיווער איז אַראָפּגעהאַנגען אויף זיין נאַקן. ער האָט געשוויגן, אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן די ברעמען, האָבן די חיילות פון אַלע פיר עקן זיך געשלאָסן ווי אין קייטן, און ווי ער האָט אויסגעשטרעקט אַן אָרעם, האָבן הילכיקע בענטש־ווערטער זיך געריסן פון אַלעמענס העלדזער. די זעלנער האָבן אים געוואָלט אויפהייבן מיט זיין פערד, אָבער ער האָט זיי מיט עקל אָפּגעטריבן. ער האָט מיך דערזען און איך האָב דערשפּירט, ווי א הייסע פייל וואָלט דורכגעשטאָכן מיין האַרץ.

— א לעבעדיקער ביזטו ארויס פון זיין מחנה, —האָט אחאָב געלאַכט.

— די מלכים פון צפון נעמען נישט געפאַנגען דעם, וואָס ברענגט אריין שקלים אין זייערע אוצרות. נישט קיין זיגער און נישט קיין באזיגטער איז דער ענדלער פון קנעכט — לענדער שטייען פאַר אים אָפן. אין מלחמות מעג ער פריי אריבערגיין פון איין לאַגער אין צווייטן. אָבער ווי שלמנאסר האָט מיך דאָס מאָל דערזען, האָט ער מיך מער נישט אָפּגעלאָזט. זיינע וועכטער האָבן מיך געשטויסן צו אים. ער האָט מיך געפרעגט: פון ארם צי פון ישראל?

— האָסטו געענטפערט אומדערשראָקן? — האָט אחאָב געפרעגט, און טיף ארייַנגעקוקט אין זיינע אויגן.

— א באוואוינער פון ישראל בין איך, —האָב איך געענטפערט,— אָבער נישט קיין מאַן פון מלחמה. בלוט אויף א שווערד מאַכט טריב מיינע אויגן, און פון א ברענענדיקער מויער ווערן קראַנק מיינע גערערים, איך בין געבוירן אַנצוטון קייטן אויף קנעכט. אין דער מלחמה צווישן דיר, הערשער פון אשור, און די מלכים פון אנדערע פעלקער, זוכן מיינע אויגן הענט און פיס צו קאָנען בינדן.

— וועמענס קנעכט האָסטו אים צוגעזאָגט צו בינדן? — האָט אחאָב פלוצים א געשריי געטון.

מלכיאל איז געווען צעטומלט. די אומגעריכטע רייד פון קעניג האָבן שטום געמאַכט זיין צונג. אחאָב'ס קול איז געוואָרן צאָרנדיקער.

— וועמענס קנעכט? — האָט ער איבערגעפרעגט.

מלכיאל בן רם האָט אויסגעטון זיין חשיבות און זיין פּנים האָט געקראָגן דעם אָנבליק פון א לאַם.

— נישט וואוילגעפעלן בין איך אין די אויגן פון שלמנאסר, —האָט ער שטיל גערעדט,— ווייל ער האָט געהייסן מיך ארויסטרייבן פון זיין לאַגער. צום ערשטן מאָל איז אויף מיר געפאַלן דער פּחד פון טויט ווען איך בין גע־

שטאנען פאר א קעניג. בלויז מתים האט יענער הויפטמאן ארויסגעפירט פון דעם לאגער. איך האב דעם אכזר אונטערגעקויפט מיט פופציק שקלים זילבער, ער זאל מיך א לעבעדיקן ארויסלאזן צום פרייען מדבר. דער גרוויזאמער אשורי האט געזאגט: דיין קאפ וועל איך נישט אפשניידן, אויב דו וועסט מיר צו־ריקברענגען מיינע געפאנגענע קריגער; אבער איבערן וועג וואו איך וועל דיך פירן, טארסטו גארנישט זען און דו טארסט נישט הערן. אין אן ארון פון טויט וועסטו ליגן, ביז דו וועסט אנקומען אין דעם פרייען לאנד. אין יענער רגע האב איך גערעדט צום הויפטמאן רייד, אזוי ווי עס וואלט גערעדט דער רואיקער אחליאב, דעם מלכ'ס פריינט: בעסער א קורצע צייט א לעבעדיקער איידער א מת אויף אייביק! און איך האב צוגעזאגט צוריקצוברענגען די געפאנגענע אשורים און זיך געלאזט ארויספירן ווי א טויטער פון אשור'ס לאגער.

און פלוצים האט מלכיאל בן רם, וואס האט תמיד גערעדט אן מורא, זיך אראפגעלאזט אויף די קני און געבעטן:

— טרעט אויף מיר קעניג, וועל איך פילן דיינע שטארקע פיס; פלוך מיך, וועל איך הערן דיין זיכערע שטים, אבער לאז מיך היינט אויסקויפן די הונדערט געפאנגענע פאר אשור. פאראן אזא ווארט פון כבוד, וואס ערלעכע הענדלער מוזן אפהיטן. שלמנאסר איז מעכטיקער פון בן הדד'ן און גרוויזאמער פון מצרים, און זיין חיל איז נאך נישט געגאנגען אין דער לעצטער מלחמה אויף דרום. נאך דעם היינטיקן שלאק וועט ער ווידער זאמלען זיינע פוסגייער און רייטער. די ארמים וועט ער אונטערקויפן און דאס לאנד פון די צידונים וועט ער ארומגיין, אבער ישראל וועט ער נישט שוינען. מיט הונדערט געשלאגענע קנעכט קאן איך איבערבעטן דעם גרוויזאמען קריגספירער.

אחאב איז אפגעטראטן פון דעם הענדלער. ער האט אים אנגעקוקט מיט פאראכטונג.

— באטרוג איז אויף דיין צונג, מלכיאל, —האט ער געזאגט,— און פאלש־קייט אין דיין הארץ. די ליפן, וואס רעדן אצינד חניפה צו מיר, זענען גרייט געוועזן צו קושן די פיס פון שלמנאסר. א, פארוואס זענען די טירן פון מיין הויז פאר דיר אפן? צי וואלסטו דען נישט געבונדן די רייטער פון ישראל, אויב געפאנגען וואלטן זיי געווארן פון אשור? שקלים זענען דיין וואג און קייטן דיין מאס, און די קרוין פון שומרון איז פאר דיר קיינמאל נישט געוועזן קיין רייכטום. מלכיאל בן רם, האסטו דען קיינמאל נישט געהאט דעם שטאלץ פון א געאכפערטן מאן? רייכערע באטריגער פון דיר שיקט אמון, מיין שטאט־האר, צו דער שטיינער־וואנט!

מלכיאל האט זיך געשטעלט אויף די פיס און געזאגט:

— אויסגעלאָשן וועט זיין מיין טאָג ווען דער מלך פון ישראל וועט ליי־קענען מיין געטריישאַפט.

— דיין געטריישאַפט! —האָט אחאָב געשפּעט.— צי קאָן דען אַ וואָנ־דערנדיקער הענדלער דאָס ערב זיין מיט אַ בייטל קופּער און גאָלד?

— גרעסער קאָן מיין ערבות זיין פון אַ בייטל!

— וואָס?

— דער קאָפּ פון שלמנאסר!

— ווי עס לעבט יהוה, דער גאָט פון ישראל! —האָט אחאָב אַ געשריי געטון,— גיי ארויס, מלכיאל, אויב דו ווילסט נישט, אַז דאָס בלוט פון דיין מאַרך זאָל שפּריצן אויף דער וואַנט פון מיין הויז. און קום נישט פריער צוריק, ביז דו וועסט נישט ברענגען דעם קאָפּ פון אשור׳ס מלך אין אַ בעקן מיט וויין!

און אַזוי זיכער ווי דער קנעכט־הענדלער איז אריינגעקומען, אַזוי צעטומלט האָט ער זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג. דער קעניג האָט אים נאָכגעקוקט. נאָר איינער אין שומרון קאָן האָבן נצחון — דער מלך! אין זיין הארץ איז מער נישט געווען קיין שרעק; דער גוף איז געווען פריש און דאָס בלוט האָט גע־ריזלט גלוסטיק. ווען ער איז געזעסן אין בעקן, איינגעהילט אין די שטראָמען היץ און רויך, זענען פון זיין מידן קערפּער אויסגעוועפּט געוואָרן אַלע זאָרגן און אַלע פּחדים, ער האָט זיך דערשפּירט אַזוי לייכט ווי אַ יונגער הירש. אין פּלוצים האָט אחאָב אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער; ער האָט געלאַכט אַזוי הילכיק און פריילעך, אַז די צוויי וועכטער מיט די שפּיזן ביי דער טיר האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צום קעניג און מיטגעלאַכט מיט זייערע דונערדיקע קולות.

ט

די קלעפּ פון די פאַלנדיקע שטיינער אויף איזבל'ס טעמפּל האָט דאָס פאָלק געהערט אין אַלע עקן לאַנד. די, וואָס האָבן געזען אין דעם א צייכן, אַז די ווידערשפּעניקע זענען ווידער געשטאַרקט, האָבן זיך נאָר געוואונדערט פאַר וואָס די מרידה קומט דאָס מאָל פון די פאַרשטויסענע אין מדבר, וואָס זייער לערער, יונדב בן רכב, האָט זיי געלערנט צו אַנטלויפן פון די געפּעכטן אין לעבן. די פּאַרכטיקע האָבן געוואוסט, אַז אבשלום, א קרוב פון נבות, האָט אַרויסגעפירט די נזירים פון מדבר און געמאָנט נקמה פון בלוט. עס איז נישט געווען פיינט צו האָבן די מלוכה פון שלעכטס, — האָט ער גערופן, — אויסלייז: מוז מען דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די גערעכטע.

דער קעניג, באַרוישט פון נצחון, האָט געשיקט דעם גרייז אלישמע צו די שטעט פון דרום און צפון, ער זאָל רעדן אין די אויערן פון פאָלק, זיי זאָלן אָפּהיטן די דינים און די געזעצן פון יהוה, אָבער נישט ווידערשפּעניקן זאָלן זיי אין דעם מלך. מיט אלישמע'ן איז מיטגעפאָרן יצהר בן רעואל. ער איז געווען אַן אַנלען פאַר דעם שוואַכן זקן, און עס זענען אויך נאָכגעקומען צוויי געאַכפּערטע לייט — אפרת און עזרא, פון די עלטסטע אין יזרעאל, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשטעלן די רציחה פון נבות'ן. פריער האָבן זיי געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן פון דעם ערלעכן גערטנער און אצינד זענען זיי געפאָרן שוינען דעם כבוד פון מלך, וואָס ווערט געשטראָפט פאַר די פעלשונגען פון איזבל.

זיי זענען אויסגעפאָרן דאָס צפון־לאַנד אין דער הויך און אין דער נידער. אין די שטעט האָבן זיי געזען, ווי שבת ווערט נישט אָפּגעהיט: די שפּינער האָבן געשפּונען פלאַקס אין הייליקן טאָג, די ווייןהענדלער האָבן געקוועטשט די ווייַנטרויבן אין קעלערס, און די סוחרים פון צידון האָבן אַריינגעפירט פיש אין קרוגן אייל און פורפור־געוואַנטן אויף די מערק. אין די ווייטערע וואוינערטער, וואָס זענען געלעגן ביי די שטעט פון פרעמדע שבטים, האָט מען די זכרים נישט באַשניטן. ווען אלישמע האָט געזען די פאַרדאָרבנקייט פון פאָלק,

האָט א הייסער צאָרן וואָס איז לאַנג געווען איינגעדרימלט דורך די חסדים פון מלך, אויפגעפלאַמט אין אים. ער האָט געוואוסט, אז די פרוכט פון שלעכטס מוז מען פארטיליקן פון אויבן און די וואָרצלען ארויסרייסן פון אונטן. אויף די זעלבע מערק, וואו די סוחרים פון צידון האָבן אריינגעפירט זייערע קעמלען מיט לאָדונג, האָט אלישמע איינגעזאמלט די באוואוינער און זיי געוואָרנט, אז אזוינע מעשים פאר גאָט וועלן נישט פארגעבן ווערן. יצהר בן רעואל האָט געלאָזט באַרישליסן די טויערן פון יעדער שטאָט דעם גאנצן שבת, פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאנג, אז פרעמדע הענדלער זאָלן נישט קאָנען אריינקימען. אפרת און עזרא האָבן מיט געבעט געערדט צו יונג און אלט, אז אזוי גרויס איז דער באַטרוג און די פאלשע שבועות און דאָס זויפעריי און די לוסט נאָך פרויען, אז דאָס ליכט פון דער וועלט קאָן פארלאָשן ווערן.

אין די שטעט פון גולן און גלעד זענען די פארברעכנס פון די רייכע קעגן די אָרעמע געווען איינס מיט דעם ווילן פון די שרים. די, וואָס האָבן נישט געקאָנט צאָלן זייערע חובות איבער אן אומגערעטעניש אָדער א הייעשריק, האָבן פארמשכונט די ערד צו די גרויסע לאַנד־באַזיצער. די נגידים האָבן געטראָגן קליידער פון די בעסטע וועבונגען און געגעסן שפייזן פון די שענסטע געריכטן; זייערע פארברעכנס פון רויב זענען אויסגעקויפט געוואָרן דורך די כהנים מיט דעם בלוט פון קרבנות. מער פארברעכנס — מער קרבנות. די פירשטן אליין זענען געקומען אָפּפערן זייערע בעק צו די גאָלדענע קעלבער אויף די מערק. דעם קעניגס שופטים האָבן נישט באַשטראָפט די שולדיקע; זייערע נשמות זענען געבליבן רואיק און די כהנים זענען געווען זאַט.

אין יענע טעג איז פון מדבר ארויסגעגאנגען דער יונגער אלישע, וואָס האָט באַדינט אליהו'ן, דעם געטלעכן מאַן, און געוואַשן זיינע הענט. זיין לערער, דער תשבי, אלט און אויסגעשעפּט, האָט נישט פארלאָזט דאָס באהעלטעניש, וואוהין ער איז אנטלאָפן פון איזבל'ס נקמה, און געוואָרט איינגעזאמלט צו ווערן אין זיין פאָלק. זיינע תלמידים, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער דעם וויסטן לאַנד, האָבן באַגערט צו שטרייטן דעם שטרייט פון גאָט, אָבער נאָר דער געזאַלבטער פון דער האַנט פון אליהו האָט זיי געמעגט אריינפירן אין די פארדאָרבענע שטעט, און פיל פון זיי האָבן שוין געוואוסט ווער דער געזאַלבטער וועט זיין. אלישע איז געווען שטרענג צו די זינדיקע און מילד צו די פּאָרכטיקע. אויף זיין צונג איז געווען פייער פאר די פארפירטע און טרייסט פאר די אומשולדיקע. וואַנדערנדיקע הענדלער מיט קאַראַוואַנען, וואָס האָבן אים באַגעגנט אויף די וועגן, האָבן דערציילט, אז ער טרעט־אָפּ אין די באַרויבטע שטעט און ווייזט וואונדער. אזוי ווי זיין לערער: ביי געוויינערינס לינדערט ער די ווייען און די פארמשפּטע פירט ער אוועק פון דער שטיינער־

וואנט; בעלי־חובות ראטעוועט ער פון קנעכטשאפט און פארשמאכטע לייזט ער אוים פון טויט. איין מאָל, ווען ער איז אָנגעקומען אין דן און דערזען, ווי נישט נאָר די שרים און רייכע, נאָר אויך דער המון־עם קניט אין מיטן מארק פאר דעם מזבח פון גאָלדענעם קאָלב, איז ער אריין אין אזא גרימצאָרן, אז דער אייפער פון נבואה האט אין אים אויפגעפלאמט און ער האָט מיט דעם פייער פון זיין אָטעם אָנגעזאָגט, אז גאָט וועט אומברענגען די זין אין מיטן טאָג, און דאָס ליכט איבערן לאַנד וועט נישט אויפגיין נאָך דער פינצטערניש פון דער נאכט; די פייערטעג וועט ער פארוואנדלען אין טעג פון טרויער און די פריי־לעכע געזאַנגען — אין קלאָג־לידער; עס וועלן ווידער קומען טעג פון הונגער און דאָרשט אין לאַנד, אָבער נישט קיין הונגער נאָך ברויט און נישט קיין דאָרשט נאָך וואסער, נאָר הונגער נאָך די לויטערע רייד פון יהוה, אָבער קיינער וועט זיין קול נישט קאָנען הערן, ווייל אין שמאך וועלן זיי פארלענדט ווערן. איבער די זינד פון אפרים וועלן טעכטער אומקומען פאר זייערע מוטערס און זין פאר זייערע פאָטערס; די זקנים וועלן פאלן פון שוואכקייט און די יונגע — פון מגיפות.

און ווי הויך אלישע איז ארויפגעקומען אין אויבערשטן לאַנד, אזוי האָט ער דערזען מער געצנדינסט און פארברעכן. אין דער שטאָט קדש האָט ער גע־הערט, אז די זינדיקע ווערן געטריבן צו פאַרדאַרבנקייט דורך זייערע פרויען, וואָס זאָגן צו זייערע מענער: ברענגט און מיר וועלן טרינקען! רויבט און מיר וועלן געניסן! אויך פאר זיי האָט דער יונגער נביא געהאט גרוזאמע רייד: איר, לוסטפרויען, עס וועלן קומען אויף אייך טעג און מען וועט אייך אוועקשלעפן אויף שיפלעך און פישער־קאנען אין פרעמדע לענדער, צו פרעמדע מענער. איר וועט שטיין ביי קלאָרע קוואלן, אָבער פון דעם זיסן וואסער וועט איר נישט קאָנען טרינקען. אייערע וויינגערטנער פון טרויבן און אייערע סע־דער פון איילבירטן וועלן פארטריקנט ווערן, און איר וועט מוזן פירן וואסער פון פרעמדע שטעט, אָבער אייערע הויפן וועלן בלייבן וויסט. ביי אייערע דינסטן וועלן די הענט געליימט ווערן און זיי וועלן נישט קאָנען באדעקן אייע־רע נאקנס און אָרעמס מיט האלדזבענדער פון גאָלד און רייפן פון זילבער. עס וועלן איינשרומפן אייערע בעטן פון עלפאַנטביין און פון די דופטיקע זאַלבן אויף אייער הויט וועט ווערן א געשטאַנק. פוילן וועלן אייערע שיינע לייבער, און פון דעם ווירצנשטויב אויף אייערע האָר וועט ווערן אַש.

די פרומע האָבן דערציילט, אז נאָך איידער אלישע׳ס ליפּן זענען אנט־שוויגן געוואָרן האָט די פּלאָג אין קדש אויסגעבראָכן. די מענער האָבן מיט אקעראייזנס און צווייגמעסערס נאָכגעיאָגט דעם יונגן פלוכער, אָבער ער איז אויסגערונען אנטקעגן ליכט פון טאָג, ווי אן אומגעזעענער שטורעם וואָלט אים

אויפגעהויבן צו די וואָלקנס; און לאַנג נאָך זיין פאַרשוואונדן ווערן האָבן די באוואוינער נישט פאַרגעסן די רייד פון דעם. וואָס ביי די אָרעמע איז עד געווארן באַליבט און ביי די רייכע פאַרהאַסט, אַז נישט קומען קאָן אַן אומגליק אין שטאָט, אויב גאָט זאָל עס נישט ברענגען, און עס קאָן נישט אָראָפּנידערן א פּלאָג אָן דעם ווילן פון יהוה.

ביז שומרון האָט זיך געטראָגן די פּלוך פון דעם וואנדערנדיקן יונגן נזיר, און איזבל'ס שווערדנטרעגער זענען גרייט געווען ארויסצוגיין אין געיעג נאָך אים. די, וואָס האָבן אין פּאַלאַץ געמיינט, אַז די נביאים זענען באַרואיקט אין די שטראָפערס איינגעשטילט, האָבן זיך ערשט דערוואוסט, אַז א נייער, גרויזאַמער מוכיח שטייט שוין הינטערן טויער פון שומרון.

ה

אחאָב׳ס האַרץ איז געווען רואיק, נאָך דעם ווי ער איז דורכגעפאָרן די פעסטונגשטעט אין גולן. די געפאַנגענע בוימייסטערס האָבן פאַר אים אויפ־געשטעלט נייע ערדוואַלן און גרונטפעסטן — א שוץ ביי די געמאַרקן פון צפון. די אַרמים האָבן נאָך געשיכורט פון נצחון און דער געשלאָגענער שלמנאסר ביים טייך פרת, האָט נישט געגרייט קיין נייע מלחמה. אין יענע טעג, אין צווייטן חודש זיב פון נייעם יאָר, האָט דער הערשער פון צידון, אתבעל, באַפוילן זיינע שיפטרייבער צו פאַרבעטן דעם קעניג פון ישראל אין זיין לאַנד און וויזן אים די באַפעסטיקטע ים־שטעט. פקחיהו האָט באַגלייט דעם מלך צום ים־ברעג רשפון, וואו א רודערשיף האָט געוואַרט אים צו פירן ביז צור. די שיף האָט געזאָלט שווימען פון אָוונט ביזן פרימאָרגן. אחאָב האָט געוואָלט מיטנעמען אָהליאָב׳ן, אָבער דער רייכער הענדלער איז געווען אין דער שפלה מיט זיינע קאַראַוואַנען. דער פאַרשווענדערישער אָהליאָב האָט דאָרט פאַרקויפט זיין וואָל צו די הענדלער אָן ציינזן. ער האָט נישט געמאָנט אין צייט די חובות ביי די פאַראָרעמטע פלישתים, אָבער אליין האָט ער נישט פאַרשפעטיקט צו טראָגן זיין געלט צו די ציינזהאַרן. דער קעניג האָט געהערט, אז אָהליאָב ווייסט נישט די ווערט פון זיינע פאַרמעגנס, און דורך זיינע איינגערעדטע געווינסן איז ער אוועק פון דער וועלט פון וואָר, און אחאָב׳ן איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס עס האָט געטריבן זיין געלאַסענעם פריינט צו לעבן אָפגעשיידט, ווי אין די וואָלקנס, און פאַרשווענדן א רייכטום וואָס איז נישט געווען אין זיין באַזיץ.

אין א גוטער צייט האָבן די שיפטרייבער פון צור פאַרבעטן אחאָב׳ן: עס איז געווען רו אויף דער יבשה און עס האָט געמוזט זיין רו אויף די וואַסערן. אין מיין מלוכה הערשט היינט א בונד מיט צידון, —האָט דער מלך געזאָגט,— אויב אין דער מלוכה פון מיינע זין זאָל קומען א ריס מיט צור, ווער וועט באַ־שיצן דעם ים פון ישראל? נאָך פריער האָט אחאָב דערנענטערט יהושפט׳ן, דעם מלך פון יהודה, צו צור, אז ער זאָל דורך זיי בויען שיפן און באַנייען דעם

האנדל אויף דעם בוזים פון ים־סוף, וואָס זיינע אָבות האָבן געפירט מיט דעם לאַנד פון די אַראַבער און פון די כושים. יהושפט האָט געלאָזט בויען שיפן אין עציון־גבר, אָבער שטורעמווינטן האָבן זיי צעבראָכן. פאַר זיין גוטן ראָט צום מלך פון יהודה, האָט אחאָב געוואָלט אָפּנעמען פון די פלישתים די ים־שטעט און בויען שיפן פאַר זיין מלוכה. מיט יהושפט׳ס וויסן וועט ער, אַן מלחמה, קאָנען צוריקנעמען אשדוד, אשקלון, און פון רשפון וועט ער אויפריכטן אַ גרויסע ים־שטאָט, און ישראל וועט אין זיכערקייט אויך ביים ים רוען.

אין פרימאָרגן האָט דער אויסקוקער אויפן ים־טורעם אין צור דריי מאָל געבלאָזן אין זיין האָרן, אין אָפּצייכן, אַז אַ פרעמדע שיף שווימט איבער דער אויבערפלאַך און דערנענטערט זיך צום ברעג, אַזוי ווי אַ גרויסער פויגל מיט לאַנגע פליגלען. די זון איז נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען און אינעם ראָזעווען ליכט האָט דער אויסקוקער געזען, אַז עס איז אַ שיף מיט פיר וואַסער־רודערס און אַ גרויסער קאַלב, אויסגעשניצט פון האָלץ. און ער האָט ווידער געבלאָזן אין האָרן און אויפגעוועקט די שיפטרייבער און זייערע לאַסטטרעגער ביים ברעג.

עס איז געווען פרייד אין דער ים־שטאָט אין יענעם פרימאָרגן. די ליכט־טורעמס האָבן נישט געברענט, אָבער דאָס גאָלד אויף די געצן ביים ברעג האָט געלויכטן אין דער זון. די גאַסן זענען געווען באַשפּריצט מיט מירטל און בעקנס ווייריך האָבן געשמעקט ביי יעדן הויז. קנעכט אין גרויע לייבעך האָבן אויסגעטיילט שטיקער רויע שעפסן און בעכערס וויין צו די ים־פאָרערס, וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די שמאָלע זעגלשיפן.

דעם קעניגס שיף איז האַסטיק אַריינגעשוואומען אין באָך, און דער זילבערנער וואַסער־שוים האָט זיך געהויבן און פאַרשפּריצט די פיס פון דעם הילצערנעם קאַלב. לאַסטטרעגער זענען אונטערגעלאָפן און פאַרוואָרפן שטריק, און דערנאָך זענען זיי אַריינגעגאַנגען ביז די בייכער אין ים און איינגעשפּאַנט זייערע העלדזער אין קייטן און געשלעפּט די שיף צו די פעלזן פון ברעג. די ווייסע זעגלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און די פירשטן וואָס זענען אָנגעקומען, האָבן דערזען אויף דער הילצערנער טרעפּ שטיין דעם קעניג אחאָב מיט זיינע וועכטער. ער האָט אַראָפּגעקוקט אַ שטאָלצער אויף דער שטאָט. זיין רויטער מאַנטל, באַזוימט מיט גאָלד, איז אַראָפּגעהאַנגען פון די אַקסלען און זיינע אָרעמס זענען געווען פריי. אַ לאַנגער שנור פּערל האָט זיך געוויגט איבער זיין רעכטן אָרעם. די ברוינע באָרד האָט געלאָסן גערוט אויף זיין האַרץ. די פירשטן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט מיט אויסרופן פון פרייד: פרידן צום קעניג פון ישראל, דעם פריינט פון אתבעל!

אחאָב׳ס האַרץ איז געווען דערפרייט. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט, אָבער ער האָט געשוויגן. פקחיהו, ביי זיין רעכטער האַנט, האָט געענטפערט אויף די

איסרופן פון ברכה. דער באַך איז געווען רונדיק און שוימיק ווי א גרויסע שיסל מיט צעשפריצטע פערלמוטער. שיפן מיט מאַסטן און פישערקאַנען מיט רודערס האָבן געאַנקערט. די ברייטע מויערן האָבן זיך ארויסגעהויבן איבערן אויסבויג ווי פעסטונגען, וואָס שיידן־אָפּ דעם ים־געריוש פון שטאָט. דאָס וואסער איז געווען אזוי לויטער, אז די קליינע שווימענדיקע פיש און די זאַמד־שטיינדעלעך אויפן גרונט האָבן זיך געשפּיגלט אין דער בלויקייט. די ים־לייט, וואָס זענען געקומען באַגריסן דעם קעניג פון שומרון, האָבן אים געפירט מיט כבוד צווישן צוויי הויכע ווענט צום הויז פון דעם ים־הערשער. פאַרויס פּקחי־הו און הינטער אים די וועכטער, — אזוי האָט זיך אחאב דערנענטערט צום עלפאַנטביין־טויער.

דער ים־הערשער תיריא, איז אליין אראָפּגעקומען פון די טרעפּ. ער האָט געהאַט א גלאַנציקן קאַפּשיידל און א נאַקעטן קין, ווי א יעוונוך. דער רויטער מאַנטל האָט איינגעהילט זיין פולן גוף, פונעם האַלדז ביז צו די פיסקנעכלעך. די טריט פון זיינע גאָלד־באַזוימטע סאַנדאַלן זענען געווען אזוי פעסט ווי זיין שטים.

— פרידן צום הערשער פון ישראל, וואָס איז געקומען ווי א ברודער צום פאָלק פון די צידונים! —האָט ער געזאָגט.— אין האַלבן טאָג וועט מיין קעניג־אָנשווימען אויף זיין שיף און רעדן מיט דיר די ענינים פון מלוכה, אָבער אַצינד־וועל איך, דיין אונטערטעניקער, דיך ארויפפירן אויף מיין טורעם און דיר ווייזן די מאַכט פון צידון, וואָס פאַרלאָזט אונדז נישט אין טעג פון פרידן אזוי ווי אין טעג פון קריג.

איבער די ברייטע טרעפּ פון רויטן פעלז זענען אחאב'ן אקעגנגעגאַנגען די עלטסטע און זיך געבוקט. פירשטן האָבן אויסגעטאָן די שווערדן און קנעכט האָבן אויסגעשפּרייט טעפּיכער פאַר זייערע פיס. תיריא האָט געפירט זיין גאַסט דורכן זאַל אַנטקעגן די שטיינערנע אָפּבילדער פון בעק מיט זילבערנע הערנער. עס זענען דאָרט אויך געשטאַנען זונזיילן פון בעל־פעור, בעל־שמים און מלך־קרתא. צוקומענדיק צו א קופּערנער טיר, האָט ער אָפּגעשטעלט אַלע באַגלייטער און דאָרט ארויפגעפירט דעם מלך מיט פּקחיהו'ן צום העכסטן שטאָק. ער האָט ארויסגענומען פון א מאַנטל־פאַלד א גאָלדענעם שליסל און געעפנט א שמאָלן טורעם מיט פענצטער צו די פיר עקן וועלט. זיי זענען ארויס אויפן אָפענעם דאַך.

די שטאָט, אונטן, וואָס איר צופוסנס האָט זיך געשוואונקט ביים באָרט, איז געווען באַדעקט מיט טעמפּלען, קופּאָלן, גאָלדענע דעכער און פאַלמען־ביי־מער. די הייזער זענען געווען אויסגעשטעלט ווי א קאָלירטע רייף לענג־אויס דעם אויסבייג פון די ברעגן. פון דער הויך, אונטערן זונליכט, איז די שטיל־

קייט איבערן ים און יבשה געווען אזוי טיף ווי גאַטס אָטעם, איידער די פלאַנצן און חיות זענען באשאפן געוואָרן. אחאַב האָט א שווייגנדיקער אריינגענומען די מנוחה אין זיין הארץ. פאר אים זענען געלעגן אויסגעשפרייט די ים־גאסן, די מערק פול מיט אנקערס, די מאסטן און פישערנעצן. די לאַסטטרעגער אין פישערלייט זענען ארומגעגאנגען אין וואסער ביז צו די קניען. אונטן האָט די וועלט געווימלט ווי א ווייטער רוישיקער בינשטאָק, אָבער אין די הויכקייטן האָט אן אויסטערלישע רו געשוועבט איבער אלדאָס לעבעדיקע.

אחאַב איז געשטאנען אין א פרעמד לאנד, געקוקט אויף א ים, רעגירט פון אן אנדערן הערשער און אין יענער רגע האָט זיין הארץ אים געזאָגט, וואָס עס פעלט דער מלוכה פון ישראל. אזוינע ים־באַכן און אזוינע שיפן ווי צור; אזוינע שווימערס אויף דער איבערפלאַך און אזוינע פיש און קראָקאָדילן אויפן גרונט. אן אָפענער אויסגוס צו ווייטע לענדער און אינדזלען. גאָט האָט געגעבן צו יהושוע בן נון דאָס גאנצע לאנד: דעם בארג און דעם נגב, די שפלה און די ערבה. פון וואנען קומען די פלישתים אין דער שפלה? פון כפתור זענען זייערע אָבות אָנגעלאָפן און פארכאַפט דעם ברעג און דאָס נידעריקע לאנד און באזעצט די שטעט עזה און אשקלון, אשדוד, גת און עקרון און אויפגעשטעלט דעם בונד פון די פינף פירשטן. אויסגעשפרייט צווישן ים־פעלקער־ביזטו ישראל, און פון היינט־אָן וועסטו מוזן א ים־פאָלק ווערן, אזוי ווי אין אָנהייב, ווען אפרים און יהודה האָבן געהערשט איבער אלע טייכן, פון תפסח ביז עזה. עפן דעם ים, מלך פון ישראל! — האָט א שטים אים באפוילן. — שיק דיינע שיפן איבער די גרויסע וואסערן, און די זיכערקייט וועט זיין אויף דעם טרוקענעם לאנד! נאָך אין די טעג פון דיין מלוכה וועט דער נאָמען אחאַב ארויס איבער אלע לענדער און זיין פּאַרכט וועט פאלן אויף אלע פעלקער!

— דער ים באשיצט צור פון פרעמדע פעלקער!

אחאַב האָט דערהערט דאָס קול הינטער זיך. דער דינער נעפל, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן אים און זיין גאַסטגעבער איז אויסגערונען. דער מלך האָט זיך א קער געטון און עס איז פאר אים געשטאנען תיריא, גרייט צו דערציילן פון דער מאכט פון ים. אחאַב'ס אויערן זענען געווען אָפן און תיריא'ס ליפן זענען געווען ווייך און געלאַסן, ווען ער האָט דערמאָנט די גבורות פון זיין פאָלק. אין איין טאָג זענען די ים־שטעט אויסגעליידיקט געוואָרן: פון די שיפטרייבער זענען געוואָרן קריגסלייט, און פון די פישעריונגען — שלאַכטמענער, און אלע זענען ארויפגעלאָפן צום צפון־לאנד אָפצוהאַלטן דאָס חייל פון אשור. די קריגער האָבן באדעקט דאָס געבערג און די נידערונג, די אויפהויבן און די אראָפּגאנגען, ווייל שלמנאסר איז געווען גרייט נישט צו לאָזן אן אייבערבלייב און צו פארוויסטן יעדן לעבעדיקן אָטעם.

די טיר פון טורעם האָט אויפגעפראַלט. אחאָב איז אריינגעפירט געוואָרן אינעווייניק און דאָרט האָבן שוין געוואַרט אַן אויבערטראַנק־מייסטער און צוויי אויבערקוכערס ביי א טיש מיט לאָגלען וויין און קערב פרוכטן, און זיי האָבן מיט שווערדן צעשניטן א געבראָטענעם ווידער. קנעכט האָבן אריינגעטראָגן קעסטלעך פון ניסנהאָלץ און עלפאַנטביין, אָנגעשטאָפּט מיט מתנות. דער גליקלעכער תיריא האָט אליין געדומט פאַרן קעניג א זיצאָרט ביים אויבן־אָן, אָבער אין יענער רגע איז געוואָרן א גערודער אויף דער אנדערער זייט טיר. א מאַן האָט זיך געוואָלט אריינרייסן און די וועכטער האָבן אים נישט דורכגעלאָזט. תיריא האָט געהייסן דעם פרעמדן אריינפירן.

עס איז געווען א שיפטרייבער פון באָרטן. זיין אָפּגעדעקטער, טונקעלער גוף איז געווען באַמאָלן מיט ים־פייגל און קראָקאָדילן. ער האָט גערעדט די שפּראַך פון צידון און די שפּראַך פון ישראל, און אין געאייל דערציילט, אז אין באָך איז אריינגעשוואומען א שליח פון שומרון מיט א בשורה פון טויט. אין קעניגס פּאַלאַץ האָבן נידערטרעכטיקע יונגען געשטאָכן דעם ראַטגעבער חירם. און ער באָדט זיך אצינד אין זיין אייגענעם בלוט. פאַר דעם שליח פון שומרון איז דער טורעם געווען פאַררינגלט, אָבער אים האָבן די וועכטער ארויפגעלאָזט ביז דער העכסטער טרעפּ.

און ווי אחאָב האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן שטאַרק דערשראָקן און זיינע קינבאַקן האָבן געציטערט.

— חירם איז א געאַכפּערטער ביי דער מלכה! — האָט ער געזאָגט.

ביי פּקחיהו׳ן איז דאָס בלוט אָפּגערונען פון פּנים. ער האָט אָנגעשטעלט אייפן קעניג א פּאָר שולדיקע אויגן, אָבער ער האָט געשוויגן. דער צעטומלטער אחאָב האָט געקוקט אויף תיריא׳ן און אויף דעם טיש מיט וויין און שפּייזן, און ער האָט דערפילט א באַגער צו זיין נענטער צום גאָט פון ישראל. ער האָט גערעדט צו פּקחיהו׳ן:

— היינט, ווען איך בין א גאַסט אין צור, האָט מען אין שומרון פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זייער אַן אָנגעזעענעם מאַן. איז דאָס א בונט, אָדער פאַרשעמען מיך פאַר אתבעל׳ן האָבן מיינע פיינט געוואָלט?

פּקחיהו האָט אונטערטעניק געקוקט אויף זיין קעניג און דערנאָך זעגען שטילע ווערטער פון זיינע ליפּן געפאַלן:

— חירם האָט נעמה׳ן געוואָלט פאַרשוועכן.

ביי די רייד, האָט אים אחאָב אָנגעקוקט מיט א שווערן, שטרענגן בליק.

— ווער האָט געשיקט די נידערטרעכטיקע יונגען?

פּקחיהו האָט נישט געענטפערט, און דער מלך איז געוואָרן צאָרנדיקער.

— דו, מיין געטרייער?

— צום ערשטן מאָל האָב איך געוואָלט אליין נקמה נעמען פאַר דעם כבוד פון מיין אייגן הויז, —האָט פקחיהו אַן איינגעבויגענער געזאָגט,— נעמה איז אַזוי ווי מיין טאָכטער; איר שאַנד איז מיין שאַנד.

דעם קעניגס שטים איז געוואָרן העכער:

— פון צור האָט די מלכה גערופן חירם׳ען. ער איז איר ראַטגעבער און ער ווייס די סודות פון פרעמדע מלכים, און איך שטיי היינט אין זיין לאַנד.

די הכנעה איז פון פקחיהו׳ן אַוועק און אין די אויגן האָט אויפגעשטראַלט אַ שטאָלץ.

— דער מלך אַליין וועט נישט הייסן איך זאָל דערלאָזן שמאַך אויף מיין בלוט און פלייש. אַמאָל, —האָט ער געזאָגט,— האָב איך איין קנעכט געלאָזט טויטן צוליב נעמה׳ן; היינט, האָב איך געהייסן אַ צווייטן אומברענגען. נעמה איז נישט געבוירן פאַר דער שוים פון לוסטיונגען — אַ גלייכע צו אַ פירשטין אין פאַלאַץ איז זי.

— אויב שטאַרבן זאָל חירם, וועט אתבעל פאַרלאַנגען דיין קאָפּ. וואו וועל איך דיך באַהאַלטן פאַר זיין צאָרן?

דערהערנדיק די רייד, האָט פקחיהו אויפגעציטערט פון פחד און דער מלך האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם.

— קום, לאָמיר צוריקשווימען איידער דער הערשער פון לאַנד וועט אריינקומען אין גאָרטן.

אויף זיין צייכן האָט תיריא, דער ים־הערשער, אין געאייל אים אַרויסבאַגלייט פון טורעם און אים אַראָפּגעפירט צום ים. אין גאָרטן האָט דער צעטומלטער המון זיך געוואונדערט: פאַרוואָס פאַרלאָזט שוין דער קעניג די שטאָט? ווען אַחאָב איז שוין געשטאַנען אויף זיין שיף, האָט זיין צאָרן געגרימט אויף דעם, וואָס האָט אים שטענדיק באַגלייט אויף אַלע וועגן. די ריינקייט פון זיין ברודערס טאָכטער היט ער, —האָט אַחאָב געטראַכט,— אָבער זיינע אייגענע באַגערן האָט ער תמיד געהייצט מיט וויין. די שיף איז געגאַנגען מיטן שטראָם. די זעגלען זענען געווען צעבלאָזן פונעם ווינט. דער רוישיקער באַך איז געווען ווייט הינטער אים, און דער מלך פון ישראל האָט מיט שפּאָט געזאָגט:

— שלום האָב איך געוואָלט מיט די מלכים, אָבער דער בעסטער פון מיינע נאָענטע האָט געוואָלט צעברעכן דעם בונד צווישן מיר און מיינע געטרייע. הויב־אויף די אויגן, פקחיהו, און בעט ביים פאָטער אין הימל, אז חירם זאָל בלייבן לעבן.

יא

דאָס געדודער הינטער די ווענט פון פּאַלאַץ האָט נעמה'ן נישט אַרויסגענו־
מען פון איר רו. העכערע זאָרגן האָבן פאַרביטערט איר האַרץ. איתמר, דעם
קעניגס ערשטער שלאַכטמאַן, איז נישט געקומען זי זען נאָכן נצחון. ווען די
פרויען האָבן געוואַשן זיינע פיס און די פירשטן האָבן הינטער דעם קעניגס
רייטוואָגן געטרונקען מיט אים ווייַן פון די קרוגן, האָט זי פון איר קאַמער
אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אויף דער שאַלנדיקער שטאָט. זי האָט אים גע־
קאָנט רופן מיט ווערטער פון לוסט, אָבער אירע ליפּן האָבן געשוויגן. דריי טעג
האָט זי זיך באַהאַלטן צווישן די ווענט און קיינעם נישט געוואָלט זען אויסער
פּקחיהו'ן, וואָס האָט ווי אַ פֿאָטער אכטונג געטון אויף איר ערע און ווייַנקייט.
און ווי זי האָט אים דערציילט פון חירמ'ס באַגערן אין טעמפּל, איז ער אַ דער־
צאָרנטער, מיט ברענענדיקע אויגן, אַרויסגעלאָפן פון איר קאַמער.

ווי אַ פאַרלאָזענער פויגל איז נעמה היינט אַרומגעגאַנגען אַרום די פיר
ווענט פון דער קאַמער און געשמעקט צו די ציפּרעסן אין די ווינקלען און צו
דעם געברענטן צימערינג אין די שאָלן פון פּערל. די פעסטע טריט פון די סאַנ־
דאַלן האָבן פאַרטויבט די שטומע קולות אין אירע אויערן. דער טומל הינטער
איר וואַנט איז פלוצים געוואָרן העכער און ווידער איז שטיל געוואָרן, ווי נאָך
אַן אימנוצלעכער קנעכט וואָלט אין פּאַלאַץ דורך די וועכטער געטויט געוואָרן;
אָבער קנעכט ווערן פאַרלענדט יעדן טאָג און קיינער מאָנט נישט נקמה פאַר
זייער בלוט. דער גרעסטער גוואַלטאַט האָט היינט נישט געקאָנט צערודערן
איר נשמה. נאָך אים, וואָס האָט זי פאַרגעסן אין טאָג פון פרייד, האָט איר
האַרץ געבענקט. איינע פון די קאַמערמיידלעך האָט אין פרימאָרגן דערציילט,
אַז דער שטאַרקער קריגסמאַן האָט היינט געפרעגט: וואו איז אַהינגעקומען די,
וואָס ברענגט גלעכער אין יעדן ווינקל פון טרויער? האָט נעמה גיך גע־
שמירט איר לייב מיט מירע און אָנגעטון דופּטיקע קליידער און געוואַרט אויף
זיין קומען.

מיד פון טראַכטונגען, האָט זי געקילט איר הייסן שטערן אָן דער בראָנזע־נער איילאַמפּ איבער איר געלעגער און זי האָט געצופּט די סטרונעס פון דער לירע. מיט אַמאָל זענען אין זכרון אויפגעגאַנגען די דרייסטע רייד פון חירם׳ען הינטערן אָפּבילד פון עשתורת, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ באַגער נאָך אַ שטאַרקן מאַן גליט אין איר לייב שוין אַ סך טעג. און ווען חירם האָט אין יענער נאַכט זי נאָכגעיאָגט, האָט זי אַליין זיך געשעמט צו טראַכטן, אַז ער קאָן קומען צו איר אויף דעם אָרט פון איתמר׳ן. אויב נאָר צו שטילן איר הייסן לוסט, האָט זי געקאָנט געפינען אַ יונגן קנעכט, און עס וואָלט לייכט געווען אים שטום צו מאַכן נאָך איידער ער וואָלט געעפנט די ליפּן פאַר פרעמדע. אַ שטאַרק קול האָט אַצינד געוועקט איר בלוט, אַ קול וואָס האָט געמאָנט, אַז פאַר יעדן טאַט איז דאָ אַ לוין און פאַר יעדער שליחות — אַ פרייז. צי האָט זי נישט געטון אַ שליחות פאַר איתמר בן צוער׳ן, דעם חייל־פירער? איר לייב האָט זי געגרייט צו שענדונג, ביז זי האָט געברענגט זיין גרעסטן שונא צו זיינע פיס, אַז ער זאָל אים טויטן, און צי צאָלט נישט אָפּ אַן ערלעכער קריגסמאַן מיט ליבשאַפט דער פרוי, דער געטרייער?

הינטערן שווערן פאָרהאַנג איבער דער קופּערנער טיר איז געקומען אַ לייכטער גערויש. נעמה׳ס האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפּט און אירע אויגן האָבן אויפגעשטראַלט. דעם רוף פון איר בלוט האָט ער געהערט און ער איז געקומען, דער, וואָס אים האָט איר נשמה ליב, — האָבן אירע ליפּן געפּליסטערט — און זי איז געלאָפן עפענען די טיר.

אַ בייניקע האַנט מיט האַרטע אָדערן האָט צעשיידט דעם פאָרהאַנג, און אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער שטערנגער יצהר בן רעואל. ער איז גע ווען אָנגעטאָן אין זאַקקליידער. זיינע גליענדיקע אויגן זענען געווען אַזוי שוואַרץ ווי זיין באָרד. אַ צעטומלטע האָט נעמה זיך גערוקט אויף צוריק.

— דו ברענגסט מיר ווידער נייעס פון דעם ווידערשפעניקן יהורם, וואָס וויל נישט האָרכן דיין לערע? — האָט זי געפרעגט. — און פאַרוואָס טראָגסטו היינט זאַקקליידער? בין איך נאָך אַלץ אין דיינע אויגן איינע, וואָס אויף איר מוזן פרומע טרויערן?

זי האָט אונטערגעהויבן איר קלייד, וואָס איז געווען איינגענומען ביי די לענדן מיט אַ זילבערנעם גאַרטל. דאָס קלייד איז געפאַלן לויז ביז צו אירע באַגילדטע סאַנדאַלן. איר קאָפּ האָר איז געווען אַ באַרג פלעכטן און לעקעלעך, איינגעפּאַסט מיט דיאַדעמעס. אירע בלויע אויגן האָבן געבליצט ווי די אויער־רינגען מיט שטילע פייערן. דער לערער פון די פרינצן איז בייגעקומען איר בליק, ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— נעמה, די זאַקקליידער טראָג איך איבער דער סכנה פון נייע גזירות אויף די פּאַרכטיקע. א פארברעכן איז געטון געוואָרן אין דעם הויז.

— דעם קעניגס הויז איז פול מיט פארברעכנס, —האָט זי מיט שפּאָט גע־רעדט,— פארוואָס לאָזטו נישט די שטראָף־רייד אויף די ליפּן פון די אייפער־דיקע אין מדבר?

— נעמה, נישט קיין שטראָף־רייד האָב איך דיר געברענגט. איך בין גע־קומען דיך דערמאָנען אין די פירונגען אין מלכ׳ס הויז.

זי האָט געלאכט און זיך אראָפּגעלאָזט אויף א טעפּיך.

— די שטרענגע פירונגען אין דעם הויז פון גזיאַלבטע! —האָט זי געזאָגט מיט פארדרוס,— צי טוסטו, יצהר, קיינמאָל נישט קיין זאך וואָס פארשאפט דיר פארגעניגן?

די שטרענגע פירונגען אין דעם הויז העלפן בייקומען די גבירה פון הארץ איבער דער שוואכקייט פון לייב, גערעכטיקייט איבער פאַרדאָרבנקייט, שטאָלץ איבער שמאָך — דאָס איז די לערע פון דער הייליקער שריפט, וואָס איז אנ־דערש פון די טואונגען אין דעם העכסטן הויז אין שומרון.

— וואָס זענען די טואונגען אין דעם העכסטן הויז?

— לוסט און פארגעניגן, געשיצט דורך דעם מלכ׳ס געזעצן.

זיינע שארפע ווערטער האָבן געדארפט אויפוועקן איר צאָרן, אָבער זי האָט געלאכט:

— לוסט און פארגעניגן זענען פאר דער פרייד פון מענטשן, פארוואָס זאָלן זיי דערפון אנטלויפן?

— צי קאָן דען דאָס בלוט פון איין מענטש פאר דער לוסט פון א צווייטן זיין פרייד?

נעמה האָט זיך נישט געקאָנט פארגינען צו זיין אומגערעכט. זי האָט גע־ענטפערט:

— די געזעצן פון בלוט און טויט האָבן מלכים און קריגסמענער ארויפ־געצוואונגען. ווער זענען מיר אינאיינעם, א דינערין און א לערער אין פאלאץ, זיי אָפּצושאפן? איז דען נישט נצחון, ווייַן און לוסט דער קוואל פון לעבן?

— דער קוואל פון לעבן איז ביים פאָטער אין הימל, און ער שענקט אונדז דאָס ליכט פון דעם קוואל אזוי ווי טראָפּנס טוי, וואָס טרינקען־אָן אונדזערע הערצער. דער, וואָס איז באשאפן אין פורעם פון גאָט, קאָן נישט זויפן פון דעם קוואל אזוי ווי פון א לאָגל ווייַן, ווייל שיכור קאָן ער ווערן און שטארבן וועט ער פאר דעם צאָרן פון גאָט־צבאות.

אין זיינע רייד איז געווען די קראפט פון א שטורעם, וואָס רודערט־אויף

דעם ים, אַז די וועלן זאָלן ברומען. אָבער נעמה האָט זיך נישט געבויגן פאַר שטאַרקע רייד.

— אין טעמפּל זאָגן די כהנים צו די געטער, אַז דער ווילן פון גוף איז דער ווילן פון דער נשמה, און נאָר די פאַרבייזערטע זאָגן אַנדערש, — אַז די נשמה מוז וואַכן איבער דעם גוף אַזוי ווי דער תּפיסה־היטער איבער דעם געפאַנגע־נעם. פאַרוואָס זאָל איך נאָכגיין די ווידערשפּעניקע, אַז בלייבן קאָן איך מיט די געהאָרכזאַמע? א דינערין איז אַמאָל געווען אין פּאַלאַץ, תּורתונא פון אַשור, האָט זי איין מאָל דערצאָרנט די מלכּה. איר געלעכטער הערט מען נישט מער היינט אונטער דעם דאַך. איך וויל נישט, אַזוי ווי זי, אומקומען.

און ווי זי האָט אַזוי גערעדט, זענען אירע אויגן געוואָרן טרויעריק. יצהר האָט געזען, אַז איר שטאַרקייט ברעכט זיך. א הימלישע פרייד האָט באַדעקט זיין פּנים.

— נעמה, —האָט ער געזאָגט מיט א פעסטער שטים,— איך קום צוריק פון שטעט, וואו די באַוואוינער האָבן צעשטערט דעם שבת און נישט אָפּגעהיט דעם ראש־חודש; וואו רייכע האָבן באַרויבט אָרעמע און שטאַרקע האָבן גע־שלאָגן שוואַכע. איך האָב אין דעם הייליקן טאָג פאַרשלאָסן דאָס טויער פון איטלעכער שטאָט פאַר די הענדלער; איך האָב געפירט די רויבער צום משפּט און אָפּגעשטעלט די הענט, וואָס זענען געפאַלן אויף די רוקנס פון די וואָס קאָנען זיך נישט ווערן. די אָפּטריניקע האָבן אָנגעהויבן דינען גאָט און די פאַר־דאָרבענע זענען צוריקגעקומען אויף דעם ערלעכן וועג. און דער האַר צבאות האָט קיינעם נישט געשטראָפט מיט א שטאַרקער האַנט און נישט מיט קיין פּלאָג און נישט מיט קיין שלאַק, און דאָס בלוט פון קיין מאַן און פרוי איז נישט פאַרגאָסן געוואָרן.

נעמה איז געווען צעטומלט. ערשט איצינד האָט זי דערזען, אַז יצהר טראָגט א סוד אין האַרצן, און א דערשראָקענע האָט זי געזאָגט:

— צוויי מאָל האָסטו פאַר מיר איצינד גערעדט פון בלוט. דיין פּנים איז בלייך און געקומען ביזטו אין זאַקקליידער. א פאַרשלאָסענע זיץ איך אין מיין קאַמער און איך ווייס נישט וואָס עס איז געשען אין הויף. ווי גרויס איז דיין שרעק פאַר דער קעניגין? צוליב וועמען האָט מען היינט אָפּגעטון א פאַרברעכן?

— צוליב דיר, נעמה. נידערטרעכטיקע האָבן חירם׳ען געשטאָכן.

זי האָט אויפגעציטערט. א געשריי פון פּיין איז געבליבן שטעקן אין איר האַלדז. אין איין אויגנבליק זענען אַלע פאַרנעפּלטע זאַכן געוואָרן קלאָר. זי האָט געפרעגט:

— לעבט ער?

— גיי און בעט פארגעבונג ביי דער מלכה. פון איר גרויזאמער שטראָף וועלן געפייניקט ווערן די ערלעכע, ווייל געאכפּערט איז דער צידוני ביי איר.

נעמה האָט ארויסגעלאָזט א קול פון געוויין:

— פקחיהו מיין באשיצער! ער, וואָס היט מיינע טריט, פארוואָס האָט ער געזוכט דאָס בלוט פון נקמה? חירם איז נישט אנדערש פון אלע זכרים אין דעם הויז, און איך האָב ווינציקער מורא פאר אים ווי פאר א טויער־וועכטער. אויב טויט איז ער, וועט די מלכה אליין נאָכגיין נאָך זיין אָרון, און וואו וועל איך שעפּן ווערטער פון טרייסט פאר איר? זאָל איך ארייןלויפן און פאלן צו אירע פיס און בעטן רחמנות, אָדער זאָל איך אנטרינען ווערן פון שומרון? יצהר, בעט פאר מיר, אז זי זאָל מיך נישט הרגענען. איך האָב אזוי מורא פארן טויט!

און זי האָט זיך געוואָרפן צו זיינע פיס און געיאָמערט:

— אויך דו, יצהר, טו מיר נישט קיין בייז! צו וואָס ביזטו געקומען מיר אָנזאָגן דאָס בייז אצינד, ווען איך וואַרט אויף דעם קריגסמאַן, וואָס האָט מיך פארגעסן? נישט איך האָב געשיקט טויטן חירם׳ען. אמאָל האָב איך אליין געקאָנט ווייזן צייכנס און כישוף, היינט ציטער איך פאר יעדן מאַן מיט געהיי־מע רייד אויף זיין צונג. איך ווייס, אז די מענער פון דער הייליקער שריפט האָסן די פרויען, וואָס זיי זענען אזוי ווי איך, באשאפן געוואָרן אויף געפעלן צו ווערן. איך האָב קיינמאָל נישט אויסגעלאכט די, וואָס גאָט האָט אין העסלעכן פורעם געמאכט, דעריבער דאַרפסטו נישט אָפּשפּעטן פון מיין שיינקייט. דו לערנסט די פרינצן די פירונגען פון לעבן, יצהר. גיי אצינד און לערן די מלכה צו דערקענען אירע געטרייע.

יצהר בן רעואל האָט מיט דעם דוימען פון זיין רעכטער האנט געמאכט צו איר א צייכן און געזאָגט:

— הויב זיך אויף, נעמה. ער, דער האַר צבאות, וואָס ווישט אָפּ די טרערן ביי אלמנות און נעמט אוועק דאָס געוויין פון יתומים, וועט אויך דיך פארהיטן פון אלע שרעקן. גיי אריין צו דער מלכה און זי וועט דיך אויפנעמען; בעט ביי איר און זי וועט דיר פארגעבן. מאך ווייך דאָס הארץ פון דער פרוי, וואָס אירע פיס טאנצן ביי חתונות און אירע הענט ברעכט זי ביי לוויות. בעט ביי איר גנאָד, ווייל חירם איז נאָך נישט טויט.

— לעבט ער? — האָט נעמה מיט שרעק ווידער געפרעגט.

— דער הייליקער פון עקרון איז געקומען אין געאייל אָפּצושטעלן דעם פלוס פון זיין בלוט, און די קעניגין איז געשטאנען ביי זיין בעט, און איך בין געקומען אצינד צו דיר בעטן איין זאך: צאָל אָפּ דעם פאָטער אין הימל פאר זיין חסד. דער קעניג אין פאלאץ איז נישטאָ און איידער דו וועסט גיין זען די מלכה, וואַרט נישט אין דיין איינזאמקייט אויף איתמר בן צ׳ער׳ן. לויף צו אים

ער זאָל אוועקשטעלן זיינע וועכטער ביים הויז פון די פּאַרכטיקע לערער, אַז די שפּיזנוואַרפער פון די כהנים — די צידונים — זאָלן זיי נישט קאָנען אומברענגען.

און יצהר בן רעואל האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. נעמה האָט אים נאָכגעקוקט און אין יענער רגע האָט זי דערזען ווי דאָס זאַקטוך אויפן לינקן עלנבויגן איז איינגענעצט מיט בלוט, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ שפּיז איז געפאַלן אויף דער האַנט פון דעם פּאַרכטיקן מאַן. זי האָט אַ געשריי געטון:

— בלוט! די צידונים?

— אַ וועכטער פון חירמ'ס יונגען איז ארויסגעלאָפן זוכן די סופרים, — האָט יצהר געזאָגט, — איך האָב ארויסגעכאַפּט די שפּיז פון זיין האַנט.

נעמה האָט אין געאייל אויפגעהויבן אַ קופּערנעם בעקן מיט וואַסער און אָפּגעריסן אַ שטיק ליינענטוך צו וואַשן און פאַרבינדן זיין וואונד, אָבער יצהר האָט זיך געשראָקן פאַר די צערטלעכקייטן פון דער פרוי, און איז צוגעפאַלן מיט דעם געוויכט פון זיין גוף צום ביישטידל. די טיר האָט אויפגעפּראַלט. איינגעהילט אין אַ שאַרלאַך־רויטן מאַנטל האָט זיך די קעניגין איזבל באוויזן, באַגלייט פון איר קנעכט דואג.

— דער לערער פון די פּרינצן און די לוסטפּרוי! — האָט זי אויסגערופן, — די הייליקייט און די אומריינקייט הינטער מיין טיר! אויב נישט באַטרוג איז דאָס, פאַרוואָס לויערסטו ווי אַ לעמפּערט הינטער יעדער קאַמער, יצהר? פאַר וועמען נאָך האָבן די פרידלעכע מיט די פרומע ליפּן גרייט אַ טויט אין טאָג ווען דער מלך איז פון שטאָט ארויס?

זי האָט זיך ארומגעקוקט אין דער קאַמער, ווי זי וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געשטאַנען. דאָס פייער פון פאַרדאַכט האָט געפלאַקערט אין אירע אויגן און זי האָט געפרעגט:

— וואָס האָט איר צו מיר געטון? צי ווייניק נאָך האָב איך געצערטלט די ווידערשפּעניקע, נאָר ווייל באַליבט ביים קעניג זענען זיי? פליישן אין ווייניען האָב איך געלייגט אויף מיין טיש פאַר די, וואָס איך האָב ליב און פאַר די וואָס איך האָב פיינט! מיינע שייערן שטייען אָפן. איך האָב געברענגט פאַר אייך אָקסן פון בשן און איך האָב געשיקט צוליב אייך יעגערס אין מדבר.

דואג האָט אַן אונטערטעניקער זיך געדרייט אין אַ ראָד פאַר זיין האַרינטע, גרייט צו פאָלגן דעם גרויזאַמסטן באַפעל. וואָס פלאַמענדיקער אירע רייד, אַלץ געבויגענער איז געוואָרן זיין קאָפּ. אָבער די מלכה האָט אים געלאָזט הינטער זיך. די הויט אויף אירע באַקן איז געוואָרן רויט ווי דאָס געוועב פון איר מאַנטל. איר שטים איז געוואָרן העכער:

— צי שטייט איר אין אַ באַזונדער שטאָט אָדער אין פּאַלאַץ, וואו עס וואוינען די דערהויבענע און אַנגעזעענע? חירם איז איינער פון זיי! ער איז

א דינער צום קעניג און א ריכטער צווישן די פירשטן. ער איז דער, וואס האט אפגענומען פאר מיר אן בלוט די צוגערויבטע שטעט. פון א מלחמה זענען די קריגער צוריקגעקומען און די טרעפ פון פאלאץ זענען פול מיט דעם רויב פון נצחון, די זעלבע טרעפ, וואס די פאלשע ווילן מיט בלוט פארגיסן.

איזבל׳ס אטעם האט געבריט ווען זי האט זיך דערנענטערט צו נעמה׳ן.

— פארוואס האבן די געטער דיר ארויסגעוויזן גנאד, ווען שטראף האט געזאלט זיין דיין לוין? —האט זי געפרעגט.— דו, וואס ציסט אריין מיט לוסט אין דיין נעץ אלע פירשטן? אבער חירם וועט לעבן! אזוי ווי עס לעבט בעל! וואלט ער געשטארבן פון די בלוט־וואונדן, — די קעפ פון אלע שולדיקע וואלטן דעמאלט צעדריקט געווארן אונטער די רעדער פון מיין רייטוואגן!

איר צארן איז נאך נישט געווען אפגעקילט. זי האט איבערגעלאזט אין דער קאמער דעם לעצטן בליק פון פאראכטונג און איז אין געאייל ארויסגעלאפן. און דואג, איר קנעכט, איז געלאפן פארויס.

בוך אַכט

דער טויט פון מלכים

א

און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, איז דעם קעניגס אָרעם געוואָרן שטאַרקער און זיין כבוד איז געגאַנגען פאָרויס צווישן די פעלקער. נייע פעסטונגשטעט האָבן באַשיצט דאָס לאַנד. דעם טוי פון הימל און דאָס פעטס פון דער ערד האָט יהוה אין זיין חסד געגעבן, נאָר כדי פרוכטבאַר צו מאַכן דאָס לאַנד אפרים. עס האָבן געבליט וויינשטאָקן און עס זענען געווען רייף די איילבירטביימער און פון די טייכן און עס זענען אויפגעגאַנגען די פעלדער, און ישראל איז געזעסן אין זיכערקייט און אין פרידן.

און ווי הויך אחאָב האָט געהאַלטן זיין אָרעם אויפן נאַקן פון זיינע פיינט, אַזוי שוואַך איז געוואָרן איזבל׳ס מאַכט אין פּאַלאַץ. די מלכה האָט געהאַט ראַטגעבער, פּריסטער און טעמפּלען, אָבער הינטער דעם קעניג איז געשטאַנען דאָס געהאָרכזאַמע פאָלק. א קנעכט צום גאָט־צבאות און א הערשער איבער ישראל איז ער! — האָט ער געלאָזט אויסרופן די אונטערטעניקע רייד אין די טויערן פון די שטעט, און די הכנעה פון דעם שטאָלצן מלך איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון די פּאָרכטיקע, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען דעם אַלטן אלישמע און אליין צוריקגערופן די אָפּגעקערטע, זיי זאָלן קומען און דינען דעם טראָן.

נאָך יענע טעג פון נצחונות איז די עלטער אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם מלך פון ישראל. ער איז נאָך נישט געווען זאַט אין יאָרן, אָבער די מידקייט איז געווען אין זיינע ביינער, און די שוואַכקייט פון גוף האָט אים געצייגן צו דער רו־קאַמער מיט ווייכע געוואַנטן. אַנשטאָט דעם רייטפערד האָבן אין טויער געוואַרט אויף אים די קנעכט מיט דעם הייבשטול. אויך די מלכּה האָט זיך אָנגעהויבן עלטערן. די זאַלבן האָבן מער נישט געקאָנט פאַרווישן ביי איזבל׳ן די געריגצלטע הויט, און די פרישע בעדער האָבן נישט אויסגעגלעט די ערשטע קאַרבן. ווען זי האָט געקוקט אין קופערנעם שפּיגל, האָט זי געזען, אַז אירע שאַרפע, געשניצטע קינבאַקן זענען ווייכער און איר לייב איז לויזער, ווי א לאַגל

אויסגעלײדיקט פון גלוטיקן װײַן. די פלינקע פינגער פון די דינסטן, װאָס האָבן געריבען אירע בײנער און די געשיקטע האַנטפלאַכן, װאָס האָבן געקנעטן אירע גלידער, האָבן נישט געקאָנט צוריקברענגען די פאַרלוירענע יוגנשאַפט.

איטלעכע מידע מלכה אויף איר אָרט האָט געקאָנט זיצן אין פּאַלאַץ װי א שטאָלצע מאמע פון פּרינצן, װאָס װאַרטן אויף דער קרוין, אָבער בײַ דער טאָכ־טער פון אתבעל האָט זיך נישט געטאָרט אָפּקילן דאָס הײסע בלוט. איר לעבן איז געװען אָנגעלאָדן װי א געװיטער מיט שטורעמװינטן. פון אירע לענדן זענען אַרויס מלכים, און זי האָט געװאָלט זײַן װאַכזאַם אין די טעג פון זײער הער־שאַפט. אין צײַט פון קריג און אין צײַט פון פרידן האָט זי נישט געקאָנט צו־לאָזן דעם פּחד פאַר עלטער, און אַזוי װי זי האָט זיך געשראָקן פאַר די טעג פון אָנמאַכט, אַזוי האָט זי איר מורא באַהאַלטן אין איר האַרץ. זי האָט געװאוסט, אַז פאַר אַחאָבן איז צו־שװער די לאַסט פון אַזױפיל ליבשאַפט פון פאָלק און פון דעם חייל, װאָס װאַרט אויף נײַע נצחונות. דורך אײן יאָר איז זײַן גוף געװאָרן פולער און זײַנע פיס שװערער. און איזבל האָט געזאָגט: װען א הערשער װערט פעט, זענען זײַנע באַגערן אײַנגעשטילט. און װער אַזױ װי איזבל האָט געװאוסט, אַז די טעג פון רו זענען צו־פרי געקומען פאַר דער מלוכה פון ישראל?

דער כוח פון איר בלוט האָט זי געטריבן צו שיצן די מאַכט פאַר דעם קעניגס װעגן, איז זי געװאָרן װײך צו די, װאָס זי האָט פריער געהאַסט. אין דעם טאָג װען די לײב־װאַונדן בײַ חירמ'ען זענען פאַרהײלט געװאָרן, האָט זי פאַרגעבן דער גלוסטיקער נעמה'ן און פון דעם מלך האָט זי מער נישט פאַר־לאַנגט, ער זאָל באַשטראָפן פּקחיהו'ן. איזבל האָט אָבער נישט פאַרגעסן די אויפשטענדלער פון מדבר, װאָס האָבן געװאָרפן שטײנער אויף איר טעמפּל, און אוים באַװאָרעניש האָט זי געשיקט נאָך די בױמײסטערס און זײ געהײסן צע־שמערן די הײזער הינטער די טורעמס בײַם הויז פון די געטער. די הױכע בײַ־מער אין גאָרטנהויף זענען אויסגעהאַקט געװאָרן און דרײַ שװערע מויערן מיט קופּערנע טירן האָבן אַרומגערינגלט דאָס פאַרהײליקטע הויז און זיבן װעכטער מיט פאַנצערס זענען אויסגעשטעלט געװאָרן בײַ יעדן אַרײַנגאַנג פון אינעװײ־ניק און פון אויסנװײניק, אַז קײנער זאָל הינטער די אויגן פון דער װאַך נישט קאָנען אַרײַנגײן און אַרויסגײן אין דעם הויז פון די פּריסטער. װען דער לעצ־טער מויערער האָט געלײגט דעם העכסטן שטײן אויף די גרונטפעסטן, האָט איזבל געשיקט רופן יצהר בן רעואל'ן און צו אים געזאָגט: דעם קעניגס זין זענען אויסגעװאַקסן צו זיצן אויף טראָנען. די לערע פון די שלאַכטמענער װעל איך זײ איצינד הײסן לערנען.

דער לערער פון די פּרינצן האָט פאַרלאָזט דעם קעניגס הויז און אַכט טעג

שפּעטער איז געשטאָרבן דער גרייז אלישמע. ער, וואָס דאָס פאָלק האָט אים גערופן: „דער שר פון דער תורה", האָט אלע יאָרן געוואָלט פרידן מיט דעם מלך, אַז זיינע תלמידים זאָלן קאָנען פאַרשפּרייטן צווישן המון־עם די לערע פון יהוה און די דינים פון דער תורה.. ביים לערנען איז ער געווען ווי א טויב, אָבער פאַר זיין טויט האָט ער אויפגעהויבן א געשריי פון א לייב, אַז די פאַר־דאָרבענע זאָלן חרטה האָבן אויף די זינד און די פאַרפירטע זאָלן זיך אומקערן אויף גאָטס וועגן. נישט יעדע זינד קאָן דער לעסטערער פאַרגעבן מיט דעם בלוט פון א רינד, — האָט דער שטאַרבנדיקער לערער געזאָגט, — און נישט פאַר יעדן רויב קאָן ער איבערבעטן דעם פאָטער אין הימל מיט עולות און מנחות; צעברעכן זאָלן זיי די האַרפעס און אויפן פייער זאָלן זיי שליידערן די לירעס, ווייל גאָט האָט פיינט זייערע פייערטעג און פאַלש אין זיינע אויערן קלינגען די הילכיקע ליבגעזאַנגען. צופיל פאַרדאָרבנקייט האָט דער פּאָרכטיקער מאַן זיך אָנגעזען אין די וואַוינערטער וואָס ער איז דורכגעפאָרן, אַז ער זאָל שטאַרבן אָן דער לעצטער וואָרענונג קעגן דעם אומרעכט פון די שרים און פאַלשקייט פון די שופטים; קעגן דער געלטגייציקייט פון די רייכע און די באַגערן פון די אויסגעלאַסענע נאָך זנות.

לאַנג נאָכדעם ווי יצהר בן רעואל האָט אויפגעהערט צו טרויערן אויפן טויט פון זיין לערער, האָט ער נאָך געדענקט דעם געאַכפּערטן מאַן ווי ער איז געקומען צווישן די, וואָס האָבן זיך נישט געבוקט צום בעל. אין זיינע ערנקליי־דער, איינגעהילט אין איידעלע געוואַנטן, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט די שפּרייזן פון א מלך, אַרומגערינגלט מיט זיינע געטרייע, אַזוי ווי מיט יונגע צעדערן פון לבנון. פאַר דעם אָנדענק פון אלישמע איז יצהר, אינאיינעם מיט די לערער, אַרויסגעגאַנגען צום פאָלק אויפריכטן דעם שבת און דעם יום־טוב. ביים אויס־טייטשן גאָטס וואָרט, האָט ער געהייסן די אָפּגעהיטענע טרינקען א כוס וויין ביים אָנקומען און ביים אַוועקגיין פון שבת, און ברכות זאָלן זיי זאָגן פאַר דעם עסן און בענטש־ווערטער נאָך דעם עסן, און מעשר זאָלן זיי געבן און צדקה אויסטיילן, און לעבן זאָלן זיי לויט די געבאָטן וואָס משה האָט אַראָפּגעברענגט פון באַרג סיני. ווייט פון קעניגס פּאַלאַץ, פאַרשטויסן פון דער מלכה, איז יצהר בן רעואל געוואָרן צאָרנדיקער און זיין ווילן דרייסטער. ער האָט זיך אויף די וועגן געטראָפן מיט די וואַנדערנדיקע רכבים און געהערט זייערע רייד פון אייפער פאַר דעם גאָט־צבאות.

אין גייעג נאָך באַרגעניגנס האָבן די מענער פון ישראל איבערגענומען די שפּילערייען פון די צידונים. דער באַגער פון בלוט האָט פאַרטויבט די וואָרע־נונג פון הארץ. ביים אַריינפאָר אין שטאָט און אויפן מאַרק האָבן די פירשטן פון צידון אויפגעשטעלט זייערע בימות ביים שיין פון אוונט־ליכט און געמאַכט

א זאַמלאָרט פאַר אַלע, וואָס האָבן געבענקט נאָך לוסט און לעססטערונג. לירעס האָבן געשפּילט, צימבאַלן האָבן געפּויקט און זינגער האָבן מיט פאַרשייטע גע־זאַנגען באַגלייט די טענצערינס. די רייכע מענער זענען געקומען אין די דופּ־טיקע מאַנטלען און די פרויען האָבן נאָכגעטון די טעכטער פון פרעמדע פעלקער און אָפּגעדעקט זייערע שענקלען, אַז די לוסטיונגען זאָלן זען די טריטקייטעלעך און די גאָלדענע רייפן ארום די קניען; און פאַר די, וואָס די צידונישע האָרן האָבן פאַרבעטן צו זייערע פאַרווײַלונגען, איז דער כבוד געווען גרויס, ווייל גלייכע זענען זיי געוואָרן מיט די מיוחסים פון צור.

צווישן די איינגעזאַמלטע האָבן זיך באַוויזן ריכטער און אַדלליייט, הויפּט־לייט און ציגזהאָרן. נאַקעטע פישערלייט און ים־פאָרער זענען אַראָפּ פון די רודער־שיפן און געוויזן פאַרן פאָלק דאָס שפּיל פון מלחמה אויפן וואַסער. די לוסטיקע צווישן המון זענען געווען אַזוי באַרוישט פון די געפעכטן ביי די ים־גיבורים, אַז זיי האָבן זיי נאָכגעטון און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, ווי עס איז געווען דער מנהג אין דעם פרעמדן לאַנד. ווען די צידונים האָבן דער זען די אַנטבלויזטע מענער פון ישראל מיט זייערע לייב־צייכנס באַשניטן, האָבן זיי געלאַכט מיט שפּאָט. די פאַרשעמטע האָבן פון גרויס צאָרן געכאַפּט די פיילן און בויגנס, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט פאַר מלחמה־שפּיל, און זיי אָנ־געשפּאַנט אנטקעגן די פישער־לייט און ים־פאָרער. א געפעכט איז אויסגע־בראָכן. די, וואָס זענען געקומען שעפּן רו און פאַרווײַלונג, האָבן פאַרפירט א שלאַכט. וואָרף־שפּיזן זענען געפאַלן, פיילן האָבן געלעכערט הערצער און דאָס בלוט פון די פעכטער האָט באַשפּריצט די געצנזיילן און די ווייסע בימות. די פאָרכטיקע, וואָס האָבן מיט שרעק צוגעזען די איינגעלאָסנקייט אין זייערע שטעט, האָבן געשוויגן, ביז עס זענען אָנגעלאָפן די היציקע שטראָפער פון מדבר און פאַרטריבן די לעסטערער.

אַזוי איז אוועק דאָס יאָר פון נצחון און דאָס יאָר נאָכדעם, און בן הדד, דער הערשער פון די אַרמים, האָט מיט פרייד צוגעזען ווי די מענער פון ישראל ווערן אָפּגעשוואַכט און זייערע קריגער וועלן נישט קאָנען ביישטשיין די מלחמה פון מאָרגן, ווייל וואָס זיין שווערד וועט פאַרטיליקן, וועט בלייבן פאַרלענדט און די מתים וועלן נישט לעבעדיק ווערן און די טויטע וועלן נישט אויפשטיין.

די קעלטן אין חודש שבט פון יענעם יאָר האָבן אויסגעפרירט שומרון. די באַוואוינער האָבן געציטערט פון די בארג־ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן פון גלעד, אָבער דער קעניג פון ישראל איז אין דעם געוויטער ארויסגעפאָרן אָנקוקן דאָס צפון־לאַנד. אין זיין האַרץ האָט זיך געשטאַרקט דער פּחד, אַז בן הדד וועט זיך ווידער אַריינרייסן אין ישראל און צונעמען שטיקער לאַנד ביים גלעד־קרייז פון ירדן צו מזרח, און ער וועט, אַזוי ווי פריער, צורייבן שטרעקעס ערד פון די

שבטים גד, ראובן און מנשה, און ער וועט אפרייסן ערועך, וואס ביים טייך ארנון און ער וועט גיין אויף בשן. דאס אלץ וועט ער טון, אויב רמות-גלעד וועט בלייבן אין זיין האנט. אחאב האט זיך דערמאנט דאס גוטס וואס ער האט געטון מיט דעם מלך פון ארם. אין זיין רייטוואגן האט ער אים אריינגעזעצט ווען ער איז געווען זיין געפאנגענער; זיין לעבן האט ער אים געשאנקען, ווען די פירשטן האבן אים געוואלט טויטן, און דער געשלאגענער בן הדד האט אויף די קני צוגעזאגט: איך וועל דיר צוריקגעבן אלע שטעט וואס מיין פאטער האט צוגענומען ביי דיין פאטער, און גאסן וועסטו דיר נעמען אין מיין קרוינ-שטאט דמשק. אבער אויף די ליפן פון דעם ארמי איז געווען באטרוג. זיין הארץ איז נישט געווען אזוי ווי זיין צונג. און אחאב האט, שטייענדיק אין יענע רגעס פון הינדערניש פאר דעם אפענעם בארג-לאנד צופוסנס דעם שונא, געבעטן ביים האר-צבאות:

— אויב נאך די אלע חסדים, וואס איך האב געטון צו בן הדד'ן, האט ער מיר אפגעצאלט מיט באטרוג, גיב מיר, א גאט פון ישראל, גענוג כוח, איך זאל אים דערשלאגן מיט א גרויסן שלאק, און איך זאל צעשטערן זיינע באפעסטיק-טע שטעט און די פרידלעכע וואוינערטער זאל איך חרוב מאכן און זיינע וועל-דער זאל איך פארברענען און זיינע קוואלן פארשטאפן און די פעטע פעלדער זאל איך פארצערן, ביז איך וועל נישט אפנעמען מיין פעסטונגשטאט רמות-גלעד!

אויפן דריטן טאג האט אחאב געשיקט א פארמעט-בריוו צו יהושפט, דעם קעניג פון ירושלים, ער זאל ארויפקומען אין שומרון און ער וועט מיט אים דאס מאל רעדן נישט ווי איין מלך צום אנדערן, נאר ווי א ברודער צו א ברודער, ווארום אויף יהודה און ישראל לויערט א שונא. יהושפט איז אין געאייל אנ-געקומען מיט זיינע וועכטער אין שטאט. אחאב איז אין זיין רייטוואגן אים אנטקעגנגעפארן ביז צום טויער פון די שופרות. די מלכים האבן זיך באגריסט.

— פרידן צום מלך פון יהודה אין מיין שטאט! — האט אחאב געזאגט.

— פרידן צום מלך פון ישראל! —האט יהושפט געענטפערט.— צו מלחמה אדער צו שלום איז די דאזיקע שטאט גרייט?

— אין שומרון הערשט שלום און ישראל רוט היינט אין זיכערקייט. אבער א לאנד איז אזוי זיכער ווי עס איז שטארק דער ארעם פון מלך. איך האב נעכטן געזאגט צו מיינע געטרייע: ווייסט איר, אז צו אונדז געהערט רמות-גלעד און מיר שווייגן און נעמען זי נישט אוועק פון דער האנט פון מלך פון ארם?

און אחאב איז ארוים פון זיין רייטוואגן און אריינגעזעצט דעם מלך פון ירושלים לעבן אים און געוואַרט, ער זאל ענטפערן אויף די קולות און בענטש-

ווערטער פון פאלק. יהושפט האט אויפגעהויבן די הענט צו די שרים און צום המון, וואס האבן מיט גערויש זיך געזאמלט הינטער דעם קעניגס ווערטער. דער מלך פון יהודה איז געווען אנגעטאן אין פרידלעכע קליידער. זיין קאנטיקע שווארצע בארד האט אזוי ווי זיינע שווארצע אויגן געגליט אקעגן דער ליכט פון דער זון נאך האלבן טאג. דער אקסלבאנד אויפן לאנגן פורפור־מאנטל האט דערגרייכט איבערן נאקן ביז צום קרוין־הוט. דער האלדזשנור פון אגאטן איז אראפגעהאנגען איבערן הארץ אויף דעם אויסגענייטן לייב פון יהודה, באזוימט מיט גאלדענע פעדים. יהושפט איז געווען גערירט פון דער ליבשאפט פון פאלק אין שומרון און ער האט זיך א קער געטון צו אחאב׳ן.

— מיין פאטער האט געפירט ברידער־מלחמות מיט דיין פאטער, —האט ער געזאגט,— אויב די זארגן פון יהודה זענען אזוי ווי די זארגן פון ישראל, זאלן היינט מיינע קריגער זיין דיינע קריגער; מיינע פערד — דיינע פערד; אזוי ווי דו, אזוי בין איך.

ב

צו דער באַגעגעניש פון די צוויי מלכים זענען שפּעטער געקומען די עלטסטע פון די שבטים אין צפון־לאַנד. די הערשער זענען געזעסן ביים אריינגאַנג פון שייער אין טויער פון שומרון, איטלעכער אויף זיין טראָנשטול, אָנגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער. הינטער א פורפור־פאָרהאַנג דורכגעוועבט מיט גאָלדענע שנורן, וואָס איז אויפגעהאַנגען געוואָרן צווישן צוויי זיילן, זענען געשטאַנען שרים און הויפּטלייט. אין דרויסן זענען וועכטער געווען צעשפּרייט צווישן די ציפּרעסן־ביימער און פּאַלמען־ביימער, וואָס האָבן ארומגענומען די לאַנגע געביידעס פון די טרינקשטיבער, די הייזער פון די געלט־חלפנים, די שטאַלן פאַר רייט־פערד און פון דעם גרויסן געפענגעניש פאַר שקלאַפן.

דער המון־עם פאַרן שטאָט־טויער איז געוואָרן גרעסער, אָבער די וועכטער האָבן מיט שפּיזן זיי צוריקגעטריבן הינטער די זיילן, אז זיי זאָלן זיין אָפּגעשיידט פון די אָנגעזעענע לייט. די עלטסטע פון שבט מנשה האָט מען געקאָנט דערקענען לויט זייערע דאַרע גופים; די מענער פון גד — לויט זייערע הויכע העלדזער און קנאָכיקע אַקסלען, און די מענער פון דן האָבן געהאַט שטאַרקע פּיס און האָריקע הענט. אַלע האָבן געטראָגן איבער די אונטערשטע בגדים ווייסע און בלויע געוואַנטן. די טונקעלע קאַפּטיכער, וואָס שיצן בייטאָג פון היץ און ביינאַכט פון קעלט, זענען זיי נאָכגעהאַנגען אויף די נאַקנס. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן טומלדיקע רייד. די עלטסטע פון די שבטים, שטאָלצע וואָס זיי זענען היינט דעם קעניגס געסט, האָבן העכער פון אַלעמען דערציילט צווישן זיך וועגן די אַמאָליקע רויב־אָנפאַלן פון די אַרמים אויף זייערע שטעט און געבענטשט דעם הערשער פון ישראל, וואָס גרייט א טאָג פון רעכנשאַפט פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט און פאַר די אויסגעפּלינדערטע פאַרמעגנס.

ווען די וועכטער ביים שייער האָבן מיט זייערע האָרנס געוואָלט איינשטילן דאָס פאָלק, האָט אחאָב געקוקט פאַר זיך און הינטער זיך און געזען, אז עס

פּעלט פּקחיהו און דער שטאָט־האַר אָמון און די צינזהאַרן און די הויפּטליַיט פון הונדערט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז פּקחיהו האָט דערוויַיטערט פון אויבן־אָן די, וואָס שטייען אַלע טאָג נאָענט צום מלך, וויַיל נישט ווערטער פון קריגספירער וועלן היינט געזאָגט ווערן, נאָר ווי אַ ברודער צו אַ ברודער וועלן ביידע מלכים צווישן זיך רעדן.

דער מלך פון ישראל האָט געקוקט אויף זיין גאַסט קעגנאיבער. זיינע ליפּן האָבן זיך צעשיידט אין אַ ברייטן שמייכל. די גאָלדענע קליידער זענען געהאנגען לויז אויף דעם קעניג פון יהודה און אין זיינע אויגן האָט יהושפט אויסגעזען קלענער אונטער דער לאַסט פון דער קרוין. אַ קורצע שלאַכט־שווערד ביי די לענדן און די איידעלע הענט האָבן געשטעקט אין די אַרבל, אויסגע־העקלט מיט זילבערנע ווייַן־בלעטער. אחאָב האָט געזען דעם גרויסן המון, וואָס שטראָמט פון די אונטערשטע גאַסן אַרויף און פון די בריקן און אויבערשטע טרעפּ אַראָפּ. וועד האָט געהייסן היינט איינזאַמלען דאָס פאָלק פאַרן שייער אַזוי ווי פאַרן פּאַלאַץ? עס איז אים וואוילגעפעלן, וואָס נישט גלאַט ווי אַ מלך האָט ער יהושפט'ן געטראָפן נאָר ווי צוויי פעטערס פון איין הויז, ווי צוויי צווייגן פון איין שטאַרקן בוים, וואָס קיין געוויטער קאָן נישט אַרויסרייסן. איז דאָס גערויש פאַר דעם כבוד פון ירושלים אָדער פאַר דעם מלך, וואָס האָט שטאַרק געמאַכט ישראל? און ווי אחאָב איז געווען פאַרטון אין די טראַכטונ־גען וועמענס כבוד עס ווערט מער געשוינט, האָט ער דערזען ווי אין דער פאָ־דערשטער ריי האָבן זיך אַרויסגערוקט נציבים און צינזהאַרן. עס האָט אַרויס־געשלייכט אַ מחנה כהנים, איינגעהילט אין לויזע ליינענטיכער. עס זענען אָנ־געקומען הויפּטליַיט פון הונדערט און הויפּטליַיט פון פופציק און הינטער זיי אַלעמען האָט פּלוצים זיך אַרויסגעהויבן אַ פּולייביקער מאַן, העכער אין וואוקס פון די אַרומיקע. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע, אויסגעקעמטע באָרד און איז געווען איינגעהילט אין אַ רויטן דופּטיקן מאַנטל. דאָס איז געווען מלכיאל בן רם, דער קנעכט־הענדלער. אויך היינט האָט ער נישט פאַרשפּעטיקט, — האָט אחאָב געברומט, — דער מיט די אויגן פון אַן אָדלער, וואָס עפנט טירן פון מלכים. חרפות קאָנען אים נישט פאַרטרייבן און שווערדן וועלן אים נישט פאַרלענדן. ווי גרינג ער איז אויף די פיס. ער זעצט זיך פון אויבן־אָן ביים קעניגס טיש און דער ערשטער איז ער ביי דער באַראַטונג פון מלחמה.

יהושפט, נישט אַזוי ווי דער מלך פון ישראל, איז געווען פריי פון זאָרגן. זיינע גלאָטסענע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם פריילעכן פאָלק. קיין ברעם האָט ביי אים נישט אַ צוק געטון. ער אַליין איז געווען אָן אַ פּגם אַזוי ווי זיינע קליידער. קיין קנייטש אויף זיין פּעטן, אויסגעגלעטן פּנים, קיין קאַרב אויף שטערן און קיין איין גרויע האָר אין דער אַרומגעשוירענער שוואַרצער באָרד.

די וועכטער פון ירושלים זענען געווען אָפּגערוקט פון אים, אָבער אחאב׳ס שייער איז אצינד געווען זיין פעסטונג. זיינע בליקן האָבן געוואַנדערט דורך די אָפענע טירן, אַריבער דעם דאַך פון געפענגעניש, צו די פייגנביימער און ציפּרעסן, וואָס האָבן געקלעטערט איבער דעם בארג אויף יענער זייט שטאָט. ער האָט געזען די אָפענע וועגן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום די גאַסן ווי רייפן. הינטער די וועגן זענען געפלאָסן בלויע וואַסערן אין די רינוועס אַנצוטרינקען די וויינשטאָקן און פּרוכטן־סעדער. דאָס ליכט פון דער זון האָט געפּלייצט איבער די קעפּ פון דעם איינגעזאַמלטן פאָלק. אויף איין רגע האָט יהושפט פאַרגליכן די מאכט פון ירושלים אַנטקעגן שומרון און דערשפּירט זיין ווינציקייט. גרויסע מלכים פירן מלחמות און קלענערע הערשער בלייבן אונטערטעניק — האָט ער געטראַכט — אָבער איבער ביידן הויבט זיך אויף יהוה, דער פאַרכטיקער איבער אַלע געטער. ער האָט די הימלען געמאַכט און די באַוואוינער פון דער ערד ציטערן פאַר אים.

די מחשבה וואָס איז געווען אַ טרייסט פאַר זיין שוואַכקייט, האָט אים באַרואיקט. אַלע יאָרן איז ער, ווי די מלכים אין ירושלים פאַר אים, געגאַנגען אין יהוה׳ס וועגן. די חסדים ביי גאָט האָט ער מיט זיין פאָרכט זיך איינגעקויפט. קוקנדיק אצינד אויף אחאב׳ן האָט ער געוואוסט, אַז דער אַלמעכטיקער באַהאַלט נישט זיין לייטזעליקייט פון די ווידערשפּעניקע, וואָס קערן זיך אָום צו אים. שומרון זיצט היינט אין פרידן, וואָרום אַזוי ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער, אַזוי טוט דער באַשעפער זיך דערבאַרעמען אויף די וואָס ער האָט מיט זיינע הענט אויסגעפורעמט. פּלוצים האָט יהושפט זיך דערמאָנט אָן דער מלכה איזבל און אַ פרייד האָט אַנגעצונדן די הויט פון זיינע באַקנביינער. ווי נאָר דער איבעררייד מיט אחאב׳ן וועט אַריבער, וועט ער אוועק אין פּאַלאַץ און ברענגען צו איזבל׳ן דאָס וואָרט פון פרידן אין ירושלים און דערציילן ווי דערהויבן עתליה איז היינט ביי די שרים אין קעניגס הויז און ביי די כהנים אין בית־המקדש, און וואָס פאַר אַ בענטשונג עס זענען אירע קינדער פאַר דעם פאָלק פון יהודה.

די האָרנס פון די וועכטער האָבן אויפגעשאַלט און דאָס גערודער ביים פאָלק איז איינגעזונקען. אחאב האָט מער נישט געהאַט פאַר זיינע אויגן דעם המון־עם. ער האָט זיך אַ קער געטון צו יהושפט׳ן און געזאָגט:

— צוויי און צוואַנציק יאָר בין איך מלך איבער ישראל. איך האָב מלחמות געפירט און נצחונות געהאַט. נאָך איין נצחון וואַרט אויף מיר!

יהושפט׳ס אויגן זענען געווען רואיק אַזוי ווי זיין האַרץ, ער האָט געשוויגן און אחאב האָט ווידער געזאָגט:

— בן הדד האָט די מלחמה פאַרלוירן, אָבער מיין פעסטונגשטאָט רמות־

גלעד האַלט ער. ווען איך האָב אים געפאַנגען, האָט ער פאַר מיר זיך געבוקט מיט אַ שטריק אויף זיין האַלדז און געזאָגט: דיין קנעכט בין איך.

— דו האָסט פאַרגאָסן דעם פוקס — האָט יהושפט געזאָגט.

— איך האָב אים אריינגעזעצט אין מיין רייטוואָגן און אים געפירט אין דער חרובער שטאָט צום שערהויז פון די שעפסן. זיינע פירשטן האָב איך גע־הייסן טויטן, נאָר זיין אייגן לעבן האָב איך געשוינט. עס איז מיר זיס געווען צו פירן דעם געפאַנגענעם בן הדד אין מיין רייטוואָגן. אין שערהויז האָט ער מיט מיר אַ בונד פאַרזיגלט מיט דעם בלוט פון טויבן.

יהושפט האָט געלאַכט:

— דער קעניג אין שטריק ברענגט צוזאָגן צו דעם קעניג וואָס זיגט. ווי גרויס איז זיין ווערט?

— אַזוי ווי זיין באַטרוג אויף זיין צונג.

יהושפט האָט טיפער אַנגעשפאַרט זיינע אַקסלען אין ווייכן געוואַנט פון שטול און געהאָרכט ווי אַחאָב האָט דערציילט:

— דער אַרמי האָט צוגעזאָגט אומצוקערן די שטעט וואָס זיין פאָטער האָט צוגענומען ביי מיין פאָטער און די פעסטונגען אין רמות־גלעד האָט ער גע־אַלט פריי מאַכן און אַ מארק מיט גאַסן אין מיטן דמשק פאַר מיינע הענדלער איז ער מיר שולדיק געווען, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט געגעבן צו די אַרמים אין שומרון, און איך האָב אים אוועקגעלאָזט מיט דעם דאָזיקן בונד.

ער האָט געקוקט אויף די זיילן הינטער זיך. ווייט נאָך דעם געפענגעניש האָט מיט אַמאָל זיך פאַרטראָגן אַ גערויש. דאָס זענען געווען פרוכטן־וועגענער, געשפּאַנטע אין אָקסן, אָנגעקומענע פון די נידעריקע שטעט און זיך געקייקלט איבער די שטיינערנע גאַסן. דאָס גערויש האָט לאַנגזאַם זיך דערווייטערט ביז עס איז איינגעזונקען אין דער טיפער, בלויער לופט. דער מלך פון ישראל האָט ווידער געזאָגט:

— אין צוויי מלחמות האָב איך בן הדד'ן געשלאָגן. ווען אשור האָט זיך אריינגעריסן אין זיין לאַנד, האָב איך אים פון אונטער די חורבות ארויסגענומען און אָפּגעשטעלט דעם פיינט ביי קרקר. שלמנאסר דער שטאַרקער איז שוין געזעסן אין פדן־ארם, אָבער איך האָב באַפרייט אַרם'ס שטעט און פאַ־שפּאַרט דעם וועג צו דמשק. וואָס נאָך האָט דער מלך פון ישראל געזאָלט טון פאַר זיין געפאַנגענעם קנעכט?

— דו האָסט גענוג געטון, אַחאָב, —האָט יהושפט געענטפערט,— האָסט געצאָלט גנאָד פאַר באַטרוג.

— פאַר דעם כבוד פון ישראל מוז איך אָפּנעמען רמות־גלעד! — האָט אַחאָב אויסגערופן.

און ער האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין טראָנשטול. פון צאָרן האָט די הויט אויף זיין פנים געפלאַמט. דער גלאָסענער יהושפט האָט דאָס מאָל אראָפּ־געכאַפּט די רייד פון אחאָב׳ס ליפּן.

— פאַר דעם כבוד פון ישראל וועסטו אָפּנעמען רמות־גלעד, —האָט ער אים פאַרזיכערט,— פאַר דער חרפה פון דעם, וואָס האָט געהאַט א פאַלשע צונג אין טאָג פון זיין נויט.

פון צווישן די שרים איז פּלוצים ארויסגעקומען מלכיאל בן רם. ער איז געווען איינגעהילט אין א ווייסן מאַנטל, באַמאָלן מיט קייטן און שארבנס. ער האָט מיט גיכע שפּרייזן זיך דערנענטערט צום טראָנשטול. אחאָב האָט אים דערזען און א לוסט צו שפּאַסן פון אים האָט אין אים אויפגעוואַכט. מיט דעם רעכטן דוימען האָט ער אים צוגערופן.

— דיין צונג וויל רעדן, מלכיאל. זאָג, אויב דו ווייסט: וואָס דאַרף דער קעניג טון נאָך דעם היינטיקן טאָג?

מלכיאל האָט זיך איינגעבויגן, א ברייטער שמייכל האָט צעשיידט זיינע גראָבע ליפּן.

— דער קעניג וועט דאַרפן אויפבויען נייע שטאַלן אין מגידו, —האָט ער געזאָגט,— דיין שטאָט פון רייטוועגענער וועט גרויס ווערן, וואָרום אלע שטאַר־קע פערד פון ארם וועל איך דיר ברענגען.

אחאָב האָט זיך צעלאַכט.

— מלכיאל בן רם! נאָך דער חרפה, וואָס איך האָב דיר געבערענגט קומ־סטו היינט מיר אָנזאָגן די בשורה פון נצחון?

אָבער מלכיאל׳ס ליפּן האָבן נישט געערעדט רייד פון איינעם, וואָס האָט געליטן חרפה.

— דער נצחון וועט זיין דאָס מאָל גרעסער ווי אין אלע מלחמות ביז היינט, מלך פון ישראל, און איך, דיין קנעכט, וועל אויך שניידן די פּרוכט פון זיג.

— וואָס איז דער חלק פון א הענדלער פון קנעכט אין דעם זיג פון זיין מלך?

— דיינע ציינער וועל איך אויפמאָנען, מלך פון ישראל. איך וועל פון ארם דאָס פליייש אָפּשינדן און בלויז די ביינער איבערלאָזן.

אונטערטעניקע רייד געפעלן אלע מלכים, אָבער פון אחאָב׳ס הארץ האָט זיך נישט אָפּגעטון דער פאַרדראַכט: פאַרוואָס וויל מלכיאל אָפּצאָלן מיט גע־טריישאפט פאַר חרפה? דער מלך האָט אים צעטראָטן, אָבער ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. דעם קעניגס וואונטש איז געווען ער זאָל בלייבן אין באהעלטעניש, אָבער ער איז ארויס אויף דער פריי. ער, וואָס האָט געזאָלט

זיין פאַרשטעקט אין די אונטערשטע גאַסן. איז אַרויפגעקומען ביז צום טויער פון שטאָט.

און אַחאָב האָט זיך אַ קער געטון צו יהושפט׳ן צו דערציילן אים ווי ער האָט מיט בושה אַרויסגעטריבן מלכיאל׳ן פון זיין קאַמער, אָבער דער הענדלער פון קנעכט איז מער נישט געשטאַנען פאַר אים. ער, וואָס האָט אָנגעטון קייטן אויף די געפאַנגענע און אויפגעמאָנט ציגזן ביי באַזיגטע, איז אַצינד אַ שטאָל־צער פאַרבייגעגאַנגען די שרים און הויפטלייט, ווי ער וואָלט מיטגענומען אַ גרויסן סוד. ער איז אַוועק פון שייער און שוין האָט ער געשפּאַנט לענג־אויס די ווענט פון געפענגעניש און זיך געשטעלט וואַרטן אין אויסהויל פון דער ערשטער מויער.

אַחאָב האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. די זון האָט געגאָסן ליכט אויף די טורעמלעך און אויף די פלאַכע דעכער פון די הייזער איבער די באַרג־גאַסן און איבערן אַראָפּלאָז צו דער אונטערשטער שטאָט. די רו איז געווען אויסגעשפּרייט איבער די טייכן און דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויף אַ צייכן אָנצוהייבן די שאַלונג פון פרייד. האָט דער מלך פון ישראל, פון זיכערקייט וועגן, ווידער געפרעגט דעם מלך פון יהודה:

— ווילסטו גיין מיט מיר אין מלחמה אויף רמות־גלעד?

און יהושפט האָט געענטפערט:

— איך וועל גיין. אַזוי ווי דו, אַזוי איך; אַזוי ווי דיין פאָלק, אַזוי מיין פאָלק; אַזוי ווי דיינע פערד, אַזוי מיינע פערד.

און יהושפט האָט באַלד ווידער געזאָגט:

— פרעג היינט, איך בעט דיך, דאָס וואָרט פון גאָט.

האָט אַחאָב זיך אויפגעהויבן פון זיין טראָן און אַ רוף געטון צו די וועכטער:

— די נביאים, ברענגט זיי צו מיר!

די נביאים און כהנים זענען שוין פריער געווען איינגעזאַמלט הינטערן טויער פון די שופרות. פיר הונדערט אין צאָל זענען זיי געווען און זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע הענט געצן און עס איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ המון־עם מיט געזאַנג. און די שפּילער האָבן געלאָזט הערן זייערע האַרפעס און לירעס און ציטרעס און זיי האָבן אין גאַנג געטאַנצט. די כהנים האָבן געטראָגן ווייסע געוואַנטן, אַזוי ווי ביים שלאַכטן און ביים רייכערן אין טעמפּל. אַ דבקות איז געווען אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער. פון צופיל איפער זענען טייל פון זיי געווען פאַרשמאַכט און אַנדערע זענען געווען פאַרגליווערט ווי שטיין.

פאַרויס פאַר דער מחנה כהנים האָבן קנעכט אויף וועגענער געפירט גרויסע שעפּסן, אָנגעטון אין פעלן צו שיצן זייער וואָל. ביי די פערד, איינגעשפּאַנטע אין די וועגענער, האָבן אויף די העלדזער גאָלדענע גלעקער זיך געוויגט.

די קעניגין איזבל

הינטער א שטיינערנעם בעל, געטראָגן אויף די אַקסלען פון פיר כהנים איז נאָכגעגאַנגען א פעטער מאַן אין א געוואַנט פון ליינענטוך, אַריבערגערעקט ביז איבערן קאָפּ־שיידל. זיינע שפּרייזן זענען געווען פעסטע און זיין נאַקעט פּנים אויסגעשטרעקט צו דער זון. דאָס פאָלק האָט אים דערקענט. ער איז געווען צדקיה בן כנענה. דער ערשטער פון די נביאים פון בעל, א גייסטבאַשוועי־רער און הימלזעער, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן דעם מלך. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלאָצט און זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט ווי אין יענע רגעס, ווען ער פלעגט זיך דערנענטערן צום פלאַקערנדיקן מזבח. הינטער אים זענען נאָכגעלאָפן יונגע, היציקע פּריסטער מיט האַלב־אָפּגעדעקטע לייבער, און מיט קורצע שווערדן אין די גאַרטלען. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און געזונגען. פון די טיפעניש פון זייערע העלדזער האָט דאָס געזאַנג זיך געריסן הייזעריק. פון פרייד זענען זייערע אויגן אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן און די לייבער האָבן זיך געוויגט מיט ציטערניש. טייל האָבן אין מיטן טאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערדן און גאַרטלען. זיי זענען געווען אַזוי איינ־געזונקען אין אייפער, אז זיי האָבן נישט געקאָנט זען, ווי הינטער זייערע אַקס־לען האָבן עלטערע פּריסטער מיט שוואַרצע בערד און מיט בייטשן אין די הענט געשמיסן איבער זייערע קעפּ.

אז די שמיץ זענען געוואָרן שטאַרקער, האָבן די פאַרשמאַכטע כהנים זיך געבויגן פון ווייטאָג און איינציקווייז געפאַלן צו דער ערד. די בערד ביי די פּריסטער האָבן זיך געטרייסלט פון בייזן געלעכטער, ווען זיי האָבן געקוקט ווי די געשלאָגענע ווילן אַנטרינען פון די קלעפּ, וואָרום שפּעט פאַרגעניגן זענען זיי געקומען ביי דער באַגעגעניש פון די מלכים, און זייערע הערצער זענען געווען ווייט פון רחמנות. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין קעניגלעכע געוועבן און גע־טראָגן אויף די קעפּ גאָלדענע רייפנבענדער. צדקיה בן כנענה האָט אצינד גע־שפּרייזט נאָך גיכער מיט אויפגעהויבענע אָרעמס. ווי נאָענט ער איז צוגעקו־מען צום קעניגס שייער, אַזוי געשווינד זענען געוואָרן זיינע פיס. היינט איז געווען דער טאָג פון זיין זיג. אַלע טעג האָט דער מלך אָנגעפרעגט ביי די שליחים פון גלעד, צי מעג ער אַרויסגיין אויף מלחמה. אצינד רופט ער אים צו שטיין פאָרויס פאַר זיינע קריגסלייט.

אָבער ווי אחאב האָט דערזען די שפּרייזנדיקע כהנים מיט די געצן אויף די הענט, איז ער דערצאָרנט געוואָרן פון גרויס בושה פאַר זיין גאַסט יהושפט. זענען זיי געקומען ביז אהער צו רייכערן פאַרן מזבח, אָדער אָפּגעבן כבוד צו די מלכים? אָן רייד, מיט א האַנט־הייב האָט ער גערופן צדקיה׳ן און א געשריי געטון:

— צעטרייב דיינע זינגער און ברענג פאָרויס פאַר מיר דיינע נביאים.

נישט קיין געבעט צו די געטער האָב איך פאַרלאַנגט. רייד פון ראָט וויל איך פון דיר הערן!

דער המון־עם, פאַרוואונדערט פון דעם קעניגס צאָרנדיקן געשריי, האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרק געבריל. באַלד איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז אַלע האָבן געהערט דאָס שאַרבערייַ פון די געוואַנטן ביי די כהנים, וואָס האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קניען.

צדקיה האָט אַראָפּגענומען דאָס טוך־צודעק פון קאָפּ, ער האָט זיך איינגע־בויגן פאַר דעם קעניג.

— פרעג, מלך פון ישראל, —האָט ער געזאָגט,— דער גייסט פון די גע־טער רוט אויף מיינע ליפּן און אויף די ליפּן פון אַלע איינגעזאַמלטע נביאים.

האָט אַחאָב געפרעגט:

— זאָל איך גיין קעגן רמות־גלעד אויף מלחמה, אָדער זאָל איך אָפּשטיין?

צדקיה בן כנענה האָט מיט אַ פעסטער שטים געזאָגט:

— גיי אַרויף. גאָט וועט געבן די שטאָט אין דער האַנט פון מלך!

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט צו דער מחנה נביאים און כהנים, וואָס זענען געשטאַנען געבויגן הינטער אים, און אַלע האָבן הילכיק נאָכגעזאָגט:

— גיי אַרויף. גאָט וועט געבן די שטאָט אין דער האַנט פון מלך!

אַחאָב איז געווען געשטאַרקט. אַ שטאָלצער האָט ער אָנגעקוקט יהושפט'ן.

— זעסטו? קיינער זאָגט נישט: אַן אומרעכט באַגייט דער מלך פון ישראל.

יהושפט'ס אויגן האָבן געוואונדערט איבער די קעפּ פון די איינגעזאַמלטע מענער. פון אַלעמענס העלדזער האָט זיך געריסן איין קול; אויף אַלעמענס צינגער איז געווען איין וואָרט. זייער מורא פאַר דעם מלך איז גרעסער ווי דער פּחד פאַר אַ פאַרלוירענער מלחמה. ער האָט נישט דערשטיקט זיין הינדערניש.

— אַלע פיר הונדערט רעדן מיט איין צונג,— האָט יהושפט געזאָגט,— איז דאָ נישטאָ נאָך אַ נביא פון גאָט, אַז מיר זאָלן ביי אים אָנפרעגן?

— זיי אַלע זענען די נביאים פון שומרון — האָט אַחאָב געזאָגט.

אָבער יהושפט האָט ווידער געזאָגט:

— אין דער מלוכה פון יהודה איז ירושלים דאָס האַרץ, און דאָס האַרץ פון ירושלים איז דאָס הויז פון גאָט, און אין דעם הויז פון גאָט זיצן די פּאַרכ־טיקע, וואָס צו זייער וואָרט פון אמת האָרכן דער מלך און די שרים איידער זיי גייען אַרויס אין מלחמה. איז דאָ נישטאָ איין פּאַרכטיקער נביא פון גאָט, אַז מיר זאָלן ביי אים אָנפרעגן?

ביים מלך פון ישראל האָט דאָס פּנים מיט אַמאָל אָנגעטון גליקזעליקייט.

ער האָט די אויגן האַלב צוגעשלאָסן און פון פאַרגעניגן אריינגענומען אין זיין אָטעם דעם פרישן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פונעם אריינגאנג אין שייער. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פאַראַן נאָך איין מאַן, וואָס פרעגן קאָן איך דורך אים ביי גאָט. אָבער מיין שונא איז ער, און איך האָב אים פיינט, ווייל בלויז שלעכטס זאָגט ער אויף מיר אַלע טעג אין זיין נביאות. ער איז מיכיהו, דער זון פון ימלה.

יהושפט האָט זיך צוגעבויגן צו אחאָב'ן און געזאָגט:

— זאָל דער מלך פון ישראל אַזוי נישט רעדן אויף דעם נביא פון גאָט.

האָט אחאָב אין יענער רגע געטראַכט: איך וועל איבערבעטן יהושפט'ן מיין גאַסט, און שיקן רופן דעם פאַרכטיקן מיכיהו. און צדקיה בן כנענה האָט געלייענט די מחשבות פון קעניג און געהייסן זיינע כהנים צוריקטרעטן. די מחנה איז צוריקגעטראָטן, אָבער זיך נישט דערווייטערט. די עלטסטע פריסטער זענען געבליבן הינטער צדקיה'ן. פון צווישן פאָלק זענען ארויסגעקומען מענער מיט לאָגלען ווייַן; פרויען האָבן געטראָגן קוישן פרוכטן און הענט האָבן זיך געשטרעקט צו די, וואָס האָבן שטענדיק בענטשונג אויף די ליפּן. עס האָבן זיך באַוויזן גליקלעכע באַוואוינער, גרייט אויסצוטיילן גאָלדענע קייטעלעך און זילבערנע רינגען, אָבער קיינער האָט נישט געטאָרט נעמען קיין געשאַנקען אין טויער פון שטאָט. אין דעם לייכטן גערודער האָבן די שרים אויבן־אָן דערציילט, אַז פקחיהו איז שוין ארויס הינטער דער שטאָט רופן דעם שטרענגן מיכיהו. און דערנאָך האָט מען פון דער ווייט, הינטער די מויערן, געזען אַ וואָלקן שטויב און געהערט דאָס גערויש פון רעדער. אַ וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי מוילאייזלען איז אָנגעקומען. אַ קנעכט איז געלאָפן פאָרויס און געהאַלטן מיט ביידע הענט דעם צוים. אויפן באַפעל פון מלך האָט פקחיהו אונטערוועגס געוואָלט אריינזעצן דעם פאַרכטיקן מאַן אין אַ רייטוואָגן, אָבער מיכיהו האָט געזאָגט: אין אַ פּראָסטן וואָגן וועסטו מיך פירן צום שייער. דער שליח פקחיהו האָט געזאָגט: זע, אַלע רייד פון די נביאים זענען ווי איין מויל פול מיט גוטס צום מלך. זאָל דיין וואָרט, איך בעט דיך, זיין אַזוי ווי דאָס וואָרט פון איינעם פון זיי. אָבער מיכיהו האָט געענטפערט: אַזוי ווי עס לעבט יהוה, אַז דאָס וואָס גאָט וועט זאָגן צו מיר, דאָס וועל איך רעדן!

און ווי דער וואָגן, געשפּאַנט אין מוילאייזלען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שייער, איז אַ פּחד באַפאַלן צדקיה בן כנענה'ן פאַר דעם צאָרנדיקן מאַן, וואָס קען געווינען דעם מלך מיט זיין פייערדיקער צונג. ער האָט צוגערופן איינעם פון זיינע כהנים און געבומען ביי אים אַ פּאָר אייזערנע הערנער און זיי אָנגעטאָן אויפן קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעבויגן פאַר דעם קעניגס שטול און געזאָגט:

— אזוי האָט געזאָגט גאָט: מיט די דאָזיקע הערנער וועסטו שטויסן אַרם, ביז דו וועסט זיי אַלעמען פאַרלענדן.

האָט דער מלך אַרויסגערופן פון דער ריי איין נביא מיט א גלאַטער צונג און א צווייטן און א דריטן און זיי האָבן געזאָגט דאָס אייגענע. און דערנאָך האָט די גאַנצע מחנה נביאים זיך געשטעלט הינטער צדקיה'ן און אויפגעהויבן די פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל און ווי א מעכטיק געזאַנג אויסגעזונגען די רייד:

— גיי אַרויף קיין רמות־גלעד און באַגליק! גאָט וועט די שטאָט געבן אין דער האַנט פון מלך!

פונעם וואָגן איז דער ערשטער אַראָפּגעגאַנגען פּקחיהו. שטאָלץ איז געווען זיין בליק ווען ער האָט געקוקט פאַר זיך אויף דעם נייגעריקן המון־עם. אויף זיין אַקסלבאַנד איבערן רויטן מאַנטל איז נאָכגעהאַנגען א לאַנגע שניר מיט בלויע פּערל, א צייכן פון פרידן צום נביא, און ביי זיינע לענדן האָט געפּעלט די שווערד. ער האָט אַראָפּגעפירט מיכיהו בן ימלה'ן. דער נידעריקער, באַוואַקסענער מאַן מיט דעם הויכן שטאָק אין האַנט, איז אַזוי ווי אַלע טעג געווען אָנגעטאָן אין זיין צעריסענעם לייבראָק. זיין באָרד האָט פאַרשטעלט זיין ביי־נערדיקן פּנים ביז צו די ברענענדיקע אויגן. די קנוילן האָר פון אונטערן קאָפּ־טוך זענען געפאַלן אויף זיין נאַקן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט וואונד־שניטן. אויף איין רגע האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער בלענדנדיקער זון און מיט חשד זיך אַרומגעקוקט, אָבער זעענדיק אַז קיינער שטרעקט נישט אויס קיין שפּיז אים בייז צו טון, האָט ער אַרויסגעלאָזט א זיפץ פון דערלייכטערונג.

די שׂרים און די ציינזהאַרן האָבן זיך אָפּגערוקט. די וועכטער האָבן גע־רוימט א פרייען וועג. דער המון־עם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. פּקחיה האָט מיכיהו'ן צוגעפירט צו די מלכים.

אַחאָב האָט געשמייכלט צום קעניג פון יהודה, וואָס האָט נישט אַראָפּגע־נומען די אויגן פון דעם נזיר. ביי יהושפט'ן האָבן די דינע נאָזלעכער געציטערט. פון אומרו האָט ער מיט די פינגער געריבן די גאָלדענע פּעדים אויף זיין קעניגלעכן מאַנטל און געוואַרט. דער מלך פון ישראל האָט געזאָגט:

— מיכיהו בן ימלה, דו האָסט געקאָנט קומען צו די מלכים געקליידט אין פּורפּור, אָבער איך האָב דיך געלאָזט ברענגען אין דיין לייבראָק, דאָס קלייד וואָס איז דיר ליב. א געאַכפּערטער מאַן זאָלבט זיין באָרד איידער ער שטעלט זיך פאַרן טראָן, אָבער דו ביזט מיר אָנגענעם מיט דיינע צעשויבערטע האָר. אַזוי ווי עס הערט יהוה דער גאָט פון ישראל, לאָז אָפּ היינט דיין שׂנאה צו מיר, מיכיהו, און זאָג: זאָלן מיר גיין צו רמות־גלעד אויף מלחמה, אָדער זאָלן מיר אָפּשטיין?

מיכיהו'ס פנים, אלע טעג באדעקט מיט גרימצאָרן, איז אצינד געווען ווייך און תמימותדיק. ער האָט דערזען הינטער זיך צדקיה'ן מיט די אייזערנע הערנער און א לוסט צו שפּאָסן פון דעם פאַלשן מאַן איז אין אים אריין.

— גיי ארויף און באגליק, —האָט ער צו אחאָב'ן געזאָגט,— און גאָט וועט די שטאָט געבן אין דער האנט פון מלך!

ביי יהושפט'ן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן. אָבער דער מלך פון ישראל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין טראָנשטול. ער האָט א דערצאָרנטער א געשריי געטון:

— רייד פון אמת האָב איך געוואָלט הײנט פון דיר הערן!

— צי האָבן דיינע פעטע נביאים ערשט נישט לאַנג געזאָגט די דאָזיקע רייד? — האָט מיכיהו געפרעגט.

אחאָב'ס צאָרן איז געוואָרן גרעסער.

— ביז וויפל מאָל נאָך זאָל איך דיך באשווערן, אז דו זאָלסט נישט רעדן צו מיר, נאָר אמת אין נאָמען פון גאָט?

מיכיהו האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף דעם מלך מיט א שווערן, שטרענגן בליק. אויף זיין פּנים איז ווידער אויפגעגאַנגען גרימצאָרן אזוי ווי א וואָלקן. ער האָט זיך א קער געטון צום אָרט וואו צדקיה איז געשטאַנען און מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל האָט ער שטיל געבעטן: גאָט, דו האָר! דער דאָזיקער פאַלשער מאַן האָט געטון אזוי פיל אומרעכט. ער לעסטערט דיין נאָמען און זיין לייב איז פול מיט זינד ווי א מילגרוים מיט קערנער, אָבער דו האָסט אים געשוינט אלע טעג און מיך האָסטו אצינד איבערגעגעבן צום קעניג דעם אכזר. היט מיך יהוה מיין גאָט, וואָרום דעם אמת, וואָס דו האָסט געלייגט אויף מיינע ליפּן, וועל איך צו אים רעדן.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום מלך. זיין טונקל, ביינערדיק געזיכט איז געוואָרן העלער, איידעלער, אָבער פון זיינע גליענדיקע אויגן איז נישט אויסגעגאַנגען דאָס פייער, וואָס גליט ביי פּאָרכטיקע.

— איך האָב געזען גאַנץ ישראל צעשפּרייט איבער די בערג, —האָט ער געזאָגט,— אזוי ווי שאָף אָן א פּאַסטוך און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: אָן א האַר איז דאָס דאָזיקע פאָלק. זאָלן זיי זיך אומקערן איטלעכער צו זיין הויז אין פרידן.

דער מלך פון ישראל האָט אָנגעכאַפּט דעם אָרעם פון יהושפט'ן.

— האָב איך דען דיר נישט געזאָגט, ער וועט אויף מיר נישט נביאות זאָגן גוטס נאָר שלעכטס?

פון פאר די שרים איז ארויסגעלאָפן צדקיה בן כנענה ביז צום קעניגס שטול און איז געפאַלן אויף די קני.

— האָרך אים נישט, מלך! —האָט ער געשריגן— האָרך נישט דעם, וואָס האָט ווי א קראָט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד און האָט מורא פאַר דעם ליכט פון דער זון. ער איז בלינד צו זען דיין כוח און טויב צו הערן די שאַלונג פון דיינע נצחונות און אָפגעשיידט איז ער פון לעבן מיט וואָלקנס פון פינצטערניש.

אחאָב האָט א צייכן געגעבן צדקיה זאָל זיך אויפהויבן און זיך דערנענטערן צו מיכיהו'ן. ווען זיי זענען געשטאַנען איינער אנטקעגן דעם אנדערן, האָט אחאָב אויסגערופן:

— א מאַן קעגנאיבער א מאַן, א מויל קעגנאיבער א מויל און איינער פון זיי זאָגט היינט ליגן פאַר דעם מלך פון ישראל! ווער איז דער מיט דער פאַלשער צונג?

מיכיהו האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף צדקיה'ן און געזאָגט:

— די קללה פון פאַרלענדונג איז אין זיין מויל. זיינע קאַלטע הערנער זענען פון אייזן און זיינע אויגן זענען פאַרפרוירן ווי גלאָז און אזוי זענען די פיר הונדערט וואָס בוקן זיך הינטער אים. צי האָסטו נאָך מיר געשיקט, מלך פון ישראל, אז מיין צונג זאָל רעדן באַטרוג אָדער דעם אמת פון גאָט? דאָס, וואָס זיי רופן די שאַלונג פון נצחון, וועט זיין די שאַלונג פון טויט. היט זיך, מלך, פאַר די חונפים. דאָס וואָרט פון צביעות האָבן זיי דיר געבערענגט.

האָט אחאָב אן אומזיכערער געפרעגט:

— וואָס נאָך האָט גאָט צו דיר געזאָגט פון גוטס ביז שלעכטס?

— איך האָב געזען ווי גאָט זיצט אויף זיין טראָן און דאָס גאַנצע חייל פון הימל שטייט לעבן אים ביי זיין רעכטער זייט און ביי זיין לינקער זייט. האָט גאָט זיי געפרעגט: ווער וועט אָנרעדן אחאָב'ן, ער זאָל ארויפגיין אין מלחמה און פאַלן אין רמות-גלעד? האָבן די צווישן זיינע דינער געזאָגט אזוי און יענע האָבן געזאָגט אנדערש. איז דערנאָך ארויסגעגאַנגען דער גייסט און זיך געשטעלט פאַר גאָט און געזאָגט: איך וועל אחאָב'ן אָנרעדן! האָט גאָט אים געפרעגט: ווי אזוי? האָט ער געזאָגט: איך וועל ארויסגיין און ווערן א גייסט פון ליגן אין מויל פון אלע זיינע נביאים. האָט גאָט ווידער געזאָגט: דו וועסט אָנרעדן און וועסט אויך אויספירן. גיי ארויס און טו אזוי! און אציַנד זע, מלך פון ישראל, גאָט האָט ארייַנגעגעבן א גייסט פון ליגן אין מויל פון אלע דיינע נביאים, זיי זאָלן דיך פאַרפירן, וואָרום אָנגעזאָגט האָט דער אַלמעכטיקער אויף דיר שלעכטס.

ביי די רייד איז צדקיה בן כנענה צוגעשפרונגען צו מיכיהו'ן און פאַר די אויגן פון די מלכים און שרים אים געשלאָגן אויף דער באַק און ער האָט פון אים געשפּאָסט.

— אויף וואָסערע וועג איז דער גייסט פון גאָט אוועקגעגאַנגען פון מיר כּדי צו ריידן מיט דיר?

אָבער דער פּראַקטיקער מאַן האָט נישט אויפגעהויבן די האַנט צוריקצו־שלאָגן דעם פאַלשן דינער פון מלך, נאָר געלאָזן געזאָגט:

— דו וועסט דאָס זען אין יענעם טאָג ווען דו וועסט אַ געיאָגטער אַריינ־לויפן אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער זיך צו באַהאַלטן פון טויט.

איז אַחאָב אַראָפּ פון די טרעפּ פון זיין טראָנשטול און זיך געשטעלט קעגן אים.

— מיכיהו בן ימלה! דו האָסט אויגן פון אַן אָדלער, אָבער דיין צונג איז ווי אַ ווירבלווינט. צי האָסטו מיך נישט אָפּגעוואָרט נאָך דער מלחמה מיט אַרם און גערעדט צו מיר שלעכטס, ווייל פריי האָב איך געלאָזן דעם געפאַנגע־נעם בן הדד?

— אין יענעם טאָג האָט גאָט דיך נישט געהייסן אַרויסלאָזן דעם מאַן פון זיין חרם.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט, אַז איך זאָל גיין היינט פאַרטיליקן דעם מאַן פון גאָטס חרם?

— ווייל פאַלן וועסטו אין מלחמה, אויב אַרויפגיין וועסטו אויף רמות־גלעד.

האָט דער מלך נישט געקאָנט איינהאַלטן מער זיין כּעס און הילכיק אויס־געשריגן:

— דו ביזט געקומען מיט אַ פלוך צום מלך פון ישראל אין טאָג פון זיין שטאַרקייט. פאַרוואָס?

— האָט מיכיהו בן ימלה געזאָגט:

— ברען מיין לייב, מלך! טריקן־אויס דאָס בלוט אין מיינע אָדערן און דעם מאַרך פון מיינע ביינער קאָנסטו אויסקוועטשן, אָבער דו וועסט נישט פאַלש מאַכן מיין צונג, אַז זאָגן זאָל איך דאָס מאָל: גיי אין מלחמה, וואָרום גאָט וועט איבערגעבן דעם שונא אין דיין האַנט!

און דער איבערגעשראָקענער אַחאָב האָט זיך אַ קער געטון רעכטס און לינקס. ער האָט צוגערופן פּקחיהו׳ן און אים באַפוילן:

— נעם מיכיהו׳ן און קער אים אום צו אָמון, דעם האַר פון שטאָט, און זאָלסט אים לאָזן וויסן: אַזוי האָט געזאָגט דער מלך! טו אַריין דעם דאָזיקן מאַן אין געפענגעניש און שפּייזן זאָלסטו אים מיט קאַרג ברויט און קאַרג וואַ־סער, ביז איך וועל צוריקקומען פון מלחמה בשלום.

ווען די וועכטער האָבן אַרויסגעפירט מיכיהו׳ן צו אָמון, דעם האַר פון דער

שטאָט, האָט דער פּאַרכטיקער מאַן נאָך באַוויזן זיך אַ קער טון צום מלך און אויסרופן:

— אויב אומקערן וועסטו זיך אומקערן בשלום, האָט גאָט היינט נישט גערעדט דורך מיר. הערט דאָס צו, איר פעלקער אַלע!

און געהערט האָבן דאָס די שרים און די ציינזהאָרן און די עלטסטע פון די שבטים און דער המון־עם אַרום. און פון צווישן זיי איז פּלוצים אַרויסגעגאַנגען מלכיאל בן רם און אין גרויס געאייל האָט ער ווידער געשפּרייזט צו יענער זייט טויער מיט אַ סוד אין האַרצן. אָבער אַחאָב האָט געוואָלט שטילן זיין כעס און זיך אַ קער געטון צו יהושפט'ן, וואָס איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטער און דער מלך פון שומרון האָט מיט אַ פריילעך קול אויסגערופן צום פאָלק:

— אויף אַרם, ישראל!

און יהושפט, ווי אַ גלייכער מלך צו אַ גלייכן, האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין פאַרגליווערטקייט און נאָכגערופן:

— אויף אַרם וועט אויך גיין יהודה! ווי איך האָב צוגעזאָגט: מיינע פערד זענען דיינע, מלך פון ישראל. מיינע קריגער זענען דיינע.

— אויף רמות־גלעד, דאָס אַלטע וואוינאָרט פון ישראל! — האָט אַחאָב געזאָגט.

אויף רמות־גלעד, וואָס איז אויך אַ פאַנצער פאַר יהודה! — האָט יהושפט נאָכגעזאָגט.

אַ גרויס געדודער אַזוי ווי אַ קריגס־שאַלונג איז אויפגעגאַנגען איבער די מויערן און פעסטונגוועגט, און דער המון האָט זיך צעשאָטן. אָבער אויף די געלענדערס פון די טורעמס זענען געבליבן שטיין עטלעכע געאַכפּערטע לייט, וואָס האָבן צוגעזען פיל מלחמות און זיי האָבן אצינד זיך געשראָקן, טאָמער וועלן די אַרמים הערן פון מיכיהו'ס שטרענגע רייד און זיך רימען מיט זייער גבורה און אומגעריכט אַרויפגיין אויף שומרון מיט אַ שטאַרק חייל. דער זעלבער פּחד האָט אַרומגענומען די עלטסטע פון די צפון־שבטים און די נציבים און די ציינזהאָרן. אָבער די פריילעכע כהנים האָבן אַריינגענומען אין זייערע אָרעמס די דערשראָקענע און זיי צוגעזאָגט נצחון. און צו די פרויען האָבן זיי אצינד אָן מורא אויסגעטיילט זאַלבן און מטבעות און גאָלדענע קני־גלעקעלעך. און די קינדער האָבן זיי געבענטשט מיט צויבער־שפּרוכן קעגן יעדער פּלאָג, אַז עס זאָל בלייבן גאַנץ די פרייד צווישן פאָלק.

און מיכיהו איז געגאַנגען אַ געפאַנגענער צווישן די וועכטער, הינטערן טויער פון די שופרות. עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג. די זון האָט זיך אַראָפּ־

געלאָזט צום אויסבויג פון טאָל, און גאָט האָט מיט זיין גנאָד אויסגעשפּרייט דעם שאָטן פון דעם, וואָס האָט געקאָנט זען די לויטערקייט פון הימל און די פאַרדאַרבנקייט אויף דער ערד. און זיין שאָטן האָט זיך געצויגן אָן א סוף איבער דעם שטיינערנעם וועג, און דאָס איז געווען א צייכן, אז די צאָרנדיקע רייד פון דעם הייליקן מאַן וועלן בלייבן אין די אויערן פון פאָלק לאנג נאָך דעם ווי דאָס געדעכעניש פון די פאַלשע נביאים וועט אָפּגעמעקט ווערן.

ג

אחאב איז געגאנגען איבערציילן זיינע הויפטלייט און זיינע לאנדפירשטן, און מלכיאל בן רם איז אוועק קיין דמשק רעדן צו בן הדד'ן. א גרויסן פרייז האט ער געהאט גרייט פאר דעם הערשער פון ארם. ער איז אנגעקומען אין זיין פאלאץ פאר האלבער נאכט און די וועכטער האבן אים דורכגעלאזט דורך אלע טירן. בן הדד אליין האט נאך פריער באפוילן אריינצופירן צו אים איט־לעכן שליח און איטלעכן הענדלער און איטלעכן קעמל־טרייבער, וואס קומט פון די וועגן פון שומרון, ווייל געהערט האט ער, אז דער מלך פון ישראל אליין גייט ארויספירן זיין חייל אויף רמות־גלעד. קאלטע ווינטן האבן געבלאזן פון די בערג אמנה און שניר, אבער דאס בלוט אין בן הדד'ן האט געבריט הייסער פון דעם פייער אין בויך פון דעם קופערנעם מולך אין זיין טעמפל. זאלן מיר אזוי העלפן די געטער, אז פרידן האב איך היינט געוואלט מיט ישראל! —האט ער געזאגט צו זיין הויפטמאן חזאל— אויב אבער א מלחמה וויל אחאב, וועלן מיי־נע רייטער ווארפן די פיילן נישט אויף זיינע קריגער, נאר אויפן קאפ פון דעם מלך.

ער האט מיט א טאג פריער גערופן זיין ערשטן צינזהאר תופל, און זיינע פירשטן און באפוילן איינצומאנען, ביים זונאויפגאנג, פיר הונדערט צענטער שקלים גאלד, און פון די רייכע, וואס האבן אנגעקויפט רויב אין קריג, האט ער געהייסן נעמען צינז צען שקלים פון יעדן קאפ. אויך די הענדלער איף די מערק און די קעמל־טרייבער פון מדבר האט ער נישט געשוינט. ווער נאר עס איז דורכגעגאנגען זיין לאנד, האט געמוזט צאלן פון זיין פארמעגן צום אוצר פון מלך.

תופל, דער צינזהאר, איז געווען נאך גרוויזאמער ווי עס האט פארלאנגט פון אים דער הערשער. ער האט צוגענומען די פערד און די מוילאייזלען און די אקסן ביי די לאנדבאזיצער. ער האט פארקויפט דאס פארמעגן פון איטלעכן סוחר, וואס האט באהאלטן זיינע רייכטימער. ער האט איינגעטיילט פייל און

בויגן צו די ווילדע בארג־פעכטער און אָנגעטאָן וואָפנקליידער אויף די רייטער פון די ווײסטענישן און געצאָלט זיי פּאָרוים מיט זילבער. אזוי שטארק האָט ער געוואָלט מאכן דאָס חייל פאר דער מלחמה פון מאָרגן, אז ער האָט געדונגען די פּארטריבענע שווערדן־טרעגער, וואָס האָבן געדינט צו אַשור.

ווען מלכיאל בן רם האָט זיך געשטעלט פאר בן הדד'ן, האָבן זיינע שארפע, גלוסטיקע ציין געלאכט. ווידער האָט ער דאָס מאָל געטראָגן דעם רויטן מאנטל, באמאָלן מיט קייטן און שארבנס. זיין בליק איז געווען שטאָלץ, אָבער זיין מויל האָט געשוויגן. דער אָרמי איז געווען שטרענג און געוואוסט אז דער קנעכט־הענדלער ברענגט אים א סוד פון דעם שונאס לאגער, און ער האָט ארויסגעשיקט אַלע קנעכט פון פאר זיך. פון זיין אויסגעבעטן זיצאָרט האָט בן הדד זיך אריבערגעבויגן צו אים. דאָס שנירל־באָרד האָט אָנגערירט די גיל־דערנע קייט, וואָס אויף זיין האלדז. דאָס זאמטע לייב איז געווען איינגעוויקלט אין גראָבן וואָל. צוקאָפּנס האָט געברענט אן אייללאָמפּ. ביי זיין רעכטער האנט האָט געריינערט א פאן קטורת. דער קעניג און דער הענדלער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט בליקן, וואָס זענען הילכיקער פון רייד. בן הדד האָט גע־פרעגט:

— וואו וועסטו דאָס מאָל טרייבן די געפאנגענע, צו צפון אָדער צו דרום?

מלכיאל האָט פלינק געענטפערט:

— צו צפון, צום לאנד פון אָרם.

ביי בן הדד'ן האָט די הויט אויפגעפלאמט און שנירלעך בלוט זענען אָנ־געלאָפן אין די שמאָלע אויגן, אָבער ער האָט דערשטיקט זיין כעס.

— מלכיאל, —האָט ער מיט א הייסן אָטעם גערעדט,— איך האָב צוליב דיר ארויסגעשיקט די הענדלער און די קנעכט. זאָלן מיר די געטער אזוי העלפן ווי דו קאָנסט צו מיר היינט רעדן פון גוטס ביז שלעכטס. אָבער וואָרע רייד וויל איך הערן! וואָס איז דיין סוד?

— איך האָב נישט קיין סוד.

— רמות־גלעד איז נאָך נישט באלאגערט, —האָט בן הדד געזאָגט,— ישראל האָט די מלחמה נישט אָנגעהויבן, און דו האָסט שוין געברענגט דעם נצחון צו מיינע פיס.

— דעם נצחון וועלן ברענגען דיינע קריגער. איך האָב אָנגעגרייט גאָלד און קייטן פאר דיינע געפאנגענע. איך וויל א צוזאָג, אויסצוקויפן אַלע געפאנ־גענע און איינצוּמאָנען אַלע צינזן.

בן הדד איז אראָפּ פון זיין זיצאָרט. א צערודערטער האָט ער געשפּרייזט איבער דער קאמער.

— מלכיאל בן רם! אַלע טעג טרעפן מיר זיך צווישן שווערדן און פיילן,

אָבער קיינמאָל האָסטו נישט גרייט דיין גאָלד איידער דו וואַרטסט צו זען ווער עס איז דער שטאַרקערער פון די מלכים. פאַרוואָס ביזטו היינט גרייט פריער אָפּצוקויפן די שקלאַפן פון ארם? האָסטו געמאָסטן די שטאַרקייט פון אחאב׳ס חייל?

מלכיאל׳ס מויל האָט זיך פאַרקנייטשט ווי פאַר א געלעכטער.

— קעניג פון ארם, —האָט ער געפרעגט,— האָב איך דיר דען נישט אמאָל געזאָגט, אז איך מעסט נישט די גבורה פון מלכים, נאָר איך ציי̇ל זייערע שקלאַפן?

ביי דער מלחמה פון אפק האָסטו דאָס מיר געזאָגט, און איך האָב דיר געענטפערט, אז דו ביזט הארט ווי דיינע קייטן. און היינט איז דיין צונג ווי א פעלז ווען דיין הארץ דאַרף זיין אָפן. עפן די טיר, מלכיאל און זע: די צען רייכסטע אויפקויפער פון ציגזן אין דמשק וואַרטן הינטער מיין קאַמער, איך זאָל זיי צוזאָגן דעם רויב פון קריג. זיי זענען געטריי מיין קרוין און זיי קויפן שווערדן פאַר מיין חייל, און דו, א ברודער פון אחאב, בלוט פון זיין בלוט, קומסט היינט פון שומרון, די שטאָט פון מיין שונא. אויב געווינען וועל איך די מלחמה, פאַרוואָס זאָל איך די פרוכט פון נצחון פאַר דיר אָנגרייטן?

— איך ברענג דיר א הויכן פרייז.

— א פרייז?

— איך קאָן דיר געבן א פרייז, וואָס קיין ציגזהאַר אין לאַנד און קיין שלאַכטמאַן אין מלחמה האָט נאָך אזוינס נישט געהערט.

— ווי גרויס איז דער פרייז?

אצינד האָט מלכיאל געוואוסט, אז ער האָט ביים ארמי געוואונען. בן הדד איז נישט גרייט פאַר מלחמה. ער ווייס נישט ווי שטאַרק עס איז זיין מאַכט. דער פחד פאַר אחאב׳ס אָרעם איז ביי אים גרויס, ווייל ער האָט נישט געהערט פון דער באַגעגעניש פון די מלכים ביים שייער אין שומרון און ער ווייס נישט, אז דער נביא האָט דעם מלך פאַרשאָלטן. ביי בן הדד׳ס פיס ליגן דריי קעניגרייכן: פדן־ארם, חמת און דמשק, אָבער זיינע געדערים האָבן זיך איבערגעדרייט פון מורא. אָנשטאָט שטאָלץ טראָגט ער הכנעה. מיט לוסטיקע אויגן האָט מלכיאל זיך ארומגעקוקט איבער דער קאַמער. אויפן ווינקלטיש איז געשטאַנען א גאָלדענע קרוג מיט וויין. ער האָט מיט חוצפה אָנגעגאָסן א בעכער. דער אַרמי האָט אים נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט איינגענעצט די ליפּן, אָבער דער הערשער האָט געשוויגן. בן הדד איז נישט געווען דערצאָרנט, נאָר צערודערט. ער האָט נאָכגעקוקט יעדן קער און ווענד פון זיין גאַסט.

נאָכן ערשטן טרונק וויין האָבן מלכיאל׳ס ליפּן געברייט. ער האָט מיט די פינגער געקעמט די שנורן באָרד און לוסטיק א זאָג געטון:

— רוף אריין די רייבע אויפקויפער, קעניג פון ארם! מלכיאל ווארט אויף זיי.

בן הדד האט נישט אראפגענומען די ברענענדיקע אויגן פון אים. וואס איז געשען צו דעם הענדלער? —האט ער זיך געפרעגט— ער טראגט די סודות אין גארטל ווי א חלפן זיינע איידלשטיינער. איז דער גייציקער מאן געווארן ווי איינער פון די הייליקע אין ישראל, א האר פון זיין ווילן און א קנעכט צו זיין הארץ?

מלכיאל האט זיך דערנענטערט מיט דעם בעכער אין האנט און פריילעך געזאגט:

— קיין בונד מיט ארם האב איך נאך נישט געחתמעט, אבער דעם קעניגס ווייז האב איך שוין געטרונקען.

און ער האט העכער אויפגעהויבן דעם בעכער:

— פאר דעם וויין וועל איך מארגן באצאלן, מלך!

— מארגן קאן איך זיין טויט, —האט בן הדד געזאגט, און האלב טרויעריק, האלב שפאטיש געקוקט אויף מלכיאל'ן.

— אויב טויט וועט זיין דער מלך, וועל איך אריינלייגן די שקלים אין זיין ארון. אן ערלעכער מאן איז מלכיאל! — האט דער הענדלער זיך צעלאכט.

און ער האט אויסגעטרונקען דעם וויין ביזן לעצטן טראפן. אויך בן הדד'ס געמיט איז געווארן מונטער. ער האט באפוילן דעם טיר-וועכטער אריינצופירן דאס הייפל רייבע אויפקויפער. זיי זענען געווען אנגעטאן אין מאנטלען פון ציגנהאר מיט זילבערנע גארטלען. זיי זענען געווען אן בערד און געהאט נאקעטע שארבנס ווי יעוונוכן. עס איז זיי נאכגעגאנגען דער אלטער אחימן, דער ארעמסטער צווישן זיי, וואס האט גערייניקט מיט זיין מויל די ערד פאר דעם קעניגס פיס. ער האט א געבויגענער גערוימט א וועג פארוים פאר דעם אנגעזעענסטן צינזהאר תופל, דעם געטרייעסטן צום קעניג, וואס שפעט פון די געמער.

תופל האט אפגעמאסטן מלכיאל'ן מיט א בליק פון פאראכטונג. ער איז געווען ברייט און געוויקסיק מיט גלאנציקע באקן. זיינע פיס זענען געווען איינגעוויקלט אין לייענטיכער, אזוי ווי די פיס פון א באלזאמירטער מומיע פון מצרים. זיין בויך איז געווען אנגעבלאזן אונטער דעם לייבגארטל. אין דעם רעכטן גאלדענעם אויערינג איז געזעסן א בלויער שטיין. ער האט געהאט א נאז ווי א שנאבל פון א רויבפויגל. ווען ער האט געאטעמט האבן די גראבע ליפן אונטערגעפייפט.

מלכיאל האט געקענט דעם חוצפהדיקן צינזהאר וואס האט אפן געשאלטן די געצן. צום קעניגס הויז האט ער זיך געלאזט ברענגען אין א טראגבעט, ביים איינמאנען צינזן האבן אים באגלייט דריי הונדערט פיילנשיסער. ער

האָט ליב געהאַט יאַגד אויף פוקסן.. צוליב די פוקסן האָט ער פאַרסמט זיין שוועסטער און ארויסגעטריבן אַלע ווייבער פון זיין פאָטערס האַרעם. ער איז געווען פול מיט תאוותם, אָבער קיין לוסטווייבער האָט ער נישט אָנגערירט. ער האָט אָנגערייצט די קנעכט זיי זאָלן זיך ראַנגלען ביז בלוט און איינגעקויפט כישוף־שטיינער, וואָס פאַרבלענדן די אויגן. איין געטריישאַפט האָט ער גע־היטן — צום קעניג פון אַרם. זיינע גדולהגנענע שיף־טרייבער האָבן פאַר אים אויסגעגראָבן זילבערשטויב אויף די ווייטע אינדזלען און ער האָט דאָס אוועק־געפירט צו פרעמדע מלכים. פאַר דעם געלט האָט ער געקויפט רייטוועגענער און שפיזן און דאָס געשטעלט צו דינסט פון בן הדד'ן.

די אויפקויפער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א האַלבן ראָד ארום בן הדד'ן. מלכיאל איז געשטאַנען אין דערמיט, קאַלט ווי אייז און שלוי ווי א פוקס. דער הערשער פון אַרם איז ארומגעגאַנגען די הענדלער און געקוקט אויף זייערע שווערע בייטלען, וואָס זענען געהאַנגען אויף די גאַרטלען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איר אַלע שטייט היינט פאַר מיר ווי רויבפייגל פאַר א פעלד מיט פגרים. מאָרגן וועלן מיר אין מלחמה ארויסגיין. איר זייט די רייכסטע הענד־לער אין מיין קעניגרייך. אייערע בייטלען זענען פול און אייערע הענט אָפן. אָבער ווי בעטלער זייט איר אַלע אַצינד פאַר מלכיאל, דעם הענדלער פון ישראל. ער האָט מיר פאָרויס געבראַנגט דעם נצחון און ער גיט מיר מער גאָלד פאַר די געפאַנגענע און פאַר די ציגן ווי איר אַלע אינאיינעם. ווער פון אייך קאָן אַצינד זאָגן: א גלייכער בין איך מיט אים!

צעטומלט האָבן די הענדלער זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. דער ער־שטער האָט זיך ארויסגעשטעלט תופל. ער האָט געקוקט אויף מלכיאל'ן מיט זיינע פלאַמענדיקע אויגן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אז אין דער וועלט פון קייטן און טרערן איז ער דער הערשער, און אויב מען זאָל פאַרלאַנגען לייטן פאַר אַלע פעלקער אין מזרח, וועט זיין בייטל זיי אויפקויפן. ער האָט באַזאָכט זיך דער־נענטערט צו מלכיאל'ן.

— דו ביזט געפערלעך, — האָט ער געזאָגט, — און דו ביזט פון די, וואָס זאָגן ווינציקער ווי זיי זענען גרייט צו טון. וואָסערע באַטרוג האָסטו געטון צום מלך, אז ער גלויבט אז דו ביזט רייכער פון אַלע צינזהאַרן פון אַרם?

מלכיאל האָט געשוויגן, אָבער זיין בליק האָט זיך נישט אונטערגעגעבן צו די מאָנענדיקע אויגן. תופל האָט זיך א קער געטון צו בן הדד'ן.

— צו־אַרעם איז דער ארומשלעפער פון ישראל אָפצוקייפן דעם רויב פון מאָרגן, — האָט ער בייז געזאָגט, — שיק אים צוריק אין זיין לאַנד!

אָבער בן הדד האָט זיך צעלאַכט.

— א הענדלער פון קנעכט איז א האר אין אלע לענדער.

מלכיאל בן רם האט געמוזט וואוילגעפעלן אין בן הדד׳ס אויגן. ווארום באלד האט ער נאך געזאגט:

— א צינזהאר, וואס ברענגט מיר פארויס דעם נצחון, איז א גוטער גאסט אונטער מיין דאך און מיינע קנעכט וועלן וואשן זיינע פיס.

פון גרויס צארן האט תופל שטומערהייט מיט ביידע הענט צעטריבן די הענדלער פון פארן קעניג און אליין געשפרייזט הין און צוריק איבער דער קאמער. דער אלטער אחימן, האט א געבויגענער זיך געאיילט פארויס צו רוימען א וועג פאר דעם שטאלצן מאן, אבער ער איז שיער נישט צעטראטן געווארן, ווייל קיינער האט אים אצינד נישט באדארפט. שטויב איז ער געוועזן אונטער אלעמענס פיס. תופל האט אנגעקוקט בן הדד׳ן מיט א שטרענגן בליק.

— שטארק זיך, קעניג פון ארם! —האט ער געזאגט.— אין דעם בוזים פון א פרוי ביזטו א שוואכער לאם. דיינע באשווערער קאנען דיך אפנארן און פאר אן ארומשלעפער מיט א פלינקער צונג ביזטו א לייכטער פאנג. פון דעם היינטיקן טאג הער אויף צו קניען פאר דיינע געטער, וואס האבן דיך ווייך געמאכט ווי א שעפס, ווייל עס קימערט זיי נישט די שטילע רייד און טרערן פון פארשעמטע מלכים. איך האב מורא אצינד צו פארלאזן דיין קאמער, ווארום מלכיאל וועט דיך נאך מאכן וויינען ווי א יעוונוך. צי שעמט זיך נישט דער האר פון דמשק צו בוקן זיך פאר א הענדלער פון ישראל?

תופל׳ס הארץ איז געווען פול מיט באגערן נאך נקמה און שטראף פאר דעם, וואס האט זיך אריינגעריסן פון דער פרעמד און אפגעטון כישוף צו זיין מלך, דעם הערשער פון דריי קעניגרייכן. א, פארוואס איז מלכיאל נישט איינער פון די פוקסן ביי זיינע יאגדן? מיט געמאסטענע טריט האט ער זיך גערדרייט ארום מלכיאל׳ן איין מאל און א צווייט מאל און געשניפט מיט די נאזלעכער ווי א חיה, וואס דער קרבן איז פאר אים צו־גרויס צו פארצוקן. ער האט געברומט:

— מויערן פאלן־איין אין די שלאכטן, פעסטונגען ברעכן זיך, אבער הענדלער און צינזהארן בלייבן אייביק. ביי וויפל מלחמות האבן מיר זיך געטראפן, מלכיאל בן רם, און דו קענסט מיך אזוי ווינציק! די רייכסטע איילהענדלער זענען ביי מיר ווי גערדונגענע יונגען און די וואס פארמאגן פולע שייערן מיט ווייץ, זענען מיינע פארשולדיקטע. פריסטער און ראטגעבער קומען צו מיר לייען זילבער, אבער איך בין פון זיי אלע נישט גענוג קלוג געווארן צו וויסן פריער ווער איז דער מלך וואס געווינט די מלחמה. און דא, אין דער רו־קאמער פון דעם הערשער פון ארם זאג איך צו־דיר אצינד: ווען דו זאלסט אויך אנפרעגן ביי די גייסטבאשווערער און זיי זאלן נאכקוקן ווי עס וויקלען זיך די שלאנגען

ארום דיביימער אין לבנה־נעכט און זיי זאָלן לייענען די שטערן אין הימל און זיי זאָלן בלאָזן אויף די וועלן פון ים, וועסטו פון זיי נישט קאָנען הערן פריער אין וועמענס הענט עס ווערט איבערגעגעבן דאָס געשלאָגענע חייל.

ביי בן הדד'ן האָבן די אויגן געבליצט. א לוסט האָט אין אים זיך געוועקט, אז די צוויי שטארקע זאָלן אָנהייבן א געפעכט. תופל האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף די צעטומלטע הענדלער הינטער אים. ער האָט זיי מער גאָרנישט געדארפט פרעגן. אונטערטעניק צו זיין בליק זענען זיי געווען. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו בן הדד'ן.

— קעניג פון אָרם, — האָט ער מיט א פעסט קול געזאָגט, — איך און די צינזהאָרן מיט מיר ברענגען דיר א בונד! איין מאָס, איין וואָג, איין פרייז וועלן מיר צאָלן פאר די קנעכט פון מאָרגן און פאר די צינזן און די פארנומענע שטעט, אויב זיגן וועסטו אין מלחמה און איבערגעבן אין אונ־ער האנט וועסטו דעם רויב פון נצחון. און אצינד לאָמיר זען ווי רייך א ז מלכיאל. צי קאָן דען איינער צאָלן אזוי ווי עס צאָלן צען?

— איך וועל איבערצאָלן די צען אינאיינעם און נאָך מער! — האָט מלכי־אל אויסגערופן.

די הענדלער האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן און נאָך איידער זיי האָבן אריבערגעפירט די אויגן אויף תופל'ן, האָט מלכיאל ווידער געזאָגט:

— איך וועל צאָלן דעם מלך פון אָרם דאָפּלט ווי די צען אינאיינעם אויב איבערגעבן וועט ער אין מיין האנט די קנעכט און די צינזן פון די באזיגטע שטעט.

בן הדד איז צוגעשפרונגען צום הענדלער:

— מלכיאל בן רם! גרויסע שולדן נעמסטו אויף דיינע הענט איידער דו גייסט ארויס פון מיין קאַמער.

— גיב מיר צוויי הונדערט שווערדן־טרעגער, קעניג פון אָרם, און איך וועל אין צען טעג נאָך דער שלאכט דאָס צוגעזאָגטע גאָלד לייגן צו דיינע פיס.

האָט בן הדד געלאכט מיט זיינע שארפע ציין:

— און מיט וואָס ביזטו ערב דער קרוין?

די אויפקויפער האָבן פארגאפטע געוואַרט אויף זיין ענטפער. תופל, וואָס האָט אויף איין רגע פארלוירן די זיכערקייט, האָט ווידער זיך געשטארקט, אָבער דער פארדאכט איז פון אים נישט אוועק: דער דאָזיקער מלכיאל בן רם! הינטער זיין ווייכע צונג שטעקט סם. מיט וואָס קאָן ער דען ערב זיין? וויפל נאָך שלויע ווערטער קלייבט ער אויף זיינע ליפּן? מלכיאל האָט נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיין ענטפער און מיט א הילכיק קול געזאָגט:

— מיט דעם קאָפּ פון מלך פון ישראל בין איך ערב!

ווי א דונער איז דער ענטפער געפאלן אויף די אויערן פון די צינזהאָרן און אויפקויפער און עס איז געוואָרן א גערודער צווישן זיי. תופל האָט א היכן זיפץ געטון און זיך צעלאכט מיט א ווילד געלעכטער. זיין אָנגעבלאָזענער בויך האָט זיך צעטרייסלט און זיינע באַקנביינער האָבן פון פאַרגעניגן אזוי געציטערט, אז פון די אויגן זענען גערונען טרערן. נאָר בן הדד האָט נישט געלאכט. פון זיין פּניב איז אראָפּ די רו. די האלדזבאָרד האָט זיך פאַרשפּיצט. דער ענטפער איז געווען דרייסט און מיט חניפה. מלכיאל האָט געזאָגט דעם גרויסן פּרייז און ארויסגעגעבן דעם סוד. א גזירה ווי א האַק הענגט איבער אַחאָב׳ן. אָרם וועט שלאָגן ישראל. א געשטאַרקטער האָט דער מלך זיך אָנגערופן:

— מיט דיינע ליפּן האָסטו דאָס געזאָגט, מלכיאל. אזוי זאָל זיין געשריבן! אזוי זאָל געשען!

און ער האָט באַפוילן די וועכטער זאָלן ארייינרופן די שרייבער מיט פּאַרמעטן. אין געאייל זענען זיי אָנגעקומען און געהאָרכזאַם זיך געשטעלט פאַר אים, צוויי שרייבער מיט צוויי פאַרמעטן און זיי האָבן אויסגעהערט אלץ וואָס בן הדד האָט אין זייערע אויערן גערעדט, מיט דעם קאָפּ פון קעניג פון ישראל האָט מלכיאל ערב געווען. נישט ווינציקער ווי דאָס! אזוי זאָל זיין איינגעשריבן אין פאַרמעט און ער וועט דאָס פאַרזיגלען מיט זיין זיגל און דערפאַר וועט דער איינציקער הענדלער פון ישראל אויסקויפן אלע קנעכט און אלע ציגן פון די שטעט, וואָס אָרם וועט פאַרנעמען.

ווי נאָר בן הדד איז אָפּגעטראָטן פון די פאַרמעט־שרייבער, האָט א קנעכט ארייינגעטראָגן א פייערפאַן מיט געבראָטענע טויבן, געטונקען אין זאַפראַן — דאָס באַליבטע מאכל ביים קעניג, איידער ער לייגט ארויף זיין זיגל אויף א פאַרמעט.

די צינזהאָרן זענען פאַרשעמטע ארוים. געבליבן איז תופל. ער האָט געזען ווי בן הדד האָט איינגעביסן דאָס פלייש פון דער טויב און ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן. דערנאָך האָט תופל געעפנט דאָס לינקע אויג. ברייטער, גרעסער און שפּעטער דאָס רעכטע אויג. ביידע אויגן זענען געווען הייסע קוילן און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט: א קאַרגער מלך און א פעטער שעפּס, ביידע ברענגען נוצן ערשט נאָכן טויט. און ער האָט מיט א פלוך אין הארצן זיך געלאָזט צו דער טיר.

בן הדד האָט מיט די ציין געקרישלט די ביינדעלעך פונעם פויגל און באַלעקט די ליפּן. ער האָט געוואָרפן די לוסטיקע אויגן פון מלכיאל׳ן אויף זיינע שרייבער און ווידער געמאָנט:

— דעם קאָפּ פון קעניג פון ישראל! נישט ווינציקער ווי דאָס! אזוי זאָל זיין געשריבן! אזוי זאָל געשען!

ד

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג נאָכן זונאויפֿגאַנג איז דאָס חיל פֿון ישראל געווען איינגעזאַמלט צו דער מלחמה אויף רמות־גלעד. דער מלך יהושפט האָט גערופֿן זיינע קריגסלייט פֿון יהודה, זעקס טויזנט מאַן, רייטער און פֿוסגייער. אחאָב האָט איבערגעציילט די יונגען פֿון די לאַנדפֿירשטן און די פֿעלדהאַרן אין די לויפֿערס און בויגנציער און זיי זענען צוזאַמען געווען צען טויזנט פֿוסגייער און אַכט הונדערט רייטוועגענער. דאָס גאַנצע שווערע חיל איז אָנגעקומען פֿון בית־שאָן און איז אַריבער דעם ירדן. מיט די הויפּטלייט איז אָנגעקומען איתמר בן צוער, אָבער עס איז געווען דעם מלכ׳ס קריג און ער האָט געוואָלט, אַז די מחנה זאָל רייטן הינטער אים און זיין שווערד זאָל זיין זייער פֿאָן.

ביידע מלכים האָבן אַרויסגעפֿירט דאָס חיל צופֿוסנס דעם באַרג. די פֿעסטונגשטאָט האָט געזאָלט זיין אין זייערע הענט איידער עס לעשט זיך דער טאָג, דורך איינוואַרפֿן די מויערן און צעברעכן די ריגל־טויערן און דורך די שליידער־בריקן און שפּרינג־לייטערס. דאָס ליכט אין מזרח איז ערשט אויפֿגעגאַנגען איבער דעם אָפֿענעם לאַנד, ווען אחאָב איז געשטאַנען אין זיין רייטוואָגן און געזאָגט צום חיל:

— איר וועט נישט דורכשווימען קיין וואַסער און נישט דורכגיין קיין מדבר. דריי פֿיינט וועלן שטיין פֿאַר אייך: די מויער, דער טורעם און דאָס טויער. מיט שטורעם וועט איר דעם שונא באַצווינגען און פֿון זייערע פֿעסטונגען וועט איר שטויב מאַכן, ביז די באַזיגטע וועלן זיך שטעלן אויף די קני פֿאַר אייך.

זיין רייטוואָגן איז פֿאַרביגעפֿאָרן דאָס גאַנצע חיל, וואָס האָט געלאַגערט ביים באַרג. דאָס געלויף פֿון די פֿערד איז באַגלייט געוואָרן דורך דער שאַלונג פֿון שופֿרות ביי זיינע וועכטער. אחאָב האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן לאַגער. די בויגנציער האָט ער געלויבט און אויף די רייטער מיט שפּיזן האָט ער גע־

קוקט מיט פרייליכע אויגן. ווען ער איז צוגעקומען צו די פוסגייער, האָט ער צו זיין געזאָגט:

— שאַרפט אייערע שווערדן! איר וועט זיי אין אָוונט אויפהייבן ווי פאָנען אויף רמות־גלעד!

אַחאָב׳ס פאַרלאַנג נאָך אַ געשווינדער שלאַכט האָט פאַרבייזערט איתמר׳ן צוּער׳ן. עס איז געווען די ערשטע מלחמה זינט דער מלך האָט זיך גע־שטעלט פאָרויס פאַרן חייל און פון די הויפּטלייט האָט ער געמאַכט יונגען צו באַדינען. אַזאַ כּוח האָט אין אים אויפגעוואַכט אַז ער האָט פאַרוואָרט די ראַט־געבער אויסצוקלייבן די ערשטע שלאַכטמענער איבער די רייטוועגענער און פיילנשיסער. און אויך פּקחיהו׳ן האָט ער געהייסן האַרכן און נישט באַפעלן. צו זיין זיכער, אַז קיינער וועט נישט ווידערשפּעניקן אין אים, האָט אַחאָב אויך געגעבן פאַנצערס און שפּיזן צו די געדונגענע כּותים און מואָבים, וואָס האָבן אַלע טעג געוואַרט נאָכצוגיין הינטער אַ שלאַכט פון ישראל.

איתמר האָט געהיט די געדונגענע שפּיזנטרעגער. טייל פון זיי זענען גע־ווען שיכּורים און פרעסערס. זיי האָבן מיטגעבראַכט אין דער מחנה לאָגלען ווייַן און קוכנס פון זעמלמעל און פרוכטן. די עלטערע כּותים האָבן געטראָגן קאַלירטע פייגל אויף זייערע אַקסלען און די יינגערע האָבן געפירט יונגע הירשן, לעמפּערטן און מויל־אייזלען באַלאָדן מיט זעק. הינטער זיי האָבן נאָכגעצייגן פרויען מיט זויג־קינדער, צוגעבונדן צו זייערע בריסטן און עס זענען נאָכגעלאָפן זונות, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שאַנדהייזער פון קיר־מואָב. אַזוי איז נאָכגע־גאַנגען דער אָפּפאַל פון דיבון און בית־גמול, די אַרומשלעפּער און די וואָגלער, וואָס זענען געווען די לעצטע צום געפעכט און די ערשטע צום רויב.

פון די אויסשפּירער וואָס זענען צוריקגעקומען פון עשתורת אין קרנים האָט איתמר זיך דערוואוסט, אַז שטאַרקע און שווערע מענער מיט שפּיזן און בויגנס האָט בן הדד אַרויסגעשיקט פון אַלע טיילן לאַנד, פון חמת און פון פּדן־אַרם און פון דמשק. די הונגעריקע, וואָס האָבן אין פריערדיקע מלחמות פאַרלוירן זייערע הייזער און פּאַטערס, האָבן זיך נישט געשראָקן מער פאַרן טויט. זיי האָבן פאַרלאָזט די טרינקשטיבער און די הייזער פון פאַרגעניגן און זיך גע־זאַמלט צו דער שלאַכט. חיאל, בן הדד׳ס הויפּטמאַן, האָט אַרויסגעטריבן פון געפּענגעניש די מענער, וואָס האָבן פאַרזינדיקט קעגן קעניג און זיי אָנגעטאָן ברוסטשילדן. אַזוי שטאַרק האָבן די אַרמים געוואָלט שלאָגן ישראל, אַז אויך די אָרעמע פרויען האָבן אַראָפּגענומען די קופּערנע צירונג פון זייערע הענט אין געבעטן מען זאָל דערפון שמעלצן פייל־שפּיזן.

און די אויסשפּירער האָבן נאָך דערציילט, אַז וועגענער, אָנגעלאָדן מיט יונג און אַלט האָבן פון אַלע באַרג־וועגן געצויגן, און אין אַלעמענס אויערן האָבן

געקלונגען בן הדד'ס וואָרענונג: האַלט די פעסטונגשטאָט! שפּאַרט זי אונ־טער מיט אייערע שטערנס ביז אַפגיין אין בלוט וועט איר. וואָרום דער נצחון איז מיינער!

דער לאַנדפּאַס, וואָס האָט זיך געצויגן צום אַרויפגאַנג פון רמות־גלעד, איז געווען שוואַרץ פון דעם באוואָפנטן המון. פון זיין רייטפערד האָט איתמר אַרויפגעקוקט צום באַרג. ישראל האָט גערופן די פעסטונגשטאָט: דער פּאַנ־צער ביים צפון לאַנד; די אַרמים האָבן זי גערופן: די זייל פון בשן, און די צידונים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: דער אָפּגאָט איבער די ים־שטעט. אָבער געווען איז דאָס אַ שטאָט, וואָס האָט ווי אַ מולך אין אַלע טעג פאַרצערט אירע קרבנות. אַצינד גייען אַרויס צוויי פעלקער מלחמה האַלטן פאַר איר באַזיץ. איינער וועט פאַלן, אַ צווייטער וועט זיגן. און איתמר איז געווען באַזאָרגט וואָס אחאב האָט נאָך נישט גענוג געשטאַרקט זיין חייל נאָך דער מלחמה מיט שלמנאַסר. גאָט פון צבאות, — האָט ער אוים באַוואָרעניש געזאָגט, — אויב איך בין געקומען ביז אהער באַדינען דעם מלך, טו איך דאָס פון דיינעטוועגן און פאַר שומרון, און עס וואָלט געווען אומרעכט, אַז די קריגער פון ישראל זאָלן ליידן דערפאַר.

איידער יהושפט איז אַרויס אין שלאַכט, האָט ער זיך געוואָלט ריייניקן פאַר גאָט. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אָנקומען אין שומרון איז ער אויפגעשטאַנען ביים זונאויפגאַנג, און אַ וועכטער אין פּאַלאַץ האָט אים שטילערהייט אַרויס־געפירט הינטערן גרויסן גאָרטן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ באַרג מיט אַ זונזייל און אַראָפּקוקנדיק אין טאָל האָט ער געזען מויערן, געבויט אויף ווייסע און ברוינע פעלזן. די גאַנצע שטאָט איז געלעגן צעוואָרפן אין אַראָפּלאָז, פאַרגלי־ווערט אונטערן ראַזען שיין פון אויפגייענדיקן טאָג. שומרון איז געווען איינ־געוויקלט אין פעסטונגען, בריקן, וויינשטאָקן און לוסטגאָרטנס. דער טוי האָט אָנגעטרונקען די ערד און די גרודעס זענען ווייך געווען ווי נאָך אַ שפּריי רעגן. די טייכן זענען פול געווען און די שפּראָצונגען האָבן געבוירן זאָמען. אין דעם שטילן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון דרום, האָט יהושפט דערהערט דעם געט־לעכן אָטעם און אַ געריר־טער האָט ער אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צום הימל.

— ווי פאַרכטיק איז דיין ווערק, גאָט! — האָט ער געזאָגט, — דו, וואָס באַפעסטיקסט די בערג מיט דיין קראַפט און שטילסט־איין דעם געברום פון די ימען און באַרואיקסט דאָס גערודער פון פעלקער. גיב איבער דעם שונא אין אונדזער האַנט! פון ירושלים דיין שטאָט בין איך געקומען קריגן אין דעם גערעכטן קריג, וואָרום ווי צוויי ברידער זענען היינט די מלכים פון יהודה און ישראל און ווי איין המון זענען ביידע פעלקער. פון דיין כבוד וועגן, אָ, גאָט, זאָלן ווי רויך צעטריבן ווערן די אַרמים און ווי וואַקס זאָלן זיי צעגיין פאַר

דיין פייער. און נאָך דעם נצחון וועל איך ארויפקומען אין דיין הויז מיט בראנדאָפפערס. איך וועל דיר באצאָלן די נדרים, וואָס מיינע ליפּן האָבן צוגעזאָגט אין די טעג פון מיין נויט. פעטע קעלבער וועל איך דיר אויפברענגען מיט דעמפונג פון ווידערס. און מיט פאַרכט וועט ירושלים דערציילן פון דיינע מעשים פאר די אנגסטיקע פעלקער פון דער וועלט!

אויפן פינפטן באגינען זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די ערדוואלן און די שליידער־ווענט. די מענער מיט בויגנס זענען ארויפגעקראָכן אויף די היגלען און די פוסגייער האָבן געלאגערט הינטער די רייטוועגענער. וואסער־גראָבנס זענען דורכגעצויגן געוואָרן דורך די איילבירטן־וועלדער. פייגל האָבן געפלאָטערט אונטערן הימל און פראָשן זענען געשפּרונגען אין די זומפּן. די בלויע בערג האָבן אויפגעהויבן זייערע טורעם־קעפּ הינטער די ווייטע פּאלמען־ביימער.

אין יענער שעה האָבן קנעכט אריינגעטראָגן אין לאגער יהושפט׳ן אין אן אפריון מיט פורפור־פאָרהאנגען. מיט גיכע טענצלדיקע טריט זענען די טרעגער ארומגעגאנגען די געצעלטן און בוידן און אויסגעמיטן די וועגענער אין געשפּאנטע חיות און בהמות. ווען דעם מלכ׳ס הייבשטול האָט זיך אונטערגעטרייסלט איבער די שטרויכלונגען אין דער ענגשאפט, האָט א האנט מיט א גאָלדענער געלענק־רייף פון אינעווייניק פונאנדערגעוויקלט די פאָרהאנגען און די צאַרנדיקע שטים פון דעם קעניגס באגלייטער האָט אָנגעוויזן אויף וועלכן וועג די קנעכט זאָלן זיך פארקערעווען.

דער הייבשטול האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די וועגענער מיט הויפנס שפּיזן. די פאָרהאנגען האָבן זיך געעפנט און דאָס חייל האָט דערזען אראָפּגיין פון ווייכע געוואנטן דעם קעניג פון יהודה. ער האָט אויסגעזען ווי נאָך א נצחון. זיינע האָר הינטערן קופּערנעם קיווער זענען געווען באדעקט מיט גאָלדשטויב און די באָרד האָט געגלאנצט פון פרישן זאלב. אונטערן פּאנצער, ביים גארטל, איז אראָפּגעהאנגען א לאנגע שווערד.

עס איז אים אקעגנגעגאנגען אחאב. דער קעניגלעכער מאנטל האָט איינגעוויקלט זיין הויכן גוף ביז צום האלדז. דער גלאנציקער קיווער האָט געלויכטן קעגן דעם בלאסן פייער פון דער זון. זיין באָרד האָט גערוט אויף דער גאָלדענער נאקנשנור. די שטים איז געווען מונטער, ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האנט צו די טורעמס פון רמות־גלעד און געזאָגט:

— די דאָזיקע שטארקע מויערן וועלן היינט זיין שטויב אונטער אונדזערע פיס. אָבער ווי עס לעבט גאָט, איך האָב געוואָלט צוריקנעמען מיין פעסטונגשטאָט א גאנצע.

ער האָט לאנג געקוקט אויף די צוויי גרויסע מחנות, וואָס האָבן געלאגערט צופוסנס דעם בארג.

— דו זאָלסט זאָגן, יהושפט, צו דיינע הויפטלייט, — האָט ער גערעדט — ווי איך האָב געזאָגט צו מיינע: איר זאָלט נישט שאָלן און נישט לאָזן הערן אייער קול, ביז די מלכים אליין וועלן אייך נישט באפעלן: שאַלט!

און דערנאָך האָט ער ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף יהושפט'ס אקסל און ווידער געזאָגט:

— גיי אריין אין מלחמה אין דיינע קליידער וואָס דו טראָגסט. אָבער איך וועל זיך איבערטאָן און אריינקומען אין מלחמה ווי א פּראָסטער קריגער.

האָט יהושפט דערזען שרעק און שטאַרקייט אין אחאָב'ס אויגן. שרעק פאַר זיין קאָפּ און א שטאַרקייט צוריקצונעמען רמות־גלעד, אפילו פאַר דעם פּרייז פון טויט פון זיין גאַנצן חייל. און ווי אחאָב איז אריין אין בײדל זיך איבערטאָן, האָט דער מלך פון יהודה געהייסן אוועקטראָגן זיין הייבשטול, און א קנעכט האָט גיך אראָפּגעריסן די קרישטאָלענע קייטן און גירלאַנדעס פון פּערל, וואָס האָבן זיך געוויגט איבער די פאַרצויגענע פאַרהאַנגען, און דער אַפּריון איז פאַרשוואונדן. א רייטוואָגן איז צוגעפאָרן און אריינגענומען יהושפט'ן.

באַלד דערנאָך האָט א צווייטער רייטוואָגן אריינגעפירט אחאָב'ן אין דער מחנה קריגער. ער איז געווען אָנגעטאָן אזוי ווי איינער פון די פיילנשיסער. א ברוסטשילד און אן אונטערפאַנצער האָבן באַדעקט זיין לייב און א קופּערנער קיווער איז געווען אויף זיין קאָפּ. נאָר דער אָנטרייבער נעבן אים האָט גע־וואוסט ווי טייער עס איז דער קאָפּ פון דעם מאַן אין זיין רייטוואָגן און ער האָט געהאַלטן זיין בויגן אים צו שיצן.

אין טאָל האָט איתמר ארויסגעפירט פינף טויזנט מאַן פוסגייער צו דער שטריקן־בריק, וואָס איז געווען אריבערגעוואָרפן פון די וואַסער־גראָבנס צום באַרג־ארויפגאַנג. פיר טורעמס זענען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן און שמאָ־לע וועגעלעך זענען ווי קאַרבן געווען איינגעשניטן ארום באַרג, באַפעסטיקט פון ביידע זייטן מיט צעקרישלטע שטיינער. הויפנס צווייגן האָבן געיואָרט מען זאָל זיי אָנצינדן ווי א פייער־צייכן און א באַוואָרעניש קעגן די אַרמים, אויב אראָפּנידערן זאָלן זיי און ארומרינגלען דאָס הינטערלאַנד.

מיט וואַכע אויגן האָט איתמר ארויפגעקוקט צו דער פעסטונגשטאָט. צו שטורעמען רמות־גלעד האָט דער המון געמוזט איינגעמען די פעלזן־גראָבנס און אריבערשפּרינגען די ערשטע ווענט, באַדעקט מיט גראָזערד און דערנאָך ארויפקלעטערן אויף די מויערן צוואַנציק איילן הויך, געבויט פון געשליפענע שטיינער, וואָס הינטער זיי זענען געווען שטאַלן פון פערד און לאַסט־חיות, גע־שפּאַן און וואָפן און שייערן פון ווייץ. איבער די שייערן האָבן ווידער זיך גע־הויבן שוץ־ווענט און וואַך־טורעמס, באַהאַנגען מיט פאַנצערס און שילדן און

די קעניגין איזבל

צופוסנס, אין א פארזיגלטער קאמער, איז געזעסן דער גרויזאמער בן הדד, איינמאל קאלט ווי אייז און אן אנדער מאל היציק ווי וואקס אויפן פייער.

איתמר האט אויסגעמאסטן די שטאט ווי זי וואלט געלעגן אויף זיין האנט־פלאך. צופוסנס פון די פעסטונגען האבן זיך געצויגן די העכסטע פירעקיקע הייזער פון די באוואוינער, אויסגעשטעלט אין רייען ווי מעכטיקע שטיינערנע קריגער. די ווענט זענען געווען געבויט פון געהאקטע פעלזן, פון ברעטער און ראר־שטעקעלעך. די איילבירטן־וועלדלעך, וואס האבן זיך געצויגן ווי גרינע טייכן דורך די גאסן, האבן זיך געוויקלט אזוי ווי שלאנגען ארום די טעמפלען און זונזיילן, וואס דא זענען זיי געווען באדעקט מיט קופאלן פון רויטן בראנז און דארט מיט באלקנס פון ווייסן מירמלשטיין. געפאנצערט ווי אין דער שאל פון א שילדקרעט, אזוי איז געשטאנען רמות־גלעד פאר די אויגן פון דעם חייל, וואס האט זי געזאלט איינגעמען.

די מורא פאר אן ארומרינגלונג האט געברענט אין איתמר׳ס הארץ. פון קאפ ביז פוס איז ער געווען באדעקט מיט קופער און כלי־זין, אבער דאס הארץ איז געבליבן אפגעדעקט פאר דעם פחד. דער מלך האט געוואלט א געשווינדן נצחון, אבער ער האט פארגעסן אויסצומעסטן דעם ים בלוט, וואס דער זיג וועט קאסטן. איתמר האט גערופן בוקיהו בן ישעיה, דעם הויפטמאן איבערן חייל פון יהודה, און צו אים געזאגט:

— נעמען וועלן מיר רמות־גלעד, אויב בלייבן וועט דעם שונאס גאנצע חייל הינטער די ווענט. מיר וועלן פאלן, אויב זיי וועלן אראפנידערן פון בארג.

ער האט אנגעקוקט בוקיהו׳ן מיט א שווערן, אומזיכערן בליק. יהושפט׳ס הויפטמאן איז אזוי ווי ער, געווען אנגעטאן אין א ברוסטשילד, א פאנצער און א שווערד. אבער ער איז געווען יונג. זיין גוף אויסגעשטרעקט און זיינע אויגן אן מורא.

— גיי און ברענג דיינע פלינקע רייטוועגענער. איך וועל ברענגען מיינע, — האט איתמר געזאגט. — און געדענק בוקיהו, מיר זענען פארלענדט, אויב די ארמים באפאלן אונדז פון הינטן. אין א געשלאסענעם רינג מוזן מיר האלטן דעם גרויסן בארג! דו זאלסט אזוי ווארענען די בויגנציער און האלטן גרייט די שפיזן־ווארפער!

אבער דער יונגער שלאכטמאן האט אומדערשראקן געקוקט אויף איתמר׳ן און געענטפערט:

— דו ביזט א דרייסטער קריגסמאן, איתמר בן צוער. דיין נאמען גייט פארויס פאר דיר אין פרעמדע לענדער. פון דיינע נצחונות ווייסן די קריגסלייט פון ירושלים ביז מצפה. און איך בין ווי א ווארעם פון מיסט, וואס איז אויפ־געהויבן געווארן דורך מיין מלך צו פירן דאס חייל אין דער היינטיקער שלאכט.

ביז נעכטן האב איך געהיט דאס טויער פון אדום, אז זי זאל נישט ווידערשפע־ניקן. היינט בין איך א הויפטמאן קעגן ארם הינטער רמות־גלעד. יהוה האט מיך געבענטשט און דער קעניג האט מיר געטרויעט און דער פיינט פון ישראל איז דער פיינט פון יהודה. פארוואס זאל איך נישט לאזן פאלן א טייל פון מיין חייל פאר דעם נצחון פון ירושלים און פארן כבוד פון מיין מלך?

בוקיהו'ס רייד זענען געווען צו־דרייסט אנטקעגן דער סכנה. איתמר האט געזאגט:

— דו האסט ליב דיין מלך, בוקיהו. אבער מלכים בלייבן ביי זייערע קרוינען נאר ווען זייער חייל בלייבט לעבן.

— אין אלע טעג ווערן געבוירן קריגער. א קעניג קומט בלויז איינמאל אין א דור.

און בוקיהו איז א שטאלצער אפגעגאנגען צו זיין רייטוואגן. איתמר האט אים נאכגעקוקט.

— דו שפרייזט ווי א פרינץ און דו רעדסט ווי א שלאכטמאן, — האט ער צו אים געזאגט. — זע, אז דיין ארעם זאל זיין אזוי ווי דיין צונג.

בוקיהו'ס רייטוועגענער זענען אנגעקומען מיט דעם גערויש פון דונערן. די רעדער האבן אויפגעהויבן זיילן שטויב און די פערד האבן אין געלויף געהיר־זשעט אזוי גרויזאם ווי די געשרייען פון שאקאלן אין דער נאכט. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט ארום בארג, און איתמר, וואס האט געוואלט שליסן דעם אייזערנעם רינג, האט גערופן הינטער די רייטוועגענער דאס געדונגענע חייל מיט זייערע פיילן און צעקרישלטע שטיינער אין בלאטע. זיי האבן גערעדט פרעמדע שפראכן און נישט געטראגן קיין ברוסטשילדן. די מואבים האבן געהאט פלאנצן אויסגעמאלן אויף זייערע לייבער און טייל פון די כותים זענען געווען אנגעטאן אין פרויען־קליידער מיט רייפנבענדער אויף די ארעמס. זיי האבן געגראבן אויסהוילן אין דער ערד און אנגעשטאפט זייערע מיילער מיט געבראטענע פליישן. די הונגעריקע, וואס האבן פארשפעטיקט צו רייסן שטיקער פון די שעפסן, האבן געשאלטן די זאטע מיט מוראדיקע קללות.

און ווי די קריגער זענען געלעגן אויף די בייכער און געווארט אויף דער שאלונג פון די חצוצרות און אויפן געבעט צו גאט פון די חיילות, האט פלוצים א ווילד גערויש, ווי דאס געיאמער פון טויזנטער קלאגווייבער זיך אויפגעהויבן אויפן שפיץ בארג, און נאכן גערויש איז א וואלקן שטויב אויפגעגאנגען און איינגעהילט א גרויסן המון ארמים, וואס האט זיך גערוקט צום אראפלאז. טונ־קעלער פון א היישעריק און ראשיקער פון א מחנה רויבפייגל האט דער המון זיך אראפגעלאזט דורך די געדרייטע וועגן. זיי זענען געקומען מיט אנגעצויגע־נע בויגנס, מיט בראנדהעלצער און מיט קופערנע שפיזן. זיי זענען געווען

אזויפיל אין צאָל, אז ישראלס רייטוועגענער האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּשטעלן און די שווערדן־פעכטער האָבן נישט געקאָנט פארהאַלטן זייער געלויף. די ערשטע, וואָס זענען געפאלן דורך שפּיזן און צעטראָטן געוואָרן דורך רייטוועגענער, האָבן אויסגעלייגט א בריק פאר די, וואָס זענען געקומען הינטער זיי און געוואָרפן די בראַנדהעלצער אויף די ערשטע ביידלעך פון די לאַנדפירשטן. זיי האָבן אָנגעפילט די היגלען און זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם פלאַכלאַנד און חרוב געמאַכט די וואַסער־גראָבנס. זייערע רייטער און לויפער האָבן גע־לויערט הינטער די ערדוואַלן און הינטער די ווענט מיט שטיינער־וואַרפער. די פוסגייער האָבן זיך איינגעגראָבן ווי שילדקרעטן אין די ערד־אויסהוילן, אזוי געשווינד איז דאָס אַלץ געשען, אז דער אייזערנער רינג פון ישראל און יהודה אַרום בארג איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון א קופּערנער קייט פון אַרם.

איתמר מיט זיין חיל זענען געווען ווי געפאַנגען. גרויס אין צאָל, מעכ־טיק אין כלי־זין, אָבער פארשפּאַרט אין א פעסטונג, וואָס דער שונא האָט פון דרויסן פארזיגלט. ווי א געבונדענע חיה אין א שטייג איז ער געריטן אויף זיין פערד הין און צוריק אַרום די רייטוועגענער. פון די ביידלעך איז אויפגע־גאַנגען א פלאַמפּייער. די הצוצרות האָבן אויפגעשאַלט, אָבער די דערשראָקע־נע קריגסלייט זענען געבליבן אויף די ערטער. ווי איינזאַם האָט אים דער מלך געלאָזן נאָכן ערשטן אָנלויף פון די אַרמים, —האָט איתמר געזאָגט,— דעם גוטן שלאַכטמאַן אלקנה השמעי האָט ער פון אים דערווייטערט. תרשי און ברכיהו און אַלע זיינע נאָכגייער האָט ער נישט צוגעלאָזט צו דער מחנה. אויך אשבעל, זיין קנעכט, איז נישט ביי זיין האַנט. ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען ווי ער האָט געהערט אין פּאַלאַץ איבערזאָגן די רייד פון אלמעכטיקן: מיין איז גלעד! מיין איז מנשה, און אפרים איז דער קיווער פון מיין קאָפּ! ווי פארשעמט זענען אצינד די דאָזיקע רייד אקעגן דער מוראדיקער שטילקייט אין דער מחנה!

איתמר׳ס פערד האָט זיך א צי געגעבן פאָרויס. א ביטער געלעכטער האָט צעשיידט זיינע ליפּן: ווי אזוי האָט ער דערלאָזט, אז דער שוואַכער אחאָב זאָל אַרויספירן די קריגער אין פעלד? די גבורה פון דעם הערשער, וואו איז זי? די שטיינער האָבן דאָך געדאַרפט ציטערן אונטער זיינע שיך און די שטערן האָבן געדאַרפט זיך אָנבויגן אים צו זען. אָ, שטאַרקע מלכה איזבל! פאַרוואָס האָסטו היינט אוועקגענומען דיינע אויגן פון דיין אומבאַהאָלפענעם מלך? די לוסט צו לעסטערן דעם קעניג האָט אין אים אויפגעוואַכט, אָבער באַלד איז דאָס בלוט אויפגעלאָפן אין זיין מוח. א געשריי האָט זיך אַרויסגע־ריסן פון האַלדז: דער מלך! הינטער דעם פלאַמפּייער שטייט זיין רייט־וואָגן! ער וועט אומקומען! און אזוי שטאַרק ווי דאָס געשריי, אזוי מעכטיק

איז געוואָרן דער כוח אין זיינע אָרעמס און דער ווילן אין זיין האַרץ: ראַטע־וועט דעם קאָפּ פון ישראל! נאָר אויסשטרעקן זיינע הענט דאַרף ער אצינד און אויפהויבן זיין קול: פאָרויס ישראל! און די מחנה, וואָס איז נאָך גאַנץ, וועט זיך אויפהויבן און דורכשניידן דעם רינג פון הינטן, אזוי ווי א ווירבלווינט שניידט דורך א וואָלקן אין מדבר. הונדערטער וועלן פאַלן און טויזנטער וועלן אריבערגיין. די מחנה וועט פאַרטיליקן די אָרמים און אַרויפגיין אין זיין לאַ־גער און אוועקלאָזן די ביידלעך מיט פייער און די הייזער מיט רויך און ריי־ניקן דעם וועג צו דער פעסטונגשטאָט.

איתמר האָט צוריקגעוואָרפן דעם קאָפּ אויף זיין נאַקן־פאַנצער. ער האָט אָנגעטרונקען א פול מויל מיט לופט און אויפהייבנדיק די שווערד, האָט ער אַרויסגעלאָזט א געשריי ווי דאָס געברילל פון א לייב:

— אויף זיי, ישראל!

ער האָט זיך געטראָגן אויף זיין פערד פאָרויס, שטאַרקער פון ווינט און געשווינדער פון א בליץ. די געטרייע זענען געריטן הינטער אים און אין יענער רגע האָט דער גאַנצער לאַגער זיך אויפגעהויבן און שווערדן און שפּיזן האָבן געפינקלט אין ליכט פון דער זון. א געיאָמער פון לאַסט־חיות און בהמות איז אויפגעגאַנגען אינאיינעם מיט דעם שטויב פון דער ערד. איתמר פון פאָרנט, דאָס פאָלק פון הינטן און די שלאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די פיר עקן פון פּלאַכלאַנד.

— פאַרטיליקט זיי און אַרבט זיי! —האָט ער געשריגן— אויף זייערע טויטע לייבער זאָלט איר צו מיר צוריקקומען!

ער האָט געטריבן דאָס פערד פאָרויס, צום רייטוואָגן פון קעניג. זיין פערד איז געשפּרונגען צווישן פּגרים און צעטראָטענע חיות, וואָס האָבן געהאַט שפּיזן אין די בייכער און אין זייער בלוט האָבן זיך געוויקט די פיס פון די פאַרביילויפנדיקע קריגער. פּיילנשיסער האָבן זיך אויסגעמישט מיט שפּיזן־וואַרפער. טרעגער פון בראַנדהעלצער זענען געלאָפן אינאיינעם מיט שווערדן־פעכטער. דאָס חייל, וואָס איז געווען צענויפגעדריקט אין דער ערשטער בהלה, האָט אצינד זיך געשפּאָלטן און זיך געטראָגן פאָרויס, צו עפענען דעם פאַרזיגלטן קרייז. צו מזרח און צו מערב, צו צפון און צו דרום האָבן די רייטוועגענער און פוסגייער ווי פיר מעכטיקע אָרעמס זיך אויסגעצויגן צו צעדריקן די באַלאַגערער. די קולות פון די זיגנענדיקע קריגער זענען געווען העכער פון דעם גערויש פון די רעדער און פון דעם געוויין פון די חיות און פון די זיפצן פון די שטאַרבנ־דיקע. די זון אליין האָט אין איר גנאָד באַלויכטן דאָס שלאַכטאָרט פון ישראל, אז שטיין בלייבן זאָל די צייט אויף צו פאַרלענגען די אָרמים אין טאָל און אָפּ־שניידן פאַר זיי דעם צוריקוועג צו דער פעסטונגשטאָט.

די קעניגין איזבל

איתמר איז צוגעריטן צו א גראָבן, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן היג־לען. צוויי רייטוועגענער זענען געלעגן איבערגעקערטע און דער אָנטרייבער, א קריגער פון יהודה, האָט געפּאַכטן מיט זיין שווערד א שפּיזן־וואַרפער, אן ארמי. איבער זייערע קעפּ האָט א פּיילנשיסער, א מואבי, אָנגעצויגן דעם בויגן, אָבער זיין פייל איז געפאַלן צווישן די רעדער. איתמר׳ס פערד איז א שפּרונג געטון פאָרויס. ער האָט אויפגעהויבן די שווערד צו צעשיידן די פעכטער, אָבער אין יענער רגע האָט ער דערהערט הינטער זיך אויסרופן זיין נאָמען.

ער האָט דערזען אָנרייטן אשבעל׳ן, א פארשטויבטן. מיט א שווערן אָטעם האָט זיין קנעכט אָפּגעשטעלט פאַר אים זיין פערד און א געשריי געטון:

— דער קעניג! אין סכנה איז ער!

איתמר האָט געקוקט אויף אים ווי אויף א פארלוירענער שאָף, וואָס האָט צו־שפּעט זיך אָפּגעזוכט. א שמייכל פון שפּאָט האָט צעקרימט זיין מויל. איז דאָס די בשורה, וואָס זיין געטרייער האָט אים געברענגט? צי ווייס ער נישט אז זיין באַפעלער רוימט זיך א וועג צווישן בלוט און פארוויסטונג, ארויסצו־רייסן דעם מלך, וואָס זיצט אין זיין פייערדיקן רייטוואָגן אומבאוועגלעך, ווי א שפּין אין איר געוועב? פארוואָס פארשפּעטיקט תמיד דער, וואָס דאַרף אים נאָכגיין ווי א שאָטן? און איידער איתמר האָט געעפנט די ליפּן, איז הינטער אשבעל׳ן א צווייטער רייטער אָנגעקומען. דער רייטער איז געווען א געבויגע־נער מאַן מיט א שיטערער באָרד, באַדעקט מיט שטויב און ליים. ער האָט גע־האַט א פּנים פון א בעטלער און געטראָגן קליידער פון א הענדלער. אָנשטאָט א קורצע שווערד איז ביי זיינע לענדן נאָכגעהאַנגען א בייטל. אשבעל האָט אָנגעוויזן אויף דעם פרעמדן:

— אן אויסשפּירער, אן ארמי! בוקיהו. דער הויפּטמאַן פון ירושלים האָט אים איבערגעגעבן צו מיר און געזאָגט: פיר אים צו דיין האַר!

— געפאַנגען? — האָט איתמר געפרעגט.

— אליין איז ער געקומען אין לאַגער און זיך געבוקט. ער הייסט פדואל, און ער האָט געהערט אַלץ וואָס בן הדד האָט באַפוילן זיינע הויפּטלייט. פאַר הונדערט גאָלדענע שקלים וועט זיין צונג ווערן לויז.

— ער וועט רעדן אַן גאָלדענע שקלים. זיין לעבעדיקער קאָפּ איז זיין לוין! — האָט איתמר געזאָגט.

— צי זענען די סודות פון אַרם נישט ווערט דעם פּרייז פון שקלים? — האָט דער אויסשפּירער געמורמלט און דערנענטערנדיק זיך צו איתמר׳ן גע־שמייכלט.

אָבער דעם הויפּטמאַנס קול איז געבליבן שטרענג:

— צי ווייס נישט פּדואל פון אַרם, אַז שטומע צינגער ביי די אויסשפּירער ווערן אויסגעשניטן אויפן שלאַכטאָרט?

אַ פייל איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ פייף. אַלע דריי האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ און די פערד זענען אָפּגעשפּרונגען. איתמר האָט געצויגן הינטער זיך די צוויי רייטער, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ הויכן פעלז מיט אַ אָפּגעבראָכענעם שפּיץ. אשבעל, וואָס האָט געוואוסט דעם באַגער פון זיין האַר, האָט צוגעשטעלט זיין נאַקעטע שווערד צום האַרץ פון דעם אַרמי. איתמר האָט געזאָגט:

— רעד! ביזט צו־ווייט פון דיין לאַנד און צו־נאָענט צום טויט!

דער אויסשפּירער האָט נישט געציטערט און נישט געצעגערט. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין גאַרטל אַ זעקל מיט טייטלען און געלאָזן אַריינגעלייגט אַ פּרוכט אין זיין מויל און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פון מיין אייגענעם ווילן בין איך געקומען אין לאַגער פון ישראל. ברויט צו עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן פאַרדין איך אין צייט פון געפאַר. דאָס וואָס פלעגט אמאָל זיין אַ שקל פון זילבער, איז היינט צוויי שקלים פון גאָלד. די מלחמה וועט טויטן פיל מענער, אָבער די, וואָס בלייבן געשווינט, איז דאָס לעבן פאַר זיי טייערער ווי אין פרידן. אַז הונדערט גאָלדענע שקלים זענען צופיל, וועט דיין קנעכט פופציק שקלים נעמען. ווער בין איך צו בעטן הויכע פּרייזן ביי אַ הויפּטמאַן פון ישראל? ווי שטויב בין איך אונטער די פיס פון די הענדלער, וואָס פאַרקויפן שקלאַפן.

אשבעל איז גרייט געווען אַריינצושטעכן זיין שווערד אין האַרצן פון דעם גייציקן וואַנדרער, אָבער איתמר האָט אויסגעצויגן זיין האַנט, אַ צייכן אַז דער אויסשפּירער וועט קריגן צוגעוואָרפן זיין ביין, אויב זאָגן וועט ער אַלץ וואָס ער ווייס.

— די סודות פון אַרם, וואָס זענען זיי? — האָט ער אַ געשריי געטון.

דער אויסשפּירער איז אַ געבויגענער אַראָפּגעקראָכן פון זיין פערד. אַ פלאַקערנדיקער בראַנדהאָלץ איז געפאַלן צו זיינע פיס. פאַרבלאָנדזשעטע פיילן זענען געפלויגן פאַרביי דעם הויכן פעלז, אָבער ער האָט אָן פּחד אויסגעריייניקט זיין באָרד פון שטויב און זיינע ציין פון די קערנער פון טייטל און זיין צונג איז געווען ווייך:

— אין לאַגער פון בן הדד בין איך געווען, ווען איך האָב געהערט ווי דער מלך פון אַרם האָט באַפוילן די הויפּטלייט פון זיינע רייטוועגענער: איר זאָלט נישט מלחמה האַלטן מיט קליין אָדער גרויס, נאָר בלויז מיט דעם מלך פון ישראל אַליין! און נאָך האָב איך געהערט בן הדד'ן זאָגן: הרגעט דעם מלך!

ווען דער קאָפּ איז טויט, שטאַרבט דער גאַנצער גוף. א טויט צו אַחאָב אין טאָג פון זיין באַטרוג!

א ציטערניש איז דורכגעגאַנגען איבער איתמר׳ס לייב ביי די דאָזיקע רייד. זיינע שלייפן זענען געווען אַזוי הייס ווי דאָס פייער פון בראַנדהאָלץ צופוסנס. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַרג פון רמות־גלעד און א שבועה געגעבן: פאַר ישראל וועל איך היינט פאַרברענען דעם דאָזיקן לאַגער, אַז דער מלך זאָל צוריקקומען אין שומרון א לעבעדיקער! ער האָט געוואָלט א טרייב טון זיין פערד, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַלטן. דער בליק איז ווידער געפאַלן אויף דעם גרויסער מחנה און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט: אָט שטייען זיי אַלע היינט די מענער פון ישראל אַנטקעגן דעם שונא. עס שטייען זייערע שבטים, זייערע הויפּטלייט, זייערע פירשטן, זייערע עלטסטע און דאָס גרויסע חיל הינטער זיי מיט וואָפן אויף די לענדן און מיט אייפער אין די הערצער. אָבער ווי א צעלאָזענע סטאַדע אָן א הירט וועלן זיי בלייבן, אויב געטויט וועט זאָל דער רעגירער פון ישראל. איתמר! איתמר! שוינען מוזטו דעם לעבעדיקן מלך! —האָט א קול אים געוועקט. דאָס פערד האָט זיך א ציי געטון פאָרויס. דער שלאַכט־מאַן האָט פאַרקערעוועט דעם וועג אויף צוריק און געפרעגט פּדואל׳ן:

— די הויפּטלייט פון בן הדד׳ס רייטוועגענער, וויפיל זענען זיי?

— צוויי און דרייסיק.

— און יעדער הויפּטמאַן, וויפיל רייטוועגענער האָט ער הינטער זיך?

— הונדערט און צוואַנציק יעדער איינער, און אַלע וועלן זיי זיך אַרומיאָגן נאָך דעם מלך פון ישראל.

איתמר׳ס פערד איז שוין געריטן פאָרויס, אָבער ער האָט נאָך א געשריי געטון צו אשבעל׳ן:

— פיר אים אַריין אין לאַגער פון די געצעלטן!

— ביז ווען? — האָט אשבעל געפרעגט.

— זאָלן די וועכטער אים היטן ביז זונאונטערגאַנג. אויב אָבער אן אומגליק זאָל געשען צום מלך, באַפרייט אים מיט א גרויסן לוין, ווייל וואָרענען איז ער אונדז געקומען פון וועגן דעם קאָפּ פון ישראל!

ה

דער מלך יהושפט איז אריין אין מלחמה אין זיינע קעניגלעכע קליידער און קיין פייל האָט אים נישט געטראָפן. און ווי גרויס עס איז געווען די צעטומלט־קייט צווישן די פירשטן, וואָס האָבן געטריבן די קריגער פאָרויס, אזוי שטאַרק איז געווען די רו אין זיין האַרץ, וואָרום ער האָט געקלערט: א שטאַרקן מלך פאַר אן אָנשפּאַר האָב איך אין דער דאָזיקער מלחמה. די געפאַלענע פון דער ערשטער שלאַכט זענען געווען הינטער אים. זיין רייטוואָגן איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון הויכע וועכטער אויף שטאַרקע פערד און זיינע אויגן האָבן געקוקט צו די הויכקייטן, צו די טורעמס פון רמות־גלעד, וואָס וועלן באַלד איינפאַלן אזוי ווי דינע ביידלעך אין א שטורעמווינט. מיט אמאָל האָבן פון הינטער די ווייטע איילבירטן־וועלדער, צופוסנס די היגלען, זיך אַרויסגעשאָטן פוסגייער און רייטער מיט קופּערנע שפּיזן. זיי האָבן זיך געטראָגן ווי אן אומגעבראָכענער שטראָם, און יהושפט האָט דערקענט דאָס פרישע חייל, וואָס בוקיהו בן ישעיה האָט געהאַלטן גרייט אונטערוועגס. אין מצפה און אין רמה האָבן זיי אָנגעטאָן די וואָפנקליידער. די יונגע קריגסלייט, וואָס האָבן קיינמאָל פריער זיך נישט געשלאָגן אין שלאַכט, זענען געווען אָן פחד און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל מיט אייפער, וואָרום אויף זייערע קעפּ איז געווען די בענטשונג פון ירושלים, אז ווען זיי וועלן אַרויסגיין אין מלחמה, וועט זיי נאָכגיין א וואָלקנזייל בייטאָג און א פייערזייל ביינאַכט.

יהושפט האָט געקוקט הינטער זיך און געזען ווי א פייער גייט־אויף פון די איילבירטן־וועלדער און דער רויך שפּאַרט אַרויף ביז אונטערן הימל. האָט א רחמנות אָנגעפילט זיין האַרץ און ער האָט זיך דערמאָנט דעם אָנזאָג פון יהוה זיין גאָט: אז דו וועסט לאַגערן אויף א שטאָט צו האַלטן מלחמה אויף איר כדי זי איינצונעמען, זאָלסטו נישט צעשטערן אירע ביימער דורך אויפהייבן דערויף א האַק, ווייל עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו נישט, וואָרום איז דען דער בוים פון פעלד א מענטש צו זיין אין באַלאַגערונג פון דיר?

מיט א פארבייזערט געמיט האט יהושפט אפגעקערט דעם קאפ. בלויז א בוים און פרוכטן מעגן קריגסלייט צעשטערן און בויען א באלאגערונג ארום דער שטאט פון מלחמה. און דער קעניג פון ירושלים האט געהייסן דעם אנטרייבער פאר־קערעווען זיין רייטוואגן צום ארט, וואו זיין הויפטמאן האט באגעגנט די פירשטן פון ירושלים.

ווי נאר בוקיהו האט דערזען די פירשטן, האט ער זיי באפוילן צו צע־שפרייטן דאס חייל הינטער די ערדוואלן און זיך באפעסטיקן אין די גראבנס, ווייל די גרויסע שלאכט וועט ערשט אויפפלאקערן ווען די זון וועט שטיין הויך אין הימל. די, וואס וועלן בלייבן הינטערן טאל, וועלן שטארבן מיט א מורא־דיקן טויט דורך דער האנט פון פיינט, —האט ער געווארנט,— און די, וואס זייערע שווערדן וועלן נישט פארלענדן, וועלן זייערע פערד צעטרעטן.

דער כוח ביי די פעלדהארן און פירשטן איז געשטארקט געווארן, ווי נאר זיי האבן דערזען די גרויסע איינזאמלונג אין דעם אפענעם לאנד. דאס חייל פון יהודה און דאס חייל פון ישראל, אלע האבן געוואוסט אז איתמר בן צוער וועט אויך היינט זיי צוריקפירן ביז שומרון איבער די טויטע לייבער פון די ארמים. די אייזערנע קייט איז דורכגעריסן געווארן צו צפון און צו מזרח, און דארט, וואו די רעשטלעך פון שונא האבן געווארפן די שווערדן אין געגאנגען אין געפאנגענשאפט, האבן די זיגער אויף יענע ערטער געגראבן נייע ערד־אויס־הוילן און זיי באפעסטיקט מיט פעלזן און פארדעקט מיט צווייגן.

פון דעם נידעריקן לאנד זענען אנגעריטן פערד און רייטוועגענער. די פארשטויבטע רייטער זענען אראפגעשפרונגען מיט אימפעט. זיי זענען געווען געוויקסיק, מיט הויכע, טונקעלע העלדזער. זיי האבן אויסער די שווערדן ביי די לענדן געטראגן בייטשן, איינגעוויקלטע ווי שלאנגען, מיט קופערנע הענט־לעך. די הויפטלייט איבער די געדונגענע קריגסלייט, די כותים, זענען זיי גע־ווען. ארומרייטנדיק די געצעלטן און גראבנס האבן זיי אויסגעטיילט געבראָ־טענע קליינע חיות און שטארקן וויין און פעטע פיש און געווארנט, אז אויב שלאגן וועלן זיי זיך נישט ווי לייבן, וועלן די ארמים זיי פאנגען און טון צו זיי אזוי ווי זיי האבן געטון צו די אשורים, צערייסן וועלן זיי זייערע קערפערס און אפברענען זייערע האר פון די קעפ און אויסשניידן זייערע הערצער אין זייערע לעבערס און זיי איבערלאזן אין מיטן מדבר פאר די רויבפייגל און שאקאלן. אבער אויב שטארבן וועלן זיי אויף זייערע אייגענע שווערדן, וועט מען זייערע גופים מיט כבוד ארייננליינגן אין די ארעמס פון די געטער, וואס שטייען אין טעמפל פון רמות־גלעד. און אויב לעבן וועלן זיי בלייבן ביז צום נצחון, וועלן זיי ארייננקומען אין דער פארנומענער שטאט און נעמען דאס גאלד און די פרויען, וואס שמעקן אזוי ווי ליליעס און זענען זאפטיק ווי די ווייטרויבן.

און די געדונגענע קריגער האָבן פריילעך געגעסן ים־ווערים, איינגעווייקט אין געדעמפטע אייל. די הויט פון די פעטע פיש האָבן זיי נישט אָפּגעשונדן, נאָר געקייעט זיי רויערהייט. עס זענען געווען צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן געשלונגען געבאַקענע פראָשן, איינגעטונקען אין זויערע זאפטן און געזויפן די פולע לאָגלען וויין.

און ווי די אַרמים, די הויפּטלייט פון די רייטוועגענער, האָבן זיך צעשפּרייט איבערן שלאַכטאָרט און ארומגעזוכט דעם מלך פון ישראל אים צו טויטן, האָבן זיי דערזען יהושפט׳ן, און זיי זענען מער פון דעם אָרט נישט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן ארומגעקרייזט דעם קעניגס וועכטער און זיין רייטוואָגן איין מאָל און א צווייט מאָל און דערנאָך האָבן זיי זיך איינגעקוקט אין דעם מאַן אין די קעניגלעכע קליידער. ביים ערשטן הויפּטמאַן האָבן די אויגן פון פרייד אויפגעפלאַמט, ווען ער האָט דערזען אין רייטוואָגן דעם הערשער פון ירושלים, וואָרום אזוי ווי דער מלך פון ישראל איז ער געווען אין זיינע אויגן. ער האָט אויפגעהויבן א האַנט און די אָנטרייבער און די רייטוועגענער הינטער אים האָבן אָנגעשפּאַנט די בויגנס. אָבער אין יענער רגע האָט דער דערשראָקענער יהושפט ארויסגעלאָזט א געשריי, אַז די הענט ביי די בויגנציער זענען פארגליווערט געוואָרן, און יהושפט׳ס אָנטרייבער האָט אין דער בהלה פארקערעוועט זיין האַנט און איז אַנטלאָפן מיט דעם רייטוואָגן הינטערווייַלעכץ און די רעדער זענען איינגעוויקלט געוואָרן אין א וואָלקן שטויב. איז ווי די הויפּטלייט האָבן דערקענט, אז דאָס איז נישט דער מלך פון ישראל, אזוי האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון הינטער אים.

אַ טרויער איז באַפאַלן אַחאָב׳ן, ווען ער האָט געקוקט אויף דעם שלאַכטאָרט ארום. די זון איז אויפגעגאַנגען אין האַלבן הימל, אָבער זיין חייל איז נאָך געשטאַנען צופוסנס דעם בארג. די זיכערקייט איז אוועק און געקומען איז דער אומרו. זיין הארץ האָט געפרעגט: מלך פון ישראל, ווי אזוי ווייסטו, אַז אָט דאָס אָפענע לאַנד וועט נישט איינזינקען ווי א קבר מיט דעם דאָזיקן גרויסן המון? מענער פון ישראל זענען פריער געשטאָרבן פאַר דיר אין מלחמות ווען דו האָסט זיי געפירט אין קריג אין נאָמען פון יהוה, דעם גאָט פון ישראל. אָבער היינט האָסטו דיינע קריגער ארויסגעפירט אין נאָמען פון דעם הערנערשטויסער צדקיה בן כנענה. די בויגנציער ווארפן פיילן און די שווערדן קלינגען, די שטאָ׳קע טויטן די שוואַכע און די זיגער בינדן די געפאַנגענע און אונטערן הימל גייט־אויף דאָס ליכט פון בראַנדהעלצער. איז עס דאָס ליכט, וואָס קומט נאָך דער לאַנגער פינצטערניש, אָדער זענען דאָס די לעצטע פלאַמען פאַר דעם טויט?

ביי דער דאָזיקער מחשבה איז אחאָב׳ס פּנים אַפּגעפאַלן און צוויי וואַרעמע טרערן זענען אַרויסגערונען פון זיינע אויגן. ער האָט אַפּגעקערט זיין קאָפּ, אַז דער אַנטרייבער זאָל אים נישט זען אין זיין געוויין, דערנאָך האָט ער זיך גע־שטאַרקט און געזאָגט: אָ, גאָט, איך האָב זיך געפרייט פאַר דיר אין טעג פון מיינע נצחונות, פאַרוואָס זאָל איך איצינד טרויערן און זיך שעמען מיט מיינע טרערן? אָבער דער שטאָלץ איז צו אים נישט צוריקגעקומען. די הכנעה פון א געשלאָגענעם האָט אים געמאַטערט אינאיינעם מיט דער חרטה און ער האָט דערזען, אַז ער איז איינזאַם אין מיטן פייער, דערוויטערט פון זיין ערשטן שלאַכטמאַן און פאַרזען פון דער מלכה. אָבער צי האָט דען וועד אים פאַר־שטויסן? אליין האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פון די, וואָס האָבן אים געהאַלטן אונטער זייער פאַנצער.

א פלאַמפּייער פון א ברענענדיקן פאַקל איז אַראָפּגעפאַלן צו די רעדער פון זיין רייטוואָגן און אחאָב איז א רגע פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם שאַרפן ליכט. דערנאָך האָט ער דערשפּירט א טריקעניש אין האַלדז און א ווייטאָג אין דער לעבער, און אַזוי ווי א ווייטע אַנונג פון שטראָף, האָט ער ווי דורך א שיטערן נעפּל פּלוצים דערזען דאָס שטרענגע פּנים פון מיכיהו׳ן אין געפענגעניש, וואָס אויך צו דער דאָזיקער שלאַכט האָט זיין פייערדיק מויל אים באַגלייט מיט דעם אָנזאָג פון בייז. אָבער אחאָב׳ס געמיט האָט זיך געטרייסט, ווייל אויך ער האָט היינט גענומען יהוה פאַר זיין אָנלען און זיינע געבאָטן פאַר אַן אָנשפּאַר. דער גאָט, וואָס אין זיין נאָמען האָט מיכיהו אים געוואָרנט אַפּצושטיין פון רמות־גלעד, האָט אויך אַזוי באַפוילן: אז דו וועסט גענענען צו א שטאָט צו האַלטן מלחמה אויף איר און יהוה, דיין גאָט, וועט זי געבן אין דיין האַנט, זאָלסטו טויטן אירע מאַנספּאַרשוינען מיטן שאַרף פון שווערד, נאָר די ווייבער און די קליינע קינדער און די בהמות און אַלץ וואָס זעט זיין אין דער שטאָט זאָלסטו רויבן פאַר דיר. און דו זאָלסט עסן דאָס רויב פון דיינע פיינט, וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר געגעבן. אַזוי זאָלסטו טון צו אַלע שטעט, וואָס זענען זייער ווייט פון דיר. אָבער פון די שטעט פון די היגע פעלקער, וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר א נחלה, זאָלסטו נישט לאָזן לעבן, נייערט פאַרוויסטן זאָלסטו זיי פאַרוויסטן!

א געשטאַרקטער האָט אחאָב זיך א קער געטון צום וואָגנפירער, וואָס האָט געשטויסן די פערד אַרויסצופירן דעם רייטוואָגן פון הינטער די פאַלנדיקע פיילן און שטיינער. אָבער דער מלך פון ישראל האָט אָפּגעהאַלטן זיין האַנט. בלייב שטיין! — האָט ער געזאָגט. — וואָרום באַלד וועסטו זען ווי דער האַר פון דער וועלט וועט געבן די שטאָט אין מיין האַנט! און עס איז געשען אין יענער רגע, האָט א מאַן אין לאַגער פון די אַרמים אָנגעצויגן דעם בויגן גלאַט אין דער

וועלט, און די פייל האָט געטראָפן דעם מלך פון ישראל צווישן אונטערפאַנצער און צווישן דעם ברוסטשילד, און אַ שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון אונטער זיין לייב. אין איין אויגנבליק איז פאַר אַחאָב׳ס אויגן פינצטער געוואָרן די וועלט. ער האָט דערשפּירט אַזוי ווי אַ פייערדיקע שווערד שניידט דורך זיינע גלידערים. דער דערשראָקענער אַנטרייבער האָט אַ הייב געטון זיינע הענט און ארויסגעצויגן די פייל, און ווידער האָט אַחאָב דערפילט ווי אַ פריי-שער ווינט קילט זיין ברענענדיק לייב. אַנשטאָט טרערן איז געקומען אַ דער-לייכטערונג, אָבער דער פּיין האָט נישט פאַרשפּעטיקט ארומצונעמען זיינע ריפּן ווי מיט פייערדיקע רייפן. אין אַנמעכטיקער איז ער אַ פאַל געטון צום אַקסל פון זיין וואָגנפירער. פון אַנגסט האָבן די קינבאַקן זיך פאַרקרימט און ער האָט זיך געבעטן:

— פאַרקער דיין האַנט און פיר מיך ארויס פון דער מחנה, וואָרום אויסגיין וועל איך דאָ אין מיין בלוט.

דער קנעכט האָט פאַרקערעוועט דעם רייטוואָגן רעכטס, אָבער שפּרינגנדי-קע פערד און בויגנציער האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט פאַרדרייט לינקס און הויכע ערדוואַלן באַלאַגערט מיט שווערדן-פעכטער האָבן פאַרצאַמט דעם דורכגאַנג. אין דער ענגשאַפט זענען לאַסט-חיות צעטראָטן געוואָרן; מויל-אייזלען זענען געפאַלן מיט אויפגעריסענע בייכער. די אַנגעוואָרפענע בראַנד-העלצער האָבן געברענט די פּיאַטעס פון די אַנטלויפנדיקע שפּיזן-וואַרפער. אַחאָב׳ס רייטוואָגן איז פאַרקלעמט געוואָרן צווישן די וועגענער און חיות ווי אין אַ פייערדיקער נעץ און זיינע זיפצן זענען דערשטיקט געוואָרן אונטערן רעש פון די רעדער און טרומפּייטן. אין אָפּגעשוואַכטער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די הויכקייטן ווען די כוחות אויף דער ערד זענען געווען אַנמעכטיק.

— יהוה, גאָט פון ישראל, פאַרלאָז מיך נישט, — האָט ער געבעטן, — זע מיין אַנגסט און קום מיר צו הילף. לאָז מיר בייקומען די ווייטאָגן פון גוף, וואָרום די נשמה האָט נישט אָנגעוואָרן די האָפענונג, אַז ביים סוף פון טאָג וועסטו נאָך איבערגעבן דעם שונא אין מיין האַנט.

דאָס בלוט איז געפלאָסן פון אונטערן פאַנצער ווי אַ הייסער שטראָמענדי-קער קוואַל אָן אָפּשטעל. דער שטערן איז געווען באַדעקט מיט קאַלטע אַנגסטן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער גסיסה-שווייס און תפילה געטון:

— אויב שטאַרבן איז מיר באַשערט, אָ גאָט, פיר מיך ארויס פון דעם אָרט פון פאַרשעמונג. שענק מיר דיין חסד, איידער דו נעמסט מיך אַוועק אויף נישט אומצוקערן. עפן אַ וועג פאַר מיין קנעכט, ער זאָל מיך ארויספירן פון דער מחנה. די טויטע וועלן נישט אויפשטיין, אָבער די לעבעדיקע קאָנען נאָך

אויפפראלן די טויערן פון דער באלאגערטער שטאט און ווי לעסטערער קאנען זיי פרעגן: ער, וואס האט געפירט דעם מלך פון ישראל איבערן לאנגן מדבר, פארוואס לאזט ער אים אויסגיין ביים שוועל פון נצחון?

ער איז געשטאנען אנגעשפארט אויפן אקסל פון דעם אנטרייבער, וואס האט א צעדריקטער צווישן די וועגענער געשטויסן זיינע פערד צו די פיר עקן וועלט. דער רייטוואגן איז פארגאסן געווארן פון אחאב'ס בלוט און ער איז געווארן שוואכער און שוואכער, אבער אן אויסערגעוויינלעכע קראפט האט גע־גליט אויף זיין צונג, ווארום זי האט געזאגט דעם ווילן פון זיין הארץ:

— פייניק מיך, א גאט, אויב איך האב פארזינדיקט ווען איך האב גע־זאגט, אז ארויפגיין וועל איך און אפנעמען די געפאנגענע נחלה פון ישראל! רוף ארויס א שלאנג און זאל זי מיך בייסן! שיק־אן א לעמפערט און זאל ער מיך פארצוקן, א רויבפויגל ברענג אראפ און זאל ער ארויסרייסן מיין הארץ, אבער לאז מיך שטארבן אויף מיין געלעגער ביי דער זייט פון דער מלכה און מיינע זין, אזוי ווי דער טויט איז געקומען צו מיין פאטער דעם מלך.

זיינע געבעט־רייד זענען געווארן אונטערטעניקער. א שטראם טרערן איז גע־רונען אזוי היים ווי דער פלוס פון בלוט, אבער ער איז אויפגעהאלטן געווארן שטייענדיק אין רייטוואגן אנטקעגן ארם און קיין הילף האט צו אים נישט גע־קאנט דערגרייכן. ווען זיינע כוחות זענען אויסגעגאנגען, איז די מלחמה גע־שטיגן מיט פיילן און פלאמפייער פון אויבן און מיט שפיזן און שווערדן פון אונטן. איידער די זון האט זיך גענויגט צו מערב, האט א נייע מחנה ארמים אנגעפילט דעם טאל און איינגעווארפן די ערדוואלן און אונטערגעצונדן אלע געצעלטן פון די פעלדהארן און הויפטלייט און פארשטיינט די גראבנס און עס איז אפגעשניטן געווארן פאר גאנץ ישראל דער וועג פון טאל צום בארג־ארויפ־גאנג. דער גאנצער המון קריגסלייט פון אפרים און יהודה האט זיך צעשפרייט צווישן די ברענענדיקעביידלעך. די רייטוועגענער האבן זיך פארוויקלט אין דעם ברוכווארג אין אן אייזערנעם שפינוועבס, נישט אריין און נישט ארויס.

און די שטאט רמות־גלעד איז נישט אנגערירט געווארן מיט אירע פעס־טונגען און טורעם־זיילן ביז די זון האט זיך געלאשן. אלע צוגאנגען פון דרום און פון מערב זענען געווען פארצאמט. בוקיהו מיט זיינע רייטער זענען אנט־לאפן ביז הינטער די איילבירטן־וועלדער. די ווענט פון די שטיינער־שליידע־רער זענען געלעגן חרוב אזוי ווי נאך א גרויס געוויטער. ביים סוף פון טאג זענען ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעשפרונגען איתמר און נאך אים די גע־בליבענע הויפטלייט און די רעשטלעך פון זיין חייל. אבער ישראל האט נישט אויסגעהאלטן דעם גרויסן שלאק פון די ארמים. און ווי די זון איז ארונטער־

געגאַנגען פון בארג, האָבן די שלאַכטמענער געפונען צווישן רויך און פייער דעם מלך פון ישראל און ער איז געווען טויט. פון זיינע וואונדן איז ער גע־שטאָרבן און דאָס בלוט איז אַראָפּגערונען אויפן דעק פון רייטוואָגן.

עס איז געווען אָוונט־צייט. די שלאַכט איז איינגעשטילט געוואָרן, אָבער די טרומייטן האָבן נאָך געשאַלט. און איתמר האָט זיך געשטעלט פאַר זיין חייל און אויסגערופן: זאָל איטלעכער זיך אומקערן אין זיין לאַנד און איט־לעכער אין זיין שטאָט!

און יהושפט האָט געזען אז דער מלך פון ישראל איז טויט, האָט ער באַ־פוילן זיין וואָגנפירער אומצוקערן זיך קיין ירושלים. די לעצטע וועכטער, וואָס זענען געבליבן היטן זיין קאָפּ, זענען אים נאָכגעריטן ביז אין טיפן מדבר אריין און פון דאָרט צו בית־שאָן. ווען זיי האָבן צוריקגעקוקט אויף רמות־גלעד, האָבן זיי מער גאָרנישט געזען אויסער די הויכע, באַלויכטענע פעסטונגען.

פאַרן פּאַלאַץ אין שומרון האָט זיך איינגעזאַמלט א המון־עם ווי נאָר אחאָב איז געבראַכט געוואָרן פון שלאַכטאָרט. די אָרעמע אזוי ווי די רייכע זענען ארוים אין די גאַסן אין זאַקקליידער צו טרויערן אויפן אומגליק. איידער די קלאָגווייבער זענען אָנגעלאָפן צום קעניגס הויז, האָט דער דערשראָקענער צדקיה בן כנענה אינאיינעם מיט זיינע פריסטער געשיקט נאָך די היילער פון מצרים און נאָך די גייסטבאַשווערער און שטערנזעער פון עקרון, טאָמער וועלן זיי מיט צויבער־שפּרוכן קאָנען אומקערן דעם קעניג צום לעבן. אָבער דעמאָלט איז פון געדרענג פלוצים ארויסגעגאַנגען מיכיהו בן ימלה. אָמון, דער שטאָט־האַר, האָט אים נאָר־וואָס באַפרייט פון געפענגעניש, וואָרום אומגעקערט האָט מען דעם מלך א טויטן. און דאָס וואָרט פון דעם פּאָרכטיקן מאַן איז געווען אזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט. מיכיהו האָט זיך גערייניקט א וועג דורכן גע־זעמל צום פּאַלאַץ און די היילער און גייסטבאַשווערער זענען אָפּגעטראָטן פאַר דעם קליינגעוואַקסיקן מאַן, וואָס האָט באַזיגט דעם מלך מיט טויט.

— אומריינע נפשות! —האָט זיין קול געדונערט,— רירט נישט אָן דעם געזאַלבטן, וואָס איז צוגענומען געוואָרן פון אייך מער זיך נישט אומצוקערן. ווי אזוי וואָגט איר ארויסצורייסן דעם פאַנג פון גאָטס מעכטיקן מלאך? קערט זיך אום אין אייערע הייזער און טוט זיך אויס, אזוי ווי אייער מלך, פון די רייכע קליידער און ערדישע תאוות. שענקט אוועק אייערע פאַלשע רייכטי־מער, וואָס איר מיינט אז איר געוועלטיקט איבער זיי, אָבער ווי עס לעבט גאָט פון צבאות, אז זיי געוועלטיקן איבער אייך! איילט זיך, האָט חרטה און בעט פאַרגעבונג! פאַרהאַסט אייערע זינד און האָט פיינט אייערע עבירות, וואָס זענען מער פון די צעמאַלענע זאַנגען אין שייער. ווער פון אייך, אָרעם צי רייך, א האַר צי א קנעכט, א הענדלער צי א קריגסמאַן קאָן זאָגן היינט אין טאָג פון

שומרונס טרויער, אז ער איז בעסער פון א פארדארבענעם פירשט און ריינער פון אן אויסגעלאסענער פרוי?

און ווען מיכיהו'ס געשריי האט פארטריבן דעם המון־עם פון פארן פאלאץ, האבן די וועכטער באגלייט צום גרויסן טרקלין די מלכה איזבל מיט אירע פרינצן און זיי האבן זיך געשטעלט צופוסנס דעם טויטן מלך, וואס איז אוועקגעלייגט געווארן צו רוען אויף ווייכע געוואנטן איידער ער האט געברענגט דעם לעצטן נצחון. צווישן די געטרייע וואס זענען נאכגעגאנגען איזבל'ן, זענען אויך געווען אהליאב און איתמר. אלע האבן געשאטן אש אויף די קעפ. דער רייכער הענדלער האט געלאסן געזאגט:

— ער, וואס האט געברענגט א גערודער צווישן פעלקער ביים לעבן, האט געפונען רו אין טויט.

איתמר, וואס איז צום לעצטן מאל געשטאנען געהארכזאם פאר אחאב'ן, האט געזאגט:

— ער האט נישט געוואלט רייטן הינטער מיר ווי א קעניג, נאר ווי א שלאכטמאן פארויס. זיין שווערד איז געווארן זיין פאן.

די מלכה איז געשטאנען רואיק און שטאלץ און שטום ווי א פעלז. אירע אויגן זענען געווען טרוקן ווי פייער, ווי נישט פאר דער קעניגין פון שומרון וואלטן באשאפן געווארן טרערן. אבער אירע הענט זענען געווען פארבראכן. אחאב איז געווען אין דער אייביקער רו. דער ערשטער צו דער שלאכט און דער ערשטער צו פאלן. אירע ליפן האבן געפליסטערט:

— מיין מלך איז געשטארבן, אבער ער האט מיר איבערגעלאזט יורשים פאר דער קרוין.

און אחזיהו, דער ערשטער זון, איז פלוצים אנידערגעפאלן אויף זיינע קני מיט אויסגעשפרייטע הענט און אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין:

— פאטער, איך וועל דיר ברענגען אזוינע נצחונות פאר ישראל, וואס קיין שלאכטמאן האט נאך ביז היינט נישט געזען!

אזוי איז געשטארבן דער מלך און ער איז באגראבן געווארן אין שומרון. אין יענעם אוונט, ווען די קנעכט האבן אפגעשווענקט אחאב'ס רייטוואגן ביים טייך פון שומרון, האבן די הינט געלעקט זיין בלוט און די זונות האבן דרינען זיך געוואשן, אזוי ווי עס איז געווען דאס ווארט פון גאט דורך זיין נביא אין דעם וויינגארטן פון נבות.

ו

אויפן צווייטן יאָר נאָך אחאָב'ס טויט האָט איתמר בן צוער אויסגעטאָן זיינע וואָפנקליידער. ער האָט אָנגעלאָדן א קעמל און זיך אומגעקערט צום פלאַכלאַנד הינטער תירצה. און דאָס איז געווען אין אכצענטן חודש ווי אחזיהו איז געזעסן אויפן טראָן פון שומרון. די טרויער־טעג נאָך דעם מלך אחאָב זענען שוין לאַנג געווען אריבער, אָבער איתמר האָט נישט פארגעסן די פארלוירענע מלחמה, ווארום דער שלאַק ביי רמות־גלעד האָט געבראַכט דעם סוף צו דעם רום פון שומרון. מואב האָט ווידערשפעניקט אָן ישראל. די דערשראָקענע איזבל האָט פארשטאַרקט די וואַך ביי די פעסטונגען און פארמערט די פריסטער איבערן לאַנד, וואָס האָבן גערייכערט אויף די במות אין אויפגעשטעלט נייע הייזער פון די שאַנדמענער. אָבער די אויפשטענדלער זענען אָן מורא אריינגעקומען אין שטאָט דורכן פאַדערשטן טויער און גערעדט אומדערשראָקענע רייד. איתמר האָט געזוכט דעם וועג צו די פּאַרכטיקע, אָבער די קנאים האָבן פון אים זיך דערווייטערט און די נזירים פון יונדב בן רכב האָבן אויף אים געקוקט מיט פארדאַכט, ווייל געזאָגט האָבן זיי: צו־לאַנג איז ער געזעסן ביי איזבל'ס טיש, אז זיין גוף זאָל זיין ריין און זיין־הארץ לויטער.

איזבל האָט פארביטן די אַלטע הויפּטלייט און לאַנדפירשטן אויף נייע. אָבער איתמר'ן האָט זי נישט אָנגערירט. זי האָט נישט געוואָלט פארטרייבן דעם קריגסמאַן, וואָס האָט געבראַכט רום צו שומרון. אויך פקחיהו האָט מורא געהאַט צו פארלירן דעם לייבנעק פון יהודה, און אָן הינדערניש האָט ער געשיקט נעמה'ן, זי זאָל אים איבעררעדן מיט לוסט, אזוי ווי עס טוען שיינע פרויען צו שטאַרקע זכרים. דריי טעג איז נעמה געקומען צו זיין קאַמער, אָבער איתמר האָט נישט געעפנט פאַר איר די טיר, טראַץ וואָס עס האָט ביי אים געפלאַמט דער באַגער צו א פרוי. צו זיין שטיק פעלד הינטער תירצה האָט ער געוואָלט זיך אומקערן און ווידער גראָבן די ערד און פלאַנצן דעם וויינשטאָק, אזוי ווי

די קעניגין איזבל

מיט דרייצן יאָר פריער איידער ער איז ארויפגעגאנגען אין פּאַלאַץ פון שומרון צו רייניקן די מלוכה.

אין יענע טעג האָט יהושפט, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו די צידונים דורך אחאָב'ן, נישט באַנייט מער דעם בונד מיט צור און צידון. נאָך פריער האָט ער געבויט אין תרשיש שיפן צו גיין קיין אופיר נאָך גאָלד, אָבער אַ גרויסער שטורעם איז אויסגעבראָכן ביי עציון־גבר און צעבראָכן די שיפן און ער איז אָפּגעשטאַנען. אחזיהו האָט געדענקט די געטריישאַפט פון זיין פאָטער אחאָב צו דעם מלך פון ירושלים און ער האָט געשיקט שליחים אים אָנצוזאָגן: לאָמיר בויען נייע שיפן און זאָלן מיינע קנעכט ארוים צוזאַמען מיט דיינע קנעכט אַיבער דעם ברייטן ים. אָבער יהושפט האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן געוויטער און קיין שיפן נישט געוואָלט בויען. פון די אַלע געשעענישן האָט איתמר זיך דערוואוסט פון זיין קנעכט אשבעל אין טאָג ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם מלכ'ס שטאָט. ער איז שוין געזעסן אויף זיין קעמל, ווי אשבעל איז אים נאָכגעלאָפן ביז הינטערן טויער און נישט געוואָלט אָפּטרעטן. אָבער איתמר האָט אים געטריבן צוריק אין שטאָט און געזאָגט: גיי, נעם דיר אַ נייעם האַר, וואָרום אַ קנעכט אַזוי ווי דו בין איך היינט געוואָרן.

איבער דעם גאַנצן וועג דורך די אַראָפּלאָזן און אויסהאַקן צום נידעריקן לאַנד האָט ער אויסגעמיטן די פעסטונגשטעט און די טורעמס און די לאַגערן כדי נישט צו טרעפן די קריגסלייט, וואָס זענען אַמאָל געריטן הינטער אים. ער איז געריטן הינטער די איילבירטן־וועלדער און ארום די טייכן. עס איז געווען פרילינג אין לאַנד, אָבער אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ האַריקן לייבראָק און אין שווערע שיך מיט רימענס. דער קעמל איז געווען באַדעקט מיט שטויב און דערהיצט פון די מדבר־ווינטן און אין איתמר'ס האַרץ איז געווען טרויער און חרטה, אַזוי ווי ביי אַ הויפּטמאַן וואָס האָט ערשט באַגראָבן זיינע בעסטע קריגער. קיינער איז הינטער אים נישט געריטן, אָבער אין דעם גליענדיקן ליכט איבער דעם אָפענעם וויסטן לאַנד האָט ער פּלוצים דערזען דעם איבערבלייב פון זיין מחנה, די געשלאָגענע און צעטראָטענע ווי זיי זענען אָפּגעטראָטן פון רמות־גלעד. אַ גרויס געזעמל האָט זיך געצויגן איבער די חרובע וועגן. די, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך אומקערן פון פעלד מיט לויבן פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט, האָבן דורכן רויך און פייער געזען ווי אָנשטאָט שכר האָבן זיי געקראָגן שטראָף, אָנשטאָט רום — שמאַך. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געוויזן זייערע לייב־וואונדן, אָבער דעם טויט פון מלך האָבן זיי צומאָל נישט באַוויינט און פון בושה האָבן זיי נישט געוואָלט דערמאָנען די נצחונות פון אַמאָל.

און אין דעם הויז פון בן הדד'ן האָט מען אָנגעטון כבוד צו מלכיאל בן רם,

וואָרום ער האָט ערב געווען מיט דעם קאָפּ פון אחאָב׳ן און זיין ערבות איז געווען ווערט מער פון טויזנט צענטנערס גאָלד. ווען בן הדד איז געזעסן ביים מאָלצייט פון נצחון, האָט מלכיאל אוועקגעפירט אַלע געפאַנגענע און אויפגעמאָנט די צינזן, אזוי ווי עס איז געווען דער בונד צווישן אים און דעם מלך פון אַרם. אָבער אומ־קערן זיך אין לאַנד פון ישראל האָט דער הענדלער פון שקלאַפן זיך געשראָקן.

ווי איתמר איז אראָפּגעקומען אין טאָל הינטער תירצה, זענען די באַוואוי־נער ארום די פעלדער אים אקעגנגעגאַנגען מיט פרייד. טייל האָבן געהויבן די הענט צום הימל און טייל האָבן זיך געבויגן פאַר אים ביז צו דער ערד און גע־קושט זיינע הענט. פון זיי האָט איתמר זיך דערוואוסט, אַז דער אַלטער אילפאַ שמאי לעבט נישט מער און אז נאָך פּאַרכטיקע לייט צווישן די זקנים זענען אוועק אין דעם לאַנד פון די שאָטנס. קינד און קייט האָבן געוואוסט אַלץ וואָס עס האָט געטון דער קריגסמאַן אין שומרון, וואָרום די בשורות, די גוטע ווי די שלעכטע, זענען אראָפּגעקומען אין דעם נידעריקן לאַנד אזוי געשווינד ווי א ווירבלווינט.

די עלטסטע, וואָס האָבן אים געקענט פון אַמאָל, האָבן געזאָגט:

— דער היינטיקער טאָג זאָל פאַר אונדז זיין א פייערטאָג מיט וויין און פעטע שפייזן

די יינגערע, וואָס האָבן געהערט פון זיינע גבורות, האָבן אים געלויבט:

— אין מלחמות האָט ער באַזיגט די פיינט און אין פרידן האָט ער אָפּגע־וואַשן די זינד פון שומרון.

זיי האָבן אים באַגלייט ביז צו זיין שטיבל, געבויט פון ליים און צווייגן, וואָס איז דרייצן יאָר געשטאַנען פאַרלאָזן. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אינעווייניק און געלויבט גאָט, וואָס האָט אים צוריקגעברענגט אין דעם וואוינאָרט פון זיין רו. ער האָט געקוקט אויפן באַלקן און אויף די ווענט. קיין זאַך האָט נישט געפעלט. ער האָט געפונען דעם אַקער און דעם גראָבאייזן און די ליימענע קרוגן. דאָס האַרטע געלעגער איז געווען אומבאַרירט. אין די ווינקלען האָבן שפּינען אויסגעוועבט גלאַנציקע נעצן. דער שטויב האָט באַדעקט די חפצים אזוי ווי דער זאַמד באַדעקט דעם מדבר. איתמר האָט זיך געוואַשן און גע־שמירט די באָרד מיט אייל. דערנאָך האָט ער געטראַכט: וויבאַלד גאָרנישט האָט זיך נישט געביטן און די צייט האָט נישט אָפּגעווישט די דערמאָנונגען פון פריער, בין איך געבליבן דער זעלבער ווי אין יענעם טאָג איידער איך בין ארויפגעגאַנגען אין שומרון. איך וועל דאָ בלייבן איינגעוואַקסן ווי א פעלז, וואָס קיין שטורעם קאָן נישט אויסרייסן.

ביים סוף פון טאָג האָט ער דערהערט א גערויש הינטער זיין טיר. גוטע שכנים האָבן אים ארויסגערופן, ער זאָל מיט זיי זיך זעצן צום אָוונט־מאָלצייט.

ער האָט מיט זיי געטרונקען ווייַן און געגעסן פלייש פון א שעפּס. און ווייל ער איז געווען מיד פון דעם לאנגן וועג, איז ער אוועק זיך לייגן אויף זיין געלעגער, אָבער אין מיטן נאכט האָט ער געהאַט א חלום.

דורך דינע נעפּלען האָט זיך ארויסגעשיילט דאָס טויער פון פּאלאַץ און פון די אויבערשטע טרעפּ איז אראָפּגעקומען נעמה, איינגעהילט אין פּורפּור־געוואנטן. זי איז געווען אליין. די הויט אויף איר געזיכט איז געווען בלייך און לויטער אָבער אין אירע בלויע אויגן האָט געברענט א לוסט, וואָס מען זעט ביי די זינדיקע קדשות. אירע האָר זענען געווען באַשאָטן מיט ווירצנשטויב. זי איז געגאנגען אראָפּ נידעריקער און נידעריקער, אָבער אירע פיס האָבן נישט באַרירט די ערד, ווי זי וואָלט געשפּרייזט אין די וואָלקנס. פּערלשנירלעך האָבן זיך געצויגן פון איר שטערן ביז צו די ווינקלען פון דעם זאַפטיקן מויל. א בינטל בליציקע איידלשטיינער האָט גערוט אויף אירע בריסטן. דאָס גאָלד פון דעם רעכטן אָרעמבאנד, געדרייט ווי א שלאנג, האָט געלויכטן ווי די זון און די קני־גלעקעלעך האָבן אין גאנג געקלונגען ווי דאָס געשאַל פון טרומייטן. זי איז שטיין געבליבן ביי זיין געלעגער און געזאָגט:

— ביזט אנטלאָפן פון שומרון, איתמר, אָבער דו וועסט צוריקקומען. וואָס האָט דיר דען געטון די רוישיקע שטאָט, וואָס האָט דיר געגעבן רום און נצחון, אַז דו האָסט זי פלוצים פאַרלאָזן ווי א היל פון עקדישן? גליק איז אומשולדיק און פרייד איז דערלויבט פון גאָט. דו האָסט היינט געטרונקען ווייַן און דעריבער ביזטו נישט אָפּגעשיידט פון לעבן. צי האָבן די ערלעכע אַקערלייט דיר נישט דערציילט, אַז די וואָס פּאָלגן דעם רוף פון זייער האַרץ, זענען רואיק און גליקלעך? קוש מיך, שיינער שלאָכטמאַן.

זיין שטאַרקער גוף האָט אין שלאָף זיך א הויב געטון פון געלעגער קעגן דער, וואָס איז געקומען צורויבן זיין רו. מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָט ער דערגרייכט דעם באלקן און דורכגעלעכערט דעם דאַך און געטרייסלט דעם געלענדער. אָבער זיין גבורה איז באלד איינגעפאַלן, ווייל ער האָט גענומען זיפצן פון שרעק. נעמה האָט זיך אריבער־געבויגן איבער אים.

— איידער דו ביזט געקומען צו מיר אין שומרון, —האָט זי געזאָגט,— איז געווען א ליידיקייט צווישן מיינע ווענט און עס איז געווען הויל מיין האַרץ און דו האָסט מיר צוריקגעגעבן דאָס געלעכטער און די רו. צוליב דיר האָב איך פאַרלאָזט בית־אל און געקומען אין פּאַלאַץ. לויט דיין ווילן בין איך דורכגעגאנגען געפאַרן און גענומען אויף זיך שמאַך, ביז איך האָב געברענגט א געבונדענעם צו דיינע פיס דיין גרעסטן פיינט, אסף. איז דאָס דער לוין, וואָס דער לייבנעק פון יהודה צאָלט דער דינסט, וואָס איז אים געטריי געווען?

איתמר האָט געוואָלט זיך אויפכאַפּן פון געלעגער, אָבער זיינע גלידער

זענען געווען צו־שוואַך זיך צו רירן. די דערמאָנונג, אַז זיין מלך איז טויט און זיינע קריגסלייט פאַרלענדט, האָט נישט באַטויבט זיינע אויערן. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט נאָך הערן נעמה׳ס רייד, וואָרום איר שטים איז געוואָרן א טרייסט פאַר זיין האַרץ:

— ווי לאַנג וועסטו טרויערן אויפן טויט פון אַחאַב׳ן? דו ביזט אַריינגע־גאַנגען אין פרעמדע לענדער, האָסט באַזיגט פעסטונגשטעט און געזען אַזויפיל געפאַלענע ביי דיינע פיס, אָבער דו האָסט נישט געלערנט, אַז אַלע חרטהם און אַלע יסורים און דאָס העכסטע געיאָמער קאָן נישט צוריקברענגען א טויטן צום לעבן, צי דאָס איז א קעניג אָדער א קנעכט. און ווי אַזוי האָט א קריגסמאַן נישט געלערנט, אַז אַלע אומרעכטן קאָן ער צוימען און אַלע קריוודעס קאָן ער איינציען אַזוי ווי א געשפּאַן אויף א פערד, אַז עס זאָל נישט צעדריקן זיין לוסט נאָך פאַרגעניגנס? דו האָסט אַמאָל ליב געהאַט תורתונא׳ן, איז זי פאַר דיר געשטאָרבן. ווילסטו דען אַז אַלע פרויען, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן זייערע הערצער, זאָלן פאַר דיר שטאַרבן? האָסטו אַמאָל א טראַכט געטון, אַז איך בין אַצינד ענלעך צו דער געשטאַלט פון תורתונא? ווען זי האָט געלעבט, בין איך געשטאַנען אין איר שאָטן. נאָך היינט האָב איך אויף מיין לייב אירע דופטן, אָבער מיינע קליידער זענען שענער און מיין לייב איז פרישער. ווי אַזוי האָסטו דאָס נישט געוואוסט, געליבטער מיינער, אַז וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך דיר נאָכגיין? די טיפסטע הייל וועט דיך נישט פאַרבאַרגן און דער ווייטסטער מדבר וועט נישט זיין פאַר דיר קיין אַנטרינונג. שטיי־אויף, איתמר! נישט דיין מידער קעמל, נאָר דער קעניגינס רייטוואָגן וועט דיך צוריקברענגען קיין שומרון.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט א געשריי. זיינע אויגן זענען נאָך געווען האַלב־געשלאָסן, ווען ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן ביישטידל פון דער טיר. ער האָט געשלאָגן דעם שטערן אָן דער ערד און געבעטן צו גאָט:

— נעם מיך נישט אוועק פון דאנען יהוה, מיין באַשעפער! צי בין איך דען א נזיר, וואָס דו מאַטערסט מיך מיט חלומות? וואָס בין איך היינט? ווינציקער ווי שטויב פאַר די פיס פון די אַלע ערלעכע מענטשן דאָ. דער לייבנ־עק פון יהודה האָבן זיי מיך גערופן, אָבער איך בין שוואַכער פון דעם פעדער־עק פון א פויגל. איך בין אַרויפגעגאַנגען אין פּאַלאַץ צו רופן אַן אויפשטאַנד, האָט דער מלך מיך איינגעשטילט. איך האָב געוואָלט די זיילשטיינער צע־ברעכן, האָט איזבל מיך באַרואיקט. מיינע נאָענטע האָב איך פאַרלוירן און מיינע געטרייע זענען דערווייטערט פון מיר. תקועי, מיין פאַרכטיקער לערער, קום צוריק און זיי מיין אָנלען צו מיר! ברידער מיינע, ברכיהו, חנינא און

תרשי, פאַרוואָס האָט איר מיך פאַרלאָזט? דערנענטערט זיך צו מיר און איך וועל אייך נאָכגיין אַזוי ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף גייט נאָך דעם הירט.

אין פרימאָרגן איז ער נאָך געווען צעטומלט און פאַרמאַטערט. צו באַרואיקן זיין געמיט איז ער אַוועק צום קוואַל, וואָס האָט געריזלט צווישן פעלזן, און זיך געבאָדן. דערנאָך איז ער ארוים אין פעלד און דאָרט תפילה געטון. ווען ער איז געגאַנגען איבערגראָבן די שטייניקע ערד, זענען שכנים געקומען אים העלפן, אָבער ער האָט זיי פון דעם חלום נישט דערציילט.

ער האָט געוואוסט, אַז בייזע מחשבות קאָנען פאַרטריבן ווערן דורך שווערער ארבעט, און נאָכן האַלבן טאָג האָט ער אָפּגעריסן צווייגן פון די ביימער צו מאַכן אַ נייעם באַדעקנס אויף זיין דאַך. צומאָרגנס האָט ער אויסגעפלאָכטן קראַנצן פון בלעטער און פאַרריכט דעם וואַסער-גראָבן. אויפן דריטן טאָג האָט ער אָנגעטראָגן שטיינער אויפצושטעלן אַ בראָט-אויוון. זיבן טעג האָט ער געאַרבעט מיט דעם גראָבאייזן און צווייגנמעסער. ער האָט פאַרפלאַנצט פרישע ניסנביימער און איילבירטנביימער, זיי זאָלן אויסשפרייטן אַ שאָטן פאַר זיין וואוינאָרט. אָבער אויפן אַכטן טאָג, ביים זונפאַרגאַנג, איז צו זיין שטיבל צוגעפאָרן אַ רייטוואָגן. דער וואָגנפירער האָט געטראָגן וואָפנקליידער. איידער נאָך איתמר האָט דערקענט איינעם פון דער קעניגינס וועכטער, האָט דער וואָגנפירער אַראָפּגעלאָזט נעמה'ן. זי איז געווען אַנדערש ווי אין חלום, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אָן גאָלדענעם זוים, אָן אַקסלבאַנד. דער בלויער קאַפּטור, וואָס האָט צוגעדעקט אירע געטורעמטע האָר, האָט פאַרשטעלט אַ האַלבן שטערן און שאַרפער געמאַכט דעם גלי אין אירע אויגן. דערזעענדיק נעמה'ן, האָבן ביי איתמר'ן אויפגעציטערט די אָדערלעך ביי די שליפן, אָבער געפרעגט האָט ער אַ פאַרבייזערטער:

— וואָס האָב איך דיר געטון נעמה, אַז דו האָסט מיך נאָכגעיאָגט ביז אַהער?

— שומרון רופט דיך צוריק, איתמר — האָט נעמה רואיק געענטפערט.

— וואָס ברענגסטו מיר היינט? ווידער די בשורה פון אַן אַנלויף פון אויפגעהעצטע נזירים?

— ניין. די בשורה פון אַ קראַנקן מלך ברענג איך. אחזיהו איז שלאָף.

— מלכים פאַר אים זענען שלאָף געוואָרן און די מלוכה אין שומרון איז געבליבן.

— דאָס מאָל וועט פאַלן די מלוכה.

איתמר האָט זיך דערנענטערט צו איר. ער האָט זי שאַרף אָנגעקוקט און דערזען שרעק אין אירע אויגן. די גליענדיקע לוסט, וואָס זי האָט געהאַט אין

חלום איז געווען פאַרדעקט מיט אַ קילן טרויער. ער האָט גאַרנישט געפרעגט, אָבער זיין בליק האָט געוואָלט וויסן מער פון די געשעענישן אין פּאַלאַץ.

— די וואָס האָבן געבעטן אויף אַ לאַנגן לעבן פאַר אחאָב'ן, וואַרטן היינט אויפן טויט פון אחזיהו'ן, — האָט זי געזאָגט,— שטאַרבן וועט ער, אויב די פּלוך פון דעם מאַן פון גלעד האָט אַנגעשראָקן צום טויט דעם הערשער פון ישראל.

אַ שפּאָט איז געווען אויף איתמר'ס ליפּן.

— ער וועט אויפשטיין, —האָט ער געזאָגט,— ער וועט ווידער טון דאָס, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט און פון פאָלק. און איזבל, זיין מוטער, וועט ווידער הערשן דורך אים.

נעמה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל גערעדט:

— ער וועט נישט אויפשטיין, ווייל דער געטלעכער מאַן האָט אים אַזוי געשאָלטן: דאָס בעט, וואָס דו ביזט אַרויף אַהין, דערפון וועסטו נישט אַראָפּ־גיין, נאָר שטאַרבן וועסטו שטאַרבן. די קללה הויערט אין פּאַלאַץ. די קעני־גין אַליין האָט מיך געשיקט צו דיר: גיי און ברענג דעם שטאַרקן קריגסמאַן, וואָס איז געווען געטריי מיין מלך, ווייל אין נויט בין איך היינט!

די זון האָט זיך געלאָשן אין מערב. אונטערן הימל האָט אַ מחנה פאַר־שפּעטיקטע פייגל געצויגן צו זייערע נעסטן, און פון די פעלדער אַרום האָבן זיך דערנענטערט שכנים מיט גראַבאייזנס איבער די אַקסלען צו דערקענען ווער איז די פרעמדע פרוי, וואָס האָט אויפגעזוכט דעם צוריקגעקומענעם שלאַכטמאַן אין דעם איינזאַמען אָרט? האָט איתמר פאַרשטאַנען, אַז אַ סוד טראָגט נעמה אין האַרצן און ער האָט זי אַריינגערופן אין זיין שטיבל, זי זאָל פאַר אים דערציילן אַלץ, וואָס איז געשען אין די טעג זינט ער איז אַוועק פון שומרון. אַ פרייד האָט אויפגעשטראַלט אין אירע אויגן ווען זי האָט געעפנט די ליפּן און דער־ציילט ווי דער יונגער קעניג האָט אין איינעם אַן אָוונט זיך צעשיידט פון זיינע ראַטגעבער און איז אַרויפגעגאַנגען צום טורעם פון פּאַלאַץ. אַ קנעכט איז גע־ווען הינטער אים, און פּלוצים איז אחזיהו אַרויסגעפאַלן דורך דער גראַטע פון זיין אויבערשטוב. קיינער ווייס נישט צי דער קנעכט האָט אים געשטויסן צום אומגליק, אָבער זיינע אברים זענען צעשמעטערט געוואָרן און ער איז אַצינד שווער קראַנק. אים, וואָס זיינע ביינער זענען שוואַך געווען פון געבוירן־אָן, האָט שוין קיין היילער נישט געקאָנט געגעזן. האָט דער קעניג געשיקט שליחים פרעגן ביי די פּריסטער פון בעל־זבוב, דעם גאָט פון עקרון, צי ער וועט געזונט ווערן פון זיין קראַנקייט. זענען די שליחים געגאַנגען, אָבער דאָס פאָלק אין שטאָט האָט דערנאָך דערציילט, אַזביים וועג האָט זיי אָפּגעוואַרט אליהו דער תשבי און גערעדט צו זיי: צי איז דען אין ישראל שוין קיין גאָט נישטאָ, וואָס

איר גייט פרעגן ביי בעל־זבוב, דעם גאָט פון עקרון? דעריבער האָט יהוה אזוי געזאָגט: דאָס בעט, וואָס אחזיהו איז ארויף אהין, דערפון וועט ער נישט אראָפּגיין, נאָר שטאַרבן וועט ער שטאַרבן!

זענען די שליחים אוועק צום קעניג, און ער האָט זיי געפרעגט: וואָס עפּעס האָט איר זיך אומגעקערט? האָבן זיי אים דערציילט ווי א מאַן איז זיי אקעגנגעקומען און אָפּגעזאָגט די קללה פון גאָט. האָט אחזיהו א בייזער אויסגערופן: וואָס איז דער אויסזען פון דעם מאַן, וואָס האָט נישט מורא צו שיקן א פלוך צום קעניג? און זיי האָבן געענטפערט: א האָריקער מאַן איז ער, מיט א פעלענעם גאַרטל ארום זיינע לענדן. האָט דער קראַנקער מלך א געשריי געטון: איך דערקען אים! דאָס איז דאָך אליהו דער תשבי! און ער האָט באַלד צו אים געשיקט א הויפּטמאַן מיט זיינע פופציק וועכטער, זיי זאָלן אים ברענגען א לעבעדיקן. זענען זיי אַרויפגעגאַנגען צו אים, ערשט ער איז געזעסן אויפן שפּיץ באַרג. האָט דער הויפּטמאַן געזאָגט: געטלעכער מאַן, דער מלך האָט באַפוילן: נידער אראָפּ! האָט אליהו געענטפערט: אויב א געטלעכער מאַן בין איך, זאָל אראָפּנידערן א פייער פון הימל און פאַרצערן דיך און דיינע פופציק! איז אזוי געשען, און עס האָט אראָפּגענידערט א פייער פון הימל און האָט פאַרצערט דעם הויפּטמאַן מיט זיינע פופציק.

ווי דער מלך האָט דאָס געהערט, האָט ער ווידער געשיקט צו אים אן אַנדערן הויפּטמאַן מיט זיינע פופציק וועכטער און ער האָט נאָך גערעדט שטרענגערע רייד צום תשבי: געטלעכער מאַן, אזוי האָט דער מלך באַפוילן: אייל זיך און נידער אראָפּ! האָט דער געטלעכער מאַן ווידער גערופן א פייער פון הימל, וואָס האָט זיי באַלד פאַרצערט. און ווי אחזיהו האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט ער א דריטן הויפּטמאַן מיט זיינע פופציק וועכטער. אָבער דער דריטער הויפּטמאַן האָט זיך געבוקט אויף זיינע קניען פאַר אליהו'ן און גערעדט: געטלעכער מאַן, צוויי מאָל פריער האָט א פייער אראָפּגענידערט פון הימל און פאַרצערט צוויי הויפּטלייט מיט זייערע פופציקער, און אצינד בעט איך דיך, זאָל מיין נפש און די נפשות פון די דאָזיקע פופציק קנעכט דיינע האָבן א ווערט אין דיינע אויגן! איז ביי אליהו, דעם מאַן פון אייפער, ווייך געוואָרן דאָס הארץ ווי א מלאך פון גאָט וואָלט צו אים גערעדט: נידער אראָפּ, האָב נישט מורא פאַר אים! און ער איז אויפגעשטאַנען און אראָפּגענידערט מיט דעם אונטערטעניקן הויפּטמאַן צום שלאָפן מלך, און פאַר אים גערעדט די זעלבע שרעקלעכע רייד פון שטראָף: אחזיהו, דו האָסט דערצערנט דעם גאָט פון ישראל, אזוי ווי דיין פאָטער און דיין מוטער און ווי אלע מלכים פאַר דיר זינט ירבעם, דער זון פון נבט. אזוי האָט גאָט געזאָגט: צי איז דען נישטאָ קיין גאָט אין ישראל צו פרעגן זיין וואָרט, וואָס

דו האָסט געשיקט שליחים צו פרעגן ביים בעל־זבוב פון עקרון? דעריבער הער! דאָס בעט וואָס דו ביזט ארויף אהין, דערפון וועסטו נישט ארונטערגיין, נאָר שטאַרבן וועסטו שטאַרבן!

— און די קללה הויערט אין אלע ווינקלען פון פּאַלאַץ, —האָט נעמה ווייטער דערציילט,— און די הויפּטלייט און פירשטן זענען טרויעריק, די הויפדינער און די קאַמער־מיידלעך גייען אום מיט זאכטע טריט צווישן די זיילן און פליסטערן שטיל. און די מלכה, וואָס האָט אמאָל געשוואוירן אָפּצושניידן דעם קאָפּ פון אליהו'ן, איז היינט דערשראָקן און אָנמעכטיק איבער דער גרויזאַמער פלוך און זי האָט באַלד גערופן יהורמ'ען, איר יינגערן זון, צו רעדן מיט אים וועגן די געזעצן פון דער מלוכה, טאָמער וועט ער מוזן הערשן איבער ישראל אויב אַן אומגליק זאָל געשען צו זיין ברודער. און דאָס איבעריקע וועגן דעם קראַנקן אחזיהו ווייסן דאָך די האַרן ווי די קנעכט, —האָט נעמה געזאָגט,— דער יונגער קעניג האָט גענומען פאר א ווייב בשמת, די טאָכטער פון א צידונישן פרינץ, וואָס די מלכה האָט אים געגעבן. ער איז געקומען צו איר, אָבער ער האָט זי נישט דערקאָנט און זי האָט קיין פרינץ נישט געבוירן. שוואַך ווי א שפּיזן־טרעגער און שוואַך ווי א זכר איז דער היינטיקער קרוינטרעגער פון ישראל.

און ווי איתמר האָט אויסגעהערט אלץ, וואָס נעמה האָט דערציילט פון די געשעענישן מיט דעם מלך אחזיהו, איז ער געוואָרן שטאַרק דערצאָרנט, וואָרום ער האָט געזען, אז איזבל גרייט שוין איר באַליבטן זון יהורם פאר דער מלוכה. אין דעם טאָג איידער ער האָט פאַרלאָזט שומרון, האָט די מלכה נאָך פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל בלייבן אין פּאַלאַץ. זי האָט געזאָגט: די מלכים אין אפרים שטאַרבן יונג, זיי ווערן פאַרלענדט פון דער שווערד אָדער אין פייער פון אויפשטאַנד. און וויפל נצחונות קאָן דער שוואַכער אחזיהו נאָך אין זיינע טעג געווינען? איתמר האָט אין די רייד פון דער מלכה דערהערט א גרויסע שרעק, און אצינד האָט די שרעק געשריגן נאָך העכער אין זיינע אויערן. אחאָב איז געווען שוואַך נעבן א שטאַרקער מלכה. היינט איז איזבל אליין מיד און דערשראָקן, און איר זון איז ווינציקער ווי א שאָטן פון זיין פאָטער. דער אומרו האָט איתמר'ן אריינגעטריבן אין א הינדערניש. באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און אזוי געטראַכט: פון דער קעניגינס האַרץ קומט א קול וואָס באַפעלט אלע אירע קנעכט וואָס צו טון, און צו דעם דאָזיקן איינציקן קול מוז ער זיך צוהערן. עס איז אויך נישט גאָטס ווילן, אז ער זאָל בלייבן ווייט פון דער קרוינשטאָט. צי איז עס דען רעכט צו פאַרגעסן די מלכה, וואָס רופט אים אין איר נויט? מיט צווייפל האָט ער זיך געפרעגט: אויב איך וועל בלייבן אין דעם דאָזיקן לײדיקן לאנד, צי וועל איך נישט ווערן טויב און שטום, אזוי ווי אמאָל עלי פון אשקלון, צו די אומגליקן פון מיין פאָלק?

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. פינצטערע שאָטנס האָבן זיך אויסגע־לייגט אויף די ווענט. נעמה איז אצינד געשטאנען נאָענט צו אים. זי האָט געזאָגט:

— איך בין מיד פון דעם לאַנגן וועג.

ער האָט אין געאייל אָנגעצונדן א פאקל און אריינגעשטעקט אין דעם וואנט־אויסהויל איבער דער טיר. א רויטער שיין איז געפאלן אויף זיינע ברוינע קינבאַקן.

— בלייב דאָ, נעמה, —האָט ער געזאָגט,— מיין שטוב איז דיין רו־קאמער.

און זי האָט געלאָזט פאלן דעם מאנטל פון אירע אקסלען, און אזוי ווי זי איז פריער געווען צוגעדעקט פון די קנעכלעך ביז צום נאקן, אזוי האָט אצינד פאר אים אויפגעבלענדט די ווייסע הויט פון אירע אנטפלעקטע אָרעמס און האלדז, באהאנגען מיט דינע זילבערנע רייפנבענדער און פערל־שנורן. א שאר־פער דופט פון געווירצן האָט אָנגעפילט די אָרעמע קאמער. אירע לאַכנדיקע אויגן האָבן גערוט אויף זיינע האנטביילן.

— אזוינע ווי דו זענען געבוירן צו זיצן אין טורעמס און נישט אין א שטיבל פון ליים און צווייגן, —האָט זי געזאָגט,— אָ, ווען איך וואָלט נאָך היינט די וואָרזאָגערין אין בית־אל געווען! מיט הייסע שפּרוכן און כישוף וואָלט איך ארויסגעריסן דעם פיין פון דיין הארץ.

זי האָט געקוקט אויף די טונקעלע ווענט און אויף דעם הארטן געלעגער ווי זי וואָלט געשעצט די ווערט פון דעם מאן, וואָס וואוינט אין דער דאָזיקער ענגשאפט. א גליקזעליקייט איז אין איר אויפגעגאנגען. אויף אים האָט גע־קוקט א פרוי, שטארק אין איר צארטקייט און גערעכט אין איר רחמנות צו אים. די, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער מלכה, איז פריער געווען איינגעוויקלט אין סודות. אצינד איז געשטאנען פאר אים א פרוי מיט באגערן פון בלוט, אנטבלויזט אין איר לייב און נאקעט אין הארץ. זי האָט געפליסטערט פאר־פירעריש:

— דיין קעניג אחאב איז געפאלן אין שלאכט, זאט מיט נצחונות. ער איז געשטאָרבן, אָבער ער האָט געלעבט. צי ווילסטו דען שטארבן איידער דו וועסט פארזוכן דעם דופט פון לעבן?

ער האָט געקוקט אויף איר מיט הונגעריקע בליקן און זיינע נאָזלעכער האָבן געציטערט. אויף איין מאָל זענען אלע שרעקן פאר דער פארלאָזענער מלכה פון אים אוועק. א פרוי מיט זודיק בלוט, אזוי ווי זיין אייגן בלוט, איז פאר אים געשטאנען. די טולן, וואָס האָבן קוים איינגעהילט אירע אקסלען, זע־נען געווען דין און ווארעם ווי איר הויט. אירע שארפע בלויע אויגן האָבן גע־בליצט. דער ענגער טוניק האָט איינגעצויגן די ווייכע לענדן און אונטערגע־

הויבן אירע בריסטן, וואָס זענען געווען אויפגעבליט. זיינע שווארצאפלען האָבן געבלאַנדזשעט אין יענע פארבאַטענע ערטער, וואו דער בליק פון א זכר ווערט פארבלענדט. ער האָט געזען ווי פון אירע שענקלען ציען זיך דינע קייטעלעך ביז צו די ראָזע קניען. פון די אויערינגען זענען אראפגעהאנגען בינטלעך גרינע פערל, ווי וויינטרויבן.

אזוי איז זי פאר אים געשטאַנען, פריש און רייף ווי א צייטיקע פרוכט. אָבער ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע פינגער, איז ער געבליבן פארשעמט ווי א יינגל, וואָס שרעקט זיך אָנצורירן די פארבאָטענע פרוכט. נעמה האָט זיך א צי געגעבן צו אים, ווי א געוויקס צו דער זון, און איז ווידער אָפגעטראָטן. זי האָט געזאָגט:

— איך קאָן לאנג נישט בלייבן מיט דיר, איתמר. פון פאַלאַץ בין איך געקומען אהער, און די מלכה וואַרט אויף מיין צוריקקער. אָבער צי מעג איך זיך אומקערן אליין? חירם דער לוסטיונג, האָט שוין דערוויילעטערט אלע דיינע געהאַרכזאמע. ווילסטו, ער זאָל אויך צונעמען דיין מאכט? הויב זיך אויף פון דעם אָרט, קריגסמאַן, און פארלאָז דאָס לאנד. אזוי ווי די נשמה פירט־אָן מיט דעם גוף, אזוי קאָן דיין אָרעם אָנפירן מיט דעם קעניגס שטאָט. דו קאָנסט זיין העכער פון אלע הויפטלייט, וואָס זענען געקומען נאָך דיר, און זיי וועלן זיין גליקלעך צו וואשן דיינע פיס. דו קאָנסט שטארקן דאָס געשלאָגענע חייל און ווערן דער ערשטער באפעלער אין דער מלוכה. אָן א קאָפּ איז שומרון געבליבן. און דו, איתמר, מוזט פארלענדן די נזירים, וואָס זענען אָנגעלאָפן אין אונדזער שטאָט זי חרוב צו מאכן.

אָבער איתמר האָט געזאָגט:

— מיין האנט וועט קיינמאָל זיך נישט אויפהויבן איבער דעם קאָפּ פון א פאָרכטיקן מאַן.

— זייער האָס ברענט שטארק אזוי ווי זייער נשמה; זייער צאָל האָט זיך געמערט און זייערע קללות זענען שארפער פון די נעגל ביי רויבפייגל. א פרומער צי א לעסטערער, דער וואָס וויל אומברענגען די העכסטע שטאָט, זאָל פארשניטן ווערן. צי האָט נישט אזוי געשוואוירן יעדער הויפטמאַן צו דער מלוכה? און דו אליין, איתמר, צי האָסטו נישט אין דיין צאָרן אמאָל געפלוכט די נזירים, וואָס האָבן געוואָלט אָפהאלטן דיין חייל פון ארויסצוגיין אין מלחמה נאָך דיר? האָסטו זיי נישט געפלוכט, אז אויף דער ערד זאָלן זיי א שפייז פאר די חיות זיין און אין די טורעמס פון די פעסטונגען א מאכל פאר די רויבפייגל?

— איך האָב אין יענעם טאָג דעם פארשטאנד פארלוירן, אויב מיין מויל האָט געקאָנט פלוכן א געטלעכן מאַן.

נעמה האָט זיך ארומגעקוקט איבער דער קאמער. דאָס פייער פון פאקל

האָט געציטערט אין דער הייסער לופט. אין דעם רויטן שיין האָט זי געזען זיינע אויגן ווי צוויי קוילן אין דער נאכט. פריער איז זי געווען אונטערטעניק צו די העכסטע כוחות, אָבער באלד וועט ער אונטער דער קראפט פון אירע רייד זיך איבערגעבן צו דער לוסט פון מאכט, ווייל צו לעבן ווי א קריגסמאן איז ער געבוירן. זי האָט גערעדט:

— מיט טויזנט יאָר פריער האָבן שוין מלכים געהייסן זייערע הויפּטלייט טרינקען וויין און רוען אויף דער שויס פון פרויען, פארוואָס זאָלסטו זיין אַנדערש פון זיי? דאָס איז דער אָנהייב פון דיין אונטערגאנג. עס וועלן פארביי טעג און דו וועסט אריינגיין טיפער אין מדבר און ווערן איינער פון די אומגליקלעכע נזירים. דו וועסט מיד ווערן צו שלאָפן אויף דער הארטער ערד און צו טרינקען דעם ביטערן זאפט פון פלאנצן. אַנשטאָט וואָפנקליידער וועסטו טראָגן א פעלענעם גארטל ארום די לענדן; אַנשטאָט די שאלונג פון טרומייטן וועסטו הערן דעם געיאָמער פון שאקאלן. ווער וועט זיגן? די וואנדערנדיקע חיות וועלן געפינען נאָך א קרבן צו פארצוקן און שומרון וועט פארלירן איר ערשטן שלאכטמאן.

אירע רייד זענען געוואָרן ווילדער און צאָרנדיקער, און עס איז אים געווען א וואונדער ווי פון די דאָזיקע ווייכע,ווארעמע ליפּן פאלן אראָפּ ווערטער וואָס ער איז געוואוינט צו הערן פון בייזע שטראָפער. מיט אזוי פיל יאָרן פריער זענען אויך צוויי שליחים געקומען אים ארויסנעמען פון דעם דאָזיקן שטילן לאנד. יענע האָבן געטריבן אראָפּצוגיין אין שומרון און אומברענגען די מלכה, און זי רופט אים היינט אָפּצוהיטן און שוינען די זעלבע מלכה. אָבער ביידע האָבן א פארלאנג צו שיצן די מלוכה אין שומרון. מער האָט ער נישט געוואָלט הערן. פון צופיל משא זענען אלע זיינע מחשבות פלוצים צעדריקט געוואָרן ווי פייגל אונטער אַן אדאָפּגעפאלענעם פעלז. דער מוח איז געוואָרן לייכט ווי א פעדער. ער האָט נאָך איין בליק געטון אויף איר און מיט א היציקן אָטעם גערעדט:

— ווי אזוי האָב איך דיך נישט דערקענט ביז היינט, נעמה? צי בין איך אזוי בלינד, אז איך קאָן מער נישט פונאנדערשיידן ווען עס פליט־אָן א ראָב און ווען עס פלאָטערט איבער מיין קאָפּ א טויב? ווי גערעכט ביזטו! א פארּאומערטער בין איך דאָ און איך האָב זיך דאָס דערוואוסט דעם ערשטן טאָג אונטער דעם דאָזיקן דאָך. די ווענט האָבן מיך נישט געגריסט און דאָס אָנגעהייצטע פייער האָט מיך נישט געווארעמט. איז עס וואָר, אז די בארגשטאָט האָט מיך אזוי פארבלענדט, אז איך בין געבליבן ביי איר געפאנגען, נאָכדעם ווי איך בין געקומען ביז אהער? וואָס טיפער איך גיי אריין אין דעם אָפענעם לאנד, אלץ נענטער שטיי איך ביי שומרון. אויב איך האָב נישט פארזוכט, ווי

דו זאָגסט, פון דעם דופט פון לעבן, האָב איך אָבער פארלוירן דעם פארשטאנד פון א זייגלינג, וואָס וויינט ווי נאָר מען רייסט עס אָפּ פון דער מוטערס נאָפּל. פארוואָס ציט מיך צו דער פעסטונגשטאָט ווי עס ציט א פלאַנץ צו דער זון? די פרייד פון די אָפּגעשיידטע איז נישט מיין פרייד און איך וועל נישט ליידן ווי א נזיר פון דעם פיין פון גוף און די יסורים פון דער נשמה. די פרייד יאָגט מיך און איך אנטלויף פון איר. אויב איך וועל דאָ לענגער בלייבן, וועלן די שטיינער ברענען אונטער מיינע פיס. קום, לאָמיך צוריקגיין אין דער פאר־יתומטער שטאָט און אָנטאָן די וואָפנקליידער.

ער האָט זי געוואָלט האָבן נאָענט ביי זיך. זיין אָטעם האָט ווי א שטורעם אים געשטויסן פאָרויס, און ער האָט זי איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט, אָבער זי האָט לאַכנדיק זיך אויסגעוויקלט פון אים. זיינע ליפּן זענען געווען טרוקן ווי פייער. ער האָט אויפגעהויבן די קרוג וואסער פון דער ערד און געטרונקען מיט גרויס דאָרשט. די טראָפּנס זענען אראָפּגערונען פון די ליפּן און געפאלן אויף די רויטע געקרויזטע פלעכטן פון זיין קורץ־געהאַקטער באָרד. זיינע הייסע בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איר. ער האָט זי אויסגעזויגן ווי מען זייגט־אויס דעם האָניק פון א בלום. מיט זיינע פינגער אויף אירע געלענקען האָט ער זי לייכט געצויגן צו זיך, אָבער ווידער האָט זי זיך דערוויטערט. נישט צו־לייכט וועט דער שלאַכטמאַן זי באַצווינגען. אין איר ווידערשטאַנד איז גע־ווען נקמה און באַלוינונג פאַר די טעג ווען זי איז פון אים געווען פארגעסן.

איתמר איז געווען באַרוישט פון איין באַגער: אויפגעלייזט צו ווערן מיט איר ווי וואַקס אין פייער, ווי א ליליע אין וויין. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אָרעמס, און די האַרטע אָדערן האָבן ווי שלאַנגען זיך אויסגעצויגן ביז אריבער די עלנבויגנס. א שווייס איז גערונען איבער זיין האָריק האַרץ, אראָפּ צו די רימענס וואָס ארום די לענדן. פון זיין געשווינדן אָטעם האָבן די ריפּן־ביינער זיך געהויבן. זיינע ציין האָבן זיך געשאָקלט. אין יענער רגע איז נעמה׳ס לייב געוואָרן אונטערטעניק אונטער זיינע פינגער. ער האָט זי אויפגעהויבן אזוי ווי א פרוכט, אראָפּגעריסן פון בוים, און אזוי ווי א פרוכט האָט ער זי געטראָגן אויף די הענט איבער דער קאַמער, ביז ער האָט זי אראָפּגעלאָזט אויף דעם האַרטן געלעגער. ער האָט אונטערגעבעט צוקאָפּנס איר מאַנטל און זיך איבער־געבויגן איבער איר. אירע ליפּן זענען געווען פייכט און די אויגן האָבן גע־שטראַלט פון גליקזעליקייט ווען זיין אָטעם האָט אויף איר געבריט. אין שומרון האָט געוואַרט אויף אים דער פאַנצער, אָבער פריער האָט ער געמוזט זעטיקן די לוסט פון בלוט. דער פאַקל האָט טונקעלער געפלעמלט. פון הינטער דער וואַנט האָט זיך געטראָגן דאָס געפלאַטער פון א נאַכטפויגל. ער האָט געזאָגט:

— ווען די זון וועט אויפגיין, וועל איך אָנלאָדן מיין קעמל.

אָבער נעמה האָט געלאַכט מיט פאַרגעניגן אונטער זיינע האָריקע אויגן. זיינע האָריקע הענט זענען געווען ווי א ווייכער וואָל אויף איר נאַקן. זי האָט ארויפגעלייגט צוויי פינגער אויף זיין ברענענדיקן מויל, אים איינצושטילן.

— ניין, —האָט זי געזאָגט,— רייטן אויף א קעמל פאַסט פאַר א מדבר־וואַנדערער, נישט פאַר א פירשט. דו וועסט זיצן נעבן מיר אין דער קעניגינס רייטוואָגן.

ז

אחזיהו איז געשטאָרבן און יהורם, זיין ברודער, האָט געקעניגט אויף זיין אָרט, ווייל ער האָט קיין זון נישט געלאָזט נאָך זיך. ווי א שטורעמווינט האָט אחזיהו געוואָלט אריינגעמען די מלוכה פון זיין פאָטער און אים ברענגען נצחור־נות, אָבער ווי שטויב אויפן ווינט איז זיין כוח צעפאַלן און ער איז אויסגע־גאנגען פאר זיין צייט. די טעג פון טרויער פאר איזבל'ן זענען געווען קורצע, און אירע געטרייע פריסטער האָבן זי געטרייסט: שרעק זיך נישט פאר דעם פאָלק, מלכה. דער המון איז זאט און פרידן הערשט אין לאנד. דו וועסט פון היינט־אָן הערשן דורך דיין צווייטן זון! און דאָס איז געווען ווען די יונגע נביאים אין שומרון האָבן געהערט, אז עס קומט דער סוף צו די טעג פון אליהו דעם תשבי, און גאָט אליין וועט אים ארויפנעמען, אין א שטורעמווינט, אויפן הימל. דער געטלעכער מאן איז ארויס פון דער הייל אויפן בארג, וואו ער איז געווען באהאלטן אלע טעג און אזוי ווי מלאָכים וואָלטן אָנגעזאָגט אלע פאָרכ־טיקע מענער וועגן דעם סוף פון אליהו, איז א מחנה יונגע נביאים אים נאָכגע־גאנגען. אָבער דער תשבי האָט זיך פארקערט אויף אן אנדערן וועג און איז געגאנגען ביז גליל. דאָרט איז צו אים צוגעשטאנען אלישע, זיין תלמיד. האָט אליהו געזאָגט צו אים: בלייב דאָ, איך בעט דיך, וואָרום גאָט האָט מיך גע־שיקט ביז בית־אל. אָבער אלישע איז נישט אָפּגעטראָטן און גערעדט: אזוי ווי גאָט לעבט און אזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך פארלאָזן!

האָבן זיי אראָפּגענידערט ביז בית־אל און דאָרט זענען אנטקעגן־געגאנגען די יונגע נביאים און געפרעגט ביי אלישע'ן: ווייסטו, אז היינט נעמט גאָט אוועק דיין האַר פון דיין קאָפּ? האָט ער געזאָגט: יאָ, איך ווייס, אָבער שווייגן מוזט איר! און אליהו האָט ווידער געבעטן זיין תלמיד: בלייב דאָ, אלישע, וואָרום גאָט האָט מיך געשיקט קיין יריחו. האָט אלישע ווידער גע־שוואוירן אים נישט צו פארלאָזן, און זיי זענען געקומען ביז יריחו. האָבן זיך דערנענטערט די יונגע נביאים פון יריחו און אים געפרעגט, און אלישע האָט

זיי ווידער געהייסן שווייגן. אליהו האָט אלישע׳ן געבעטן דאָרט צו בלייבן, ווארום גאָט האָט אים געשיקט ביז צום ירדן, און אלישע האָט צום דריטן מאָל געשוואוירן, אז ער וועט אים נישט פארלאָזן.

און ווי זיי זענען אָנגעקומען צום ירדן, האָבן פופציק מאַן פון די יונגע נביאים זיך געשטעלט פון דערווייטנס, צו זען וואָס עס איז געשען מיט דעם געטלעכן מאַן. אין יענער רגע האָט א גרויס וואונדער זיך אנטפּלעקט פאר זייערע אויגן: אליהו האָט גענומען זיין מאנטל און אים צונויפגעוויקלט און געשלאָגן דערמיט דאָס וואסער, און דער טייך האָט זיך צעטיילט אהין און אהער און ער און אלישע זענען אריבערגעגאנגען אין טריקעניש. ווען ביידע זענען געווען אויף דער אנדערער זייט ירדן, האָט אליהו געזאָגט צו אלישע׳ן: בעט וואָס איך זאָל דיר טון, איידער איך וועל אוועקגענומען ווערן פון דיר. און אלישע האָט געזאָגט: זאָל דיין גייסט, איך בעט דיך, רוען אויף מיר צוויי מאָל אזויפיל! האָט דער תשבי געזאָגט: א שווערע זאך האָסטו געבעטן. אויב דו וועסט מיך זען ווי איך ווער אוועקגענומען פון דיר, וועט אזוי געשען; אויב אָבער נישט, וועט אזוי נישט געשען!

און ווי זיי זענען געגאנגען אזוי ווייטער, געגאנגען און גערעדט, ערשט א פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד האָבן זיך אראָפּגעלאָזט און זיי ביידן פונאנדערגעשיידט, און אליהו איז ארויף מיט א שטורעמווינט אין הימל. און ווי אלישע האָט דאָס געזען, אזוי האָט ער געשריגן: פאָטער מיינער, פאָ־טער מיינער, רייטוועגענער און רייטער פון ישראל!

און אז אליהו איז מער נישט געזען געוואָרן, האָט אלישע אָנגענומען זיינע קליידער און האָט זיי צעריסן אויף צוויי שטיקער און ער האָט אויפגעהויבן אליהו׳ס מאַנטל, וואָס איז אראָפּגעפאלן פון אים און האָט זיך אומגעקערט צום ברעג ירדן און געשלאָגן דאָס וואסער און גערופן: וואו איז יהוה, דער גאָט פון אליהו׳ן? און אזוי ווי ער האָט געשלאָגן דאָס וואסער, האָט דאָס וואסער זיך צעטיילט אהין און אהער און אלישע איז אריבערגעגאנגען.

די יונגע נביאים פון יריחו האָבן אים געזען פון אקעגנאיבער און אויסגע־רופן: דער גייסט פון אליהו רוט אויף אלישע׳ן! און זיי האָבן געגענגט און זיך געבוקט פאר אים צו דער ערד. און איינער פון זיי האָט געזאָגט: אָט זענען צווישן דיינע קנעכט פופציק מאַן, העלדישע יונגען, זאָלן זיי גיין און זוכן דיין האר, טאָמער האָט אים דער גייסט פון גאָט פארוואָרפן אויף איינעם פון די בערג אָדער אין איינעם פון די טאָלן. אָבער אלישע האָט אָפּגערעדט: איר זאָלט קיינעם נישט שיקן! זענען זיי צו אים אזוי לאנג צוגעשטאנען ביז ער האָט זיך פארשעמט און מער נישט געקאָנט אָפּזאָגן. האָבן די פופציק מאַן ארומגעזוכט אליהו׳ן דריי טעג און אים נישט געפונען. און אלישע האָט גע־

וואַרט ביז זיי זענען צוריקגעקומען אין יריחו און צו זיי געזאָגט: האָב איך דען פריער אייך נישט געזאָגט איר זאָלט נישט גיין?

אויפן צווייטן טאָג זענען די באַוואוינער פון יריחו געקומען צו אלישע׳ן, ער זאָל זיי באַווייזן א נס און געזונט מאַכן דאָס וואַסער פון זייער שטאָט, וואָרום עס ברענגט טויט און אומגליק. האָט ער געהייסן זיך ברענגען א נייע שיסל מיט זאַלץ און ער האָט זיך געשטעלט ביים ארויסגאַנג פון וואַסער און דאָרט אריינגעוואָרפן דאָס זאַלץ און דערנאָך געזאָגט אין נאָמען פון גאָט: איך האָב געזונט געמאַכט דאָס דאָזיקע וואַסער און מער זאָל פון דאָרט נישט קומען קיין טויט און קיין אומגליק! און דאָס וואַסער איז געזונט געוואָרן ביז אויפן היינטיקן טאָג.

אלישע איז נישט געבליבן אין יריחו. ער איז ארויפגעגאַנגען אין בית־אל. די וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג, איז ער פאַרבייגעגאַנגען און יענע, וואָס האָבן געשפּעט פון אים, האָט ער פאַרשאָלטן, און פון זיין גרוי־אַמער פלוך זענען איינמאָל געשטאָרבן קינדער. און ער איז ווייטער געגאַנגען פון דאָרט צום באַרג כרמל און ער האָט געטרונקען די לופט, וואָס איז געווען אַזוי ריין ווי טוי אויף די פלאַנצן אין פרימאָרגן. און ער האָט זיך באַהאָפטן מיט דעם אָטעם פון גאָט און פון דאָרטן האָט ער זיך אומגעקערט קיין שומרון.

ח

יהורם האָט איבערגענומען די מלוכה אין שומרון און ער האָט געשיקט זיינע הענדלער און הויפהאַרן צו ברענגען קעפּסווייבער פון צור און אדום, פון עמון און מואָב. ער האָט גענומען טעכטער פון די פעלקער, וואָס גאָט האָט פאַרווערט די קינדער פון ישראל צו קומען צווישן זיי. אָבער יהורם האָט זיך באַהעפט מיט זיי אין ליבשאַפט און אין לוסט און ער האָט געזוכט פרידן מיט דעם געטלעכן מאַן אלישע.

חירם און די הויפּטהאַרן זענען צוגעשטאַנען, אַז די מוטער־מלכה זאָל בלייבן אין דעם ווינטערהויז אין יזרעאל כדי איינצושטילן די קנאים פון יונדב בן רכב, וואָס ציען פון מדבר אין שטאָט אריין. זיי האָבן זי געטרייסט: דער מלך יהורם זיצט אַלע טעג אין שומרון, זיין קרוינשטאָט, און זי, די מוטער־מלכה, טוט הערשן דורך אים. אָבער די פאַראומערטע איזבל האָט אויף אירע געטרייע אָנגעשריגן:

— אין דער שטאָט, וואו עס רוען מיינע צוויי מלכים וועל איך בלייבן, ביז צום טאָג ווען מען וועט אַראָפּלאָזן מיינע ביינער אין קבר נעבן זיי.

איר קול איז געווען שטאַרק און איר האַרץ האָט געשטורעמט, ווייל זי האָט פאַרגעסן אָן דעם פלוך פון נביא נאָך דער רציחה פון נבות׳ן. אין הויף זענען די קריגסמענער אין יענע טעג געוואָרן טומלדיקער. זייערע שווערדן און שפּיזן האָבן געקלונגען העכער און זיי האָבן מיט כבוד זיך געשטעלט פאַר איר אַזוי ווי אין די טעג פון אַחאָב׳ן. זי האָט ליב געהאַט די פרייד פון באַגעגעניש און דעם טרויער פון אָפּשייד, אָבער פון איר אייגן האַרץ איז געקומען די וואָרענונג, אַז דער אויפגאַנג פון אליהו׳ס יורשים קאָן מער נישט אָפּגעשטעלט ווערן. און מואָב, וואָס איז געלעגן ביי די פיס פון אַחאָב, האָט פאַראַרעמט ישראל און זי צאָלט נישט אירע צינזן. זי שטאַרקט איר חייל און יהורם קאָן זי מער נישט אונטעריאָכן. און איזבל האָט דערזען, אַז בלויז איין קאָפּ איז

ווערט געווען די קרוין פון שומרון — דער קאָפּ פון איר מאַן. אַחאָב איז געשטאָרבן אין שלאַכט, און זי, איזבל, איז זי דען נישט געבוירן געוואָרן צו שטארבן מיט א העלדישן טויט? א מלכה צום זיג, א מלכה צום פאַלן! בעת אזוינע טראַכטונגען האָט זי געגלויבט, אַז די געטער גרייטן פאַר איר א געשווינדן טויט אָנשטאָט א לאַנגער גסיסה מיט דער בושה פון יסורים. און אַנדערע איזבל איז אצינד געווען די אלמנה פון אַחאָב'ן. זי האָט פאַרלוירן דעם פּחד און איר צאָרן האָט זיך געקילט. ווען זי איז געשלאָפן ביינאַכט האָבן וועכטער מער נישט געהיט איר קאַמער. זי האָט שפּאַצירט אין גאָרטן פון פּאַלאַץ, אָבער די דינסטן האָבן איר נישט געטאָרט נאָכגיין. בלויז נעמה'ן האָט זי גערופן יעדן זיבעטן טאָג, אַז זי זאָל איר אויסזאָגן צי די קעפּסווייבער פון צור זענען געטריי דעם יונגן מלך, און דואג'ן, איר קנעכט, האָט זי געשיקט אויסשפּירן וויפיל הויפטלייט עס גייען צו די איינזאַמלונגען פון די רכבים און אין וואָסערע שטעט וויזט זיינע וואונדער דער הייליקער אלישע?

אין א טאָג, ווען זי איז געווען פאַראומערט און מיד, האָט זי געהייסן די דינסטן גרייטן א באָד פון מירע און דערנאָך האָט זי פאַרברענגט ביזן אָוונט אויף איר ווייכן געלעגער. די פינגער פון א געניטער שקלאַפין האָבן געריבן איר צעקנייטשטש לייב און אָנגעווארעמט דאָס אָפּגעקילטע בלוט. אויף צומאָרגנס איז זי מיט אָפּגעפרישטע כוחות אריין צו איר זון אין דער קאַמער פון די ראַטגעבער און צו אים שטרענג געזאָגט:

— דאָס הויז פון ישראל האָב איך פאַר דיר געגרייט ווען דו ביזט נאָך א שוואַך קינד געווען, יהורם. היינט מוזטו דאָס הויז האַלטן אויף דיינע הענט אַזוי פעסט ווי די זיילן פון עלפאַנטביין האַלטן דעם דאַך איבער דיין קאָפּ. דיין פאָטער דער קעניג האָט געוואוסט, אַז א מלוכה איז אזוי שטאַרק ווי דעם מלכ'ס אָרעם.

יהורם האָט פאַרשטאַנען זיין מוטערס רייד, און פון יענעם טאָג אָן זענען זיינע שופטים געוואָרן שטרענגער און די צינזהאַרן האַרטער, ווייל זיין מלוכה האָט נישט געטאָרט אָפּגעשוואַכט ווערן ווען דער שונא ביים מזרח האָט אראָפּגעוואָרפן זיין פאָטערס יאָך. מישע, דער מלך פון מואָב, פלעגט צאָלן צום מלך פון ישראל איטלעכעס יאָר די וואָל פון הונדערט טויזנט לעמער און הונדערט טויזנט ווידערס, אָבער ווי אַחאָב איז געשטאָרבן, האָט ער געזאָגט צו זיין פאָלק, וואָס האָט געפיטערט שאָף: צאָלט נישט! דער אַלטער מלך איז טויט און אין דעם נייעם מלך האָב איך ווידערגעשפּעניקט! און ער האָט ארויסגעטריבן פון זיין לאַנד די צינזהאַרן פון ישראל און אוועקגעשטעלט מער שווערדן־ציער ביי די געמאַרקן.

יהורם איז געווען יונג און אומדערשראָקן און זיך א נדר געטון צו געווי-

נען די נצחונות פאר זיין פאטער, וואס זיין ברודער אחזיהו האט נישט דער־לעבט צו ברענגען. ער האט געוואלט איבערצייל̈ן גאנץ ישראל און ארויפגיין אויף מלחמה קעגן מואב, אבער ער האט געדענקט דעם גרויסן שלאק ביי רמות־גלעד, און גערופן אלישע'ן צו הערן זיין ווארט. דער געטלעכער מאן האט אים נישט געוואלט זען, ווייל נישט אויסגערייניקט איז געווארן די פארדארבנקייט אין פאלאץ. יהורם האט אן דעם ווינן פון זיין מוטער אפגעטון דעם זיילשטיין פון בעל, וואס זיין פאטער האט געמאכט, אבער פון די אויסגעלאסענע האט ער זיך נישט אפגעקערט און מיט די זינד האט ער זיך באהאפטן.

אלישע איז אריין טיפער אין לאנד און זיין נאמען איז געגאנגען פארויס פאר אים און פון זיינע וואונדער און היילונגען האט מען געהערט אין אלע שטעט ביז צו מזרח אריבער דעם ירדן. יאר נאך יאר האט ער געוואנדערט איבערן לאנד, און זיין יונג גיחזי, האט אים באגלייט. ער האט געטרייסט אומגליקלעכע און געלינדערט די יסורים ביי געפייניקטע. ער האט אויסגע־לייזט קנעכט פון געפאנגענשאפט און ריין געמאכט די לייבער פון קרעציקע און אפגעווישט די טרערן פון יתומים. איין מאל, ווען ער איז דורכגעגאנגען א שטאט, האט אן אלמנה פון איינעם פון די יונגע נביאים זיך געווארפן צו זיינע פיס מיט א געוויין, אז א בעל־חוב פון איר טויטן מאן איז געקומען נעמען אירע צוויי זין פאר קנעכט, האט דער הייליקער מאן דורך א וואונדער אנגע־פילט אירע כלים פון אירע שכנים מיט אייל און ער האט זי געהייסן פארקויפן דאס אייל און באצאלן דעם חוב. און עס איז געפלאסן אזוי פיל אייל, אז די אלמנה מיט אירע זין האבן געקאנט לעבן פון דעם רעשט. איין טאג, ווען ער איז אנגעקומען קיין שונם, האט א רייכע פרוי אים פארהאלטן צו עסן ברויט. און ווען נאר ער איז שפעטער דורכגעגאנגען, האט ער פארקערט אהין צו עסן ברויט. און זי האט דערנאך מיט איר מאן פאר אים אויסגעמויערט אן אויבער־שטיבל און דארט אוועקגעשטעלט פאר אים א בעט און א טיש און א שטול און א לאמפ. האט אלישע גערופן די שונמית, ווייל זי איז געווען אן עקרה און זי געבענטשט, אז זי זאל אין דער צייט איבער־א־יאר האלדזן א זון. אבער די פארשעמטע פרוי האט געזאגט: געטלעכער מאן, זאלסט נישט נארן דיין דינסט.

אבער די פרוי איז טראגעדיק געווארן און זי האט געבוירן א זון אין דער צייט, אין א יאר ארום, און ער איז אויפגעוואקסן. אבער עס איז געווען איין טאג, איז ער ארויסגעגאנגען צו זיין פאטער ביי די שניטערס און ער האט גע־זאגט צו זיין פאטער: מיין קאפ! מיין קאפ! האט דער פאטער געהייסן זיין יונג אים אוועקטראגן צו זיין מוטער, האט ער אים געבראכט צו זיין מוטער און ער איז געזעסן אויף אירע קני ביז האלבן טאג און איז געשטארבן. האט

זי אַרױפֿגעטראָגן דאָס טױטע קינד אין דעם אױבערשטיבל און עס אױעקגע־לײגט אױפֿן בעט פֿון דעם געטלעכן מאַן, און זי איז אַװעקגעריטן אױף אַן אײזל ביז צום באַרג כּרמל אים אױפֿצוזוכן. און װי זי איז געפֿאַלן צו די פֿיס פֿון אלישען, האָט דער יונג גיחזי געװאָלט זי אַװעקשטױסן, אָבער דער געטלעכער מאַן האָט געזאָגט: לאָז זי אָפּ. איר זעל איז פֿאַרביטערט און גאָט האָט דאָס פֿאַרהױלן פֿון מיר און מיר נישט דערצײלט. און די פֿרױ האָט זיך צעיאָמערט: צי האָב איך דען געבעטן אַ זון בײַ מײַן האַר? האָב איך דען נישט געזאָגט, דו זאָלסט מיך נישט גענאַרן?

האָט אלישע געגעבן זײַן שטעקן צו גיחזין און אים געהײסן פֿאַרױסלױפֿן, ער זאָל אַרױפֿלײגן דעם שטעקן אױפֿן ײנגלס פּנים און אים אױפֿװעקן צום לעבן. און אױך ער אַלײן איז געגאַנגען אַהין און די מוטער פֿון ײנגל איז אים נאָכ־געגאַנגען און געשװאױרן בײַ גאָט, אַז זי װעט אים נישט אָפּלאָזן. אָבער גיחזי האָט זיך אומגעקערט און דערצײלט, אַז דאָס ײנגל האָט זיך נישט אױפֿגע־כאַפּט. איז אלישע אַלײן אַרײַנגעקומען אין הױז, ערשט דאָס ײנגל ליגט טױט אױף זײַן בעט. האָט ער פֿאַרשלאָסן די טיר הינטער בײדן און מתפּלל געװען צו גאָט, און ער האָט זיך געלײגט איבערן קינד און האָט אַרױפֿגעטאָן זײַן מױל אױף זײַן מױל און זײַנע אױגן אױף זײַנע אױגן און זײַנע הענט אױף זײַנע הענט און ער האָט זיך אױסגעצױגן אױף אים ביז דאָס לײַב פֿון ײנגל איז גע־װאָרן װאַרעם און ער איז אומגעגאַנגען איבערן הױז אײן מאָל אַהין און אײן מאָל אַהער, און ער איז װידער אַרױף און זיך אױסגעצױגן אױף אים ביז דאָס ײנגל האָט גענאָסן זיבן מאָל און אױפֿגעמאַכט די אױגן. האָט אלישע גערופֿן גיחזין און געזאָגט: ברענג די דאָזיקע שונמית! װען די מוטער איז אַרײַנ־געקומען, האָט ער צו איר געזאָגט: נעם דײַן זון, װאָרום גאָט האָט אים לע־בעדיק געמאַכט!

פֿון די אַלע װאונדער און געטלעכע צײכנס האָט געהערט יהורם אין פּאַ־לאַץ. די פֿירשטן, װאָס האָבן זיך מער נישט געבוקט צום בעל, האָבן װעגן די ניסים דערצײלט מיט פֿאַרכט און די צעטומלטע כּהנים פֿון איזבלן האָבן אלישעס נאָמען דערמאָנט מיט שפּאָט, װײַל זײ האָבן נישט געװאָלט גלױבן, אַז זײַן מאַכט איז גרעסער װי די קראַפֿט פֿון זײערע געטער. אָבער דער באַ־גער צו רעדן מיט אלישען פֿון גאָטס בײז שלעכטס איז בײַ יהורמען געװאָרן שטאַרקער און דער געטלעכער מאַן האָט אים נישט געװאָלט זען. נאָך יעדן ראש־חודש האָט דער מלך געשיקט שליחים צו אים אױפֿן באַרג כּרמל און זײ האָבן זיך אומגעקערט פֿון אים פֿאַרשעמטע. בײַם סוף יאָר, װען אלישע האָט זיך אַלץ נישט באַװיזן, האָט יהורם, אַ דערצאָרנטער, אַרױסגעשיקט אַ הױפּט־מאַן מיט זײַנע פֿופֿציק לײַט אָנצוזאָגן דעם געטלעכן מאַן: זאָל אַן אײנזאַמער

נביא זיך נישט גרויסהאלטן קעגן א מלך, וואָס הערשט איבער שווערדנציער! ווי אלישע האָט דאָס דערהערט, האָט ער א פאַרבייזערטער אויסגערופן צום הויפּטמאַן: קער זיך אום און זאָג דיין מלך: וואַרף אוועק דיין קרוין און צעברעך דיין צעפּטער, ווארום מיט די רייד וואָס דו האָסט ארויסגעזאָגט, האָסטו אומגעוואָרפן דיין מלוכה!

יהורם איז געוואָרן דערשראָקן און אויפן צווייטן טאָג האָט ער אין געאייל גערופן חירם׳ען און פּקחיהו׳ן און צו זיי געזאָגט:

— איך האָב נישט אָנגעטון די קרוין פון ישראל, אז מיינע שייערן זאָלן ווערן ליידיק און אז אן אונטערטעניק פאָלק זאָל ווידערשפּעניקן אָן שומרון פיר יאָר צאָלט נישט מואב דעם צינז. אויב א טריקעניש זאָל קומען אין לאַנד, וועט מואב׳ס חייל לאַגערן אויף אונדז. א גאַנץ יאָר האָט אלישע פאַרשעמט מיינע שליחים, אָבער איך ווייס, אז אין טעג פון הונגער וועלן מיינע קריגסלייט ווערן פּחדנים. דעריבער אויף מואב וועלן מיר ארויפגיין. און מישע, איר מלך, וועט ווידער אונטעראָכט זיין ווי אין די טעג פון מיין פאָטער!

חירם און פּקחיהו, שונאים אין בלוט אלע טעג, האָבן אצינד פאַרגעסן זייער ביטערע פיינטשאַפט און צעטומלטע געקוקט אויף דעם יונגן מלך. יהורם האָט געזאָגט:

— אויב געווינען וועל איך די איינע מלחמה, וועלן אלע בלייבן זאַט אין דעם לאַנד פון בענטשונג און עס וועט נישט טראָגן קיין האַס איינער אויף דעם אנדערן. דער האר און דער קנעכט, דער עושר און דער באַדינער, ווארום דער אָרעמער שניטער וועט מער נישט אָפּרוימען אין דער פינצטער די תבואה ביים רייכן שכן און דער בעל־חוב וועט נישט נעמען ביים פאַרשולדיקטן זיינע זין פאַר קנעכט. די שטראָפער פון מדבר וועלן צוריקגיין אין זייערע באַהעלטע־נישן און דעמאָלט וועט דער נביא מער נישט פיינט האָבן דעם מלך.

פּקחיהו, שטאָלץ וואָס דער מלך האָט אים גערופן צו הערן זיין ראַט, האָט אויפגעהויבן א פּאָר פריילעכע אויגן.

— אזוי ווי דאָס וואָרט פון קעניג, — האָט ער געזאָגט, — אָבער לאָמיר נאָך היינט בעטן א בונד מיט דעם געטלעכן מאַן אלישע און אריינגיין אין לאַנד מואב און אומוואַרפן זייערע מזבחות און צעברעכן זייערע געצן, אז זיי זאָלן ווידער שערן די וואָל און אָפּשטיין פון אונדזערע פעסטונגשטעט. מואב מוז פיטערן שאָף, אז ישראל זאָל זיך קאָנען ווערן קעגן דעם אייביקן שונא בן הדד!

ביי די רייד האָט חירם אָנגעקוקט פּקחיהו׳ן מיט פאַראכטונג און ווי ער וואָלט פאַרגעסן, אז ער שטייט פאַר זיין מלך, האָט ער צוזאַמענגעלייגט זיינע האַנטפלאַכן און אויסגעשפּיגן. דערנאָך האָט ער מיט זיין פּום צעריבן דאָס שפּייעכץ אין שטויב און מיט כעס געזאָגט:

— דיין פאָטער אחאב, מלך פון ישראל, האָט געזאָגט: זאָל דער וואָס גורט זיך ערשט אָן, זיך נישט רימען ווי דער וואָס בינדט זיך שוין אָפּ. מואב האָט נאָך נישט געשיקט די שווערדנציער אויף שומרון, דעריבער רוף נישט ארויס דאָס פאָלק אויף מלחמה. ישראל איז נאָך נישט געשטאַרקט נאָך דעם לעצטן שלאַק ביי רמות־גלעד. די קריגער זענען מיד פון די שלאַכטן און אויך דיין געטלעכער מאַן איז נישט מיט דיר.

אָבער פקחיהו האָט אויפגעהויבן זיין אָרעם איבערן קאָפּ פון דעם, וואָס רעדט אַקעגן דעם יונגן קרוינטרעגער און געשריגן:

— ער איז דיין מלך, חירם! און זיין ווילן וועט פאַר דיר אַצינד זיין א געבאָט. די מלכה האָט נישט איבערגעגעבן די מלוכה אין זיינע הענט, אַז פאַרשוועכן קענגן אים זאָלסטו. געדענקסטו דעם עמוני אָסף בן עודד? היט דיין צונג אויב דו ווילסט נישט זיין סוף!

און ער האָט אַ געשטאַרקטער זיך אויסגעדרייט צו יהורמ׳ען און געזאָגט:

— די, וואָס האָבן דיר געשוואוירן געטריישאַפט, וועלן שטיין הינטער דיר, מלך פון ישראל, אזוי ווי הינטער דיין פאָטער אחאב. רוף ארויס דעם ערשטן קריגספירער איתמר בן צוער. גיב אים גאָלד און תבואות, וואָפן און רייטווע־גענער און פערד אַ סך און באַפעל אים איינצוזאמלען יעדן שווערדנדיצער און יעדן פיילנשיסער פון דעם נידעריקן לאַנד און פון די שטעט אין די בערג, אַז ישראל זאָל דערשלאָגן מואב, איידער זי וועט אונדז פאַרלענדן.

יהורמ׳ס ליפּן האָבן זיך צעשיידט אין אַ געלעכטער ביים שטרייט פון די צוויי הויפהאַרן. ער האָט האסטיק זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אַ צייכן זיי זאָלן אים פאַרלאָזן.

— דריי מלכים וועלן שלאָגן מואב, —האָט ער געזאָגט,— און איך וועל צוויי אויסקלייבן.

און ווי נאָר זיי זענען אַרויס, האָט ער פאַרגעסן אָן זייערע רייד. ער האָט נישט געטראָגן קיין פיינטשאַפט צו חירמ׳ען און קיין ליבשאַפט צו פקחיהו׳ן. ביידע מעגן זיי היינט ארומגיין אין פּאַלאַץ, דער אונטערטעניקער און דער דרייסטער. וועט ער דערוואַרטן חירמ׳ען דעם געטרייען פון זיין מו־טער, וועט ער אויפוועקן אַ בונט ביי אַלע צידונים; וועט ער פאַרטרייבן פקחיהו׳ן, די רעכטע האַנט פון זיין פאָטער, וועט ער צושטיין צו די אייפערדיקע פון יונדב בן רכב, און יהורם האָט געטראַכט: דער מלך אַליין שטייט קעגנאיבער זיינע פיינט. די שטאַרקע אַרם לויערט ביים נאַקן אין צפון און די שוואַכע מואב זיצט און וואַרט אין מזרח, אַנטקעגן, און דעם שלאַק ביי רמות־גלעד האָט ער פאַר זיין פאָטערס כבוד נאָך נישט אויסגעקויפט מיט נצחון. גערעכט איז

פקחיהו. איזב געשלאָגן וועט ווערן פריער דער שוואכער שונא, וועט שומרון קאָנען זאמלען דאָס גאנצע חייל קעגן א נייער באלאגערונג פון בן הדד׳ן.

אויפן דריטן טאָג זענען יהורמ׳ס שליחים ארויפגעגאנגען אין ירושלים צו יהושפט, דעם מלך פון יהודה, מיט דעם וואָרט פון זייער קעניג: דער מלך פון מואָב האָט ווידערשפעניקט אָן מיר, וועסטו גיין מיט מיר אקעגן מואָב אויף מלחמה? האָט יהושפט זיך דערמאָנט אָן די חסדים פון זיין פאָטער אַחאָב און געזאָגט: איך וועל ארויפגיין. אזוי ווי דו אזוי איך, אזוי ווי דיין פאָלק אזוי מיין פאָלק, אזוי ווי דיינע פערד אזוי מיינע פערד. האָט יהורם ווידער געשיקט פרעגן: מיט וואָסערע וועגן זאָלן מיר ארויפגיין? האָט יהושפט געענטפערט: מיטן וועג פון דעם מדבר פון אדום! האָט יהורם געזאָגט: אזוי ווי דיין וואָרט, מלך יהושפט. דריי מלכים וועלן שלאָגן מואָב, דעריבער זאָל דער מלך פון אדום ארויפגיין מיט אונדז!

און ווי דאָס שווערע חייל איז ארויסגעגאנגען אין מדבר מיט די פּסגייער און אָנגעלאָדענע קעמלען און מוילאייזלען און געשפאנטע בהמות, זענען די דריי מלכים געגאנגען פאָרויס פאר זיי און די פעלדהאַרן זענען נישט מיטגעקומען מיט יהורמ׳ען, און איתמר איז געבליבן אין שומרון, ווייל דער מלך אליין האָט געוואָלט ברענגען דעם נצחון. אָבער זיי האָבן נישט געפונען דעם וועג אויף מואָב. און ווי טיף זיי זענען אריין אין דעם ברייטן אָפענעם לאנד, אזוי מוראדיק טרוקן איז געווען די גליענדיקע ערד. זיבן טעג האָבן זיי זיך ארומגעדרייט אויף די וועגן אהין און אהער און עס איז מער נישט געווען קיין וואסער פאר דעם חייל און פאר די בהמות און פאר די חיות וואָס הינטער זיי. איז יהורם דער מלך פון ישראל געפאלן אויף זיינע קניען און געוויינט: וויי צו אונדז, אז מיר וועלן אומקומען אין דעם מדבר, צי האָט גאָט צענויפגערופן די דאָזיקע דריי מלכים זיי צו געבן אין דער האנט פון מואב? האָט יהושפט געזען דעם יונגן מלך וויינען, און אויסגערופן: איז דאָ נישטאָ א נביא פון גאָט, אז מיר זאָלן פרעגן דורך אים ביי יהוה? און איינער אַ קנעכט האָט זיך אָנגערופן: עס איז דאָ א נביא. ער איז אלישע דער זון פון שפט׳ן, וואָס האָט געגאָסן וואסער אויף די הענט פון אליהו׳ן. האָט יהושפט געזאָגט: ביי אים איז דאָ דאָס וואָרט פון גאָט!

אין שומרון האָט איתמר געוואַרט אויף דעם נצחון פון מלך און פקחיהו האָט אים געברענגט דאָס וואָרט פון די יונגע נביאים, אז די מלחמה אויף מואָב איז פול מיט ניסים, ווייל נישט דער מלך און נישט די הויפטלייט, נאָר דער געטלעכער מאַן אליין פירט דאָס חייל פון ישראל. די צוריקגעקומענע יונגע נביאים האָבן דערציילט, אַז די דריי מלכים, וואָס זענען געגאנגען אין דער שפּיץ פון דאָרשטיקן חייל, האָבן אראָפּגענידערט צו דעם געטלעכן מאַן און זיך גע־

שטעלט פאַר אים אונטערטעניקע, אָבער ווי אלישע האָט דערזען דעם מלך פון ישראל, האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס קער איך זיך אָן מיט דיר? גיי דיר צו די נביאים פון דיין פאָטער און פון דיין מוטער! האָט יהורם בײַ אים געבעטן: זאָל דער געטלעכער מאַן אַזוי נישט רעדן, וואָרום אַן אומגליק איז געשען. גאָט האָט צענויפגערופן די דאָזיקע דרײַ מלכים זיי צו געבן אין דער האַנט פון מואָב. און אלישע האָט אין גרימצאָרן אויסגערופן: אַזוי ווי עס לעבט גאָט פון צבאות וואָס איך שטיי פאַר אים, אַז ווען איך שוין נישט דאָס פנים פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה, אויב איך וואָלט געקוקט אויף דיר און אויב איך וואָלט דיך אָנגעזען. און אַצינד, ברענגט מיר אַ שפּילער!

און עס איז געווען ווי דער שפּילער האָט געשפּילט אויף דער פּלייט, אַזוי איז אויף אלישע׳ן געווען די האַנט פון גאָט און ער האָט נבֿיאות געזאָגט אין נאָמען פון גאָט, אַז זיי זאָלן אויסגראָבן אין דעם גרויסן טאָל גריבער אויף גריבער. זיי וועלן נישט זען קיין ווינט און נישט זען קיין רעגן, אָבער דער טאָל וועט אָנגעפילט ווערן מיט וואַסער. און זיי וועלן טרינקען, זיי, און זייערע פערד און זייערע פי און זייערע בהמות. און דאָס איז נאָך ווינציק אין די אויגן פון גאָט, וואָרום ער וועט אויך געבן מואָב אין זייער האַנט. און זיי וועלן שלאָגן יעדע באַפעסטיקטע שטאָט און יעדע אויסדערוויילטע שטאָט און יעדן גוטן בוים וועלן זיי איינוואַרפן און יעדן קוואַל וואַסער וועלן זיי פאַרשטאָפּן און יעדן גוט שטיק פעלד וועלן זיי פאַרדאַרבן מיט שטיינער. און די יונגע נביאים, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די מחנה פון ישראל, האָבן אַליין געזען ווי צומאָרגנס אין דער פרי אין דער צייט ווען מען ברענגט אויף דעם קרבן, האָט אָנגעהויבן גיסן וואַסער פון דעם וועג פון אדום און דאָס אָפענע לאַנד איז פול געוואָרן מיט פאַרפלייצונג. האָט גאַנץ מואָב געהערט, אַז די דרײַ מלכים זענען אַרויפגעקומען מלחמה האַלטן אויף זיי און זיי האָבן אין געאײַל זיך איינגעזאַמלט אַ גרויסע מחנה און גערופן איטלעכן, וואָס גורט־אָן אַ גאַרטל אין וואָס ציט אַ שווערד און וואָס שפּאַנט־אָן אַ בויגן און זיי האָבן זיך געשטעלט בײַם געמאַרק. ווי די זון איז אויפגעגאַנגען פון מזרח און געשײַנט איבערן וואַסער, האָבן די מואָבים געזען פון דער ווײַטנס דאָס וואַסער רויט אַזוי ווי בלוט, האָבן זיי אויסגעשריגן: בלוט איז דאָס! צעקריגן האָבן זיך צעקריגט די מלכים און זיי האָבן געשלאָגן איינער דעם אַנדערן. און אַצינד צום רויב, מואָב! זענען זיי אַראָפּ און געקומען אין לאַגער פון ישראל, און די מחנה פון ישראל איז אויפגעשטאַנען און געשלאָגן דעם פײַנט, ביז די מואָבים זענען אַנטלאָפן, אָבער דאָס חיל פון ישראל האָט זיי נאָכגעיאָגט און האָט די שטעט זייערע צעשטערט, די טײַכן מיט פיש האָבן אויסגעטריקנט, די וואַסער־קוואַלן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן און די פרוכטן־ביימער האָט דאָס פײַער פון די

בראַנדהעלצער פאַרצערט. איך דאָס ליים אויף די ווענט איז אָפּגעקרישלט געוואָרן, זיילן האָבן זיך געבראָכן, דעכער זענען איינגעפאַלן און ווי נאָר פון א שטאָט איז געוואָרן א חורבה, זענען שאַקאַלן דאָרט אַנגעלאָפן און געדרוט אויף די ווייכע טעפּיכער און היסב־בעטן אין די ליידיקע רייכע הייזער. אַזוי האָט ישראל געשלאָגן מואָב איבערן גאַנצן וועג ביז זיי זענען צוגעקומען צו די מויער־שטיינער פון קיר־חרשת און די שליידערער האָבן די ווענט ארומגערינגלט און זיי געשטורעמט.

און ווי מישע, דער מלך פון מואָב האָט דערזען דעם גרויסן שלאַק, האָט ער איינגעזאַמלט נאָך זיבן הונדערט שווערדנציער, דורכצורייסן די קייט פון די קריגער ארום די מויערן פון זיין שטאָט און דורכצוברעכן דעם וועג צום מלך פון אדום, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט. האָט ער געהייסן איינזאַמלען דאָס פאָלק ביי דער פעסטונג פון קיר־חרשת און גערופן די פּריסטער זיי זאָלן צו־נעמען די ערשטע געבוירענע זין פון זייערע עלטערן און זיי מקריב זיין פאַר דעם גאָט כמוש. דאָס פייער פון דעם ברענענדיקן פלייש איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער רויך האָט זיך געשפּאַרט צו די פיר עקן פון דער וועלט. די זקנים האָבן געוויינט און די קלאָגווייבער זענען פאַרגאַנגען אין א געיאָמער. די עלטערן האָבן געשלעפּט יעדער זיין בכור און זיך געבעטן ביי די פּריסטער, מען זאָל זיי וואָס גיכער אויפברענגען ווי בראַנדאָפּפערס און איבערבעטן דעם צאָרנ־דיקן גאָט כמוש. דעמאָלט איז דער מלך פון מואָב געשטאַנען און געזען דעם בארג ביינער און ער האָט געכאַפּט זיין זון דעם בכור, וואָס האָט געזאָלט קע־ניגן נאָך אים און האָט אים אויפגעבראַכט פאַר א שלאַכטאָפּפער אויף דער מויער פאַר די אויגן פון אלע באַלאַגערער. די קריגסלייט פון ישראל האָבן דערזען ווי די מואָבים האָבן אויפגעוואַכט ווי לייבן פאַר זייער גאָט כמוש און פאַר דעם בלוט פון זייער מלכ׳ס ערשטן זון און זיי האָבן צוריקגעשלאָגן ישראל מיט אַזא קראַפט, אַז די דריי מלכים האָבן אָפּגעצויגן דאָס חייל און זיך אומ־געקערט אין לאַנד.

נאָכן נצחון האָט מישע, דער קעניג פון מואָב געשיקט זיינע בוימייסטערס אויפצושטעלן א בימה אין דיבון און ער האָט זי גערופן: די בימה פון רע־טונג. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט מיט זיינע האַרן אין פּאַלאַץ. דאָס איז געווען אין דעם קאַלטן עלפטן חודש. דער פייערטאָפּ איז געווען אָנגעצונדן פאַר אים און ער האָט גערופן זיינע הויף־שרייבער מיט ליימענע טאָוולען און געלייענט אין זייערע אויערן די רייד, וואָס זיי זאָלן אויסקריצן אויף דער בימה פון נצחון:

„איך בין מישע, דער זון פון קעמאָשקאַנא, דער מלך פון מואָב. מיין פאָטער האָט געקעניגט איבער מואָב דרייסיק יאָר און איך בין געוואָרן קעניג נאָך אים און איך האָב אויפגעשטעלט די דאָזיקע בימה פאַר כמוש׳ן, די בימה

פון רעטונג, װײל ער האָט מיך געשװינט און די פאַרלענדונג פון די פײנט האָט ער מיר געװיזן. עמרי, דער קעניג פון ישראל, האָט אונטערדריקט מואָב א סך טעג, װײל כמוש האָט געצאָרנט אויף זײן לאַנד און זײן זון איז געקומען נאָך אים און געזאָגט: איך װעל נאָך מער אונטערדריקן מואָב!... און עמרי האָט פאַרכאַפּט מידבא און אירע טעכטערשטעט און דאָרט זיך באַזעצט אין זײנע טעג און אין א העלפט פון די טעג פון זײן זון און פון זײן זונס זון דורך פערציק יאָר... און פאַר דעם שבט גד, װאָס האָט געלעבט אין דעם לאַנד אַררט, דער האָט קעניג פון ישראל װידער אויסגעבויט עטרת און איך בין באַפאַלן די שטאָט און געטויט אלע באַװאױנער. און כמוש האָט צו מיר געזאָגט: גײ נעם אָפּ נבו פון ישראל! בין איך אַרױס אין דער נאַכט און מלחמה געהאַלטן קעגן ישראל פון מאָרגנשטערן ביז מיטאָג און אײנגענומען די שטאָט און אויסגעקױלעט אלעמען, זיבן טויזנט מענער, פרויען און אויך מײדלעך, װײל איך האָב זײ געהײליקט צו עשתרתא און כמוש און איך האָב גענומען פון דאָרט יהוה׳ס כלים און זײ געבראַכט פאַר דעם פּנים פון כמוש, דעם גאָט!... דער קעניג פון ישראל האָט זיך באַפעסטיקט אין יאַהאַס און נאָך מלחמה געהאַלטן מיט מיר, אָבער כמוש האָט אים פאַריאָגט פון פאַר מיר. מיט צװײ הונדערט מאַן האָב איך אײנגענומען די שטאָט כדי זי צו פאַרבינדן מיט דיבון. און איך האָב אויסגעבויט די פעסטונג און אירע טויערן און אירע טורעמס און אויפגעשטעלט דעם פּאַלאַץ און דורכגעלײגט װאַסער־גראָבנס אלץ מיט די הענט פון די געפאַנגענע פון ישראל״.

ט

ווען יהורם האָט צוריקבראַנגט זיין חייל פון מואָב, איז ער אוועקגעריטן קיין מגידו איבערצוציילן זיינע לייכטע און שווערע רייטוועגענער און זיי זענען געווען א סך אין צאָל. ער האָט באַפעסטיקט די פרעמדע שטעט צו מזרח אריבער דעם ירדן, וואָס זענען געבליבן אין זיינע הענט און געלאָזט אויסרופן פאַר די באַוואוינער, אַז ישראל וועט זיי נישט אונטערדריקן ווי עס טוען די זי־גער און אַלע הענדלער און שאָף־פיטערער וועלן מעגן האַנדלען מיט די שטעט פון מואָב אונטער די געזעצן פון די נציבים.

די פרעמדע באַוואוינער זענען געבליבן אונטערטעניק אוים פחד, און יהורם האָט דערשפירט די לאַסט פון דער קרוין. ער האָט געדענקט די טעג ווי זיין פאָטער פלעגט נאָכן זונאונטערגאַנג זיך זעצן מיט זיינע ראַטגעבער אין דער קאַמער פון מגילות. אונטער זיין פאָטער איז מואָב געווען פאַר ישראל ווי א קו מיט פולע אייטערם און זוי א שאָף מיט וואַרעמע וואָל. איין שונא נאָר, בן הדד, האָט ווי א וואָלף געלויערט אויף דעם לאַנד. אצינד איז ישראל ווידער אָפן צו מזרח און צו צפון. פאַר וועמענס זינד? דער געטלעכער מאַן, וואָס שטראָפט דעם מלך פון ישראל, שוינט דאָס פנים פון דעם מלך פון יהודה. יהושפט׳ן אכפערט יה׳ה אין בית־המקדש, אָבער אין די ווייטע שטעט לאָזט ער דאָס פאָלק טון די עבודה אויף די בימות. א צעריסן הארץ האָט דער מלך אין ירושלים. נישט אַלע געצן האָט ער צעבראָכן, אָבער זיינע לוויים שיקט ער איבער דעם לאַנד לערנען דעם המון־עם די געבאָטן פון תורה און ער האָט אריינגעזעצט אין די שטעט קלענערע שופטים, זיי זאָלן טון אזוי ווי עס הייסן די העכערע שופטים אין ירושלים.

דורך די נעפלען פון די פאַרגאַנגענע יאָרן אזוי ווי דורך א שיטערן ווייַ־רויך האָט יהורם געזען זיך און זיין ברודער אחזיהו, ווי זיי ליגן אויף די ווייכע געוואַנטן און לערנען פון די ליפן פון יצהר בן צוער. אחזיהו האָט ליב געהאַט מיטצורייטן מיטן פאָטער, דעם קעניג, אויף יאַגד און ער, יהורם, האָט געהאַט

פאַרגעניגן צו זען ווי די כהנים שפּריצן דאָס בלוט פון קרבנות און ווי די קדשות טאַנצן. אחזיהו האָט נישט פאַרזוכט קיין ווייַן און ער, יהורם, האָט אויפגעהויבן. די פאַרהאַנגען אין די שלאָפקאַמערן פון די קעפּסווייבער. אַזוי וועט ער אַצינד ווי פאַרהאַנגען אויפהויבן די טויערן פון דעם שונאס שטעט. זייַן מוטער, די מלכּה, האָט אים געלערנט צו אַנטלויפן פון פּחדנים און נאָכגיין די גיבורים. וואו איז זי היינט, די מוטער־מלכּה, וואָס זי האָט קעגן דעם פאָ־טערס פאַרבאָט אַריינגעשיקט צו אים א קנעכט מיט א בויגן און א פייַלזאַק, ווען ער איז נאָך א ייִנגל געווען? וואו איז זי, די שטאַרקע צווישן פרויען? מיט די אייגענע הענט האָט ער זי פאַרטריבן פון פּאַלאַץ. פון דער קרוין וועגן פון ישראל אין פאַר דעם צאָרן פון אלישע האָט ער זי באַזעצט אין דעם ווינ־טערהויז אין יזרעאל.

דער כּוח וואָס טרייבט דעם שטאַרקן צום זיג, האָט יהורמ׳ען געהייסן אָפּ־צאָלן מיט בלוט פאַר בלוט. די פייַל פון נקמה איז געשווינדער פון דער שווערד פון אויפשטאַנד. א גאַנץ יאָר האָט יהורם אונטערדריקט די פרעמדע באַוואוי־נער ביי די געמאַרקן צו מזרח און צום דרום, ווייל ער האָט זיי נישט געטרויט. אויפן דרייַצענטן חודש, ווען די אַרמים זענען איבערגעפאַלן די שטעט פון צפון הינטער קרנים, זענען די באַוואוינער פון צרת־השחר ביים געמאַרק פון עמון אַרויס אין א בונט און געטויט דעם נציב מיט די עלטסטע. האָט יהורם אַריינ־געשיקט זייַנע לויפערס מיט בראַנדהעלצער און זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט און פאַרוויסט די גערטנער און אויסגעפּלינדערט די הייזער. אויף צו־מאָרגנס איז געקומען די שענסטע צווישן אַלע קעפּסווייבער בת־שוע, די טאָכ־טער פון א פירשט אין עמון, וואָס אין זייַן שטאָט זענען די באַוואוינער אומ־געקומען. בת־שוע איז געווען יונג. זי האָט געהאַט היציק בלוט און אַן אומ־דערשראָקענע צונג. און יהורם האָט זי ליב געהאַט און איז געקומען צו איר פיל מאָל נאָך טעג פון קומער. אַצינד איז זי געווען פאַרבייזערט איף די פאַר־לענדטע פון איר פאָלק און גערעדט צאָרנדיקע רייד צום מלך:

— אין די אויגן פון דייַנע האַרן קאָן איך זייַן דייַן ערשטע לוסטפּרוי און פון מייַנע לענדן קאָן אַרויסגיין א זון, וואָס וועט טראָגן דייַן קרוין. אָבער דו זאָלסט מער נישט קומען צו מייַן געלעגער, מלך פון ישראל, ווייל דייַנע הענט זענען איינגעטונקען אין בלוט פון די באַוואוינער אין מייַן לאַנד. נאָר ווייל זיי זענען געווען שוואַך, האָבן דייַנע קנעכט זיי פאַרלענדט. פון היינט־אָן וועל איך טיילן פאַרגעניגן מיט קנעכט און לוסטיונגען אין דייַן גאָרטן כּדי אויף דיר צו ברענגען שמאָך. אָ, פאַרוואָס איז נישטאָ א שופט אין לאַנד וואָס מעג באַ־שטראָפן די פאַרדאָרבנקייט פון דעם מלך?

דער מלך האָט געלאַכט, און א טאָג שפּעטער האָט ער אַריינגעשיקט אין איר קאַמער טייערע געשאַנקען זי איבערצובעטן: ווירצנשטויב אין גאָלדענע

שפּרענגבעקנס, געוואַנטן פון פּורפּור און זייד, צוויי קעפּ פון טיגערס, וואָס זיינע יעגערס האָבן דערהרגעט און א לעבעדיקן הירש פּאַרקניפּט מיט גאָלדענע שנורן. אָבער בת־שוע האָט נישט אויפגעריגלט פאַר די קנעכט די טיר. איר האָט האָט אָנגעצונדן זיינע באַגערן און ער האָט גערופן א היילער פון עקרון, ער זאָל פאַר איר מישן קרייטעכצער פון לוסט אָדער דופטן, וואָס פאַרשלעפערן, ער זאָל קאָנען קומען צו איר אָן איר ווילן. נאָך דריי נעכט ווען ער האָט זי דערקענט, און זי האָט זיך אויפגעוועקט אין זיינע אָרעמס, איז איר האָס געוואָרן צו אים שטאַרקער. אָבער אין די שפּעטערע טעג האָט זי דערשפּירט זיינע זאָ־מען אין איר לייב און זי האָט געשוואוירן ביי אירע געטער, אַז דאָס קינד וועט אויסרינען אין איר טראַכט. דער מלך האָט באַפוילן די היילער זיי זאָלן פאַר־שליסן איר קאַמער און היטן אירע טריט, אַז א געזונטער פּרינץ זאָל אַרויסגיין פון אירע שיינע לענדן.

אויפן זיבעטן חודש איז יהורם מיט זיינע וועכטער אוועקגעריטן אין צפון ביז קנה, צו זען ווי ווייט עס האָט זיך אויסגעשפּרייט דער לאַגער פון די אַרמים. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט:

— בן הדד האָט ווידער אוועקגעלייגט די שטיינער פאַר זיינע געמאַרקן אָבל בית מעכה. איך וועל נישט רוען ביז מיינע רייטוועגענער וועלן אריינ־פאָרן אין די גאַסן פון דער הויכער שטאָט.

אָבער דעם מלכס רייטוועגענער זענען נישט אַרויס קעגן אַרם. עס איז געווען א הונגער אין לאַנד און די שייערן זענען ליידיק געוואָרן און קיין רעגן איז אויף די פעלדער נישט געפאַלן. דער מלך יהורם האָט געצאָרנט אויף די הייפלעך נזירים, וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען פון מדבר און אויפגעשטעלט זייע־רע ביידלעך נענטער צו שומרון. די פּאָרכטיקע, — האָט יהורם געזאָגט, — לויפן־אָן ווי דער היישעריק. זיי באַוואונדערן מיין שטאָט און פלוכן זי. וואוי־נען ווילן זיי אין איר, אָבער זיי באַגערן זי חרוב צו מאַכן. כדי צו קילן זיין בלוט איז ער ווידער אַרויס איבערציילן גאַנץ ישראל און באַפוילן זיינע לאַנד־פּירשטן צו לערנען דאָס חייל נאָך גרויזאַמער צו שלאָגן דעם שונא מיט די שטיינער־שליידערער פון די מויערן, טאָמער קומען אַרויף די אַרמים צו באַלאַ־גערן די באַרגשטאָט. אין יזרעאל איז איזבל געזעסן א דערשראָקענע. ביז צו דער שוועל פון איר ווינטערהויז האָט דואג געבראַנגט די נייעס, פון דער פּלאָג אין לאַנד. אירע גערערים האָבן געברומט, אָבער זי איז געווען אָנמעכטיק. און זי האָט געזען ווי אויף שומרון איז געפאַלן איין אומגליק נאָכן צווייטן ווי א צאָרנדיקער גאָט וואָלט פּלוצים אַראָפּגעשליידערט אַלע דונערן פון אונטער זיינע הענט. איר האָס אויף די, וואָס ווילן צעטרעטן דאָס וואָס זי האָט געבויט, האָט ווידער אויפגעפלאַמט, און אין איינעם א טאָג האָט זי געשיקט רופן איתמר בן צוער׳ן.

ער איז אָנגעקומען פאר זונאונטערגאנג און געטראָפן די פארעלטערטע מלכה אויף איר אָנלען־שטול און נעבן איר איז געשטאנען חירם, ווי דער לעצ־טער וועכטער פון א געפאנגענער מאכטהאָבערין. איזבל איז געווען אָנגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער. די האָר זענען, ווי אמאָל, געווען געטורעמט און גע־רעדלט. די הויט אויף אירע באַקן האָט געגלאנצט פון אייל, אָבער די אונטער־געשמירטע אויגן זענען געווען האלב פארלאָשן. זי האָט לאנג געקוקט אויף דעם קריגסמאן, וואָס האָט ביים לעבן פון איר מאן באוואכט די מלוכה, און געזאָגט:

— איך זיץ אין יזרעאל ווי אין אויסגערוטע לייביכע, אָבער דאָס ווינטער־הויז איז פאר מיר א טאָל פון פייער. אויף מיר און אויף מיין קנעכט דואג וועלן אצינד וואַרטן די ראָבן. נישט אָדלערס און נישט וועלף וועלן היטן מיין שוועל.

איתמר האָט דערזען די מידע מלכה און זיין הארץ איז געווען פול מיט רחמנות. מיט טעג פריער איז פקחיהו צו אים געקומען, ער זאָל זיך דערנענ־טערן צו יהורמ׳ען. פאר ישראל זאָל ער דאָס טון, ווייל דער יונגער מלך איז א ווילדער קריגספירער. ער איז צעקריגט מיט דעם געטלעכן מאן און צעריסן מיט די הויפהאַרן. זאָל ער, איתמר, נישט טראָגן קיין כעס אויף יהורמ׳ען, ווייל ער האָט אים נישט גערופן צו מלחמה אויף מואב. ווען נעמה האָט פון תירצה אים צוריקגעבערענגט צו דער מוטער־מלכה, איז אחזיהו געשטאָרבן, אין איזבל׳ס ערשטע ווערטער זענען געווען: וואָך איבער שומרון ביז דער נייער מלך וועט דיך רופן! היינט האָט די אלטע מלכה אים ווידער גערופן, צוליב וואָס? —האָבן זיינע נאָזלעכער געשניפט— אז ער זאָל באגיין א טאט פון אומרעכט?

— איך בין די טאָכטער פון דעם הערשער אין צידון און די אלמנה פון דעם מלך פון ישראל, —האָט איזבל געזאָגט,— עס איז נישטאָ היינט אין גאנצן לאנד אזא געטרייער קריגסמאן ווי דו, אז איך זאָל קאָנען רעדן אין זיינע אויערן.

די אויגן האָט זי אצינד אריבערגעפירט פון איתמר׳ן אויף חירמ׳ען. ביידע האָבן געשוויגן און זי האָט ווידער געזאָגט:

— צופיל פיינט האָט היינט מיין זון דער מלך. איין מאן איז פאראן אויף דער ערד, וואָס דארף היינט ליגן אין א לייבנגרוב אויב גערעכטיקייט וואָלט געהערשט אין ישראל. דאָס איז דער מאן, וואָס אים וועסטו נאָכיאָגן און כאפן, איתמר.

— ווער? — האָט איתמר געפרעגט.

די קעניגין איזבל

— יונדב בן רכב, דער וואָס שיקט זיינע לייבן צו פאַרצוקן די מלוכה.

ביי די רייד איז איתמר׳ס האַרץ געוואָרן ביטער. די אַלטע איזבל — האָט ער געטראַכט — די הינטערליסטיקע מלכה! זי ווייס, אַז ער איז נישט אָנגענומען ביים יונגן מלך, און די נייע הויפּלייט זענען נישט הינטער אים. דעריבער וויל זי מיט אים באַפעלן ווי מיט איר קנעכט דואג. אירע ווערטער האָבן אָנגעוואָרפן א פחד. די קרויזן באָרד האָבן אויפגעציטערט, אָבער זיין צונג איז געבליבן שטאַרק.

— איך וועל בעסער שטאַרבן, — האָט ער געזאָגט, — איידער ציען א שווערד אויף דעם גאָטספאַרכטיקן מאַן.

איזבל׳ס רייד זענען געוואָרן שטילער אָבער היציקער, ווי א סוד וואָס גייט פון די ליפּן צום אויער.

— דו ביזט א קלוגער מאַן, איתמר בן צוער, געטריי דעם פּאַלאַץ און דער ערשטער אויף די טורעמס. דו ווייסט, אַז שומרון טאָר נישט פאַרלירן די מלוכה איבער א נזיר, וואָס האָט פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד. יונדב בן רכב מוז שטאַרבן, אַז שומרון זאָל בלייבן לעבן. חירם, וואָס וואַכט הינטער מיר, וועט אויסקלייבן א טויט אָן פּיין פאַר אים.

איתמר׳ס בייזער בליק איז געהאַנגען אויף דער מלכה. איזבל איז צעקנייטשט, אַלט — האָט ער געטראַכט — און איר בלוט איז מיד, אָבער געבליבן איז אין איר דער כוח אריינצוציען קנעכט און האַרן אין איר נעץ פון פאַרדאָרבנקייט. אירע רייד האָבן געברענט ווי הייסע קוילן:

— אין מדבר וועט ער אומקומען און דיינע הענט וועלן נישט זיין אויסגעשמירט אין בלוט, ווייל די פרומע וועלן אַזוי זאָגן: אין אָפענעם לאַנד איז ער געשטאָרבן פון א ווייטאָג אין די געדערים אָדער פון דעם גיפט פון א פּרוכט. און ווי יונדב וועט זיין טויט, וועלן זיינע נזירים זיך צעלויפן ווי שאָף אָן א הירט.

חירם האָט גענענט צו אים. זיין צאָפּ באָרד איז געווען געזאַלבט, זיין מאַנטל דופּטיק און זיין צונג, וואָס האָט פריער געשוויגן, האָט אַצינד געפלאַמט:

— דו מוזט אויסקלייבן געשווינד צווישן לעבן פון שומרון און דעם טויט פון דעם נזיר. אַזוי ווי א קריגער פאַנגט דעם שונא, אַזוי וועסטו און דיינע רייטער אים נעמען געפאַנגען אין מדבר, און איך וועל אים געבן צו בייסן די פּרוכט פון טויט. די פּריסטער האָבן א סך געהיימע טויטן צו שיקן א הייליקן צום אייביקן שלאָף. אויב א פאַרברעכן צו די געטער איז דאָס, וועל איך טראָגן אין מיין בלוט דאָס פאַרברעכן, און זאָל דער געפערלעכער מאַן שטאַרבן ווי א דערשראָקענער הירש.

— דו ווייסט, אז א נזיר פון גאָט האָט נישט מורא פאַרן טויט.

חירם האָט געלאַכט:

— טויט זענען זיי שוין פון לאַנג. די אַלע, וואָס רוען אין דעם פעלזיקן מדבר זענען געגליכן צו געשטאָרבענע. בושה איז זיי פרעמד און מיט דעם שטאָלץ פון דער קרוין קערן זיי זיך נישט אָן. צי גלויבסטו אז טויטע זעען דאָס ליכט פון דער זון און דעם רום פון נצחון,

— אויב טויט זענען די פאַרכטיקע אין מדבר, פאַרוואָס זענען זיי א סכנה פאַר דער מלוכה?

אין איזבל'ס גרינע אויגן איז אויפגעגאַנגען א שוואַכער גלימער און בלויע אָדערלעך האָבן אויפגעשוואָלן ארום די שלייפן. שרייען האָט זי געדאַרפט. אָבער רעדן האָט זי געמעגט:

— ווייל ווי שילדקרעטן האָבן זיי געדאַרפט זיך איינגראָבן אין דער ערד אָבער ווי האַרנשלאַנגען בייסן זיי די פיאַטעס פון זייערע האַרן. יונדב בן רכב טראָגט נישט קיין ברענענדיקן פאַקל, אָבער זיינע ליפן זענען געפּערלעכער פון פייערדיקע בראַנדהעלצער. טויטן זאָלט איר אים טויטן, דו און חירם. באַגייט א פאַרברעך, אויב א פאַרברעך איז דאָס צו באַפרייען ישראל פון א מאַן, וואָס קומט אָפּשיידן דאָס פאָלק פון זיין מלך. א, איתמר, שלאַכטמאַן פון אחאָב'ן, אַלע מלכים אין ישראל האָבן געהייסן אויסרויכערן די עקדישן אין מדבר. יונדב איז נישט דער מאַן, וואָס נאָך אים וועט דאָס פאָלק טרויערן. די לעסטערער און די פאַרכטיקע וועלן פאַר זיין בלוט זיך נישט אָננעמען.

חירם האָט מיט ביטערן שפּאָט געזאָגט:

— און אויב ער איז פאַרכטיק צו גאָט און זיינע טאָוונגען זענען ביז אהער געוועזן הייליק, רייס אים אָפּ פון לעבן ווי א רייפן מילגרוים פון בוים, און דו זאָלסט בענטשן די ערד, וואָס האָט אים געטראָגן און די זאַפטן וואָס האָבן אים געשפּייזט.

איזבל האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָנלענשטול, ווי יעדעס מאָל ווען דאָס בלוט איז אריין אין די שלייפן. חירם'ס רייד האָבן געקלונגען אין אירע אויערן ווי גלאָקן, און איתמר דער קריגסמאַן איז פאַר איר געשטאַנען ווי אן אָפּגעקילטער בארג, נאָך דעם ווי אַלע פייערן זענען אין אים אויסגעלאָשן. ווי לאַנג איז עס געווען, ווען זי האָט געשיקט קנעכט און פירשטן צו פאַרלענדן אירע פיינט און זיי האָבן אַלע געפאָלגט? וועט היינט א שלאַכטמאַן האַרכן אן אַלמנה וואָס איז דערוויטערט פון שומרון? און ווי זי האָט געוואָלט אויספּרואוון דאָס האַרץ פון איתמר'ן, האָבן אירע ליפּן גערעדט:

— דער מדבר איז אָפן און די טויערן פון די שטעט זענען מער נישט פאַרריגלט. איך הער, אז פון בית-אל און פון גלגל און פון שכם ציען זיך די

פארביטערטע רכבים. ווער עס שפאַט נאָר פון דער מלוכה, געפינט א געזעמל אין קעניגס שטאָט. די, וואָס גייען נאָך יונדב בן רכב׳ן, ווארפן־אָן אנגסט אויפן פאָלק און זאָגן: ציט די שווערדן, אָבער נישט אויף די באַלאַגערער, נאָר אויף דעם פּאַלאַץ! וואָס איז געוואָרן פון אחאב׳ס מלוכה? די פירשטן טרינקען וויין און די קריגסלייט שנאָרכען אין שלאָף. און יהורם, מיין זון, איז יונג און דערשראָקן. שומרון איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אזא געפאר ווי היינט. אין מיין אומגליק רוף איך צו דיר, איתמר בן צוער! צי בענקסטו נישט נאָך די טעג פון רום, ווען שומרון האָט גענומען צינזן און געשאָנקען צו אנדערע פעלקער רחמנות? פארלענד איתמר די וואָס קומען אונטערהאַקן די וואָרצלען פון ישראל, און דערנאָך וועסטו ארויסגיין צום חייל און זאָגן: שפאַנט מיט אָרם די פערד! שלייפט די שפּיזן און טוט־אָן אייערע וואָפנקליידער! די מלחמות מיט אָרם האָבן נאָך נישט אויפגעהערט.

אין איתמר׳ן האָט אויפגעשריגן דאָס בלוט. די אונטערטעניקייט צו דער מלכה איז אוועק און געקומען איז דער ווידערשפעניקער כוח. צו וואָס האָבן זיי אים גערופן, די אָנמעכטיקע פרוי מיט איר קנעכט? צי וויל איזבל אצינד, ווען דאָס חייל איז אָפּגעשוואַכט און דער מלך דערשראָקן, מאַכן אייגנס פון ישראל און צידון? ער האָט פּלוצים פיינט געקראָגן יזרעאל און דעם פּאַלאַץ און די קאַמער, וואו עס זיצט פארשלאָסן א מלכה, וואָס וויל נישט פארגעסן ווערן. זיינע אויגן זענען געווען צוויי פייערדיקע פיילן און די קינבאַקן האָבן געפלאַמט. ער איז פארבייגעגאַנגען חירם׳ען און לאַנג געקוקט אויף זיין גע־זאַלבטער באָרד און דופּטיקן מאַנטל, כדי צו ווייזן זיין פאראַכטונג צו דעם צידוני. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג און א געשריי געטון:

— מיינע הענט וועלן נישט פירן צום טויט יונדב בן רכב׳ן און מיין שווערד וועט נישט פארגיסן דאָס בלוט פון זיינע נאָכגייער. און דו, רויבפויגל חירם, אין דעם דאָזיקן ווינטערהויז בלייב און וועב אוים דיין נעץ פון רציחה, ווייל אויף די גאַסן פון שטאָט קאָן א פעלשער מער זיך נישט פרייען. טרינק אין פלוך! שריי און לעסטער! פּארוויסט און פארברען! דאָס ווערט זיס דורך בלוט, און ווייל דו קאָנסט נישט לעשן דיין שנאה דורך ליבשאַפט, פארגיס זי מיט בלוט. דאָס וועט אויפהיטן דיין לעבן פון אנגסט!

ווען ער איז געווען אין דרויסן, איז פון די נידעריקע גאַסן אויפגעגאַנגען דאָס גערויש פון די טומלענדיקע באַוואוינער. קנעכט האָבן געקלונגען מיט גלעקלעך פאַר די טירן פון א באָדהויז. וויין־ריחות און פאַרע האָט ארויסגע־שלאָגן פון טרינקהייזער. פון א טעמפּל האָט א געשאָכטענער אָקס געשריגן אין גסיסה. שקלאַפינס מיט קאַרבן אויף די קעפ זענען געלאָפן צום שייער, א

באַרוועסער פּריסטער, איינגעהילט אין לייַנענטוך האָט זיך געשטעלט אויף די טרעפּ צו דער במה פון א קאַלבגאָט.

איתמר האָט געקוקט אויפן טויער פון איזבל׳ס גאָרטנהויף. די שטראַלן פון דער פארגייענדיקער זון האָבן געבליצט אויף די קופּערנע פּלאַטן פון דעם גזימס ביז אראָפּ צו דער שוועל און עס האָט זיך אים געדאַכט, אז ער זעט די ערשטע צייכנס פון בלוט, און דאָס דערשראָקענע הארץ האָט געפרעגט: דאָס דאָזיקע וואוינאָרט אין יזרעאל, איז עס דאָס הויז פון קעניג, אָדער א קבר פאר דער מלוכה?

י.

שווערע טעג זענען געקומען און דער הונגער איז געוואָרן שטאַרקער אין לאַנד. פון גלעד און פון דעם קרייז פון גולן ביז צו די ים־שטעט ביי אשקלון איז קיין רעגן נישט געפאַלן, נישט דעם ערשטן יאָר און נישט דעם צווייטן יאָר, און די ערד איז געוואָרן איינגעצערט. זקנים זענען אויסגעגאַנגען אין שמאַך און קליינע קינדער זענען געשטאָרבן פון מגפות. פערד און בהמות האָבן געליטן פון פלאָג און די שאָף זענען געפאַלן פון דאָרשט. דאָס חייל איז געווען אויסגעמאַטערט. די רייטער זענען צוריקגעקומען פון די פעסטונגשטעט מיט ליידיקע לאָגלען, און כדי זיך אליין אָפּצונאַרן האָבן זיי געלעקט מיט די צינגער דעם קופּער פון זייערע שפּיזן. אָבער דער מלך יהורם האָט באַפוילן זיינע הויפּטלייט ווידער צו לערנען מיט זיי שווערער קריגספּירונג, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן דעם פּיין פון גוף.

די גליענדיקע היצן אין זומער האָבן פאַרברענט די געוויקסן און די קאַלטעווינטן אין ווינטער האָבן אויסגעטריקנט די זאַפטן. דער המון האָט אויסגעגראָבן וואַסער־פלאַנצן פון זומפּן און געגעסן די וואָרצלען. די אביונים האָבן געשלונגען טויטע ווערים, היישעריקן און פראָשן. דערפון איז אויף זיי געקומען א שלאַק און א צרעת און פיל זענען געשטאָרבן. אויך דעם קעניגס שייערן זענען געוואָרן ליידיק און אויף די טירן זענען געהאַנגען שלעסער, און יעדער גייציקער הענדלער האָט פאַרקויפט פאַר צען שקלים א סאה זעמלמעל און פאַר זיבן שקלים א סאה גערשטן. אזוי צעטומלט איז געווען דאָס הונגעריקע פאָלק, אַז די וואָס אין די שטעט זענען געלאָפן אויפן לאַנד און די וואָס אויפן לאַנד, זענען געקומען אין די שטעט. נאָר די נזירים האָבן נישט געליטן פון הונגער, ווייל זיי זענען געוואוינט געווען צו פייניקן מיט תעניתים זייערע גופים און זעטיקן מיט תפילות זייערע נשמות.

דער מדבר איז געווען אָפן און די טויערן פון די שטעט זענען נישט געווען פאַרריגלט. ווי עס האָט פאָרגעזאָגט די מלכה איזבל צו איתמר בן צוער, אזוי איז געשען. פון בית־אל און פון גלגל און פון שכם האָבן געצויגן די יונגע

רכבים און די, וואָס האָבן געגאַרט נאָך זייער הילף, און זיי האָבן זיך באַזעצט הינטער שומרון. ווער עס האָט געהאַט פאַרכט פאַר יהוה און ווער שפּאַט פאַר דער מלוכה, זענען געקומען אין איין געזעמל. אין יענע טעג פון פּלאָג און הונגער האָט דאָס פאָלק געהערט, אַז אלישע׳ס נאָמען גייט פאָרויס פאַר אים אין די שטעט פון ישראל און פון אַרם. גאָט אליין האָט אים דערהויבן פון זיין כבוד וועגן. ער האָט אים אויסגעוויילט צו טאָן וואונדער, היילן קראַנקע, אומקערן זינדיקע, צעטומלען דעם מלך און די שרים און אויפריכטן די רעכט־פאַרטיקע.

איין טאָג האָט אלישע זיך אומגעקערט אין גלגל, אָבער די יונגע נביאים, וואָס זענען געזעסן פאַר אים, האָבן נישט געהאַט מער קיין שפּייז. איז אין האַרץ פון דעם הייליקן מאַן אויפגעגאַנגען א רחמנות אויף די הונגעריקע און פאַרכטיקע און ער האָט געהייסן זיין יונג אָפּקאָכן אין דעם גרויסן טאָפּ געקעכטס פאַר זיי. איז איינער פון זיי ארויסגעגאַנגען אין פעלד אָנקלייבן קרייטעכער און האָט געפונען א פעלדביימל און אָנגעלייגט דערפון א פול קלייד מיט ווילדע אוגערקעס און האָט דאָס אריינגעשניטן אין טאָפּ; אָבער ווען די יונגע נביאים האָבן געגעסן פון דעם געקעכטס, האָבן זיי געשריגן: טויט איז אין דעם טאָפּ, געטלעכער מאַן! האָט אלישע געהייסן ברענגען מעל און דאָס אריינגעשאָטן אין טאָפּ, און זיי האָבן געגעסן און קיין שום בייז איז נישט געשען.

ווי דער הונגער איז געוואָרן שווערער, איז א מאַן געקומען פון בעל־שלשה און געבראַכט פאַר אלישע׳ן און זיינע הונדערט נביאים ברויט פון דער ערשטער תבואה, צוואַנציק גערשטן־ברויט און פרישע זאַנגען אין זיין זאַק. האָט דער געטלעכער מאַן געהייסן זיין יונג גיחזי דאָס אויסטיילן צו די מענטשן. האָט דער משרת זיך געוואונדערט: ווי קאָן ער אויסטיילן אזוי ווייניק פאַר הונדערט מאַן? אָבער אויף אלישע׳ן איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט און ער האָט געזאָגט: גיב זיי! זיי וועלן עסן און נאָך איבערלאָזן! און עס איז אזוי געווען. זיי האָבן געגעסן און נאָך איבערגעלאָזן.

די אַלע וואונדער זענען געגאַנגען פון מויל צו אויער. גלויביקע האָבן זיי פאַרשענערט און פאַרכטיקע האָבן זיי איבערדערציילט, און אלישע׳ס נאָמען און זיינע טואונגען לויט די געטלעכע צייכנס האָבן זיך געטראָגן אויף די ליפּן פון די באוואוינער אין דרום און אין צפון ביז עס האָט דערפון זיך דערוואוסט נעמן, דער חייל־פירער פון דעם מלך פון אַרם. דאָס איז דער זעלבער נעמן, וואָס האָט צוזאמען מיט ישראל געשלאָגן אשור אין דער מלחמה ביי קרקר. נעמן איז געווען א העלדישער מאַן ביי זיין האַר און אָנגעזען ביי די פּירטשן, וואָרום ער האָט געברענגט נצחונות צו אַרם. ער איז געווען א גיבור און אַן

אכזר, אָבער א מצורע, וואָס פון זיינע קרעץ האָט ער זיך נישט געקאָנט אויס־היילן.

איינמאָל האָט א געפאַנגענע מיידל פון ישראל, וואָס האָט באַדינט נעמנ׳ס ווייב, געזאָגט צו איר האַרינטע: הלוואי וואָלט מיין האַר זיך געוויזן צו דעם נביא אין שומרון, ער וואָלט אים דעמאָלט אויסגעהיילט פון זיין צרעת. און ווי נעמן האָט דערציילט דעם מלך פון ארם, וואָס עס האָט גערעדט דאָס מיידל פון לאַנד ישראל, האָט בן הדד אויסגערופן: שטיי־אויף און גיי קיין שומרון! איך וועל שיקן א בריוו צום מלך פון ישראל! איז נעמן געגאַנגען און מיטגע־נומען מיט זיך צען צענטנער זילבער און זעקס טויזנט גאָלדשטיק און צען גאַנג קליידער, און אין דעם בריוו, וואָס ער האָט געבראַכט צום מלך פון ישראל איז געווען געשריבן: איך שיק דיר מיין קנעכט נעמן, זאָלסט אים אויסהיילן פון זיין צרעת! יהורם, דער מלך פון ישראל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער געוואָרן שטאַרק דערשראָקן. ער האָט צעריסן זיינע קליידער און אויסגע־רופן צו זיינע ראַטגעבער: צי בין איך דען א גאָט צו טויטן און צו מאַכן לע־בעדיק, אז דער דאָזיקער מלך שיקט צו מיר א מענטש, איך זאָל אים היילן פון זיין צרעת? מיט אייערע אויגן קאָנט איר זען, אז בן הדד זוכט אן אויסרייד אקעגן מיר!

דער מלך איז געווען אין פחד, אָבער אלישע האָט געשפּעט פון יהורמ׳ען און געשיקט צו אים א שליח אזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָסטו צעריסן דיינע קליידער? זאָל נעמן קומען צו מיר און ער וועט וויסן, אז עס איז דאָ א נביא אין ישראל! און נעמן האָט זיך געשטעלט מיט זיינע פערד און רייטוועגענער פאַר דעם אריינגאַנג פון אלישע׳ס הויז. אָבער דער געטלעכער מאַן איז נישט ארויסגעגאַנגען, נאָר א שליח האָט ער צו אים געשיקט אזוי צו זאָגן: גיי און זאָלסט זיך באָדן זיבן מאָל אין ירדן און דיין לייב וועט זיך אומקערן צו דיר און וועסט ווערן ריין!

איז נעמן אריין אין גרימצאָרן און אוועק פון אלישע׳ס הויז און געזאָגט: געמיינט האָב איך, אז ארויסקומען וועט ער צו מיר און רופן צום נאָמען פון יהוה, זיין גאָט, און דורך א וואונדער־צייכן אראָפּנעמען די צרעת פון מיין לייב. צי זענען דען נישט אבנה און פרפר, די טייכן פון דמשק בעסער פון אלע וואַסערן פון ישראל? קאָן איך זיך דען נישט באָדן אין זיי און ריין ווערן? און ער איז ווייטער געגאַנגען, און זיין גרימצאָרן האָט פון אים זיך נישט אָפּגעטון. אָבער זיינע קנעכט זענען צו אים צוגעשטאַנען: פאָטער, גיבור פון ארם, אז דער נביא וואָלט דיך געהייסן טאָן א גרויסע זאַך, וואָלסטו דען נישט געטאָן? היינט ווי ער זאָגט דיר נאָר: באָד זיך און ווער ריין! וועסטו נישט האָרכן? האָט נעמן אראָפּגענידערט און זיך געטובלט אין ירדן זיבן מאָל, און אזוי ווי עס

איז געווען דאָס וואָרט פון געטלעכן מאַן, אַזוי איז געשען. זיין לייב האָט זיך אומגעקערט ווי דאָס לייב פון א קליין יינגל און ער איז געוואָרן ריין.

דער חייל־פירער מיט זיין גאַנצער מחנה האָט זיך צוריקגעקערט צו אלישע׳ן און געלויבט דעם גאָט פון ישראל, ווייל עס איז נישטאָ אויסער אים קיין אנדערער אויף דער גאַנצער ערד, און ער האָט געבעטן דעם געטלעכן מאַן: נעם־אָן א מתנה פון דיין קנעכט! האָט אלישע געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט, וואָס איך שטיי פאַר אים, אויב איך וועל נעמען! איז נעמן צוגעשטאַנען צו אים, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען. האָט דער שר פון אַרם זיך אצינד געבעטן: אויב נעמען א געשאַנק וויל אלישע נישט, זאָל אים געגעבן ווערן ערד, די משא פון צוויי מוילאייזלען, וואָרום פון היינט־אָן וועט ער, נעמן מער נישט אויפברענגען קיין בראַנדאָפּפער אָדער שלאַכטאָפּפער צו אנדערע געטער, נאָר צו יהוה, און נאָך האָט נעמן געבעטן: פאַר איין זאַך זאָל יהוה אים פאַרגעבן. ווען ער וועט פירן זיין האַר אין הויז פון רמון, זיך דאָרט צו בוקן און זיין האַר וועט זיין אָנגעלענט אויף זיין האַנט, וועט ער, נעמן, זיך אויך מוזן בוקן. איז דאָס צופיל צו פאַרלאַנגען פון יהוה, ער זאָל פאַרגעבן זיין קנעכט? און אלישע האָט אים אוועקגעשיקט אין פרידן און ער איז אוועקגעגאַנגען פון אים א שטרעקע לאַנד.

אָבער גיחזי, דער משרת פון אלישע׳ן, איז געווען א גייציקער יונג און ער האָט צו זיך געזאָגט: מיין האַר האָט אָפּגעזאָגט דעם דאָזיקן אַרמי אָנצונעמען וואָס ער האָט געבראַכט. אָבער אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז איך וועל אים נאָכלויפן און נעמען פון אים עפּעס. און ער איז אים נאָכגעלאָפן מיט באַטרוג אויף זיין צונג און געזאָגט: אָט זענען אָקאָרשט געקומען צו מיר צוויי אָרעמע יונגעלייט פון דעם געבערג פון אפרים פון די יונגע נביאים, גיב מיר פאַר זיי איך בעט דיך, א צענטנער זילבער און צוויי גאַנג קליידער. האָט נעמן געזאָגט: באַוויליג, נעם צוויי צענטנער. און ער האָט איינגעבונדן צוויי צענטנער זילבער און צוויי גאַנג קליידער און געהייסן זיינע צוויי יונגען דאָס טראָגן פאַר אים פאָרויס, און גיחזי האָט ביים בערגל אוועקגעשיקט די יונגען און באַהאַלטן די מתנות אין הויז און זיך געשטעלט פאַר זיין האַר. האָט אלישע געפרעגט: פון וואַנען, גיחזי? האָט ער געענטפערט: דיין קנעכט איז נישט אַרויס אין ערגעץ. אָבער דער געטלעכער מאַן, וואָס זיין האַרץ איז מיטגעגאַנגען מיט דעם פעלשער דעם גאַנצן וועג, האָט געזאָגט: איז דאָס א צייט צו נעמען זילבער און נעמען קליידער, אָדער איילבירט־גערטנער און וויינגערטנער, אָדער שאָף און רינדער, אָדער קנעכט און דינסטן? דעריבער זאָל נעמנ׳ס צרעת זיך באַהעפטן אָן דיר און אָן דיין זאָמען אויף אייביק!

און גיחזי איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר אים א מצורע ווייס ווי שניי.

יא

די יונגע נביאים זענען געקומען צו אלישע'ן און געזאָגט, אז ענג איז זיי דאָס אָרט, וואו זיי זיצן און זיי ווילן ציען ווייטער ביז צום ירדן און דאָרט נעמען קלעצער און מאכן אַן אויסשפּרייטונג און בויען זייערע וואוינערטער. האָט דער געטלעכער מאן זיי געהייסן גיין, אָבער זיי זענען צו אים צוגעשטאַנען און ער איז מיטגעגאַנגען. זענען זיי צוגעקומען ביז צום ירדן צווישן אבל־מחולה און בית־שאָן און האָבן אָפּגעהאַקט די ביימער און געזעגט קלעצער, און אלישע האָט ווידער פאר זיי געוויזן וואונדער־צייכנס, און ווי עס איז אויפגעקומען דער ישוב פון די יונגע נביאים, זענען נאָכגעקומען די נזירים פון יונדב בן רוב און אויך אָנגעשלאָגן זייערע געצעלטן. האָבן די פאַרלאָזענע פון גאָט און די פאַרגעסענע פון מלך געהערט וועגן דער איינזאמלונג פון די געטלעכע מענער ביים ירדן און זיי האָבן אויך געצויגן אהינצו.

אין אלע טעג פון יאָר זענען ארויפגעקומען די רעכטפארטיקע צו באהעפטן זיך מיט די הייליקע און זיי האָבן אויפגעשטעלט ביידלעך הינטער די געצעלטן. זייער צאָל איז געוואָרן גרויס און צווישן זיי זענען געווען שלאָפע און מצורעים, וואָס האָבן געלעכצט נאָך בענטש־ווערטער און וואונדער־צייכנס פון אלישע. אין איינעם א טאָג האָבן צוויי אנטלאָפענע שקלאַפינס געברענגט קאָרבן מיט פּרוכטן פון קעניגס שייער. קנעכט האָבן פאר זיי אויסגעבויט א שטיבל פון ליים און טרוקענע צווייגן. זיי האָבן אוועקגעשטעלט קרוגן מיט זים וואסער אין בעכערס און גערופן:

— די מיט דאָרשטיקע ליפּן, קומט און טרינקט!

א פישערמאַן האָט זיי נאָכגעטון און געבראַכט בעקנס מיט שלייענס און אלערליי ים־ווערים. א טעפּער האָט זיך געזעצט קלעפּן קרוגן און טעפּ. א בעקער האָט געמאַכט שותפות מיט א שייער־וועכטער. זיי האָבן אויסגעבויט אַן אויוון, און פון געגנבעטן גערשטן און זעמלמעל געבאַקן ברויטן און קוכנס.

עס איז נישט אוועק קיין יאָר ווי א קאראוואנען־טרייבער האָט אויפגעשטעלט שטאלן פאר די פערד, מוילאייזלען און קעמלען צו באדינען די דורכפאָרער, וואָס זענען געקומען זען די רעכטפארטיקע און א געניטער הענדלער האָט אויסגע־בויט א גאסטהויז.

פון דעם הייליקן שטיק לאנד ביים ירדן האָבן זיך דערוואוסט דער וואָל־הענדלער תקועי און זיין פריינט אָהליאָב. תקועי, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון איתמר'ן, נאָך דעם ווי דער קריגסמאן האָט שלום געמאכט מיט דעם מלך אחאָב, האָט געהאט א באגער אויפצוזוכן דעם שלאכטמאן אין די טעג פון שמאך און הונגער און אים אָפּקערן פון דעם מלך יהורם. ער האָט אָבער נישט גע־וואָלט ארויפגיין אין שומרון, נאָר טרעפן אים אונטערוועגס. אָהליאָב איז נישטגעקומען קיינעם שטראָפן, ער איז נאָר געווען נייגעריק צו זען די מענטשן, וואָס פייניקן דעם גוף כדי צו דערפרייען די נשמה. ער האָט געהערט, אז פרויען, עקרות, קומען צו דעם הייליקן שטיק לאנד ביים ירדן און ווי נאָר זיי לייגן זיך אויף דער ערד מיט זייערע פארמאכטע טראכטן, ווערן זיי טראָגע־דיק, און שלאקיריקע ווערן געבראכט אויף וועגענער און קעמלען און זייערע גלידער ווערן אויסגעגלייכט און דאָס אלץ געשעט, ווייל אלישע האלט אויס־געשפּרייט זיינע הענט איבער די קעפּ פון די געשטראָפטע, און די נזירים פון יונדב בן רכב בענטשן זיי.

אָהליאָב און תקועי זענען אָנגעקומען פון עין־דור פאר זונאונטערגאנג. זיי האָבן נישט געטראָגן קיין רייכע מאנטלען נאָר פּראָסטע דעקטיכער. זייער רייטוואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער די ביידלעך פון די נזירים און זיי האָבן פון דער ווייטנס געקוקט אויף דעם ירדן, וואָס איז געלעגן א פארשלעפּערטער. דער טייך איז קוים געפלאָסן. אונטערן הימל זענען פארשמאכטע בושלען גע־פלויגן אין א האלבראָד. דארע צווייגן און פארברענטע גראָזן זענען אריבער־געהאנגען איבער די וואסער־ראנדן, אָבער פאר די נזירים אין דער מחנה האָט די פארוויסטע ערד און דער נאקעטער מדבר פון הינטן זיך אויסגעשפּרייט ווי א לאנד מיט וויינשטאָקן און אין דער גליענדיקער לופט האָבן געשוועבט דופּ־טיקע שטויבן. הינטער די אויסגעטועטע ביימער ביים ברעג האָט זיך געצויגן דער וועג, וואו פריער האָבן גליקלעכע הענדלער געפירט אויף קעמלען וויין פון חלבון און ווייסן וואָל, און די וועגענער־טרייבער פון עמון זענען דורכגעפאָרן מיט שמידאייזנס און קאָנייל און געווירצראָר.

אָהליאָב האָט באטראכט די אויסגעצערטע מענער, וואָס זייערע קערפּערס זענען געווען פארברענט פון דער זון און רויט פון מדבר־ווינט און וואָס ביי טייל זענען הענט און פיס געווען באדעקט מיט וואונדן. ביי דעם געלאָסענעם הענדלער איז אויפגערודערט געוואָרן דאָס הארץ און ער האָט אויסגעשריגן:

— די דאָזיקע פייניקונגען פון גוף, ווי לאַנג מוזן זיי דויערן כדי חרוב צו מאַכן די אָפּגעשוואַכטע מענער? וויפיל נאָך פּרוּוואונגען און וויפיל נאָך גרויזאַמע פאַרלאַנגען? צי וועלן דען אַלע גלוסטונגען פון דער וועלט אָפּגעמעקט ווערן דורך זייערע תעניתים, און צי קאָנען די זינד פון אַלע פעלקער איינזינקען אין זייערע נשמות ווי אין א ברונים? א שפּאָט וועט דאָס זיין פאַר ישראל אויב די הייליקע וועלן אויסגיין איידער די שטראָף פון יהוה וועט אָפּגעטאָן ווערן פון לאַנד!

אָבער תקועי, וואָס דער צאָרן פון אַמאָל איז אין אים געווען אויסגעלאָשן, האָט אצינד געקוקט מיט פרייליכע אויגן אויף דער אָרעמער מחנה און געזאָגט:

— אויך איך האָב אַמאָל געהאַסט די אָפּגעשיידטע אין מדבר, וואָס וואַרטן צו רייניקן די מלוכה אין שומרון דורך דעם בלוט פון די קריגער. היינט האָב איך חרטה אויף מיינע ביטערע רייד. צי ווייסטו דען נישט אָהליאָב, אַז פרומער צאָרן באַשאַפט פאַרבאָרגענע גבורה, און די שוואַכקייט פון גוף און דער צער פון דער נשמה גיבן דעם נזיר מער קראַפט ווי שפּייז און וויין.

— וואָס זענען די כוחות?

— אייפער און פחד פאַר גאָט.

אָהליאָב האָט געוואָלט זאָגן, אַז דער וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין פורעם פון גאָט, איז געבוירן זיך צו באַוועגן אויף דער ערד, און דער נזיר וואָס ליגט אין אַן אויסהויל, וויל אַליין זיין א מיסטגראָבן פאַר אַלע פאַרדאָרבנקייטן פון פרעמדע. אָבער אין יענער רגע האָט א טומל זיך אויפגעהויבן אויף די הייסע זאַמדן פון פלאַכלאַנד און די נזירים זענען אַרויס פון די ביידלעך און אַנטקעגנגעגאַנגען זייער אָנפירער יונדב בן רכב, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון א פעלזיקן באַרג. קיינער האָט אים נישט אונטערגעפירט און ער האָט ביי קיינעם נישט געזוכט קיין אָנלען. ער איז געווען איינגעהילט אין א דעקטוך פון ציגנהאָר און געשטעלט לאַנגע שפּרייזן. א גליקזעליקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין טונקל פּנים וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון איילבירטן. די שוואַרצע באָרד האָט געפלאַטערט אין ווינט ווי ביי אַן אָדלער און דורך די צעשיידטע ליפּן האָבן געגליט ווייסע ציין. ער האָט געשפּרייזט אין דעם אָפענעם מדבר, אָבער אין זיין שטאָלצן וואוקס איז געווען די זיכערקייט פון א הערשער איבער פעסטונגען.

די צאָל פון די איינגעזאַמלטע צו גריסן יונדב בן רכב׳ן איז געוואָרן גרעסער און געדיכטער. אָהליאָב און תקועי האָבן זיך געשטעלט קעגנאיבער דער מחנה און דערזען דאָס וואָס קאָן נישט געזען ווערן אין די שטעט. די נזירים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען מיט די פּיס איינגעגראָבן אין זאַמד. פאַרווים/זענען געשטאַנען די עלטערע מיט פאַסטעך־שטעקנס אין די הענט. זייערע בערד האָבן דערגרייכט ביז צו זייערע פעלענע גאַרטלען. הינטער זיי זענען

געווען די פּאַרכטיקע לייט, וואָס זענען נאָכגעקומען ביז צום ירדן הינטער אלישע׳ס נביאים. זייערע דאַרע אָפּגעבראַנטע גופים זענען געווען צוגעדעקט נאָר ביי די לענדן און זייערע פיס זענען געווען איינגעוויקלט אין געפלאָכטענע גראָזן. פון בארג האָט געבלאָזן א ווינט און פון די ירדן־וואסערן זענען אויפגעגאנגען קאלטע וועלן, אָבער יהוה דער דערבארעמדיקער האָט אזוי ווי שאָף געשיצט זיינע אויסדערוויילטע פון קעלט. מיט אן אומגעזעענער האנט האָט ער די זקנים איינגעהילט אין טייערע געוואנטן ווי פּרינצן, און די יינגערע האָט ער באדעקט מיט א ווייסער האָריקער וואָל. עס איז געווען ביים סוף פון טאָג. אין מערב האָט די זון געלאָשן אירע פייערן און די געהאָרכזאמע נזירים זענען גרייט געווען צו פאלן מיט די שטערנס אין זאמד. אָבער דער, וואָס האָט געהאט איבער זיין קאָפּ דעם הימל אָנשטאָט א דאַך, האָט מיט אן אויפגעהויבענער האנט אָפּגעהאלטן די מחנה פון בוקן זיך. אין דעם אויסגייענדיקן ליכט פון טאָג האָט ער געזען ווי גוט עס זענען די געצעלטן פון יעקב און די רואונגען פון ישראל, און ער האָט געזאָגט:

— איינציק איז יהוה, וואָרום אין אים איז די רעכטפארטיקייט און דער חסד. ער איז דער האַר פון פרידן און קריג. ער וואוינט אין הימל און זיין אָרעם האלט ער אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. די וועלט פון מלכים איז צעשיידט, ווייל גייציק זענען די הערשער נאָך מאכט און הונגעריק נאָך פעטע רינדער און דאָרשטיק נאָך שטארקן וויין. וואויל איז די, וואָס עסן קרייטעכער אָנשטאָט זעמלמעל און טרינקען קוואלוואסער אָנשטאָט וויין.

גייענדיק פאָרויס האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם אומענדלעכן אָפענעם לאַנד און נאָך געזאָגט:

— דערווייטערט זיך פון די שיינע שטעט. דאָס וואָס איז אויסגעבויט דורך די הענט פון מענטשן, איז פאַרדאָרבן. א טורעם איז א סכנה פאר דעם פרומען און א פּאלאַץ איז א געפענגעניש און א גאָרטן פארשפּרייט די ריחות פון לוסט. איר וואוינט אין דעם נאקעטן מדבר, ווייל א ליליע קאָן פארפירן און די בליענדיקע ערד קאָן פארשיכורן. די רו איז ביי דעם, וואָס זיין נשמה איז פארזיגלט ווי א כלי אין גאָטס הויז. די פרייד האָט דער, וואָס אנטלויפט פון די תענוגים פון דער וועלט כדי צו קאָנען שטארקער דינען דעם באפעלער אין הימל.

א הייפל נזירים האָבן געראַמט פאר אים דעם וועג פאָרויס צו די ערשטע ביידלעך, וואו די יונגען האָבן געגרייט דעם מאָגערן אָוונט־מאָלצייט. ווען די זקנים האָבן געגאָסן אויף זייערע פיס וואסער פון ירדן, האָט דער, וואָס דעם מלכ׳ס שווערד האָט אים נישט געקאָנט בייקומען, נישט ארונטערגעלאָזט זיינע אויגן פון הימל, וואָס איז געווען פארגאָסן אין פלאמען און געראַמט:

— גאָט האָט אויף אונדז אָנגעטאָן א נאַקעטע הויט, אָבער אונדזערע לייבער זענען באַשיצט מיט דריי פּאַנצערס: אמונה, פּחד און ליבע. די, וואָס טראָגן טייערע געוואַנטן, האָבן זיך באַדעקט מיט א פּאַנצער און א שילד וואָס איינס הייסט גאווה און דאָס צווייטע הייסט לעסטערונג.

דערהערנדיק די שטאָלצע ווערטער פון דעם פּאָרכטיקן מאַן, האָט אָהליאָב אָנגעכאַפּט א פּאַלד פון תּקועי׳ס דעקטוך און אויסגערופן:

— האָסט געהערט זיינע רייד, תּקועי? ער פירט־אָן מיט א מחנה אין מדבר, אָבער דאָס גאָלדענע וואָפן וועט מען אים ערשט אָנטאָן אין הימל. דאָ, אויף דער ערד, פירט דערווייל דער מלך די מלחמות, און ער מיט זיינע נזירים זענען איינגעגראָבן ווי קראָטן אין זאַמד.

אָבער תּקועי איז אריין אין התפּעלות און געזאָגט:

— ווי קאָנסטו, אָהליאָב, שפּעטן פון דעם, וואָס איז אָפּגעוואַשן פון אַלע זינד? איך האָב פאָרכט פאַר א זעער, וואָס קאָן אריינקוקן אין הימל און אין אָפּגרונט. ער קאָן זיצן אין א הייל און אויף א באַרג און בייקומען דעם מלכ׳ס שפּיזן. אין א שפּאַלט פון א פעלז קאָן ער זיך אויסבאַהאַלטן און אָפּשטעלן דעם הונגער ביי די געפּייניקטע אביונים. ווי עס לעבט גאָט, ער איז א פירשט אין מדבר! ביי מיר איז ער העכער פון די ריכטער און אָנגעזעענער פון די שאַצמייסטערס אין שטאָט־טויער! קום, לאָמיר צו אים גיין און רעדן רייד פון כבוד.

און ווי ער האָט אָנגענומען אָהליאָב׳ן פאַר אַן אָרעם פאָרויסצוגיין, איז פון באַרג האַסטיק אראָפּגעפאָרן א רייטוואָגן מיט אַזא רעש, אַז די נזירים וואָס האָבן זיך געזאַמלט צו דער מאָלצייט ביי די הינטערשטעביידלעך, זענען אין בהלה זיך צעלאָפן. פון רייטוואָגן איז ארויסגעשפּרונגען א געוויקסיקער קריגסמאַן אין א שאַרלאַך־רויטן מאַנטל איבער די וואָפנקליידער. זיין קאָפּ האָר איז געווען ווי באַדעקט מיט וואָל און זיין רויטע קורצע באָרד האָט געגליט אין שיין פון זונאונטערגאַנג. דאָס איז געווען איתמר בן צוער. זיין קנעכט אשבעל האָט נאָכגעשפּירט תּקועי׳ן ווען ער איז אינאיינעם מיט אָהליאָב׳ן אראָפּגעגאַנגען אין לאַגער פון די נזירים און געבערענגט די נייעס צו זיין האַר. איתמר האָט אין געאייל איינגעשפּאַנט דעם רייטוואָגן נישט צו פאַרשפּעטיקן צו טרעפן זיין אַלטן פריינט. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער אייפערדיקער הענדלער וועט נישט וועלן אים גריסן, אָבער תּקועי דערזעענדיק אים, האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס.

— איתמר, מיין ברודער! —האָט ער אויסגערופן.— די יאָרן פון רו האָבן אונדז צעשיידט און דער טאָג פון שטורעם האָט אונדז ווידער צוזאַמענגעבערענגט.

און די, וואָס זענען אמאָל אינאיינעם ארויפגעגאנגען אין שומרון אומצו־וואַרפן אַחאַב׳ס הויז, האָבן אצינד זיך ארומגענומען און זיך צעקושט. ביי תקועי׳ן האָט זיך נאָך נישט פארלאָשן דער פארלאנג צו שטורעמען דאָס העכ־סטע הויז, אָבער איתמר איז גרייט געווען די קרוין צו שיצן.

— א ברודער אין צאָרן, א ברודער אין שמאַך, —האָט איתמר געזאָגט,— מיר זענען ווידער אינאיינעם!

און אָהליאָב, וואָס זיין צונג איז ווידער געווען אזוי רואיק ווי זיין הארץ, איז אָפּגעטראָטן פון די צוויי היציקע מענער. תקועי האָט אין איין רגע גע־קוקט אויף דעם קריגסמאַן מיט דעם שטומען פאָרוואורף פון א פאָטער וואָס האָט אָפּגעזוכט זיין ווידערשפעניקן זון. דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האנט אויף דער מחנה נזירים און געזאָגט:

— אָט דאָס גרויסע חיל וויל אומוואַרפן דאָס הויז אין שומרון. און דו, איתמר, וועסט ווידער ארויפגיין באוואכן די זיילן?

איתמר איז צוריקגעפאָרן מיט די צוויי רייכע הענדלער ביז עין־דור. פון דאָרט איז אָהליאָב אוועק אין קעניגס שטאָט און דער קריגסמאַן האָט געפירט תקועי׳ן איבער דעם טרוקענעם לאַנד, וואו דער שטויב פון מדבר האָט פאַר־וויסט גערטנער; וואו פיש זענען אויסגעשטאָרבן אין די טייכן און וואסער־גראָבנס האָבן אויסגעטריקנט אוןביימער האָבן איינגעדאַרט. זייער רייטוואָגן האָט זיך געטראָגן פארביי חרובע וואוינערטער, וואו אויף די דעכער האָבן הונ־געריקע קראָען און רויבפייגל געזוכט שפייז. אזוי פיל אומגליק האָבן זיי אין לאַנד נישט געזען אין די טעג פון הונגער ביי אַחאָב׳ן, און תקועי האָט געפרעגט איתמר׳ן, צי ער געדענקט דעם אָנזאָג איידער ער איז ארויפגעגאנגען צום ערשטן מאָל אין שומרון, אז די גערעכטע וועלן משפטן די פארדאָרבענע און די רייכע וועלן הערשן איבער די אומווירדיקע? א טאָג שפּעטער זענען זיי דורכגעפאָרן א שטאָט ביים געמארק, וואָס די אָרמים זענען באפאלן און אונטערגעצונדן און די קנעכט האָבן אויסגעריבט די הייזער פון זייערע הארן. אין דעם טרינקהויז האָבן די ווילדע קנעכט זיך איינגעזאמלט, איבערגעטאָפּעטע אין וואָלענע גע־וואנטן, מיט געזאלבטע האר און געשריגן: טרינקט ווייַן אין דעם טאָג פון פרייד, וואָרום עס זענען מער נישטאָ קיין הארן און קיין שקלאַפן! ליידיקט אוים די קרוגן און מיר וועלן ארויפגיין נאָך דעם זילבער און גאָלד אין טעמפּל פון די פאַלשע געטער!

מיט שרעק האָט תקועי געקוקט אויף די אונטערטעניקע, וואָס זענען גע־וואָרן מורדים און געפרעגט:

— פארוואָס האָסטו געמאכט שלום מיט מלכים און זיך אָפּגעקערט פון

די, וואָס האָבן געוואָרנט אויף דעם אונטערגאַנג? זעסטו נישט אז זייער צאָל ווערט אַזוי פיל ווי דאָס זאמד אין מדבר?

תקועי'ס רייד זענען פאר איתמר'ן געווען ווי בייטשן, און ער האָט פאר אים דערציילט ווי די מידע געעלטערטע איזבל האָט אים אָנגערעדט צו טויטן יונדב בן רכב'ן, אָבער ער איז אַנטלאָפן פון איר ווינטערהויז. וואָס איז געוואָרן פון דעם לייבנעק פון יהודה? — האָט ער ווידער געפרעגט. — דער מלך געטרויט אים נישט און פון די פרומע איז ער אָפּגעשטויסן. אצינד שפּרינגט ער אויף ביידע שוועלן. איתמר האָט אויך דערציילט, אז אלישע איז נישט נאָר דער מאן, וואָס ווייזט געטלעכע וואונדער, ער איז דער פירשט איבערן פאָלק און דער אומגעזעענער פירער פון חייל, און ער וועט פון צווישן די הויפּטלייט איין טאָג אויסקלייבן א מאן צו זאלבן אים פאר א נייעם מלך. אויפן דריטן טאָג זענען זיי אָנגעקומען אין מחנים. תקועי האָט ביים געזעגענען געזאָגט ווידער צו טרעפן אֲהליאָב'ן און איינזאמלען די געטרייע הענדלער און אינאַיינעם וועלן זיי גיין זיך ראטן מיט די עלטסטע צו לינדערן די שמאך און נויט אין לאנד. און איתמר איז אליין אוועק קיין שומרון.

בוך נײַן

יהואש'ס אויפשטאַנד

א

אין דעם פינפטן יאָר אין יהורמ׳ס מלוכה זענען די אַרמים ארויפגעגאַנגען מלחמה האלטן מיט ישראל. די וועגן זענען געווען פארצוימט ביז שומרון, אָבער זיי האָבן זיך באפעסטיקט ביי די שטעט פון גלעד און גולן און עס זענען ווידער געקומען טעג פון נויט און שטראָף און שמאַך. אין יענער צייט איז אין ירושלים געשטאָרבן דער מלך יהושפט און יורם, זיין זון, האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן, אָבער ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פון די מלכים פון ישראל און זיך געפירט אזוי ווי אין דעם הויז פון אַחאָב, ווייל עתליה, די טאָכטער פון איזבל, איז געווען זיין ווייב. אָבער יהוה, וואָס האָט געוואכט איבער זיין פאָלק, האָט נישט געוואָלט אומברענגען יהודה פון זיין קנעכט דוד׳ס וועגן, אזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אים און זיינע קינדער א ליכט אין אלע טעג.

דער יונגער מלך פון ירושלים האָט געפירט מלחמות מיט די אונטעריאָכטע פעלקער, וואָס זענען געוואָרן ווידערשפעניק, אָבער ער האָט זיי נישט באזיגט. אין זיינע טעג איז אדום אָפּגעפאלן פון אונטער יהודה און די אדומים האָבן געזאַלבט איבער זיך אַן אייגענעם מלך. ווען יורם האָט זיך ווידער געשטארקט, איז ער אריבערגעגאַנגען קיין צעיר מיט אלע זיינע רייטוועגענער צו אונטער־יאָכן אדום. איין נאַכט האָט געפלאַקערט א גרויסע שלאַכט און דער מלך פון ירושלים האָט געשלאָגן די אדומים וואָס האָבן ארומגערינגלט זיין חייל, און די הויפּטלייט פון די רייטוועגענער און דאָס פאָלק איז צוריקגעלאָפן צו די געצעלטן. אָבער אדום איז געבליבן פריי פון אונטער דעם יאָך פון יהודה ביז היינטיקן טאָג. אין יענע טעג, אין דער אייגענער צייט איז אויך אָפּגעפאלן לבנה.

די מלחמות צווישן די אַרמים און ישראל האָבן זיך געצויגן אין אלע טעג פון דער הערשאפט פון דעם מלך פון ישראל. ווי נאָר ישראל האָט אָפּגע־שטויסן איין אָנפאל פון שונא אין איין טייל לאנד, האָבן די אַרמים געלאגערט

אין א צווייטן טייל. עס איז נישט געווען קיין גערעטעניש דורך זיבן יאָר, און פון דעם הונגער און מלחמות איז געקומען אויפן פאָלק א פּלאָג. דער מלך יהורם האָט אויסגעהאַלטן די אָנשטויסן נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל, און צוריקגעצאָלט די אַרמים מיט א גרויסן שלאַק, ביז בן הדד האָט זיך אומגעקערט אין זיין לאַנד מיט ליידיקע הענט. ביי די געמארקן זענען שטעט פון ישראל און שטעט פון אַרם געלעגן פארוויסט. די באַוואוינער האָבן זיך באַהאַלטן ווי חיות אין די היילן און אין שפּאַלטן פון בערג. ווייטע שטרעקעס אריבער דעם ירדן זענען אויסגעברענט געוואָרן פון טריקעניש און פייער און די רייטוועגנער האָבן צעטראָטן די פרוכטן־ביימער און די מאָגערע תבואות. אזוי איז אויסגערונען דאָס רייכטום פון לאַנד און ישראל איז געוואָרן ווי א מוטער וואָס צערייסט אירע קליידער און זי שיט אַש אויף איר קאָפּ ווען זי זעט ווי אירע קינדער שטארבן. לענג־אויס דעם שטיק לאַנד פון בעל־חצור ביז מגידו איז נישט געווען קיין שטאָט און קיין דאָרף און קיין וואוינאָרט, וואָס האָט נישט פארלוירן מענער און זין אין די מלחמות.

אין די יאָרן פון אומגליק האָט דער מלך פון ישראל געשווינד זיך געעלטערט. זיין רוקן איז געוואָרן געבויגן און זיין פּנים צעקנייטשט ווי אן איינגעטריקנטע פרוכט, און די האָר פון זיין באָרד און שארבן זענען געוואָרן שיטער. ער האָט גערעדט בייזע רייד צו די רופאים, וואָס זענען געקומען היילן זיין קראנקע לעבער און ארויסגעטריבן די ראַטגעבער אין די טעג ווען די לויפערס האָבן געברענגט פון דער מלחמה וויסטע בשורות. דערנאָך האָט אויסגעבראָכן די פּלאָג, ווי עס איז דער שטייגער אין מלחמות און אין טריקעניש, ווען הויפנס מיט לייבער ליגן אונטערן אָפענעם הימל, נישט באַגראָבן. די פּעסט האָט דערשלאָגן די, וואָס זענען נישט פארלענדט געוואָרן דורך דער שווערד. און עס זענען געפאַלן קריגער פון אַרם אזוי ווי פון ישראל, וואָרום דער טויט האָט נישט געשוינט פון רייך ביז אָרעם. ווען א שלאכט האָט זיך אָפּגעשטעלט, זענען פיל פוסגייער און רייטער און בויגנציער אנטלאָפן אין די בערג און אין מדבר אריין, וואו די פּעסט איז נישט נאָכגעגאנגען. די עלטסטע אין ישראל האָבן זיך געשראָקן אז פון דעם פרוכטבארן לאַנד וועט ווערן איין גרויסער אָפענער קבר.

אין די טעג ווען פאַר די הויפהאַרן און ראַטגעבער איז דעם מלכ׳ס טיר געווען פארשפּארט, איז פאַר פּקחיהו׳ן דער איינגאנג געווען אָפן. פּקחיהו האָט געקאָנט בייקומען אן אומגליק און אונטערדריקן פארשעמונג, ווייל ער האָט געוואוסט, אז שטאָלץ און כבוד איז נאָר פאַר דעם קרוינטרעגער. זינט אַחאָב׳ס טויט האָט ער געהאַט איין באַגער: דינען געטריי דעם יונגן מלך ווי ער האָט געדינט זיין פאָטער. ער האָט מורא געהאַט צו שיקן צו אים נעמה׳ן, וואָס איז

געווען ווי א שוועסטער און א יונגפרוי צו איתמר׳ן, אָבער מיט זיין געשליפע־נער צונג האָט ער איינגעשטילט יהורמ׳ס גרימצאָרן. דער מלך האָט געשפּעט פון זיינע ווערטער פון חניפה, אָבער פקחיהו האָט געהאַט אָפענע אויערן ווען דעם מלכ׳ס הארץ איז געווען פארביטערט.

איין מאָל אין א נאַכט איז פקחיהו צוגעקומען צום מלכ׳ס טיר. אין דער פינצטער איז ער געבליבן שטיין ביי דער קאַמער פון מגילות. איין פאַקל האָט געברענט צווישן די זיילן. פקחיהו האָט אריבערגערעדט צו יענער זייט וואַנט:

— מלך פון ישראל, ווילסטו אויפנעמען דיין קנעכט אין דער נאַכט פון דיין איינזאַמקייט?

— פון אַלע קנעכט ביזטו דער אומדערשראָקענער, פקחיהו, —איז געווען דעם מלכ׳ס ענטפער.— ווען איך זאָל נישט דערקענען דיין קול, קאָן איך שמעקן דעם ריח פון דיין מאַנטל, וואָס איז דופּטיקער פון קעניגלעכע געוואַנטן. קום אריין און צינד־אָן א פאַקל.

— אין שמעקעדיקע לייַנענטיכער זאָל דער געטרייער קנעכט זיך שטעלן פאַר זיין מלך, —האָט פקחיהו געזאָגט אריבערגייענדיק די שוועל, און ער האָט געכאַפּט א וועכטער ער זאָל אָנצינדן אן אייל־לאָמפּ, ווייל דער רויך פון דעם פאַקל האָט געברענט אין זיינע אויגן. ער האָט געמאַכט א שפּרייז פאָרויס און זיך געבוקט.

יהורם האָט זיך אונטערגעהויבן אין זיין אָנלענשטול מיט די גאָלדענע פיס. דער לויזער גוף האָט זיך אויסגעשטרעקט. זיינע קינבאַקן און באָרד האָבן גע־גליט אונטערן שיין פון דער לאָמפּ. די פולע ליפּן זענען געווען האלב אָפן, און אין פקחיהו׳ס אויגן איז ער אין יענער רגע ענלעך געווען צו זיין פאָטער אחאָב.

— איך בין מיד צו זיצן אין דער פינצטער און טראַכטן פון דעם אומגליק אין ישראל, —האָט יהורם געזאָגט.— נאָך אַלע מלחמות האָט בן הדד נישט צעריסן מיין לאַנד, אָבער אלישע האָט צעריסן מיין הויז און צעבראָכן מיינע ריפּן און אוועקגענומען די פריידן ביים פאָלק. מיין לעבער איז קראַנק און מיינע אויגן זענען געבליבן אָן טרערן נאָך אזויפיל געטרייע, וואָס זענען געפאַלן פאַר מיר. א גרויסע מלוכה האָט מיין פאָטער מיר איבערגעלאָזט, אָבער נישט דער מלך נאָר אלישע הערשט איבער איר.

פקחיהו איז געשטאַנען איינגעבויגן פאַר זיין קעניג און ביטער געשמייכלט. זיין גרויסער קאָפּ האָט גערוט ווי א פעלז אויפן נאַקן. דורך די יאָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט קישעלעך אונטער די אויגן. די הויט אויף די באַקנביינער איז גע־וואָרן לויזער, אָבער דער מוח איז געבליבן קלאָר און די ליפּן האָבן געוואוסט ווען אָנצוקלייבן ווערטער פון טרייסט.

— זאָל דער מלך, א זיגער, נישט רעדן פון טרערן — האָט זיין ווייבע שטים געזאָגט.

— איך האָב זיך געפרייט אין די טעג פון רום, פקחיהו, פארוואָס זאָל איך היינט זיין פארשעמט מיט מיינע טרערן?

— גערענק, מלך פון ישראל, אז אָרם איז מער פארוויסט פון ישראל און בן הדד׳ס לאנד איז א גרויסער מדבר. אזוי ווי זאמד אין דער וויסטעניש איז דאָס חייל, וואָס איז געשטאָרבן פאר אים, אָבער קיין איין פעסטונג אין שומרון האָט ער נישט גענומען. אין איין טאָג וועט ער אליין פארלענדט ווערן פון דער שווערד אָדער פון דער פעסט, ווייל דער קעניג, וואָס פארלירט מוז שטאַרבן נעבן זיינע קנעכט און ער גייט אריין אזוי ווי א בעטלער אין טאָל פון די שאָטנס.

— און די וואָס שטארבן מיט א געשריי צום הימל און מיט זיפצן אויף די ליפן, די וואָס זענען אָן וואָפנקליידער און אָן שווערדן; די וואָס עסן פלייש פון אן אייזל און מיסט פון א טויב, גייען זיי אויך אריין אין טאָל פון די שאָטנס?

— נישט אלע זאכן אויף דער ערד זענען רעכטפארטיק, מיין האַר מלך, — האָט פקחיהו אים געטרייסט,— יעדע פרוכט האָט איר וואָרעם און ביי יעדן ברויט איז דער שפייז פון טייג פארברענט. פון א גוטער טואונג קאָן ארויסקומען בייז, און געטריישאפט קאָן זיך ענדיקן מיט טויט אָדער מפלה. קוק אויף מיר, מלך. ביי דיין פאָטער, דעם האַר פון ישראל, בין איך געווען דער ערשטער ביי זיין רעכטער האנט. איך האָב געמעגט אוועקטרייבן פון זיין טיר רייכע הענדלער ביז צום טויער פון געפענגעניש און שיקן צום טויט קנעכט. און די עלטסטע האָבן זיך געבוקט פאר מיר. היינט שטיי איך אליין ווי א בעטלער ביי דיין שוועל און איך רעד מיט א נידעריק קול צו געווינען דיין גנאָד. צי האָט דיר די מוטער־מלכה אמאָל דערציילט, אז איך האָב געוואכט אין דער נאכט ווען דו ביזט א פרינץ געבוירן געוואָרן?

ביי די ווערטער איז יהורם אראָפּגעשפרונגען פון זיין שטול און א געשריי געטון:

— ווי א פרינץ צי ווי א באַגרעבער פון ישראל בין איך ארויס פון מיין מוטערס לענדן?

ער איז אנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער שטיל געזאָגט:

— מיין לייב איז היינט געוויקלט אין א קעניגלעכן מאנטל, אָבער מיינע פיס שטייען פאר דעם קבר פון מיין מלוכה. ער, וואָס וואכט איבער הימל און ערד, דער גאָט פון אלישע, וויפיל רואיקע יאָרן האָט ער געשאָנקען דער מלוכה זינט איך האָב זי גענומען אונטער מיין האנט? ווי גרויס מוז זיין דאָס אומ־

גליק אין לאנד צו צעברעכן די זיילן פון שומרון? איך האָב אַזויפיל אומרעכט פון דעם געטלעכן מאַן געזען, אַז מיין בלוט איז געוואָרן קאַלט און מיינע באַ־גערן האָבן זיך אויסגעלאָשן און איך האָב פרי געלערנט, אַז אַלץ איז איידל, מאכט און גבורה, שטאָלץ און נצחון ווען אלישע גייט דיר נאָך ווי א האָרנ־שלאַנג. צו וואָס האָט מיין פאָטער געבויט פעסטונגען און טורעמס אין זיינע שטעט, אַז לוסט און שנאה און משוגעת זאָלן געוועלטיקן היינט אין ישראל? דו ביזט נישט שולדיק, פקחיהו. מיין קנעכט, זאָגסטו, ביזטו, אָבער דעם מאַן מיט די פרומע לעפצן, וואָס קומט פלוכן מיין הויז, קאָן איך צומאָל נישט באַ־שטראָפן, ווייל אין הייליקייט איז ער געוויקלט און אין פאַרכט איז ער געהילט. ער וויל נאָר מלחמה און פעסט און אומגליק, און ערגער פון הונגעריקע קראָקאָ־דילן זענען זיינע נזירים און נביאים. ווי עס לעבט גאָט! דער בעסטער פון אַלע איז דער טויטער נביא!

און יהורם האָט געשפרייזט אהין און אהער איבער דער קאַמער. די מגילות און די קאָרבן ארום די ווענט האָבן דערציילט די גבורות פון די צייט־געשעעניש פון זיין פאָטער און פון זיין פאָטערס פאָטער, אָבער ער איז געווען שוואַך און באַזיגט ווי א קנעכט אין געפאַנגענשאַפט. דער שיין פון דעם אייל־לאָמפּ האָט געגליט אויף זיין שטערן און אַזוי האָט געגליט זיין כעס.

— נישט אַליין איז אלישע, —האָט ער געשריגן,— דער, וואָס איז פאָרויס געריטן פאַר מיין פאָטער, איז היינט מיט אים. איתמר בן צוער, דער ערשטער שלאַכטמאַן, האַלט א שפּיז ביי מיין צוקאָפּנס. וויפיל שווערדן־טרעגער זענען גרייט אים נאָכצוגיין? ווילן זיי דען אַלע, דעם סוף פון דער מלוכה? איך האָב איתמר׳ן נישט צוגעלאָזט נאָענט צו מיר, ווייל ער האָט קיינמאָל זיך נישט דערוויטערט פון דעם מלכ׳ס פיינט. זיינע פריינט האָט ער אַליין פאַרלוירן, ווייל זיין הארץ איז ביטער און זיין צונג איז שאַרפער פון א גיפטיקער פייל. געזאָגט האָט מען מיר, אַז ער איז געזעסן מיט די עלטסטע אין דער דאָזיקער קאַמער וואו איך זיץ אַצינד און ער האָט געטרונקען ווין ביים מלכ׳ס טיש. פרעג איך: ווי קומט א קריגסמאַן אין דעם קעניגס וואָפנקליידער צו רעדן פון בונט צום חייל?

— ער האָט געברענגט נצחונות צו דיין פאָטער און צו דיין פאָטערס פאָ־טער, מלך פון ישראל — האָט פקחיהו געלאַסן געזאָגט.

אָבער יהורמ׳ס כעס איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן.

— דער, וואָס האָט געברענגט נצחונות, פאַרוואָס שטייט ער אין טויער פון די שופרות און רעדט רייד פון חרפה אויף מיר און אויף מיין מוטער? צי האָט דען איזבל די מלכה, די וואָס האָט געשיקט דינסטן צו וואַשן זיינע פיס, געטון א פאַרברעך צו אים? צי איז ער דען נישט אריינגעקומען אין פּאַלאַץ

ווי א מורד און מיין פֿאָטער האָט אים געשטעלט צווישן זיינע געטרייע? אָבער א האָרנשלאַנג איז איתמר געוואָרן אונטער מיינע פֿיאַטעס און א מדבר־פֿליג אויף מיין נאַקן, און איך וועל נישט איבערלאָזן אין מיין גאָרטן קיין טרוקענע ביימער, וואָס שפּראָצן מיט גיפֿטיקע צווייגן. זיינע רייד פֿון האַס זענען ערגער פֿון בראַנדהעלצער אריינגעוואָרפֿן אין א טרוקענעם וואַלד. איך וועל אים ארויסטרייבן פֿון אַלע ווינקלען פֿון לאַנד און ער וועט זיך נישט קאָנען באַ־האַלטן, נישט אין גולן און נישט אין גלעד און נישט אין דער שפֿלה. און אויב די, וואָס האָבן אים נישט פֿאַרגעסן וועלן אים קומען אויסלייזן, וועלן זיי אים אויסלייזן צום טויט, ווייל צו דער שטיינער־וואַנט וועל איך אים שיקן! זאָל מיר אזוי גאָט העלפֿן און נאָך מער, אז איך וועל דאָס נאָך נישט טון, ווייל ער האָט געדינט מיין פֿאָטער דעם מלך. אָבער שטראָפֿן וועל איך אים באַשטראָפֿן פֿאַר זיינע רייד פֿון בונט אין די טעג ווען ישׂראל איז אין אומגליק.

דעם מלכ׳ס צאָרנדיקע רייד האָבן פֿאַרטויבט פּקחיהו׳ן. זיין בלוט איז פֿאַרקילט געוואָרן. דער ערשטער ראַטגעבער ביי אַחאָב׳ן איז געווען אַלט און דערשראָקן און זיין האַרץ האָט געהאַט אצינד איין באַגער: לויפֿן אָנזאָגן איתמר׳ן, אז דעם קעניגס שווערד הענגט איבער זיין קאָפּ.

יהורם איז אנטשוויגן געוואָרן און זיך אריינגעזעצט אין דעם אָנלענשטול און גערופֿן א קנעכט, ער זאָל ברענגען שפּייז און וויין. אָבער פֿאַר פּקחיהו׳ן האָט דאָס געבראָטענע פֿלייש פֿאַרלוירן דעם טעם און דער וויין האָט נישט פֿריילעך געמאַכט דאָס האַרץ, און ער איז אוועק פֿון מלך געבויגן און פֿאַר־אומערט.

צומאָרגנס נאָכן זונאויפֿגאַנג איז ער געקומען צו איתמר׳ן, וואָס האָט גע־האַט זיין וואוינאָרט אין דער אויבערשטער שטאָט, ביי די גאָרטן־גאַסן צו־פֿוסנס דעם הויז פֿון קעניג און דעם הויז פֿון בעל. פּקחיהו האָט אים געטראָפֿן ווי ער האָט ארויסגעפֿירט זיין פֿערד, גרייט ארויסצורייטן פֿון שטאָט. ער האָט אים אריינגערופֿן אין גאָרטן און גערעדט צו אים ווי נאָך אַן איבערגעריסענעם איבעררייד:

— איתמר, פֿון אַלע געטרייע ביים מלך אַחאָב זענען מיר ביידע געבליבן לעבן און איך האָב דיך ליב ווי א זון און ווי א ברודער. דער הונגער אין לאַנד וועט אוועק און די פּלאָג וועט אנטרינען און די מלחמה וועט פֿאַרביי, אָבער דער מלך וועט פֿון אַלע אומגליקן ארויס א געשטאַרקטער און עס וועט קומען דער טאָג ווען ער וועט אָנטאָן צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ און קיינער וועט נישט קאָנען צוימען זיין מאַכט. ווילסטו זיך שיידן מיט א מלך, וואָס וועט זיך פֿרייען מיט דעם לעצטן נצחון?

— דו האָסט א סוד אויף דיין צונג, פּקחיהו, —האָט איתמר געזאָגט,— וואָס ווילסטו?

— איך בין נעכטן געווען אין דעם מלכ׳ס קאַמער און געהערט פון דער גע־פאַר וואָס לויערט אויף דיר און איך האָב זיך געפעדערט ביים ערשטן ליכט פון טאָג צו קומען אהער, און אצינד רוף איך צו דיר: שטיי־אויף און גיי איבער־בעטן דעם זון פון אחאָב, איידער ער נעמט נקמה אָן דיר. דער מלך יהורם איז געשלאָגן, אָבער ער איז נישט טויט. שטאַרקע הויפּטלייט זענען הינטער אים.

— צו שפּעט, פּקחיהו. מיינע קריגער וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער און פּעסט, און איך וויל זיי פריער אַוועקפירן צו די ווידערשפּעניקע.

— ווי א ווידערשפּעניקער ביזטו אריינגעקומען אין פּאַלאַץ און אן אונטער־טעניקער ביזטו דאָרט געבליבן. געדענקסטו ווי איך האָב אין יענעם טאָג דיך געוואָלט איבערגעבן צו די שפּיזן־וואַרפער? דאָס וואָס איז געווען פריער קאָן געשען היינט. גיי צוריק און ווער אן אָנלען צום מלך און דו וועסט צוריקבר...נ־גען די גוטע טעג פון אמאָל.

— צו שפּעט, פּקחיהו. אלע גוטע טעג זענען הינטער אונדז.

— קיינמאָל איז נישט צו שפּעט פאַר א שלאַכטמאַן, וואָס האָט אויף זיין שפּיז געבערענגט נצחונות. איך ווייס, אז פאַר א גיבור איז שיין דער נעכטן און ער זאַמלט כוחות פאַר דעם מאָרגן. אָבער צי ווייסטו נישט, אז דער היינט איז די קייט וואָס בינדט דעם נעכטן מיט דעם מאָרגן? דו האָסט געלערנט די וועכ־טער פון פּאַלאַץ צו טראָגן מיט כבוד דאָס כלי־זין. גיי צוריק, איתמר! דאָס אָרט פון א קריגסמאַן איז ביי דער פעסטונג וואָס טרייסלט זיך.

און פּקחיהו האָט דערציילט פאַר אים פון אלע צאָרנדיקע רייד, וואָס יהורם האָט געוואָרפן אויף זיין קאָפּ. צערודערט איז היינט דער פּאַלאַץ. די מוטער־מלכה איזבל זיצט א פאַרשטויסענע אין ווינטערהויז אין יזרעאל. די נזירים לאַ־גערן ווי א גרויס חייל ביים ירדן, און אלישע גייט ארום פון לאַנד ישראל און קומט אריין אין אַרם און ער איז אָנגעזען ביי בן הדד׳ן און זיינע הויפּהאַרן. נאָר יהורם לויפט ארום איינזאַם אין זיין קאַמער און שרעקט זיך, אז די קריגסלייט וועלן ברענגען א סוף צו דער מלוכה. און דער געעלטערטער פּקחיהו האָט זיך געבעטן ביי איתמר׳ן: נישט אויף די קניען זאָלסטו זיך שטעלן פאַר אים. גיי אריין מיט שפּרייזן פון א פירשט. רעד צו אים מויל צו מויל און אויג צו אויג, און ער וועט דיך דערקענען, אז נישט זיין שונא ביזטו.

אָבער איתמר איז שוין געזעסן אין זאָטל און א פּאַטש געגעבן איבערן נאַקן פון זיין פערד, וואָס האָט זיך געוואָלט אַוועקטראָגן און אויפהויבן הינטער זיך א וואָלקן שטויב.

פּקחיהו האָט לאַנג געקוקט אויף אים. איתמר'ס ווידערשטאַנד האָט אים געעלטערט אויף יאָרן. פּלוצים האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן מיט פאַרבאָרגע־נע פלעמלעך ווי ביי א מאַן, וואָס פאַר אים זענען נישט פאַרהוילן די סודות פון אַלע פאַרשולדיקטע. איין בייטש האָט ער אצינד געהאַט. זאָל ער זי אצינד אויפהויבן אויף זיין קאָפּ? פּקחיהו האָט געוואוסט דעם סוד צווישן אים און נעמה'ן, א סוד וואָס איז שוואַכער פון זינד און שטאַרקער פון חרפּה. ער האָט געזאָגט:

— פאַר נעמה'ן, טו דאָס פאַר נעמה'ן.

און ער איז א געבויגענער אוועקגעגאַנגען מיט א פאַרביייזערט האַרץ.

ב

ביים ארויספאָר פון שטאָט האָט אויף אים געוואַרט אַשבעל זיין קנעכט. ער איז געזעסן אויף זיין ברוינעם מדבר־פערד, וואָס האָט אים צוריקגעברענגט פון די שטעט אין גולן. זיינע אויגן האָבן געבליצט און די ליפּן האָבן געשוויגן, און איתמר האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך אַשבעל האַלט אַ סוד אויף דער צונג. ווען זיי זענען דורכגעריטן דאָס טויער פון די שופרות, האָט דער קנעכט זיך אָנגערופן צו זיין האַר:

— אַ הויפּטמאַן מיט זיינע פּיפּציק וואַרטן אויף דיר ביים טורעם פון דער לבנה.

— ווער איז ער?

— יהוא, דער זון פון יהושפט, איינער פון די, וואָס זענען נאָכגעריטן דעם מלך אַחאָב. ער האָט געפירט די בויגנציער אין מלחמה אויף רמות־גלעד.

— קומט ער אין פרידן?

— ער האָט אַ וואָרט צו דיר.

איתמר האָט געדענקט דעם יונגן הויפּטמאַן פון יזרעאל, אַ פלינקער בויגנציער, געוויקסיק און גלוסטיק צו רעגירן. אין דער מלחמה מיט אַרם האָט ער באַדינט אלקנה השמעי'ן, דעם האַר איבער די פּיילנשיסער. ער איז וואוילגעפעלן אין די אויגן פון אַחאָב, אָבער איתמר האָט אים נישט געטרויט. און ער האָט זיך געוואונדערט: מיט וועמען גייט ער היינט, מיט די קריגער פון יהורם צי מיט דעם חייל פון אלישע?

ביים טורעם פון דער לבנה איז יהוא אים אַקעגן געריטן. הינטער אים זענען געווען פופציק מאַן אין קופּערנע פּאַנצערס און קיווערס און מיט שפּיזן אין די הענט. יהוא איז געווען געקליידט שענער פון אַלע. ער האָט געטראָגן אַ גאָלדענעם אָרעמבאַנד. זיין מאַנטל האָט געהאַט אַ זילבערנעם שנאַל. אין זיין קיווער האָט געשטעקט אַ פייל, אַזוי ווי ביי די העלדישע יונגען צווישן די בויגנ־

ציער. זיינע ציין האָבן געלאַכט. אין דעם בליק איז געווען א געצוימטע גע־האַרכזאַמקייט.

— אונדזער חייל הונגערט, — האָט ער געזאָגט, — און איך וויים פון באַ־האַלטענע שייערן, פול מיט גערשטן, ווייץ און אייל בירטן. דער מלך האָט אָן אונדזי פאַרגעסן, אָבער איך האָב הינטער מיר פינף טויזנט שטאַרקע פוסגייער און רייטער און פלינקע בויגנציער און איך האַלט זיי פאַר א שלאַכט, וואָס וועט אומגעריכט קומען. לאָמיר אַרויפגיין אינאיינעם און אויסראַמען די שייערן, אַז אונדזערע מענער זאָלן זיין זאַט אין טאָג פון מלחמה.

איתמר האָט געקוקט אויף דעם דרייסטן קריגער. זיין קול איז געווען היל־כיק און זיינע אויגן שאַרף.

— איז נאָך דאָס פאָלק ווינציק צעריסן? — האָט ער געפרעגט. — די, וואָס זיצן ביים ירדן האָבן פיינט די באַוואוינער אין שטאָט און די באַוואוינער אין שטאָט האַסן די נזירים, און ביידע טראָגן א שנאה אויף דעם מלך און די קריגס־מענער. וויפיל נאָך פיינטשאַפט קאָן אויסהאַלטן א מלוכה אין טעג פון פלאָג?

יהוא האָט געזאָגט:

— די פלאָג וועט אַוועק. דער צאָרן פון די נזירים וועט זיך קילן, אָבער דער רוצח פון דעם חייל איז היינט דער הונגער. איתמר, לאָמיר אינאיינעם אויסליידיקן די שייערן פון די רויביונגען, די צינזהאַרן, אַז אויפעסן די פליישן און אויסטרינקען די ווייַנען זאָלן אונדזערע קריגער!

איתמר האָט געהערט פון יהוא׳ס ליפּן דאָס געשריי פון געפייניקטע שלאַכט־מענער, וואָס איז אויך געווען זיין געשריי. פון דעם געהאַרכזאַמען בויגנציער איז פלוצים געוואָרן א באַפעלער. צווישן די הויפהאַרן האָט מען פון אים פריער נישט געהערט, אָבער ער איז יונג און דרייסט און א חייל גייט אים נאָך. איז יהוא גערעכט? די, וואָס קומען אַריין מיט צאָרן אין שומרון, זענען שטענדיק גערעכט.

— אין יזרעאל זענען דאָ מער צינזהאַרן ווי וועכטער צו שיצן די באַגזלטע, — האָט יהוא געזאָגט, — א מאַרק פון רויב איז דער טאָל געוואָרן. איך וועל מאַכן מיינע רייטער פאַר וועכטער, אַז די וואָס האָבן נישט צו צאָלן, זאָלן נישט גיין אין געפענגעניש און די, וואָס מאַכן א בונט זאָלן נישט פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן. נאָר דער צינזהאַר אליין איז היינט דער הערשער אין איטלעכער שטאָט. זיין ווערט ביים מלך איז אַזוי ווי א וויין־פּרעס. וויפיל ער קען אויס־קוועטשן, אַזויפיל זילבער און גאָלד פאַלט אַריין אין זיין בייטל.

איתמר האָט זיך אומגעקוקט אויף זיין קנעכט, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט די פאַראָרעמטע שטעט און צוגעזען די גזילות. אשבעל איז אַצינד געלעגן אויס־געצויגן אויף א לעדערנעם פעל הינטער זיין פערד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אז אמת קומט פון דעם בויגנציערם ליפן. יהוא האָט גערעדט מיט א גליענדי־קער צונג. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער געלאָזט פאַלן דעם מאַנטל פון די אקסלען און צעבראָכן די פייל פון זיין קיווער. זיינע רייד האָבן געמוזט קומען פון א גערעכטן צאָרן, ווייל איתמר אליין האָט אויפגעפלאַמט פון זיין אייפער.

— און די שופטים אין די שטעט, —האָט ער געפרעגט,— דערלאָזן זיי דעם רויב? און דער מלך?

— ביים מלך האָבן די בארויבטע פארלוירן.

— זיי האָבן פארלוירן ביים מלך, אָבער זיי האָבן נישט פארלוירן ביי גאָט.

— האָט איתמר געזאָגט.

און ער האָט צוגעזאָגט צו גיין מיט אים און צונעמען די שייערן מיט שפּייז פאַר דעם חייל.

צומאָרגנס נאָך זונאונטערגאנג האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן ביים שערהויז פון די שעפּסן, איטלעכער מיט זיינע פופציק מאַן. יהוא האָט געבראַנגט א ווייסע טויב און א שווארצע שאָף ווי א צייכן פון ליכט און פינצטערניש, און זיי האָבן, ווי דער שטייגער ביי שלאַכטמענער, געשאָכטן איבער אן אָפענער גרוב. ווען די גרוב איז געווען אָנגעפילט מיט בלוט, האָבן זיי איינגעטונקען די אָרעמס און דערנאָך ארויפגעלייגט זייערע האנטפלאַכן, איינגעוויקלט אין בלוט, אויף דעם אָרט פון זייער באַגעגעניש. די הונדערט קריגער הינטער זיי האָבן א גאַנצע נאַכט געזונגען לידער און געטרונקען פון פעלעכלעך ווייך און געגעסן דאָס פלייש, וואָס זיי האָבן געבראָטן. און דאָס וואָס איז געבליבן, די ביינער און די פעל און די הערנער, האָבן זיי פארברענט אין פייער און געשוואוירן אראָפּצוגיין נאָך דרייסיק טעג אין יזרעאל און אויסליידיקן די שייערן פון די צינזהאַרן.

ג

בן הדד האָט געהערט פון דעם הונגער אין שומרון און ער איז אָנגעפאַלן אויף די אָפגעשיידטע שטעט ביי די געמאַרקן. ער האָט באַפוילן זיינע קריגער צו לויערן אויף די לאַגערן פון ישׂראלס חיל און זיי פאַרטיליקן. אָבער אלישע, דער געטלעכער מאַן, וואָס יהוה אַליין האָט אים אויסדערוויילט צו זיין אַ העלפער, האָט געשיקט וואָרענען דעם מלך פון ישׂראל, ער זאָל אָפּהיטן זיין חיל פון פאַרבייציִען די ערטער, וואו עס לויערן די אַרמים, און יהורם האָט געפאָלגט דעם הייליקן מאַן און אויסגעמיטן די שווערד פון אַרם נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל. אָבער בן הדד איז אַריין אין גרימצאָרן, ווייל ער האָט זיך געשראָקן, אַז צווישן זיינע קנעכט זענען דאָ אויסשפּירער פאַר דעם מלך פון ישׂראל, און ער האָט גערופן זיינע ראַטגעבער און געפרעגט: ווער פון אונדזערע איז מיט דעם מלך פון ישׂראל? האָט איינער פון זיי געזאָגט: קיינער נישט, מיין האַר, נייערט אלישע, דער נביא פון ישׂראל, דערציילט זיין מלך אַלע רייד, וואָס דו רעדסט אין דיין שלאָפקאַמער. האָט בן הדד אַ געשריי געטון: געפינט אים! און איך וועל שיקן אים נעמען אין געפאַנגענשאַפט!

זענען זיינע קנעכט אַרויס און צוריקגעקומען אים אָנזאָגן, אַז אלישע איז אין דותן. און די זעלבע נאַכט האָט בן הדד געשיקט אַהין פערד און רייטוועגענער און גרויס חיל און זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט. און ווידער האָט דער געטלעכער מאַן געוויזן איינעם פון זיינע וואונדער־צייכנס. ווער האָט דען פון דעם גרויסן וואונדער נישט געהערט? די, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען אלישע׳ן, האָבן דערציילט און דאָס פאָלק האָט דערנאָך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אַז ווען דער משרת פון דעם געטלעכן מאַן האָט אין דער פרי זיך געפעדערט אויפצושטיין און איז אַרויסגעגאַנגען, ערשט אַ גרויס חייל רינגלט אַרום די שטאָט מיט פערד און רייטוועגענער. האָט דער יונג זיך צעיאָמערט: וויי, מיין האַר, וואָס זאָלן מיר טאָן? האָט אלישע געזאָגט: זאָלסט נישט מורא האָבן, וואָרום די וואָס מיט אונדז זענען מער ווי די וואָס מיט זיי. און ער האָט מתפּלל

געוועז צו גאָט, ער זאָל עפענען די אויגן פון דעם יונג, און גאָט האָט אין זיין גנאָד געעפנט זיינע אויגן און דער יונג האָט דערזען ווי דער בארג איז פול מיט פערד און פייערדיקע רייטוועגענער ארום און ארום אלישע'ן. און ווי די ארמים האָבן זיך דערנענטערט, האָט אלישע ווידער מתפלל געוועז צו גאָט: שלאָג, איך בעט דיך, דאָס דאָזיקע פאָלק מיט בלינדקייט! האָט גאָט זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט, און אלישע האָט פארפירט די ארמים מיט די ווערטער: נישט דאָס איז דער וועג און נישט דאָס איז די שטאָט. גייט מיר נאָך און איך וועל אייך פירן צו דעם מאַן, וואָס איר זוכט.

און ער האָט זיי אוועקגעפירט קיין שומרון. און ווען די ארמים זענען אריינגעקומען אין די טויערן פון שטאָט, האָט דער געטלעכער מאַן געבעטן: גאָט, עפן די אויגן פון די דאָזיקע, זיי זאָלן זען. און ווען זייערע אויגן זענען געעפנט געוואָרן, האָבן זיי געזען, ערשט זיי זענען געפאנגען אינמיטן שומרון. און יהורם, דער מלך פון ישראל, האָט אָנגעפרעגט ביי אלישע'ן: זאָל איך זיי דערשלאָגן, מיין פאָטער? האָט ער געזאָגט: זאָלסט נישט דערשלאָגן. צי האָסטו זיי דען געפאנגען מיט דיין שווערד און מיט דיין בויגן, וואָס דו גייסט זיי דערשלאָגן? שטעל פאר זיי ברויט און וואסער און זאָלן זיי עסן און טרינ־קען און צוריקגיין צו זייער האר! האָט יהורם געמאכט א גרויסן מאָלצייט און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און ער האָט זיי אומגעקערט צו זייער מלך, און זיי האָבן זיך געשראָקן ווידער צו קומען אין לאנד פון ישראל.

די ארמים האָבן זיך געשראָקן, אָבער זייער האר בן הדד האָט פארגעסן דעם חסד פון דעם מלך פון ישראל און ער האָט ווידער איינגעזאמלט זיין גאנץ חייל און איז ארויפגעגאנגען לאגערן אויף שומרון. און די באלאגערונג איז געווען שווערער ווי אין אלע מלחמות פון פריער. די רייטער און די פוסגייער, די בויגנציער און די שפיזנווארפער און זייערע רייטוועגענער האָבן ארומגערינגלט די מויערן אין היץ און אין קעלט. און עס איז פארביי א יאָר און נאָך מער ווי איתמר און יהוא האָבן מיט דער שווערד אויסגעלייזיקט די פעטע שייערן פון דעם קעניגס צינזהארן און זאָט געמאכט דאָס חייל. דער מלך יהורם האָט זיי נישט באשטראָפט, נאָר געשווינט איטלעכן הויפטמאַן, ווייל געשיקט האָט ער יעדן איי־נעם מיט זיין חייל צו היטן די פעסטונגשטעט. איתמר מיט זיינע רייטוועגענער האָט געלאגערט ביי אפק און יהוא האָט אויפגעשטעלט זיין מחנה ביי רמות־גלעד. אָבער דער הונגער אין שומרון איז געוואָרן אזוי גרויס ביז א קאָפּ פון אן אייזל האָט געקאָסט אכציק זילבערשטיק און פאר א פערטל קב טויבנמיסט האָט מען געצאָלט פינף זילבערשטיק. און מאמעס האָבן אָפּגעקאָכט זייערע אייגענע קינ־דער און זיי מיט זייערע מאנען האָבן געגעסן זייער פלייש.

איזבל האָט אין איר פּאלאץ אין יזרעאל געהערט וואָס עס איז געשען צו

שומרון און פון פיין איז זי קראנק געוואָרן. זי האָט געוואָלט קומען און זיך שטעלן ביי איר זון, אָבער יהורם האָט נישט געלאָזט די מוטער־מלכה זען זיין מלוכה אין אומגליק. די פיילן פון די אַרמים זענען געפאלן אריבער די מויערן און געטויט באוואוינער אין דער אויבערשטער שטאָט. די טויערן זענען געווען פארריגלט און קיינער איז נישט אריין און נישט ארויס. די וועכטער האָבן געעפנט דעם קעניגס שטאלן און אויסגעהרגעט די פערד און די הינט און די מויל־אייזלען און די קעמלען און געגעסן זייער פלייש. די כהנים אין הויז פון בעל האָבן געהייסן שעכטן די הייליקע קעלבער, וואָס זענען געווען באהאלטן פאר בראנדאָפּפערס און צעשניטן דאָס פלייש און אָנגעגרייט פאר זיך און פאר די הויפהאַרן און פאר די פירשטן. אָבער דאָס הונגעריקע פאָלק איז באפאלן די קאמערן און אויפגעבראָכן די שלעסער און איטלעכער האָט געגנבעט א חלק פאר זיך און פאר זיין הויזגעזינד.

איין טאָג, ווען דער מלך פון ישראל איז ארויפגעגאנגען אויף דער מויער צו זיין חייל אראָפּצוקוקן אויף דער באלאגערטער שטאָט, איז א פרוי אים נאָכגעלאָפן און אים אָפּגעשטעלט און געשריגן: העלף, מיין האַר מלך! האָט דער דערשלאָגענער יהורם זיך אויסגעדרייט צו איר און געזאָגט: אז גאָט העלפט דיר נישט, פונוואנען זאָל איך דיר העלפן? פון שייער צי פון קעלטער? אָבער די אומגליקלעכע פרוי איז געפאלן צו זיינע פיס און אָנגעכאַפּט דעם זוים פון זיין מאנטל און געיאָמערט אויף א קול. איז דאָס הארץ פון מלך אויפגערודערט געוואָרן און ער האָט געפרעגט: וואָס איז דיר? און דאָס וואָס די אומגליקלעכע האָט דערציילט, איז פאר דעם מלך געווען מוראדיקער פון א פארלוירענער מלחמה. צוויי פרויען האָבן זיך געטראָפן און געשוואוירן א שבועה. האָט די ערשטע געזאָגט: גיב אהער דיין זון און מיר וועלן אים היינט אויפעסן און מיין זון וועלן מיר אויפעסן מאָרגן. האָבן זיי אָפּגעקאָכט דעם זון פון דער צווייטער פרוי און אים אויפגעגעסן, און אז זי האָט אויפן אנדערן טאָג געזאָגט צו דער ערשטער פרוי: גיב אהער דיין זון און מיר וועלן אים אויפעסן, האָט זי איר קינד באהאלטן.

און ווי דער מלך האָט דערהערט די ווערטער פון דער פרוי, האָט ער צעריסן זיינע קליידער און געהייסן זיך ברענגען זאַקקליידער. דאָס פאָלק צופוסנס דער מויער האָט געזען א זאק אויף זיין לייב און פיל פון המון האָבן זיך ביטער צעוויינט, איז דער מלך ארויף אויפן שפיץ טורעם און אויסגערופן: זאָל מיר גאָט טאָן אזוי און נאָך מער אויב דער קאָפּ פון אלישע, דעם זון פון שפט'ן, וועט בלייבן אויף אים היינט!

דער מלך איז געווען אזוי דערשלאָגן, אז ער האָט געהייסן פאנגען דעם געטלעכן מאן און אים ברענגען צו זיינע פיס, ווארום פארשאָלטן איז דאָס פאָלק

מיט פּלאָג און באַרויבט פון ברויט און וואַסער איבער דער שולד פון אלישע'ן און זיין גאָט פון גרימצאָרן, וואָס זיצט ווי אַלע געטער, אין טונקעלע הייזער, וואוהין דעם מלכ'ס פּוס טאָר נישט אַריינקומען. און ווי דער שליח, דער הויפּטמאַן מיט וואָפן איז אַרויס פון פּאַלאַץ, איז אלישע געזעסן אין זיין הויז און די עלטסטע מיט אים. אָבער יהוה דער אַלמעכטיקער, וואָס האָט אים אויסדערווײלט צו זיין אַ העלזער פאַר זיין פאָלק, האָט אים אויך געמאַכט זען יהורמ'ס הויפּטמאַן אויפן וועג און ער האָט אויסגעשריגן צו די עלטסטע: איר זעט ווי דער דאָזיקער זון פון דעם רוצח שיקט אַראָפּנעמען מיין קאָפּ? זעט, ווי נאָר דער שליח קומט, פאַרשליסט די טיר און איר זאָלט זיך אָנשפּאַרן אויף איר און אים נישט אַריינלאָזן, ווייל איך הער דעם שאָרך פון זיין האַרס פוס הינטער אים!

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט מיט זיינע געטרייע, ערשט האָט דער שליח אַראָפּגענידערט צו אים, און דער מלך, וואָס איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, האָט אַ פאַרביזערטער אויסגערופן: זע, אויב דאָס דאָזיקע בייז איז פון גאָט, וואָס קאָן איך נאָך האָפן?

האָט אלישע זיך געשטעלט אין דער טיר און גאָטס האַנט איז געווען אויף אים און ער האָט אויסגערופן: הערט דאָס וואָרט פון גאָט: מאָרגן אין דער צייט וועט אַ סאה זעמלמעל זיין פאַר אַ שקל און צוויי סאה גערשטן פאַר אַ שקל אין טויער פון שומרון! אָבער דער הויפּטמאַן, וואָס דער מלך איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, האָט געזאָגט צום געטלעכן מאַן: ווען אפילו גאָט זאָל מאַכן פענצטער אין הימל, קאָן דען די דאָזיקע זאַך געשען? האָט אלישע געענטפערט: אָט וועסטו זען מיט דיינע אויגן, אָבער עסן דערפון וועסטו נישט!

און אויך די דאָזיקע נבואה איז וואָר געוואָרן, וואָרום צומאָרגנס האָט גאָט אַרויסגעשיקט פיר מצורעים ווי פיר מלאָכים, און דורך זיי פאַרפירט די אַרמים און זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט און זיי זענען אַנטלאָפן פון פחד. איז דאָס גאַנצע פאָלק אַרויס ביז צום ירדן און אויסגערויבט דעם לאַגער פון אַרם, און אַ סאָה זעמלמעל איז געווען פאַר אַ שקל און פאַר צוויי סאָה גערשטן האָט מען געצאָלט אַ שקל. און דער מלך האָט אַרויפגעזעצט דעם הויפּטמאַן, וואָס ער איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, ווי אַן אויפזעער איבער דעם טויער, אָבער דאָס פאָלק האָט אין געדרענג אים צעטראָטן און ער איז געשטאָרבן אַזוי ווי עס האָט גערעדט דער געטלעכער מאַן, ווען דער מלך האָט צו אים אַראָפּגענידערט: אָט וועסטו זען מיט דיינע אויגן, אָבער עסן דערפון וועסטו נישט!

אין די זיבן יאָר, וואָס דער הונגער האָט געפּייניקט דאָס לאַנד, איז דער הימל געווען פאַרשלאָסן און די ערד פאַרטריקנט ווי אַ פעלזיקער באַרג. די אומזיכערע זענען געוואָרן לעסטערער און די פאָרכטיקע האָבן געפרעגט: וואו איז דער דערבאַרעמדיקער גאָט, וואָס לאָזט אויסגיין זיין פאָלק פון דאָרשט און הונ־

גער? די, וואָס האָבן זיך נישט געבוקט צום בעל, האָט דער אַלמעכטיקער געגעבן נייע כוחות אויסצוטראָגן די יסורים און וואַרטן אויף רעגן און די, וואָס האָבן געדינט צו די געצן, האָבן געשריגן צו שטיין און קופּער, אָבער זייער געבעט איז נישט געהערט געוואָרן.

ווען די טעג פון נויט און שמאַך האָבן זיך געמערט, איז איזבל מער נישט איינגעזעסן אין פּאַלאַץ אין יזרעאל. פון צידון האָט זי גערופן הענדלער צו ברענגען שפּייזן און פרוכטן, אָבער נאָר די רייכע האָבן געהאַט גענוג זילבער צו קויפן און די אָרעמע זענען געבליבן אין שמאַך. ווי אַ לייביכע האָט איזבל אויפגעוואַכט און אָנגעטאָן די מלכותדיקע קליידער, און דער גאָלדענער רייטוואָגן האָט זי אַריינגעפירט אין שומרון און אין בית־אל, אין דן און אין קדש. און זי האָט געהייסן אָנצינדן פייערן אויף אַלע מזבחות און אונטערהייצן די בייכער פון אַלע שטיינערנע געצן. איבער דער גאָט פון אלישע איז געוואָרן טויב צום געבעט פון פאָלק, וועלן די כוחות וואָס געוועלטיקן אין הויז פון איר פאָטער און איר פאָטערס פאָטער ווייזן רחמנות צו די געשטראָפטע. זאָלן דעריבער פלאַקערן די פלאַמען פאַר דעם בעל־שמים און פאַר דעם בעל־פעור. און פאַר דעם בעל־חמון און פון דעם גרויסן הויז פון מלך־קרתא וועט אַרויסלויכטן דאָס גנאָד צו די אומגליקלעכע. אָבער אַלע פלאַמען האָבן נישט געקאָנט אָנצינדן די בליצן און שטויסן די דונערן אין די וואָלקנס, אַז זיי זאָלן פלייצן מיט אַ רעגן אויף די פעלדער, ביז עס איז צוריקגעקומען פון אַרם אלישע און ער איז באַלד געגאַנגען צום ירדן, און די יונגע נביאים האָבן אים באַגריסט מיט פרייד און זענען אַרויסגעגאַנגען צום פאָלק אָנזאָגן, אַז עס קומט דער סוף צום הונגער און יהוה, דער גאָט פון ישראל וועט דורך דעם געטלעכן מאַן אויף זיי גיסן ריין וואַסער פון הימל אַזוי ווי בשמים פון אַ גאָלדענעם שפּרענגבעקן און זיי וועלן גערייניקט ווערן. און ער וועט זיי געבן אַ נייַ האַרץ און אַ נייַ פייער וועט אין אים פלאַקערן און די שטיינערנע זעל וועט ער פון זיי אַרויסרייסן און אַ נייעם גייסט וועט ער זיי שענקען. און גאָט וועט די שטעט ווידער באַזעצן און די חורבות וועלן אויפגעבויט ווערן און די צעטראָטענע פעלדער וועלן געאַקערט ווערן, אַז אַלע זאָלן זען ווי פון דעם וויסטן לאַנד איז אַ גאָרטן פון עדן געוואָרן.

ביים סוף פון טאָג האָט דאָס פאָלק זיך איינגעזאַמלט פאַר דער שערהויז פון די שעפּסן, וואָס שטייט אויפן וועג פון שומרון און תירצה און געוואַרט אויף דעם געטלעכן מאַן, וואָרום ער האָט נישט געוואָלט ווייזן דעם צייכן פון גאָט אין דער שטאָט פון בעל. דאָס אָפענע לאַנד איז פול געווען מיט טעפּערס און פישערלייט און קופּערשמידן און בעקערס און אָרעמע הענדלער. אויס נייגעריקייט זענען אויך געקומען די עלטסטע און די הויפּהאַרן, די לאַנד־פירשטן און וועכטער פון קעניגס הויז. און ווי דער המון־עם האָט געוואַרט אויף דעם

אַנקום פון דעם הייליקן, וואָס פאַר אים עפענען זיך די טויערן פון הימל אַזוי ווי די טויערן פון מלכים. ערשט אַ בשורה־ברענגער האָט זיך באַוויזן אין געדרענג און באַלד האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אַז ווען אלישע איז געקומען קיין דמשק, איז בן הדד, דער מלך פון אַרם שווער קראַנק געוואָרן, און פון אַלע זיינע היילערס און גייסטבאַשווערער און שטערנזעער האָט ער נישט געקאָנט גענעזן ווערן. האָבן די קנעכט אים דערציילט, אַז דער געטלעכער מאַן איז געקומען אין שטאָט, אַזוי האָט בן הדד גערופן זיין הויפּטמאַן חזאל און צו אים געזאָגט, ער זאָל מיט אַ מתנה אין האַנט אַנטקעגן גיין דעם געטלעכן מאַן און פרעגן דורך אים ביי גאָט: וועט ער גענעזן ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקשאַפט?

איז חזאל אַנטקעגן געגאַנגען אלישע'ן מיט טייערע מתנות. ער האָט גענומען פון אַלדאָס גוטס פון דמשק און אָנגעלאָדן אַ משׂא פון פערציק קעמלען און זיך געשטעלט פאַר אים און געזאָגט: פאָטער אלישע, דיין זון בן הדד, דער מלך פון אַרם האָט מיך געשיקט פרעגן צי וועט ער גענעזן ווערן פון דער דאָזיקער קראַנקשאַפט? האָט אלישע אים געענטפערט: גיי זאָג דיין מלך, אַז גענעזן וועט ער גענעזן ווערן, אָבער גאָט האָט מיר געוויזן אַז שטאַרבן וועט ער שטאַרבן. און ער האָט אַנגעשטעלט זיין פּנים אויף חזאל'ן און אים באַטראַכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך פאַרשעמט און דערנאָך האָט דער געטלעכער מאַן זיך צעוויינט. ווי בן הדד'ס שליח האָט דאָס געזען, האָט ער געפרעגט: פאַרוואָס וויינט מיין האַר? האָט אלישע געענטפערט: ווייל איך זע דאָס בייז וואָס דו וועסט אָנטון די קינדער פון ישׂראל. זייערע פעסטונגען וועסטו אַוועקלאָזן אין פייער און זייערע יונגעלייט וועסטו הרגענען מיט דער שווערד און זייערע קליינע קינדער וועסטו צעהאַקן און די טראָגעדיקע פרויען וועסטו אויפשפּאַלטן. האָט חזאל זיך פאַרענטפערט: ווער איז דען דיין קנעכט, דער הונט, אַז ער זאָל טון די דאָזיקע גרויזאַמע זאַך? האָט אלישע געענטפערט: גאָט האָט מיר געוויזן דיך, ווען דו וועסט זיין דער מלך איבער אַרם.

און חזאל איז אַוועקגעגאַנגען פון אלישע'ן און געקומען צו זיין האַר אים אָנזאָגן: אַזוי האָט אלישע געזאָגט: גענעזן וועסטו גענעזן ווערן! און עס איז געווען אויף צומאָרגנס, ווען ער איז געווען אַליין אין דער שלאָפקאַמער מיט זיין האַר, האָט חזאל גענומען דאָס שטריקטוך און איינגעטונקען אין וואַסער און דערשטיקט בן הדד'ן. און אין יענער נאַכט איז ער געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

די בשורה, אַז בן הדד איז טויט, האָט אויפגעוועקט אַ פריידן ביי דעם גרויסן המון, און דאָס פאָלק האָט געזען גאָטס ערשטן צייכן. וואָרום צוויי ישועות זענען געקומען אויף איין מאָל: דער סוף פון הונגער און דער טויט

פון דעם גרעסטן שונא פון ישראל. די גלויביקע האָבן געוואָלט אויפהויבן א גרויסע שאלונג. אָבער אין יענער רגע איז פון וועג אָנגעקומען אלישע און א הייפל יונגע נביאים זענען אים נאָכגעגאַנגען. זיין טונקעלע באָרד, דורכגעפלאָכטן מיט גרויע קנוילן איז זיך צעפלויגן אין ווינט. אויפן שפיץ פון זיין הוילן שארבן האָט געשטעקט א געלער קאַפּטוך. די אויגן האָבן געבליצט ווי ביי אן אָדלער און זיין לויטערער שטערן האָט געשטראַלט אנטקעגן דעם פלאָקער פון דער אונטערגייענדיקער זון. א געמורמל האָט זיך געטראָגן צווישן המון, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו זיי. די וואָס האָבן געוואַרט אויף טרייסט פון זיינע לעפצן, האָבן מיט פאָרכט זיך אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אָבער דער געטלעכער מאן איז זיי פארבייגעגאַנגען. ער האָט געקוקט אויף דעם דאָזיקן איינגעזאמלטן פאָלק, פון א פּראָסטן מאן אין מארק ביז צו דעם געאכפּערטן שופט, און ער האָט זיך געשטעלט ביי דער שוועל פון דעם שערה־יז און מתפלל געווען צום באשעפער פון דער וועלט. א פחד און א האָפענונג איז אלעמען באפאלן ווען ער האָט מתפלל געווען, אָבער דער, וואָס האָט געשטארקט די פאַרשמאכטע און אָפּגעווישט די טרערן ביי די אומגליקלעכע, האָט אָפּגעזאָגט א קורץ געבעט. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אויף איינעם פון די, וואָס האָבן אים באגלייט און ער איז געווען עזריה דער שווייגער. אלישע האָט אים לאַנג באטראכט און א צייכן געגעבן, ער זאָל גענענען צו אים. די יונגע נביאים זענען געווען פארוואונדערט פארוואָס זייער פאָטער רופט דעם מאן, וואָס האָט פאר מענטשן זיינע לעפצן נישט געעפנט. אָבער אלישע [illegible] געזאָגט:

— זיין צונג האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין בייז און זיין פארשטאנד איז קלאָרער ווי ביי איטלעכן פון אייך. הויב אויף די אויגן עזריה, וואָס זעסטו?

עזריה האָט געקוקט אין הימל אריין. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט און זיינע שטומע ליפּן האָבן זיך געעפנט.

— איך זע, —האָט ער געזאָגט,— ווי א מלוכה פאלט און קיינער פון די שרים קומען נישט אונטערצוהאלטן די זיילן. און איך זע ווי א שטארקער קריגסמאן איז ארויסגעריטן מיט דער שווערד צו פארלענדן דעם מלכ׳ס הויז.

אלישע האָט געפרעגט:

— זון מיינער, וואָס נאָך זעסטו?

עזריה׳ס פּנים איז בלייך געוואָרן פון פאָרכט. זיינע שווארצאפּלען האָבן זיך אָנגעצונדן. פון התפעלות איז דער קאָפּ, אויסגעשטרעקט צו די הויכקייטן, געוואָרן פארגליווערט און ער האָט געמורמלט:

— איך זע ווי א פייערדיקער רייטוואָגן קומט ארויס פון הימל און הויבט אויף די וואָלקנס פון דעם מבול און טראָגט זיי, די וואָלקנס, פון מזרח ביז

מערב און נאָך זיי קומען אראָפּ מלאָכים און האַלטן אויף די הענט זעק מיט גערשטן און מיט ווייַנשטאָקן און מיט אייַלבירטן.

עוזיה'ס ליפּן האָבן זיך פאַרמאַכט. א ציטער האָט ארומגעכאַפּט דעם המון איבער זיינע רייד. די יונגע נביאים האָבן נישט אראָפּגענומען די פאַרוואונדערטע בליקן פון אים. אָבער דער געטלעכער מאַן האָט אים מער גאָרנישט געפרעגט. ער האָט אויפגעהויבן א האַנט און געזאָגט:

— ווי עס לעבט גאָט־צבאות, אז זיין גערעכטן משפּט האָט ער אונדז געלאָזט הערן!

און ווי ער האָט אָפּגעזאָגט די ווערטער און איז אָפּגעגאַנגען, האָבן וואָלקנס זיך אָנגעהויבן זאַמלען איבער די קעפּ פון המון און דערנאָך איז געקומען דאָס ליכט פון די בליצן און דער רעש פון דונערן און א גרויס געוויטער האָט זיך געטראָגן פון אָנהויב וועלט ביז צום סוף וועלט און פאַרלאָשן דאָס ליכט פון טאָג. אזוי צערודערט איז געוואָרן דאָס פאַרכטיקע פאָלק, אז די וואָס האָבן געגלויבט אין דעם נס, זענען געפאַלן אויף די קניען און די, וואָס האָבן זיך געשראָקן, האָבן נישט געהאַט וואוהין צו אנטלויפן. און ווי זיי האָבן אויפגעהויבן די פּנימער צום הימל, האָבן זיי דערפילט די ערשטע טראָפּנס אויף זייערע שטערנס. און א רעגן האָט געפּלייצט אויף דער ערד.

אלישע איז אוועק און אזוי זענען אוועק די יונגע נביאים. דער רעגן איז געפאַלן א גאַנצע נאַכט ווי אן איבערפלוס פון טיפע קוואַלן, וואָס שעפּן זיך קיינמאָל נישט אויס. אין דעם געליאַרעם פון די דונערן איז געווען דער אָפּהילך פון דעם אלמעכטיקן קול, אז וואָר איז געוואָרן זיין צוזאָג דורך דעם נביא און פרוכטבאַר וועט ווידער ווערן דאָס פאַרוויסטע לאַנד.

די שטראָמען רעגן האָבן געשוואָנקען שומרון און פאַרפלייצט די נידעריקע שטאָט און געמאַכט ים־בעכנס אין דער אויבערשטער שטאָט. די טויערן און די הויפן זענען פאַרגאָסן געוואָרן. די זייַלן פון פּאַלאַץ און פון טעמפּל אויפן בארג זענען געווען איינגעטונקען ביז צו די גזימסן אין א טייך. אזוי שטאַרק איז געווען די פאַרפלייצונג, אז די שטראָמען, וואָס זענען אראָפּגערונען פון דעם מלכ'ס הויז, האָבן איינגעבראָכן די ווענט און אָפּגעשיילט מויערן. די דאָרשטיקע באַוואוינער האָבן ארויסגעשטעלט בעקנס אין טעפּ און עמערס, אָבער די פאַקלען זענען אויסגעלאָשן געוואָרן און די פינצטערניש אין שטאָט האָט נאָך מוראדיקער געמאַכט די פאַרפלייצונג. די באַוואוינער, וואָס זענען ארויס אין די גאַסן און פאַרוואָרפן די נאַקנס און געעפנט די מיילער צו טרינקען די ערשטע טראָפּנס פון הימל זענען געבליבן ליגן פאַרחלשטע אין די אָנגעפולטע באַכן און וואַסער־שפּריצן, ווי זיי וואָלטן זייער דאָרשט קיינמאָל מער

נישט געקאָנט לעשן. ביי די זקנים האָבן די לייבער און גערערים אריינגענומען אזויפיל וואסער, אז זיי האָבן דערנאָך די פליסיקייט אויסגעבראָכן ווי בופ־לאָקסן. פון דעם גרויסן גוס רעגן איז די לופט, אָנגעלאָדן דורך יאָרן מיט שטויב און פייער, געריייניקט געוואָרן. די לופט איז געוואָרן לויטער ווי טוי און דופטיק ווי וויין. און דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אז אלע יסורים זענען הינטער אים און דאָס פארוויסטע לאנד וועט באדעקט ווערן מיט גערשטן און איילבירטן און ווייַנשטאָקן.

ד

נאָכן הונגער אין לאַנד האָבן זיך אומגעקערט אין ישראל די רייכע באַוואוינער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן זיבן יאָר אין לאַנד פון די פּלישתּים און אין לאַנד פון מואָב און זיי זענען אוועק צום מלכ׳ס הויז מאָנען די פעלדער און די הייזער, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. און צווישן זיי איז אויך געווען די פרוי פון שונם, וואָס אלישע האָט לעבעדיק געמאַכט איר טויטן זון. די וועכטער זענען אָנגעלאָפן מיט שפּיזן אַלעמען צו פאַרטרייבן און די ציינזהאָרן האָבן זיי געדראָט מיט געפענגעניש, אָבער דער מלך יהורם איז ארויס אויף די טרעפּ פון זיין פּאַלאַץ און גערופן די הויפדינער און זיי אָנגעזאָגט: קערט־אום צו די גערעכטע אַלץ וואָס איז זייערס, און אַלע איינקונפטן פון די פעלדער, פון דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד ביז אַצינד.

דאָס איז געווען אויפן צוועלפטן יאָר פון יהורמ׳ס הערשאַפט, און אין יענער צייט איז געשטאָרבן דער מלך פון ירושלים יורם, דער זון פון יהושפט, און זיין זון אחזיהו האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן. און אויך אחזיהו, דער נייער מלך פון יהודה איז געגאַנגען אין דעם וועג פון איזבל׳ן און אירע קנעכט, ווייל ער איז געווען אַן אָפּשטאַם פון אַחאָב׳ס הויז. דאָס בלוט פון זיין מוטער עתליה און פון עתליה׳ס מוטער איזבל איז געראָנען אין זיינע אָדערן.

אין איר פּאַלאַץ אין יזרעאל האָט איזבל געטרויערט אויפן טויט פון מלך פון ירושלים, עתליה׳ס מאַן. אין צוויי מלוכות זענען אַצינד געזעסן צוויי קעניגינס, אלמנות. זי האָט געהאַט אַ באַגער צו פאָרן קיין ירושלים און שמאַרקן עתליה׳ן, אָבער די הויפהאַרן אין יהודה׳ס קרוינשטאָט האָבן זי נישט פאַרבעטן. איזבל האָט געוואָלט שיקן טרייסט צו איר איינזאַמער טאָכטער, אָבער פאַר זיך אַליין האָט זי קיין טרייסט נישט געפונען. זינט איר וואוינאָרט איז אין יזרעאל, האָט איר וואָרט אָנגעוואוירן די קראַפט. די האַרן טוען אַלץ קעגן איר ווילן און די קנעכט האָבן פאַרלוירן די מורא פאַר שטראָף. יהורם האָט זיך אַרומגערינגלט מיט ראַטגעבער, וואָס זי האָט פאַר אים נישט אויסגעקליבן. ער גיט

אַפּ כבוד מענער, וואָס פאר איר פּנים האָבן זיי נישט געטאָרט שטיין. חירם ציטערט נישט נאָר פאר פקחיהו'ן נאָר אויך פאר דעם אַלטן שרה עובדיהו, נישט אזוי ווי זי האָט אָנגעזאָגט פאר איר ארויספאָר אין יזרעאל. און מואָב איז פארלוירן אויף אייביק! האָט זי דען זיך שוין געזעגנט מיט שומרון? ווי א פארלוירענע שאָף זיצט דאָרט דער מלך. יהורם מיין זון, ווער וועט דיך שטארקן, אויב איך וועל נישט צוריקרייטן אין מיין קרוינשטאָט?

און איזבל איז צוריקגעריטן קיין שומרון און איז ארייַנגעלאָפן אין פּאַלאַץ ווי א שטורעמווינט. אין איר אַלטער רו־קאמער האָבן זיך געשטעלט פאר איר, ווי פריער, די הינטערליסטיקע און חונפים און די וואָס האָבן זי געוואָלט טרייסטן אין איר אומגליק. אָבער קיינער איז מער נישט געווען אין פחד פאר דער געפאלענער הערשערין. דריי טעג איז איזבל געבליבן אין שומרון. זי האָט געפרעגט דעם מלך, צי ער זעט נישט ווי א דונער האָט געטראָפן דאָס העכסטע הויז און עס טרייסלען זיך די זיילן. יהורם האָט מיט כבוד באדינט זיין מוטער און געבערענגט רו אין איר הארץ און זי צוריקגעשיקט קיין יזרעאל.

נייַע שטעט האָט ער געוואָלט אויפבויען אויפן אָרט פון די פארוויסטע, און די אַלטע טורעמס האָט ער באפוילן צו באפעסטיקן. דער מלך פון ישראל איז געווען אין פרידן מיט אַלע הויפּטלייט און געשיקט איתמר'ן און יהוא'ן ביי די געמארקן פון אַפק און מעכה, צו שלאָגן חזאל'ן דעם לעצטן גרויסן שלאָק. אָבער יהוא האָט געוואָלט לאַגערן ביי רמות־גלעד, וואָס איז ווידער געווען אין די הענט פון ישראל, אויסער די הינטערשטע פעסטונגען, וואו עס זענען נאָך געבליבן זיצן די ארמים. און יהוא האָט געזאָגט: לאָמיר איינזאמלען דאָס גאַנצע חייל ביי רמות־גלעד, די פעסטונגשטאָט, און נקמה נעמען פאר דעם בלוט פון דיין פאָטער אַחאב, וואָס איז דאָרט געפאלן! יהוא האָט גערעדט פארפירערישע רייד, אָבער ער אַליין האָט נישט געוואוסט דערפון, וואָרום פון זיין ווייטן וואוינאָרט האָט אלישע, דער געטלעכער מאן, די דאָזיקע ווערטער אויף זיין צונג ארויפגעלייגט. יהורם'ען איז וואוילגעפעלן די עצה פון זיין הויפּטמאן און ער האָט אים געשיקט צו לאַגערן ביי רמות־גלעד.

אויס מורא פאר דער פארלענדונג פון ישראלס חייל, האָט איתמר פאר־לאַנגט פון יהורמ'ען טויזנט רייטוועגענער און פינף טויזנט בויגנציער, זיי ארומצוזעצן ביי די שטעט פון גולן, ווייל דאָרט — האָט ער געזאָגט — וועלן די ארמים זיך ארפאַלאַזן ווי א היישעריק פון קיר־דמשק. איתמר, געניט אין שלאכטן, איז געשטאנען פאר דעם מלך א שטאָלצער און גערעדט שטרענגע רייד צו דעם, וואָס האָט אַלע מלחמות פארלוירן. איז יהורם אריין אין גרימ־צאָרן און אים נישט געלאָזט ארייַנגיין אין מלחמה און אים ארויסגעשיקט פון שומרון. און יהוא מיט זיינע הויפּטלייט האָבן געפירט קיין רמות־גלעד אזוי־

די קעניגין איזבל

פיל חייל וויפיל זיין הארץ האָט געגלוסט, און ער האָט נאָך צוגעזאָגט דעם מלך א גיכן נצחון.

די עלטערע רייטער און בויגנציער האָבן געוואוסט, אז גערעכט איז איתמר. די פרויען פון די געפאלענע אין די פריערדיקע מלחמות האָבן געוויינט פארוואָס די קריגער גייען נישט פארוויסטן די שטעט פון חמת און קיר־דמשק. זיי האָבן געגלוסט צו קריגן וואָס גיכער די גאָלדענע האלדזשנורן און אָרעמבענדער און דיאדעמעס פון די פרויען אין אָרם. די הויפטלייט פון די רייטוועגנער האָבן זיך געשראָקן פאר א פארלוירענער שלאכט, ווייל צוגעזאָגט האָט מען זיי, אז ארומגיין וועלן זיי אין די נעכט דאָס הויכע לאנד און דערשלאָגן דעם פיינט אין דער לעצטער מלחמה, וואָרום נישט א מאן פון שלאכט ווי בן הדד איז דער נייער מלך חזאל. אָבער פירן האָט מען זיי גאָר געפירט צו לויערן ביי רמות־גלעד.

דריי טעג האָט יהוא מיט זיינע הויפטלייט געלאגערט צופוסנס רמות־גלעד און אויך דער מלך איז מיט זיי געזעסן, אָבער קיין מלחמה איז נישט געווען. איז יהורם אוועק צו זיינע קריגער, וואָס האָבן געלאגערט אין רמה. אויפן פערטן טאָג, אין פרימאָרגן, ווי די לאנדפירשטן האָבן זיך געפעדערט און ארויס פון די געצעלטן, ערשט די אַרמים זענען אין גרויסע מחנות אָנגעקומען פון צפון און פון מזרח מיט זייערע רייטוועגנער און שווערן חייל און אונטערגעצונדן די געצעלטן פון ישראלס לאגער אין רמה. די שלאכט האָט געדויערט פון זונאויפגאנג ביז זונאונטערגאנג. רייטוואָגן קעגן רייטוואָגן, בויגנציער קעגן בויגנציער און שפּיזנוואַרפער קעגן שפּיזנוואַרפער, און גרויס איז געווען די צאָל קריגער פון ישראל וואָס זענען געפאלן פון דער שווערד. ביים סוף פון טאָג איז דער מלך יהורם ארייגעשפרונגען אין רייטוואָגן און באפוילן דעם טרייבער אים ארויסצופירן פון שלאכט. אָבער א פייל האָט אים געטראָפן צווישן די לענדן און די וועכטער האָבן אים געבראכט א פארוואונדעטן קיין יזרעאל.

ווען די לבנה איז ארויסגעשוואומען, האָט די געבליבענע מחנה אָפּגעצויגן ביז הינטער די ערדוואלן און דאָרט זיך באפעסטיקט. אין יענער נאכט זענען פון ינוח און עקרבה און לבונה אָנגעקומען צען טויזנט רייטוועגנער און לוי־פערס מיט בראנדהעלצער, וואָס זענען דאָרט געווען איינגעזאמלט און זיי האָבן ארומגעקרייזט דאָס שטיק לאנד פון אַפק ביז פנואל און זייערע טעכטערשטעט. מיט אמאָל האָט אויפגעלויכטן א פלאמענדיקע שטאָט פאר זייערע אויגן. אלע האָבן דערזען ווי די וואוינערטער אויפן בארג הינטער אַפק זענען פארזייט מיט ליכטער. איבער די ווייסע מויערן אויף די שפּיצן פעלזן האָבן געפלאטערט שלייערן פון פורפור און זייד אונטערן שיין פון די פאקלען. דאָס האָבן די

פּריסטערינס פון בעל־חמון געגריסט מיט פרייד די צוריקגעקומענע קריגער פון אַרם. זיי זענען געשטאַנען אויף די טורעמס און געפּויקט אין טאַמבורינען און געצופּט לירעס און געטרייסלט די צימבאַלן, און די קריגער פון ישראל האָבן געזען ווי חזאל האָט זיך געפרייט פאַר זיינע געטער מיט דעם ערשטן נצחון.

פון דעם שלאַק פון רמות־גלעד האָט געהערט אלישע. אָבער דער געטלע־כער מאַן, וואָס האָט מיט אַן אומגעזעענער האַנט געפירט דאָס חייל פון ישראל, איז דאָס מאָל נישט געגאַנגען שטאַרקן דעם מלך און טרייסטן די באַלאַגערטע קריגער. ער איז געבליבן ביים ירדן מיט די יונגע נביאים.

אויפן צווייטן טאָג האָט אלישע גענומען אַ קריגל אייל און גערופן דעם באַליבטן פון צווישן די יונגע נביאים, עזריה דעם שווייגער, און צו אים גע־זאָגט: גורט־אָן דיינע לענדן און מיט דעם דאָזיקן קריגל אייל זאָלסטו גיין קיין רמות־גלעד. און אַז דו וועסט קומען אַהין, זאָלסטו אויפזוכן איינעם אַ הויפּטמאַן יהוא, דער זון פון יהושפט, דער זון פון נמשי און אים מאַכן אויפ־שטיין צווישן זיינע ברידער און זאָלסט אים אַריינפירן אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער, און דאָרט זאָלסטו אַרויפגיסן אויף זיין קאָפּ דאָס קריגל אייל און צו אים רעדן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל! און דערנאָך זאָלסטו נישט וואַרטן, נאָר עפענען די טיר און אַנטלויפן.

האָט עזריה, דער יונגער נביא, זיך איינגעהילט אין אַ דעקטוך און געגאַנ־גען ביז רמות־גלעד. זיינע לאַנגע האָר און לאַנגע באָרד זענען צעבלאָזן גע־וואָרן אין ווינט. דער וועג האָט זיך געצויגן איבער אַ גרויסן מדבר, אָבער פאַר זיינע באָרוועסע פיס זענען די זאַמד־שטרעקעס איינגעשרומפּן. ווי ער איז אָנ־געקומען אין רמות־גלעד, זענען פאַרן טויער געזעסן די הויפּטלייט פון חייל. אין עזריה׳ס אויגן האָבן געברענט פאַרכטיקע פייערלעך. ער איז געוועזן אין התפעלות און באַלד דערקענט ווער עס איז יהוא און געזאָגט: איך האָב אַ וואָרט צו דיר, הויפּטמאַן. האָט יהוא געפרעגט: צו וועמען פון אונדז אַלע־מען? האָט ער געענטפערט: צו דיר, יהוא, זון פון יהושפט, וואָס איז דער זון פון נמשי!

איז יהוא אויפגעשטאַנען און איז מיט אים אַריינגעגאַנגען אין הויז פון די קריגסהאַרן. און דער יונגער נביא עזריה האָט פאַר אים געעפנט אַ טיר נאָך אַ טיר, ביז זיי זענען אַריינגעקומען אין דער לעצטער קאַמער. דאָרט האָט ער אַרויפגעגאָסן דאָס אייל אויף זיין קאָפּ און האָט צו אים גערעדט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך אי־בער דעם פאָלק און דו זאָלסט דערשלאָגן דאָס הויז פון אַחאָב דיין האַר, כדי איך זאָל זיך נוקם זיין פאַר דעם בלוט פון מיינע קנעכט די נביאים, און פאַר

דעם בלוט פון אלע קנעכט פון גאָט, וואָס זענען אומגעקומען פון איזבל׳ס האנט. און דאָס גאנצע הויז פון אַחאָב זאָל אונטערגיין! און איך וועל, דורך דיר פאַר־שניידן פון אַחאָב׳ן יעטוועדער מאַנספּאַרשוין און קינד און קייט צווישן ישראל. און איך וועל מאכן דאָס הויז פון אַחאָב אזוי ווי דאָס הויז פון ירבעם, דעם זון פון נבט׳ן, און אזוי ווי דאָס הויז פון בעשא, דעם זון פון אַחיה׳ן. און די הינט וועלן עסן איזבל׳ן אין דעם שטיק לאַנד פון יזרעאל און קיין באַגראָבער וועט פאַר איר נישט זיין!

און ווי אלישע׳ס שליח האָט אָפּגעזאָגט די רייד, האָט ער געעפנט די טיר און איז אנטלאָפן. און יהוא איז ארויסגעגאנגען צו די קנעכט פון זיין האַר, און א נייער גייסט האָט אויף אים גערוט. זיין בלוט האָט געזאָטן ווי פייער און זיינע אָרעמס זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט דער גבורה פון א לייב. א כוח, וואָס איז שטאַרקער פון דער מאַכט ביי אלע הערשער, האָט אין אים אויפגעוואַכט. צו פאַרלענדן דאָס הויז פון אַחאָב, האָט גאָט דורך א שליח, אים אַצינד געזאַלבט. צו מלחמה און צו נצחון! —האָט א שטים אים באַפוילן.

— גיי ארויס, יהוא, און פאַרשנייד אלדאָס לעבעדיקע אין הויז פון דיין מלך!

אָבער ווען ער איז ארויסגעגאנגען צו די קנעכט פון זיין האַר, זענען זיינע ליפּן געבליבן פאַרזיגלט. די הויפּטלייט האָבן געפרעגט:

— איז פרידן?

— וועגן וואָס איז דער דאָזיקער משוגענער געקומען צו דיר?

האָט יהוא נישט געוואָלט אויסגעבן דעם סוד און געענטפערט:

— איר קענט דאָך אזוינע ווי ער און די רייד וואָס זיי רעדן.

די אויפגערעגטע הויפּטלייט האָבן נישט געוואָלט אז יהוא זאָל פאַרהוילן פון זיי דאָס וואָס איז געשען אין הויז הינטער א פאַרריגלטער טיר, און זיי האָבן געשריגן:

— א ליגן!

— וואָס באַהאַלטסטו אויס פאַר דיינע נאָענטע, וואָס גייען מיט דיר אין קריג?

— ווי א הויפּטמאַן צו א הויפּטמאַן זאָלסטו צו אונדז רעדן!

און בדקר, דער עלטסטער איבער די רייטער, האָט געזען ווי יהוא׳ס פּנים האָט פּלוצים אויפגעשטראַלט אזוי ווי דאָס ליכט פון דער זון, איז ער צוגעשטאַ־נען צו אים און זיך געבעטן:

— דערצייל אונדז, יהוא. זאָלסט נישט פאַרבאָרגן פון אונדז פון גוטס ביז שלעכטס. אויב א האַר איבער אלע ביזטו אָקאָרשט געוואָרן, וועלן מיר זיך בוקן פאַר דיר!

האָט יהוא דערציילט פאַר זיי אלץ וואָס אלישע׳ס שליח האָט אים גע־

זאָגט, און ווי אזוי ער האָט שטילערהייט אים געזאַלבט פאַר א מלך איבער ישראל. ווי די הויפּטלייט האָבן דאָס דערהערט, האָט זיך אויפגעהויבן א גרויס גערודער צווישן אַלע קריגסלייט און דער טומל האָט דערגרייכט אין דער מחנה, ביז דאָס גאַנצע חייל אונטערן בארג, פון א לויפער ביז אַן אָנטרייבער אויף א רייטוואָגן האָבן געמיינט, אַז די הינטערשטע פעסטונגען פון רמות־גלעד זענען איינגענומען געוואָרן, און אַז מען האָט אויסגערויבט דעם טעמפּל פון בעל־חמון. אָבער די הויפּטלייט האָבן אין געאײַל אַרויפגעשטעלט יהוא׳ן אויף דער אויבערשטער טרעפּ פון דער ערשטער מויער און איטלעכער האָט גענומען זײַן בגד און אונטערגעלייגט אונטער אים, און זיי האָבן געבלאָזן אין די שופרות און אָנגעזאָגט פאַר דעם גאַנצן חייל: יהוא איז מלך! יהוא איז מלך!

ה

יהוא׳ס זאלבונג איז געווען א סוד אין שומרון און א פארהוילעניש אין יזרעאל, וואו דער מלך יהורם האט זיך געהיילט פון זיינע לייב־וואונדן. ווי נאר דער שליח פון אלישע׳ן איז ארויס פון יהוא׳ס קאמער, זענען מעכטיקע כוחות אין אים אויפגעגאנגען, ווי דער אטעם פון גאט וואלט אויף אים א בלאז געטון. זיין בלוט האט געזאטן ווי א שטורעמדיקער ים. זיינע אויגן האבן געברענט — צוויי פייערקוילן. דאס קול האט געדונערט ווען ער האט ארויס־געגעבן באפעלן, ווי די גרונטפעסטן פון דער וועלט וואלטן פאר אים אנטפלעקט געווארן. דאס גאנצע לאנד איז געלעגן אויסגעשפרייט פאר זיינע פיס, און דעם קעניגס שטאט איז געבליבן אן וועכטער און זיין הויז אפן פאר פארלענ־דונג, ווארום די ווערטער פון אלישע׳ס שליח האבן נישט אויפגעהערט צו שרייען: איך האב דיך געזאלבט פאר א מלך איבער ישראל, אז דו זאלסט דערשלאגן דאס הויז פון אחאב און דו זאלסט זיך נוקם זיין פאר דעם בלוט פון אלע קנעכט פון גאט! אצינד גיי ארויס און פארלענד!

ער האט איינגעזאמלט זיינע הויפטלייט אין א פארשלאסענעם קאמער הינטערן לאגער. ער איז געשטאנען פאר זיי אן אויסגעצויגענער און איבער־געבויגענער ווי א קרום־געוואקסענער בוים. זיין הארט פנים איז געווען א דורכגעברענטער דארן. די אויגן ווי ביי א מדבר־פויגל. א קנויל שווארצע האר איז אראפגעהאנגען פון הינטערן קיווער איבערן נאקן. ער האט צו זיי געזאגט:

— איך וועל ארויסגיין פארשניידן פון אחאב׳ס הויז יעטווידן מאנספאר־שוין און קינד און קייט צווישן ישראל. איך, און איר אלע הינטער מיר. איך וועל אויסמעלקן דאס פעטס פון אלע אפגעטער איידער איך וועל זיי צעברעכן און זייערע טעמפלען פארברענען. און איך וועל צונעמען דאס גאלד פון די כהנים, וואס זענען געווארן צו־רייך פון די גזילות. איטלעכער דינער אין דעם קעניגס הויז וועט מוזן שטארבן. די, צווישן זיי וואס זענען נעכטן געגאנגען

מיט מיר אויף מלחמה אויף אַרם, זענען היינט מיינע פיינט. געטויט זאָלן זיי ווערן! יאמלט־איין דריי הונדערט שטאַרקע מענער פון די, וואָס לאַגערן נאָך אין רמות־גלעד, אָבער לערנט זיי צו האַלטן דעם סוד אין זייערע הערצער.

ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר דעם אָפּגעקליבענעם חייל, האָט ער אַרייסגעפירט דעם ערשטן שווערדנציער און צו אים געזאָגט:

— דיינע אָרעמס וועלן מוזן אָנציען די שטאַרקסטע בויגנס און מיט דיינע פויסטן וועסטו מוזן קענען אַרויסבלאָזן דעם אָטעם פון א מוילאייזל!

און צו א צווייטן האָט ער געזאָגט:

— אין א מלחמה וועסטו היינט אַרויסגיין, און דו זאָלסט נישט צעגערן און נישט מורא האָבן צו הרגענען די, וואָס איך, דיין מלך וועל דיר באַפֿעלן!

און צו א דריטן האָט ער געזאָגט:

— אומדערשראָקן זאָלסטו זיין, ווייל די שוואַכע וועלן היינט צעטראָטן ווערן אונטער די פיס פון די שטאַרקע!

ער האָט באַפוילן אויסצושטעלן וועכטער אויף די וועגן, וואָס פירן קיין בית עקד הרועים, קיין השמה און ביז יזרעאל, און זיי זאָלן נעמען געפאַנגען יעדן שליח, וואָס רייט צום קראַנקן מלך יהורם. נאָך איירעד די זון איז געווען הויך אין הימל, האָבן די וועכטער צוגעפירט צו יהוא'ס געצעלט א גאָלדענעם רייטוואָגן און פון אינעווייניק איז אַרויסגעקומען דער דערשראָקענער פקחיהו. ער איז געפאָרן מיט מתנות צום קראַנקן מלך, האָבן יהוא'ס וועכטער אים אָפּגעשטעלט און צו אים געדערט ווערטער פון פאַרשעמונג. פקחיהו האָט געציטערט פון פחד ווען מען האָט אים געברענגט פאַר יהוא'ן, וואָרום אויפן וועג האָבן זיינע בייזע קנעכט אים שוין אָנגעזאָגט פון דעם אומגליק. ער האָט געהערט, אַז אויך זיין שונא, חירם, איז געפאַנגען און אַז היינט איז דער לעצטער טאָג פון יהורם, זיין האַר.

יהוא האָט צו פקחיהו'ן גערעדט מיט פאַראַכטונג:

— איך וועל דיך נישט אומברענגען היינט, דו אַלטער לעסטערער! דו וועסט נישט שטאַרבן פריער פון דיין מלך, אָבער דיינע טעג גייען־אויס, פקחיהו! דו האָסט צוגעזען דאָס בלוט אויף די הענט פון אחאב און זיין ווייב איזבל! דו ביזט אַלט, פקחיהו. דיינע לונגען פייפן און דיינע גדערים זענען דורכגעלעכערט, אָבער איך מוז דיך האַלטן א לעבעדיקן ווי אַן איבערבלייב פון דיין האַרס הויז, אַז דאָס פאָלק זאָל קאָנען אויסגיסן זיין צאָרן אויף דיין קאָפּ אין טאָג פון נקמה.

די זון האָט געפלייצט ליכט, אָבער פקחיהו'ס וועלט איז געווען פאַרלאָשן. ער איז געשטאַנען פאַר יהוא'ס רייטער ווי ביים ראַנד פון זיין קבר. אין יענער רגע האָט בדקר, דער עלטסטער הויפּטמאַן גענענט און איינגערוימט יהוא'ן אין

אויער א סוד, און דער גרואלבטער פון נביא האָט אָנגעהאנגען אויף פקחיהו׳ן זיינע שטרענגע אויגן און געזאָגט:

— איך ווייס, אז פיר הונדערט צענטנער שקלים זענען דורך דיר באהאלטן פאר דעם טאָג פון רעטונג, ווען דו און דיינע הויפהאָרן וועלן מוזן אנטלויפן ווי מייז פון שומרון. וואו איז דאָס גאָלד?

פקחיהו׳ס קול האָט געציטערט:

— איך וועל דאָס גאָלד ברענגען אין פאלאץ אין טאָג פון רעכנשאפט.

— ווי עס לעבט גאָט, וואָס איך שטיי פאר אים אצינד, —האָט יהוא א געשריי געטון,— אז נאָך דעם מאָרגנדיקן טאָג וועל איך זיצן אין פאלאץ. וואו איז דאָס גאָלד?

אנגסטן זענען באפאלן דעם געבראָכענעם פקחיהו. ער איז געווען אָנמעכטיק, אָבער האָט נאָך געוואָלט ארויסשטעלן דעם לעצטן ווידערשטאנד, ווי עס איז דער שטייגער ביי די, וואָס שטייען ביי די וויגן פון מלכים. און ווי זיינע ליפּן זענען געבליבן שטום, האָט פּלוצים זיך דערהערט א רעש ווי פון אן ערדציטערניש און שווערע רייטוועגנער האָבן זיך געטראָגן פון אלע זייטן און אים ארומגערינגלט ווי מיט א פייערדיקן ראָד. בדקר האָט ארויסגעפירט דריי פערד, וואָס זענען געווען געפאנצערט אין קופער און אויף זייערע רוקנס, באדעקט מיט פעלן, זענען געשטאנען הויכע פיילנשיסער ווי ריזן מיט אָנגעשפאנטע בויגנס.

ווי דער דערשראָקענער פקחיהו האָט דאָס דערזען, איז ער געפאלן אויף די קניען און געבעטן ביי יהוא׳ן צען רייטער, זיי זאָלן אים באשיצן, ווען ער זיי אריינפירן אין שטאָט שורק, וואו דער אוצר איז באהאלטן. און נאָך איין באגער האָט ער געהאט פאר דעם הויכן פרייז: קיין בייז זאָל נישט געשען צו נעמה׳ן און איתמר׳ן, וואָס זיי זענען מיט אים געווען אינאיינעם אלע טעג אין הויז פון אחאָב, ווארום נעמה איז בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש, און דער קריגסמאן האָט געדינט די מלכים אויס ליבשאפט צו ישראל. זיין ווילן צו בלייבן לעבן איז געווען אזוי שטארק, אז ער האָט פארגעסן אָן זיין האר יהורם און געוואָלט אָפּגעבן מער ווי מען האָט פון אים פארלאנגט.

— די מלוכה פון שומרון איז מיר שולדיק פופציק פערד, —האָט ער געזאָגט,— דרייסיק איפּהם ווייץ און א גאָרטן מיט מילגרוימען, אָבער איך וועל אלץ אָפּגעבן פאר די, וואָס רעגירן פון היינט אָן אין ישראל.

אָבער יהוא האָט נישט געגעבן קיין צוזאָג צו שוינען א נפש פון קינד און קייט אין הויז פון אחאָב, און ער האָט באפוילן אריינצוזעצן פקחיהו׳ן אין געפענגעניש פון דער ערשטער שטאָט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זיינע הויפּטלייט:

— איידער מיר גייען צום הויז פון מלך, לאָמיר אַפּראַמען די, וואָס פאַר־שטעלן פאַר אונדז די טרעפּ צום פּאַלאַץ.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם רייטוואָגן. די הויפּטלייט זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד, גרייט אים נאָכצורייטן. די, וואָס זענען גע־בליבן אין לאַגער, האָבן אויפגעהויבן די שפּיזן און צעפלאַמטע געשריגן:

— קום צוריק מיט נצחון, מלך יהוא!

— צובינדן צו די רעדער פון דיין רייטוואָגן זאָלסטו די געפאַנגענע!

— אַפּראַמען וועלן מיר אַלע וואָס פאַרשטעלן דיין וועג!

די זון איז געווען הויך און די הייסע שטראַלן האָבן געברענט זיין שטערן, ווען ער האָט אַריינגעכאַפּט דאָס געשפּאַן אין זיינע הענט און געריידט צום המון:

— זאַמלט זיך הינטער מיר אַלע, וואָס איר זענט געשטאַנען אין מלחמה ביי רמות־גלעד. אין מיינע הענט טראָג איך נצחון און רום און טויט פאַר די וואָס וועלן מיר נאָכגיין אין דער הייליקער שלאַכט. איך וועל זיין גרויזאַם צו די קנעכט פון אַחאָב און באַרעמהאַרציק צו יענע, וואָס זענען געדריקט געוואָרן דורך זיי. שטרעקט־אויס די שווערדן און זאָלן אייערע פּרויען מאַכן פון זייערע האָר שטריק פאַר אייערע בויגנס! נאָר די שפּיז וועט משפּטן צווישן מיר און דעם הויז פון שומרון!

און דער המון האָט אויסגעשריגן:

— די שפּיז וועט משפּטן צווישן דיר און דעם הויז פון שומרון!

ער האָט אַרויסגעשיקט די הויפּטלייט אויסצופירן זיינע באַפעלן און אַליין איז ער אַוועק מיט זיינע רייטער ביז צום שיידוועג, וואו עס לויפט דער וועג צום טאָל יזרעאל און דאָרט געוואַרט. הייפל נאָך הייפל זענען געפאַנגען גע־וואָרן די צינזהאַרן און זייערע בייטלען מיט זילבער האָבן די וועכטער אַריינ־געטראָגן אין דעם אוצר פון נייעם מלך. נאָך די צינזהאַרן זענען געכאַפּט גע־וואָרן הענדלער פון קאַראַוואַנען, וואָל־סוחרים, באַזיצער פון לאַנדשטיקער. אָבער אָהליאָב און תקועי האָבן באַצייטנס אויסגעמיטן דעם האַס פון די יעגער, און די הויפּטלייט האָבן דערציילט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן צום לאַנד פון די פּלישתים. די שטעט, וואָס זענען ערשט אַרויס פון אָרעמקייט און פּלאָג, האָבן געשאַלט פאַר די נייע רעגירער. יהוא האָט פאַרוועלט זיינע שליחים צו רויבן און שענדן, אָבער די באַוואוינער אַליין האָבן פאַר זיי געעפנט די שייערן און ווייַנקעלטערס. פרויען האָבן צוגעגרייט פעטע מאָלצייטן און טעכטער זענען אַרויס אין טויער אָנצוקוקן די שטאַרקע רייטער פון דעם נייעם מלך.

ווען אַלע געפאַנגענע צינזהאַרן זענען געבראַכט געוואָרן פאַר יהוא'ן, האָט ער געהייסן זיי אויסשטעלן פאַר זיינע פערד. ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען און

איטלעכן באקוקט פון דעם נאקן ביז צו די קנעכלעך, ווי ער וואָלט געמאָסטן די ווערט פון זייערע קעפּ און בייטלען. דערנאָך האָט ער זיך א קער געטון אהין און אהער און געזאָגט:

— איינעם נאָך וויל איך כאפּן א לעבעדיקן איידער איך גיי צום מלכ'ס הויז.

— וועמען? — האָט בדקר, זיין עלטסטער הויפּטמאן אים געפרעגט.

— דעם, וואָס איז נאָך היינט געבליבן געטריי דעם מלך פון שומרון.

אלע וואָס ארום אים האָבן געוואוסט, אז יהוא וויל אומברענגען איתמר בן צוער'ן, ווייל די קנעכט זענען געקומען אָנזאָגן, אז ער איז געלאָפן ארויס־נעמען די לעבעדיקע מלכה פון איר ווינטערהויז אין יזרעאל. קיינער פון די הויפּטלייט האָט נישט געהאט קיין כוח זיך איינצושטעלן פאר יהוא'ן, ער זאָל שוינען דעם קאָפּ פון דעם פארגעסענעם שלאכטמאן. יהוא האָט אויסגעשטרעקט זיין שווערד און דער רייטוואָגן האָט זיך א ריס געטון און אויפגעהויבן א וואָלקן שטויב. די הויפּטלייט און זייערע רייטער זענען געוועזן הינטער אים. איבערן גאנצן וועג, איבער בארג און טאָל האָט דער המון זיך צעשפּרייט און נאָכגעגאנגען דעם געזאלבטן מאן. טרומייטן האָבן אויפגעשאלט. פרייל־עכע געזאנגען זענען אויפגעגאנגען און באגלייט די פּוסטריט פון די, וואָס זענען אוועק מנצח זיין דעם מלכ'ס ערשטע פעסטונג.

ו

דער סוד פֿון יהוא׳ס זאַלבונג איז נאָך נישט דערגאַנגען צו איזבל׳ס טיר, אָבער אַן אומגעריכטער פּחד, ווי דער בליץ אין די הייכן פֿון די וואָלקנס, האָט אויפֿגעוועקט די מלכה פֿון שלאָף. איר האַרץ האָט געשטורעמט אַ וואָרענונג: די קרוינשטאָט שומרון איז אָפֿן פֿאַר די רויביונגען ווען דער מלך איז אין יזרעאל. אין די אויבערשטע קאַמערן פֿון איר פּאַלאַץ איז געלעגן יהורם, איר זון, און געהיילט זיינע מלחמה־וואונדן, אָבער ער האָט נישט געוואוּסט ווי גרויס עס איז די סכנה אין זיין פֿאַרלאָזענער שטאָט. דער פּחד, וואָס באַפֿאַלט די זי־כערע און שטאַרקע, האָט איזבל׳ן אַראָפּגעטריבן פֿון געלעגער אין באַגינען און זי האָט באַפֿוילן דואג׳ן צו ברענגען איר רייטוואָגן, וואָרום זי וויל דורכפֿאָרן די גאַסן פֿון יזרעאל.

דואג האָט געטון ווי זי האָט געהייסן, אָבער דער וואָגנפֿירער, וואָס האָט איינגעשפּאַנט די פֿערד, האָט זיך געוואונדערט, וואָרום נישט אין פֿרימאָרגן נאָר ביים זונפֿאַרגאַנג פֿלעגט די מלכה דורכפֿאָרן די שטאָט. אָבער איזבל האָט געהייסן טרייבן פֿאָרויס. נאָר איין בליק האָט זי געוואָרפֿן אין געאייל אויף ביידע קנעכט אין רייטוואָגן. אין זייערע אויגן האָבן געהויערט שאָטנס ווי טונקעלע וואָלקנס פֿאַר אַ געוויטער. אָבער אומזיסט האָבן די קנעכט, וואָס האָבן זי אַצינד געהאַסט, געוואָלט זען אין אירע טואונגען שוואַכקייט. קיין שטורעם האָט נישט געקאָנט פֿאַריאָגן איר זיכערקייט, אַז דער טראָן אין אַחאָב׳ס הויז וועט זיך נישט טרייסלען ווי לאַנג זי לעבט.

די זון האָט אויפֿגעפֿלאַמט איבערן הימל־בויגן אין מיזרח און געפֿלייצט ליכט איבער דער שטאָט פֿון רו און בענטשונג. עס איז געווען אין דעם דריטן קילן חודש. די קוואַלן זענען געווען פֿריש. די ווייַנסעדער האָבן געבליט. די בלומען אין די גערטנער פֿון די באַוואוינער האָבן געבלענדט מיט אַלערליי קאָ־לירן. פֿון מזרח־טויער האָט זיך געטראָגן דאָס גערויש פֿון די ערשטע לאַסט־וועגענער מיט פֿליישן און פֿרוכטן. ווען איר רייטוואָגן איז פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם

מארק פון די וויינהענדלער, האָט זי געהייסן דעם אָנטרייבער אָפּשטעלן די פערד פאר דעם הויכן שטאָט־טורעם. דואג האָט געוואָלט רעדן, אָבער זי האָט אים געהייסן שווייגן. זי האָט געקוקט אויף דער פעסטונג, וואָס שיצט די שטאָט. די ווענט, באַגאָסן פון זון, האָבן געלויכטן ווי א גאָלדן הויז. אויף די דעכער און גזימסן איז געווען רו אזוי ווי אין די הערצער פון די עלטסטע, וואָס זיצן הינטער די ווענט אין זיכערקייט אלע טעג פון יאָר. קיינמאָל פריער האָט די מלכה נישט באגערט, אז די רו זאָל אייביק בלייבן הינטער די דאָזיקע ווענט. אויף איר צייכן האָט דער רייטוואָגן ווידער אין גאַייל זיך געטראָגן פארביי איילבירטגערטנער און ציפּרעסנוועלדער און די דופטן, וואָס זי האָט איינגע־אָטעמט זענען געווען אזוי ווי א שטארקער וויין. אירע אויגן האָבן געטרונקען די טיפע בלויקייט פון הימל און דאָס הארץ האָט איינגעזאפּט דאָס ליכט פון דער וועלט. אזוי, אָן קומער, האָט איזבל זיך אומגעקערט צו איר ווינטער־פּאלאַץ.

זי איז ארויס פון רייטוואָגן, און דואג, איר קנעכט, האָט שווייגנדיק זי באגלייט איבער די צוואנציק טרעפּ פון דעם פּאָדערשטן שטאָק. איזבל איז געווען מיד און זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער צווייטער טרעפּ אָנצושעפּן אָטעם. דער קנעכט האָט געציילט אירע טריט, אָבער דער אָנטרייבער ביי די פערד האָט אין הארצן געזאָגט גרויזאמע רייד: גיי ארויף מלכה גיבער! דו וועסט אפשר באלד מוזן גיין אויף טרעפּ, וואָס פירן צום טורעם פון טויט.

אין האלבן טאָג, ווען די זון איז געווען הויך, איז איר הארץ ווידער גע־וואָרן פאראומערט און א ווייטע אנגסט איז איר באפאלן, ווי אומהערבארע קולות פון פחד וואָלטן ארויסגעשריגן פון איר בלוט. די קראפט פון גייסט־באשווערער און וואָרזאָגער איז אין איר געווען. זי האָט געזען זאכן, וואָס זי איז קיינמאָל פריער נישט אימשטאנד געווען צו זען. זי האָט פּלוצים פארשטא־נען, אז איר זון, דער מלך, איז אין געפאר. אָבער אָנשטאָט צו דערציילן יהורמ׳ען פון אירע אנגסטן, האָט זי געשוויגן. זי האָט געוואָלט אים הייסן אנטלויפן קיין צור, אין דער שטאָט פון שוץ. אָבער צי קאָן דען דער זון פון אחאָב אנטרינען ווי א פּחדן אין מיטן דער נאכט? קיין שומרון זאָל ער זיך אומקערן, דער וואָס פון זיין האנט האָט נאָך קיינער די מלוכה נישט אוועק־גענומען.

זי איז צו אים אריינגעגאנגען צו אָוונט־צו, ווען דער היילער האָט צום דריטן מאָל פארלאָזט זיין קאמער און געזאָגט:

— דער טראָן אין שומרון וואַרט אויף דיר, מלך פון ישראל. רייט אהין גיכער, איידער די פאראומגליקער וועלן קומען!

אָבער יהורם האָט זיך געווערט:

— איך וועל בלייבן דאָ ביז איך וועל געגעזן ווערן.

האָט איזבל גערעדט צו אים שטאַרקערע רייד:

— זאָל דיין קראַנקשאַפט דיך נישט פאַרהאַלטן אין יזרעאל, יהורם. ווייל ליב זענען די וואונדן פון א קעניג ביי זיין פאָלק.

איר קול האָט באַפוילן, אירע אויגן האָבן באַצוואונגען. דער כוח פון א מלכה און א מוטער האָט זי געשטאַרקט, אָבער יהורם, וואָס האָט געוואוסט, אז זיין מוטערס באַפעלן זענען נישט מער ווי וואונטשן פון אַן אַנמעכטיקער פרוי, האָט געדענקט זיין פאָטער אַחאָב אין די טעג פון נצחונות. אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ איז ער אַרויסגעקומען, א געזונטער מלך, מיט א לויטערן ליב און א לויטערן פאַרשטאַנד, און אַזוי האָט דאָס פאָלק אים געליבט. יהורם האָט גע־וואָלט וואַרטן אין יזרעאל ביז זיינע וואונדן וועלן זיין פאַרהיילט, און זיין וואונטש האָט ער געלאָזט וויסן דער מלכה.

און איזבל האָט צו זיך געזאָגט: רעגיר און באַפעל, וואָרום א מלך א יינגל פירט היינט די מלוכה פון ישראל! און דאָס וואָס זי האָט פאַרטראַכט אין יענעם טאָג, איז נאָך נישט געהערט געוואָרן ביי די מלכים פון ישראל און איז נישט פאַרשריבן געוואָרן אין דעם בוך פון די צייטגעשעענישן אין שומרון. א פייער פלאַקערט אין הויז פון ישראל! — האָט דאָס בלוט אין איר געשריגן, מיט דער מורא פון א הערשערין, וואָס זעט אונטערגאַנג, איז זי גרייט געווען אויסצושטרעקן די האַנט נאָך הילף צו די פיר ווינקלען פון דער וועלט. צידון, דאָס לאַנד פון איר פאָטער און מוטער, וועט קומען לעשן דאָס הויז פון ישראל! רעטונג קאָן קומען היינט, אויב געגנוג קנעכט וועלן זיין הינטער איר שטול, און דער סוד וועט בלייבן באַגראָבן אין זייערע הערצער. מיט וועכטער פון צידון איז זי אָנגעקומען איינגעמען דאָס קעניגרייך פון ישראל און מיט די וועכטער פון צידון וועט זי דאָס קעניגרייך אויפהיטן!

זי האָט געזוכט דואג'ן, אָבער ער איז אין גאַנצן הויז נישט געווען. מיט צווייפל האָט זי געפרעגט: איז ער געבליבן צווישן די, וואָס זי קאָן געטרויען? פּלוצים האָבן אירע אויגן אויפגעשטראַלט: חירם, ער, וואָס זיין לעבן איז ער איר אייביק שולדיק, וועט זיך פאַרשטעלן ווי א הענדלער און ביינאַכט אַריינ־רייטן אין צור און אַרויסרופן דאָס חייל פון די צידונים, וואָס וועט אַרויפגיין אויף שומרון כדי זי צו שיצן. עס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן ביז יענעם טאָג, אַז א קרוינשטאָט אָן א מלך זאָל זיך אַנטקעגן שטעלן די רייטוועגענער און בויגנציער, וואָס וועלן מיט שטורעם אַריינקומען פון מזרח־טויער, און שיפן וועלן הינטער זיי אַנשווימען פון זייערע ים־שטעט זיי צו שטאַרקן. חירם איז

איר ראטגעבער, אָבער וואו איז איר קריגסמאַן איתמר, וואָס זיין האַרץ זאָל היינט זיין ווי איר האַרץ און זיין באַגער ווי איר באַגער?

אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט, האָט זי פאַרהוילן אין איר האַרץ. זי האָט גערופן נעמה׳ן, וואָס איז מיט צוויי טעג פריער געשיקט געוואָרן פון פקחיהו׳ן אַכטונג צו געבן ביים קראַנקן מלך. נעמה איז אָנגעקומען אַ דערשראָקענע. פון אירע קליידער האָבן געבלאָזן דופטן, אָבער אין אירע בלויע אויגן איז נישט געווען קיין שפּור פון דער שטענדיקער לוסט.

איזבל האָט זי געלאָזט וואַרטן ביי דער ווייריך־פאַן הינטער די גילדענע פאָרהאַנגען און אַליין האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אַנלען־שטול און גע־שפּרייזט איבער דעם טעפּיך פון בלויען וואָל, ווי זי וואָלט געקליבן ווערטער אויף די ליפּן. דער טאָג האָט זיך געלאָשן און דאָס ליכט פון דער אויסגייענ־דיקער זון האָט זיך געשפּאַרט דורך דער אויבערשטער עפענונג פון העכסטן פענצטער. דערנאָך האָט זי געלאָזן, ווי דער שטייגער פון דער מלכה פון שומרון, געזאָגט:

— זעקס און דרייסיק יאָר זיץ איך אין דעם העכסטן הויז פון ישראל. איך האָב אַלע טעג געהערט די רייד פון פירשטן און האַרן. איך האָב געהערט ווי זיי לייקענען גוטס און שלעכטס און זיי פאַרשווערן הייליקייטן און לויבן שמאָך. אַלע רייד פון לעסטערונג און חניפה האָבן זיי אויסגעשפּיגן נאָר צו פאַרשלעפּן זייער מלך אין דער אונטערגאַנג. נעמה, דו ביזט גענוג לאַנג געשטאַנען הינטער די טירן פון מיינע קאַמערן, זאָג, ביזטו געוואָרן איינע פון זיי?

נעמה איז געווען צעטומלט. זי האָט געפרעגט:

— צי האָט מיך מיין האַרינטע גערופן צו דערמאָנען די פאַרגאַנגענע טעג, אָדער רעדן פון די היינטיקע טעג פון געפאַר?

— די היינטיקע טעג פון געפאַר, — האָט איזבל שטיל געלאַכט. — אָן מורא רעדט היינט יעדער איינער אַזוינע רייד צו דער אַלטער קעניגין. אַ קנעכט רעדט אַקעגן אַ האַר און אַ פערד־יונג זידלט אַ געאַכפּערטן מאַן. צי ווייל אַחאָב מיין קעניג איז אַוועק, איז דער שטאָלץ פון שומרון געוואָרן צו שאַנד? דו אַליין האָסט געזען, נעמה, אַז מיט מיין מלך ביי מיין רעכטער האַנט זענען זיי אַלע ווי עקלדיקע ווערים געקראָכן צו מיר און פאַראומרייניקט די לופט אין פּאַלאַץ מיט זייער שוויים און שלעכטע ריחות. ביי די מאָלצייטן האָבן די אויסגעלאָסענע זיך געבאָדן אין וויין. האַרן זענען איינגעשלאָפן ביי די פיס פון זייערע קנעכט און דו האָסט געזען ווי אין זייער ווילדער פרייד האָבן ניכטערע אויסגעליידיקט די בייטלען ביי די באַזויפענע און די אומפאַרשעמטע האָבן ווי חיות זיך געפּאָרט אויף מיינע טעפּיכער. וואָס איז היינט געוואָרן פון שומרון, מיין שטאָט? די פייערטעג אין פּאַלאַץ זענען אַוועק. און די רייכע

קאַמערן זענען געוואָרן אַ פּאַרוויסטער וויינגאָרטן. און איך פרעג: צי איז נישט געבליבן קיין איין געטרייער, וואָס דענקט די חסדים פון מיין מלך און איז גרייט צו שווינען די קרוין פאַר אַלע זיינע טעג פון לוסט?

נעמה האָט זיך געבוקט:

— וואָס פאַרלאַנגט פון מיר מיין האַרינטע?

איזבל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר און שטרענג זי אָנגעקוקט. פאַר־באָרגענע באַגערן זענען אין איר אויפגעגאַנגען. דער אויפגעוועקטער כוח האָט אויף אַ רגע אָפּגעווישט די עלטער און די קנייטשן ביי די שלייפן האָבן זיך אויסגעגלעט. איר קול האָט געגליט:

— איין געטרייער איז מיר געבליבן. דו האָסט אים אַמאָל פאַרסמט מיט דיין ליבע, היינט וויל איך, דו זאָלסט אים פאַרסמען מיט שנאה. און זיין שנאה זאָל פלאַקערן שטאַרקער ווי די פייערן אין זמרי'ס הויז און זי זאָל פאַרברענען אַלע פיינט פון אחאב'ס מלוכה.

— איתמר'ן?! — האָט נעמה אַ צעטומלטע אויסגערופן, — דער אומדער־שראָקענער צווישן אַלע הויפּטלייט איז ער געבליבן אין שומרון!

— ער איז געבליבן ווי אַן אָפּגעשווירענע לאַם, — האָט איזבל ווידער גע־זאָגט. — דער, וואָס איז אַמאָל געווען דער ערשטער פון די קריגספירער, צי־טערט היינט ווי דער לעצטער פון די הויפדינער. אויב אומדערשראָקן איז ער געבליבן, רוף אים צו מיר! זיין שטאַרקן אָרעם דאַרף איך! און זיין גע־טריישאַפט! און זיין אונטערטעניקייט!

און איזבל איז גרייט געווען צו דערציילן אַלץ וואָס דאַרף געטון ווערן צו פאַרהיטן שומרון פון די, וואָס שטייען הינטער אלישע'ן און הינטער די נזירים פון יונדב בן רכב. אָבער די פרוי, וואָס האָט אַמאָל געקאָנט פאַרגראָבן סודות און זיי אַנטפּלעקן, האָט זיך געשראָקן אַרויסצוגעבן דעם העכסטן סוד פון דעם דאָזיקן הויז. זי האָט געזאָגט:

— ברענג אַהער איתמר בן צוער'ן, אויב אונטערטעניק צו זיין מלכה וויל ער נאָך איין מאָל זיין.

ביי די רייד איז נעמה'ן אַ גרויס שרעק באַפאַלן. זי האָט דערזען אין איזבל'ס אויגן אויפגיין פייערלעך פון לוסט נאָך נקמה ווי אַמאָל, ווען דאָס פאָלק האָט אין אנגסט זיך געבויגן פאַר איר. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די געפאַר איז גרעסער פון איר פחד און אויסגעשריגן:

— נאָר נישט דאָס, מיין קעניגין! שיק אים נישט צום אָרט פון פאַר־לענדונג. גענוג געפאַרן איז ער דורכגעגאַנגען און ער האָט מער נישט קיין אָפּרו פאַר זיינע פוסטריט. איך האָב אים נישט אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פרויען און נישט דערווייטערט אים פון אַלע לוסטיונגען נאָר דערפאַר, אַז איך

זאָל אים ווידער לאָזן גיין צו א נייעם שלאכטאָרט. איך וואָלט זיך דערשטיקט מיט מיינע אייגענע האָר, אויב שטארבן זאָל ער דארפן אפילו אויף דיין באפעל, מיין האַרינטע, מלכה.

און נעמה איז גרייט געווען מיט געבעט זיך אראָפּצופאַלן אויף די קניען, אָבער איזבל האָט זיך העכער צעלאכט מיט א געלעכטער פון שפּאָט.

— אויף די פים בלייב, נעמה! —האָט זי געזאָגט.— האָב מער נישט מורא פאר מיר און באהאלט זיך נישט מער הינטער דער שפּיז פון דיין קריגס־מאַן. קום צו נענטער, אז איך זאָל קאָנען אָפּווישן דעם שטויב פון דיינע פים און פון דיין קלייד. צי ווילסטו דען נישט ארויסגיין גריסן די נייע הערשער מיט ריינע פים און מיט א ריין געוואנט?

פון איר שפּאָט איז געוואָרן צאָרן און פון איר צאָרן איז געוואָרן פאראכ־טונג. און די מלכה האָט ווי א געטריבענע, אין געאייל געשפּאנט איבער דעם האָריקן טעפּיך. נעמה האָט א געבויגענע געוואָלט צוטראָגן איזבל׳ס האנט צו אירע ליפּן.

— איך האָב געמיינט אז וואוילגעפעלן איז מיין געטריישאפט צו מיין האַרינטע — האָט זי אונטערטעניק געזאָגט.

אָבער איזבל האָט זי אָפּגעשטויסן:

— דו וועסט מיר וואוילגעפעלן ווען מען וועט דיך צובינדן צו דער שטייער־וואנט! טרעט אָפּ, דו, מיט די ליפּן פון באטרוג! דו ביזט, ווי אלע דינסטן פריער, געווען א דאָרן אין מיין פאלאץ און א שטעכיק געוויקס אין מיין פעסטונג. דו ביזט טויזנט מאָל פארדאָרבענער פון די פארפירטע, וואָס ווילן ווארפן שטיינער אויף מיין רייטוואָגן. מיט איין שמייכל לעסטערסטו די קרוין מער איידער די נזירים אין מדבר מיט זייערע פלאמענדיקע ליפּן. זיי האָב איך געקאָנט אָפּשטויסן מיט דער שפּיז, אָבער דיך האָט פארדעקט דער פאנצער פון דעם מלכ׳ס ראטגעבער. ארויס, אומפארשעמטע!

זי האָט געשריגן נאָך די וועכטער, אָבער נעמה איז ארויסגעלאָפן פון דער קאמער פריער איידער דער ערשטער שפּיזן־טרעגער האָט זי פארטריבן מיט חרפּה.

ז

וועלכער כוח עס טרייבט די זיך טרינקענדיקע צו שווימען צום ברעג און וועלכער כוח עס יאָגט די פאַרמשפּטע צו לויפן צום אָרט פון רעטונג; אָבער איתמר'ן האָט קיין אַנדערער כוח נישט געטריבן קיין יזרעאל אויסער דער באַגער צו ראַטעווען איזבל'ן אין דעם טאָג פאַר איר אונטערגאַנג. קיינמאָל פריער האָט דאָס בלוט אין אים נישט געשריגן אַזוי הילכיק און קיינמאָל פריער האָט אַ שטים אים אַזוי נישט געוואָרנט ווי אין יענעם טאָג. די אומגליקלעכע מלכּה איז אין יזרעאל אַליין געבליבן, אויסגעשטעלט צו די וועלף, פאַרלאָזן פון די אָדלערס.

זיין האַרץ איז געווען פריי פון פּחד און זיין לייב געשיצט אונטער וואָפן־קליידער. און ווי אשבעל האָט געברענגט צוויי פערד, איז ער מיט אים אין געאייל אַרויסגעריטן פון שומרון קיין יזרעאל. איבערן גאַנצן וועג האָט זיין קנעכט געשטאַמלט מיט שרעק וועגן יהוא'ס רייטער, די שווערדנציער וואָס זענען צעשפּרייט אויף אַלע וועגן. אָבער איתמר האָט ווי אַ יאַכטהונט זיך געטראָגן פאָרויס צו שוינען דעם קאָפּ פון איזבל'ן, נישט ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר איר מאַכט. אַ לעבעדיקע מלכּה האָט ער געוואָלט אויפהיטן פאַר שומרון, אַז זי זאָל אין טאָג פון אומגליק די שטאָט נישט לאָזן פאַלן.

צוליב דער מלכּה האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון קריגסלאַגער ביי אפק און איבערגעלאָזט אַ הויפּטמאַן צו וואַכן איבער דעם קליינעם חייל. אַ פאַר־דאַכט, אַז יהוא וועט אָפּטון בייז צו זיינע געטרייע האָט אים צוריקגעטריבן פון האַלבן וועג צום לאַגער. ער האָט אָבער דאָרט דערזען די פלאַמען פון ברענענדיקע געצעלטן און צוקומענדיק נענטער, האָט ער געפונען נאָר זייערע טויטע לייבער. יהוא'ס שווערדנציער האָבן זיי פאַרלענדט און די, וואָס האָבן אויסגעמיטן די שווערד, זענען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. מיט אַ באַגער נאָך נקמה איז ער אצינד געריטן פאָרויס קיין יזרעאל. מיט דער שווערד

אויסגעשטרעקט, דער קופערנער קיווער אראָפּגערוקט אויפן שטערן, די ברוסט־שילד צוגעשנאַלט צום נאַקן און די נאָז וואָך צו אַלע געפאַרן.

די זון איז געווען הויך ווען ער איז אָנגעקומען אין שכה, דערנאָך אין ישוב און גת. ווי א שטורעמווינט האָט ער מיט אשבעל'ן זיך געטראָגן דורך די שטעט פון דעם הויכן לאַנד. ווען ער האָט אדיינגעריטן אין בית עקד הרועים, האָט ער געזען אויף דער רייכער גאס אויסגעפלינדערטע הייזער און פרויען זענען גע־לעגן ביי די שוועלן מיט די קעפּ אויסגעשטרעקט אנטקעגן דער זון. זייערע לייבער זענען געווען פעט, אָנגעשמירט מיט וואויל־שמעקנדיקע זאַלבן. אָבער אויף זייערע אָרעמס און נאקנס האָבן געפעלט די האַלדזבענדער, רינגען און גאָלדענע רייפן. די באוואוינער האָבן דערציילט, אז פרעמדע רייטער האָבן זיך אריינגעריסן און אויסגערויבט די רייכע הייזער. די מענער זענען אוועק אין הויז פון די ריכטער און זייערע ווייבער און טעכטער האָבן געשוואוירן, אז זיי וועלן זיך נישט אומקערן אין זייערע שטיבער ביז וואנען מען וועט זיי נישט צוריקברענגען די טישן, די בעטן, די כלים און דאָס צירונג. איתמר איז גע־ריטן ווייטער, און אשבעל האָט א רגע זיך פארהאַלטן אויסצורעכענען וויפיל זילבערשטיק א קנעכט־הענדלער קאָן קריגן פאר פארקויפן די דאָזיקע פרויען אויף די מערק.

ביים שטאָט־ארויספאָר איז מיט א רעש אקעגן געקומען א געזעמל יונגע מענער, אָנגעטאָן אין ליינענטיכער און זיי האָבן אויסגעשריגן שאַנד־ווערטער אויף דעם מלך יהורם. אוים באוואָרעניש האָט איתמר זיי געוואָלט אויסמיידן. ער האָט פארקערעוועט צו א הינטערוועג און געגעבן א צייכן צום קנעכט, ער זאָל אים נאָכרייטן. פאר א שטיינערנער וואנט האָבן די פערד זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. אויף זיין האַרס צייכן איז אשבעל ארויפגעשפרונגען אויף אי־תמר'ס פערד. איתמר האָט ארויפגעשטעלט איין פוס אויף זיין האנט און א צווייטן פוס אויף זיין קאָפּ און זיך ארויפגעהויבן צום שפּיץ וואנט אריבערצו־קוקן אויף דער אנדערער זייט. אָבער אין יענער רגע האָט א טויער דערנעבן זיך געעפנט. א פעטער בייכיקער מאַן אין א רויטן געשטרייפטן מאנטל האָט זיך באוויזן. אויפן קאָפּ האָט ער געהאט א קראַנץ אויסגעפלאָכטן מיט אייל־בירטן־בלעטער, אויף די פיס סאנדאַלן מיט רימענס. איבער זיין שיידל איז נישט געווען קיין שפור פון א האָר, אָבער די געדיכטע שווארצע באָרד איז גע־ווען צעקעמט און צעטיילט ווי ביי א געאַכפּערטן מאַן. ער האָט אונטערטעניק זיך פארנייגט. זיינע ליפּן האָבן געבריט ווי דער פלאַם אין זיינע אויגן, ווען ער האָט געזאָגט:

— צי רייטן דען נישט צו־שפּעט דעם מלכ'ס געטרייע? די מוראשקעס זענען א פאָלק נישט שטארק, אָן שווערדן, אָן בויגנציער. אין שפּאַלט פון א

גרונטפעסט מאַכן זיי זייער הויז און זיי זאַמלען זיך אין מחנות צו שיצן זייער וואוינאָרט. וואו איז היינט דאָס פאָלק, אָנגעגורט ביי די לענדן, הינטער דעם הויז פון קעניג?

און ווי ער האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן, האָט ער פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די פערד און נאָכאַמאָל זיך פאַרנויגט ביז צום בויך־באַנד. זיי זענען דורכגעריטן דאָס טויער און דער בייכיקער מאַן האָט זיי נאָכגעשריגן:

— אַ פאָטער איז דער מלך צום פאָלק און אַ מוטער איז די מלכה. די אויגן, וואָס שפּעטן פון אַ פאָטער און פאַראַכטן דעם כבוד פון אַ מוטער, זאָל די ראָב אויסשטעכן און דער אָדלער זאָל זיי אויפעסן!

די זון האָט זיך גענויגט צו מערב ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו יזרעאל. איתמר האָט באַפוילן אשבעל׳ן צו וואַרטן ביים אריינפאָר ביז ער וועט אַרויסקומען פון דער מלכה׳ס הויז. די שטאָט איז געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ בליענדיקער גאָרטן. די גרינע ערד מיט די איילבירטנביימער און וויינ־שטאָקן האָבן זיך געבאָדן אין דעם פלאַמענדיקן ליכט פון שקיעה. פון די פלאַנצן און פרוכטן ביים טויער פון מלכ׳ס גאָרטן זענען אויפגעגאַנגען שווערע דופטן. אין די וואַסער־בעכנס זענען געשוואומען קאָלירטע פיש.

איתמר האָט איבערגעגעבן זיין פערד צו איינעם פון די שטאַל־קנעכט. אַלע הויפדינער האָבן אים געקענט און געריימט פאַר אים אַ וועג דורך די פּעדער־הייזער, וואָרום זיי האָבן דערקאַנט אַז אין געאייל קומט ער מיט אַ שליחות צו דער אַלטער מלכה, און זיי האָבן אים דערציילט, אַז איזבל ווייס שוין וואָס יהוא און זיינע רייטער האָבן געטון צו די דינער פון פּאַלאַץ.

נעמה איז שוין געווען אַרויסגעלאָפן און איז אַרויף אין דער אויבערשטער קאַמער, ווען איתמר איז געשטאַנען פאַר איזבל׳ס טיר. די מלכה האָט געלאָזט אַריינקומען דעם קריגסמאַן אַזוי פרידלעך ווי עס קומען אירע הויפדינער. זי איז געזעסן אין איר אָנלענשטול פון עלפאַנטביין און שווייגנדיק אים לאַנג אָנ־געקוקט. זיין אָנקום האָט זי נישט אַרויסגעהויבן פון איר זיצאָרט. זי האָט געוואָלט רעדן רואיק, אָבער איר כעס איז נאָך נישט געווען אָפּגעקילט.

— איך האָב אָקאָרשט אַרויסגעטריבן נעמה׳ן, —האָט זי געזאָגט,— די, וואָס האָט געשוואוירן דיך נישט צו לאָזן מער אויפהייבן דיין שווערד פאַר דער קרוין.

— נישט די קרוין און נישט די שפּיז, מיין מלכה וויל איך היינט שוינען פון דעם ווילדן המון הינטער יהוא׳ן, —האָט איתמר מיט היץ גערעדט,— אין געאייל בין איך פון שומרון געריטן ביז אַהער, דיך אַרויסצופירן פון דעם הויז. קום, מיין פערד וואַרט!

איזבל האָט זיך ארויסגעהויבן פון אַנלענשטול און א שטאָלצע זיך גע־שטעלט פאר אים און געזאָגט:

— איך האָב געוואַכט איבער מיין מאַן דעם מלך און איך האָב אָנגעטאָן די קרוינען אויף די קעפּ פון מיינע זין. איך האָב אָפּגעהיטן דאָס העכסטע הויז פון מלחמה און פון בונט, פון פייער און פון הונגער. האָסטו נישט קיין בושה צו זאָגן צו מיר היינט: אנטלויף איזבל, וויל די מלוכה איז אין געפאר!

אָבער איתמר האָט אצינד נישט געהאַט קיין אויער פאר די שטאָלצע רייד פון איזבל׳ן. ער האָט שטרענגער גערעדט:

— אויך די וואָס היטן די לעבעדיקע מלוכה זענען אין געפאר. נעם אראָפּ די קרוין פון דיין זון און זאָל ער זיך פארשטעלן פאר א מדבר־וואַנדע־רער און אנטלויפן. איך וועל אים פירן קיין יהודה.

— איך בין געבוירן געוואָרן אָנצוטאָן קרוינען און נישט אראָפּצואוואַרפן זיי! — האָט איזבל א געשריי געטון און דער אָפּהילך פון איר געשריי האָט זיך געטראָגן ביז יענער זייט וואַנט.

זי האָט פארקשנט געקוקט אויף אים. ער איז געשטאַנען אַן אויסגע־שטרעקטער. דער קיווער און פאנצער האָבן העכער געמאַכט זיין ריזיקע גע־שטאַלט, אָבער הינטער דעם קופּער איז אצינד געווען אַן אָפּגעשוואַכטער גוף. זי האָט פארדעכטיק זיך ארומגעקוקט אין די פיר ווינקלען פון דער קאַמער און גיך אראָפּגעלאָזט איבער די פענצטער די שווערע געפלאָכטענע שנורן־פאָרהאַנ־גען, ווי זי וואָלט גרייט געווען ארויסצוגעבן א גרויסן סוד. אירע שארפע אויגן האָבן געפאָרשט. איר צונג האָט געפרעגט:

— איז קיינער נישט געבליבן הינטער דיר פון אלע שווערדנציער, מיט דיין פאָרכט און מיט דיין שטאַרקייט?

—יהוא האָט מיין חייל פארלענדט און איך וועל נקמה נעמען פאר זייער בלוט.

— נקמה?

— אזוי ווי עס לעבט דער גאָט פון ישראל, אז איך וועל נקמה נעמען אָן אים ווי איך האָב נקמה גענומען אָן אָסף בן עודד!

— אָסף דער עמוני האָט פארדונגען זיין שווערד צו מלכים. ער איז אוועק דינען א פרעמדן הערשער. אָבער דער דאָזיקער רוויבעריונג יהוא, וויל ער דען נישט צונעמען דאָס קעניגרייך פון זיין האר?

ער האָט געשוויגן. איר שטים איז געוואָרן העכער:

— איך וועל בלייבן אין שומרון און אין יזרעאל! און די קריגסמענער פון די צידונים וועלן מיר העלפן האלטן מיין מלוכה מיט זייערע רייטוועגענער, מיט זייערע שווערדן־טרעגער און מיט זייערע בויגנציער!

— די צידונים? — האָט איתמר אויסגערופן.

—די צידונים פון צור און פון אַכזיב און פון צרפת, —האָט זי איבער־געזאָגט,— א בלבול האָט מען געמאכט אויף די קריגסלייט פון מיין פאָטערס לאנד, אז שיפסטרייבער זענען זיי, אָבער צו פעכטן אין מלחמה זענען זיי שוואך.

ער האָט געקוקט אויף איזבל'ן און א ווילדע מחשבה האָט אויפגעבליצט: איז זיין מלכה פון פחד דול געוואָרן? זי, די אָפגעהיטענע, די שלויע און די שטארקע, האָט זי אין טאָג פון סכנה פארלוירן איר פארשטאנד?

— ווער וועט זיי ארייַנפירן אין לאנד? — האָט ער געפרעגט.

— דו, דער לעצטער געהאַרכזאַמער אין אַחאָב'ס הויז.

איתמר'ס אויגן האָבן אויפגעפלאַמט פון צעטומלטקייט. זי האָט אים אָנ־געקוקט שארף, ארויסרופעריש. אויף איר פנים איז אויפגעגאנגען א שמייכל פון וואנזין, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געזען.

— איר, הויפטלייט! —האָט זי געזאָגט,— זייט איר אלע שטארקע נאָר ווען איר האלט די בייטש און די שווערד אין האנט איבערן נאַקן פון א קנעכט? האָט איר פארלוירן דעם מוט אין טאָג פון פּרוואוואונג? און צי האָבן דען די מלכים פון ישראל פריער נישט גערופן פרעמדע קריגער צו באפעסטיקן זייער מלוכה? און ירבעם, דער זון פון נבט, צי האָט ער נישט גענומען פאר א פאנ־צער דעם קעניג שישק פון מצרים? און רחבעם, האָט ער צום גדריקטן פאָלק נישט געזאָגט: מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער; איך וועל אייך שטראָפן מיט שקארפּיאָנען! אָ, געפאלענער איתמר! פארוואָס האָב איך דיך נישט דערקענט אין טאָג ווען דו ביזט געקומען אין שומרון? פאר־וואָס האָב איך דיך ארייַנגעזעצט אין א קעניגלעכער קאמער אָנשטאָט אין גע־פענגעניש? איר אלע, דערשראָקענע און געפאלענע! צי האָט איר געוואָלט א חלק נאָר אין די נצחונות און איר אנטלויפט ווי דערשראָקענע הירשן אין די טעג פון אומגליק?

א קנעכט איז ארייַנגעקומען אָנצוצינדן די קופערנע אייל־לאָמפּן, אָבער איזבל האָט אים ארויסגעטריבן. זי האָט אליין זיך אראָפּגעבויגן איבער א דרייפוס און אויפגעדרייט די קנויט פון א גלאנציקער ברען־רער. און ווי זי האָט זיך איינגעבויגן, האָט דער האלדזבאנד זיך איבערגעריסן און איז געבליבן הענגען איבער איר נאַקן ווי צוויי עקן פון א שלאנג. א קאלטער שוידער איז איתמר'ן באפאלן ווען זי האָט גענומען גיך שפרייזן ארום די פיר ווענט פון דער־קאמער. זי האָט געשפרייזט אָן אָפּשטעל, אין גרוים געאייל. אָבער אירע טריט זענען געוואָרן מיד און איר אָטעם שווער. זי האָט מער נישט געקאָנט אויפוועקן די כוחות פון ווידערשטאנד און א דערשעפטע איז זי ארייַנגעזונקען אין דעם אָנלענשטול.

— גיי ארויס, איתמר בן צוער, —האָט זי מיט א שוואך קול געזאָגט.— אז דו וועסט פארלאָזן מיין קאמער, וועל איך טראכטן פון די אלע, וואָס זענען פון קריגער פחדנים געוואָרן. נאָך דער ערשטער מלחמה מיט ארם האָט אחאָב מיין מלך דיך געלויבט. ער האָט געזאָגט: מיט אזוינע גיבורים קאָן א מלך אין הימל ארויפגיין און איבער די שטערן קאָן ער זיין טראָן דערהויבן! היינט שטייסטו פאר מיר ווידער אין דיינע וואָפנקליידער און איך קוק דיך אָן און פרעג: איז דאָס דער דינער פון דעם מלך, וואָס האָט געמאכט ציטערן די ערד און האָט אויפגעשטורעמט מלוכות?

פלוצים איז זי אויפגעשפרונגען און זיך געשטעלט פאר אים מיט אויפגע־הויבענע הענט, ווי זי וואָלט אָנגעשעפּט די לעצטע קרעפטן. אירע אויגן האָבן געפלאקערט. איר מויל האָט גערעדט רייד, וואָס זענען געקומען פון איר שטור־רעמדיק הארץ:

— אנטלויף און זיי פארשאָלטן דו, וואָס האָסט אריינגעברענגט א קללה אין הויז פון די מלכים! פארשאָלטן זאָלסטו זיין ביז צום סוף פון די טעג און פארשאָלטן זאָל זיין דאָס אָרט פון דיין באגרעבעניש! און דיין נאָמען זאָל אראָפּזינקען אין אָפּגרונט פון פארגעסנקייט! פארשאָלטן זאָלסטו זיין, וואָרום דו האָסט דער ערשטער געעפנט דעם פאלאץ פאר די רויבעריונגען און פון דעם קעניגס קאמערן האָסטו א רויב־הויז געמאכט!

איתמר האָט זיך אראָפּגעבויגן צו דער צערודערטער מלכה איינצושטילן איר פלוכנדיקן מויל. אָבער זי האָט מיט ווילדע געשרייען אים געטריבן צו דער טיר. ווען ער איז ארויס, האָט זי גערופן א קנעכט, ער זאָל אויסקערן דעם שטויב נאָך אים, אז עס זאָל נישט בלייבן קיין צייכן פון זיינע טריט אין דעם הויז פון מלכים.

ח

— אנטלויף, יהוא און זיינע רייטער קומען נאָך דיר!

דאָס קול איז געווען אשבעל'ס. איתמר האָט אויסגעדרייט דאָס פערד צום אָרט, פון וואַנען די וואָרענונג איז געקומען. ער האָט צוגעריטן צו דער לעצטער מויער אויסער דער שטאָט, ווי פון א וואַנט, וואָס איז געווען פאַר־שטעלט מיט די שווערע צווייגן פון פייגנביימער איז אַראָפּגעשפּרונגען זיין קנעכט. ער איז געווען איינגעהילט אין א טונקעלן דעקטוך, דער שטערן שוואַרץ מיט שטויב, די אויגן פול מיט אנגסט און אין גאַרטל א קורצע שווערד. זיין פערד איז נישט געווען נעבן אים.

איתמר האָט געהאַלטן אין דורכרייטן דאָס שטיק לאַנד הינטער יזרעאל. ער האָט געהאַט הינטער זיך אויסגעשפּרייטע פעלדער און ווייַנסעדער און זיך פאַרקערט צום אָפּענעם וועג, וואָס האָט געפירט אַרויף, צו דותן. פון איזבל'ס הויז איז ער אַרויסגעטריבן געוואָרן מיט א קללה און דאָ אין וועג לויפט אים אנטקעגן דאָס קול פון פּחד. ער האָט געקוקט אויף דעם געדיכטן גרינעם לאַנד, וואָס האָט געפלאַמט אונטערן ליכט פון זונאונטערגאַנג. עס איז געווען די צייט פון שניט. אויף די רייפע פעלדער האָבן זיך אַרויסגעהויבן די גאַרבן, אָבער קיינער פון די שניטער איז דאָרט נישט געווען. פון די ווייטע הייזער אין טאָל איז אויפגעגאַנגען דער רויטער שיין פון פאַקלען און איילאַמפּן.

אשבעל איז געלעגן אויף די קניען.

— פריער האָב איך געזאָלט קומען דיך וואָרענען, מיין האַר, —האָט אשבעל געזאָגט,— אָבער איך אליין האָב געמוזט אנטלויפן פון זיי. ווי נאָר די קריגער האָבן אויסגערופן: יהוא איז מלך! זענען זיי אַרויס אויף די וועגן פאַנגען אַלע געטרייע פון אַחאָב'ס הויז. פון פּחד האָב איך מיין פערד געלאָזט אין וועג.

איתמר איז נישט געווען אין צאָרן אויף זיין פאַרשפּעטיקטן קנעכט. וואָס דאָס האַרץ האָט פריער געזאָגט, האָבן די אויגן אצינד געזען. איך האָב די

מלכה געדאַרפט אַרויסטראָגן אויף מיינע הענט, —האָט ער גערעדט צו זיך מיט פאָרוואורף.— איך האָב געדאַרפט זי אַרויסרייסן פון דעם הויז. קיינער וועט נישט אָנרירן אַן אַלטע מלכה, וואָס אַנטלויפט פון פּאַלאַץ.

אשבעל האָט נישט געהאָרכט וואָס איתמר האָט געמורמלט. ער איז אַצינד געלעגן אויסגעשטרעקט מיטן פּנים צו דער ערד. די בשורה פון סוף פון דער מלוכה האָט ער צו זיין האַר געבערענגט און ער האָט זיך פאַרענטפערט.

— מיין איז די שולד, איתמר, מיין האַר! איך האָב דיך אַרויסגעפירט פון שומרון און דערנאָך דיך פאַרלאָזן. אָ, פּחדן וואָס דו ביזט! —האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרצן,— אָ, דו קנעכט און זון פון אַ קנעכט!

איתמר האָט נישט געוואָלט דאָס רחמנות פון זיין געטרייען. אַן אויס־טערלישע רו איז אין אים געווען. ער האָט געקוקט צום ווייטן הימל־אויסבייג ביז צום סוף פון די וועגן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַהאַלטענעם שטעג דורך וואַנען ער זאָל דורכרייטן און אַריינקומען אין דער באַרגשטאָט און זיין אינ־איינעם מיט די הויפּטלייט און מיט דעם חייל, וואָס זענען נאָך הינטער אים און הינטער דער מלוכה. אָבער דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז אַלע וועגן זענען אָפּגעשלאָסן. פּלוצים איז אשבעל אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַראָפּגע־וואָרפן דאָס דעקטוך, אַרויסגעכאַפּט די קורצע שווערד פון זיין גאַרטל און זיך געלאָזט פאָרויס.

— וואוהין גייסטו? — האָט איתמר געפרעגט.

— איך גיי צוריק! איך גיי אַקעגן יהוא׳ן מיט זיינע רייטער! לאָז מיך מיין האַר איתמר! איך וועל אים ברענגען אהער און אים דערמאָנען די שבועה פון בלוט, וואָס ער האָט מיט דיר געשלאָסן. אויב זיינע רייטער וועלן זיך אַקעגן שטעלן קעגן דיר, וועל איך זיי צעדריקן ווי פּיפּערנאָטערס! איך וועל זיי טויטן, איתמר!

איתמר האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פערד און אַרויפגעלייגנדיק זיינע הענט אויף אשבעל׳ס אַקסלען, האָט ער איינגעשטילט דעם צעהיצטן קנעכט. אָבער אשבעל האָט זיך געריסן פאָרויס:

— איך וועל זיי טויטן! דו וועסט זען, איך וועל טויטן די מענער פון באַטרוג!

מיט אַמאָל האָט אַ ווייטער טומל זיך פאַרטראָגן צו איתמר׳ס אויערן און טריט פון לויפנדיקע פערד האָבן אָפּגעהילכט. אשבעל האָט ווי אַ חיה וואָס ציט זיך צוריק פון איר רויב, פאַרשטעקט די שווערד אין גאַרטל און זיך איינגעהילט אין דעקטוך.

— זיי קומען! —האָט ער געוואָרנט,— איך דערקען זייערע קולות!

אויף איתמר׳ס צייכן איז אשבעל אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פערד הינטער אים און די רייט־חיה האָט זיך אַ טראָג געטון מיט ביידן צו די הינלען און געהי־

פערט איבער געוויקסן און צעטראָטן פרוכטן און טרויבן־צווייגן. די רייטער האָבן געוואָלט אויסמיידן דאָס פלאַכע לאַנד און אַרייננעקומען אין דעם דורכהאַק פון אַ באַרג, וואָס פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער וועלט. צי איז דען נישטאָ קיין באַהעלטעניש אין דעם דאָזיקן ברייטן לאַנד פאַר מיין האַר? — האָט אַשבעל געפרעגט קוקנדיק אין דער ווייטקייט וואו הימל און ערד קומען צוזאַמען. און איתמר האָט געטראַכט: ווי פחדנותדיק איך בין! פאַר דעם, וואָס האָט געבראָכן זיין שבועה צו מיר, אַנטלויף איך! באַלד זענען זיי צוגעריטן צו אַ וויינגאָרטן מיט אַ טויער. דאָס פערד איז אַריין אינעווייניק און אין געלויף האָבן די רייטער מיט זייערע קעפּ צעבראָכן די צווייגן פון ביימער. פון דעם גערודער איז אַנגעלאָפן דער גערטנער מיט אויפגעהויבענע הענט, און מיינענדיק אַז דאָס זענען רויביונגען, האָט ער געשריגן: רויבער אין מיין וויינגאָרטן! זיי זענען אַנטלאָפן דורכן צווייטן טויער, אָבער פון די דערבייאיקע הויפן האָבן געאיילט מענער און פרויען מיט העק און שטאַנגען צו פאַרטרייבן די אַנפאַלער. די מהומה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין דעם אַנלויף האָט מען געמיינט, אַז אַ ציִנזהאַר אַ רוצח מיט זיינע וועכטער האָבן געטויט דעם גערטנער פאַר זיינע שולדן און אויסגעפלינדערט זיין הויז. פרויען האָבן מיט קלאָגעריי פאַרבראָכן די הענט. קינדער האָבן געוויינט. פון פחד זענען זקנים אַרויפגעקראָכן אויף די דעכער. קנעכט האָבן פאַרהאַקט די טויערן און די אומדערשראָקענע זענען מיט זייערע שטאַנגען און צווייגנמעסערס אַרויס פון די הויפן צו דערשלאָגן די אַנפאַלער.

אָבער דאָס פערד מיט די צוויי רייטער איז געשפרונגען איבער די צאַמען און גראָבנס און אַרויס פון אַלע וויינגערטנער און צוגעקומען צו אַ ברונים, צוגעדעקט מיט אַ שטיין. דער דאָרשט ביי איתמר׳ן האָט געברענט די צונג. דער שווייס איז גערונען פון דער קופּערנער באָרד, אָבער דאָס פערד האָט זיך געטראָגן מיט אימפעט פאָרויס ביז צו די שייערן, וואָס ביים אַריינפאָר צו דותן. משרתים און קנעכט האָבן נאָכגעקוקט די ווילדע רייטער, וואָס האָבן זיך פאַרקערעוועט צום שערהויז און פון דאָרט זענען זיי ווידער אַרויס אין אָפענעם לאַנד, צופוסנס אַ באַרג, וואָס האָט געלויכטן אַקעגן דעם זונאונטערגאַנג, אָבער די שטילע ערד איז נישט געווען פאַר זיי קיין אָרט פון אַנטרינונג, ווייל אַ מחנה באַוואָפנטע רייטער, ווי געפירט פון אַן אומגעזעענער האַנט, איז פּלוצים אַרויסגעוואַקסן אין אַ ראָד אַרום דעם אָפענעם לאַנד און די ערשטע פיילן האָבן שוין געפייפט אין דער לופט. די סכנה איז געווען אַזוי נאָענט, אַז איתמר האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן דעם פחד. דאָס האַרץ איז געוואָרן רואיק און דאָס בלוט אָפגעקילט. אויפן אָרט פון שטורעם איז געקומען מנוחה. דאָס ראָד האָט זיך געשלאָסן ענגער. און אין יענער רגע האָט אַשבעל דערזען אַן עפענונג ווי אַ

טירל אין א שטייג אין א פעלזן־דורכהאַק ביים בארג. ער האָט מיט שטומע צייכנס אָנגעוויזן איתמר'ן דעם וועג צו רעטונג. אָבער דער שלאַכטמאַן איז אראָפּגעשפּרונגען פון פערד און ארויסגעצויגן זיין שווערד און זיך געלאָזט גיין פאָרויס. דער צעטומלטער קנעכט האָט פון שרעק שיער נישט ארויסגעלאָזט א געשריי. איתמר האָט געזאָגט:

— אנטלויף! מיט מיין שווערד וועל איך מיר דורכרוימען א וועג.

— זיי וועלן דיך טויטן, מיין האר!

— איך וועל זיי אָפּשטעלן, ווייל צווישן מיינע קריגער זענען זיי געווען, ביז איך וועל צוקומען צו יהוא'ן.

און ווי אשבעל איז פארשוואונדן אויפן פערד, האָט איתמר דערזען הינטער די רייטער מיט שפּיזן און בויגנס יהוא'ן. ער איז געזעסן אויף זיין פערד און געהאלטן א בייטש אין זיינע הענט. דאָס הארטע פּנים, ווי א דורכגעברענטער דאָרן, האָט געקוקט אויף אים מיט מוראדיקן האס. די אויגן האָבן ווידער גע־פלאַמט ווי ביי א מדבר־פויגל. ער איז געווען אָנגעטאָן אזוי ווי ער, איתמר, אין וואָפנקליידער מיט א פאנצער און א קיווער. ער האָט אויסגעזען העכער און שטאָלצער אונטער דעם אָנגעצונדענעם הימל־געוועלב אין מערב. אויב ער איז געזאלבט ווי א מלך, —האָט איתמר זיך געפרעגט,— פארוואָס באהאלט ער זיך הינטער זיינע וועכטער? אזוי ווי אמאָל זיין שונא, דער עמוני אָסף בן עודה, איז ער אצינד געווען אין זיינע אויגן. א פאנצער קעגן א פאנצער! א שווערד קעגן א שווערד און אין מיטן זייער געפעכט שטייט די מלוכה פון ישראל. דער עמוני איז אוועק אין א פרעמד לאנד, כדי מיט פרעמד חייל צו פארלענדן שומרון, און יהוא וויל פון אינעווייניק פארברענען דאָס הויז פון ישראל. ער איז ארוים פאנגען נפשות און ער וועט מאכן שטארבן די, וואָס דארפן נישט שטארבן און לאָזן לעבן יענע, וואָס דארפן נישט לעבן.

דאָס בלוט האָט ווידער אין אים אויפגעזאָטן. געטריבן פון א מעכטיקן כוח, האָט איתמר געשפּרייזט פאָרויס, שריט נאָך שריט, ווי איינער וואָס גייט צום אָפּענעם מויל פון א לייב. דאָס ראָד איז לויז געוואָרן, און די, וואָס זענען ארוים אין געיעג נאָך אים, האָבן זיך צעשפּרייט אין אלע זייטן, ווארום א לע־בעדיקן האָט יהוא זיי באפוילן אים צו ברענגען. און זיי האָבן געוואָלט אים אריינכאַפּן אין א שטייג. כדי אים צו צעטומלען, האָט איינער פון די רייטער געעפנט זיין שטיינער־בייטל ביי די לענדן, אויפגעהויבן זיין שליידערער און אָנגעצילט א שטיין. אלע רייטער האָבן אים נאָכגעטון און א האָגל שטיינער איז געפאלן פאר איתמר'ס פּיס. ער האָט אָנגעהויבן לויפן און אין געלויף פארלוירן זיין קיווער און זיין לעדערנעם אקסלבאנד. דער פאנצער האָט גע־דריקט און ער האָט איינציקווייז אראָפּגעוואָרפן זיינע וואָפנקליידער ביז צום

ליבגאָרטל, וואָס איז שוין געווען צעלעכערט פון די פאַלנדיקע שטיינער. נאָר די שווערד איז נאָך געווען אין זיין האַנט.

פון דער ווייטנס, אויפן באַרג, איז געשטאַנען אשבעל זיין געטרייער און מיט זיין שווערד געגעבן צייכנס און געוויזן אים דעם וועג צום טאָל. דער געיאָגטער איתמר האָט אים נישט געזען, און דאָס האַרץ ביים קנעכט האָט געוויינט און ער האָט געמורמלט: איתמר מיין האַר, מיין קריגסמאַן, וואָס האָבן זיי געטון צו דיר?

איתמר איז געלאָפן ווייטער. גרויסע טראָפּנס שווייס זענען אַראָפּגערונען איבער די שלייפן. די האַרטע האָר זענען געווען צעפלויגן און א שוים איז געשטאַנען אין די ווינקלען פון מויל. זיין שווערד איז געווען ווי א פלאַם־פייער צווישן אים און זיינע יעגער. פּלוצים איז א פלינקער שפּיז־וואַרפער אַרויסגעשפּרונגען הינטער זיינע אַקסלען און אַרויסגעשטויסן פון איתמר'ס האַנט די שווערד, און ווי ער האָט זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן דאָס וואָפן, האָט א שטיין געטראָפן זיין שטערן און א שנירל בלוט האָט אַראָפּגערונען איבער דער רעכטער באַק. דער גיבור האָט אויפגעהויבן די נאַקעטע אָרעמס צום הימל און א פּאַכע געטון מיט זיי ווי מיט פליגלען, אַזוי ווי א פאַרמשפּטער וואָס איז גרייט אַריינצופּרינגען אין א ליבנגרוב צום לעצטן געפעכט. ער איז געלאָפן ווייטער אָן אָפּשטעל און זיך פאַרקערעוועט רעכטס צו א בינטל ציפּרעסנביימער און לינקס צו די זיילן פון אַן אַלט געביי. אָבער וואוהין ער האָט זיך נאָר א קער געטון, האָבן די שפּיז־וואַרפער געלויערט ווי האַרנשלאַנגען ביי זיינע פיס. ער האָט שווער געאָטעמט. דער ריזיקער גוף איז געווען איינגעבויגן. די ביילן אויף זיינע הענט זענען געווען אָנגעשפּאַנט. אויף די שוימיקע ליפּן האָט נאָך געבלאָזן די גבורה פון א פעכטער, אָבער געווען איז ער פאַרלאָזן און צעטומלט ווי א באָק, וואָס איז דורכגעשטאָכן פון מעסערס. דאָס ראָד אַרום אים איז ווידער געוואָרן ענגער און ענגער. און ווי די יעגער האָבן אים געהאַט אַריינגעטריבן אין קלעם, האָט ער מער נישט געהאַט פאַר די אויגן קיין שפּיזן און שווערדן. ער האָט געוואָלט לויפן פאָרויס, אָבער עס איז נישט געווען קיין דורכגאַנג. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אויסגעשטרעקטע פויסטן, אויף אויסגעבויגענע קניען און איז אַנידערגעפאַלן.

און יהוא, וואָס איז נאָכגעריטן טריט נאָך טריט די יעגער פון איתמר'ן, האָט אויסגעשטרעקט זיין לאַנגע בייטש און מיט איין שמיץ אַרומגעוויקלט ווי א שלאַנג דעם גוף פון דעם געפאַלענעם. איתמר איז געווען געפאַנגען. א געבונדענעם האָבן די קנעכט אים אַרויפגעלייגט אויף א פערד אָן געשפּאַן און אַלע, וואָס האָבן געהאָלפן אים כאַפּן, האָבן באַגלייט דעם געפאַנגענעם ריז צוריק ביז צום טויער פון שטאָט.

ער איז געבראכט געוואָרן אין דותן אין מיטן נאכט, און יהוא׳ס וועכטער האָבן אים אריינגעפירט אין געפענגעניש. דורך דעם האלב־אָפּענעם טויער האָט איתמר געזען ווי די שטאָט באָדט זיך אין ליכט ווי פאַר א פייערטאָג. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די שטערן. דאָס טויער האָט זיך געשלאָסן און ער איז געבליבן אין דער פינצטערניש.

צומאָרגנס איידער די זון איז אויפגעגאנגען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי א געפאנגענער לייב. ער האָט געוואָלט זיך אויסשטרעקן, אָבער זיינע הענט און פיס זענען געווען געבונדן. ער האָט געוואָרפן מוראדיקע בליקן אויף די שטיינערנע ווענט. צום ערשטן מאָל איז די שרעק פאַר דעם סוף פון לעבן גע־ווען אין זיין הארץ.

ט

דאָרט וואו אָדלערס היטן די הייזער פון מלכים, לויערן די וועלף און עס זענען וואַך די פוקסן. די זעלבע נאכט ווען איתמר איז ארייגעפירט געוואָרן אין געפענגעניש פון דותן, האָט דואג, איזבל׳ס קנעכט, אָנגעלאָדן זיין קעמל און איז שטילערהייט ארויסגעריטן פון יזרעאל. אויף דעם וועג קיין שומרון האָט ער זיך געלאָזט. ער האָט אונטערגעהערט אויף יענער זייט וואנט אלץ וואָס איזבל האָט געזאָגט צו איתמר׳ן און נעמה׳ן, און געוואוסט, אז עס איז די צייט צו דינען נייע הערשער, וואָרום אָרעמער פון א געשלאָגענעם קנעכט איז א געפאלענע מלכה. אין מיטן וועג האָט ער פארקערעוועט צו די זייטיקע שטעט, צו טרעפן יהוא׳ס רייטער, וואָס פאנגען אויס אלע געטרייע פון פאלאץ. דואג האָט געוואָלט וואוילגעפעלן אין זייערע אויגן און איז גרייט געווען צו ברענגען נאָך איין פאנג, נעמה׳ן, וואָס די מלכה וועט מער נישט שוינען און דאָס פאָלק קאָן נישט אויסלייזן. אָבער נעמה, וואָס האָט זינט איר ערשטן טאָג אין שומרון נישט געטרויט דעם הינטערליסטיקן דואג, איז אים פארלאָפן דעם וועג. ווי נאָר זי האָט פון איזבל׳ס דינסט געהערט וואָס עס איז געשען אין דותן, איז זי אין א רייטוואָגן אוועק אין דער דערבייאיקער שטאָט חפרים, און דאָרט געגעבטיקט אין א גאסטהויז.

אין פרימאָרגן האָט זי געשמירט איר לייב מיט דופטיקע זאלבן. זי האָט אָנגעטאָן א קעניגלעכן געוואנט און איז ארוסגעגאנגען אין מארק צו די הענדלער פון גרינס, וואָס האָבן ארייגעפירט פולע קוישן אויף אָקסן און מוילאייזלען, און צו זיי געזאָגט:

— דאָס לעבן פון אייער שטארקסטן קריגספירער איתמר בן צוער איז אין געפאר. ער האָט געברענגט פרידן אין לאנד, אז איר זאָלט קאָנען ארויפלייגן ברויט אויף אייערע טישן און אָנפילן וויין אין אייערע קרוגן. איר קאָנט אים היינט ארויסרייסן פון דער האנט פון טויט.

די הענדלער פון גרינס האָבן געמיינט, אז א רייכע פרוי, וואָס איז דול

געוואָרן פון וואוילטאָג, האָט זיך באוויזן אין שטאָט און זיי האָבן פון איר גע־שפּעט. אָבער זי האָט אוועקגערופן עטלעכע פון די יונגע הענדלער הינטער א מויער און פאַר זיי אָפּגעדעקט די שיינקייט פון איר ליב, און אזוי געזאָגט:

— איך בין אנטלאָפן פון דעם העכסטן הויז אין שומרון און געקומען אהער אייך צו וואָרענען, אז דער נייער הויפּטמאן, וואָס איז ארויס טויטן די האַרן פון פּאַלאַץ, וועט מאָרגן שעכטן אויך די פּראָסטע לייט אויף אַלע מערק. קומט ארויס און שטעלט אָפּ די שווערד פון פארלענדונג!

די יונגע הענדלער האָבן געקוקט מיט פארגעניגן אויף אירע שיינע גלי־דער. אזוינס האָט נאָך נישט געטראָפן ביז יענעם טאָג, אז א פרוי אין א רייכן געוואנט זאָל קומען אין מארק און רייצן פּראָסטע לייט מיט איר לוסט. פאַר זיי זענען אירע ליפּן געווען ווי וויין און אירע בריסטן ווי מילגרוימען און פון די דופטן פון אירע אָרעמס זענען זיי פארשיכורט געוואָרן. זיי האָבן געזאָגט איינער צום אנדערן:

— לאָמיר גיין נאָך איר. זי וועט אונדז באַלוינען. איר מויל טאָר נישט ארויסזאָגן דעם באַגער פון איר האַרץ. זי וויל אונדז געבן פארגעניגן צוליב א מאַן, וואָס אים האָט זי ליב. קומט קיין דותן. מיר קאָנען באַפרייען איר גע־ליבטן פון טויט.

און ווי זיי האָבן זיך איינגעזאמלט הינטער איר, זענען אויך נאָכגעקומען די נייגעריקע שפּינער און גארבער. עס זענען אָנגעלאָפן פייגליעגער און הענד־לער פון ציגנהאָר, און זי האָט צו זיי געזאָגט:

— אויך איר קומט מיט מיר אין דותן און באפרייט דעם הויפּטמאן, וואָס איז באַליבט ביים געטלעכן מאן און צוגעלאָזן ביים קעניג. אויב געטויט וועט ער ווערן, וועלן די רויביונגען אראָפּקומען אין מארק און פארברענען אייער פלאַקס און צערייסן אייערע פעלן און אייך וועלן זיי פאר קנעכט פארקויפן.

איר שרעק פאר איתמר׳ס לעבן איז געווען אזוי גרויס, אז אויך פאר זיי האָט זי געוויזן דאָס, וואָס איז פארבאָטן פאר זכרים צו זען אונטער דעם ליכט פון דער זון. ביי די מארק־שטייער האָבן זיך אָנגעצונדן באַהאַלטענע באַגערן. י האָבן זיך נישט געשעמט מיט זייער תאווה און געזאָגט:

— ווי קאָן מען אָפּזאָגן איר פארלאַנג? אירע ליפּן גליען ווי קוילן און אירע שענקלען וויגן זיך ווי סטרונעס פון א ציטערדיקער האַרפע. איר הויט איז איידעלער ווי ביי אונדזערע ווייבער. נאָר משוגעים אנטלויפן פון שיינע לוסטפרויען.

זי איז אריינגעלאָפן אין די טרינקשטיבער און אין גאסטהייזער און גע־שריגן צו די קוכערס, צו די פישערלייט, צו די פליישהענדלער און געסט:

— ווער האָט אריינגעלייגט דאָס פלייש און די פיש אין אייערע טעפּ?

און ווער האָט געגאָסן דאָס אייל אויף אייערע בראָטפאַנען? ער, דער הויפּט־מאַן, וואָס אים גייט מען טויטן פאַר זיין געטריישאפט צו שומרון! שיצט דעם, וואָס האָט אייך אַלע טעג געשיצט! גייט ארויס און שלאָגט זיך פאַר אים, איר, וואָס ביז היינט האָט איר געהאלטן פייער־שטאנגען און קאָכלעפל אַנשטאָט שווערדן אין אייערע הענט!

און באַלד איז געוואָרן א גערודער אין גאַנץ חפרים. אַן אייפערדיקער כהן האָט אויסגערופן אין מיטן מארק, אז א מכשפה איז געקומען פאַרדאַרבן די שטאָט, אָבער זיין קול איז פאַרטויבט געוואָרן פון די געשרייען פון די שמידן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פייערדיקע שטאנגען, פון די וויין־צאַפּערס, וואָס זענען ארויס פון די קעלטערס און אַלע זענען געלאָפן אַנקוקן נעמה'ן. אפילו געאכפּערטע מענער האָבן פאַרלאָזט זייערע הייזער און זענען אוועק אין די טרינקשטיבער, טאָמער וועלן זיי דאָרט טרעפן די רייכע איידעלע פרוי, וואָס רעדט אויסגעלאַסענע רייד.

און ווי די מחנה האָט זיך איינגעזאַמלט הינטער נעמה'ן, די שפּינער און די גאַרבער און די הענדלער פון גרינסן און די קוּבערס און סאַרווערס און אויך געאכפּערטע מענער, האָט זי זיי ארויסגעפירט ביז צו די פייגנבויימער אין עק שטאָט, וואו עס ריזלט א טייכל און עס לויפט דער וועג צו דותן. אָבער פון די גאַסן הינטערן שטאָט־טויער איז פּלוצים אַנגעלאָפן א המון ווייבער. זיי האָבן געהאַט אויף די ליפּן קללות און אין די הענט טעפּ און פייער־שופלעס צו שלאָגן די פרעמדע פאַרפירערין. דאָס גערודער איז געווען אזוי גרויס, אז די וועכטער מיט שפּיזן זענען אראָפּ פון טורעם און צעטריבן דעם המון און דער דערשראָקענער שטאָט־האַר אליין האָט געכאַפּט נעמה'ן איידער זי האָט זיך ארייננגעזעצט אין איר רייטוואָגן. אין האַלבן טאָג איז זי אויך געווען געפאַנגען פון יהוא'ס רייטער.

ו

עס איז געווען א פייערטאָג ווען יהוא האָט צוגעזאָגט די באוואוינער פון דותן ארויסצופירן צום טויט דעם לעצטן הויפטמאַן פון איזבל׳ס הויז. נאָך פארן זונאויפגאנג האָט זיין חייל פארנומען די שטאָט, געפאנגען יהורמ׳ס רייטער און באזעצט דעם טורעם. די שאלונג פון די שופרות האָט ארויסגעטריבן יונג און אלט אויף די גאסן. די בארויבטע פון די צינזהאַרן האָבן פון פרייד געגאָסן טרערן. די געקריוודעטע פון שומרון זענען זיך געפאלן אויף די העלדזער. די, מיט רחמנות אין זייערע הערצער זענען אין יענעם טאָג גרייט געווען צו זען בלוט ביי זייערע אונטערדריקטע, אפילו די, וואָס האָבן געדענקט איתמר׳ס גבורות אין די מלחמות, האָבן געבענטשט דעם נייעם רעגירער יהוא, וואָרום זיי האָבן שוין געוואוסט, אז דער געטלעכער מאן אלישע אליין האָט אים געזאלבט פאר א מלך, ער זאָל פארשניידן דאָס הויז פון אחאָב.

די עלטסטע זענען אויסגעזעצט געוואָרן אין טויער פון שטאָט קעגנאיבער דעם טורעם, צוצוזען ווי עס שטארבט דער ערשטער ווידערשפעניקער אָן דעם נייעם מלך. מער ווי איין טויט האָבן יהוא׳ס געטרייע געוואָלט צוגרייטן פאר איתמר׳ן. איינער האָט געהייסן אים פארהונגערן, א צווייטער האָט באגערט ארומצואוויקלען א גיפטיקע שלאנג אויף זיין לייב, א דריטער האָט פארלאנגט צו פארשטיינען אים אויסערן שטאָט, א פערטער האָט געהאַט א וואונטש מען זאָל דעם פארמשפטן פירן פונעם טויער־ארייַנפאָר ביז צום טורעם און דער שטאָט־האַר אליין זאָל אים נאָכגיין און ברענען מיט אייזנקנויטן די פיאטעס פון זיינע פיס און די גלענקען פון זיינע הענט און די האָר פון זיין באָרד. אָבער יהוא האָט געזאָגט: דער, וואָס האָט געוואָלט מאכן א בונט קעגן מיר, זאָל אומקומען דורך די הענט פון אלע באוואוינער! און ער האָט באפוילן, אז דער געפאנגענער זאָל דורכגיין די שטאָט אָן וועכטער פון געפענגעניש דורכן מארק פון די הערבן, אריבער די גאס פון די גארבער און די גאס פון די טעפער און דורך די טויערן צו די ווייַנקעלטערס, ביז ער וועט צוקומען צום טורעם

און זיך שטעלן פאר די עלטסטע. זיינע הענט זאָלן זיין געבונדן ארום די לענדן אָבער די אויגן זאָלן זיין אָפן, אַז ער זאָל זען די פייניקונגען ביז צו זיין סוף. און זיין סוף האָט געמוזט קומען געשווינד, ווייל יהוא האָט זיך שטארק געאיילט, ווי ער וואָלט דערהערט א רוף פון בלוט, אז אין יזרעאל מוז ער זיין אין האלבן טאָג.

אלע טירן פון די הייזער זענען אויפגעפראלט געוואָרן און קינד און קייט זענען ארויסגעטריבן געוואָרן. דער שטאָט־האר האָט די פרויען געהייסן אָנטאָן די טייערע קליידער פון די פייערטעג. די זקנים האָבן זיך געוואונדערט פארוואָס מען רופט זיי זיך צו פרייען אויפן טויט פון א קריגסמאַן.

עס איז געווען שטיל ווען דאָס טויער פון געפענגעניש האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל איז ארויסגעשטופט געוואָרן א נאקעטער ריז. ער איז ארויסגעקומען געבויגן מיט קייטן אויף די אָרעמס, וואָס זענען געווען צוגעבונדן צו די לענדן. אין זיינע אויגן איז געווען דער פחד פון א ווילדער חיה, וואָס ווערט געטריבן צום שפּאָט פון המון פאַרן טויט.

דאָס ליכט פון הימל האָט אים פארבלענדט און ער איז א רגע געבליבן שטיין פארגליווערט, ווי דער אָטעם וואָלט ביי אים זיך אָפּגעשטעלט. דער גאנצער המון האָט אים דערקענט און די, מיט שנאה אין זייערע הערצער, האָבן געוואָלט דעם קרבן פאר זיך. אָרעמס האָבן זיך אויפגעהויבן, פויסטן האָבן זיך אויסגעשטרעקט און א מוראדיקער געשריי, ווי דונערן וואָלטן זיך געקייקלט, האָט פארהילכט די גאסן. אָבער די וועכטער מיט די שפּיזן האָבן צוריקגעטריבן דעם המון צו די ווענט פון די הייזער און אָפּגעליידיקט דעם לאנגן וועג, וואָס ער וועט דארפן דורכגיין.

פונעם מארק פון די הערבן ביז צו דער גאס פון די גארבער זענען אויסגעשטעלט געוואָרן רייטער. די בייטשן אין זייערע הענט האָבן געדארפט פארהאלטן די באוואוינער אויף זייערע ערטער און טרייבן פאָרויס דעם געפאנגענעם. ווען איתמר איז אָפּגעגאנגען די ערשטע הונדערט טריט, זענען זיינע אקסלען געווען פארבלוטיקט און זיינע אָרעמס צעשניטן פון וואונדן. די יסורים און די חרפה האָבן געזאָלט דויערן דורכן לאנגן וועג און דער טויט האָט אים געזאָלט אויסלייזן ביי די טרעפּ פון טורעם. אָבער יהוא, וואָס האָט זיך געזעצט אין אויבן־אָן ביי די עלטסטע, האָט געוואָלט א גיכן טויט. אויף זיין צייכן האָט בדקר, זיין הויפטמאַן, צוגעשטעלט די שפּיז צו איתמר׳ס הארץ און אן עלטערער קנעכט האָט אָפּגעצויגן זיין בייטש איבער זיין לייב, וואָס איז באלד אויפגעלאָפן ווי א בלוטיקער רייף. דער געפאנגענער האָט געשטעלט אייליקע שפּרייזן. דער המון הינטער די וועכטער האָט ווילד געשריגן. נאָך יעדן שמיץ זענען די געשרייען געוואָרן העכער און די פרייד איבער זיינע וויטאָגן גרע־

סער. בדקר, וואָס איז נאָכגעריטן דעם קנעכט דעם שמייסער, האָט באַפוילן ארויסצולאָזן די פֿאָדערשטע פון המון, און ווייל עס איז זיי פארווערט געוואָרן צו האַלטן שטיינער, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויפן קרבן מיט זייערע פויסטן און נעגל. טייל מענער האָבן אים אונטערגעשטעלט פיס, ער זאָל פאַלן. פרויען האָבן געקראַצט זיינע באַקן. זיינע אויגן זענען געווען אונטערגעשלאָגן. אָבער דער כוח פון צאָרן האָט אים געשטאַרקט, וואָרום ער האָט פּלוצים זיך א קער געטון אהין און אהער און אויס נקמה געוואָלט א כאַפּ געבן א נידערטרעכטיקן יונג און אים צעדריקן מיט זיינע האַנטפלאַכן, אָבער די קייטן האָבן אים גע־צוימט און דער המון האָט מיט שפּאָטישע קולות געלאַכט פון זיין אָנמעכטיקייט.

א גערטנער איז אָנגעלאָפן און מיט א צווייגמעסער צעריסן די הויט אויף זיין נאַקן. פרויען, וואָס האָבן געמיינט, אז זיי קוקן אויף דעם מאַן, וואָס האָט געפירט זייערע מענער און זין צום טויט אין מלחמות, האָבן אריינגעשפּיגן אין זיין פאַרבלוטיקט פּנים. זיינע שפּרייזן זענען געוואָרן איילנדיקער, ווייל די שמיץ זענען אויף אים געפאַלן גיכער און די שאַלנדיקע טרומייטן האָבן אים צעטומלט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס פון די גאַרבער, זענען אים אקעגן געלאָפן קינדער. טייל האָבן אויסגעריסן בינטלעך האָר פון זיין באָרד אינאיי־נעם מיט שטיקער הויט און טייל האָבן מיט אָנגעצונדענע קנויטן געברענט זיינע עלנבויגנס. די פּייניקונגען האָבן נישט אויפגעהערט און די חרפּה איז נישט געמינערט געוואָרן. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך די גאַס פון די טעפּערס און אנטקעגן האָבן זיך ארויסגעוויזן די פאָדערשטע ווענט פון דעם שטאָט־טורעם. די ווענט האָבן אויסגעזען העכער און מוראדיקער, און אויף איין רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז זיי רוקן זיך אויף אים ווי מעכטיקע זיילן, וואָס וועלן באַלד איינפאַלן און אים צעקוועטשן. פון אָפענע פענצטער, פון אויפגעפּראַלטע טירן, פון געלענדערס און דעכער האָבן אַראָפּגעקוקט צאָרנדיקע פּנימער און פון שוימיקע מיילער האָבן זיך געריסן געשרייען פון האַס.

די אונטערגעשלאָגענע אויגן האָבן געקוקט ארויף צו די פענצטער און דע־כער און זיין האַרץ האָט אריינגענומען די שנאה און נקמה און די חרפּה, אָבער דער מוח איז נאָך געווען קלאָר און ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער איז אזוי פיל מאָל פריער דורכגעגאַנגען די גאַסן פון שטעט, אָבער אין יענע טעג האָט ער זיך געטראָגן אויף זיין פערד. דער מלך איז געריטן ביי זיין זייט און די מייר־לער, וואָס גיסן היינט האַס, האָבן געשריגן פון פרייד לכבוד זיין נצחון. די הענט, וואָס זענען היינט אויסגעשטרעקט אים צו טויטן, האָבן דעמאָלט אים געוואָלט ארומאָרעמען. מיט אמאָל איז א נעפּל אויפגעשוואומען פאַר זיינע אויגן און ער האָט געמיינט, אז די הייזער ארום קרישלען זיך. די קניען האָבן זיך געבראָכן און ער איז אראָפּגעזונקען אויף די שטיינער.

א האסטיקער שמיץ האָט אים געשטעלט אויף די פיס. דאָס לייב האָט געציטערט און פון די ריפּן איז געראָנען בלוט. ער האָט נאָך געדאַרפט דורכגיין די טונקעלע טויערן צו די ווינקעלטערס. אָבער צו מאַכן זיין גאַנג שווערער, האָבן די וועכטער אויפגעשטעלט פאַרן טויער א הילצערנע במה מיט צוואַנציק טרעפּ, אזוי ווי פאַר די טרומייטן־בלאָזער. אַרויפצוגיין האָט איתמר געמוזט קלעטערן אויף די טרעפּ און אַראָפּצוקומען אויף דער צווייטער זייט האָט ער געמוזט זיך אַראָפּקייקלען איבער א שאַרפן שפּיציקן שטיין. ער איז צוגעקומען צו דער ערשטער טרעפּ און ווייטער נישט געקאָנט גיין. אויף בדקר'ס וואונק זענען אונטערגעלאָפן צוויי יונגע קנעכט און אָפּגעצויגן אויף אים די בייטשן מיט אזא קראַפט, אז שטראָמען שוויים זענען געראָנען פון זייערע לייבער.

אויף די הענט און פיס האָט איתמר זיך געהויבן העכער און העכער, טרעפּ נאָך טרעפּ און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ במה, האָט ער אָנגעשפּאַרט די צעשונדענע אַקסלען אָן דעם געלענדער און פון דער הויך געקוקט צום טורעם. פּלוצים זענען זיינע אויגן געפאַלן אויף דעם טיש פון די שטאָט־עלטסטע און ער האָט דאָרט דערזען מלכיאל בן רמ'ען. ווי פון א נעפּל האָט זיך אויסגעשיילט די געשטאַלט פון דעם קנעכט־הענדלער. זיין באָרד איז געווען געזאַלבט און ער איז געווען אָנגעטאָן אין א פלאַמיקן, ברייטן מאַנטל. ווער האָט צוריקגעברענגט אין לאַנד דעם, וואָס האָט פון שומרון א מאַרק פון קייטן געמאַכט? ער, וואָס האָט פריער פאַרקויפט דעם קאָפּ פון אַחאָב'ן צו אַרם, שטייט היינט צווישן די רוצחים פון דער מלוכה! ביי מלכיאל'ן איז דאָס ברייטע מויל מיט די שאַרפע ציין געווען אָפן און ער האָט שטייענדיק הינטער די פּלייצעס פון יהוא'ן, דאַכט זיך, געפּליסטערט: גיב דעם דאָזיקן המון וואָס ער וויל. צוליב זיי וועסטו פון היינט־אָן רעגירן!

ביי איתמר'ן זענען אויסגעגאַנגען אַלע כוחות פון ווידערשטאַנד, אָבער דער בליק האָט נאָך געברענט ווי א צאַנקענדיק ליכט און ער האָט דערזען נעמה'ן. אויך זי איז דאָרט געשטאַנען ביים טיש פון די עלטסטע, איינגעהילט אין אירע בלויע געוואַנטן, אזוי ווי זי פלעגט שטיין פאַר דער מלכה איזבל. פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן און זי האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער יהוא'ס וועכטער האָבן זי געצוואונגען צו קוקן אויף דעם געפאַנגענעם, וואָס גייט־אויס אין זיין בלוט. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער אירע געלענקען זענען געווען איינגעקלאַמערט אין די הענט פון אירע היטער. און מיט אַמאָל האָט זי אָנגעשטעלט איר שטאַרן בליק אויף דעם געפּייניקטן איתמר, ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן. א שטילקייט האָט אויסגעהוילט איר האַרץ, יענע שטילקייט וואָס מאַכט פאַרגעסן די וועלט צוליב איין איינציקע דערמאָנונג, צוליב איין אויגנבליק. דער געפּייניקטער מאַן אַנטקעגן האָט פאַרהאַלטן איר

אַטעם. נישט דער שלאַכטמאַן פון ישראל איז געשטאַנען אויף דער במה, נאָר א הויך געוויקס פון צעשונדן פלייש, דאָס לייב צעריסן, די אָרעמס צעבראָכן. זיינע אָנגעשוואָלענע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט ווי ער וואָלט ארויסגעברומט קללות, וואָס קיינער האָט מער נישט געהערט. די פארבלוטיקטע אויגן האָבן געזען דעם אונטערגאנג פון דער וועלט.

ער איז אנידערגעפאַלן און געווען אין די יסורים פון טויט, אָבער נעמה האָט אין יענער רגע אים געזען אין זיין הייזל פון צווייגן און ליים הינטער תירצה, ווען זי איז געקומען אים צוריקרופן אין פּאלאַץ. זי האָט געזען ווי ער וויקלט זי איין אין זיינע אָרעמס און רעדט צו איר ווארעמע רייד פון חרטה און ליבשאפט. איז נישטאָ קיינער אין דער דאָזיקער מוראדיקער שטאָט, וואָס וועט ארויסרייסן פון טויט דעם גיבור פון ישראל? — האָט א געשריי זיך געריסן פון איר האלדז. אָבער זי איז געווען אָנמעכטיק אויפצוהויבן געפאַלענע. זי אליין איז געווען געפאנגען ביי יהוא'ן, א פּאָר שריט פונעם הויז פון טויט.

א קנעכט איז ארויפגעלאָפן אויף דער במה און א שטויס געטון איתמר'ן. ער האָט זיך אראָפּגעקייקלט איבערן שפּיציקן שטיין און איז געבליבן ליגן ביים טזיער און מער זיך נישט גערירט.

פון דעם טורעם קעגנאיבער איז א הויכער מאן אין א רויטן וויקל־מאנטל מיט א פלעכט באָרד צוגעלאָפן און זיך אראָפּגעבויגן איבער דעם קרבן איינצו־האָרכן זיך צי דאָס הארץ אָטעמט נאָך. ער איז געווען אומזיכער און ער האָט דאָס איינגערוימט אין אויער פון יהוא'ן. דער מאן פון נקמה האָט איבערגע־לאָזט די עלטסטע און אליין זיך געשטעלט איבער דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס באזיגט פאר די אויגן פון פאָלק. איין רגע האָט ער אויף אים געקוקט מיט א דערלייכטערטן צאָרן און צוגערופן בדקר'ן זיין עלטסטן. ער איז נישט דער־גאנגען ביז צום טורעם! —האָט יהוא געטראכט — אפילו ביי זיין סוף האָט די ווידערשפעניקייט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים! באלד האָט א רייטער, א בויגנציער, זיך דערנענטערט. נאָך איין פייל האָט געדאַרפט דורכלעכערן דאָס הארץ פון דעם גיבור, וואָס האָט פארפעלט אריבערצוגיין די לעצטע שפּרייזן צו זיין טויט.

די זון איז געווען הויך און איר ליכט האָט אָפּגעגאָסן די שפּיצן פון טור־רעם און די נאקנס פון די הייזער. איתמר'ס לייב איז געלעגן אָפן צום הימל, פריי פאר דעם טומלענדיקן המון, ווען יהוא מיט זיינע רייטער זענען אין גע־אייל אוועק קיין יזרעאל.

יא

דער היילער האָט געלאָזן אויסגעקלאָפּט די ביינער ביי יהורם'ען. ער האָט אָפּגעבונדן דאָס געלע ליינענטוך ארום די ריפּן און מיט א שלויען שמייכל געזאָגט:

— דיינע לענדן זענען ווידער שטארק, מלך פון ישראל, און דאָס לייב איז לויטער. אצינד זעץ זיך אויף דיין פערד און רייט ארויס אין דיין ווייַנגאָרטן.

זיינע רייד זענען געווען א צייכן, אז יהורם איז געזונט. דער היילער האָט איינגעפּאַקט אין א בייטל פון קראָקאָדילן־פעל זיינע זאַלבן, זיינע פלאנצן און שארפע כלים. שטייענדיק ביי דער טיר האָט ער ווידער זיך אומגעקערט.

— רייט ארויס, מלך, — האָט ער געזאָגט, — דער זאַטל און דאָס געשפּאַן וועט שטארקן דיינע ביינער. דו וועסט איינאָטעמען ריינע לופט. דיין גאַסט, דער מלך פון ירושלים, וועט דיך באַגלייטן.

ווי דער היילער איז ארויס, האָט יהורם א געשטארקטער זיך אָנגערופן צו אחזיהו'ן, דעם יונגן מלך פון ירושלים, וואָס איז געזעסן ביי זיין בעט:

— אזוי ווי עס איז דאָס וואָרט פון קהת מיין היילער, קום אחזיהו, מיר וועלן רייטן און אָטעמען ריינע לופט און טרינקען שטארקן וויין.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם גאַסט אחזיהו, דעם זון פון זיין שוועסטער עתליה. און אחזיהו האָט אָנגעהאנגען אויפן מלך זיינע מונטערע אויגן. ווי נאָר ער האָט געהערט פון יהורם'ס לייב־וואונדן, וואָס ער האָט געקראָגן ביי רמה, האָט ער אראָפּגענידערט אים צו זען. אחזיהו איז געווען געוויקסיק און מאָגער און זיין הויט טונקל פון זון און ווינט. דאָס קורצע געקרייזלטע בערדל האָט אים נישט צוגעגעבן עלטער און חשיבות. דער קעניגלעכער מאנטל האָט אים איינגעהילט פונעם האלדז ביז צו די קנעכלעך. ער האָט געהאַט אן איינגעבויגענע נאָז ווי דער שנאָבל פון א פויגל. אין זיינע ברוינע אויגן איז געווען דער גלי פון איינעם, וואָס אכפּערט שטארקערע פון אים. אחזיהו האָט געוואָלט דערמאָנען זיין פעטער, ווי א מלך דאַרף שוינען זיין געזונט אין פרידן און אין

קריג, אָבער יהורם האָט געטראַכט וועגן די פאַרלאָפענע טעג פון אַפּק און ביי רמה.

— מאָרגן וועל איך צוריקקריגן קיין שומרון, —האָט ער געזאָגט.— די אַרמים זענען ווידער אין קיר־דמשק און דאָס אָרט פון שלאַכט איז רואיק. אָבער אויף ווי לאַנג? די שטעט, וואָס חזאל האָט איינגענומען, וועט ער צו־ריקגעבן. אויף די קניען וועט ער פאַר מיר זיך בעטן: נעם צוריק דאָס רויב! ווייסטו פאַרוואָס? איך האָב געהערט, אַז אַ פּלאָג איז געקומען אויף זיין פאָלק ווי נאָר זיין עלטסטער כהן איז געשטאָרבן. דער כהן האָט אָפּגערעדט זיין מלך פון מלחמה און חזאל האָט אים אריינגעוואָרפן אין געפענגעניש. די וועכטער האָבן אים נישט געפּייניקט, אָבער ער איז געשטאָרבן פון הונגער, ווייל אויס פּחד פאַר סם, האָט ער נישט פאַרזוכט קיין עסן, ביז ער איז אויסגעגאַנגען.

יהורם האָט אריינגענומען זיין קאָפּ אין די האַנטפלאַכן. די מלחמות און געפעכטן מיט דעם נביא אלישע, דער הונגער און די מגפות האָבן איינגעשניטן קאַרבן אין זיין פּנים. עס איז נישט געווען קיין פרייד אין זיינע אויגן ווען ער האָט געזאָגט:

— ביזט געקומען אחזיהו, ווי אַ גאַסט צום מלך פון ישראל, און אַנשטאָט מיך צו זען ווי אַ קריגספירער פּאַרוים פאַר דער מחנה, האָסטו מיך געפונען ליגן קראַנק אין מיין שלאָפקאַמער. אָבער אַלע אומגליקן זענען שוין הינטער מיר. ישראל וועט ווידער בליען און רייך ווערן. איך בין נישט געווען קיין אונטערטעניקער זון צו מיין פאָטער, אָבער זע, דער ווידערשפּעניקער זון איז היינט דער געטרייער יורש פון דער מלוכה. אויפן אָרט פון די צעשמעטערטע שטעט וועל איך אויפשטעלן נייע פעסטונגען. איך וועל אינאיינעם מיט דיר בויען שיפן אין עציון־גבר, וואָס מיין פאָטער און דיין פאָטערס פאָטער האָבן פאַרשפּעטיקט צו בויען.

יהורם איז אראָפּ פון געלעגער און גערופן אַ קנעכט, וואָס האָט אויף אים אָנגעטאָן די קליידער און אויסגעקעמט זיין באָרד. בעת דער יונג האָט, ליגנ־דיק אויף די קניען, פאַרבונדן די רימענס פון דעם מלכ׳ס שיך, האָט יהורם געזאָגט:

— אחזיהו, זון פון מיין שוועסטער עתליה, איך בין עלטער פון דיר אין יאָרן און גרעסער אין מאַכט, אָבער מיינע אָרעמס זענען צו־קורץ ארומצונעמען מיין גרויס לאַנד. ווען איך בין אַ קינד געווען, האָט מיין מוטער די מלכה מיר געזאָגט: די וועלט וועט זיין צו־קליין פאַר דער הערשאַפט פון מיין זון דעם מלך! צי ווייסטו אחזיהו, אַז דורך די צוועלף יאָר זינט איך טראָג די קרוין פון ישראל, האָב איך נישט געהאַט קיין איין מאָלצייט לכבוד אַ נצחון? איין אומגליק האָט געיאָגט אַ צווייט אומגליק. ווען אלישע׳ס ליפּן האָבן אויפגעד־

הערט צו פלוכן, איז געקומען א בונט פון די נזירים. ווען זיי זענען צוריקגע־לאָפן אין מדבר, איז געוואָרן א הונגער און נאָכן הונגער מלחמות און מגפות. אָבער אצינד וועט זיין רואיק אין לאנד. איך אליין וועל מאָרגן אין פרידן אריינקומען אין שומרון און קיינער פון פאָלק וועט מיר נישט קאָנען זאָגן: דער זון פון אחאָב איז דאָרשטיק נאָך בלוט.

ביי די ווערטער האָט ביי אחזיהו'ן פאַרקלעמט דאָס האַרץ, וואָרום ער האָט געהערט די געפאַלענע רייד פון דעם הערשער פון ישראל און ער האָט געזאָגט:

— זאָל אזוי נישט רעדן דער מלך פון ישראל, וואָרום דו האָסט אָקאָרשט געהאַט דיין נצחון. דו האָסט אָפּגעהאַקט די שפּיצן פון אָרם'ס שפּיזן און דיינע הויפטליים וועלן אצינד אַרויסשלאָגן די אָנגעשפּאַנטע בויגנס פון זייערע הענט.

יהורם האָט זיך אויסגעשטרעקט, ווי נייע כוחות וואָלטן געראָנען אין זיין בלוט און געשטאַרקט דעם גוף. ער איז אומגעגאַנגען איבער דער שלאָף־קאַמער אהין און אהער, און פּלוצים זיך א קער געטון צו אחזיהו'ן.

— ווייסטו פאַרוואָס די פעלקער פירן מלחמות מיט ישראל און יהודה? —האָט ער געפרעגט,— ווייל זיי האָבן מורא פאַר דעם ליכט פון יהוה דעם לע־בעדיקן גאָט, און זיי שרעקן זיך פאַר די שטרענגע געבאָטן פון ישראלס לערע. פעלקער פון לוסט און גרויזאַמקייט ווילן זיי זיין! דאָס האָב איך געלערנט אין די יאָרן פון אומגליק. אלע טעג האָבן די פאַרכטיקע פון אלישע'ן געשריגן, אז יהוה שיצט ווי א פעלז ביידע פעלקער אונדזערע און איך האָב פון זיין גע־שפּעט. אין די טעג פון הונגער האָב איך ערשט געטראַכט ווי פאַרביטערט האָב איך דאָס לעבן פון מיין לערער יצהר בן רעואל, וואָס ער האָט אריינגע־בראַכט די געזעצן פון רעכט און פאַרכט אין מיין פאָטערס הויז. אין די נעכט פון פּלאָג האָב איך געוויינט מיט חרטה אויף דעם אומרעכט וואָס איך האָב צו אים געטון. אויך ער איז אנטלאָפן צו די נזירים אין מדבר. עס קומט דער טאָג, אחזיהו, ווען אויסקלייבן מוז א מלך צווישן פרידן מיט דעם נביא און קריג מיט דער אייגענער מוטער. פאַר די רעכט פון די געשלאָגענע וועל איך פון היינט אָן שטרייטן מיט דער מוטער־מלכה. א מלך פון פרידן וויל איך זיין. הונגער און מגפות האָבן געמאַכט דאָס לאנד קוויטיק ווי א שטאָל. אָבער עס וועלן מער נישט זיין קיין בעטלער און קיין פאַרקריפּלטע אין מיין לאנד. מיי־נע שופטים וועלן היטן, אז א פולע מאָס זאָל זיין אין דער איפה און א גערעכ־טער משפּט פאַר דער אלמנה. איין מעסטשטאָק, איין וואָגשאָל פאַר דעם ב־ינדן און פאַר דעם זעעוודיקן, פאַר דער יונגפרוי און פאַר דער טראָגעדיקער. מלחמה און הערשאַפט האָבן מיך געמאַכט איינזאַם און עס איז נישטאָ קיין איין מאַן

אין גאנץ ישראל אויסער דיר, אחזיהו, וואָס צו אים האָב איך גערעדט אזעלכע רייד פון טרויער און צאָרן.

יהורם איז אנטשוויגן געוואָרן, און ווי נאָר ער האָט ארויסגעשיקט דעם קנעכט, איז א הויפדינער אריינגעלאָפן א דערשראָקענער און זיך אראָפגעלאָזט צום מלכ׳ס פיס:

— א וואָרט פון דעם טורעם־וועכטער, מיין האר מלך. ער האָט אַקאָרשט געזען ווי א מחנה דערנענטערט זיך צו יזרעאל.

— א מחנה? ! — האָט יהורם אויסגערופן. — נעם א רייטער און שיק זיי אַנטקעגן, צי זיי קומען אין פרידן.

יהוא איז געשטאַנען אין זיין רייטוואָגן ביים אריינפאָר אין שטאָט, ווען דעם מלכ׳ס רייטער איז אים אנטקעגן געקומען. די זון האָט געפלאַמט אין דעם קופער פון זיין ברוסטשילד. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט מיט דעם ליכט פון איינעם וואָס איז געבוירן אומצואוואַרפן די גרונט פעסטן פון דער וועלט. דער שליח האָט זיך דערנענטערט און געזאָגט:

— דאָס וואָרט פון מלך ברענג איך דיר: איז פרידן?

האָט יהוא א דערצאָרנטער א געשריי געטון:

— וואָס קערסטו זיך אָן מיט פרידן? דריי זיך אוים הינטער מיר!

דער רייטער האָט א בליק געטון אויף יהוא׳ס בליצנדיקע אויגן און אָן אונטערטעניקער זיך אויסגעדרייט הינטער זיין מחנה.

דער וועכטער אויפן טורעם האָט אָנגעזאָגט דעם מלך, אז דער שליח איז אָנגעקומען צו דער מחנה, אָבער ער קערט זיך נישט צוריק. האָט יהורם געהייסן ארויסשיקן א צווייטן רייטער, און אויך ער איז אָנגעקומען אהינצו און איבערגעזאָגט די זעלבע רייד: אין פרידן? און יהוא האָט מיט דעם שפּאָט פון א זיגער זיך א קער געטון צו בדקר, זיין עלטסטן, און צו דער מחנה נאָך אים, ווי ער וואָלט געפרעגט: וויפל נאָך געטרייע זענען געבליבן הינטער יהורם׳ען? און אויך דער צווייטער שליח האָט זיך נישט אומגעקערט צו זיין מלך.

יהוא האָט א כאַפּ געטון דאָס געשפּאַן אין זיינע הענט און פארקערעוועט זיין רייטוואָגן צום וועג, וואָס פירט צום שטיק לאנד פון נבות דעם יזרעאלי. ער האָט ווילד געטריבן די פערד און די גרויסע מחנה האָט זיך געיאָגט הינטער אים. יעדע הינדערניש האָט געשטאַרקט זיין צאָרן. איבערן לאנגן וועג האָבן שטעט זיך אונטערגעגעבן. די, וואָס האָבן נאָך אויפגעהויבן זייער וואָפן, זענען פארשניטן געוואָרן און די, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף די קניען, האָבן געטראָגן מתנות. קנעכט האָבן אים הויך געבענטשט און האָרן האָבן געווישט דעם שטויב פאר זיינע פיס. אצינד איז זיין געאייל געוואָרן גרוים. נאָך איין

וואוינאָרט, דאָסווינטערהויז אין יזרעאל האָט געוואַרט אויף דעם באַפרייער.

זיין רייטוואָגן איז געלאָפן איבערן פלאַכלאַנד, באַדעקט מיט געדיכטע פעלדער. הינטער די פעלדער האָבן זיך געצויגן ווייגשטאָקן און ציפּרעסנביי־מער. ביי א וואסער־גראָבן פאר א גרינעם ערד־אויסשיט האָט ער פארהאַלטן די פערד, ווייל ער האָט געזען ווי פון הינטער א וועלדל פון איילבירטן זענען ארויסגעריטן א געזעמל רייטער פון יהורמ׳ס וועכטער. אָבער זייערע פאַנצערס זענען געווען ארויפגעלאָזט און ביי די לענדן האָבן געפעלט די שווערדן. זיי זענען געקומען זיך אונטערגעבן.

ווי די רייטער האָבן זיך דערנעענטערט צו יהוא׳ס מחנה, זענען זייערע בייבער איינגעזונקען, זייערע קניען האָבן געציטערט און אין די הערצער איז געווען אנגסט פארן טויט.

יהוא האָט אָפּגעמאָסטן זייערע נאַקנס און אָרעמס און א געשריי געטון:

— איר זייט ווי שוואכע סריסים פאר מיינע אויגן און איך ווייס נישט פארוואָס די בויגנציער האָבן נישט דורכגעלעכערט מיט פיילן אייערע הערצער, איידער איר האָט גענענט צו מיר.

איין רגע נאָר האָט ער געצעגערט צי ער זאָל זיי לאָזן טויטן, אָדער הייסן זיי נאָכרייטן. דערנאָך האָט ער באַפוילן:

— הינטער מיר!

ווי די מחנה האָט זיך געלאָזט פאָרויס, איז בדקר צוגעריטן צו יהוא׳ן.

— די שטאָט יזרעאל איז ליידיק, — האָט ער געזאָגט, — נישטאָ ווער עס זאָל זיך אונטערגעבן. פון ווינטערפּאַלאַץ אנטלויפן די הויפדינער.

אָבער יהוא האָט געשריגן:

— אזוינס טאָר נישט געשען! די לעצטע באזיגטע זאָלן זיך שטעלן אויף די קניען פאר מיר!

אין דעם ווינטערפּאַלאַץ איז געוואָרן א גרויס גערודער ווען דער טורעם־וועכטער איז ארויפגעלאָפן צום מלך דערציילן, אז אויך דער צווייטער שליח האָט זיך נישט אומגעקערט, און נאָך פון דעם מלכ׳ס רייטער זענען געפאַנגען געוואָרן. אין יהורמ׳ס אויגן איז געווען פחד און דער וועכטער האָט געזאָגט:

— איך האָב דערקענט די מחנה און איך ווייס ווער עס איז זייער פירער. זיין טרייבן איז אזוי ווי דאָס טרייבן פון יהוא, דעם זון פון נמשי, וואָרום ער יאָגט זיין רייטוואָגן משוגענערהייט.

האָט יהורם א קוק געטון אויף דעם דערשראָקענעם אחזיהו, זיין גאַסט, און געהייסן רופן די שטאַל־יונגען.

— שפּאַנט־איין! — האָט ער באַפוילן, — צוויי רייטוועגענער, איינעם פאר מיר און איינעם פאר דעם מלך פון יהודה!

און ווי ביידע מלכים האָבן זיך אריינגעזעצט, איטלעכער אין זיין רייט־וואָגן, זענען זיי ארויסגעפאָרן אנטקעגן יהוא׳ן און זיי האָבן אים געטראָפן אויף דעם שטיק לאַנד פון נבות דעם יזרעאלי.

דערזעענדיק זיין באוואָפנטע מחנה, איז אן אנגסט באפאלן דעם מלך. די זון איז געווען הויך אין הימל און אָנגעצונדן די שפּיצן פון די שפּיזן. ער האָט א קוק געטון אויף יהוא׳ס פלאַמענדיקן קיווער מיט שרעק, ווי א שטראַלנדיקע קרוין וואָלט געזעסן אויף זיין קאָפּ. זיין האַרץ איז איינגעזונקען און דאָס בלוט איז געוואָרן קיל. אָבער די צונג האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט גע־פרעגט:

— אין פרידן, יהוא?

האָט יהוא זיך ארויסגעהויבן אויף זיין רייטוואָגן און איז אויסגעוואַקסן פאַר יהורמ׳ען הויך און געאַכפּערט ווי א שופט אין טויער. און ער האָט אָפּ־געמאָסטן דעם מלך, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים א פארמשפּטער. זיין דאָרן־פּנים האָט געגליט און די ווייסע ציין האָבן ברייט צעשיידט די ליפּן. דער שפּאָט און דער האַס און די נקמה פון א דערצאָרנטן המון איז געווען אין זיין בליק. ער האָט אויסגערופן:

— וואָס פאַרא פרידן צו דעם זון פון איזבל? וואָס פאַרא פרידן צו די זנותן פון דיין מוטער און אירע פיל כישופים?

און יהורם האָט אין יענער רגע דערזען זיין אונטערגאַנג, און ער האָט אריינגעכאַפּט דאָס געשפּאַן פון רייטוואָגן און איז אנטלאָפן. און ווי די פערד זענען אָפּגעלאָפן א שטיק וועג, האָט ער אומגעקערט זיין קאָפּ צום מלך פון יהודה און א געשריי געטון:

— באַטרוג, אחזיהו!

אָבער יהוא אליין האָט אָנגעצויגן מיט זיין האַנט דעם בויגן און האָט גע־טראָפן יהורמ׳ען צווישן זיינע אָרעמס, און די פייל איז אים ארויסגעגאַנגען דורכן האַרצן און ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין זיין רייטוואָגן און איז גע־שטאָרבן.

און ווי אחזיהו דער מלך פון יהודה האָט דאָס דערזען, איז ער אנטלאָפן דורך דעם גאָרטנהויז, אָבער יהוא האָט אים נאָכגעיאָגט און געשריגן צו זיינע רייטער:

— שלאָגט אים אויך אויפן רייטוואָגן!

און זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט און אים געשלאָגן ביי דעם ארויפגאַנג פון גור וואָס נעבן יבלעם. און פון אחזיהו׳ס לייב־וואונדן האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט, אָבער ער מיט זיינע וועכטער זענען אנטלאָפן קיין מגידו און ער איז דאָרט געשטאָרבן.

און יהוא האָט זיך געשטעלט ביים רייטוואָגן פון דעם טויטן יהורם. ער האָט צוגערופן בדקר זיין עלטסטן און געזאָגט:

— נעם, וואַרף אים אוועק אין דעם שטיק פעלד פון נבות דעם יזרעאלי! געדענקסטו ווי איך און דו זענען מיר געריטן באַנאַנד הינטער זיין פאָטער אַחאָב, און גאָט האָט דעמאָלט דורך אליהו׳ן אויפגעהויבן אויף אים די נבואה: איך האָב נעכטן געזען דאָס בלוט פון נבות׳ן און דאָס בלוט פון זיינע קינדער, און איך וועל אים אָפּצאָלן אין דעם דאָזיקן שטיק לאַנד! געזאָגט האָט דאָס יהוה, דער גאָט פון ישראל. דעריבער נעם אַצינד, וואַרף אים אוועק אין דעם שטיק לאַנד, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט!

יב

ווי איזבל האָט געהערט אז יהורם איז טויט, האָט זי אים באוויינט פאַר די הויפדינער און דערנאָך האָט זי זיך געהייסן ברענגען די קעניגלעכע קליידער און געשוואוירן זיך צו זעצן ביים פענצטער פון דער אויבערקאמער און נישט אָפּטרעטן פון דאָרט ביז דער מערדער פון איר זון וועט נישט אריינקומען אין גאָרטן. דער דריטער קרוינטרעגער אין אַחאָב׳ס הויז איז היינט געשטאָרבן,— האָט זי געזאָגט צו די לעצטע קנעכט. דריי רעגירער פון ישראל זענען אומגעקומען פון א העכערן בייזן שופט, אָבער זיי זענען אלע געשטאָרבן ווי מלכים!

א דינסט האָט אָנגעצונדן די דרייפוסן מיט דופטיקע געווירצן אין די פיר ווינקלען פון דער קאמער. זי האָט אראָפּגעלאָזט די פאָרהאנגען פון בלויען וואָל און פונאנדערגעשפרייט די זילבערנע נעצן פון פלעכטארבעט, אז די טרויעריקע מלכה זאָל נישט ארויסקוקן צום ליכט פון טאָג. אָבער איזבל האָט מיט כעס פונאנדערגעוויקלט די פאָרהאנגען און פארלאָשן די דרייפוסן. אירע טרערן זענען געווען אויסגעטריקנט. די גרעסטע ליבשאפט און רחמנות פון דער באדינערין האָט נישט געקאָנט שטילן איר בלוט. נישט אין איר שמאָך וועט דער רוצח יהוא זי היינט זען. אלע געטער זענען געוואָרן טויב און דאָס לעצטע וואָרט פון געבעט איז אראָפּ פון אירע ליפּן. איזבל! איזבל! אין דער רגע ווי יהוא׳ס רייטוואָגן דערנענטערט זיך צו דיין טיר, האָבן אלע כוחות פון ווידערשטאנד אין דיר אויפגעוואכט און פארטריבן דעם פחד פאַר אונטערגאנג.

די דינסט האָט פארשטאנען אירע שטומע צייכנס און אריינגעטראָגן רויטע און גרינע אונטערקליידער, אויסגעהאָפטן פון פויגל־פעדערן און אן אויבערגעוואנט פון וויין־קאָליר און א פורפור־מאנטל מיט א גאָלדענעם אקסלבאנד. זי האָט אויך געברענגט א גארטל מיט זילבערנע שופן, אָבער די מלכה האָט דאָס אלץ אָפּגעשטויסן און צוגענומען נאָר דאָס אויבערקלייד און דעם מאנטל. אן אָנגעטאָענע האָט זי זיך געשטעלט אין געאייל פאַר דעם קופּערנעם שפּיגל.

זי האָט אַליין אַרויפגעטון אויף אירע באַקן ווערמיליאָן און אויף אירע אויגן־לעדלעך האָט זי אָנגעשמירט גרינע פעטס פון פלאַנצן. זי האָט אַרויפגעשאָטן ווירצשטויב אויף אירע האָר און איינגעריבן די נעגל פון די הענט מיט זילבער־נע קערנער. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט אין אָנלענשטול ביים פענצטער. אַיס נקמה צו איר פאַראומגליקער האָט זי געוואָלט זיך פאָרשטעלן פאַר אַ לוסטפרוי, אָבער דער טרויער פון דער וועלט איז אויף איר געווען.

זי האָט געקוקט אויף די טרעפ צווישן די פאָדערשטע צוויי זיילן און אַ לייכטע שרעק האָט אַ פלאַטער געטון איבער איר ווי אַ ווייטע אנונג וואָלט אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז די טרעפ, וואָס פירט פון איין וועלט צו אַן אַנדערער. צו האַלטן וואַך דעם באַגער נאָך נקמה האָט זי ווידער געוואָלט טראַכטן פון איר פאַר־לענדטן זון. יהורם איר ליבלינג! יהורם איר שטאָלץ! אומדערשראָקן איז ער תמיד געווען אין סכנה. ער האָט איבערגעלעבט מלחמות, בייגעקומען מגפות און געשטרייט מיט דעם הייליקן מאַן. איר הארץ איז געווען געטרייסט ביי דער מחשבה, אַז איר יונגער קרוינטרעגער, וואָס האָט נישט געוואוסט פון נצחונות און פון פייערטעג, האָט נישט פאַרשעמט די גבורה פון זיין פאָטערס הויז און ער איז געווען שטאַרק אין דער רגע פון אונטערגאַנג.

די זון האָט אַריינגעפליצט אירע ברענענדיקע שטראַלן דורכן פענצטער, אָבער אירע אויגן האָבן געוואַנדערט אין די קילע ווינקלען. זי האָט געקוקט צו די זיבן זיילן הינטער דעם באַדעקנס ביים אַריינגאַנג. קיינער אויסער די וועכטער איז דאָרט נישט געווען. אַלע טעג זענען דאָ אַרומגעגאַנגען ריכטער און כהנים. די ראַטגעבער פון אַ סך שטעט האָבן דאָ אָפּגעטרעטן. דאָס גע־רודער פון שומרון האָט געווימלט צווישן די ווענט. וואו זענען די לעצטע געטרייע אין דעם דאָזיקן איינזאַמען טאָג? די, וואָס יהוא האָט געפאַנגען, זענען פאַרמשפּט; אָבער די, וואָס זענען אַליין אַנטלאָפן? דואג! וואו איז דער, וואָס האָט געשוואוירן צו ליגן ביי אירע פיס ביז זיין לעצטן אָטעם?

אַ גאַנץ לעבן איז זי גרייט געווען צו פאַרשעמען די אָרעמע פאַר זייער נויט און די רייכע באַרימער פאַר זייער וואוילשטאַנד און די פאַרדאָרבענע פאַר זייערע לוסטן און די ריכטער פאַר זייער בלינדקייט צו אונטערשיידן צווישן וואָר און באַטרוג. אָבער פאַרוואָס האָט זי פאַרגעסן צו האַלטן גרייט אַ שטראָף פאַר דעם נידעריקסטן צווישן די באַטריגער?

אין איר פיין פון איינזאַמקייט האָט פּלוצים אויפגעשריגן דער נאָמען פון עתליה'ן. איז זי אויך היינט פאַראומגליקט געוואָרן? די וועכטער האָבן דער־ציילט ווי די רויביונגען האָבן דעם מלך פון יהודה נאָכגעיאָגט ביים אַרויפגאַנג צו גור און אים געשלאָגן מיט לייב־וואונדן. לעבט ער?

די זון האָט העכער געבלענדט און פאַרגאָסן מיט ליכט די קאַמער, אָבער

פאר אירע אויגן האָט פּלוצים א טונקעלער וואָלקן זיך אראָפּגעלאָזט. פארבאָר־גענע כוחות האָבן אויפגעוואכט. דער כוח פון נקמה און דער כוח פון גרימ־צאָרן און דער כוח פון האס האָבן ארויסגעשריגן פון איר בלוט, ווען זי האָט מיט אמאָל דערהערט דעם ווייטן רעש פון דער אַנלויפנדיקער מחנה. הינטער די מויערן איז דאָס גערודער געוואָרן גרעסער. די רייטער האָבן זיך דערנענ־טערט צום טויער. די צעטומלטע איזבל האָט איין בליק געטון הינטער זיך און זיך געשטאַרקט. זי איז מער נישט געווען אליין. א הייפל הויפדינער מיט שפּיזן האָבן זיך געשטעלט ביי איר צוקאָפּנס.

די דינסט האָט זיך באוויזן און געוואָלט צו איר רעדן ווערטער פון טרייסט, אָבער זי האָט איר באפוילן צו שווייגן. נישט קיין מלכה איז געזעסן נאָר אן אלטע אָנמעכטיקע פרוי, פארטריבן פון גאָט, פארלאָזן פון פאָלק. זי האָט גע־הערט אלץ נענטער דעם רעש פון רעדער און לויפנדיקע פערד, און דאָס האַרץ האָט אויפגעשטורעמט. פון פּיין איז ארויס ווידערשטאַנד; פון פארשעמונג זענען אויפגעגאַנגען כוחות. אירע ליפּן זענען געווען שטום, איר לייב ווי אין א שטייג, אָבער זי האָט אומדערשראָקן געקוקט אנטקעגן אירע פיינט מיט דעם שטאָלץ פון אן אומבאזיגטער הערשערין.

אין יענער רגע האָט זי געהאַט נאָך איין באַגער: די כוחות פון מאכט זאָלן זיך אומקערן צו איר אויף איין־איינציקן אויגנבליק און זי זאָל ארויסגעבן א משפט אויף דעם רוצח, וואָס האָט פארשניטן איר יינגסטן זון אזוי ווי מען שניידט אָפּ דעם לעצטן צווייג. די שטים פון גרוזאמער נקמה האָט איר אצינד באפוילן: איזבל! איזבל! יהוא האָט נאָך זיין שטראָף נישט געקראָגן. פון דעם דאָזיקן הויז קאָנסטו אים פארשיקן אין דעם ווייטן, ליידיקן לאַנד, וואו ער וועט אויסגיין פון ברענענדיקן דאָרשט. ער וועט דאָרט רעדן צו דעם פייערדיקן ווינט אין מדבר און שיקן זיינע קללות צו די ראָבן און צו די שלאַנגען און צו די שאַקאַלן. דאָס וויסטע לאַנד איז אומענדלעך, אָבער דיינע וועכטער וועלן אָפּצוימען א שטרעקע פאר זיין וואוינאָרט, און אויב אנטרינען וועט ער וועלן, זאָלן זייערע שפּיזן אים טויטן.

און ווי זי האָט נאָך געטראַכט פון דער גרוזאמער נקמה, איז יהוא מיט זיינע רייטער צוגעריטן הינטער איר פענצטער. א גרויסע מחנה אין וואָפּנ־קליידער האָט זיך געצויגן נאָך אים. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין דעם קופּער פון זיין קיווער און פאַנצער. אויף זיין פערד איז ער געזעסן, שטאָלץ ווי א גע־זאַלבטער, מעכטיק ווי א הערשער. איזבל האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. פון אירע אויגן האָט ארויסגעקוקט א מאכטהאָבערין, וואָס איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן, אָבער זי האָט אצינד ווידער אויפגעוואַכט. איר מוח האָט

געטראכט מחשבות. אין אירע אָדערן האָט געבריט בלוט. זי האָט מיט שפּאָט געפרעגט:

— וואָס מאכט זמרי, דער מערדער פון זיין האַר?

האָט יהוא א דערצאָרנטער אויפגעהויבן זיין פּנים צום פענצטער און גע־פרעגט:

— ווער איז אין דעם דאָזיקן הויז מיט מיר, ווער?

האָבן די הויפדינער, וואָס זענען געשטאנען ביי איזבל׳ס צוקאָפּנס, ארויס־געקוקט צו אים אונטערטעניקע. און יהוא האָט צו זיי א געשריי געטון:

— שליידערט זי אראָפּ!

און זיי האָבן איזבל׳ן אראָפּגעשליידערט און זי איז געפאלן טויט צו דער ערד, און פון איר בלוט האָט ארויפגעשפריצט אויף דער וואנט און אויף די פערד. און דער המון האָט זי צעטרעטן.

און ווי יהוא איז ארייננגעגאנגען אין הויז, האָבן די הויפדינער פאר אים זיך געבוקט און ער האָט געהייסן גרייטן א טיש מיט שפּייזן און וויין. מיט די צוואַנציג פון איזבל׳ס פערד האָט ער זיי באפוילן אָנצוצינדן א פייער אין גאָרטן און אָפּגעבראָטן א ווידער. דער המון איז אים נאָכגעגאנגען אין ווינטערפּאלאַץ. די, וואָס זענען פריער נאָך נישט געווען אין הויז פון מלכים, האָבן מיט כעס געבראָכן די טירן פון ציפּרעסנהאָלץ און די ביישטידלעך פון איילבוימהאָלץ און זיי האָבן געריסן די כרובים־באַפּוצונגען און די קופּערנע קרוינען אויף די זיילן. אָבער יהוא האָט זיי אָפּגעשטעלט, ווייל די נקמה צו איזבל׳ן, וואָס איז געווען העכער פון אלע שטראָפן איז געטון געוואָרן אזוי ווי גאָט האָט באפוילן זיין קנעכט אליהו דעם תשבי: אין דעם שטיק לאנד פון יזרעאל וועלן די הינט עסן דאָס פלייש פון איזבל׳ן און איר טויטער לייב וועט דאָרט ליגן אזוי ווי מיסט אויפן פרייען פעלד, אז מען וועט נישט קאָנען זאָגן: דאָס איז איזבל.

און ווי זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און געגעסן און געטרונקען, האָט יהוא צו זיינע געטרייע גערעדט:

— געבליבן איז נאָך דאָס הויז אין שומרון מיט זייערע האַרן. באלד וועלן מיר ארויפגיין אין דער דאָזיקער פעסטונגשטאָט. איך אליין וועל אויסרייניקן דאָס וואוינאָרט פון זינד. איך וועל צאָלן די צינזהאַרן פון דעם מלכ׳ס אוצר, אז זיי זאָלן מער נישט רייך און פעט ווערן פון דעם רויב ביים פאָלק. איך וועל אליין רייטן פון שטאָט צו שטאָט, פון איין לאנדשטיק צום אנדערן. צו די אָפּגעצאַרטע און באַזלטע וועל איך ברענגען מתנות פון די פולע שייערן. פון דער ווייטנס האָב איך געהערט דאָס געשריי פון די פארשטויסענע, דעריבער וועל איך אויפשטעלן פאר זיי נייע גערעכטהייזער און ארייננזעצן אין זיי ערלעכע שופטים. איילט זיך! א מלוכה וואַרט אויף מיר!

די קעניגין איזבל

יהוא איז אנטשוויגן געוואָרן. פלוצים האָט ער זיך א הייב געטון פון זיין זיצאָרט און צוגערופן בדקר, דעם עלטסטן מיט זיינע קנעכט, און צו זיי געזאָגט:

— באשטאָט, איך בעט אייך, די דאָזיקע פארשאָלטענע איזבל! און באַגראָבט זי, וואָרום א מלכ׳ס טאָכטער איז זי!

זענען די קנעכט ארויסגעגאנגען זי באגראָבן, אָבער זיי האָבן מער פון איר נישט געפונען ווי בלויז דעם שארבן און די פיס און די האנטפלאכן. און זיי האָבן נישט געוואוסט, אז אויפן שטיק פעלד פון יזרעאל איז געלעגן דער דאָזיקער איבערבלייב פון איזבל׳ן, וואָרום א גנאָד האָט יהוה, דער גאָט פון ישראל געטון צו דער זינדיקער מלכה דערפאר, ווייל מיט די אויגן פון איר קאָפ האָט זי באקלאָגט די מתים, וואָס מען האָט פארבייגעטראָגן אין אירע גאסן און מיט די האנטפלאכן האָט זי געפאטשט און מיט די פיס האָט זי געטאנצט ביי איטלעכער שמחה, ווען נאָר דאָס פאָלק איז פארבייגעגאנגען דאָס העכסטע הויז אין שומרון.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
S. ISBAN
N. York
1 9 6 0

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina (C)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 12 DE ABRIL DE 1960
EN LOS TALL. GRAF. "CULTURA" SARMIENTO 2157 BUENOS AIRES

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:
Editorial "IDBUJ"
BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87-9566 — BUENOS AIRES

SAMUEL IZBAN

LA REINA ISABEL

(DI KENIGN IZEBEL)

IIº Tomo

★

Editorial "IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1959